STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05262

DOS 93-TE YOHR

Victor Hugo

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויקטאָר הוגאָ

דאס 93-טע יאהר

יודיש: ד. א.

ערשטעס בוך.

35

פארלאג
יידיש
ווארשע

דאס דריי און ניינציגסטע יאהר

ראמאן פון וויקטאָר הוגא.

אויפ'ן ים.

ערשטעס בוך.

דער וואלד סאָדרע.

אין די לעצטע טעג פון מאי 1793 האט איינער פון די פאריזער באטאליאָנען, וואס זיינען געשיקט געוואָרען אין ברעטאן, אונטער סאנטער'ס[1] אנפיהרונג, נאכגעשפירט דעם שונא אינ'ם שרעקליכען וואלד סאָדרע פון אסטילע. עס זיינען געוועזען מעהר נישט ווי דריי הונדערט מענשען, ווייל דער באטאליאָן איז שוין פריהער פערניכטעט געוואָרען אינ'ם שווערען ביטערען קריג. דאס איז געוועזען אין יענער צייט, ווען נאך די שלאכטען אין ארגאָן, זשעמאפ און וואלמי[2] זיינען פון ערשטען פאריזער באטאליאָן, וואס האט געצעהלט זעקס הונדערט פרייוויליגע, געבליבען קוים זיבען און צוואנציג מענשען, פון צווייטען — דריי און דרייסיג און פון דריטען — זיבען און פופציג. עס איז געוועזען א צייט פון העראָאישע קאמפען.

די באטאליאָנען, וואס זיינען געשיקט געוואָרען פון פאריז אין וואנדעע, האבען געצעהלט ניין הונדערט צוועלף מענשען. יעדער באטאליאָן האט געהאט דריי הארמאטען. מען האט זיי זעהר שנעל מאָביליזירט. דעם 27. אפריל האט די סעקציע פונ'ם „גוטען ראט"[3] פארגעשלאגען ארויסצושיקען קיין וואנדעע בא-

1) סאנטער — א פאריזער ברויער, בשעת'ן קאנווענט — א גענעראל פון דער נאציאָנאלער פאריזער גוואַרדיע.

2) וואלמי — א אָרט, וואס איז בערוהמט געוואָרען דורך נצחונות פון איבער די עסטרייכער און פרייסען אינ'ם יאהר 1792.

3) „גוטער ראט"—אין יאהר 1790 איז פאריז פאנאנדערגעטיילט געוואָרען אין 48 סעקציעס אין טעריטאָריאלער און אדמיניסטראטיווער הינזיכט. די סעקציעס האבען א וויכטיגען ראָל אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. יעדער האט געהאט איהר באזונדערען נאמען, צ"ב. סעקציע פון פריינד, פאטערלאנד, רויטער היטעל, ברוטוס, גוטער ראט א. א. וו.

סאַליאָנען פֿון פּריזשילינע. דעם ראַפּאָרט וועגן דעם האָט צוגעשטעלט דער מיט־גליד פֿון דער קאָמונע (געמיינדע) לעבן. דעם 1. מײַ האָט באַגיטער שוין גע־האָט צוגעגרייט צום אָבשיקן צוועלף טויזנט סאָלדאַטן, הייסט פֿעלדזאַר־מאַטען אין איין באַטאַליאָן קאָמאַנדירען. די באַטאַליאָנען, וואָס זענען אַזוי שנעל מאָבילעזירט געוואָרען, זענען דאָך אַזוי גוט אָרגאַניזירט געווען, אַז זיי האָבן אַפֿילו אין איינער צײַט געקאָנט דינען אַלס אַ מוסטער.

דעם 28. אַפּריל האָט די פּאַריזער קאָמונע געגעבן סאָלדאַטן פּריזשילינע אַזאַ לאָזונג: קיין גנאָה, קיין שום מחילה. און צום סוף פֿון חודש מײַ איז שוין פֿון די צוועלף טויזנט מענטשן — אַכט טויזנט געוואָרען דער־הרגעט.

אַרײַנקומענדיג אין וואַלד סאַרדע, האָט דער באַטאַליאָן אָנגענומען אַלע פּאָ־זיציעס מיטלען. לאַנגזאַם, אָהן אַ יעדן, האָט מען זיך געריקט פֿאָרויס, יעדער זיך אײַנגעקוקט, פֿון רעכטס, פֿון לינקס, פֿאַר זיך און הינטער זיך. קלייבער האָט שוין אַמאָל געזאָגט: אַ סאָלדאַט האָט נאַטוראַל אין די פֿליגעלס. אַ לאַנגע צײַט האָט מען אַזוי אָבגעמאַרשירט.

די שפּעטע עס איז, אָבער וועלכע צײַט פֿון טאָג עס קאָן זײַן — דאָס וואָלט זייער שווער געווען צו זאָגן, ווײַל אין דעם מין געדיכטענישן הערשט אַ שטענ־דיגער בין־השמשות, און קיינמאָל דערגרייכט אַהין נישט קיין שײַן.

דער וואַלד סאַרדע האָט שוין געהאַט זײַן טראַגישע פֿאַרגאַנגענהייט. שוין אין נאָוועמבער 1792 האָבן זיך דאָ אָבגעשפּילט די פֿערברעכן פֿון בירגער־קריגע. פֿון דאַמאָלט איז דאָס אויסגעגאַנגען דער גרויסאַמער הינקעדיגער מאָבקעמאָן; די האָר פֿון קאָפּ האָבן זיך קאָפּויר געשטעלט פֿון דער צאָהל מאָרדען, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרען. שווער איז צו געפֿינען נאָך אַזאַ שרעקליכען אָרט.

די סאָלדאַטן זענען פֿאָרזיכטיג אײַנגעדרונגען אין וואַלד. אַלץ אַרום איז געווען באַדעקט מיט בלומען; אַ ציטערדיגע וואַנד פֿון צווײַגן, פֿון וואַנען עס האָט זיך צעשפּרייט אַן אָנגענעהמע בלעטער־פֿרישקייט; די זונען־שטראַהלען האָ־בען דאָרט־דאָרט דורכגעלעכערט די גרינע דונקעלהייט, און אונטן, אויף דער ערד, האָבן די שווערטלילי, דער לאַקענאַרציז און דער פֿריהלינגס־שאַפֿראַן אויסגעשטיקט אַ טיעפֿען געוויקסטעפּיך, וווּ עס האָבן זיך צעוואַקסן פֿאַר־שידענע מינים מאָכען, אַנהויבענדיג פֿון די, וואָס זענען ענליך צו שלענגלעך, ביז די, וואָס זעען אויס ווי די שטערן. די סאָלדאַטן זענען געגאַנגען שטיל, טריט־בײַ־טריט, אַוועקמאַכענדיג פּאַמעליך די שטרויכן. די פֿייגעל האָ־בען געצוויטשערט איבער די באַיאָנעטן.

דער סאַרדעאישער וואַלד האָט געהערט צו יענע געדיכטענישן, וווּ מען האָט אַמאָל, אין די פֿרידליכע צײַטן, געמאַכט וואַכטיגען אויף פֿייגעל. איצט האָט מען דאָרט געמאַכט אויף מענטשן.

דער וואַלד איז געווען געדיכט פאַרוואַקסן מיט בעריאָזעס, פּיקאַן און ריעבינעס; די ערד איז געווען פלאַך; דער מאָך און געדיכטער גראָז האָבן פאַרשלונגען דעם אָפּקלאַנג פון די מענשליכע טריט; קיין שום שטעג איז דאָרט ניט געווען; האָט זיך אַ שטעג וואו באַוויזן, איז ער באַלד פאַרלאָרן געגאַנגען. פּשוטע שישקעס. ווילדער דאָרן, פּאַפּאָראָטניק, בערעלעך־שטרויכן האָבן איבּ-געפלאָכטן אַזעלכע הויכע צוימען, אַז פאַר צען טריט איז אוממעגליך געווען אַ מענשן צו זעהן.

אָפט איז דורך די שטרויכן דורכגעפלויגן אַ ווילדע גאַנז, אַ וואַסער־הון — אַ סימן, אַז ניט ווייט האָבן זיך געפינען בלאָטעס.

מען האָט מאַרשירט פּאָרווייז, אָנגעוויזן אויפן צופאַל, און דער שליעך, טאָמער וועט מען ניט געפינען דאָס, וואָס מען האָט אייגענטליך געזוכט.

צייטענווייז האָט מען געטראָפן סימנים פון אַ פריהעריגען לאַגער, דורכגעברענטע ערטער, צעטראָטן גראָז, שטעקעלעך אין כאָים פון אַ צלם, ביגרי בלוטיגע צווייגען. דאָ האָט מען בסתמא פריהער געקאָכט אַ זופּ, אָבגעזונגען אַ תפילה; דאָרטן האָט מען פאַרבונדן אַ פאַרוואונדעטן; די, וואָס זענען אָבער גראָד דורכגעגאַנגען, זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. וואו זענען זיי איצט? אפשר ווייט פון דאַנען. אפשר? אָדער גאָר נאָהענט באַהאַלטן, מיט'ן ביקס אין האַנד? עס האָט זיך געדוכט, אַז דער וואַלד איז פוסט. דער באַטאַליאָן האָט פאַרלאָרן די פאָרזיכטיגקייט. די איינזאַמקייט האָט פאַרגרעסערט דעם [illegible] דאָס, וואָס מען האָט קיינעם ניט געזעהן, האָט געגעבן נאָך אַ סיבה מורא צו האָבן. מען האָט געהאַט צו טהון מיט אַ וואַלד, און דערצו מיט אַזאַ וואַלד, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטן שם.

עס איז געווען זעהר מעגליך, אַז דער שונא גלויערט ערגעץ וואו פאַרשטעקט.

דרייסיג גרענאַדיערן, אָבגעטיילט אויף אַ היבשן שטח פון די איבריגע און אָנגעפיהרט דורכ'ן סערזשאַנט, זענען אָנגעגאַנגען אַלס פאָרפּאָסטן. די מאַרקעטענדערין [4] פון באַטאַליאָן איז מיט זיי מיטגעגאַנגען. די מאַרקעטענ-דערינס געהען גערן מיט דעם אַוואַנגאַרד. מען איז אפשר אין אַ סכנה, אָבער דערפאַר איז דאָ וואָס צו זעהן. נייגעריגקייט — דאָס איז איינע פון די מינים פרויען־מוט.

פּלוצלונג האָבן די סאָלדאַטן פון דער קליינער אָבטיילונג אויפגעציטערט. פּונקט ווי די יעגער, ווען זיי דערשפּירן, אַז זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף דעם ריכטיגען געלעגער פון דער חיה. מען האָט דערהערט עפּעס ווי אָטעמען אין מיטן וואַלד, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די בלעטער בעוועגן

---

4) מאַרקעטענדערין — אַ פרוי, וואָס פאַרקויפט לעבענס־פּראָדוקטן דער אַרמעע און נעהמט מיט איהר מיט.

זיך. די סאָלדאַטען האָבען זיך געגעבען אַ ציטער.

ווען דער פּאָרפּאָסטען געפינט זיך אויף דער לויער, דאַרפען זיך די אָפּפיצירען ניִשט אַריינמישען; וואָס עס איז דאָ צו טהון, טהוט זיך שוין פון זיך אַליין. אַ מינוט — און דאָס אָרט, וואו מען האָט בעמערקט די בעוועגונג, איז געווען אַרומגערינגעלט. אַ קרייז פון ביקסען האָט איהם אַרומגענומען: פון אַלע זייטען האָט מען זיך געצילט אויף דעם דונקעלען מיטעלפונקט פון וואַלד און די סאָלדאַטען, האַלטענדיג דאָס אויג צוגעשמידעט צום פערדעכטיגען אָרט, האָבען נור געוואַרט אויפ'ן בעפעהל פון סערזשאַנט, אום דאָרט אַריינצושיסען.

דערווייל אָבער האָט די מאַרקעטענדערין זיך ענטשלאָסען אַריינצוקוקען דורך די שטרויכען, און אין דעם מאָמענט, ווען דער סערזשאַנט האָט געוואָלט אויסרופען: פייער! — האָט די פרוי אויסגעשריען: האַלט!

און ווענדענדיג זיך צו די סאָלדאַטען, האָט זי געזאָגט: — שיסט ניִשט, חברים! — און האָט זיך געלאָזט לויפען אין וואַלד אַריין. די סאָלדאַטען זענען איהר נאָכגעגאַנגען.

און ווירקליך, עמיצער איז דאָרט געווען.

אין געדיכטען אָרט פון וואַלד, אויפ'ן ברעג פון איינעם פון די קליינע ליכטיגע ערטער, וואָס ווערען פון די קוילענאויוענס, וועלכע פערברענען די וואָרצלען פון די בוימער, און אַ מין פערטיעפונג פון צווייגען, ענליך צו אַ סוכה, איז געזעסען אויפ'ן מאָך אַ פרוי מיט אַ וויגענדיג קינד ביים ברוסט, וואָס האָט געזויגען, און שויס צוויי בלאָנדע קעפּעלעך פון נאָך צוויי איינגעשלאָפענע קינדער.

אַט דאָס איז אייגענטליך געווען דער בעהאַלטענער פיינד.

— הערט, וואָס טהוט איהר דאָ? — האָט אויסגעשריען די מאַרקעטענדערין.

די פרוי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— זייט איהר משוגע? — האָט די מאַרקעטענדערין צוגעגעבען מיט כעס. — נאָך אַ ביסעל און איהר ליגט דאָ אַ דערשאָסענע.

דערביי האָט זי זיך געווענדעט צו די סאָלדאַטען און אַ זאָג געטהון:

— עס איז אַ פרוי.

— צו אַלדע רוחות! מען זעהט דאָס אָהן אייך, האָט זיך אָבגערופען אַ גרענאַדיער.

— אַ בעלגנות אַ ביסעל, צו קומען אין אַ וואַלד געהרג'עט ווערען, האָט די מאַרקעטענדערין ווידער אָנגעהויבען. — פאַרהאַן דאָך מענשען, וואָס פאַלט זיי איין אַזעלכע נאַרישע המצאות.

די פרוי, ערשטוינט, צוטומעלט און צעמישט האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, ווי דורך אַ בעזען חלום אויף די ביקסען, באַגנעטען און ווילדע צורות.

די צוויי קינדער האבען זיך אויפגעכאפט און זיך צעשריען.

— איך בין הונגעריג — האט דער ערשטער געזאָגט.

— איך האב מורא — האט געזאָגט דער צווייטער.

און דאָס פיצעלע האט זיך ווייטער געזויגען.

נאָר דו איינער האָסט שכל — האט זיך די מאַרקעטענדערין צום קלענסטען געווענדעט.

די מוטער איז געזעסען שטום פאר שרעק.

דער סערזשאַנט האט צו איהר א געשריי געטאָן:

— האָט קיין מורא נישט, מיר זענען דאָס דער באַטאַליאָן פון רויטען היטעל.

די פרוי האט געציטערט פון קאָפּ ביז די פיס. זי האט אָנגעקוקט דעם סערזשאַנט, פון וועמעס שטרענגע געזיכט עס האבען זיך נאָר ארויס־געזעהען די ברעמען, די וואָנצעס און צוויי אויגען, ווי די גליהענדע קויהלען.

— דער באַטאַליאָן פון אַמאָליגען רויטען קרייץ — האט צוגעגעבען די מאַרקעטענדערין.

— ווער ביסטו פרוי? — האט ווייטער געפרעגט דער סערזשאַנט.

די פרוי האט אידם אָנגעקוקט הערשראָקען. זי איז געווען דאַר, יונג, בלאַס און אין שמאַטעס. די קליידער אירע זענען בעשטאַנען פון א גראָבען האַ־מעלע, ווי עס טראָגען די ברעטאַנישע פויערטעס. און אַנשטאַט א קלייד א ליינענטענע קאָלדרע, וועלכע איז געווען צוגעבונדען ביים האַלז מיט א שטריקעל. די ברוסט אירע האט זי געהאַלטען אָנגעדעקט מיט דער גלייכגילטיקייט פון א זי. אירע פיס, אָהן שיך און זאָקען, זענען געווען פערבלוטיגט.

— ס'איז א אָרימע — האט געזאָגט דער סערזשאַנט.

— ווי אזוי הייסט איהר? האט ווייטער אָנגעהויבען די מאַרקעטענדערין מיט איהר זעלנערישע און צוגלייך ווייבלישע שטימע, וואו עס האט זיך געמישט א געוויסע ווייכקייט.

— מישעל פלעשאר — האט די פרוי קוים פערשטענדליך, שטאַמלענדיג, געמורמעלט.

דערווייל האט די מאַרקעטענדערין געצערטעלט מיט איהר גראָבע האַנד דאָס קעפעל פון זויגענדיגען קינד.

— ווי אַלט איז דאָס נפשל? — האט זי א פרעג געטהון.

די מוטער האט גאָר נישט פערשטאַנען.

די מאַרקעטענדערין אָבער איז פון איהר נישט אָבגעטראָטען.

— איך פרעג דאך, ווי אַלט עס איז.

אַ־צעדן מאַנאַטען — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן.

— אַהאַ, עס איז שוין אַלט — האָט געזאָגט די מאַרקעטענדערין — עס דאַרף שוין מעהר נישט וואַרטן. עס איז שוין צייט עס צו צעטיילן, מיר וועלן איהם געבן זופּ צו עסן.

די מוטער האָט זיך אָנגעהויבן צו בערוהיגען. די צוויי קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זענען געווען מעהר נייגעריג, ווי דער־שראָקען און האָבן בעוואונדערט די פעדערן אויף די היטלען פון די סאָלדאַטען.

— אָ, זיי זענען גוט הונגעריג — האָט די מוטער זיך אָנגערופען. און קיין מילך האָב איך שוין אויך נישט.

— מען וועט זיי שוין געבן צו עסן, האָט דער סערזשאַנט איינגעשריען, — און די וועסט אויך בעקומען. דאָס איז אָבער נישט דער עיקר. זאָג אָבערהער, זיי מוחל, וואָס פאַר אַ פּאָליטישע איבערצייגונגען די האָסט.

די פרוי האָט אָנגעקוקט דעם סערזשאַנט און איהם נישט געענטפערט.

— פערשטעהסטו מיין פראַגע?

— מען האָט מיך אַריינגעגעבן — האָט זי געשטאַמעלט — אין אַ קלויסטער נאָך גאָר אַ יונגע. נאָך איך האָב חתונה געהאַט, איך בין נישט געבליבען קיין נאָנע. די שוועסטער האָבן מיך אויסגעלערנט פראַנצויזיש רעדן. מען האָט אונטערגעצונדען דאָס דאָרף. מיר זענען קוים מיט'ן לעבען אַנטלאָפען, איך האָב אפילו קיין צייט נישט געהאַט די שיך אָנצוטאָן.

— איך פרעג דיך אָבער, וואָס פאַר פּאָליטישע איבערצייגונגען דו האָסט?

— איך ווייס נישט וואָס דאָס איז.

— די מעשה איז אָבער, דאָס דאָ איז פאַראַן אַזאַ שפּיאָנקעס — האָט דער סערזשאַנט ווייטער געזאָגט, — זיי דערשיסט מען, יאָ די שפּיאָנקעס. אַלזאָ, רייד, ביסטו אפשר אַ ציגיינערין? וואָס איז, זאָג, דיין פאָטערלאַנד?

זי האָט איהם ווידער אָנגעקוקט און אַ וואָרט נישט פערשטאַנען. דער סער־זשאַנט האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— וואו איז דיין פאָטערלאַנד?

— איך ווייס נישט, האָט זי געענטפערט.

— וואָס, דו ווייסט נישט פון וואָסער לאַנד דו ביסט?

— אָ, מיין לאַנד, נו, אוודאי.

— נו, טאָ וואו איז דיין לאַנד?

— עס איז דער פאָלוואַרק סיסקואַנאַר, אין דער געמיינדע אַזע, האָט זי געענטפערט.

איצט איז שוין דער סערזשאַנט געבליבן פאַרבליפט. אַרנע האָט זיך פאַרקלערט, דערנאָך אָנגעהויבן:

— וואָס זאָגסטו?

— סיסקוואַניאַר.

— דאָס איז דאָך נישט קיין פאַטערלאַנד.

— עס איז מיין היים.

און פאַרקלערנדיק זיך א ביסל, האָט זי צוגעגעבן:

— איך פאַרשטעה, מיין הער, איהר זענט פון פראַנקרייך און איך פון ברעטאָן.

— ניא איז וואָס.

— ס'איז דאָך נישט דאָס זעלבע לאַנד.

— ס'איז דאָך אָבער דאָס זעלבע פאַטערלאַנד! האָט דער סערזשאַנט געשריען.

— איך בין פון סיסקוואַניאַר, — האָט זי זיך איינגעשפּאַרט.

— נו שוין, זאָל זיין סיסקוואַניאַר, האָט דער סערזשאַנט געענטפערט. פון דאָרט, הייסט דאָס, איז דיין משפחה?

— יאָ.

— וואָס איז איהר מדין?

— זי איז שוין אַנגאַנצען אויסגעשטאָרבן, איך האָב מעהר קיינעם נישט.

דער סערזשאַנט, וואָס איז בטבע געווען א רעדער, האָט זי ווייטער אויסגע־פאָרשט.

— מען האָט קרובים, צו אַלע היחות, אָדער מען האָט זיי א מאָל גע־האַט. ווער ביסטו דאָך? רייד!

די פרוי האָט זיך איינגעהאָרכט א צוטומלטע, די ווערטער „אָדער מען האָט זיי געהאַט" זענען מעהר ענליך געווען צו א ברום פון א חיה, ווי צו א מענשליכען לשון.

די מאַרקעטענדערין האָט אַנגעזעהן, אַז מען מוז זיך דאָ אַרײַנמישען.

זי האָט אָנגעהויבן צו צערטלען דאָס קינד און דערביי געגעבן צו פעטשלעך די צווי אַנדערע.

— ווי הייסט די זייגערקע? — האָט זי א פרעג געטאָן — זי איז דאָך אודאי א מיידעל.

— זשאָרזשעט — האָט די מוטער געענטפערט.

— און דער עלטערער? ער איז דאָך שוין א מאַנסבאַרשוין.

— רענע — זשאַן.

— און דער יונגערער, שוין אויך א מאַנסבאַרשוין און נאָך מיט גראַבינקע בעקעלאַך.

— טראַכט — אַלץ — האָט די מוטער געזאָגט.

— זיי זענען וואוילינקע, די קליינע — האָט זיך אָנגערופן די מאַרקעטענטערין. — זיי האָבן שוין אַ פּנים פון מענטשן.

דער סערזשאַנט איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען.

— דער דאָך, פרוי, האָסט אַ הויז?

— איך האָב געהאַט.

— אַ וואָס?

— איז אַוועק.

— פאַרוואָס ביסטו נישט אין דיין הויז?

— ווייל מ'האָט עס פאַרברענט.

— ווער?

— איך ווייס נישט. אַ שלאַכט.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון דאָרט.

— וואוהין געהסטו?

— איך ווייס נישט.

— לאָמיר רעדן צו דער זאַך. ווער ביסטו?

— איך ווייס נישט.

— דו ווייסט נישט, ווער דו ביסט?

— מיר זענען מענטשן, וואָס ווילן זיך ראַטעווען.

— צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי געהערסטו?

— איך ווייס נישט.

— געהערסטו צו די בלויע, אָדער צו די ווייסע? [5] מיט וועמען אייגנטלעך האַלסטו?

— מיט מיינע קינדער.

עס איז געווען אַ מאָמענט פון שווייגן.

— איך האָב גאָר נישט קיין קינדער, — האָט זיך די מאַרקעטענטערין אָנגערופן, איך האָב אויף דעם קיין צייט נישט געהאַט.

— אָבער דיינע עלטערן! — האָט דער סערזשאַנט אויסגעפּיי אָנגעדריבן. — אַלזאָ, פרוי, זאָג אונז עפּעס וועגן דיינע טאַטע־מאַמע. איך, למשל, הייס תאַדי. איך בין סערזשאַנט, פון דער שוועדיש־מיליטער, מיינע עלטערן האָבן אויך דאָרט געוואוינט, איך קען פון זיי תמיד דערציילן, דערציילן אונז זיך עפּעס וועגן דיינע. ווער, למשל, זענען זיי געווען.

5) אין יענער צייט האָבן זיך די רעפּובליקאַנער אָנגערופן בלויע, און די ראָיאַליסטן (מאָנאַרכיסטן) — ווייסע.

— זיי זענען געווען פלעשאַרים, און ווייסן נישט.

— אַוודאי, פלעשאַר איז פלעשאַר, פונקט ווי ראָדי איז ראָדי. דערצייל מיר מען דאָך אויך אַ בערוף האָבן. וואָס פאַר אַ בערוף, למשל, האָבן דיינע עלטערן? וואָס איז געווען זייער מלאכה? וואָס איז זייער טרון? וואָס האָבן זיי דאָרט געפלעשאַרט דיינע פלעשאַרען?

— זיי זענען געווען ערד-אַרבייטער. מיין פאָטער איז געווען אַ קראַנקע מענש און האָט נישט געקאָנט אַרבייטן, ווייל דער פּריץ, זיין פּריץ, דאָס הייסט, אונזער פּריץ האָט אים געהייסן שלאָגן מיט שטעקענס, דאָס איז נאָך געווען אַ פיינקייט פון זיין זייט, ווייל מיין פאָטער האָט געגאַנבעט אַ קראָליק, און דערפאַר האָט מען אים פאַרמשפּט צום טויט, נאָר דער פּריץ האָט אים באַגנעדיגט און געזאָגט: גיט אים נאָר הונדערט שטעקענס, און מיין פאָטער איז געבליבן אַ קאַליקע

— נו ווייטער?

— מיין זיידע איז געווען אַ הוגענאָט, דער גלח האָט אים נעהייסען שיקען אויף קאַטאָרגע, איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד.—

— און ווייטער?

— דער פאָטער פון מיין מאַן האָט זיך פאַרנומען מיט שמוגלען זאַלץ און דער קעניג האָט אים געהייסן אויפהענגען.

— און וואָס טוט דיין מאַן?

— די טעג האָט ער זיך נאָך געשלאָגן.

— פאַר וועמען?

— פאַרן קעניג.

— און ווייטער?

— פאַרשטעהט זיך פאַרן פּריץ.

— נו, און ווייטער?

— פאַרשטעהט זיך פאַרן גלח.

— אַ רוח אין זיין ט... ט... ט... אַיין! — האָט אויסגעשריגן אַ ניי-גיריער.

די מויד איז פאַרציטערט געוואָרן פאַר שרעק.

— ווי איהר זעהט, מיין פרוי, זענען מיר פאַריזער, — האָט ליבלינג בעמערקט די מאַרקעטענדערין.

די מויד האָט פאַרבראָכן די הענט און אויסגעשריגן:

— אַ, הער יעזוס!

— נאָך אַזאַ נאַרישע מאַמזאַנעס — האָט איהר אָפּגערעדט דער טערושקאַ. די מאַרקעטענדערין האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן דער פֿרוי, געזינגען אויף זיך שויב דאָס עלטערע קינד, וועלכעס האָט זיך געלאָזן. קינדער בערוהיגען זיך פּונקט אַזוי שנעל, ווי זיי דערשרעקן זיך. עס איז נישט צו וויסען, פֿאַרוואָס אפשר דערפֿאַר, וואָס אַ אינערע שטים זאָגט זיי אונטער.

— מײַן אָרימע, גוטע פֿרוי, איהר האָט אַ וואוילע חברה, דאָס איז האַדר. מען קאָן גלײַך טרעפֿען, ווי אַלט זיי זענען. דער גרויסער איז זיבער יאָהר, זײַן בחורער דרײַ, און דאָס נפֿשל, וואָס זויגט, איז דאָס אַביסעל אַ פֿרעמדערקע! אַ, די פֿערזעהעניש! ווייסטו נישט אויפֿהערען צו נאָגען דײַן מאַמען? ווי איהר זעהט, פֿרוי האָט איהר גאָרנישט וואָס מורא צו האָבען. איהר האָט בעדאַרפֿט אַרײַנטרעטען אין באַטאַליאָן. טהוט ווי איך, מען רופֿט מיך הוזאַרקע, דאָס איז אַ צונאָמען. נאָר מיר איז ליעבער, אַז מען רופֿט מיך הוזאַרקע, איידער ווי מײַן מאַמען, פֿרײַלײַן ביקאַרנאַ. איך בין אַ קאַנטינערין, אַזוי רופֿט מען אַזעלכע, וואָס גיט צו טרינקען בשעת מען קוילעט זיך. יעדער טײַוועל האָט זײַן וועג. מיר האָבען כמעט איין פּנים: לאָזט, איך וועל אײַך געבען מײַנע שיך. דעם 10-טען אויגוסט בין איך געווען אין פּאַריז. האָב איך דעם וועסטערמאַן 7) מכבד געווען מיט אַ גלעזעל בראַנפֿען. אוי, האָט זיך עס דאָרט אַביסעל גערוהערט! איך האָב אַלײַן געזעהן, ווי מען האָט גילאָטינירט לודוויג דעם 16-טען אָדער ווי מען רופֿט איהם, לודוויג קאַפּעט אַז האָט זיך איהם געבעטן נישט געוואָלט צו שטאַרבען. מען זאָל זיך נאָר דערמאָנען, אַז דעם 13-טען יאַנואַר האָט ער זיך נאָך געהייסען בראָטען קאַשטאַנען און זיך געפֿרעהט צווישען זײַנע אײַגענע! בשעת מען האָט איהם אַרויפֿגעלעגט מיט געוואַלד אויף דער בריט האָט ער שוין נישט געהאַט נישט קיין קליידער און נישט קיין שיך; ער איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ העמד, אַ פּיקענע וועסטעל, גרויע טוכענע הויזען און גראָהע זײַדענע זאָקען. דאָס האָב איך אַלײַן מיט מײַנע אײַגענע אויגען געזעהן! אין דער וואָגען, אויף וועלכען מען האָט איהם געפֿיהרט, איז געווען גרין באַמאָהלט. פֿאָלגט מיר, טײַערע, און קומט צו אונז אין באַטאַליאָן, זיי זענען גאַנץ וואוילע
פֿאָלגט מיר, טײַערע, און קומט צו אונז אין באַטאַליאָן, זיי זענען גאַנץ וואוילע
יונגען. איהר וועט זײַן קאַנטינירין נומער צוויי: איך וועל אײַך לערנען די מלאכה. עס טהוט זיך גאַנץ פּשוט! מען האָט זיך אַ קרוג, אַ גלעקעל, מען גיעהט זיך אין ליאַרם, אין רעכטען מיטען פֿײַער, און דינער אַלײן אַרמאַטען, שרײַענדיג: ווער וויל, קינדער, אַ טרונק-טהון? און העם בעשטעהט די גאַנצע שוועריגקייט. מיר איז גאַנץ גלײַך, איך גיב אַלעמען צו טרינקען, זאָל דאָס זײַן ווייסע אָדער בלאַהע, כאָטש איך בין אַלײן אַ בלאַהע, און נאָך וואָס פֿאַר אַ בלאַהע

7) וועסטערמאַן — אַ מוטיגער רעפּובליקאַנער גענעראַל ; זיך אויסגעצייכענט אין וואַנדעי.

צו טרינקען גיב איך אָבער אַלעמען, דער פּערוואַנדטער, ווער ער זאָל נישט זײַן, איז דורשטיג — און מען שטאַרבט, נישט קוקענדיג צו וואָס פאַר אַ פּטירה מען געהערט. מענשען, וועלכע שטאַרבען, האָבען זיך אײגענטליך בעוואָרעמט הייקען די הענד, אַ, וואָס פאַר אַ שטות עס איז, דאָס שלאָגען זיך! קומט מיט אונז, טײַערע, ווען איך וועל געהאַרגעט ווערען, העט איהר מיך פאַרבײַטען. אַט, ווי איהר קוקט מיך־אָן, אַט אַזוי זעה איך אויס. נאָר אין דער אמת'ן בין איך אַ גוטע פֿרוי און אַ ערדליכער מענש. האָט נישט קיין מורא.

ווען די מאַרקעטענדערין האָט אויפגעהערט צו רעדען, האָט די פֿרוי צו זיך געמורמעלט:

— אונזער שכנה האָט געהייסען מאַריע־זשאַן און אונזער דיענסט – מאַריע־קלאָד.

דערווייל האָט דער סערזשאַנט אָנגענומען דעם גרענאַדיער.

— שווייג, דאָך, די האָסט די פֿרוי איננאַנצען איבערגעשראָקען, אַז מען געפינט זיך צווישען דאַמען, שילט מען זיך נישט.

— אַן ערדליכער מענש קאָן דאָך אַ שלאַק בעקומען אויסצוהערען און צוקוקען זיך צו אַזעלכע ווילדע בהמות, וועמעס שווער האָר פּרינץ האָט פאַר אַ קאַליקע געמאַכט, דער זיידע פון אַ גלח פערשיקט אין דער פּאַטער פון קעניג אויפגעהאָנגען, און וואָס קעמפען נאָך, דער רוח זאָל זיי כאַפּען. מאַכען אויפשטאַנדען און לאָזען זיך אויסקוילען פאַר דעם פּרינץ, דעם גלח און דעם קעניג!

— [illegible] סערזשאַנט אויסגעשריען.

— איך וועל שווייגען, סערזשאַנט, האָט דער גרענאַדיער געענטפערט; אָבער עס איז דאָך אַ פּײַן, ווען אַזאַ ליבע פֿרוי שטעלט זיך אין סכנה צו לאָזען זיך איבערשנײַדען דעם האַלז צוליעב די שענע אויגען פון אַ גלח.

— גרענאַדיער, מיר געפינען זיך איצט נישט אין אַ פּאָליטישען קלוב. דײַן בערעדזאַמקײַט איז נישט אויפ'ן אָרט — דערבײַ האָט ער זיך געווענדעט צו דער פֿרוי און געזאָגט:

— וואָס איז געשעהן מיט דײַן מאַן, פֿרוי? וואָס איז פון איהם געוואָרען?

— עס איז שוין פון איהם גאָרנישט געוואָרען. מען האָט איהם געהרגעט.

— וואו?

— אין דעם וואַלד.

— ווען?

— מיט דרײַ טעג צוריק.

— ווער?

— איך ווייס נישט.

— וואָס הייסטו? דו ווייסט נישט, ווער עס האָט הרגעט דיין מאַן?
— ניין.
— איז דאָס געווען אַ בלאָנדער, אַ ווייסער?
— עס איז געווען אַ קויל פון אַ ביקס.
— מיט דריי טעג צוריק.
— יאָ.
— פון וועלכער זייט?
— פון דער זייט פון ערגעץ.
— און וואָס טהוסטו פון דער צייט אָן, וואָס דיין מאַן איז טויט?
— איך אַנטלויף מיט מיינע קינדער.
— וואוהין אַנטלויפסטו?
— וואוהין די אויגן טראָגן מיך.
— וואו שלאָפסטו?
— אויף דער ערד.
— וואָס עסטו?
— גאָרנישט.
דער סערזשאַנט האָט זיך אָנגעהויבן צו שעמען פאַר די יאַנקעס.
— גאָרנישט?
— דאָס הייסט, ווילדע פלוימען, בערעלעך, פּאַפּאָראָטניק-בלעטלעך.
— יאָ. דאָס איז אַלץ אַזוי ווי גאָרנישט. — דאָס עלטערע קינד האָט, גיבט אויס, עפּעס פאַרשטאַנען פון דעם שמועס און געזאָגט:
— איך בין הונגעריק.
דער סערזשאַנט האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ שטיק שוואַרץ-ברויט און האָט עס דערלאַנגט דער מוטער, זי האָט עס צעבראָכן אויף צוויי טיילן און עס געגעבן די קינדער. דאָס קלענערע האָט גיעריק אָנגעהויבן צו קייען.
— פאַר זיך האָט זי גאָר נישט איבערגעלאָזן — האָט דער סערזשאַנט באַמערקט.
— זי איז מסתּמא נישט הונגעריק — האָט באַמערקט אַ סאָלדאַט.
— זי איז אַ מוטער — האָט דער סערזשאַנט געזאָגט.
— איך בין דורשטיק, — האָט איין קינד זיך איבערגעריסן דעם שמועס.
— איך אויך דורשטיק, — האָט איבערגעחזרט דאָס צווייטע.
— געפינט זיך גאָר נישט קיין טייכעל דאָ אין דעם טיוואָלאָשנער וואַלד? — האָט זיך איבערגעפרעגט דער סערזשאַנט.
די מאַרקעטענדערין האָט אַראָפּגענומען דעם קופּערנעם בעכער, וואָס איז געהאַנגען אויף איר באַקן נעבן דעם גלעקעל, אויסגעדרייט דעם קראַן פון פלאַש, וועלכע איז געהאַנגען קווער איבער די פּלייצע און ברוסט, האָט איינ-

געגאָסן פּינטעל אין בעכער און אַלעם צוגעטראָגן צו די ליפּן פון די קינדער.
דער ערשטער האָט אַ זופּ געטאָן און זיך פאַרקרימט.
דער צווייטער האָט אַ טרונק געטאָן און אויסגעשפּיגן.
— ס'איז דאָך גוט, האָט געזאָגט די מאַרקעטענדערין.
— און דאָס פון דעם בעסערן טראָגן? האָט געפרעגט דער סערזשאַנט.
— יאָ, און פון בעסערן פאַס. וואָס דאָס זענען דאָך פּירות, וואָס וואַקסן זיי פון דעם! — דערביי האָט זי אויסגעוואַשן דעם בעכער.
— און אַזוי אַ זוים, דינסט דאָס, ראַטעוועט די זין, — האָט דער סערזשאַנט פון דאָס ניי אָנגעהויבן מיט דער פרוי.
— כ'וועל [illegible] ווייטער [illegible].
— איך לויף מיט אַ ע כתית, דערנאָך גייען אַנדערע, און לסוף פאַל איך.
— אָרים אומגליקלעך מענטש! — האָט געזאָגט די מאַרקעטענדערין.
— מענטשן שלאָגן זיך — האָט די פרוי געשמייכלט, — אַרום מיר שיסט מען. איך ווייס נישט, וואָס מען וויל. מען האָט מיר דערהרגעט מיין מאַן; דאָס האָב איך פאַרשטאַנען.
דער סערזשאַנט האָט אַ קלאַפּ-געטאָן מיט דער קאָלבע אין דער ערד און אויסגעשריגן:
— אָט, ווי משוגע נאַריש אַ מלחמה זעהט אויס, צו אַלע רוחות!
— אין יענער נאַכט — האָט די פרוי ווייטער אָנגעהויבן — זענען מיר געשלאָפן אויפן מאָך אין אַ בוים.
— אַלע פיער?
— יאָ, אַלע פיער.
— דאָס הייסט געשלאָפן, שטייענדיק? האָט דער סערזשאַנט געזאָגט און ווענדענדיק זיך צו די סאָלדאַטן, אויסגערופן:
— חברים! די דאָזיקע ווילדע מענטשן רופן „אַ יעגער פון מאָך" — געשלאָפן אויסגעפוילטן אין טויטע בוים, וואו אַ מענטש וואָלט זיך קוים געקאָנט אַריינשטופּן, ווי אין אַ שטיבל. נאָר וואָס ווילט איר? אַלע מוזן דאָך נישט זיין פון פּאַריז!
— געדען אין לעגן זיך שלאָפן אין אַ אויסגעפוילטן בוים און דערביי נאָך מיט דריי קינדער! — האָט די מאַרקעטענדערין אויסגעשריגן — איך שטעל זיך פאָר, ווי מאָדנע עס איז אויסגעקומען, די קינדער האָבן זיך צו שרייען אין די מענטשן, וואָס זענען פאַרביי-געגאַנגען, נישט וויסנדיק די סבה האָבן פּלוצלינג דערהערט, ווי אַ בוים שרייט: טאַטע! מאַמע!
— אַ גליק נאָר, וואָס עס איז זומער — האָט די פרוי געזיפצט.
זי האָט אַראָפּגעקוקט צו דער ערד, ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין כּמעט אַלץ איבערגעמאַכט, און אין וועמעס אויגן עס איז געווען אַ פאַרשטיינונג פון

די רויטע אַמעריקען.

די סאָלדאַטן האָבן שוידערנדיק אַרומגערינגלט די אומגליקלעכע.

אַן אַלמנה, צוויי יתומים, אַ מאַמע, פֿאַרלאָרן, איינזאַם, אַ מלחמה, וואָס הערשט אַרום האָריזאָנט, הונגער, דורשט, גראָז אַלס איינציקע שפּײַז און דער הימל אַנשטאָט אַ דאַך.

דער סערזשאַנט האָט זיך דערנענטערט צו דער פֿרוי און זײַנע אויגן פֿיקסירט דאָס זויגנדיקע קינד. דאָס פּיצל האָט אָפּגעלאָזן די ברוסט, שטיל אויסגעדרייט דאָס קעפּל, אָנגעקוקט מיט זײַנע שיינע, בלאָע אויגן דאָס האַגערע, הילף-צעשויבערטע פּנים, וואָס האָט זיך איבער אים איבערגעבויגן און גענומען שמייכלען.

דער סערזשאַנט האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, און מען האָט דערזען, ווי אַ גרויסער טרער קײַקלט זיך איבער זײַן פּנים און בלײַבט הענגען אויפֿן שפּיץ וואָנס. ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן שטים:

— חברים, פֿון דעם אַלעם קום איך צום בעשלוס, אַז דער באַטאַליאָן הערט אַ פֿאָטער. זענט איר אײַנשטימיק? מיר מאַכן די דרײַ פֿאַר אונזערע קינדער.

— עס לעבע די רעפּובליק! — האָבן די גרענאַדירען אויסגערופֿן.

— אַלזאָ, אָנגענומען! האָט געזאָגט דער סערזשאַנט.

און ער האָט אויסגעשפּרייט זײַנע הענט איבער די קעפּ פֿון דער מוטער און די קינדער.

— אַט — האָט ער געזאָגט — זענען די קינדער פֿון דעם באַטאַליאָן פֿון דעם רויטן היטל.

די מאַרקעטאַנדערין איז אַנטקעגנגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד.

— דרײַ קעפּ אין איין היטל! — האָט זי געשריען.

דערנאָך האָט זי זיך צעכליפּעט, אַרומגענומען האַסטיק די אַלמנה און איר געזאָגט:

— וואָס פֿאַר אַ קלייניטשקע מיינע דאָס קליינינקע האָט שוין!

— זאָלן לעבן די רעפּובליק! האָבן איבערגעחזרט די סאָלדאַטן.

און דער סערזשאַנט האָט זיך געווענדט צו דער מוטער:

— קומט בירגערין!

קריגס־שיף קליימאר.

I,

ענגלאנד צוזאמען מיט דייטשלאנד.

אין פריהלינג 1793 אין דער זעלבער צייט ווען פראנקרייך האט געהאט אידער פאטעטישע פערטיידיגונג מיט׳ן פאל פון די זשיראנדיסטען 6), איז אין׳ם ארכיפעלאג דאמאלס געשעהען פאלגענדעס:

אין א פארנאכט דעם 1־טען יוני אין דזשערסי, אין דער קליינער מוסטער ביכטע באנזשאן, א שעה פאר זונען־אונטערגאנג אין א נעפעל, א צייט וועלכע איז זעהר בעקוועם צו אנטלויפען, אבער געפעהרליך זיך צו שיפען, האט א קריגס־שיף אויפגעהויבען איהר זעגעל.

די שיף האט געהאט א פראנצויזישע מאנשאפט, געווען איז זי אבער א טייל פונ׳ם ענגלישען פלאט, וועלכער איז אויפגעשטעלט געווארען, ווי אויף א פאסטען ביים מזרח׳דיגען עק־פונקט פונ׳ם אינזעל.

דער פרינץ דע לא טור־ד׳אווערן פון הויז בוליאן האט קאמאנדירט איבער דעם ענגלישען פלאט, און לויט זיינע בעפעהלען האט זיך די שיף אבגעטיילט אויף א ספעציעלע און דרינגענדע שליחות.

6) די זשיראנדיסטען — די מעסיגע רעפובליקאנער פון קאנווענט.

די ראָזיגע קריגס-שיף, פאַרעכנט ווערט אין „טריניטי-הויז“ 9) אונטערן נאָמען „קליימאָר“ האָט אין פלוג אויסגעזעהן, ווי אַ האַנדעלס-שיף, נאָר אין דער אמת'ן איז זי געווען אַ קריגס-שיף, זי האָט געהאַט אַ שווערען און פרידליכען אויסזעהן פון אַ מוחר'ישע שיף. נאָר דאָך האָט מען צו איהר נישט בעדאַרפט האָבען קיין שטאַרקען צוטריט. זי איז געבויט געוואָרען פאַר צוויי צוועקען: כיטרעקייט און קראַפט: אַבצונאַרען, ווען עס איז מעגליך, קעמפען ווען עס איז נייטיג. צו דער שליחות, וואָס זי האָט די נאַכט געהאַט צו ערפילען, איז אָנשטאָט סחורה-לאָדונג אַריינגעשטעלט געוואָרען אין צווישען-דעק דרייסיג שיפס-אַרמאַ-טען פון שווערען קאַליבער. צו וויל מען האָט פאָראויסגעזעהן אַ געוויטער צו מען האָט געוואָלט דער שיף צוגעבען אַ גוטמוטיגען כאַראַקטער, האָט מען די ראָזיגע אַרמאַטען בעהאַלטען, דאָס הייסט צוגעפעסטיגט אינווייניג מיט דרייפאַכע קייטען און אָנגעשפּאַרט מיט די מיילער אין די פערשטאָפּטע לעכער פון צווישען-דעק. פון דרויסען האָט מען נאָרנישט געקאָנט מערקען; די קאַנאָנען-פענסטער זענען געווען פאַרשטעלט, די טירלאך פון צווישען-דעק פאַרמאַכט; גלייך ווי אויף דער שיף וואָלט אַ מאַסקע געלעגען. די שיפס-אַרמאַטען האָבען געהאַט בראָנזענע רעדער, לויט אַן אַלטען מאָדעל. געוועהנליכע קריגס-שיפען האָבען תמיד די קאַנאָנען נאָר אויפ'ן דעק. די ראָזיגע שיף אָבער, וואָס איז געבויט געוואָרען פאַר אַ פּלוצלינגען איבערפאַל און אויך דעם שונא צו פערנאַרען, האָט אויפ'ן דעק קיין שום געווער נישט געהאַט, נאָר זי איז געבויט געוואָרען אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל אימשטאַנד זיין צו טראָגען אַ באַטעריע אין צווישען-דעק. „קליימאָר“ איז געווען פון אַ מאַסיווען און גראָבען בוי; פונדעסטוועגען איז זי זעהר גוט געגאַנגען; זי האָט פאַרמאָגט דעם שטאַרקסטען גוף אין דער גאַנצער ענגלישער מאַרינע, און אין קאַמף האָט זי געהאַט דעם ווערט כמעט פון אַ פריגאַט, כאָטש איהר הינטערשטער מאַסט איז געווען אַ קלענער מיט אַ בריג-זעגעל. זיין רודער, פון זעלטענעם פאָרם, האָט פערמאָגט אַ קרום הענטעל, וואָס האָט געקאָסט אין די שיפס-וואַרשטאַטען פון סיטעמפּטאָן פונפציג פונט שטערלינג.

די מאַנשאַפט פון דער שיף, וועלכע איז געווען אינגאַנצען אַ פראַנצויזישע, איז בעשטאַנען פון אָפיציר'ען-עמיגראַנטען און סאָלדאַטען-דעזערטירען. זיי זענען אַלע געווען אויסגעקליבענע מענשען, עס איז נישט געווען צווישען זיי קיינער, וואָס זאָל נישט זיין קיין גוטער מאַטראָס, אַ גוטער סאָלדאַט און אַ גוטער מאָנאַרכיסט. זיי האָבען געהאַט אַ דרייפאַכען פאַנאַטיזם: פון שיף, שווערד און קעניג.

9) טריניטי-הויז — אַ געזעלשאַפט געגרינדעט אין ענגלאַנד דורך היינריך 8 אין יאָהר 1515 צו אַנטוויקלען דעם האַנדעל און שיף-וועזען.

אויף א דאָלבער באַטאַ יאָן בלאַט־פּיראַטע, וואָס האָט זיך געקאָנט אין אַ טוי־פֿיַיען פֿאַל שלאָגן זיך אויף דער יבשה, איז צוגעמישט געווען צו די מאַנשאַפֿטען פֿון דער שיף.

דער קאַפּיטאַן פֿון דער קאַרוועטע „קלײמאַר״ איז געווען דער גראַף בואַבערטלאַ, אַ קאַוואַליר פֿון אָרדען „דער הײליגער לודוויג״, אײנער פֿון די בעסטע אָפֿיצירען פֿון אַמאָליגען קעניגליכען פֿלאָט, אַלס לײטענאַנט פֿון דער שיף איז געווען דער קאַוואַליר לאַ וויעוויל, וועלכער האָט אַמאָל אַנגעפֿיהרט מיט דער פֿראַנצויזישער גוואַרדיע, וואו האָט [1] איז געווען סערושאַנט און דער שטורמאַן איז געווען פֿיליפּ נאַקואַל, דער פֿעהיגסטער מאַטראָס פֿון דזשערסײ.

עס איז לײכט צו טרעפֿען, אז דאָס דאָזיגע שיף האָט געהאַט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס דורכצופֿיהרען, און ווירקליך, אין שיף איז אַרײַנגעשטיגען אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט אַן אויסזעהן פֿון אַ מענשען, וועלכער לאָזט זיך אויף אויסערגעוועהנליכע ריזיקאַלישע אונטערנעהמונגען. עס איז געווען אַ הויבער אַלטער מאַן מיט אַ שלאַנקען און געזונדטען קערפּער־בוי, מיט אַ שטרענגעם געזיכט, אויף וועלכען עס איז שווער געווען צו דערקאָנען די אמת׳ע יאָהרען, ווײַל דאָס פּנים האָט אין דער זעלבער צײַט אויסגעזעהן אי יונג, אי אַלט. מיט אײן וואָרט, אײנער פֿון דעם מין מענשען, וועלכע זענען רײַך מיט יאָהרען, פֿול מיט קראַפֿט, וועלכע האָבען גראָהע האָר אויפֿ׳ן שטערן און אין בליק אַ בליץ, וועלכע מען קאָן שאַצען פֿערציג לויט זײער ענערגיע און אכציג לויט זײער אויטאָריטעט.

אין דעם אויגענבליק, וואָס ער איז אַרײַנגעשטיגען אין דער קאַרוועטע האָט זיך זײַן ים־מאַנטעל צושפּרײט און ענטפּלעקט זײַן אײגענטליכע קלײדונג. ער איז געווען אין ברײטע הויזען, אַ פּאָר שטיוועל מיט הויכע כאָליעוועס און אַ קאַפּטאַן פֿון ציגען־פֿעל, אויסגענעהט פֿון אויבען מיט זײד און פֿון אונטען האָט אַרויסגעקוקט דער צושויבערטער פּעלץ — אַ פֿאָלשטענדיגער קאָסטיום פֿון אַ ברעטאַנישען פּויער. די אַלטע ברעטאַנישע קאַפּטאַנעס האָבען געהאַט אַ דאָפּעלטען צוועק, זײ האָבען געדינט פֿאַר יום־טוב און פֿאַר אינדערוואָכען; מען האָט זײ געקאָנט איבערדרעהען, ווי מען האָט געוואָלט, מיט דער האָריגער אָדער מיט דער זײַד־אויסגענײהטער פֿון דרויסען. אויף אַ גאַנצע וואָך איז געווען די האָר פֿון דרויסען און אויף זונטאָג — אַ זײַד־גענײהטער קאָסטיום.

די פּויערשע קלײדער, וואָס דער אַלטער האָט געטראָגען, זענען געווען ווי בכיון אויסגעריבען ביז די קניה און אויף די עלענבויגענס און געהאַט אַ

[1]) אַ גענעראַל, וואָס האָט שפּעטער אײנגעשטעלט דעם אויפֿשטאַנד אין וואַנדעי.

-טועהן פון שטארק אבגעטראגענע בגדים. אויך דער ים-מאנטעל איז געוועזען פון א גראבען שטאף און איז עהנליך געוועזען צו די פלאשטשען, וועלכע די פישער טראגען. אויפ'ן קאפ האט דער אלטער געטראגען א קיילעכדיגען הויכען הוט מיט ברייטע ברעגעס, וועלכער האט אויסגעזעהן אראבגעלאזענערהייט, ווי א פייערשער הוט, און אויפגעהויבענערהייט פון איין זייט מיט א שנור און א קאקארדע, ווי א מיליטערישע היטעל. דער אלטער האט איהם געטראגען אראבגעלאזט פויעריש, אהן שנור און אהן קאקארדע.

לארד באלקארא, דער גובערנער פון אינזעל און פירשט דע לא טור ד'אווערן האבען איהם פערזענליך בעגלייט און אריינגעזעצט אויפ'ן שיף. זשעלאמב, דער געהיים-אגענט און אמאליגער לייב-וואך פון גראף ד'ארטוא 11), האט זעלבסט השגחה-געגעבען ביים איינארדנען זיין קאיוטע, און זיין זארג און אכטונג איז אזוי וויים דערגאנגען, דאס ניט קוקענדיג, וואס ער איז אליין געוועזען אנ'ערעלמאן, האט ער איהם נאכגעטראגען די וואליזע, און בשעת ה' זשלאמב האט איהם פערלאזען און צוריקגעקעהרט אויף דער יבשה, האט ער זיך פאר דעם דאזיגען פויער טיף פערנויגט. דער לארד באלקארא האט איהם געזאגט: „ערפאלג, גענעראל!" און דער פירשט דע לא טור ד'אווערן: „צום ווידערזעהן, מיין קוזין!".

דער „פויער" איז אין דער ווירקליכקייט געוועזען דער צונאמען, וועלכען די לייט פון שיף האבען איהם געגעבען אין זייערע קורצע שמועסען, לאטש זיי האבען פון איהם קיין סך ניט געוואוסט, האבען זיי דאך פערשטאנען, אז דער דאזיגער פויער איז פונקט אזא פויער, ווי די קריגס-קארוועטע א האנדעלס-שיף.

אויפ'ן ים איז געוועזען ווייניג ווינד. די קארוועטע „קלייטאר" האט פערלאזען באו-ניו, פארפייגעהענדיג בולע-רע, און מען האט א קורצע צייט זי געקאנט זעהן יאגענדיג. דערנאך איז זי וואס וויטער אלץ מעהרער פערוויקען געווארען אין דער וואקסענדער נאכט-פינסטערניש, ביז זי איז אינגאנצען פערשוואונדען.

א שעה שפעטער האט זשעלאמב, קומענדיג א היים אין סען-העליער, ארויסגעשיקט מיט א עקספרעס פון סוטעמפטאן צום גראף ד'ארטוא, אין הויפט-קווארטיר פונ'ם פרינץ יארק די פאלגענדע פאר שורות:

„אייער קעניגליכע האהייט, דאס אבפאהרען איז יעצט פארגעקומען. דער ערפאלג איז זיכער. אין אכט טאג ארום איז דער גאנצער ים-ברעג פון גראנוויל ביז סען-מאלא אין פייער".

11) גראף ד'ארטוא — דער צווייטער ברודער פון לודוויג XVI-טער, דער שפעטערער קעניג פון פראנקרייך אונטער'ן נאמען קארל X-טער.

4 טעג א פריהער האט דער פאלקס-קאמיסאר פריער פון מארן, וואס איז געווען אין א מיסיע ביי דער ארמעע פון די ברעגען פון שערבור און ציטווייליג זיך געפונען אין גראנוויל, בעקומען פון דעם געהיימען עמיסאר א קארטעל, געשריבען מיט דערזעלבער האנדשריפט, ווי די פריהערדיגע דעפעשע, און אין דעם קארטעל איז געשטאנען:

„בירגער פארשטעהער! דעם 1-טען יוני אין דער צייט פון פלוט וועט זיך בעווייזען די קריגס-קארוועטע „קלייטאר" מיט א פערמאסקירטע באטעריע, מיט'ן ציעל ארויסצולאזען אויף דעם פראנצויזישען ברעג א מענשען פון פאלגענדען אויסזעהען: הויכער וואוקס, אלט, ווייסע האר, פויערישע קליידער, אריסטאקראטישע הענד. מארגען שיק איך אייך ארום מעהר איינצעלהייטען. ער וועט זיך ארויסזעצען דעם 2-טען אין דער פריה. זאגט-אן וועגען דעם דעם קרייץ-פלאט. פערכאפט די קארוועטע. לאזט דעם מענשען גיליאטינירען".

אנשטאט צו נעהמען דעם וועג אויף דרום און זיך צו ווענדען קיין סען-קאטרין, איז די קארוועטע געשוואומען צום צפון-זייט; דערנאך האט זי זיך ווי פערקירעוועט אויף מערב און ענטשלאסען אריינגעדרונגען צווישען פערק און זשערסעי אין ים-ארים, וועלכע הייסט „דער וועג פון פערדארבען"; אויף ביידע ברעגען איז דאן נישט געווען קיין שום לייכט-טורעם.

די זון איז אונטערגעגאנגען; די נאכט איז געווען אזוי שווארץ, ווי נאך קיין נאכט אים זומער; עס איז אפילו א לבנה-נאכט געווען, נור געדיכטע וואלקענס (ווי אין דער צייט ווען טאג און נאכט גלייכען זיך אויס) האבען בעדעקט דעם הימעל, און לויט אלע וואהרשיינליכקייטען, האט מען די לבנה געקאנט זעהן נור אין מאמענט פון אונטערגאנג. מאנכע וואלקענס זיינען אראבגעהאנגען ביז'ן ים און האבען איהם בעדעקט מיט א נעפעל. די פינסטערניש איז פאר די שיף געווען זעהר גינסטיג.

דער שטייערמאן גאקואל האט געפלאנט צו לאזען דזשערסעי אויף דער לינקער זייט און גערנעזע אויף דער רעכטער און דורך א דרייסטען מארש אריינצוקריגען זיך אין וואס עס איז פאר קליינעם ים-בוזען אויפ'ן סען-מאלא-ברעג צווישען האנוא און דובר, א וועג, וואס איז נישט אזוי קורץ, ווי דורך מינקיער, אבער זיכערער, ווייל דער פראנצויזישער קרייץ-פלאט האט געהאט א שטענדיגען בעפעהל אכטונג צו געבען—דער עיקר צווישען סען-העליער און גראנוויל.

אז דער ווינד זאל זיין א גינסטיגער, און עס זאל נישט געשעהן קיין שום אונערווארטעטעס וועט מען פארטאג צוקומען צום ברעג פון פראנקרייך. — אזוי האט געהאפט גאקואל, אויפהויבענדיג די זעגעל.

דערווייל איז אלץ גוט אדורכגעגאנגען; די קארוועטע איז פארביי-

געשוואומען גראַ־נע; אַקעגען ניין אַ זייגער האָט דאָס וועטער אָנגעהויבען צו מאַכען אַן׳אָנשטעל פון אַ ברוגז, ווי די מאַטראָסען דריקען זיך אויס; ס׳איז געוואָרען אַ ווינד און דער ים האָט זיך צעכוואַליעט; נור דער ווינד איז נעווען אַ גוטער, און דער ים, כאָטש שטאַרק, בעוועגט אָבער נישט שרעקליך. דאָך ביי געוויסע שטויסען פון די כוואַליעס האָט זיך דער פאָרדערשטער טייל פון די קאָרוועטע צוטרייסעלט.

דער „פויער", וואָס דער לאָרד באַלקאַראַ האָט גערופען „גענעראַל" און צו וועמען דער פירשט דע־לאַ־טור האָט זיך געווענדעט: מיין קוזין, האָט געהאַט פים פון אַ עלטען מאַטראָס און האָט מיט אַ רוהיגען ערנסט שפּאַצירט אויפ׳ן בריק פון דער קאָרוועטע, נישט מערקענדיג אַז זי ווערט געשטויסען דורך די כוואַליעס. פון צייט צו צייט האָט ער פון זיין קאַפּיטאַן־קעשענע אַרויסגעצויגען אַ ברעטעלע שאָקאָלאַדע, אָבגעבראָכען אַ שטיקעל און געקייט; זיינע גראָהע האָר האָבען איהם גאָרנישט געשטערט אַלע ציהען צו האָבען. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, חוץ אַ מינוט אין אַ קורצען און שאַרפען טאָן צום קאַפּיטאַן, וועלכער האָט איהם אויסגעהערט מיט אַ יראת־הכבוד און ס׳האָט זיך גערעכט, אַז ער בעטראַכט דעם פאַסאַזשיר פאַר מעהר קאָמענדאַנט ווי זיך אַליין.

געקירעוועט פון אַ פעהיגער האַנד, אונבעמערקט אין די נעבלען, האָט זיך „קלייטמאָר" בעוועגט אין דער לענג פון די משופּע׳דיגע צפון־ברעגען פונ׳ם אינזעל דזשערסיי, צורוקענדיג זיך נאָהנט צום ברעג, אום אויסצומיידען די שרעקליכע אונטער־וואַסער־שטיינער, וועלכע האָבען געהייסען „פיער־דע־לעעק" וואָס געפינען זיך אינמיטען פונ׳ם ים־אָרים צווישען דזשערסיי און סערק.

שטעהענדיג ביים רודער, האָט גאַקואַל אויסגעמיטען איינס נאָך דאָס אַנדערע לאַ־גרעוו־דע־לעעק, גראַ־נע, פלעמאַן און דורכגעפיהרט די קאָרוועטע צווישען די דאָזיגע פעלזען־קייטען, אַזוי ווי טאַפּענדיג, נור מיט אַ זיכערקייט פון אַ מענש, וואָס איז ביי זיך אין דערהיים און קען דעם וועזען פון אָקעאַן.

אויף דעם פאָדערטייל פון דער קאָרוועטע האָט מען נישט אָנגעצינדען קיין פייער אויס מורא, מען זאָל די שיף נישט בעמערקען אין די דאָזיגע וואַסערן, וועלכע זענען געווען שטאַרק בעוואַכט. מען איז צוגעקומען צום גראַנד־עשאַפּ, זייענדיג גליקליך פון דעם נעבעל, וועלכער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויפ׳ן ים. דער נעבעל איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט קוים בעמערקט דעם הויכען סילועט פון פינאַקל. אויפ׳ן קירכען־טורם פון אואַז האָט געשלאָגען צעהן—אַ סימן, אַז דער ווינד האָט גצבלאָזען פון הינ־

טען. אלץ איז דערווייל גוט נעגאנגען. דער ים האט א דאנק די שבנות פון לא־קארביער אנגעהויבען צו ווערען שטורמישער.

א ביסעל שפעטער פון צעהן א זייגער האבען דער גראף בוא־בערטלא און דער קאוואליר לא־וויעוויל אבגעפיהרט דעם מענשען אין פויערשע קליידער ביז צו זיין קאיוטע, וואס איז אין דער אמת געווען דאס צימער פונ׳ם קאפיטאן. אין דעם אויגענבליק ווי ער איז אריין, האט ער זיי געזאגט אין דער שטיל:

— איהר ווייסט דאך, מיינע הערען, דער סוד איז וויכטיג. שווייגען ביז׳ן מאמענט פונ׳ם אויסברוך. נאר איהר אליין קאנט דא מיין נאמען.

— מיר וועלען איהם מיטנעהמען אין קבר — האט אבגעענטפערט בוא־בערטלא

— וואס אנבעלאנגט מיך — האט געזאגט דער אלטער — וואלט איך מיין נאמען אפילו פאר׳ן טויט נישט ענטפלעקט. — און דערביי איז ער אריין אין זיין צימער.

דער קאמענדאנט מיט׳ן לייטענאנט זענען צוריק ארויף אויפ׳ן שיף און שמועסענדיג שפאצירט צוזאמען. זיי האבען קענטיג גערעדט וועגען זייער פאסאזשיר און האט וואס עס האט זיך געהערט פון דעם שמועס, וואס דער ווינד האט צוטראגען.

בואבערטלא האט איינגערוימט לא־וויעוויל אין אויער:

„באלד וועט מען זעהן, צי ער איז א פיהרער".

אויף דעם האט וויעוויל געענטפערט:

„דערווייל איז ער א פירשט".

— כמעט.

— אדעלמאן אין פראנקרייך, נאר פירשט אין ברעטאן.

— ווי די לא־טרעמואל, ווי די ראהאנ׳ס.

— מיט וועמען ער איז אויך אין קרוב׳שאפט.

אין פראנקרייך — האט בואבערטלא ווידער אנגעהויבען — און אין די קארעטעס פונ׳ם קעניג איז ער מארקיז, ווי איך בין גראף און ווי איהר זענט קאוואליר.

— א, ווי ווייט זיי זענען פון אונז די קארעטעס! — האט לא־וויעוויל אויסגערופען — מיר זיצען איצט אויפ׳ן וואגען פון טויט.

ס׳איז געווארען שטיל.

בואבערטלא האט זיך אנגערופען:

— ווען ס׳פעהלט א פראנצויזישער פירשט, נעהמט מען אברעטאנישען.

— ווען ס׳געפינט זיך נישט קיין אדלער, נעהמט מען א קראה.

— איך וואָלט שוין ליבער געוואָלט אַ גייער.

נעוויס, אַ שנאַבעל מיט נעגעל.

— מ'וועט זעהן,

— יע —, האָט וויעוויל געזאָגט, — ס'איז שוין צייט מען זאָל האָבען אַ אָנפֿיהרער. איך בין ביי דער זעלבער מיינונג ווי טינטענאַך: אַ פֿיהרער און פֿילוועֶר. הערט זיך איין, קאַפּיטאַן, איך קען כמעט אַלע מעגליכע און אונמעגליכע פֿיהרער! די פֿון נעכטען, די פֿון היינט און די פֿון מאָרגען! קיין איינער פֿון זיי האָט נישט דעם שכל צו פֿיהרען דעם קריג, ווי אונז איז נייטיג. אין דער טייוולאָנישער וואַנדער דאַרף מען האָבען אַ גענעראַל, וואָס זאָל אין דערזעלבע צייט זיין אַ פּראָקוראָר; מען דאַרף דעם פֿיינד מיער מאַכען, אויסצוקעמפּען ביי איהם אַ מיהל, אַ קושאַק, אַ גרוב, אַ שטיין אויסצוגעפֿינען אַנ'אויסרעד כדי זיך מיט איהם צו קריגען, אַלץ אויסנוצען, אויף אַלעם אַכטונג געבען, אַ סך הרג'נען, געבען אַ ביישפּיל נישט שלאָפֿען און נישט רחמנות האָבען. ביז איצט האָבען מיר געהאַט אין דער דאָזיגע אַרמעע פֿון פֿויערן אַ סך העלדען, נאָר קיין פֿיהרער איז נישטאָ. ד'עלבע איז אַ גאָרנישט, לוסקור איז קראַנק, באַנשאָמפּ שענקט די געפֿאַנגענע דאָס לעבען, ער איז גוט. און דאָס איז נאַריש. לאַ ראָשזשאַקלען איז גראָסאַרטיג פֿאַר אַנ'אונטער-אָפֿיציר. סילז איז אַ גוטער אָפֿיציר פֿאַר אַנ'אָפֿענעם קאַמפּף, נאָר טויג גאָרנישט פֿאַר אַ אויסשפּירונגס-קריג; קאַטלינאָ איז אַ נאַיווער פֿוהרמאַן, סטאָפֿלע איז אַ כיטרער וואַלד-היטער, בעראַר טויג צו גאָרנישט, בולענווילע איז לעכערליך, שאַרעט איז גרויזאַם. שוין נישט צו רעדען פֿון דעם פּריזירער גאַסטאַן. ווייל, צו אַלדע רוחות, צוליב וואָס זאָל מען זיך עס אַרומקריגען מיט דער רעוואָלוציע, און וואָס פֿאַר אַ אונטערשיד איז דאָס צווישען אונז און די רעפּובליקאַנער, ווען מיר גיבען איבער אַ פּאַריקמאַכער די פֿיהרערשאַפֿט איבער דעם אַדעל?

— דאָס איז דעריבער, ווייל אויך אונז פֿערסמ'ט די היינטישע רעוואָלוציע.

— יאָ, פֿראַנקרייך איז אָנגעשטעקט מיט קרעץ.

— מיט די קרעץ פֿון דריטען שטאַנד [12], — האָט בואַבערטלאָ צוגעגעבען — נאָר איין ענגלאַנד קאָן אונז ראַטעווען פֿון דעם אונגליק.

— זי וועט אונז זיכער ראַטעווען, צווייפֿעל גאָרנישט אין דעם, קאַפּיטאַן!

— דערווייל אָבער איז דאָס אַ מיאוס'ע זאַך.

— זיכער. אומעדום רוקט-זיך דאָס גראָבע פֿאָלק. אַ מאָנאַרכיע, — וואָס

[12] דער דריטער שטאַנד — דאָס בירגערטום.

האָט פֿאַר אַ הויפּט־קאָמאַנדיר סטאָפֿלע, דעם וואַלד־היטער פֿון מידע מאָ־לעווריע, האָט גאָרנישט וואָס צו מקנא זײַן די רעפּובליק, וועלכע האָט פֿאַר אַ מיניסטער אײנעם פּאַש, אַ זוהן פֿון אַ שוואַרצער בײַם פֿירשט דע קאַסטרי. וואָס פֿאַר אַ מאָדנע געגנער עס קעמפֿען אין דער וואַנדעי: פֿון אײן זײַט סאַנטער, אַ ברויער, פֿון דער אַנדערער זײַט גאַסטאָן, אַ פֿויער!

— מײַן טײַערער לאַ־ווויעוויל, איך האַלט יאַ אַ ביסעל פֿון דעם גאַס־טאָן. ער האָט גאָרנישט אַזוי שלעכט אָנגעפֿיהרט אין געמענע. ער האָט גאַנץ פֿײַן אויסגעשאָסען דרײַ הונדערט בלאָהע, הײַסענדיג זײַ פֿריהער אויס־גראָבען פֿאַר זיך די קברים.

— דאָס געפֿעלט מיר; נאָר דאָס אײגענע וואָלט איך אויך געקאָנט אויפֿטהון.

— גרויסע מלחמה־מעשים פֿאָדערען, אַז דער אַרעל זאָל זײַ אויספֿיה־רען, — האָט געזאָגט וועוויעל — אַ זעלכע זאַכען געהערען צו די קאַוואַלי־רען און נישט צו די פֿאַבריקמאַכערס.

— פֿונדעסטוועגען געפֿינען זיך דאָך אין דעם דריטען שטאַנד מענ־שען, וואָס מען קאָן זײַ אַכטען. אָט, למשל, דער זײַגערמאַכער זשאָלי. ער איז געוועזען סערזשאַנט אין פֿלאַנדרישען רעגימענט; דערנאָך איז ער געוואָ־רען פֿיהרער אין וואַנדעי; ער פֿיהרט אָן מיט אַ באַנדע בײַם ים־ברעג און האָט אַ זוהן אַ רעפּובליקאַנער. און אין דערוועלבער צײַט, וואָס דער פֿאָטער דיענט בײַ די ווײַסע, דיענט דער זוהן בײַ די בלאָהע. טרעפֿט זיך אַ מעשה, און זײַ בײדע בעגעגענען זיך אין אַ שלאַכט. דער פֿאָטער נעהמט דעם זוהן אין געפֿאַנגענשאַפֿט און שיסט איהם.

— דאָס איז גוט! — האָט געזאָגט לאַ־וויעוויל.

— אַ ברוטוס, אַ ראַיאַליסט — האָט זיך אָנגערופֿען ב...ערטלאָ.

פֿונדעסטוועגען שטערט דאָס גאָר נישט, אַז ער זאָל מיר זײַן אונער־טרעגליך צו געפֿינען זיך אונטער דער פֿיהרערשאַפֿט פֿון אַ קאָקראָ, אַ זשאַן־זשאַן, אַ מולען, אַ פֿאָקאַר, אַ בוזשו, אַ שופּ.

— מײַן טײַערער קאַוואַליר, דער זעלבער פֿערדרום איז אָבער אויך אויף דער צווײטער זײַט. בײַ אונז איז דאָ אַ סך בירגער און בײַ זײַ גע־פֿינט זיך פֿיעל אַדעל. צי גלויבט איהר דען, אַז די סאַן־קולאָטען [13] וועגען שטאַרק צופֿרידען וועגן פֿיהרען זײַ מיט אַ זעלבע ווי דער גראַף דע־קאַנקלאָ, וויקאָנט דע־מיראַנדאָ, וויקאָנט באָהאַרנע, גראַף דע־וואַלאַנס, דער מאַרקיז דע־קיוסטין און דער פֿירשט בירען!

— וואָס פֿאַר אַ מישמאַש!

— אָדער אַזאַ באָפּוּאַל סענט-אַלער, בישאָף פון פּואַטיע, אָדער מער-סי, בישאָף פון ליוסאָן, דער געליבטער פון מאַדאַם לעשאַסרי...

— די, וועלכע הייסט סערוואַנטאָ, איהר ווייסט דאָך, קאַפּיטאַן, ל'עשאַסרי איז אַ נאָמען פון דער ערד.

— און דער פאַלשער בישאָף ד'אַגראַ, וואָס איז, איך ווייס ניט וואו ערגעץ, אַ גלח.

— פון דאַלי און ער הייסט גיאָ דע-פאָלוויל. ער איז אָבער גאַנץ מוטיג און שלאָגט זיך.

— מ'שטיינס געזאָגט, גלחים, ווען מען דאַרף זעלנער! בישאָפען, וואָס זענען ניט קיין בישאָפען און גענעראַלען, וואָס זענען נישט קיין גענע-ראַלען!

— קאַפּיטאַן, — האָט געפרעגט וויעוויל — איהר האָט דעם „מאָני-טאָר" אין אייער קאַיוטע?

— יאָ.

— וואָס שפּילט מען איצט אין פּאַריז?

— „אַדעלאַ און פּאָלינאַ" און „די הייל".

— איך וואָלט עס געוואָלט זעהן.

— איהר וועט עס זיכער זעהן. אין אַ חודש אַרום זענען מיר אין פּאַריז.

בואַבערטלאָ האָט זיך אַ רגע פערטראַכט און נאָכדעם צוגעגעבען: — אַמשפּעטסטען אין אַ חודש אַרום, אַזוי האָט געזאָגט מיסטער ווינדהעם דעם לאָרד הוד.

אויב אַזוי, קאַפּיטאַן, געהט דאָך אונז נישט שלעכט.

— אַלץ וואָלט, צום טייוועל, שוין גוט געווען, ווען נאָר די מלחמה אין ברעטאַן וואָלט גוט געפיהרט געוואָרען.

וויעוויל האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

— קאַפּיטאַן, האָט ער זיך איבערגעפרעגט, וועלען מיר די מאַרינען-אינפאַנטעריע אַרויסזעצען אויף דער יבשה?

— יאָ, ווען דער ברעג וועט זיין פאַר אונז; ניין, ווען ער וועט זיין פיינדליך צו אונז. אַמאָל איז נויטיג, די מלחמה זאָל אויפברעכען די טויערען מיט געוואַלד, און אַמאָל, דאַרף זי זיך שטילערהייד אַריינגליטשען. אין אַבירגער קריג מוז מען תמיד האַלטען גרייט אין קעשענע אַ פאַלשען שליסעל.

13) סאַ-נקולאָטען („אָהן הויזען") — אַ שפּאָט-נאָמען, מיט וועלכען דער אַדעל האָט אָנגעצייכענט אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע דאָס פאָלק און די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען דערנאָך גאַנץ גערן זיך זעלבסט אַזוי אָנגערופען.

מען טוט אלין, וואס עס לאזט זיך. די הויפט זאך אבער איז: מען טוז האבען א אנפיהרער.

— וויעוויעל, האט ער נאלדעם, זיך פארקלערענדיג, צוגעגעבען—וואס פאר אמיינונג זענט איהר וועגען דעם קאוואליר דיעזי?

— דעם יונגען?

— יא.

— אלס אנפיהרער.

— יא.

— אויך ער טויג נאר אלס אפיציר אין אפענעם און אין ליניען-קאמף. א מלחמה אין וואלד און אין קושאקעס קאן נאר פיהרען אפויער.

— איהר מוזט זיך אלזא בענוגנען מיט'ן געגעראל סטאפלע און דעם גענעראל קאטלינא.

— דא וואלט מען בעדארפט האבען אפרינץ, האט וויעוויעל נאך אקורצען טרוימען געזאגט — א פרינץ פון פראנקרייך, א אמת'ען פרינץ.

— עס געהט אווערטעל, אז דער וואס זאגט פרינץ...

-- זאגט פחדן, האט וויעוויעל אונטערגעכאפט — איך ווייס עס, קאפיטאן. נאר מען דארף דאס האבען דעם נארישען פויער די אויגען צו פארבלענדען.

— מיין ליבער קאוואליר, די פרינצען ווילען נישט קומען.

— וועט מען זיך בעגעהן אהן זיי.

בואבערטלא האט מעכאניש אפיהד געטהון מיט'ן האנד אויפ'ן שטערען, ווי ער וואלט וועלען פון דארט ארויסבעקומען א געדאנק און צוגעגעבען — לאמיר אלזא מאכען אפריב מיט דעם דאזיגען גענעראל.

— א, דער איז שוין פון אמת'ען אדעל.

— קלערט איהר, אז ער וועט אויספיהרען זיין אויפגאבע.

— פאר וואס נישט. נאר אלץ בתנאי, אז ער וועט זיין אגוטער, האט וויעוויעל געזאגט.

— דאס הייסט גרויזאם, האט בואבערטלא צוגעגעבען.

דער גראף מיט'ן קאוואליר האבען זיך אנגעקוקט.

הער בואבערטלא, איהר האט געזאגט דעם ריכטיגעןווארט. יא גרויזאם, דאס איז אונז נויטיג. די דאזיגע מלחמה איז אהן רחמנות. עס האט געשלאגען די שעה פאר די בלוט-דורשטיגע, די קעניגסמערדער האבען לודוויק דעם זעכצעהנטען אראבגעהאקט דעם קאפ, מיר וועלען זיי אבהאקען די הענד מיט די פים. יא, דער נויטיגער גענעראל איז דער גענעראל אכזר. אין אנזשו, אין פואטו שפילען די גענעראלען די ראל פון

גריזסמוטיגקייט; ווי באָדען זיך ממש אין איירעלקייט; דערפאַר גיט זיך ווי גאָרנישט איין. אין מאַרע אָבער, וואו די גענעראַלען זענען אונמענשליך, געהט עס גוט. אַ דאַנק זיין גרויזאַמקייט, קאָן שאַרעט מיט ערפאָלג זיך געגענשטעלען סאַרען׳ען, אַ שאַקאַל געגען אַ שאַקאַל.

בואַרבעטלאָ האָט נישט בעוויזען וויעוויל׳ן אָבצוועגטפערן. אַ פערצווייפלונגס-געשריי האָט פלוצלינג איבערגעהאַקט די ווערטער פון וויעוויל׳ן און אין דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט אַ אונגעוועהנליכער רעש געריוש. דער געשריי צוזאַמען מיט׳ן געריוש זענען געקומען פון דעם אינוויינינגסטען שיפסטייל.

דער קאַפּיטאַן מיט זיין געהילף האָבען זיך אַ וואָרף-געטון צום צווישענדעק, נאָר ס׳איז שוין אונמעגליך געווען אַריינצוקריגען זיך. אַלע קאַנאָנירען זענען פון אונטען דערשראָקען ווי ענטקעגען געקומען.

ים איז עטוואַס שרעקליכעס געשעהן.

איינע פון די שיפ׳ס-אַרמאַטען, אַ פיער- און צוואַנציגער פונטיגע קאַנאָנע האָט זיך אָבגעריסען פון דער באַטערעע.

עס איז איינס פון די שרעקליכסטע געשעהענישען אויף אַ ים. פאַר פאַר אַ קריגס-שיף, וועלכער געפינט זיך אין פולען גאַנג אויפ׳ן אָפענעם ים קאָן עפּעס ערגערעס נישט טרעפען.

אַנ׳אַרמאַט, וואָס רייסט זיך-אָב פון די קייטען, פערוואַנדעלט זיך פלוצלינג אין אַנ׳איבערנאַטירליכע חיה. ס׳איז אַ מאַשין, וואָס איז מגולגל געוואָרען אין אַ ווילד בעשעפעניש. דער דאָזיגער קלאָץ לויפט אויף זיינע רעדער, בעקומט בעוועגונגען פון אַ ביליאַרד-קוגעל. עס בויגט זיך, ווען די שיף וואַקעלט-זיך פון איין זייט אויפ׳ן צווייטען, פערזינקט, ווען די שיף שפרינגט פון פאָרנט אויף הינטען. עס קומט, בלייבט, שטעה, פערטראַכט-זיך, לויפט ווייטער, פליהט ווי אַ פייל פון איין עק שיף צום צווייטען, דרעהט זיך אויס, בעהאַלט זיך, ענטלויפט, שטעלט זיך אויף, ווי אויף די שפיץ פינגער, שטויסט, ממית׳ט, ברעכט, פערניכטעט. עס איז אַ מויער-ברעכער, וואָס האַקט אין די ווענד, ווי איהם גלוסט-זיך, און דערביי מוז מען צוגעבען, אַז דער מויער-ברעכער איז פון אייזען און די ווענד זענען פון האָלץ. דאָס איז די פולע בעפרייאונג פון דער מאַטעריע; פונקט ווי דער דאָזיגער אייביגער שקלאַף וואָלט זיך געוואָלט נוקם זיין, גלייך ווי די בעזקייט, וועלכע איז געלעגען בעהאַלטען אין די טויטע נאַטור-חפצים, וואָלט פלוצלינג אַרויסגעפלאַצט, ווי דאָס וואָלט די געדולד פערלוירען און געזוכט, ווי זיך אָבצורעכענען. קיין זאַך איז נישט אַזוי אונברחמנות׳דיג ווי דער צאָרן פון אַ גולם. דער צובושעוועטער קלאָץ שפרינגט ווי אַ פאַנטערע, האָט די שווער

קייט פון אַ העלפאַנד, די פלינקייט פון אַ מויז, די איינגעשפּאַרטקייט פון אַ האָק, דאָס איבעראַשענדע פון אַ כוואַליע, דאָס זעצן פון אַ דונער און די טויבקייט פון אַ קבר. ער וועגט צעהן טויזענד פונט און שפּרינגט ווי אַ קינדער־פּילקע. דאָס איז אַ דרעהען־זיך, דורכגעהאַקט אין גלייכע ווינקלען. וואָס קאָן מען דאָ טהון, און ווי קאָן מען העלפען? אַ שטורם הערט אויף, ציקלאָן געהט פאַרביי, אַ צובראָכענער מאַסט ווערט פאַרביטען אויף אַ נייען, אַ לאָך, דורך וועלכע דאָס וואַסער פליצט אַריין, קאָן פאַרשטאָפּט ווערען, אַ פייער לעשט מען אויס, נאָר וואָס קאָן מען אויפטהון מיט דער אונגעהייערער קופּערנער חיה? וואָס פאַר אַ מיטלען קאָן מען דאָ אָננעמען? אַ בעזען הונד קאָן מען איינגעמען מיט ווערטער, אַן אָקס קאָן מען פערוואונדערען, אַ שלאַנג פערבישופען, אַ טיגער דערשרעקען, אַ לייב ריהרען, אָבער געגען אַזאַ מין בעשעפעניש, ווי אַן אַרמאַט אָבגעריסען פון קייט, איז קיין שום מיטעל נישטאָ.

— הרג'נען קענסטו איהם נישט, ווייל ער איז טויט, און דאָך לעבט ער מיט אַן אייגענאַרטיגען, אונהיימליכען לעבען, וואָס עס בלאָזט אין איהם אַריין די אונענדליכקייט. אונטער זיך האָט ער די שיף, — אַ באָדען, וועלכער ווינט און שאָקעלט איהם; די שיף ווידער ווערט געשאָקעלט פון ים, און דעם ים כוואַליעט דער ווינד, און זיי אַלע צוזאַמען האַלטען־אונטער אָט דאָס פערניכטענדע שפּילצייג, און פון זיי נעהמט זיך זיין שרעקליכעס לעבען. וואָס קאָן מען טהון געגען אַזאַ פלאָנטער פון סבות? ווי קאָן מען צוימען די בעוועגונגען פון דעם דאָזיגען שרעקליכען מעכאַניזם פון פערניכטונג? ווער קאָן פאָראויסזעהן זיין געהן, זיין קומען, זיין פערהאַלטען זיך, זיינע שטויסען, וועלכע קאָנען דורכלעכערען די ווענד פון דער שיף? ווער קאָן דאָס אויסרעכענען זיינע שרעקליכע פערדרעהטע וועגען? דאָ האָט מען צו טהון מיט אַ משא, וואָס קלערט, דוכט זיך, איבער, האָט איהרע אייגענע רעיונות און בייט יעדע מינוט איהר ריכטונג. ווי קאָן מען איינהאַלטען דאָס, וואָס מען דאַרף אויסמיידען? דער שוידערליכער האַרמאַט וואַרפט זיך משוגע'נערוויי, לויפט פאָראויס, טרעט צוריק, קלאַפּט רעכטס, זעצט לינקס, ענטלויפט, געהט פערביי, נאַרט־אָב אַלע ערוואַרטונגען, צעשמעטערט אַלע שטערונגען, הרג'עט מענשען ווי די פליגען. די גאַנצע שרעקליכקייט פון דער לאַגע איז די בעוועגליכקייט פון באָדען. ווי איז דאָס מעגליך צו בעקעמפען אַ אויסגעבויגענעם שטח, וואָס האָט זיינע קאַפּריזען. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די שיף טראָגט אין איהר בויך אַ געפאַנגענעם בליץ, וואָס זוכט אַן אויסוועג. עס האָט עפּעס ענליכעס צו אַ דונער, וואָס קייקעלט זיך אין מיטען פון אַ ערדציטערניש.

אין אַ מינוט איז שוין די גאַנצע מאַנשאַפט געווען אויף די פיס. דאָס אומגליק איז געשעהן צוליב דער אָבגעלאָזענקייט פון אַ קאַנאָניר, וועלכער האָט פערגעסען צו פערשרויפען דעם שרויף אין דער קייט, וואָס בינדט די באַטערעע און שלעכט פערטאָרמאַזירט די פיער רעדער פון אַרמאַט; צוליב דעם האָט ער זיך הין און צוריק בעוועגט, ביז דער שטריק האָט געפּלאַצט און דער אַרמאַט האָט זיך אויפגעהערט צו האַלטען אויף דער לאַפעטע. און ווען אַ שטאַרקע כוואַליע האָט אַ שלאָג געטהון אין באָרט, איז דער שלעכט צוגעבונדענער אַרמאַט אָבגעשפּרונגען, איבער-עריסען די קייט און זיך אָנגעהויבען צו קייקלען אין צווישען-דעק. אַז מען וויל בעקומען אַ בעגריף פון דעם מין מאָדנעם גליטשען-זיך, זאָל מען זיך פאָרשטעלען אַ טראָפּען וואַסער, וואָס טריפט אַראָב אויף אַ גלאָז.

אין דער צייט, ווען די קייט האָט געפּלאַצט, האָבען זיך די קאַנאָני-ען געפינען אין דער באַטערעע. אַנדערע זענען געזעסען גרופּענווייז, אַנ-ערע בעזונדער, פערנומען מיט הכנות און וואַרטענדיג אויפ'ן רוף צום קאַמף. דער אַרמאַט, אַראָבגעוואָרפען דורך אַ בויג פ'ן שיף, האָט גלייך געמאַכט אַ לאָך אין דער קופּע מענשען, און באַלד פון ערשטען שטויס דערהרג'עט פיער פון זיי. דערנאָך, אַז די שיף האָט זיך אַ בויג געטהון אויף זייט, איז ער אָבגעשפּרונגען, צושניטען אַ פינפטען אויף דער העלפט און זיך אַ לאָז געטהון צו דער לינקער וואַנד פון דער שיף, אָבשטויסענדיג אַרמאַט פון דער באַטאַרעע. און דאָס איז געווען דער פערצווייפעלטער געשריי, וואָס מען האָט געהערט. אַלץ האָט זיך אַ לאָז געטהון צו דעם עק-לייטער. אין איין אויגענבליק איז די באַטערעע פּוסט געוואָרען.

דער אונגעהויערער אַרמאַט איז איבערגעלאָזען געוואָרען פאַר זיך אַליין, אַלס פולשטענדיגער בעל-הבית פון דער שיף, מיט וועלכער ער האָט געקאָנט מאַכען, וואָס ער האָט נור געוואָלט. די מאַטראָסען, וועלכע זענען געוואוינט געווען צו לאַכען אין רעכטען ברען פון דער מלחמה, האָבען געציטערט. עס איז שווער צו בעשרייבען זייער שרעק.

דער קאַפּיטאַן בואַבערטלאָ און זיין געהילף וויעוויעל, מענשען, וועלכע זענען געווען בעוואוסט מיט זייער העלדענמוט, זענען געבליבען שטעהן אויף די אויבערשטע שטיגען און בלייכע, שטומע, נישט זיכערע אַראָבגעקוקט אין צווישען-דעק. עמיץ האָט זיי מיט עלענבויגענס אַוועקגעשטויסען און אַראָב אויפ'ן לייטער. דאָס איז געווען יענער פּאַסאַזשיר, דער פּויער, דער מענש, וועגען וועלכען זיי האָבען נאָר וואָס געשמועסט. דערגרייכענדיג צום לעצטען שטאַפּעל, איז ער געבליבען שטעה

אין צווישען-דעק איז דער ארמאט דערווייל געלאפען הין און צוריק; מען האט געקאנט מיינען, אז עס איז דער לעבעדיגער רייט-וואגען פון אפאקאליפסיס.

דאס ציטריגע ליכט פון דער לאמטערנע, וועלכע האט זיך געוויגט אויפ'ן וואנד פון דער שיף ביי דער באטערע, האט צוגעגעבען דעם בילד א שווינדלענדע בעלויכטונג, גלייך ווי א שנעלעס הין- און- הער וויגען זיך פון ליכט און שאטען. ביי דער געשווינדיגקייט פון לויפען האט דער ארמאט פערלארען זיין געשטאלט. דא איז ער ווי א שווארצער שאטען אדורך די ליכטיגע ערטער, דא האט ער אין דער פינסטערניש אבגעשפיגעלט בלייכע פלעקען.

און דערווייל האט ער ווייטער געפיהרט זיין פערניכטונגס-ארבייט; ער האט צעשמעטערט פיער אנדערע ארמאטען, אויסגעהאקט אין דער וואנד צוויי שפאלטען; צום גליק — איבער'ן וואסער; אין א צייט פון שטורם אבער האט דאס וואסער לייכט געקאנט אריינקומען. מיט א שרעקליכען צארן האט זיך דער ארמאט געווארפען אויפ'ן קארפוס פון שיף, די אינווענינסטע ווענטלעך האבען זיך געהאלטען נאר א דאנק דעם עלאסטישען האלץ, וואס איז בעזונדערס שטארק געווען. מען האט געקאנט הערען, ווי זיי קנאקען אונטער'ן דרוק פון דער אונגעהויערער משא, וועלכע האט מיט אן „אומעטום-זיין” געקלאפט אין זיי פון אלע זייטען. ווען מען טרייסעלט א שרויטעלע אין א פלאש, וואלט דאס נישט שנעלער און אוגזיניגער געשטויסען, ווי דער ארמאט. זיינע פיער רעדער זענען איבערגעפאהרען הין און צוריק איבער די הרוגים, געשניטען זיי, נעריסען זיי, אזוי, אז פון פינף מתים האט געמאכט צוואנציג שטיקער, וועלכע האבען זיך געקאליערט אין דער גאנצער ברייט פון דער באטערע. די טויטע קעפ האבען ווי געשריען, טייכען בלוט האבען גערינען הין און צוריק אויפ'ן באדען, לויט די וואקלענישען פון דער שיף. דער אינווענינסטער אומשלאג פון שיף, צושעדיגט אין עטליכע ערטער, האט זיך אנגעהויבען אבצורייסען פון די ווענד און די גאנצע שיף איז פול געווען מיט א ווילדען גערויש.

דער קאפיטאן איז שנעל צו זיך געקומען. לויט זיינעם א בעפעהל האט מען דורך די שטיגען גענומען אראבווארפען אין צווישען-דעק אלץ, וואס האט נאר געקאנט שטערען אדער איינהאלטען דעם משוגע'נעם לויף פון ארמאט, מאטראצען, האמאקעס, זעגלען, ראלען-שטריק, זעק מיט זאכען, גאנצע פעק מיט פאלש געלד, מיט וואס די קאראוועטע איז געווען געלאדען, ווייל בשעת מלחמה האט מען די דאזיגע ענגלישע געמיינהייט געהאלטען פאר א כשר מיטעל. אבער וואס האבען געקאנט העלפען די אלע שמאטעס, ווען קיינער האט זיך נישט געוואגט אראבצוגעהן אונטען אין

אויסצולעגען אלץ אויף די ריכטיגע ערטער. אין א מינוט ארום איז אלץ צופליקט געווארען.

צום אונגליק איז דער ים געווען גענוג רוהיג. א שטורם וואלט גראד איצט געווען, ווי געוואונשען, ווייל ער וואלט אפשר געקאנט דעם ארמאט איבערוואַרפען מיט די רעדער ארויף און עס וואלט דאן מעגליך געווען זיך מיט איהם אנ׳עצה צו געבען.

די פערוויסטונג אבער האט דערווייל נישט אויפגעהערט. אין די מאסטען האבען זיך באוויזען שפאלטען. די קראמפהאפסטע קלעפ פון ארמאט האבען צובראכען דעם פאר-מאסט און צושעדיגט אפילו דעם גרויסען מאסט. די באטערעע האט זיך פונאנדערגעריסען. פון די דרייסיג ארמאטען זענען צעהן געווארען אונפעהיג צום קאמף. די לעכער אין די וועגד פון שיף זענען געווארען וואס א מאל אלץ גרעסער, און דאס וואסער האט שוין אנגעהויבען ארייננצודרינגען אין דער קארוועטע.

דער אלטער מאן, וואס איז אראב אין צווישען-דעק, האט אויסגעזעהן אויפ׳ן לעצטען שטאפעל פון לייטער ווי א אויסגעהאקטע פיגור פון שטיין. ער האט געווארפען א שטרענגען בליק אויף דעם ארומיגען חורבן און געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט. עס האט זיך געדאכט, אז אין דער באטערעע איז אונמעגליך א פוס צו שטעלען.

יעדע בעוועגונג פון דעם ארמאט האט געדראהט די שיף מיט אונטערגאנג. נאך עטליכע מינוט און א שיפס-בורך איז געווען אונפערמיידליך.

עס איז געבליבען איינס פון די ביידע: אדער אונטערגעהן, אדער געפונען א מיטעל, ווי דאס אונגליק צו פערהיטען. מען האט געמוזט אננעהמען א בעשלוס. נאר וועלכען?

ווי בעקעמפט מען אט דעם שרעקליכען ארמאט?

ווי האלט מען-איין דעם שרעקליכען משוגענעם?

ווי כאפט מען און ווי האלט מען איין א בליץ?

ווי ווארפט מען צו דער ערד און מען בינדט א דונער?

בואבערטלא האט זיך געווענדעט צו וויעוויל: — קאוואליר איהר גלויבט אין גאט?

— יא, ניין, ווי אמאל – האט געענטפערט וויעוויל.

— און ווען עס איז א שטורם?

— יא, אויך אין אזעלכע מאמענטען, ווי דער איצטיגער.

— איין גאט קאן אונז ארויסראטעווען פון דעם אונגליק, האט בואבערטלא געזאגט.

אלע האבען געשוויגען און דער ארמאט האט ווייטער געמאכט זיין

שוידערליכֿען טומעל. פֿון דרייסען האָט אַ כוואַליע אָבגעשפּריצט אויף זיינע קלעפּ, זעצענדיג אין דער שיף מיט ים-שטויסען; פּונקט ווי צוויי האַמערס וואָלטען זיך געביטען איינער נאָך דעם אנדערן.

אין דעם דאָזיגען אונערהערטען צירק, וואו עס איז אַרומגעשפּרונגען אַ ווילדער אַרמאַט, האָט זיך פּלוצלינג בעוויזען אַ מענש מיט אַ אייזער-נעם שטאַנג אין דער האַנד. דאָס איז געווען דער שולדיגער אין דער קאַ-טאַסטראָפֿע, דער קאַנאָניער, וועלכער האָט מיט זיין נאַכלעסיגקייט דעם אונגליק געבראַכט. זייענדיג די סיבה פֿון דער שרעקליכער געשעהעניש, האָט ער איצט געוואָלט אַלץ צוריק פֿעריכטען. און האַלטענדיג אין איין האַנד אַ שטאַנג און אין דער צווייטער אַ שטריק מיט אַ פּעטליע, איז ער אַראָבגעשפּרונגען אין צווישען-דעק.

אין דעם מאָמענט האָט זיך עפּעס ווילדעס אָבגעשפּילט; אַ טיטאַנישע פֿאָרשטעלונג; אַ קאַמף פֿון דעם אַרמאַט געגען קאַנאָניער; אַ קאַמף צווישען דעם חומר און דעם רוח, אַ דועל צווישען אַ חפֿץ און מענש.

דער מענש האָט זיך אין אַ ווינקעל געשטעלט מיט שטאַנג און שטריק אין ביידע פֿויסטען, אָנגעשפּאַרט אָן אַ טיר, פֿעסט אויף זיינע צוויי פֿיס, ווי צוויי שטאָהלענע זיילען, אַ בלאַסער, אַ קאַלטער, אַ טראַגישער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען איינגעוואָרצעלט אינ'ם באָדען, אַזוי איז ער געשטאַנען אין געוואַרט.

ער האָט געוואַרט, אַז דער אַרמאַט זאָל נאָהנט פֿאַר איהם פֿאַרבייגעהן.

דער קאַנאָניער האָט געקאָנט זיין אַרמאַט און איהם האָט זיך געדוכט, אַז איך ער דאַרף איהם קענען, זיי האָבען דאָך אַזוי לאַנג געלעבט צוזאַמען!

וויפֿיל מאָל האָט ער איהם די האַנד אין מויל אַריינגעשטעקט! עס איז דאָך געווען זיין נאָהנט ווילד בעשעפֿעניש. ער האָט אָנגעהויבען צו איהם צו שמועסען, אַזוי ווי צו זיינם אַ הונד.

— קום — האָט ער איהם ווי צוגערופֿען. ווער ווייס אפֿשר האָט ער איהם גאָר ליעב געהאַט.

עס האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך צו איהם דערנעהנטערן.

נאָר צו-קומען צו איהם, וואָלט געווען גלייך, ווי אַריבערגעהן איבער איהם. און דאַמאָלס איז ער פֿערלאָרען. ווי אַזוי איז דאָ מעגליך אויסצו-מיידען אַ צערקוועטשונג, דאָס איז געווען די גאַנצע פֿראַגע, אַלע האָבען זיך איינגעקוקט, אַרומגעכאַפּט מיט אַ שרעק.

קיין איין ברוסט האָט ניט אָבגעאָטעמט פֿריי אַחוץ אפֿשר דעם אַל-טענ'ס, וואָס איז געשטאַנען אַליין אין צווישען-דעק צוזאַמען מיט די צוויי

קעמפענדע, אזוי ווי א שרעקליכער עדות פון זייער קאמף.

ער האט אליין געקאנט פון דעם ארמאט צערשמעטערט ווערען, ער האט זיך אבער פון דעם ארט נישט גערירט.

און אונטער זיי האט די בלינדע כוואליע אנגעפירט מיט דעם קאמף.

אין דעם מאמענט אבער, ווען דער קאנאניער, אננעהמענדיג דעם דעם דאזיגען שרעקליכען דועל, האט ווי ארויסגעפאדערט זיין קאנאן צום קאמף, גלייך ווי דער צופאל וואלט געוואלט, אז דער ארמאט זאל א דאנק א בעוועגונג פון דער שיף א רגע ווי ערשטוינט שטעהן בלייבען „קום דאך“, האט איהם דער מענש צוגערופען. און ס'האט זיך געדאכט, ער הערט איהם.

ער האט פלוצלינג א שפרונג געגעבען אויף איהם. דער מענש האט אויסגעמידען דעם קלאפ.

דער קאמף האט זיך אנגעהויבען.

א אונערהערטער קאמף. א שוואכע בריאה האט זיך גענומען שלאגען מיט א זעלכען, וואס מ'קאן נישט מנצח זיין. א קאמפס-חיה פון פלייש און בלוט איז אנגעפאלען אויף א חיה פון מעטאל. פון איין זייט קראפט, פון דער אנדערער—נשמה.

דאס אלץ איז פארגעקומען אין האלב-דונקעל. עס איז געווען ווי א פערנעבעלטע וואונדער-ערשיינונג — מעטאל און נשמה. עס האט זיך אבער געדוכט, אז אויך דער ארמאט האט אויך א נשמה, נאר א נשמה פון האס און צארן. די דאזיגע בלינדקייט האט געשיינט צו האבען אויגען. דער אונגעהויער האט אויסגעזעהן ווי ער וואלט אויף דעם מענש געלויערט, מען האט געקאנט גלויבען, אז אין דעם דאזיגען מעטאלענעם גוף איז דא עפיס א ביטרעקייט. אויך ער, ווי דער מענש, האט אנגעווארט דעם פאסיגען מאמענט. עס איז געווען א מין גיגאנטישע אייזערנע פליג, וואס האט געהאט א ווילען פון א טייוועל. מינוטענווייז האט זיך דער דאזיגער קאלאסאלער היישעריק אבגעשלאגען אן דעם סופיט פון דער באטערעע, דערנאך צוריקאראבגעפאלען אויף זיינע פיער רעדער, ווי א טיגער אויף זיינע פיער לאפעס און זיך געלאזט לויפען אויף דעם מענשען. דער לעצטער אבער, פלינק, געלענקיג, געשיקט האט זיך געדרעהט ווי א שלאנג אונטער די דאזיגע בעוועגונגען פון דונער. ער האט אויסגעמיטען יעדע בעגעגניש. די קלעפ אבער, פון וועלכע ער האט זיך ארויסגעדרעהט, זענען אויף דער שיף געפאלען און פערגרעסערט איהר צערשטערונג.

א טייל פון דער צובראכענער קייט איז געבליבען הענגען אויף דעם ארמאט. דער דאזיגער טייל, מען ווייס נישט ווי אזוי, האט זיך פערפלאנטערט אין דעם ארמאט'ס ציל-שרויף. אזוי, אז בשעת איין עק פון דער

קײט איז געװען בעפֿעסטיגט אין דער לאַפֿעטע, האָט דער צװײטער עק זיך פֿרײַ משוגענערװײַז געדרעהט אַרום דער אַרמאַט, איבערטרײַבענדיג נאָך מעהר זײַנע שפּרונגען. די ציל־שרויף האָט געהאַלטען די קײט װי אין אַ פֿערמאַכטער האַנד. און די דאָזיגע קײט, צוגעבענדיג צו די קלעפּ פֿון באַראַן אַ קנאַקען פֿון אַ בײַטש, האָט אָנגעמאַכט אַזאַ מורא׳דיגען װירבעל־שטורם, פּונקט װי אַ שטאָלענע האַנד װאָלט געפּאָכט מיט אַ אײַזערנער רוט. די קײט האָט נאָך מעהר בעשװערט און פֿערװיקעלט דעם קאַמף.

און דאָך האָט דער מענש געקעמפֿט. עס איז אַפֿילו געװען מינוטען, װען דער מענש האָט אַפֿילו דעם אַרמאַט אַטאַקירט, ער איז געקראָכען אַרום דער לענג פֿונ׳ם דעק מיט זײַן שטאַנג און שטריק אין דער האַנד.

און דער אַרמאַט, װי פֿערשטעהענדיג, אַז מען װיל איהם דאָ אַרײַנגאַרען, איז אַנטלאָפֿען.

אין דער אונערשראָקענער האָט איהם פֿערפֿאָלגט.

אַזױנע זאַכען קענען אָבער לאַנג נישט דויערן; עס האָט זיך געדראַכט, װי דער קאַנאָן װאָלט זיך פּלוצלינג אַ זאָג געטהון: גענוג אַ סוף זאָל עס נעהמען! און האָט זיך ענדליך אָבגעשטעלט מען האָט געפֿיהלט, אַז עס דערנעהנטערט זיך שוין די ענדע. עס האָט זיך געדאַכט — אָדער אפשר איז דאָס אַן אמת געװען (װײַל איז דעם מאָמענט האָבען איהם אַלע געהאַלטען פֿאַר אַ לעבעדיגער בריאה, אַז דער קאַנאָן איז װי אונזיכער פֿערזונקען אין אַ גרױזאַמען איבערלעגען זיך.

פּלוצלינג האָט ער זיך אַ װאָרף־געטהון אויף דעם קאַנאָניער. דער קאַנאָניער האָט זיך געלונגען אָבגערוקט אין אַ זײַט, איהם געלאָזט פֿאַרבײַגעהן און לאַכענדיג געשריען: „נאָכאַמאָל דאָס אײַגענע!“ דער קאַנאָן האָט װי משוגע צעשמעטערט אַנ׳אַרמאַט פֿון דער לינקער זײַט פֿון שיף; דערנאָך, אונטערגעכאַפּט דורך אַ אונזיכטבאַרען שלײַדער, װעלכער האָט איהם געהאַלטען, האָט ער זיך געװאָרפֿען פֿון דער רעכטער זײַט שיף אויף דעם מענש, װאָס איז װידער אַנטרונען. דרײַ קאַנאָנען זענען צוהאַקט געװאָרען פֿון דעם שטוים, נאָכדעם נישט װיסענדיג אַלײן װאָס צו טהון, האָט ער זיך װי פֿערבלענדט געװענדט מיט דעם רוקען צום מענשען, זיך אָנגעהויבען צו קײַקלען פֿון הונטען אויף פֿאָרנט, צעטרײַסעלט אַ באַלקען אין דעם פֿאָדערשטערטער טײל פֿון דעם שיף און שיער נישט דורכגעהאַקט די װאַנד. דער מענש איז איבערגעלאָפֿען צו די שטיגען עטליכע שריט פֿון דעם אַלטען, דעם עדות פֿון קאַמף. דער קאַנאָניער האָט נעהאַלטען גרײט זײַן אײַזערנעם שטאַנג. דער אַרמאַט אָבער האָט איהם, דאַכט זיך, בעמערקט, און נישט אויסדרעהענדיג זיך, האָט ער זיך געװאָרען אויף דעם מענש מיט דער

שנעלקײט פון אקלאפ פון א האק, צוגעשפארט צו דער וואנד, איז דער מענש געווען פארלוירען. די גאנצע מאנשאפט האט ארויסגעלאזען א געשריי פון שרעק.

נאר דער אלטער פאסאזשיר, וואס איז ביז אצינד געשטאנען אומבעוועגליך, האט זיך פלוצלינג א לאז־געטהון שנעלער פון די ווילדעסטע שנעלקײטען פון ארמאט, און האט א לאפ געגעבען א באלען מיט פאלשע באנקצעטלען; עס איז איהם מיט מסירת נפש געלונגען ארונטערצוווארפען דעם פאק אונטער די רעדער פון ארמאט. די דאזיגע ענטשידענע און געפעהרליכע בעוועגונג איז אזוי קונציג און גוט דורכגעפיהרט געווארען פינקט ווי עס וואלט דאס געטהון א מענש וועלכער איז איינגעארבייט אין די אלע איבונגען, וואס זענען בעשריבען אין דעם בוך פון דיראזועל איבער די יםארטילעריע.

דער פאך האט געהאט די ווירקונג פון א שטאפער, א שטיינדיל האלט אפטמאל איין א בלאק, א צווייגעל פון א בוים גוט אמאל א לאווינע אנ'אנדער ריכטונג. דער קאנאן איז געשטרויכעלט געווארען, דאמאלסט האט דער קאנאניער פון זיין זייט אנלאפענדיג דעם פורכטבארען געלענק, אריינגעשטעקט דעם אייזערנעם שטאנג צווישען די שפייכערס פון איינעם פון די אונטערשטע רעדער. דער קאנאן איז געבליבען אריבערגעבויגענערהייד שטעהן.

דער מענש האט אונטערשפארענדיג דעם שטאנג, איהם איבערגעדרעהט. די שווערע מאסע איז אומגעפאלען מיט א גערויש פון א גלאק, וואס קייקעלט זיך און דער מענש, מיט שוייס בעדעקט, האט זיך בלינד געווארפען צום בעזיגטען אונגעהויער און ארומגעכאפט זיין בראנזענעם האלז מיט דער פעטליע.

דער קאמף האט זיך געענדיגט. דער מענש האט געזיגט. די מוראשקע האט בעזיגט א העלפאנט. א קארליק האט געפאנגען גענומען דעם דונער.

די סאלדאטען און מאטראסען האבען געפאטשט בראווא.

די גאנצע מאנשאפט האט זיך א ווארף־געטהון מיט שטריק און קייטען און אין איין מאמענט איז דער ארמאט געווען געבונדען.

— דער קאנאניער האט סאלוטירט דעם גענעראל.

— מיין הער, האט ער איהם געזאגט, איהר האט מיר געראטעוועט דאס לעבען.

דער אלטער האט צוריק אנגענומען זיין גלייכגילטיגען אויסזעהן און ארג ישט געענטפערט.

VI.

די צווײ שאָלען פֿון דער וואָג.

דער מענש האָט מנצח געווען, נאָר מען קאָן זאָגען, דאָס אויך דער קאַנאָן האָט געזיגט, מען האָט אפילו אויסגעמידען אַ אונמיטעלבאַרען שיפֿס־ברוך, די שיף אָבער איז דערפֿון נישט געראַטעוועט געוואָרען: דער שאָדען איז נישט געווען צו פֿערריכטען.

דער בעשלאַג־גאַרטעל פֿון דער שיף האָט געהאַט פֿינף עפֿנונגען, אײנע אין דעם פֿאָדערשטען טײל גאָר אַ גרויסע פֿון די דרײסיג אַרמאַטען וועגען צוואַנציג געלעגען צושעדיגט אין זײער אײנפֿאַסונג. אַפֿילו דער קאַנאָן, וועלכען מען האָט ענדליך געפּאַקט און צוריק פֿערפֿעסטיגט אין די קײט, איז שוין נישט געווען צו געברויכען; דער ציעלשרויף פֿון קאַנאָן איז געווען צעבראָכען, די אַנלאָדונג איז נישט מעגליך געווען. די באַטעריע איז אַלזאָ געבליבען בײ נײן אַרמאַטען. אין אונטערשטען שיפֿסרוים האָט שוין אָנגעהויבען אַרײנצודרינגען וואַסער. מען האָט געמוזט באַלד, בכדי צופֿערהיטען פֿון אַ שיפֿס־ברוך, לאָזען די פּלומפּען אין גאַנג.

דער צווישען־דעק, וואו מען האָט שוין יעצט געקאָנט אַרײנקוקען, האָט פֿאָרגעשטעלט אַ שרעקליך בילד. אַ שטײג פֿון צעווילדעוועטען העלפֿאַנט דאַרף אינווענינג נישט זײן מעהר צושעדיגט.

ווי וויכטיג עס איז נישט געווען פֿאַר די קאָרוועטע צו בלײבען פֿאַר'ן שונא אונבעמערקט, איז דאָך נאָך וויכטיגער געווען — אַ באַלדיגע רעטונג. מען האָט געמוזט דעם אויבערשטען דעק דאָ און דאָרט בעלויכטען מיט עטליכע לאַמטערנעס.

אין דער גאַנצער צײט וואָס עס האָט געדויערט דער טראַגישער קאַמף זײנען די מאַטראָזען וועגען געווען אינגאַנצען אַרומגעכאַפּט פֿון דער פֿראַגען לעבען אָדער טויט, האָט מען גאָרנישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך אין דרויסען. דער נעבעל האָט זיך דערווײל נאָך מעהר פֿערגרעסערט; דער ווען טער האָט זיך געביטען; דער ווינד האָט געפֿיהרט מיט דער קאָרוועטע, וואוהין ער האָט געוואָלט; מען האָט זיך געפֿינען נישט אויף דעם ריכטיגען וועג, נעהנטער צו דזשערסײ און גערנסעי, נור דרום־דיגער, וואו מען האָט אײגענטליך געדאַרפֿט זײן. גרויסע כוואַליעס האָבען גענומען קושען די אַפּע־

נע וואונדען פון דער קאָרוועטע-געפעהרליכע קושען, דאָס וויגען זיך פון דעם ים איז געוועזען בעדראָהענד. און פון דעם קליינעם ווינטעל איז געוואָרען א צפון-ווינד. עס איז געווען צו ערווארטען א שטורם-ווינד. פאר עטליכע שריט איז גאָרנישט געווען צו זעהן.

אין דער צייט, וואָס די מאנשאפט האָט גיך פערריכט די געפעהרליכע פערוויסטונגען אין דעם צווישענדעק,—פערשטאָפט די לעכער, פון וואנען דאָס וואסער איז אריין, צוריקגעשטעלט אויף אָרט די נישט צושעדיגטע ארמאטען, איז דער אלטער פאסאזשיר ארויף אויפ'ן אויבערשטען דעק.

ער האָט זיך אָנגעשפארט אָן דעם גרויסען מאסט.

ער האָט קיין שום אכט נישט געלעגט אויף דער בעוועגונג, וואָס האָט זיך דערוויילע געמאכט אויף דער שיף.

דער קאוואליר לא וויעוויל האָט אויסגעשטעלט פון ביידע זייטען פון גרויסען מאסט די ים-אינפאנטעריע אין שלאכט-אָרדנונג און אויף א פייף פון דעם פיהרער פון דער מאנשאפט, האָבען זיך די מאטראָסען, וועלכע זענען געווען פערנומען ביי די מאנעווערען, אוועקגעשטעלט נעבען די זעגעל-שטאנגען.

גראף בואבערטלאָ איז צוגעגאנגען צו דעם פאסאזשיר.

הונטער דעם קאפיטאן איז נאָכגעגאנגען א מענש, א ווילדער, אָהן אָטעם, די קליידער אין אונאָרדנונג, נאר דאָך מיט א צופרידענע מינע.

דאָס איז געווען דער קאנאָניער, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזען צו דער רעכטער צייט אלס בעצווינגער פון אייזערנע אונגעהויערן און וואָס האָט בעזיעגט דעם ארמאט.

דער גראף האָט מיליטעריש סאלוטירט דעם אלטען אין פויערישע קליידער און איהם געזאָגט: — הער גענעראל, אָט איז דער מענש.

דער קאנאָניער איז געשטאנען אויסגעצויגען מיט אראָבגעלאָזענע אויגען.

בואבערטלאָ האָט זיך ווידער אָנגערופען.

— הער גענעראל, ווי מיינט איהר איז דער דאָזיגער מענש, וואָס האָט יעצט אזוי פיעל אויפגעטהון נישט ווערט, דאָס אז זיינע אָנפיהרער זאָלען אויך פאר איהם עפּעס טהון?

— יאָ, איך מיין אויך אזוי, האָט אָבגעענטפערט דער אלטער מאן.

— זייט אזוי גוט, גענעראל און גיט די נויטיגע פעראָרדנונגען האָט בואבערטלאָ צוגעגעבען.

— דאָס געהערט דאָך צו אייך. איהר זייט דאָך קאפיטאן.

— אָבער איהר זייט דאָך גענעראל — האָט אָבגעענטפערט בואבערטלאָ.

דער אַלטער האָט אָנגעקוקט דעם קאַנאָניער.

—דערנעהנטער דיך,—האָט ער איהם געזאָגט. דער קאַנאָניער האָט געגעבען אַ שריט פאָראויס.

דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרעהט צו דעם גראַף בואַבערטלאָ, אַראָבגענומען דעם קרייץ פון הייליגען ליודוויג פון קאַפּיטאַן און אַריינגעשטעקט אין גראָבען העמד פון דעם קאַנאָניער.

—הוראַ! האָבען אויסגעשריען די מאַטראָסען.

—די מאַרינען-סאָלדאַטען האָבען פּרעזענטירט דאָס געוועהר.

און דער אַלטער פּאַסאַזשיר, אָנווייזענדיג מיט דעם פינגער אויף דעם ערשטוינטען קאַנאָניער, האָט ער צוגעגעבען:

—איצט, שיסט דעם דאָזיגען מענשען. נאָך די פריידיגע אויסגעשרייען זענען איצט אַלע פּעדבליפּט געוואָרען.

דאַמאָלס, אינמיטען פון דער טויט-שטילקייט, וואָס איז געוואָרען אַרום, האָט דער אַלטער אויפגעהויבען זיין שטים און געזאָגט:

אַ נאַכלעסיגקייט האָט דאָס שיף געשטעלט אין געפאַהר. עס קאָן זיין דאָס זי איז שוין פערלוירען. געפינען זיך אויף דעם ים—הייסט צו זיין געגען שונא. אַ שיף אין מיטען ים הייסט אַן אַרמעע, וואָס פיהרט אַ שלאַכט. אַ שטורם בעהאַלט זיך, אָבער געהט נישט אַוועק, דער גאַנצער ים איז אַ לויער. טויט-שטראַף פאַר יעדען פעהלער, וואָס ווערט בעגאַנגען געגען שונא. נישטאָ קיין פעהלער, וועלכע מען זאָל נישט קאָנען פערריכטען. דער מוט דאַרף צו זיין בעלוינט און נאַכלעסיגקייט—בעשטראָפט.

די דאָזיגע ווערטער זענען געפאַלען איינס נאָך דאָס אַנדערע, פּאַמעלעך. ערנסט, מיט אַ מין אונבעַרחמנות׳דיגען ריטם, ווי די קלעפּ פון אַ האַק אין אַ דעמב.

און דער אַלטער, קוקענדיג אויף די זעלנער, האָט צוגעגעבען:

—ערפילט דעם בעפעהל.

דער מענש, אויף וועמעס גראָבען העמד עס האָט געגלאָצט דער קרייץ פון הייליגען ליודוויג האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

אויף אַ צייכען פון גראַף בואַבערטלאָ, זענען צוויי מאַטראָסען אַראָבגעגאַנגען אין צווישען-דעק און דערנאָך צוריקגעקומען, מיטברענגענדיג דאָס טויטע בעט, דער גלח פון דער שיף, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט פון פאָהרען תפילה געטהון אין דער אָפיצירען-קאַיוטע האָט בעגלייט די מאַטראָסען; אַ סערזשאַנט האָט אָבגעטיילט פון דער קאָמפּאַניע צוועלף סאָלדאַטען, אויפגעשטעלט זיי אין צוויי רייהען, צו זעקס אין אַ רייהע; דער

קאַנאָניער, נישט זאָגענדיג קיין וואָרט, האָט זיך געשטעלט צווישען די צוויי רייהען. דער גלח, מיט אַ קרייץ אין דער האַנד, האָט זיך צוגערוקט נאָהנט צו איהם.

—„מאַרש,” האָט דער סערזשאַנט בעפוילען. די אָבטיילונג איז מיט לאַנגזאַמע טריט געגאַנגען צום פאָדערשטען טייל פון דער שיף, די צוויי מאַטראָסען, טראָגענדיג די תכריכים, זענען נאָכגעגאַנגען.

אַ שווערע שטילקייט האָט זיך פערשפרייט אַרום. אַ ווייטער שטורם-ווינד האָט געבלאָזען.

עטליכע מינוטען שפעטער, האָט זיך אין דער פינסטערגיש דערהערט אַ סאַלווע, אַ ליכט האָט אַ גלאַנץ געטהון און מען האָט דערהערט אַ גערויש פון אַ פאַלענדען קערפער אין דעם ים.

דער אַלטער פּאַסאַזשיר, וואָס איז כסדר געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דעם גרויסען מאַסט, האָט פערלעגט די הענד אויף די ברוסט און זיך טיעף פערטראַכט.

בואַבערטלאָ, אָנווייזענדיג אויף איהם מיט דעם צייג-פינגער פון זיין לינקער האַנד, האָט שטיל איינגערוימט וויעוויל'ן:

—וואַנדעע האָט אַ פיהרער.

VII.

ווער עס לאָזט זיך אויף דעם ים–שטעלט זיך אויף דער לאָטעריע.

וואָס אָבער וועט געשעהן מיט דער קאָרוועטע?

די וואָלקענס, וואָס האָבען זיך אַ גאַנצע נאַכט אויסגעמישט מיט די כוואַליעס, האָבען זיך ענדליך אַזוי אַראָבגעלאָזט, אַז עס איז קיין האָריזאָנט נישט געווען צו זעהן; דער גאַנצער ים איז געווען, ווי אונטער אַ מאַנטעל, אַרום איז גאָרנישט געווען, אַ חוץ אַ נעבעל, אַ צושטאַנד, וואָס איז שטענדיג געפעהרליך, אַפילו פאַר אַ געזונדטע שיף.

נישט געגוג דער נעבעל, האָבען זיך נאָך די כוואַליעס שטאַרק צו-וויגט.

מען האָט זיך בעמיהט די צייט נישט צו פערלירען אומזיסט; האָט מען די קאָרוועטע לייכטער געמאַכט, אַרויסוואַרפענדיג אין ים אַלץ, וואָס מען האָט געקאָנט אַוועקרוימען נאָך דער פערוויסטונג, וואָס דער קאַנאָן האָט אָנגעמאַכט: אַראָבגעריסענע אַרמאַטען, ווייערע צובראָכענע לאָפּאַטעס, פערבויגטע און צושרויפטע באַלעס, שטיקער האָלץ און צובראָכענע אייזענס; מען האָט אויפגעעפענט די טירלעך און אַראָבגעלאָזען אויף ברעטער אין די כוואַליעס די מתים און די רעשטען פון די מענשען איינגעהילט אין גראָבע לייוועכער.

וואָס ווייטער, איז אַלץ שווערער געוואָרען צו האַלטען זיך אויפ׳ן ים. נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס דער שטורם האָט געדראָהט, נאָר פערקעהרט, דער שטורם האָט ווי אָנגעהויבען קלענער ווערען, און דער ווינד האָט זיך פערקערעוועט צו צפון. די כוואַליעס נאָר זענען זעהר הויך געבליבען, וואָס האָט געדינט פאַר אַ סימן, אַז דער גרונד פון ים איז אַ שלעכטער און עס איז אונמעגליך געווען, אַז די צושעדיגטע קאָרוועטע זאָל אויסהאַלטען אַזעל־כע שטאַרקע שטויסען, און די גרויסע כוואַליעס האָבען געקאָנט זיין פאַר איהר זעהר געפעהרליך.

גאַקוּאַל איז געשטאַנען פערטראַכט ביים רודער.

מאַכען אַ פרעהליכע מינע ביים בייזען שפיל, איז ביי די פיהרערס פון אַ שיף אַ געוועהנהייט.

וויעוויל, וואָס איז פון דער נאַטור געווען פרעהליך בשעת אַ געפאַהר, האָט זיך דערנעהנטערט צו גאַקואַל׳ן.

—נו, שטויערמאַן, דער שטורמווינד האָט, דוכט זיך, אָבגעלאָזט. ער האָט געוואָלט אַ גאָס טהון און עס איז איהם נישט געלונגען. מיר וועלען זיך נאָך פון איהם אַרויסדרעהען, מען וועט נאָר האָבען אַ ווינד און גענוג.

—ווער עס האָט ווינד, דער האָט כוואַליעס!—האָט גאַקואַל ערנסט אָב־געענטפערט.

דער אמת׳ער ים-מענש איז קיינמאָל נישט טרויעריג און נישט לאַ־כעדיג. דער ענטפער פון גאַקואַל האָט געקאָנט בעאונרוהיגען. אַ שיף, וואָס לאָזט אַריין וואַסער, קאָן זי ביי שטאַרקע כוואַליעס לייכט אָנפילען. גאַ־קואַל האָט אונטערגעשטראָכען זיין נביאות מיט אַ לייכטען שטערן-ריינצלען. דאָס האָט בעדייט, אַז וויעוויל האָט נאָך די קאַטאַסטראָפע מיט דעם קאַ־גאַן און דעם קאַנאָניער צו שנעל אָנגעהויבען צו רעדען צו איהם אין אַזאַ לייכטזיניגען און לוסטיגען טאָן. עס זענען פאַרהאַן זאַכען, וואָס ברענגען מיט זיך אַ אונגליק, ווען מען געפינט זיך אויפ׳ן אָפענעם ים; דער ים איז פיעל מיט סודות; מען ווייסט קיינמאָל נישט, ווי מען האַלט מיט איהם אין דער וועלט. מען מוז שטענדיג זיין אויף דער וואַך.

וויעוויל האָט דערפיהלט, אַז דאָ מוז מען אָנהויבען מיט אַ ערנסטען טאָן.

—וואו געפינען מיר זיך איצט, שטויערמאַן?

—מיר זענען אויף גאָט׳ס בעראָט—האָט גאַקואַל אָבגעענטפערט.

אַ שטויערמאַן איז דער בעל-הבית פון דער שיף; מען דאַרף איהם שטענדיג לאָזען טהון זיין זאַך און אויך אָפטמאָל פריי זיך אויסרעדען.

אויסערדעס, רעדט דער מין מענש געוויינהנליך זעהר וועניג. וויע-וויל האָט זיך אָבגעטראָגען.

וויעוויל האָט געפרעגט ביי דעם שטויערמאַן אַ קשיא, און דער האָ-ריזאָנט האָט איהם אָבגעענטפערט.

דער הימעל האָט זיך פּלוצלונג אָבגעדעקט.

די נעבלען, וואָס האָבען זיך געטראָגען איבער די כוואַליעס, זענען צוריסען געוואָרען, און ווייט, ווי דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט דערגרייכען, האָבען זיך אין האַלב-טונקעל געזעהן די צובושעוועטע כוואַליעס. דער הי-מעל האָט געהאַט ווי אַ דעקעל פון כמאַרעס; די וואָלקענס אָבער האָבען שוין מעהר נישט דערגרייכט צום ים; אויף מזרח האָט זיך בעוויזען אַ ווייסקייט, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אויפגעהענדען טאָג, און אויף מערב האָט געבלאָסט אַן אַנדערע ווייסקייט: דאָס איז די לבנה אונטערגעגאַנגען. די דאָזיגע צוויי ווייסקייטען, איינע אַנטקעגען דער אַנדערער, האָבען אויס-געזעהן אויף דעם האָריזאָנט, ווי צוויי שמאָלע בענדער פון בלאַסען שיין צווישען דעם טונקעלען ים און פערוואָלקענטען הימעל.

אויף די דאָזיגע צוויי ליכטפּאַסען האָבען זיך בולט אָבגעצייכענט צוויי שוואַרצע סילועטען, גלייכע און אומבעוועגליכע.

אויפ׳ן מערב זייט פון הימעל, בעלויכטען פון דער לבנה, האָבען זיך עטונקעלט דריי הויכע פעלזען, ענהליך צו קעלטישע מזבח׳ס.

אין מזרח, אויף דעם בלייכען האָריזאָנט, פון פריהמאָרגען זענען ער-שינען אַכט שיפען, אויסגעשטעלט אין אַ רייהע און אָבגערוקט איינע פון דער צווייטע אויף אַ זעהר געפעהרליכען אופן.

די דריי פעלזען זענען געווען אַ ריף; די אַכט זעגלען אַ עסקאַד-רע.

הינטער זיך האָט מען געהאַט מינקיער, אַ פעלזען מיט זעהר אַ שלעכ-טען שם, פאַר די פראַנצויזישע קרייצערס. אויף מערב אַ תהום, אויף מזרח אַ בלוטבאָד; מען האָט זיך געפונען צווישען שיפבּרוך און קאַמף.

אום זיך אנטקעגען צושטעלען דעם ריף, האָט די קאָרוועטע פערמאָגט אַ דורכגעלעכערטען גוף, די לינעס, זעגלען און איבעריגע מכשירים זענען געווען אין אונאָרדנונג. די מאַסטען צעטרייסעלט; און ווידער אויף ענטקע-גען-צושטעלען זיך דעם שונא, האָט זי געהאַט אַ אַרטילעריע פון דרייסיג אַרמאַטען, פון וועלכע איין און צוואַנציג זענען געווען צעשעדיגטע. און די בעסטע קאַנאָניערען זענען געווען גע׳הרג׳עט.

עס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו טאָגען, און מען האָט נאָך געהאַט

אר זיך אַ שטיקעל נאַכט. די דאָזיגע נאַכט האָט נאָך געקאָנט דויערן גע-
וג לאַנג צוליעב די וואָלקענס, וועלכע זענען געווען געדיכט און טיעף
ון אויסגעזעהן, ווי אַ פעסטער באַלקען.

דער ווינד, וואָס האָט אַוועקגעיאָגט די נעבלען פון אונטען. האָט גע-
טויסען די קאָרוועט צו די פעלזען צו.

אין דעם צושטאַנד פון אַנגעשטרענקטקייט און צעשטערונג, אין וועל-
ע די שיף האָט זיך געפונען, האָט זי שוין כמעט ווי נישט געהאָרכט דעם
ודער; זי האָט זיך מעהר געקייקעלט, ווי געשוואומען, און געטריבען פון
י כוואַליעס, האָט זי זיך געלאָזט פון זייי פיהרען. די טראַגישע פעלזען,
עמינקיער זענען אַ מאָל נאָך שרעקליכער געווען, ווי היינט. אַ סך טורמס
ון דעם דאָזיגען תהום-ציטאַדעל זענען צעלייגט געוואָרען פון די ים-
וואַליעס; אויך אין דעם פאָרם בייטען זיך די פעלזען; יעדע כוואַליע איז
אַר זיי, ווי אַ צאָהן פון אַ זעג. אין יענער צייט אָבער האָט דאָס צוריח-
ען זיך צו די מינקיער'ס געדראָהט מיט אונטערגאַנג.

וואָס אַנבעלאַנגט די קרייצערס, איז דאָס געווען די עסקאַדרע פון
אַנקאַל, וועלכע איז דערנאָך בעריהמט געוואָרען אונטער די אַנפירונג פון
אַפיטאַן דיושען, וועלכען לעקיניאָ האָט אַ נאָמען געגעבען, „פאָטער דיו-
ען

די לאַגע איז געווען זעהר אַ קריטישע. בשעת דער קאַנאָן האָט זיך
בגעריסען, איז די קאָרוועטע דערוייל אַראָב פון וועג און זיך פאַרקירע-
עט גיכער צו גראַנוויל, ווי צו סען-מאַלאָ. ווען זי וואָלט אַפילו אימשטאַנד
ווען צו שווימען מיט אויסגעשפרייטע זעגלען, וואָלטען די פעלזען לע-
נקיער איהר פאַרשטעלט דעם וועג צו דזשערסיי, און די קרייצער, ווידער,
אָלטען איהר געשטערט צו צושווימען צו די ברעגען פון פראַנקרייך.

איבריגענס, האָט דער שטורם אינגאַנצען אויפגעהערט. נאָר ווי דער
טויערמאַן האָט עס פאָרויסגעזאָגט, זענען געווען שטאַרקע כוואַליעס. דער
, צעוויגט דורך אַ שטאַרקען ווינד און ביי נישט קיין גלייכען גרונד, איז
וועזן ווילד.

דער ים זאָגט קיינמאָל נישט, וואָס ער וויל. און דער אָבגרונד קאָן
אַפילו רייצען. מען וואָלט זאָגאַר געקאָנט זאָגען, אַז דער ים האָט זיך
נע חשבונות, ער געהט פאָראויס און צוריק, זאָגט צו און נעהמט צוריק
ן וואָרט, ער גרייט צו אַ שטורם און איז זיך מישב, ער זאָגט און ער-
לט נישט, ער בעדראָהט דעם צפון און פאַלט אָן אויפ'ן דרום. די גאַנצע
כט האָט די קאָרוועטע „קליימאָר" געליטען פון נעבעל און געהאַט מורא

פאַר אַ שטורם; דער ים האָט אָבער האָט אָבגענאַרט, און דאָס אויף אַ שרעקלי־כען אופן; ער האָט געשראָקען מיט אַ שטורם און געגעבען־פּעלוען. ס'איז געווען דערזעלבער שיף־ברוך, נאָר אונטער אַן אַנדערער פאָרם.

און צום אונטערגאַנג ביי די פעלזען איז נאָך צוגעקומען די פּערטי־ליגונג דורך דער שלאַכט. איין פיינד דערפילט דעם צווייטען. לאַ־וויעוויד האָט אויסגעשריען אינמיטען זיין מוטיגען לאַכען:

—דאָ אַ שיף־ברוך, דאָרט אַ שלאַכט. פון ביידע זייטען האָבען מיר דעם הויפּט־טרעפער.

VIII.

9—380

פון דער קאָרוועטע זענען געבליבען כמעט ווי רעשטלעך.

אין דער בלאַסער און צערשטרייטער ליכטיגקייט, אין דער שוואַרצ־קייט פון די וואָלקענס, אין דער צומישטער בעוועגליכקייט פון דעם האָרי־זאָנט, אין די סודות'דיגע רינצלען פון די כוואַליעס, איז געלעגען אַ טויטע זייערליכקייט. אַ הוך דעם ווינד, וואָס האָט פיינדליך געבלאָזען, האָט אַלץ אַרום געשוויגען. דער אומגליק איז אַרויסגעשטיגען פון אָבגרונד מיט ער־האַבענהייט. עס איז גיכער געווען עהנליך אויף אַ געשפּענסט, ווי אויף אַן אַטאַקע. אין די פעלזען האָט זיך גאָרנישט בעוועגט, אויף די שיפען האָט זיך גאָרנישט גערירט. עס איז אַרום געווען אַ וואונדערבאַרע שטילקייט. צי האָט דאָס אַלץ געקאָנט זיין אַ ווירקליכקייט? מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אַ חלום האָט זיך אַדורכגעטראָגען איבער דעם ים. אין די לעגענדעס

טרעפט מען אפט א װעלכע ערשײנונגען. די קאראװעטע איז געװען צװישען פעלזען-טײװעל און פלאט-געשפענסטער.

דער גראף בואבערטלא האט אין דער שטיל געגעבען בעפעהלען לא װיעװיל'ן, װעלכער איז אראב אין די באטערעע. דערנאך האט דער קאפי- טאן גענומען די לארנעטע און זיך אװעקגעשטעלט פון הינטען נעבען דעם שטויערמאן. די גאנצע אנשטרענגונג פון גאקואל איז בעשטאנען אין איינ- האלטען די קאראװעטע גלייך אויף די כװאליעס, װײל, װען זי זאל דורך דעם װינד אין דעם ים גענומען װערען פון א זײט, װאלט זי זיך אומגעדרעהט.

— שטויערמאן, — האט געפרעגט דער קאפיטאן, — װאו געפינען מיר זיך ?

— בײ די מינקיער'ס.

— פון װעלכער זײט ?

— פון דער שלעכטער.

— װאס פאר א גרונד ?

— שארפע פעלזען.

— קאן מען פערװארפען דעם אנקער ?

— מען קאן שטענדיג שטארבען.

דער קאפיטאן האט אנגעשטעלט זײן לארנעטע צו מערב און ארומ- געקוקט די מינקיער'ס ; דערנאך האט ער זיך געװענדעט געגען מזרח און בעטראכט די זעגלען.

דער שטויערמאן האט װײטער גערעדט, װי צו זיך אלײן :

— יא, דאס זענען די מינקיער'ס. דאס דינט פאר דער לאכענדער מעװע אלס א ארט זיך אויסצורוהען, װען זי קומט פון האלאנד ; און אויך פאר דער גרויסער ים-מעװע מיט דעם שװארצען מאנטעל.

דער קאפיטאן האט דערװײל געצעהלט די זעגלען עס איז װירקליך געװען אכט שיפען, אויסגעשטעלט אין דעם נויטיגען סדר, האבען זײ ארויס- גערוקט איבער דעם װאסער זײער קריגערישען פראפיל.

— קאנט איהר די דאזיגע זעגלען ? האט דער קאפיטאן אויסגעפרעגט דעם שטײערמאן.

— יא, געװיס, — האט איהם גאקואל אבגעענטפערט.

— װאס איז דאס אזעלכעס ?

— עס איז א עסקאדרע.

— פון פראנקרײך ?

— פון טײװעל.

זיי זענען אַנטשוויגען געוואָרען

— איז דאָס שוין די גאַנצע עסקאַדרע? — האָט דער קאַפּיטאַן ווי־דער אָנגעהויבען.

— ניט די גאַנצע.

און באמת האָט וואַלאָזע דעם 2־טען אַפּריל מודיע געווען אין קאָנ־וועגט, אַז צעהן פרעגאַטען און זעקס ליניען־שיפען שווימען אום אין דעם קאַנאַל לאַ מאַנש. דער קאַפּיטאַן האָט זיך דאָס ערשט דערמאָהנט.

— ווירקליך, — האָט ער געזאָגט, — די עסקאַדרע בעשטעהט פון זעכצעהן שיפען און דאָ געפינען זיך נאָר אַכט.

— די איבריגע, — האָט גאַקואַל געזאָגט; — שלעפען זיך אַרום אין דער גאַנצער לענג פון'ם ברעג און שפּיאָנירען.

דער קאַפּיטאַן, קוקענדיג אַלץ אינאיינעם דורך זיין לאָרנעטע, האָט געמורמעלט:

— איין שיף מיט דריי דעקען, צוויי ערשטקלאַסיגע פרעגאַטען, פינף צווייקלאַסיגע.

— אָבער איך האָב זיי אויך שפּיאָנירט, האָט גאַקואַל געברומט.

— גוטע שיפען! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, איך האָב אַביסעל מיט דעם אַלעם אָנגעפיהרט.

— און איך, — האָט זיך אָנגערופען גאַקואַל, — קען זיי אַלע פון דער נאָהנט. איך וועל ניט פערבייטען איינע אויף דער צווייטע. זיי האָבען זיך מיר אַלע גוט איינגעקריצט אין מוח.

דער קאַפּיטאַן האָט איבערגעגעבען די לאָרנעטע גאַקואַל'ן.

— שטויערמאַן, דערקענט איהר די ליניען־שיף?

— יאָ, הער קאַפּיטאַן, דאָס איז די שיף „קאָטז'אָר".

— וואָס, זיי האָבען זיך משנה שם געווען? — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — עס האָט אַמאָל געהייסען „עטאַ־דע־בורגאָן", („בורגונדען־שטאַט") אַ נייע שיף. הונדערט אַכט־און־צוואַנציג קאַנאָנען.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ נאָטיץ־ביכעל און אַ בלייפע־דער און פערשריבען די ציפער 128 און ווייטער אויסגעפרעגט:

— שטויערמאַן, דו קאָנסט די ערשטע שיף פון דער לינקער זייט?

— דאָס איז ל'עקספּערימאַנטיע („די ערפאַהרענע").

— אַ ערשטקלאַסיגע פרעגאַטע, צוויי־און־פופציג קאַנאָנען. מיט צוויי חדשים צוריק האָט זי זיך בעוואָפענט אין ברעסט.

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעצייכענט אין זיין נאָטיץ־ביכעל די ציפער 152

— שטייערמאַן, און ווער איז די צווייטע שיף אין דער לינקער זייט.

— „לאַ דריאַד“.

— אַ ערשטקלאַסיגע פרעגאַטע, פערציג אַכצען־פונטיגע קאַנאָנען, זי איז געווען אין אינדיען. זי האָט איהר שעהנע מיליטערישע פערגאַנגענהייט.

און ער האָט צו די פריהערדיגע ציפער 52 צוגעשריבען די ציפער 46; דערנאָך, אויפהויבענדיג דעם קאָפ, געזאָגט:

— איצט פון דער רעכטער זייט.

— הער קאַפּיטאַן, זיי זענען אַלע צווייטקלאַסיגע פרעגאַטען. עס איז דאָ אַזעלכע פינף שטיק.

— וועלכע איז די ערשטע פון ליניען־שיף?

— „לאַ רעזאָליו“ („די ענטשלאָסענע“).

— צוויי־און־דרייסיג 18־פונטיגע האַרמאַטען.

— און די צווייטע?

— „לע רישמאָן“.

— פון דערזעלבער קראַפט. נו ווייטער?

— „ל'אַטהעע“ („די גאָטלאָזע“).

אַ מאָדנער נאָמען פאַר אַ שיף, וואָס לאָזט זיך אויף דעם ים. ווייטער?

— „לאַ טאַליפּסאָ“.

— ווייטער?

— „לאַ פּרענעז“ („די באַפּערין“).

— פינף פרעגאַטען צו צוויי־און־דרייסיג קאַנאָנען יעדערע.

דער קאַפּיטאַן האָט צוגעשריבען אונטער די פריהערדיגע ציפערן נאָך 160.

— שטויערמאַן איהר דערקענט דאָך זיי גוט?

— און איהר, הערר קאַפּיטאַן,—האָט גאַקואַל אָבגעענטפערט—קענט זיי גוט. דערקענען איז נישט שלעכט, בעסער איז אָבער צו קענען.

דער קאַפּיטאַן האָט אַרײַנגעקוקט אין זיין נאָטיץ־ביכעל און האָט צוזאַמענגערעכענט צווישען די ציין:

— הונדערט אַכט־און־צוואַנציג, צוויי־און־פינפציג, פערציג, הונדערט אַכציג.

אין דעם אויגענבליק איז וויעוויל אַרויף אויף דעם דעק.

— קאַוואַליער,—האָט איהם צוגעשריען דער קאַפּיטאַן,—מיר האָבען עגיזן זיך דריי הונדערט און אַכציג קאַנאָנען.

— מײַנעטוועגען האָט געזאָגט וויעוויל.

איהר זענט נור־וואָס געווען אין דער באַטעריע, לאַ וויעוויל; וויפיעל האָבען מיר אײַנענטליך קאַנאָנען, וואָס וועלען אימשטאַנד זיין צו געבען פייער.

— נײַן.

— מײַנעטװעגן, האָט בואַבערטלאָ מיט דעם אײנענעם אָבגעענטפערט.

ער האָט גענומען די לאָרנעטע פון שטויערמאַן און בעטראַכט דעם האָריזאָנט.

די אַלט שיפן, שװײַנענדיקע און שװאַרצע האָבען אויסגעזעהן אונ-בעװעגליך, נאָר כסדר געװאַקסען.

זײ האָבען זיך אונבעמערקבאַר דערנעהנטערט.

לאַ װיעװיל האָט זיך מיליטעריש פערנויגט.

— קאַפּיטאַן,—האָט ער געזאָגט,—אָט איז מײַן ראַפּאָרט. איך האָב קײנמאָל ניט געהאַט קײן צוטרוי צו דער דאָזיגער קאָרװעטע „קלײמאָר“. עס איז שטענדיק אַ פערדרוס, װען מען זעצט אײַך פלוצלינג אַרײַן אין אַ שיף, װאָס קאָן אײַך ניט אָדער װאָס האָט אײַך נישט ליעב. אַ ענגלישע שיף, דאָס איז אַ פעראַט פאַר פראַנצויזען. דער הינטישער האַרמאַט האָט דאָס בעװיזען. איך האָב אַלץ אַדורכגעקוקט. די אַנקערס זענען גוט. זײ זענען נישט פון געגאָסענעם אײַזען, נאָר געשמידט פון שטאַנגען צוזאַמענ-געקלאָפּט מיט אַ האַמער. די רינגען פון די אַנקערס זענען פעסטע, די שטריק אויסגעצײַכענטע, װיקלען זיך לײַכט אויף און האָבען די נויטיגע לענג, הונדערט און צװאַנציק קלאַפטער. אַמוניציע אין אַ גענוגענדער מאָס. זעקס טויטע קאַנאָנירען. הונדערט אײן-און-זעכציק שאָס אויף יעדען האַרמאַט.

די צרה אָבער איז, װאָס עס זענען מעהר נישט דאָ, װי נײַן האַר-מאַטען, האָט דער קאַפּיטאַן געמורמעלט.

בואַבערטלאָ האָט געװענדעט זײַן לאָרנעט צום האָריזאָנט. די עסקאַד-רע האָט זיך װײַטער לאַנגזאַם דערנעהנטערט.

קאַנאָנאַדען (אַזאַ אַרט האַרמאַטען) האָבען די מעלה, דאָס עס איז גענוג דרײַ מענשען זײ צו בעדינען, זײ האָבען אָבער דעם חסרון װאָס זײ שיסען נישט אַזוי װײַט און נישט אַזוי ריכטיק, װי אַנדערע קאַנאָנען. אַזוי װי אויף דער שיף האָבען זיך געפונען קאַנאָנאַדען האָט מען געמוזט לאָזען די עסקאַדרע נעהנטער צוגעהן.

דער קאַפּיטאַן האָט אַרויסגעגעבען זײַנע בעפעהלען שטילערהײד. אַ טויטע שטילקײַט האָט געהערשט אויף דער שיף. מען האָט נישט געמאַכט קײן אַלאַרם, נאָר אַלץ אַלײן ערפילט. די קאָרװעטע איז געװען אונפעהיק צום קאַמף װי געגען די מענשען, אַזוי געגען די כװאַליעס. מען האָט זיך בע-מיהט אויסצונוצען אַלץ, װאָס האָט זיך געלאָזט אויסנוצען פון די דאָזיגע רעשטלעך פון אַ קריגס-שיף. מען האָט צונויפגעקליבען שנירען און גראָבע שטריק אַז מען זאָל קענען בשעת עס װעט נויטיק זײַן פערפעסטיגען די מאַסטען. מען האָט אײַנגעאָרדנעט אַ פונקט צו געבען הילף די פערװאונ-

דעטע. ווי עס איז דאמאלס געווען דער מנהג, האט מען פערשאנצט דעם פערדעק פון דער שיף, וואס האט געקאנט זיין א גוט מיטעל געגען ביק־סען־קוילען, אבער נישט געגען קוילען פון הארמאטען. מען האט געבראכט די קוילענמעסטער, כאטש עס איז שוין צו שפעט געווען אויסצומעסטען די קא־ליבערס פון די קוילען; נאר מען האט נישט פאראויסגעזעהן אזוי פיעל אומ־גליקען. יעדער מאטראס האט בעקומען א פאטראנטאש און אריינגעשטעקט אין זיין גארטעל א פאר פוסטאלעטען און א מעסער. מען האט צוזאמענגעווי־קעלט די האמאקעס, מען האט אנגעשטעלט די ארטילעריע; מען האט אנ־געלאדען דאס געוועהר; מען האט צעטיילט די העק און די האקעס; מען האט גרייט געמאכט קאמערס אויף קוילען; מען האט אויפגעעפענט די קא־מערס פון פולווער. יעדער האט זיך געשטעלט אויף זיין פאסטען. און דאס אלץ איז פארגעקומען אין א טויטער שטילקייט, קיינער האט נישט גערעדט קיין ווארט, אזוי ווי אין א שטוב פון א גוסס. דאס אלץ איז אבגעטהון גע־ווארען שנעל און שויערליך.

דערנאך האט מען די קארוועטע געלעגט אויף די אנקערס. זי האט געהאט, ווי א פרעגאט זעקס אנקערס. מען האט זיי אלע אראבגעלאזט אין וואסער. דעם וואך־אנקער פון פארנט, דעם שלעפ־ווערפ־אנקער פון הינטען, דעם כוואליע־אנקער צו דער זייט פון אפענעם ים, דעם עבבע־אנקער צום זייט פון די פעלזען, דער גאפעל־אנקער פון דער רעכטער און דער גרויסער אנקער פון דער לינקער זייט.

די ניין קאנאנאדען, וואס זענען געבליבען גאנץ, האט מען אויסגע־שטעלט אין א באטאריע פון איין זייט, פון דער זייט פון שונא.

די עסקאדרע, אויך א שווייגעדיגע, האט אויך פון איהר זייט אלץ צו־געגרייט צום קאמף. די אכט שיפען האבען געמאכט א האלבען קרייז און די ליניע, וואס האט ביידע עקען פערבינדען זענען געווען די פעלזען „לע־מינקיער", די „קליימאר" איינגעשלאסען אין דעם האלבען קרייז, געבונדען דורך די אייגענע אנקערס, איז געווען אנגעשפארט אן די פעלזען, ד. ה. אן איהר אייגענעם אונטערגאנג.

זי האט אויסגעזעהן, ווי א ווילדער חזיר ארומגערינגעלט פון הינדן ער שווייגט, נאר ער בעווייזט די ציין.

עס האט זיך געדאכט, אז מען ווארט פון ביידע זייטען איינער אויף דעם צווייטען.

די קאנאנירען אויף „קליימאר" זענען אלע געשטאנען גרייט ביי זייערע הארמאטען.

בואבערטלא האט זיך געווענדעט צו וויעוויל.

— איך וואָלט געוואָלט דער ערשטער אָנהויבען.

— אַ פערגניגען פון אַ קאָקעטקע—האָט אָבגעענטפערט וויעוויל.

IX.

עמיץ אַנטלויפט.

דער פּאַסאַזשיר האָט די גאַנצע צייט נישט פערלאָזען דעם דעק. ער האָט זיך צו אַלעם צוגעקוקט גאַנץ גלייכגילטיג.

בואַבערטלא איז צו איהם צוגעגאַנגען.

— מיין העררר,—האָט ער איהם געזאָגט,—אַלץ איז גרייט. אָט האָבען מיר זיך פעסט אַנגעקלאַמערט אָן אונזער קבר און מיר וועלען שוין נישט אָבלאָזען. מיר זענען געפאַנגענע אָבער פון דער עסקאַדרע, אָדער פון די פּעליזען.— זיך איבערגעבען דעם פיינד, אָדער צערשמעטערט ווערען, קיין אַנדער אויסוועג האָבען מיר נישט, עס בלייבט אונז נאָר איין אויסוועג—דער טויט. צו קעמפען איז בעסער ווי צעשמעטערט צו ווערען. איך וויל ליבער דערשאָסען ווערען, ווי דערטרינקען; אין דער פראַגע פון טויט, וויל איך בעסער פייער ווי וואַסער. שטאַרבען אָבער איז אונזער פליכט און נישט אייער. איהר זייט די פּערזאָן, וואָס איז בעפאָלמעכטיגט דורך די פּרינצען, איהר האָט אויסצופיהרען אַ וויכטיגע שליחות, אָנצופיהרען מיט דעם קאַמף אין וואַנדעע. מיט אייער פּערזאָן קאָן אפשר די מאָנאַרכיע אונטערגעהן; איהר מוזט אַלזאָ לעבען. אונזער עהרע איז דאָ צו בלייבען, אייערע — פון דאַנען צו געהן. פּערלאָזט, העער גענעראַל, די שיף. איך וועל אייך געבען אַ שיפעל מיט אַ מענש, צוצוקומען צו אַ ברעג איז נישט אונמעגליך. עס איז נאָך נישט גרויסער טאָג, די כוואַליעס זענען הויך, דער ים איז דונקעל, איהר וועט אַנטלויפען. עס איז פאַרהאַן פאַלען, ווען אַנטלויפען, הייסט זיגען.

דער אַלטער האָט מיט זיין שטרענגען קאָפּ געגעבען אַ צייכען, אַז ער שטימט איין.

דער גראַף בואַבערטלא האָט אויפגעהויבען זיין שטים.

— סאָלדאַטען און מאַטראָסען!, — האָט ער אויסגערופען.

אַלע בעוועגונגען האָבען זיך איינגעשטעלט, און פון אַלע זייטען פון שיף האָבען זיך די פּנים'ער אויסגעדרעהט צום קאַפּיטאַן.

— דער מאַן, וואָס איז צווישען אונז — האָט ער געזאָגט, — רעפּרעזענטירט דעם קעניג. מען האָט איהם אונז אָנפערטרויט און מיר דאַרפען איהם ראַטעווען, ער איז נויטיג פאַר דעם טראָן פון פראַנקרייך; ווייל מיר

האָבען קײן פּרינץ נישט, װעט ער זײַן — מיר האָבען אַלענפֿאַלס די האָפֿ־גונג — דער אָנפֿיהרער פֿון װאַנדעע. דאָס איז אַ גרױסער מיליטער־פֿיהרער. ער האָט געװאָלט קומען אין פֿראַנקרײַך צוזאַמען מיט אונז. איז נױטיג, אַז ער זאָל אָנקומען אָהן אונז. ראַטעװען דעם קאָפּ, הײסט ראַטעװען אַלץ.

— יאָ! יאָ! יאָ!, — האָבען אױסגעשריען אַלע שטימען פֿון דער מאַנשאַפֿט.

אױך ער, — האָט ער װײַטער געזאָגט, — װעט האָבען אַ סך סכנות אױסצושטעהן. צוקומען צום ברעג איז נישט אַזױ לײַכט. דאָס שיפֿעל מוז זײַן גרױס, כּדי זיך צו קאָנען האַלטען אױף די הױכע כװאַליעס, עס מוז אָבער אױך זײַן קלײן כּדי צו קאָנען אונבעמערקט ענטרוגען צו װערען פֿון דער עסקאַדרע. עס איז נױטיג צו דערשלאָגען זיך צו אַ זיכערן אָרט מעהר פֿון דער זײַט פֿון פֿוזשער װאָי פֿון דער זײַט פֿון קוטאַנס. מען דאַרף האָבען אַ טוטיגען מאַטראָס, אַ גוטען רודערער און אַ גוטען שװימער; װעלכער זאָל זײַן גוט בעקאַנט מיט דער געגענד און זאָל קענען אַלע דורכגענג. עס איז נאָך געװעג פֿינסטער, אַז דאָס שיפֿעל זאָל אונבעמערקטערהײד קאָנען אָב־שװימען פֿון דער קאָרװעטע. און דערנאָך װעט באַלד זײַן אַ רויק, װאָס װעט איהם אײנגאַנצען פֿערשטעלען. דאָס װאָס עס איז קלײן, װעט איהם העלפֿען זיך אַרױסצוקריגען פֿון די פֿלאַכע װאַסערן. דאָרט װי מען כאַפּט די פֿאַנטערע, אַנטלױפֿט דאָס לאַסקעלע. פֿאַר אונז איז נישטאָ קײן שום אױסגאַנג, פֿאַר איהם איז אָבער דאָס יאָ פֿאַרהאַן, דאָס שיפֿעל װעט קאָנען אָבשװימען מיט דער הילף פֿון רודערס; די פֿײַנדליכע שיפֿען װעלען איהם נישט בעמערקען; און איבריגענס; מיר װעלען זײַ אין דער צײַט אַביסעל פֿערװײַלען. נישט אמת?

יאָ! יאָ! יאָ! — האָט די מאַנשאַפֿט אױסגערופֿען.

— מיר טאָרען קײן אײן מינוט נישט פֿערלירען, — האָט דער קאַפּי־טאַן װידער אָנגעהױבען — געפֿינט זיך אַ פֿרײַװיליגער?

אַ מאַטראָס האָט זיך אין דער דונקעלקײט אַרױסגערוקט פֿון די רײַהען און געזאָגט — איך.

X.

װעט ער אַנטלױפֿען?

עטליכע מינוט שפּעטער איז אײנס פֿון די קלײנע שיפֿלעך, װאָס הײסען „יאָו־יאָו", און װאָס זענען איבערהױפּט בעשטימט פֿאַר דעם געברױך פֿון די קאַפּיטאַנען, האָט זיך דערװײַטערט פֿון דער שיף. אין דעם דאָזיגען שיפֿעל האָבען זיך געפֿינען צװײ מענשען פֿון הינטען דער אַלטער פּאַסאַזשיר און פֿון פֿאָרנט דער פֿרײַװיליגער מאַטראָס. די נאַכט איז נאָך געװען זעהר פֿינסטער

דער מאַטראָס האָט, לויט די אָנווייזונגען פון קאַפּיטאַן, קרעפטיג געדרודערט אין דער ריכטונג פון די פּעלזען „לע מינקיער". קיין אַנדערער אויסגאַנג איז, איבעריגענס גאַר נישט מעגליך געווען: מען האָט אין שיפעל אַריינגעוואָרפען אַביסעל עסענוואַרג: אַ זעקעל מיט סוכאַרעס, אַ געפּעקעלטען צונג און אַ פּעסעלע מיט וואַסער

און אין דער רגע, ווען מען האָט אַראָבגעלאָזען דעם „יאָו-יאָו" אויף דעם וואַסער, האָט וויעוויל, חוזק מאַכענדיג אַפילו פון דעם אָבגרונד, זיך אַריבערגעכוּיגען איבער דעם געלענדער פונם רודער פון דער קאַרוועטע און אַריינגעשריען צום שיפעל מיט שפּאַס:

— דאָס שיפעל איז זעהר גוט צום ענטלויפען, און נאָך בעסער דער-טרונקען צו ווערען.

— מיין הער, — האָט איהם געזאָגט דער שטויערמאַן, עס איז איצט נישט די צייט צו לאַכען.

דאָס שיפעל האָט זיך שנעל דערווייטערט און באַלד האָט איהם אָב-געטיילט אַ ברייטער שטח פון דער קאָרוועטע. דער ווינד און די כוואַליעס האָבען שלום געמאַכט מיט דעם רודערער און דאָס קליינע שיפעל איז שנעל אַנטלאָפען, ווינגענדיג זיך אין דעם בין השמשות און בעהאַלטענדיג זיך און די גרויסע פאַלבען פון די כוואַליעס.

אויפ'ן ים האָט געהערשט אַ מין ערוואַרטונג.

פּלוצלינג האָט זיך אין דער דאָזיגע ברייטער און שטורמישער שטול-קייט פונם אוקינוס אויפגעהויבען אַ שטים, וועלכע האָט פערשטאַרקט דורך די שפּראַך-רעהר, ווי דורך די קופּערנע מאַסקע פון דער אַנטיקער טראַגעדיע, איבערמענשליך געקלונגען.

דאָס האָט גערעדט דער קאַפּיטאַן בואַבערטלאָ.

— מאַטראָסען פון זיין מאַיעסטעט דעם קעניג, העגנט אויף די ווייסע פאָהן אויף דעם גרויסען מאַסט. דאָס לעצטע מאָהל ווילען מיר זעהן די אויפגעהענגטע זון.

און פון דער קאָרוועטע האָט זיך דערהערט אַ הילכיגער שאָס פון אַ אַרמאַט.

— עס לעבע דער קעניג! — האָבען געשריען די מאַטראָסען.

און באַלד האָט זיך פון דעם ווייטען האָריזאָנט געטראָגען אַ צווייטער אויסרוף, אַ אונגעהויערער, אַ ווייטער, אַ פערשוואומענער און דאָך דייטליכער:

— עס לעבע די רעפּובליק!

און פון די טיפענישען פון ים האָט פערהילכט אַ גערויש ווי פון דריי הונדערט דונערן.

דער קאמפּף האָט זיך אָנגעהויבן.

דער ים האָט זיך באַדעקט מיט רויך און מיט פֿײַער.

די כוואַליעס זענען פֿון אַלע זײַטן דורכגעשטאָכן געוואָרן מיט שוים־שפּריצן, וועלכע שטײַגן אויף פֿון די אַרײַנגעפֿאַלענע קוילן.

„לאַ־קלײמאָר״ האָט אָנגעהויבן אויף די אַלט שיפֿן צו שפּײַען מיט פֿײַער און אין דערזעלבער צײַט, האָט די עסקאַדרע, וועלכע האָט זיך אַרום און אַרום אויסגעשטעלט אין אַ האַלבער לבנה, אָנגעהויבן צו שיסן פֿון אַלע איהרע באַטעריעס. דער האָריזאָנט האָט זיך אָנגעצונדען, גלײַך ווי אַ וואולקאַן וואָלט אויסגעבראָכן פֿון ים. דער ווינד האָט אַרומגעדרעהט מיט דעם דאָזיגן אונגעהויערן קאַמפּס־פּורפּור אין וועלכן די שיפֿן האָבן זיך געטראָגן ווי גײַסטער. אויף דעם ערשטן פּלאַן, האָט זיך אויפֿגעהויבן אויף דעם דאָזיגן רויטן פּאָן דער שוואַרצע סקעלעט פֿון דער קאָרוועטע.

בײַם שפּיץ פֿון דעם הויכן מאַסט האָט געפֿלאַטערט די ליליען־פֿאָהן.

די צוויי מענשן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דעם קלײנעם שיפֿל, האָבן געשוויגן. דער שטח פֿון פֿלאַכן וואַסער וואָס אַרום די מינקיער'ס, איז אַ מין דרײַעקיגע אונטערזעעישע שטיק לאַנד, וואָס איז פֿיעל גרעסער ווי די גאַנצע אינזעל זשערסעי; און זײַן העכסטער פּונקט פֿאַרענדיגט זיך מיט אַ הויכפּלעכע, וועלכע שטאַרט אַרויס אַפֿילו אין דער צײַט פֿון די העכסטע וואַסערן. אויף דרום־מזרח פֿון איהם געפֿינען זיך זעקס מעכטיגע פֿעלזן, גערײַהט אין אַ גלײַכע שורה, וואָס מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון אַ הויכן מויער דאָ און דאָרט מיט אײַנגעפֿאַלענע ווענד. דער ענג־פּאַס צווישן דער הויכפּלעכע און די זעקס פֿעלזן איז נאָר צוגענגליך פֿאַר אַ שיפֿל, וואָס זיצט נישט טיעף אין וואַסער. ווײַטער פֿון דעם דאָזיגן ענג־פּאַס געפֿינט זיך דער אָפֿענער ים.

דער מאַטראָס, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו ראַטעווען דאָס שיפֿל, האָט עס אַרײַנגעפֿיהרט אין דעם ענגפּאַס. אַזוי אַרום האָט ער געשטעלט די מינקיער'ס צווישן דעם שלאַכט און דעם שיפֿל. ער איז געשיקט געשוואומען אין דעם שמאָלן קאַנאַל, אויסמײַדענדיג די פֿעלזן־ריפֿן סײַ פֿון דער רעכטער סײַ פֿון דער לינקער זײַט; די פֿעלזן האָבן איצט פֿערשטעלט דעם קאַמף. דער רויטער אָבגלאַנץ אויפֿ'ן האָריזאָנט און דער פֿורכטבאַרער ליאַרם פֿון דער קאַנאָנאַדע האָט אָנגעהויבן קלענער ווערן אַ דאַנק דעם וואָס דער שטח צווישן שיפֿל און קאַמפּס־פּלאַץ האָט אָנגעהויבן גרעסער ווערן; נאָר פֿון דעם אונאויפֿהערליכן קנאַלן האָט מען געקאָנט פֿערשטעהן, אַז די קאָרוועטע האַלט זיך נאָך גוט, און אַז זי וויל אויסשעפּן ביז צום לעצטן אַלע איהרע הונדערט אײן־און־נײַנציג שאָסן.

באלד איז דאָס שיפעל אריינגעשוואומען אין אַ פרייעם וואסער, ווייט פון יעדען געשאַס.

וואָס אַ מאָל ווייטער איז דאָס אויסזעהן פון דעם ים געוואָרען אַלץ וועניגער הושכ׳דיג, די ליכט-פּאַסען, וועלכע זענען פריהער געווען פערזונקען אין די שוואַרצקייט, זענען ברייטער געוואָרען; דער ווייטער שוים האָט זיך געטיילט אין בלייכע שפּריצען; און אויף די שפּיצען פון די כוואַליעס האָבען געפונקעלט ווייסע גלאַנצען עס האָט געטאָגט.

דאָס שיפעל האָט זיך געפונען ווייט פון דעם שונא; נאָר דאָס שווערסטע האָבען זיי נאָך בעדאַרפט בייקומען. דאָס שיפעל איז געווען געראַטעוועט פון אַ קויל, אָבער נישט פון אונטערגאַנג. עס איז געווען אויף דעם אָפענעם ים, אַ שאָל קוים צו מערקען, אָהן אַ דעק, אָהן אַ מאַסט, אָהן אַ קאָמפּאַס, דער איינציגער הילפס-מיטעל איז געווען דער רודער, געגען אוקינוס און אַ שטורעם, איז דאָס אָבער געווען אַ אַטאָם אויף דער גנאָד פון ריזען.

דאַמאָלט, אין דער דאָזיגער אונערמעסליכקייט, אין דער דאָזיגער איינזאַמקייט, האָט דער מענש, וועלכער איז געשטאַנען אויפ׳ן שפּיץ פון שיפעל, אויפהויבענדיג זיין פריהמאָרגען געבלייכטען פּנים, שאַרף אָנגעקוקט דעם מענשען, וואָס איז געזעסען פון הינטען און איהם געזאָגט:

איך בין דער ברודער פון דעם, וואָס איהר האָט געהייסען שיסען.

חאַלמאַלאָ.

I.

דאָס וואָרט איז די טהאַט.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

דער מענש, וואָס האָט צו איהם גערעדט, האָט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַ שטערען אָבגעבערענט אויפ׳ן ים זיינע אויגען זענען געווען עפּעס מאָדנע; דאָס איז געווען אַ שאַרפער בליק פון אַ מאַטראָס אין דעם עהרליכען שוואַרצאַפּעל פון אַ פּויער. ער האָט מעכטיג געהאַלטען די רודער אין זיינעצוויי פויסטען. דער אויסדרוק פון זיין געזיכט איז געווען ווייך.

אין זיין גאַרטעל האָט געשטעקט אַ מעסער, צוויי פּיסטאָלעטען און אַ רויזענקראַנץ.

— ווער זײַט איר? — האָט אים געפֿרעגט דער אַלטער.

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט.

— וואָס ווילט איר פֿון מיר?

דער מענש האָט אָבגעלאָזט די רודער, פֿערלעגט די הענד און געענטפֿערט.

— אײַך הרג'נען.

— ווי איר ווילט, האָט געזאָגט דער אַלטער.

דער מענש האָט אויפֿגעהויבען זײַן שטים.

— גרייט אײַך צו.

— צו וואָס?

— צו שטאַרבען.

— פֿאַרוואָס? — האָט געפֿרעגט דער אַלטער. עס איז געוואָרען שטיל. דער מענש איז געבליבען, ווי פֿערבליפֿט פֿון דער פֿראַגע און ער האָט אָנגעהויבען:

— איך זאָג, דאָס איך וויל אײַך טויטען.

— און איך פֿרעג אײַך, פֿאַרוואָס?

אַ בליץ האָט אַ שײַן געטהון אין די אויגען פֿון דעם מאַטראָס.

— ווײַל איר האָט געטויט מײַן ברודער.

— איך האָב דאָך אים פֿריהער געראַטעוועט דאָס לעבען — האָט דער אַלטער קאַלטבלוטיג אָבגעענטפֿערט.

— דאָס איז אמת. פֿריהער האָט איר אים געראַטעוועט און דערנאָך געטויט.

— נישט איך האָב אים דער'הרג'עט.

— ווער דען?

— זײַן שולד.

דער מאַטראָס האָט אויפֿגעעפֿענט דאָס מויל און אָנגעקוקט דעם אַלטען; דערנאָך האָבען זײַנע ברעמען זיך ווילד צוזאַמענגעצויגען.

— ווי הייסט איהר? האָט איהם דער אַלטער געפֿרעגט.

— איך הייס האַלמאַלאָ, איהר דאַרפֿט אָבער מײַן נאָמען נישט וויסען כדי צו קענען פֿון מיר גע'הרג'עט ווערען.

אין דער רגע איז די זון אויפֿגעגאַנגען. אַ שטראַהל איז געפֿאַלען אויף זײַן געזיכט און האָט בעלויכטען די דאָזיגע ווילדע צורה. דער אַלטער האָט איהם אויפֿמערקזאַם אָנגעקוקט.

די קאַנאָנאַדע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט נישט אויפֿגעהערט, האָט זיך איצט געהערט אָבגעהאַקט. אַ ברייטער רויך האָט זיך אַראָבגעלאָזט

אויפ׳ן האריזאנט און דאס שפּיגל, וועלכע מען האט שוין נישט געקירוועט, איז דורך די כוואליעס געטריבען געווארען.

דער מאטראס האט ארויסגענומען מיט דער רעכטער האנד א פּיסטאַ-לעט פון זיין גארטעל און מיט זיין לינקער האנד דעם רויזענקראנץ.

דער אלטער האט זיך אויפגעשטעלט:

— דו גלויבסט אין גאט—האט ער געפרעגט.

— אונזער פאטער, וואס אין הימעל,—האט דער מאטראס געענט-פערט און ער האט זיך איבערגעצלמ׳ט.

— האסט א מוטער?

— יאָ.

ער האט זיך נאכאמאל איבערגעצלמ׳ט. דערנאך האט ער אנגע-הויבען:

— עס איז אבגערעדט. איך גיב אייך א מינוט צייט, אייער דורכ-לויכט?

און ער האט אנגעלאדען זיין פּיסטאלעט.

— פארוואס רופסט דו מיך דורכלויכט?

— ווייל איהר זייט א אנגעזעהענער הער. דאס דערקענט מען.

— האסטו א הער?

— יאָ, און א גרויסען, קאן מען דען לעבען אהן א הער?

— וואו איז ער?

— איך ווייס נישט. ער האט פערלאזען דאס לאנד. ער הייסט הער מארקיז דע לאנטינאק, וויקאנט דע פאנטענעי, פּירשש פון ברעטאן. ער איז דער הער פון די „זיבען-וועלדער". איך האב איהם נאך קיינמאל נישט גע-זעהן. דאס שטערט פונדעסטוועגען נישט, אז ער זאל זיין מיין פּריץ.

— און ווען דו וואלסט איהם זעהען, וואלסטו איהם געהארכט?

— געוויס איך וואלט דאך געווען א געצענדינער, ווען איך הארך איהם נישט? מען דארף הארכען גאט, און דערנאך דעם קעניג, וועלכער איז אזוי ווי גאט, און דערנאך דעם פּריץ, וועלכער איז, ווי דער קעניג. נאר נישט דאס בין איך אויסען, איהר האט דער׳הרג׳עט מיין ברודער מוז איך אייך הרג׳ענען.

— אמת, איך האב דער׳הרג׳עט דיין ברודער און איך האב גוט גע-טהון,—האט דער אלטער אנגעהויבען.

דער מאטראס האט אויסגעצויגען די האנד מיט דעם פּיסטאלעט.

— אלזא, האט ער געזאגט.

— זאל זיין,—האט דער אלטער געענטפערט און רוהיג צוגעגעבען:

— וואו איז דער גלח?

דער מאַטראָס האָט איהם אָנגעקוקט.

— דער גלח?

— יאָ, דער גלח, איך האָב דײַן ברודער געגעבען אַ גלח און דו דאַרפֿסט מיר אויך געבען אַ גלח.

— איך האָב נישט — האָט דער מאַטראָס אָבגעענטפֿערט און ווײַטער געזאָגט:

— געפֿינט מען דען אַ גלח אויף דעם אָפֿענעם ים.

עס האָט זיך געהערט דאָס גוסס'ע קנאַלען פֿון דעם שלאַכט, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר דערווײַטערט.

— די, וואָס שטאַרבען דאָרט האָבען אײנעם, האָט געזאָגט דער אַלטער.

— דאָס איז אמת, האָט געמורמעלט דער מאַטראָס. זײ האָבען דעם פֿעלד־גלח.

— דו פֿערשטויסט מײַן נשמה, דאָס איז שלעכט.

דער מאַטראָס האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ פֿערטראַכט.

און פֿערשטויסענדיג מײַן נשמה, פֿערשטויסט דו אויך דײַנע. הער מיך אוים. איך האָב אויף דיר רחמנות. דו וועסט מאַכען, וואָס דו וועסט וועלען. איך האָב מײַן פֿליכט געטהון. ראַטעווענדיג פֿריהער דײַן ברודער דאָס לעבען און נעהמענדיג עס איהם דערנאָך, און איך טהו איצט אויך מײַן פֿליכט, בעמיהענדיג זיך צו ראַטעווען דײַן נשמה. זײַ דיך מישב. דאָס איז דײַן זאַך. הערסט די האַרמאַטען־קלעפּ אין דער רגע? דאָרט זײַנען פֿאַרהאַן מענשען, וואָס שטאַרבען, עס זענען פֿאַרהאַן פֿערצווייפֿעלטע וואָס גוסס'ן עס זענען פֿאַרהאַן מענער, וואָס וועלען מעהר זײערע פֿרויען נישט אָנזעהן, פֿאָטער'ס, וואָס וועלען מעהר נישט זעהן זײערע קינדער, און ברידער, ווי דו, וואָס וועלען מעהר זײערע ברידער נישט זעהן. און דורך וועמעס שולד? דורך די שולד פֿון דײַן ברודער. דו גלויבסט דאָך אין גאָט, אמת? אַלזאָ ווײסטו, אַז גאָט לײַדט אין דער רגע; גאָט לײַדט אין זײַן זוהן, דעם זעהר־קריסטליכען קעניג פֿון פֿראַנקרײַך, וועלכער איז אַ קינד, ווי דאָס קינד יעזוס און וואָס געפֿינט זיך אין דער תּפֿיסה אינ'ם טורם פֿון „טאַמפּל“; גאָט לײַדט אין זײַן קירכע פֿון ברעטאַן; גאָט לײַדט אין זײַנע פֿערשוועכטע קאַטעדראַלען, אין זײַנע צעפֿליקטע עוואַנגעליום'ס, אין זײַנע געשענדעטע געבעט־הײַזער; גאָט לײַדט אין זײַנע ערמאָרדעטע גלחים.

וואָס האָבען מיר אײגענטליך געוואָלט דאָרט אויף דער דאָזיגע שיף, וואָס גערהט אין דער רגע אונטער? מיר האָבען געוואָלט העלפֿען גאָט. ווען

דיין ברודער וואלט געווען א גוטער דינער, ווען ער יואלט געטריי ערפילט זיין פליכט, ווי א קלוגער און נוצליכער מענש, וואלט קיינמאל צו דעם אומגליק מיט דעם ארמאט נישט צוגעקומען, די קארוועטע וואלט נישט געווארען צושעדיגט; זי וואלט נישט אראב פון וועג, זי וואלט נישט געווען אריינגעפאלען צו דעם דאזיגען טייוולאנישען פלאט, און מיר וואלטען אין דער שעה אויסגעשטיגען אין פראנקרייך, אלע אזוי ווי עס פאסט פאר מוטיגע סאלדאטען און מאטראסען, די שווערדען אין די הענד, מיט צעפלאטערטע ווייסע פאהנען, צאהלרייך, פרעהליך און מיר וואלטען דאן געגאנגען העלפען די בראווע פויערים פון וואנדעע צו ראטעווען פראנקרייך, צו ראטעווען דעם קעניג, צו ראטעווען גאט. אט וואס מיר האבען געוואלט טהון, אט וואס מיר וואלטען געטהון, אט וואס איך, דער איינציגע איבערגעבליבענער וויל טהון. נאר דו שטעלסט דיך אנטקעגען. אין דעם דאזיגען קאמף פון אפיקורסים געגען די גלחים, אין דעם קאמף פון קעניגס-מערדער געגען דעם קעניג, אין דעם קאמף פון דעם טייוועל געגען גאט, שטעלסט דו דיך אויף דעם צד פונ'ם טייוועל. דיין ברודער איז געווען דער ערשטע העלפער פונ'ם שטן און דו ביסט דער צווייטער. ער האט אנגעהויבען און דו פערענדיגסט. דו שטעהסט אויף דעם צד פון די קעניגס-מערדער, געגען טראן, דו שטעהסט אויף דעם צד פון אפיקורסים געגען די קירכע. דו נעהמסט אוועק ביי גאט די לעצטע הילף. און ווייל איך וועל דארט נישט זיין, איך וואס מיין פערזאן שטעלט פאר דעם קעניג, וועלען די דערפער ווייטער ברענען, די פאמיליעס וויינען, די גלחים פארגעהן אין בלוט, ברעטאן ליידען, און דער קעניג וועט שמאכטען אין דער תפיסה, און יעזוס כריסטוס וועט זיין פערפיינט. און ווער וועט דאס אלץ האבען געמאכט? דו! מילא, דאס איז דיין זאך. איך האב מיר אויף דיר פערלאזט, אז דו וועסט זיין א אנדערער. איך האב געהאט א טעות. יא, אמת, דו ביסט גערעכט, איך האב דערהרג'עט דיין ברודער. דיין ברודער איז געווען מוטיג, האב איך איהם בעשאנקען; ער איז געווען שולדיג; האב א.ך איהם בעשטראפט. ער האט נישט ערפילט זיין פליכט, איך האב מיינע יא ערפילט. אט, וואס איך האב געטהון און וועל עס ווייטער אויך טהון. און איך שווער ביי דער גרויסע הייליגע אננע ד'ארע, וואס זעהט אונז, אז אין אזא פאל, וואלט איך מיין אייגענעם זוהן געהייסען דערשיסען אזוי ווי איך האב דאס געטהון מיט דיין ברודער, איצט ביסטו דער הער. יא, און איך בעדויער דיך. דו האסט דיין קאפיטאן געזאגט א ליגען. דו, א קריסט, ביסט אהן גלויבען; דו א ברעטאנער, ביסט אהן עהרע; מען האט מיך דיין טרייהייט אנפערטרויט און אויפגענומען האט מיך דיין בגידה; וועמען דו האסט צוגעזאגט מיין לעבען, גיסטו מיין טויט. ווייסטו

וועמען דו וועסט אומברענגען? דיך אַליין. דו נעהמסט אַוועק מיין לעבען פון קעניג און דו גיסט אַוועק דיין עולם הבא דעם טייוועל. זאָל זיין, בע־גע דיין פערברעך, גאַנץ גוט. דו וועסט דיין חלק עולם הבא וואָלוועל פער־קויפען. אַ דאַנק דיר וועט דער שטן מנצח זיין, אַ דאַנק דיר וועלען די קירכען אונטערגעהן אַ דאַנק דיר וועלען די גאָטלאָזע איבער שמעלצען די קירכען־גלאָקען אויף קאַנאָנען! מען וועט דערשיסען מענשען מיט דעם, וואָס האָט אויסגעלייזט די נשמות. אין דער רגע, וואָס איך רעד, האָט אפשר דער־זעלבער גלאָק, וועלכער האָט געקלונגען ביי דיין טויפען, דערשאָסען דיין מו־טער. זאָל זיין, העלף דעם טייוועל, האַלט דיך פאַר גאָר נישט אָב. יאָ, איך האָב פער'משפט דיין ברודער, נאָר ווייס דאָס, איך בין אין אַ געצייג אין גאָטס הענד. אָ, דו ווילסט משפט'ן גאָטס שליח! דו ווילסט אפשר אויך משפט'ן דעם דינער, וואָס אין הימעל? אומגליקליכער! דורך איהם וועסטו זיין גע'משפט. היט דיך פאַר דאָס, וואָס דו געהסט טהון, ווייסטו דען, צי איך בין אין צושטאַנד פון גנאָד? ניין. נאָר שטעל זיך פונדעסטוועגען נישט אָב. מאַך, וואָס דו ווילסט. דו ביסט פריי מיך צו וואַרפען אין גהינם און יך אַליין דאָרט אַריינצוואַרפען צוזאַמען מיט מיר. אונזער ביידענס פער־שטויסונג ליגט אין דיינע הענד. דער פעראַנטוואָרטליכער פאַר גאָט וועסטו יין. מיר זענען אַליין און פנים לפנים אין אַ תהום. פיהר אויס, מאַך אַ סוף, אַרענדיג. איך בין אַלט און דו ביסט יונג; איך בין אָהן געוועהר און דו יסט מיט געוועהר; הרג'ע מיר! —

און אין דער צייט, וואָס דער אַלטער האָט, שטעהענדיג, געזאָגט די אָזיגע ווערטער, מיט אַ שטים, וואָס איז העכער געווען פאַר'ן ברומען פון עם ים, איז ער אַ דאַנק די בעוועגונגען פון די כוואַליעס ערשינען דאָ אין אָטען, דאָ אין ליכט; דער מאַטראָס איז געוואָרען גרין און געל; גרויסע ווייס־טראָפען האָבען גערונען פון זיין שטערען; ער האָט געציטערט, ווי בלאַט; פון צייט צו צייט האָט ער געקושט דעם רויזענקראַנץ; און ווען ער אַלטער האָט פערענדיגט, האָט ער אַוועקגעוואָרפען זיין פיסטאָלעט און עפאַלען אויף די קניה.

— רחמים, ערלויכטעטער הער, פערגיב מיר! — האָט ער געשריען, — איהר רעדט ווי גאָט אַליין. איך בין שולדיג. מיין ברודער איז געווען ולדיג. איך וועל אַלץ מאַכען צו פערגלעטען מיינע זינד. שאַף מיט מיר! עפעהל! איך וועל האָרכען.

— איך בין דיר מוחל — האָט געזאָגט דער אַלטער.

II.

א פויער'ס זכרון איז גלייך צו די קענטעניסען פון א קאפיטאן.

דאס עסענוואָרג, וואס האט זיך געפינען אין שיפעל, איז גאנץ גוט צונוץ געקומען.

די צוויי וואנדערער, געניט צו מאכען לאנגע אומוועגען, זענען ערשט אין זעקס-און-דרייסיג שעה ארום אנגעקומען צו די ברעגען פון פראנקרייך. זיי האבען פערבראכט א נאכט אויף דעם ים; אבער די נאכט איז געוועזען א שענע, און מיט נאך צו פיעל לבנה-ליכט פאר מענשען, וואס האלטען אין אנטלויפען.

זיי האבען זיך א פריהער געמוזט דערוויטערן פון פראנקרייך און זיך ארויסקריגען אויפ'ן אפענעם ים אין דער ריכטונג פון דושערסי.

זיי האבען געהערט דעם לעצטען שאס פון דער צעשמעטערטער קארוועטע, גלייך ווי דער לעצטער ברום פון א לייב, וועלכע די יעגער האבען געשאסען אין וואלד. דערנאך האט דעם ים א שטילקייט בעהערשט.

די קארוועטע „קלייטמאר" איז אונטערגעגאנגען אויף רעמזעלבען אופן ווי „לע וואנזשער"; 14) נאר דער רוהם האט איהר פערגעסען. מען איז נישט קיין העלד, ווען מען קעמפט נעגען זיין אייגען לאנד.

האלמאלא איז געוועזען א זעלטענער מאטראס. ער האט וואונדער בעוויזען מיט זיין געשיקטקייט און אינטעליגענץ; אזא פיהרער דורך פעלזען-וואליעס און פיינדליכע וואכען איז געוועזען א זעלטענהייט. דער ווינד איז געווארען קלענער און אויף דעם ים האט מען זיך געקאנט לייכטער שיפען.

האלמאלא האט אויסגעמיטען די פעלזען „לע מינקיער", ארומגעגאנגען „לא שאסע-א-בעף", זיך אבגעשטעלט רוהען אויף אייניגע שעה אין א קליינע בוכטע וואס מאכט זיך דארט אין צפון-זייט בשעת דאס וואסער פאלט, אראבלאזענדיג זיך צו דרום, האט ער געפינען א מיטעל, ווי זיך אדורכצוקריגען צווישען גראנוויל און די אינזעל שאזעי, דערביי אונבעמערקט צו בלייבען פון דעם שאזעער ליכטורם און פון גראנווילער ליכטורם. ער איז דערנאך אריין אין בוכטע סען-מישעל, וואס איז געוועזען א זעהר דרייסטער שריט, צוליב דער שכנות פון קאנקאל, דאס ארט, וואו עס האבען זיך געפינען די קרייצערס.

14) „לע וואנזשער" (דער נוקם)—א פראנצויזישע קריעגס-שיף. אין דעם ים-שלאכט אונטער ברעסט געגען די ענגלענדער אין 1794 איז די שיף, שוין כמעט פערניכטעט, אונפעהיג צום קאמף, אונטערגעגאנגען מיט איהרע 356 מאטראסען, וועלכע האבען זיך נישט געוואלט אונטערגעבען און מיט דעם אויסרוף: „עס לעבע די רעפובליק", דערטרונקען געווארען.

אויף דעם צווייטען טאָג, אַנטקעגען אָבענד, אַ שעה פאַר זונען־אונטערגאַנג, האָט ער הינטער זיך געלאָזען דעם באַרג סען־מישעל, און צוגעשלאָגען זיך צו אַ זאַמדיגען ברעג, וועלכער איז תמיד ווייט, ווייל ער איז געפעהרליך; און מען ווערט דאָרט אין זאַמד פערזונקען.

צום גליק איז דער ים געווען הויך. האַלמאַלאָ האָט זיך ווי ווייט מעגליך צוגערוקט נעהנטער צום ברעג, האָט אָנגעטאַפּט דאָס זאַמד, געפינען, דאָס עס איז גענוג האַרט, ער האָט אַרויפגעשטויסען דאָרט דאָס שיפעל און אַליין אַראָבגעשפּרינגען אויף דער ערד.

נאָך איהם איז אויף דעם ברעג דער אַלטער אַרויס און האָט אַרומגעקוקט דעם האָריזאָנט.

— גנעדיגער הער, האָט געזאָגט האַלמאַלאָ, מיר געפינען זיך ביים אויסגאַנג פון טיין קוענאָן. אָט איז באָוואַר אויף דער רעכטער זייט און היואין אויף דער לינקער. און דער גלאָק, וואָס אַנטקעגען אונז — איז אַרדעוואָן.

דער אַלטער האָט זיך אַראָבגעבויגען צו דעם שיפעל, האָט אַרויסגענומען אַ צווייבאַק (אַ סוכאַר), וועלכען ער האָט אַריינגעלעגט אין זיין טאַש און געזאָגט צו האַלמאַלאָ:

— נעם דעם רעשט.

האַלמאַלאָ האָט עס אַריינגעלעגט אין זאַק אַריין, וואָס איז איבערגעבליבען פון דעם פלייש און די סוכאַרעס און אַרויפגעוואָרפען דעם זאַק אויף די פּלייצעס. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— גנעדיגער הער, זאָל איך אייך פיהרען, אָדער נאָכגעהן?

— נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע.

האַלמאַלאָ האָט פערבליפט אָנגעקוקט דעם אַלטען.

— האַלמאַלאָ, האָט דער אַלטער ווייטער געזאָגט, מיר מוזען זיך שיידען, און צווייען צו זיין האָט קיין שום צוועק נישט. מען מוז זיין אָדער טויזענד, אָדער איינער אַליין.

ער האָט אָבגעהאַקט, אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ שלייף פון גרינעם זייד, עהנליך צו אַ קאָקאַרדע, אין וועלכער עס איז געווען אויסגעהאָפטען אין מיטען אַ גאָלדענע ליליע.

— קאָנסט לייענען? האָט ער איהם געפרעגט.

— ניין.

דאָס איז גוט. אַ מענש, וואָס לייענט שטערט. האָסט אַ גוטען זכרון?

— יאָ.

איז גוט. הער מיר אויס, האַלמאַלאָ. דו וועסט נעהמען רעכטס און איך לינקס. איך וועל געהן אין דער ריכטונג פון פושער און דו פון באַזוש. וואַרף פון זיך נישט אַראָב דאָס אויסזעהן פון אַ פויער. בעהאַלט דיין געוועהר. האַק דיר אָב פון די צוימען אַ שטעקען. קריך אין דעם הויכען קאָרן. גנב'ע דיך אַדורך הינטער די צוימען. שפרינג איבער פאַרקאַנעס, זאָלסט קאָנען געהן מיט דעם פעלד. מייד-אויס דורכגעהער און לאָז אָן אַ זייט וועגען און שאָסעען. געה נישט אַריין אין פאָנטאַרסאָן. יאָ, דו ראַרפסט דאָך נאָך אַריבערקומען קוענאָן. ווי וועסטו דאָס מאַכען?

— איך וועל דורכשווימען.

גוט. איבריגענס ס'איז דאָרט פאַרהאַן אַ פליטקער אָרט. ווייסטו, וואו עס געפינט זיך?

— צווישען אַנסעי און וויע-וויעל.

— גוט. דו ביסט באמת אַ היגער.

— אָבער די נאַכט פאַלט צו. וואו וועט דער גנעדיגער הער שלאָפען?

— איך וועל מיר שוין אַ עצה געבען. און דו וואו וועסטו שלאָפען?

— ס'איז פאַרהאַן מאָך. איידער איך בין געוואָרען אַ מאַטראָס, בין איך געוועזן אַ פויער.

— וואַרף אוועק דיין מאַטראָסען-הוט, דאָס וועט דיר נאָך מסר'ן. דו וועסט דאָך מסתמא דאָ ערגיץ געפינען אַ היטעל.

— אָ, אַ טאַפאַבאָר 15) וועל איך אומעטום געפינען. דער ערשטער בעסטער פישער וועט מיר זיינעם פערקויפען.

— אַלזאָ, גוט. איצט הער מיר אויס. די קאָנסט די וועלדער.

— אַלע.

— פון דער גאַנצער געגענד?

— פון נואַרמוטיע ביז לאַוואַל.

— קענסט אויך די נעמען?

— איך קאָן די וועלדער, איך קאָן די נעמען. איך קאָן אַלץ.

— דו וועסט גאָרנישט פערגעסען?

— גאָרנישט.

— גוט. זיי אויפמערקזאַם, וויפיל מייל קאָנסטו מאַכען אַ טאָג?

— צעהן, פיפצעהן, אַכטצעהן, צוואַנציג, ווען ס'איז נויטיג.

עס וועט נויטיג זיין. פערליר-זשע נישט קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס איך וועל דיר זאָגען. דו וועסט געהן אין וואַלד פון סען-אָבען.

---

15) אַ פויערישער הוט, זיינע ברעגען האָבען פערשטעלט דאָס געזיכט און דעם האַלז.

— נעבען לאמבאל?

— יאָ. אויף דעם ראַנד פֿון פעלזענשפּאַלט, וואָס געפֿינט זיך צווישען מען-ריעל און פֿלעדעלמאַק איז פֿאַרהאַן אַ גראָבער קאַשטאַנען-בוים. דאָרט וועסטו זיך אָבשטעלען. דו וועסט דאָרט קײנעם נישט זעהען.

— איך ווײס, דאָס שטערט אָבער נישט, אַז עמיצער זאָל דאָרט זײן.

— דו וועסט דאַן געבען אַ סיגנאַל. דו ווײסט ווי?

האַלמאַלאָ האָט אָנגעבלאָזען די באַקען, האָט זיך אויסגעדרעהט צו דער זײט פֿון ים און עס האָט זיך דערהערט דער קול פֿון אַ סאָווע.

מען וואָלט געקאָנט מײנען, אַז די שטים קומט פֿון די נאַכט-טיפֿענישען; אַזוי ענליך און אונהײמליך איז זי געווען.

— גוט, האָט געזאָגט דער אַלטער, דו קאָנסט.

און ער האָט איהם דערלאַנגט די שלײף פֿון גרינעם זײד.

אָט איז מײן קאָקאַרדע, אַלס צײכען פֿון אָנפֿיהרער. נעהם זי. עס איז זעהר וויכטיג, דאָס קײן שום מענש זאָל נישט וויסען מײן נאָמען. נאָר דער שלײף איז גענוג. די ליליע האָט געהאָפטען איהר קעניגליכע האָהײט, די שוועסטער פֿון קעניג, אין דער טעמפּלער תפיסה.

האַלמאַלאָ האָט אַנידערגעקניהט. מיט אַ ציטערניש האָט ער גענומען דעם שלײף מיט דער ליליע און עס צוגעטראָגען צו די ליפּען; נאָר פּלוצלינג, ווי דערשראָקען פֿון דעם דאָזיגען קוש, האָט ער זיך אָבגעהאַלטען און געפֿרעגט:

— מעג איך?

— יאָ, ווײל דו קושסט אויף דעם צלם.

האַלמאַלאָ האָט אַ קוש געטהון די ליליע.

— שטעה אויף, האָט איהם דער אַלטער בעפֿויהלען.

האַלמאַלאָ האָט זיך אויפֿגעהויבען און האָט בעהאַלטען די שלײף אין בוזעם.

— הער מיר נאָר גוט אויס, האָט דער אַלטער ווײטער געזאָגט. אָט איז די פּאַראָל: ערהויבט זיך. קײן שום גנאָד. אַלזאָ, אויף דעם ראַנד פֿון דעם סענט-אָבען וועסטו געבען דעם סיגנאַל. דרײ מאָל וועסטו איהם געבען. צום דריטען מאָל וועסטו זעהן אַ מענשען אַרויסגעהן פֿון דער ערד.

— פֿון אַ לאָך אונטער די בוימער. איך ווײס.

— דער דאָזיגער מענש, דאָס איז פּלאַנשענאָ, מען רופֿט איהם אויך „הערץ-פֿון-קעניג". דו וועסט איהם ווײזען דעם שלײף. ער וועט שוין פֿערשטעהן. דאַן וועסטו געהן דורך וועגען, וועלכע דו וועסט דיר אַלײן אויסגעפֿינען, צום וואַלד פֿון אַסטיליע, דאָרט וועסטו געפֿינען אַ מענשען מיט

קרומע פּיס, מיט דעם צונאָמען מוסקעטאָן און וועלכער ערבאַרמט זיך נישט אויף קיין שום מענשען. דו וועסט איהם זאָגען, דאָס איך האָב איהם ליעב און ער זאָל אויפֿהויבען זיינע געמיינדעס. דאַן וועסטו געהן אין דעם וואַלד פֿון קועבאָן, אַ מייל פֿון פֿלאָערמעל. דו וועסט אויסשרייען ווי אַ סאָווע; אַ מענש וועט אַרויסגעהן פֿון אַ לאָך; דאָס איז ה. טהיואָ, לאַנדריכֿטער פֿון פֿלאָערמעל, וואָס האָט געהערט צו דער קאָנסטיטואירענדער פֿערזאַמלונג[16]), נאָר פֿון דער בעסערער זייט. דו וועסט איהם זאָגען, ער זאָל בעוואָפֿנע. דעם שלאָס קועבאָן, וואָס געהערט דעם מאַרקיז דע-גער, דעם עמיגראַנטן הײלען-דורכגענג, וועלדלעך, נישטגלייכֿער באָדען, ס'איז אַ גוט אָרט. דער ה. טהיואָ איז אַ גראַדער און קלוגער מענש. דאַן וועסטו געהן קיין סען-גען-לע-טואַ, און וועסט אויפֿזוכֿען זשאַן-שואַן[17]), וועלכֿען איך האַלט פֿאַר דעם אמת'ען פֿיהרער. דו וועסט ווייטער געהן צום וואַלד פֿון וויל-אַנגלאָז און וועסט דיך זעהן מיט גיטטער, מיט'ן צונאָמען סען-מאַרטען, דו וועסט איהם זאָגען, ער זאָל האָבען אויפֿ'ן אויג אַ געוויסען קורמעניל, אַ איידעם פֿון דעם אַלטען גופיל-דע-פּרעפּעלן, און וואָס פֿיהרט אָן מיט די יאַקאָבינער פֿון אַרזשענטאַן. בעהאַלט אַלץ, וואָס איך זאָג דיר אין זכרון. איך שרייב גאָרנישט, ווייל מען טאָר גאָרנישט שרייבען. לאַ רואַריע האָט אָנגעשריבען אַ ליסטע; דאָס האָט אַלץ איבערגעפֿיהרט. דערנאָך וועסטו געהן צום וואַלד פֿון רוזשפּעי, וואו עס געפֿינט זיך מיעלעט, וועלכֿער שפּרינגט איבער פֿעלזענשפּאַלטען, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אַ לאַנגען שטאַנג. דו קאָנסט זיך מיט דעם בענוצען?

— איך וואָלט נישט געווען קיין ברעטאָנער און קיין פּויער. דער שטאַנג איז דאָך אונזער פֿריינד. ער פֿערגרעסערט אונזערע אָרעמס און פֿערלענגערט אונזערע פּיס.

— דאָס הייסט, ער מאַכֿט קלענער דעם פֿיינד און פֿערקירצט דעם וועג. אַ גוטע כּלי.

— איך האָב מיך איינמאָל געוועהרט מיט אַזאַ שטאַנג געגען דריי זאַלץ-אַקציזניקעס, וועלכֿע האָבען געהאַט שווערדען.

16) אין יאָהר 1789 האָט די פֿראַנצויזישע נאַציאָנאַלע פֿערזאַמלונג אָנגענומען דעם נאָמען.

17) שואַן, אַ צונאָמען, גענומען פֿון דעם אויסדרוק „שאַ—שואַן (פּאַרושאַ וועטע סאָווע). דאָס קול פֿון דעם פֿויגעל האָבען נאָכֿגעמאַכֿט די פֿיער ברידער קאָטראָ, ווען זיי האָבען איינער דעם צווייטען געוואָרענט, אַז די וואַך איז נאָהענט, ווייל זיי האָבען זיך פֿערנומען מיט'ן זאַלץ שמוגעל. אונטערגעהעצט פֿון די פּריצים האָבען זיי אָרגאַניזירט אַ פּויערן אויפֿשטאַנד, שואַ נעריע, וואָס האָט פֿערטיידיגט דעם ראָיאַליזם און דעם קאַטאָליציזם. דאָרט וואו זיי האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען, האָט מען גערופֿען קליין-וואַנדעע.

— ווען איז דאָס געווען ?
— פאַר צעהן יאָהר.
— נאָך בײַם קעניג
— נו יאָ.
— דו האָסט דיך אַלזאָ נאָך געשלאָגען בײַם קעניג.
— נו יאָ.
— געגען וועמען ?
— אסור אויב איך ווייס. איך בין געווען א שמוגלער פון וואַלץ.
— גוט.
— דאָס האָט מען בײַ אונז גערופען, זיך שלאָגען געגען די וואַלץ־שטײַערן. די וואַלץ־אַקציז איז דען דאָס זעלבע וואָס דער קעניג ?
— יאָ. נײן. איבריגענס ס'איז נישט נויטיג, דו זאָלסט עס פערשטעהן.
— איך בעט איבער דעם גנעדיגער הער, וואָס איך האָב געהאַט די העזה צו שטעלען א פראַגע דעם גנעדיגען הער.
— נו ווײַטער. קאָנסטו לאַ טורג ?
— א פראַגע אַביסעל צו איך קאָן לאַ טורג ! איך שטאַם דאָך פון דאָרט.
— וואָס ?
— יאָ, איך בין דאָך פון פאַריניע.
— ריכטיג, לאַ טורג איז אין שכנות פון פאַריניע.
— אויב איך קאָן לאַ טורג ! דער גרויסער קײַלעכדיגער שלאָס, וועלכער איז דער פאַמיליען־שלאָס פון מײַנע פריצים ! עס איז דאָרט פאַרהאַן א דיקע אײַזערנע טהיר, וועלכע טײַלט־אָב די נײַע געבײַדע פון דער אַלטער און וועלכע מען וועט נישט צולעגען אפילו מיט א קאַנאָן. טאַקי אין דער נײַער געבײַדע געפינט זיך דאָס בעריהמטע בוך פון דעם הײליגען באַר־טעלעמי, וועלכעס מען קומט אָנקוקען אויס נײַגעריגקייט. אין דעם גראָז איז דאָ זשאַבעס. ווען איך בין געווען קליין, האָב איך מיך געשפּיעלט מיט די דאָזיגע זשאַבעס. און דעם אונטערערדישען דורכגאַנג ! איך קאָן איהם. איך ווייס נישט, אויב עס קאָן איהם נאָך עמיץ אַחוץ מיר.
— וואָס פאַר א אונטערערדישער דורכגאַנג. איך ווייס נישט וועגען וואָס דו רעדסט.
— דאָס איז נאָך געמאַכט געוואָרען פאַרצײַטענס, בשעת לאַ טורג איז געווען בעלאַגערט. די מענשען פון אינוועניג האָבען זיך געקאָנט ראַ־טעווען אין דרויסען אַרויס, אַדורכגעהענדיג דורך דעם אונטערערדישען גאַנג, וועלכער דערלאַנגט ביז צום וואַלד.

— אזוינע אונטערערדישע גענג זענען ווירקליך פאראן אין דעם שלאס פון זשופליער און אין דעם שלאס פון היונארדע און אין דעם טורם פון שאמפעאן; אין לא טורג איז אזוינס נישטא.

— עס געפינט זיך יא, גנעדיגער הער. די דורכגענג, וועגען וועלכע דער גנעדיגער הער רעדט, קאן איך גארנישט. איך קאן נאר דעם פון לא טורג, ווייל איך שטאם פון דארט. און נאך מעהר, קיינער א חוץ מיר ווייסט נישט פון דעם דאזיגען דורכגאנג. מען רעדט גארנישט פון דעם. דאס איז געוועזען פערבאטען, ווייל דער דורכגאנג האט געדינט בשעת די מלחמות פון ה. דע ראהאן. מיין פאטער האט געוואוסט דעם סוד און האט מיר עס געוויזען. איך ווייס די געהיימנים פון ארייננגאנג און דעם סוד פון אויסגאנג. ווען איך בין אין וואלד, קאן איך געהן אין טורם, און ווען איך בין אין טורם, קאן איך געהן אין וואלד און קיינער וועט מיר נישט זעהן. און ווען דער שונא קומט־אריין, געפינט ער שוין נישט קיינעם. אט, וואס לא טורג איז. א, איך קען עס גוט.

דער אלטער האט א רגע געשוויגען.

— דו ביסט דיך אודאי טועה; ווען עס וואלט געווען אזא סוד, וואלט איך פון דעם געוואוסט.

— גנעדיגער הער, איך בין אין דעם זיכער. עס איז פאראן דארט א שטיין, וועלכער דרעהט זיך.

— נו גוט! איהר, פויערים, גלויבט נאך אין שטיינער, וועלכע דרעהען זיך, און שטיינער, וועלכע זינגען, און שטיינער, וועלכע געהן טרינקען ביי נאכט אין א דערביי־איגען טייך. אהן א צאהל מעשה'לעך.

— אבער איך האב דאך איהם אליין געדרעהט, דעם שטיין...

— אזוי ווי אנדערע האבען אליין איהם געהערט זינגען. חבר, לא טורג איז א זיכערע און שטארקע פעסטונג און לייכט צו פערטיידיגען; נאר דער, וועלכער וועט זיך פערלאזען אויף א אונטערערדישען גאנג, אום זיך פון דארט ארויסצוקריגען, וועט זיין א נאאיווער.

— אבער גנעדיגער הער...

דער אלטער האט געהויבען מיט די אקסלען,

— לאמיר בעסער נישט פערלירען קיין צייט, מיר וועלען שמועסען וועגען אונזער ענין.

דער ענטשיידענער טאן האט מיט איין מאל אבגעהאקט האלמאלא'ס עקשנות.

— לאמיר ווייטער געהן, האט דער אלטער ווייטער אנגעהויבען. הער אויס. פון רוישפער ווערסטו געהן צום וואלד פון סאן שעווריער, וואו עס געפינט

זיך בענעדיסיטע, וועלכער איז דער אנפיהרער פון די צוועלף. אויך ער איז א מענש. ער זאגט־אב זיין תפילה בשעת ער הייבט שיסען די מענשען. אין א מלחמה איז נישט דא קיין סענטימענטען. פון מאנשעווריער וועסטו געהן...

ער האט איבערגעהאקט.

— איך האב פערגעסען אן דעם געלד. ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש א בייטעל מיט א טייסטער.

— אט אין דעם טייסטער געפינט זיך דרייסיג טויזענד פראנק אין אסיגנאציעס, וואס האט דעם ווערט פון דריי ליוור מיט צעהן סו; איך מוז דיר זאגען, דאס די אסיגנאציעס זענען פאלשע, נאר די אמת'ע זענען מעהר נישט ווערט; און אט אין דעם דאזיגען בייטעל, הארך, איז דא הונדערט ליוו אין גאלד. איך גיב דיר אוועק אלץ, וואס איך האב נאר. דא דארף איך מעהר גארנישט. איבעריגענס, איז בעסער, אז מען וועט ביי מיר קיין געלד נישט געפינען. איך הויב ווידער אן אונזער שמועס. פון מאנשעווריער וועסטו געהן קיין אנטרען, וואו דו וועסט דיך זעהן מיט ה. דע פראטטע; פון אנטרען קיין זשופעליער, וואו דו וועסט דיך זעהן מיט דעם ה. ראש־קאט; פון זשופעליער קיין נואריע, וואו דו וועסט דיר זעהן מיט דעם גלח באדוען. וועסטו דאס אלץ געדענקען?

— אזוי ווי די ברכה.

— דו וועסט דיך זעהן מיט ה. דיובוא גיואי אין סען־ברים־אן־קאגל, מיט ה. דע טיורפען אין מאראן, א בעפעסטיגט שטעדטיל, און מיט דעם פירשט טאלמאן אין שאטא־גאנטיע.

— וועט א פירשט מיט מיר רעדען?

— איך רעד דאך מיט דיר.

האלמאלא האט אראבגענומען זיין הוט.

— אלע וועלען דיר גוט אויפנעהמען, ווען זיי וועלען נאר דערזעהן די ליליע אויסגעהאפטען פון דעם קעניגס שוועסטער. פערגעס נישט, דאס דו מוזט געהן אין א געגנעד וואו עס געפינען זיך בערגלייט און גראב פאלק. דו וועסט זיך איבערטהון. דאס איז לייכט. די רעפובליקאנער זענען אזעלכע נאראנים, מיט א בלאהע קאפאטע, מיט א דרייעקיגען הוט און א דרייפארביגע קאקארדע קאן מען אומעטום ארורכגעהן,[18] אוים רעגימענט, אוים אוניפארם, די אבטהיילונגען האבען שוין מעהר נישט קיין נומערן; יע־דער טהוט זיך אן אין אזעלכע לומפען, ווי איהם געפעהלט. דו וועסט געהן

18) דאס איז געווען א אוניפארם פון דעם רעפובליקאנישען מיליטער, צוליב וואס מען האט זיי גערופען: די בלאהע.

קײן סען-מערװע. װעסט דיך דאָרט זעהן מיט גאַליע, מיט'ן צונאָמען גראַן-פיער. דו װעסט נאָכדעם געהן אין לאַגער פון פאַרנע, װאו עס געפינען זיך די לײט מיט די אָנגעשװאַרצטע געזיכטער. זײ לאָדען-אָן זײערע ביקסען מיט קלײנע שטײנער אין אַ דאָפּעלטען לאָדונג פון פולװער, עס זאָל מאַכען װאָס מעהר גערויש. און זײ טהוען גוט. דער עיקר זאָג זײ, אַז זײ זאָלען הרג'ענען, הרג'ענען, הרג'ענען. דו װעסט געהן אין לאַגער פון דער „שװאַרצער קוה", װעלכער געפינט זיך אויף אַ הויכקײט אינמיטען פון װאַלד פון לאַ שאַרני, דערנאָך אין לאַגער פון „אַװואַן", דערנאָך אין לאַגער „װער" (גרינעס), דערנאָך אין לאַגער פון די „מוראַשקעס". דו װעסט געהן קײן גראַן-באָר-דאַזש, װאָס מען רופט אויך האָ-דיו-פרע, און איז בעװאוינט פון אַנ'אלמנה, װעמענס טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט טרעטאָן, מיט'ן צונאָמען „ענג-לענדער". גראַן-באָרדאַזש געפינט זיך אין דער געמײנדע קעלען. דו װעסט בעזוכען עפינע-לע-שעװרע, סיללע-לע-גײאָן, פאַראַן און אַלע מענשען, װעלכע געפינען זיך אין אַלע װעלדער. דו װעסט טרעפען פרײַנד און װעסט זײ שיקען צום ראַנד פון הויכען און נידעריגען מען; דו װעסט דיר זעהן מיט זשאַן טרעטאָן אין דער געמײנדע װעזש, סאַן-רעגרע אין ביניאָן, שאַמבאָר אין באָנשאַן, די ברידער קאָרבען אין מעזאָנסעל, און דעם פטי-סאַן-פער אין סען-זשאַן-סור-ערװ. דאָס איז דער אײגענער, װעלכער רופט זיך בורדואַזאָ ערפּילענדיג דאָס אַלץ און געבענדיג אומעטום די לאָזונג: „ערהויבט אײך", „קײן שום גנאָד", װעסטו דיר בעגעבען צו דער גרויסע אַרמעע, צו דער קאַטױלישע און ראָיאַליסטישע קעניגליכע אַרמעע, װאו זי זאָל זיך נישט געפינען. דו װעסט דיר זעהן מיט די ה"ה. ד'עלבע דע לעסקיור, דע לאַ ראָש-זשאַקלען, אַלזאָ מיט די אַלע פיהרער, װעלכע װעלען נאָך לעבען. דו װעסט זײ װײַזען מײַן קאָמאַנדירען-שלײף. זײ װײסען, װאָס דאָס בעדײַט. דו ביסט נישט מעהר, װי אַ מאַטראָס אָבער קאַטלינאָ[19]) איז אויך נאָר אַ פוהרמאַן. דו װעסט זײ זאָגען אין מײַן נאָמען אָט װאָס: עס איז שוין צײַט צו פיהרען בײדע קריגען מיט אַמאָל! די גרויסע און די קלײנע. די גרויסע מאַכט אָן מעהר גערודער, די קלײנע ברענגט גיכער צום ציעל. װאַנדעע איז גוט, שואַנעריע איז שלעכט; און אין אַ בירגער-קריג איז דאָס שלעכטע דאָס בעסערע. די גוטסקײט פון אַ קריג אורטײלט זיך לויט די מאָס שלעכטס, װאָס זי מאַכט-אָן.

ער האָט אַ רגע שטיל געשװיגען.

---

19) קאַטלינאָ, אײנער פון די בעריהמטע אָנפיהרער אין דעם אויפשטאַנד אין װאַנדעע פון בערוף אַ װעבער. געפאַלען אין 1743 בײַ נאַכט.

- האַלמאַלאַ, איך זאָג דיר דאָס אַלץ, דו פֿערשטעהסט נישט קיין ווערטער, אָבער דו פֿערשטעהסט מעשים. איך האָב געקריגען צוטרוי צו דיר, זעהענדיג, ווי געשיקט דו האָסט געפֿיהרט דאָס שיפֿעל; דו קאָנסט נישט קיין געאָמעטריע, דו האָסט אָבער געמאַכט איבעראַשענדע בעוועגונגען אויף דעם ים; ווער עס קאָן פֿיהרען אַ שיפֿעל, דער קאָן אָנפֿיהרען מיט אַ אויפֿשטאַנד; און זעהענדיג, ווי דו האָסט זיך אַרויסגעדרעהט אויפֿ'ן ים, בין איך פֿעסט איבערצייגט, דאָס דו וועסט אַלע מיינע אויפֿטראַגען גוט ערפֿילען. הער ווייטער. דו וועסט אַלזאָ די אָנפֿיהרער אַט וואָס זאָגען, נישט ווערטליך, נאָר ווי אַזוי דו וועסט קענען, וועט שוין גוט זיין: איך וויל ליעבער די מלחמה אין די וועלדער, ווי די מלחמה אין אָפֿענעם פֿעלד; איך האַלט נישט פֿון דעם, אַז מען זאָל אויסשטעלען אין רייהען הונדערט טויזענד פֿויע-רים אונטער די קוילען פֿון די בלאָהע זעלנער און אונטער די אַרטילעריע פֿון הער קאַרנאָ; איך וויל האָבען נאָך איידער דער חודש וועט פֿערגעהן פֿינף הונדערט טויזענד טויטשלעגערס בעהאַלטענע אין די וועלדער. די רע-פּובליקאַנישע אַרמעע — דאָס זענען מיינע יאַגד-חיות. געהן אויף געיעג, אונטערגנב'ענענדיג זיך, הייסט — קריעג פֿיהרען. איך בין דער סטראַטעג פֿון די קושאַקעס. אַט איז נאָך אַ וואָרט, וועלכע דו וועסט נישט פֿערשטעהן: קיין שום גנאָד! און אומעטום לויער! איך וויל ענטוויקלען מעהר שואַנעריע ווי וואַנדעאיזם. דו זאָלסט צוגעבען, דאָס די ענגלענדער זענען מיט אונז. לאָמיר נעהמען די רעפּובליק צווישען צוויי פֿייערן. אייראָפּאַ העלפֿט אונז. לאָמיר איינמאָל פֿערענדיגען מיט דער רעוואָלוציע. די קעניגען פֿיהרען מיט איהר אַ קריעג פֿון די קעניגרייכען, מיר וועלען מיט איהר פֿיהרען די קריג פֿון די געמיינדעס. דאָס אַלץ וועסטו זאָגען. האָסטו פֿערשטאַנען?

— יאָ. מען דאַרף אומעטום דורכגעהן מיט פֿייער און בלוט.

— ריכטיג.

— קיין שום גנאָד.

— קיינעם נישט. ריכטיג.

— איך וועל געהן אומעטום.

— און היט דיך, ווייל אין דעם דאָזיגען לאַנד איז דער טויט אַ אָפֿטער גאַסט.

— דער טויט, דאָס געהט מיר גאָרנישט אָן, ווער עס מאַכט דעם ערשטען שריט, דער נוצט אפשר אָב זיינע לעצטע שיך.

— דו ביסט אַ וואוילער יונג.

— און ווען מען פֿרעגט, ווי איז דער נאָמען פֿון דעם גנעדיגען הער?

— מען דאַרף דאָס נאָך נישט וויסען. דו וועסט זאָגען, אַז דו ווייסט

איהם אַליין נישט, און דאָס וועט זיין דער אמת.

— וואו וועל איך דעם גנעדיגען הער זעהן ?

— וואו איך וועל זיין.

— און ווי אַזוי וועל איך דאָס וויסען ?

— ווייל אַלע וועלען עס וויסען. עס וועט נישט אויסגעהן קיין אַכט טאָג און מען וועט פון מיר שמועסען, איך וועל דינגען פאַר אַ ביישפיעל, איך וועל נקמה נעהמען פאַר דעם קעניג און די רעליגיאָן, און דו וועסט געוויס באַלד דערקענען, אַז דאָס רעדט מען וועגען מיר.

— איך פערשטעה.

— פערגעס־זשע גאָרנישט.

— זייט רוהיג.

— איצט געה דיין וועג. גאָט זאָל דיך פיהרען, געה.

— איך וועל אַליין טהון, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט. איך וועל רעדען, איך וועל האַנדלען, איך וועל בעפעהלען.

— גוט.

— און ווען עס געלינגט מיר...

— וועל איך דיר מאַכען פאַר קאַוואַליער פון הייליגען ליודוויג.

— אַזוי ווי מיין ברודער; און ווען עס געלינגט מיר נישט, וועט איהר מיר הייסען שיסען ?

— אַזוי ווי דיין ברודער.

— איך פערשטעה, גנעדיגער הער.

דער אַלטער האָט אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ און איז ווי פערזונקען געוואָרען אין טיעפע חלומות. ווען ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, איז ער געווען אַליין. האַלמאַלאָ איז געווען נאָר אַ שוואַרצער פונקט אינ׳ם וויטען האָריזאָנט.

די זון איז נאָר וואָס אונטערגעגאַנגען.

די מעוועס און די פויגעל־פישכאַפּערס האָבען זיך צוריקגעקעהרט, דער ים איז ביי זיי דער דרויסען.

עס האָט זיך אין רוים געפיהלט, דער מין אונרוהיגקייט, וועלכע געהט דער נאַכט פאָראויס. די פרעש האָבען געקוואַקעט, די קוליקעס זיי האָבען זיך פייפענדיג אויפגעהויבען פון די זומפּען, די קראָהען, די לערכען האָבען פערשפּרייט זייער אָבענד־געראויש; די פויגעל פון די ברעגעס האָבען זיי אָבגעענטפערט; נאָר קיין שום מענשליכען קול האָט מען נישט געהערט. אַ טיעפע איינזאַמקייט האָט געהערשט אַרום. קיין איינציגער זעגעל אין דער בוכטע, קיין איינציגער פויער אויף דעם פעלד. ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט — אַ

וויסטע שטרעקע, די הויכע ציסטעל, וועלכע וואַקסען אויף די זאַמדען, האָבען געציטערט. דער קלאָרער דעמערונגס-הימעל האָט געוואָרפען אויף דעם זאַמדיגען ברעג אַ טונקעל-בלאָהע העלקייט. פון דערווייטענס האָבען די טייכען אויף דער דונקעלער פלעכע אויסגעזעהן ווי פלאַטען פון צין אויסגעלעגטע פלאַך אויף דער ערד. דער ווינד האָט געבלאָזען פון אָפענעם ים.

טעלמאַרק.

I.

דער אַלטער האָט געוואַרט ביז האַלמאַלאָ וועט פערשוואונדען ווערען, דאַן האָט ער זיך פעסט איינגעטוליעט אין ים-מאַנטעל און זיך געלאָזט אין וועג. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט, פערטיפט אין געדאַנקען. ווענדענדיג זיך אין דער ריכטונג פון היוואין, אין דער צייט ווען האַלמאַלאָ איז געגאַנגען אין דער זייט פון באָוואַר.

הינטער איהם האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוואַלדיג גרויסער שוואַרצער דרייעק, געקרוינט מיט אַ קרוין פון קאַטעדראַל, זיין פעסטונגס-פאַנצער און זיינע צוויי הויכע טורעמס, איינער צום מזרח, אַ קיילעכדיגער, דער צווייטער — אַ פירעקיגער; צוויי טורעמס, וועלכע העלפען דעם באַרג טראָגען די משא פון דעם קלויסטער און דעם דאָרף, — דער באַרג סען-מישעל.

די בעוועגליכע זאַמדען פון דער בוכטע סען-מישעל בייט אומבעמערקבאַר דאָס אויסזעהן פון די זאַמד-בערגלעך. אין יענער עפּאָכע איז נאָך געווען צווישען היוואין און אַרדעוואָן אַ זעהר הויכער באַרג, וואָס איז הײַנט איינגאַנצען אָבגעמעקט. דאָס דאָזיגע זאַמדבערגעל, וועלכע איז ביי אַ שטאַרקען שטורמווינד איינגאַנצען צערשטערט געוואָרען איז געווען אַ זעלטענהייט צוליב זיין אַלטקייט אין דעם וויאָרסטען-שטיין, וועלכער האָט זיך געפינען אויף זיין שפּיץ, און וועלכער איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אין XII-טען יאָהרהונדערט צום אָנדענקען פון דער קירכען-פערזאַמלונג געגען די מערדער פון דעם הייליגען טאָמאַ דע קענטעבערי. אויף דעם שפּיץ פון דעם דאָזיגען זאַמד-בערגעל האָט זיך ענטפלעקט די גאַנצע געגענד אַרום און עס איז זיך לייכט געווען צו אָריענטירען.

דער אַלטער האָט זיך געווענדעט צום דאָזיגען בערגעל און איז אַרויפגעשטיגען.

געפינענדיג זיך אויף דעם שפּיץ, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם

מײַלענשטײן. און זעצענדיג זיך אויף אײַנעם פֿון די פֿיער עקשטײנער, װעלכע האָבען בעצײַכענט די װינקלען, האָט ער גענומען פֿאָרשען די געגענד, װעלכע האָט זיך אויסגעשפּרײט אונטער זײַנע פֿיס. ער האָט װי געזוכט אַ װעג אין אַ לאַנד, װעלכעס איז איהם קענטיג געװען בעקאַנט. אונטער דעם בין-השמשות שײַן האָט זיך פֿון דער װײַטער און טריבער לאַנדשאַפֿט געזעהן נור דײַטליך דער שװאַרצער האָריזאָנט. װאו מען האָט געקאָנט אונטערשײדען דעכער-גרופּען פֿון עלף שטעדטלעך און דערפֿער; װײַט, אויף עטליכע מײַל אַרום, האָבען זיך געדונקעלט די בערג מיט אַלע גלאָקען-טורעמס, װעלכע זענען זעהר הויך געשטאַנען, אַלס אַ צײַכען אין אַ צײַט פֿון אַ נויט פֿאַר די מענשען, װעלכע געפֿינען זיך אויפֿ'ן ים.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער אַלטער האָט, װי עס שײַנט געפֿונען אין דעם האַלב דונקעל דאָס, װאָס ער האָט געזוכט; זײַן בליק האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ גרופּע בוימער, װענד און דעכער, װעלכע האָבען זיך קוים געזעהען אין דער מיט פֿון שטח און די װעלדער, עס איז געװען אַ פֿאָלװאַרק. ער האָט צופֿריעדען אַ שאָקעל געגעבען מיט דעם קאָפּ, װי אַ מענש, װעל-ער זאָגט צו זיך: אָט איז עס. און ער האָט אָנגעהויבען צו צײַכענען מיט דעם פֿינגער אין דער לופֿטען אַ פּלאַן פֿון אַ װעג דורך צוימען און פֿעלדער. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער זיך פֿערקוקט אויף עפּעס אַ פֿאָרמלאָזע און נישט קלאָרע זאַך װאָס האָט געפֿלאַטערט אויף דעם הויפּט-דאַך פֿון דעם פֿאָלװאַרק און עס איז אויסגעקומען, װי ער װאָלט זיך אַ פֿרעג געטהון: װאָס קאָן דאָס זײַן? עס איז געװען פֿאַרבלאָז און נישט מעגליך צו דערקענען אין אַזאַ שפּעטער שעה; עס האָט נישט געקאָנט זײַן קײַן װעטער-פֿעהנדעל, װײַל עס האָט געפֿלאַטערט, עס איז אָבער נישט געװען קײַן שום סיבה, אַז עס זאָל זײַן אַ פֿאָהן.

ער איז געװען מיעד; און איז גערן װײַטער געבליבען אויף דעם שטײן, װאו ער האָט זיך געזעצט; ער איז פֿערזונקען געװאָרען אין דעם מין אונבעשטימטע פֿערגעסענהײַט, אין װעלכער עס פֿאַלען אַרײַן זעהר מיעדע מענשען אין די ערשטע מינוט פֿון אָפּרוה.

עס איז דאָ אַ שעה אין טאָג, װעלכע מען װאָלט געקאָנט אָנרופֿען די אָהן-גערױש; דאָס איז די אָבענד-שעה. אַזאַ שעה איז דאַמאָלסט געװען. און ער האָט פֿון איהר גענאָסען; ער האָט זיך אײַנגעקוקט, אײַנגעהאָרכט אין דער שטילקײַט. אפילו די װילדע זײערע מינוטען פֿון מעלאַנכאָליע. פֿלוצלינג איז די דאָזיגע שטילקײַט, נישט געשטערט, נאָר נאָך אויסדריקליכער געװאָרען דורך שטימען, װעלכע האָבען זיך פֿאַרבײַגעטראָגען; דאָס זענען געװען שטימען פֿון פֿרויען און קינדער. דער בין-השמשות האָט אַמאָל זײַנע

אונערוואַרטעטע פּריידען קלאַנגען. אַ דאַנק די קושאַקעס האָט מען נישט געקאָנט זעהן די גרופּע פון וואַנען עס האָבען זיך געהערט די שטימען, נור די דאָזיגע גרופּע איז געגאַנגען צו פיסען פון דעם בערגעל, אין דער ריכטונג פון דער פלאַכער פעלד און דעם וואַלד. די שטימען האָבען זיך אויפגעהויבען קלאָר און פריש און דערגרייכט ביז צו דעם פערטראַכטען אַלטען: זיי זענען אַזוי נאָהנט געווען, אַז ער האָט פון זיי גאָרנישט פערלוירען.

אַ שטימע פון אַ פרוי האָט געזאָגט:

— לאָמיר זיך צוויילען, פלעשאַרד. איז עס דורך דאַנען?

— ניין, עס איז דאָרט אַרום.

און דער שמועס האָט זיך ווייטער געפיהרט צווישען די צוויי שטימען, איינע אַ הויכע און די צווייטע אַ שטילע.

— ווי רופט איהר דעם דאָזיגען פאַלווארק, וואו מיר וואוינען איצט?

— ל'הערב-אַן-פּאַיל (גראָז און שטרוי)

— עס איז נאָך ווייט?

— אַ גוט פערטעל שעה.

— לאָמיר זיך צוויילען צום אָבענד-ברויט.

— אמת טאַקי, מיר האָבען זיך פערשפּעטיגט.

— מען דאַרף לויפען. נאָר אייער קליינוואַרג איז מיעד. מיר זענען נאָר צוויי פרויען און מיר קענען נישט טראָגען קיין דריי קינדער. איהר טראָגט סיי ווי סיי איינס, פלעשאַרד. שווער איז עס ווי בליי. איהר האָט די פרעסערקע ענטוועהנט, און דאָך טראָגט איהר זי שטענדיג אַרום. אַ שלעכטע געוועהנהייט. הייסט, זי זאָל אַליין געהן. אַ, דאָס איז נאָך ערגער, די זופּ וועט אינגאַנצען אויסגעקיהלט ווערען.

— אוי, וואָס פאַר אַ גוטע שיך איהר האָט מיר געגעבען! עס וואָלט עמיץ געמיינט, אַז זיי זענען אויף מיין מאָס געמאַכט.

— דאָס איז בעסער, ווי צו געהן באָרפוס.

— אַביסעל גיכער, רענע-זשאַן.

— ער איז אינגאַנצען שולדיג, וואָס מיר פערשפּעטיגען. ער מוז דאָך שמועסען מיט אַלע קליינע פויערטעלעך, וועלכע ער בעגעגענט. נאָר מעשה מענש.

— אַ, ער איז דאָך שוין אַלט פינף יאָהר.

— זאָג נאָר, רענע-זשאַן, צוואָס האָסטו גערעדט מיט דער קליינע אין דאָרף?

אַ קינדערשטים, וועלכע איז געווען אַ שטים פון אַ יונגעל, האָט אָבגעענטפערט׃

— װײַל איך קאָן זי.

— װי, דו קאָנסט זי? האָט די פֿרױ געפֿרעגט.

— יאָ, זי האָט דאָך מיר הײַנט אין דער פֿריה געגעבן פֿינגעלעך.

— זעה נאָר, זעה! האָט אױסגעשריען די פֿרױ, מיר זענען ערשט די אין דער געגענד דרײַ טעג, און דאָס איז אַזױ גרױס, װי אַ פּױסט, און עס האָט שױן אַ געליעבטע!

די שטימען האָבען זיך דערװײַטערט. יעדער געריש האָט אױפֿגעהערט.

II.

עס האָט אױער'ן און עס הערט נישט.

דער אַלטער איז געבליבען אונבעװעגליך. ער האָט גאָרנישט געקלערט, ער האָט קױם געחלום'ט. אַרום איהם האָט געהערשט פֿרישקײַט, שלומער, צוטרױ און אײַנזאַמקײַט. אױף דעם בערגעל איז נאָך געװען גרױסער טאָג, אױף דער פֿלעכע אָבער איז שױן כמעט נאַכט געװען און אין װאַלד אַ פֿולשטענדיגע נאַכט. אױף דעם מזרח איז אַרױפֿגעשװאומען די לבנה. אײניגע שטערען האָבען אױף דעם בלײַך-בלאָהען הימעל געשימערט. דער דאָזיגער מענש, פֿול מיט שטאַרקער זאָרג, איז יעצט װי פֿערזונקען געװען אין דער מילדקײַט װאָס האָט געפֿלאָסען פֿון דער אונענדליכקײַט. ער האָט געפֿיהלט אױפֿשטײַגען אין איהם אַ דונקלע האָפֿנונג, װען דאָס װאָרט האָפֿנונג קאָן בכלל אָנגעװענדט װערען אין בעצוג צו די ערװאַרטונגען און די שרעקען פֿון אַ בירגער קריג. אין דער רגע האָט זיך איהם געדאַכט, דאָס פֿערלאָזענדיג דעם אונברחמנות'דיגען ים, און אַראָבשטײַגענדיג אױף דער ערד, איז יעדער געפֿאַהר פֿערשװאונדען. קײן לעבעדיגער מענש קאָן נישט זײַן גאָמען, ער איז אַלײן, פֿערלאָרען פֿאַר דעם פֿײַנד, קײן שום שפּור הינטער איהם, װײַל אױף דער אױבערפֿלעכע פֿון ים בלײַבט נישט קײן צײַכענס, בעהאַלטען, אונבעקאַנט, אַפֿילו נישט אין חשד. ער האָט געפֿיהלט עמין העכסטע בערוהיגונג. נאָך אַ װײַלע און ער װאָלט אײַנגעשלאָפֿען.

דאָס װאָס האָט פֿאַר דעם דאָזיגען מענשען, אַ קרבן פֿון אינערליכע און אױסערליכע שטורמען, געהאַט אַ בעזונדערן רײַץ אין דער דאָזיגער שטילער שעה, איז געװען די טיעפֿע שטילקײַט אױף דער ערד, װי אױף דעם הימעל.

מען האָט נאָר געהערט דעם װינד, װעלכער האָט זיך געטראָגען פֿון דעם ים, נאָר דער װינד איז אַ אונאױפֿהערליכער באַס, צו װעלכען מען געװעהנט זיך אַזױ צו, אַז ער הערט אױף צו זײַן אַ געריש.

נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

זיין אויפמערקזאַמקייט איז האַסטיג אויפגעוועקט געוואָרען; ער האָט בעטראַכט דעם האָריזאָנט. עפּיס וואָס האָט דעם בליק זיינעם געגעבען אַ בעזונדערע אונבעוועגליכקייט.

דאָס וואָס ער האָט בעטראַכט, איז געוועזען דער טורם-גלאָק פון קאַרמערע, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען פאַר איהם פון דער טיעף פון דער פלעכע. און ווירקליך, עפּיס אויסערגעוועהנליכעס איז געשעהן אין דעם דאָזיגען טורם-גלאָק.

דער סילועט פון דעם דאָזיגען טורם-גלאָק האָט זיך שאַרף אויפגעהויבען, מען האָט געזעהן דעם טורם געקרוינט מיט אַ פּיראַמידע און צווישען דעם טורם און דער פּיראַמידע די שטייג פון דעם גלאָק. די שטייג איז געוועזען פירקאַנטיג, אָהן ווענד, אָהן רעלסען, און אָפען פון אַלע פיער זייטען, לויט דעם סטיל פון די ברעטאָנישע טורם-גלאָקען.

אָט די דאָזיגע שטייג איז ערשינען אין אַ ריטמישער צייט צוטיילונג פאַר איהם דאָ אָפען און דאָ פאַרשטעלט. זיין הויכער פענסטער האָט זיך בעוויזען דאָ גאַנץ ווייס, דערנאָך גאַנץ שוואַרץ; אַמאָל האָט דורך איהם אַ דורכגעלויכט דער הימעל און אַמאָל נישט; אָט איז געווען העל און אָט דונקעל און די עפנונג און שליסונג האָט איבערחזרט יעדער סעקונדע מיט דער רעגעלמעסיגקייט פון אַ האַמער אויף'ן אַמבאָס.

דער אַלטער האָט פאַר זיך געהאַט דעם טורם-גלאָק פון קאַרמערע אויף אַ שטח פון צוויי פראַנצויזישע מיילען, ער האָט געקוקט רעכטס אויף דעם טורם-גלאָק פון באַנע-פּיקאָן, וועלכער האָט זיך אויך גלייך אויפגעהויבען צום האָריזאָנט, אויך די שטייג פון דעם דאָזיגען גלאָק האָט זיך אויפגעעפענט און פערמאַכט אַזוי ווי פון דעם גלאָק אין קאַרמערע.

ער האָט געקוקט לינקס אויף דעם גלאָק פון טאַניס; די שטייג פון גלאָק פון טאַניס האָט זיך אויך אויפגעעפענט און פערמאַכט, ווי פון באַנע-פּיקאַן.

ער האָט בעטראַכט אַלע גלאָקען אויף דעם האָריזאָנט, איינס נאָך דאָס אַנדערע; לינקס די גלאָקען פון קורטיל, פון פּרעסע, פון קראַלאָן און פון לאַ קרוא-אַוראַנשען; רעכטס די גלאָקען פון ראַ-סיור-קוענאָן, דע מאָר-דרע און דע פּאַ, געגען איהם דער גלאָק פון פּאָנטאָרסאָן. די שטייגען פון די אַלע גלאָקען זענען געווען דאָ שוואַרץ, דאָ ווייס.

וואָס האָט דאָס געקאָנט בעדייטען?

דאָס האָט בעדייט, אַז אַלע גלאָקען האָבען זיך צעוויגט.

זיי האָבען געמוזט מורא'דיג געשאָקעלט ווערען, אַז עס זאָל מעגליך

זײַן אזא בעװײַזען זיך און פערשװינדען.

װאס איז דא אײגענטליך אַלזא געװען? קלאר, אז מען האט שטורם געקלונגען.

מען האט שטורם געקלונגען, מען האט געקלונגען משוגענערװײַז, מען האט געקלונגען אומעטום, אין אַלע גלאקען, אין אַלע געמײנדעס, אין אַלע דערפער, און מען האט גארנישט געהערט.

דאס איז געװען צוליב דער װײַטקײַט, װאס האט געשטערט די קלאנגען זאלען צוקומען און צוליב דעם װינד, װעלכער האט געבלאזען פון דער אנטקעגענדיגער זײַט האט דעם גאנצען גערױש געטראגען איבער די גרעניצען פון האריזאנט.

די אַלע שטאַרק צעװיגטע גלאקען װעלכע האבען גערופען פון אַלע זײַטען, און אין דערזועלבער צײַט די שטילקײַט, האבען געמאַכט א מורא׳דיגען רושם.

דער אַלטער האט געקוקט און געהארכט.

ער האט דעם שטורם-גלאק נישט געהערט, נאר געזעהען. זעהען װי א גלאק שלאגט שטורם און נישט פערנעהמען, דאס מאכט א מארנעם אײַנדרוק.

נאר װעמען האבען זײ גערופען די דאזיגע גלאקען;
געגען װעמען איז דער דאזינער שטורם-גװאלד?

III.

די נוצליכקײַט פון גרויסע אותיות.

מען האט עמיץ געװיס פערפאלגט.

נאר װעמען?

דער דאזיגער שטאלענע מענש איז פערציטערט געװארען.

דאס מײנט מען זיכער נישט איהם. מען האט דאך נישט געקענט טרעפען זײַן אנקומען; עס איז געװען אונמעגליך, אז די דעלעגירטע פאלקס-פארשטעהער זאלען שוין האבען װעגען איהם א ידיעה; ער איז דאך נאר װאס אויסגעשטיגען. די קארװעטע איז אודאי אונטערגעגאנגען און קײנער האט זיך נישט געראַטעװעט. און אויף דער קארװעטע גופא האט דאך קײנער אויסער בואבערטלא און װיעװיל נישט געקאנט זײַן נאמען.

די גלאקען האבען װײַטער נישט אויפגעהערט זײער װילדען שפיעל. ער האט זײ בעטראַכט און מעלאַניש געצעהלט. זײַנע געדאַנקען, געשטויסען פון אײן השערה צו דער צװײַטע, האבען זיך געװאַקעלט פון א טיעפע זיכערקײַט ביז א שרעקליכען נישט װיסען. דאך האט מען נאך געקענט דעם

דאָזיגען שטורם-גלאָק אויסטײַטשען אויף פֿערשידענע אופנים און ער האָט זיך ענדליך בערוהיגט. איבערחור'ענדיג: „ענדליך ווײסט קײנער נישט מײן אָנקו־מען, און קײנער ווײסט נישט מײן נאָמען".

שוין עטליכע מינוט האָט ער געהערט איבער זיך און אונטער זיך ווי א לײַכטען גערויש. דער דאָזיגער גערויש איז ענליך געווען צו א ציטערן פֿון א בלאַט אויף א צוטרײסעלטען בוים. פֿריהער האָט ער דאָס נישט בע־מערקט; דערנאָך, אַזוי ווי דער גערויש האָט נישט אויפֿגעהערט, מען קאָן זאָגען, ער איז געוואָרען צודרינגליך, האָט ער ענדליך אויסגעדרעהט דעם קאָפּ. עס איז ווירקליך געווען א בלאַט, נאָר א בלאַט פּאַפּיר. דער ווינד האָט געהאַלטען אין אָברײַסען א ברײטען אַפֿיש, וואָס איז געווען צוגעקלעבט אויף דעם מײַלענשטײן, וואָס איבער זײַן קאָפּ. דער דאָזיגער אַפֿיש איז ווײַזט אויס ערשט נישט לאַנג געווען צוגעקלעבט, ווײַל ער איז נאָך פֿײַכט געווען און זיך אײנגאַנצען איבערגעגעבען דעם ווינד, וועלכער האָט זיך גענומען מיט איהם שפּילען און איהם אַרונטעררײַסען.

דער אַלטער איז אַרויפֿגעשטיגען אויף דעם זאַמד-בערגעל פֿון דער צווײטער זײט און האָט איהם פֿריהער נישט געקאָנט בעמערקען, ער האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף דעם שטײן, אויף וועלכען ער איז פֿריהער געזעסען אַרויפֿגעלעגט זײַן האַנד אויפ'ן ברעג פֿון אַפֿיש, וועלכען דער ווינד האָט אויפֿגעהויבען; דער הימעל איז געווען קלאָר, א דאַנק די דעמערונגען, וועלכע דויערען לאַנג אין יוני.

אונטען אָבער אונטער דעם בערגעל, איז געווען פֿינסטער, אויבען אָבער איז נאָך געווען גענוג ליכטיג, א טײל פֿון דעם אַפֿיש איז געווען אָבגעדרוקט אין גרויסע אותיות וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט לעזען. און אָט וואָס ער האָט געלעזען:

פֿראַנצויזישע רעפּובליק אײנע און אונטײלבאַרע.

„מיר, פּריער, פֿון דער מאַרן, פֿאָלקס-פֿאָרשטעהער דעלעגאַט בײַ דער אַרמעע קאָט-דע-שערבור — בעפֿעהלען: — דער געוועזענער מאַרקיז דע לאַנ־טענאַק, וויקאָמט דע פֿאָנטענע, דער אַזוי גערופֿענער ברעטאָנישער פֿירשט, וועלכער איז געהײם אויסגעשטיגען אויף דעם ברעג פֿון גראַנוויל, ווערט גע־שטעלט אויסער'ן געזעץ. — פֿאַר זײַן קאָפּ זאָגט מען-צו א בעלוינונג. — עס וועט ווערען בעצאָהלט דעם יעניגען, וועלכער וועט ברענגען זײַן קאָפּ, א סומע פֿון זעכציג טויזענד ליווער. — די דאָ־זיגע סומע וועט ווערען בעצאָהלט נישט אין באַנק-צעטלען, נאָר אין גאָלד.— א באַטאַליאָן פֿון דער אַרמעע קאָט-דע-שערבור וועט גלײַך אַרויסגעשיקט צו בעגעגנען און אויפֿצוזוכען דעם געוועזענעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק. — די

געשטיירעס וענען אויפגעפאָדערט צו געבען בעוואָפענטע הילף. — געשריבען אין דעם געמיינדע-אַמט פון גראַנוויל, דעם 2-טען יוני 1793. —
אונטערגעצייכענט
פריער, פון מאַרן.

אונטער דעם דאָזיגען נאָמען איז געווען נאָך אַ אונטערשריפט מיט אַ סך קלענערע אותיות, און וועלכען עס איז נישט מעגליך געווען איבערצוליינען צוליב דעם קנאָפען טאָגליכט.

דער אַלטער האָט אַראָבגערוקט דעם הוט אויף די אויגען, צוגעשפּילעט זיין ים-מאַנטעל ביז צו דער קינבאַק און האָט זיך שנעל אַראָבגעלאָזט פון דעם זאמד-בערגעל.

דאָס איבערבלייבען אויף דעם בעלויכטעטען בערגעל איז זיכער נישט גוטיג געווען.

ער איז אפשר צו לאַנג דאָרט געזעסען; דער שפּיץ פון בערגעל איז געווען דער איינציגער זיכטבאַרער פונקט אין דער גאַנצער געגענד.

ווען ער איז שוין געווען אונטען אין דער פינסטערניש, האָט ער אָנגעהויבען לאַנגזאַמער צו געהן.

ער איז געגאַנגען צום פאָלוואַרק אין דער ריכטונג, וועלכע ער האָט זיך פריהער אָבגעצייכענט, האָבענדיג דערביי וואַהרשיינליך זיינע גרונדען, אַז זיכערער וועט זיין אין אַ זייט צו געהן.

אַרום איז געווען פוסט. עס איז געווען די שעה, ווען מען בעגעגענט נישט קיין דורכגעהער.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט הינטער די קושאַקעס, אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם מאַנטעל, איבערגעדרעהט זיין וועסט, מיט די האָר אַרויף, פערבונדען ביים האַלז זיין מאַנטעל, וועלכער איז געווען אַ שמאַטע צוזאַמענגעקניפּט מיט אַ שטריק און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע, אַ לבנה'דיגע.

ער איז צוגעקומען צו אַ אָרט, וואו עס איז צונויפגעלאָפען צוויי וועגען און עס איז געשטאַנען אַן'אַלטער שטיינערנער קרייץ. אויף דעם פּאָסטאַמענט פון קרייץ האָט מען אונטערשיידעט אַ ווייסען פּיערעק, וועלכער איז מסתמא געווען אַזאַ אַפיש, ווי ער האָט פריהער געלעזען. ער איז נאָהנט צוגעגאַנגען צום קרייץ.

— וואוהין געהט איהר? האָט איהם אַ שטים געפרעגט.

ער האָט זיך אויסגעדרעהט.

צווישען די צוימען איז געשטאַנען אַ מענש, פון הויכער וואוקס, אַזוי ווי ער, אַלט ווי ער, מיט גראָהע האָר ווי ער, און אין נאָך ערגערע שמאַ-

טעם ווי ער אליין. כמעט זיין גלייכען.

דער מענש האט זיך אנגעשפארט אויף א לאנגען שטעקען.

— איך פרעג אייך, וואוהין איהר געהט? האט דער מענש ווידער געפרעגט.

— א פריהער, וואו בין איך? האט דער אלטער געזאגט מיט א כמעט האלבמוטיגער רוהיקייט.

— איהר זייט אין דעם הערשאפטס-גוט פון טאניס, — האט דער מענש אבגעענטפערט — איך בין פון דאנען דער בעטלער און איהר — דער פרינץ.

— איך?

— יא, איהר, הער מארקיז דע לאנטענאק.

IV.

לע קעמאן (דער שנארער).

דער מארקיז דע לאנטענאק, מיר וועלען איהם פון איצט אן רופען בייַ זיין נאמען, האט ערנסט אבגעענטפערט:

— זאל אזוי זיין. גיט מיך אוים.

דער מענש האט ווייטער גערעדט:

— מיר זענען ביידע ביי זיך אין דער היים, איהר אין דעם פאלאץ און איך אין דעם געשטרויך.

— לא'מיר מאכען א סוף. טוט, וואס איהר ווילט. גיט מיך אוים, האט געזאגט דער מארקיז.

— איהר געהט צום פאלווארק הערב-אן-פאיל, נישט אמת? האט דער מענש ווייטער געזאגט.

— יא.

— געהט נישט.

— פארוואס?

— ווייל דארט זענען דא די בלאהע.

— פון ווען אן?

— פון דריי טעג.

— די איינוואוינער פון דעם פאלווארק און דעם דארף האבען געשטעלט א ווידערשטאנד?

— ניין, זיי האבען אויפגעעפענט אלע טויערען.

— א! האט געזאגט דער מארקיז.

דער מענש האט מיט דעם פינגער אנגעוויזען דעם דאך פון דעם

פֿאָלוואַרק, וועלכען מען האָט געקאָנט זעהען אויף אַ געוויסען שטח איבער די בוימער.

— זעהט איהר דעם דאַך, הער מאַרקיז?

— יאָ.

— זעהט איהר, וואָס עס געפֿינט זיך אין דער הויך?

— וואָס פֿלאַטערט?

— יאָ.

— דאָס איז אַ פֿאָהן.

— אַ דרייפֿאַרביגע, האָט געזאָגט דער מענש.

דאָס איז געווען די זאַך, וועלכע האָט נאָך פֿון פֿריהער געצויגען אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מאַרקיז, בשעת ער איז נאָך געווען אויף דעם בערגעל.

— קלינגט מען דען נישט דעם שטורם? — האָט זיך געפֿרעגט דער מאַרקיז.

— יאָ.

— צוליעב וואָס?

— קלאָר, אז עס איז צוליעב אייך.

— אָבער מען הערט דאָך גאָרנישט?

— דער ווינד שטערט.

און דער מענש האָט ווייטער געזאָגט:

— איהר האָט געזעהן אייער אַפֿיש.

— יאָ.

— מען זוכט אייך.

און וואַרפֿענדיג אַ בליק צו דער זייט פֿון פֿאָלוואַרק, האָט ער צוגע־געבען:

— עס איז דאָרט פֿאַרהאַן אַ האַלבער באַטאַליאָן.

— רעפּובליקאַנער?

— פּאַריזער.

— אַלזאָ גוט, לאָ׳מיר געהן.

און ער האָט געגעבען אַ שריט אין דער ריכטונג צום פֿאָלוואַרק. דער מענש האָט איהם אָנגעכאַפּט ביים אָרים.

— געהט נישט דאָרט.

— נאָר וואוהין ווילט איהר איך זאָל געהן?

— צו מיר.

דער מאַרקיז האָט אָנגעקוקט דעם בעטלער.

— הערט זיך איין, הער מארקיז, עס איז אפילו ביי מיר נישט שען, נאר עס איז זיכער. די לאטקע מיינע איז נאך נידריגער פון א קעלער. אנשטאט א באדען — א בעט פון ים-גראז, אנשטאט א פולאפ — א דאך פון צווייגען און גראז. קומט, אין דעם פאלווארק וועט מען אייך שיסען. ביי מיר וועט איהר שלאפען. איהר מוזט זיין מיעד, און מארגען וועלען די בלאהע זיך געהן זייער וועגס און איהר וועט געהן, ווי אייך וועט געפעלען.

— דער מארקיז האט בעטראכט דעם בעטלער.

— צו וועלכער'זשע זייט געהערט איהר?, האט זיך געפרעגט דער מארקיז; זייט איהר רעפובליקאנער, אדער א ראיאליסט?

— איך בין א ארימאן.

— נישט קיין ראיאליסט, נישט קיין רעפובליקאנער?

— ניין, דאכט זיך מיר.

— זייט איהר פאר אדער געגען דעם קעניג?

— איך האב קיין צייט נישט צו דעם.

— וואס קלערט איהר וועגען דעם, וואס עס קומט דא איצט פאר.

— איך האב נישט פון וואנען צו לעבען.

— פונדעסטוועגען העלפט איהר מיר.

— איך האב געזעהן, דאס איהר זייט אויסער דעם געזעץ. וואס איז עס אזוינס, דאס געזעץ. מען קאן הייסט עס זיין אויסער איהם. איך פערז שטעה גארנישט. און איך אליין וואו בין איך — אין געזעץ, אדער אויסער'-געזעץ? איך ווייס גארנישט. שטארבען פאר הונגער, הייסט דאס קענטיג, אז מען איז אין געזעץ?

— ווי לאנג שוין שטארבט איהר פון הונגער?

— מיין גאנץ לעבען.

— און איהר ראטעוועט מיך?

— יא.

— פארוואס?

— ווייל איך האב מיר געזאגט: אט איז איינער נאך ארעמער פאר מיר. איך האב דאס רעכט צו אטעמען, און דער נישט.

— דאס איז אמת, און איהר ראטעוועט מיך.

— בלי ספק. אט זענען מיר ברידער, גנעדיגער הער. איך בעטעל ברויט און איהר בעטעלט לעבען. מיר זענען צוויי בעטלער.

— נאר ווייסט איהר, אז פאר מיין קאפ איז צוגעזאגט א פרייז?

— יא.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס?

— איך האָב געלעזען דעם אַפּיש.

— איהר קאָנט לעזען!

— יאָ, און אויך שרײַבען. פאַרוואָס זאָל איך זײַן אַ עם-הארץ.

— אַלזאָ, ווען איהר קאָנט לעזען און ווען איהר האָט געלעזען דעם אַפּיש, ווײסט איהר דאָך מסתמא, אַז ווער עס וועט מיך אַרויסגעבען, בע-קומט זעכציג טויזענד פראַנק.

— איך ווײס.

— נישט אין באַנק-צעטלען.

— יאָ, איך ווײס, אין גאָלד.

— איהר ווײסט, אַז זעכציג טויזענד פראַנק איז אַ פערמעגען.

— יאָ.

— און דער, וועלכער וועט מיך אַרויסגעבען, וועט מאַכען אַ פער-מעגען.

— טאָ וואָס זשע איז!

— אַ פערמעגען!

— דאָס איז עס טאַקי, וואָס איך האָב געקלערט. זעהענדיג אײַך, האָב איך מיר געזאָגט: ווען איך בעקלער מיך, אַז ווער עס וועט אַרויסגע-בען דעם דאָזיגען מענשען, וועט פערדינען זעכציג טויזענד פראַנק און וועט מאַכען אַ פערמעגען! מען דאַרף זיך צוצוואַרטען איהם צו בעהאַלטען.

דער מאַרקיז איז נאָכגעגאַנגען דעם אָרימאַן.

זיי זענען אַרײַנגעקומען אין אַ געדיכטעניש. דאָרט איז געווען דעם בעטלער'ס לאָך: אַ מין דירה, וואָס אַן'אַלטער דעמב האָט ערלויבט דעם מענשען בײַ זיך צו נעהמען; די דירה איז געווען אויסגעגראָבען אונטער זײַנע וואָרצלען און בעדעקט מיט זײַנע צווײַגלעך. עס איז געווען דונקעל, ניעדריג, פערשטעקט, אונזיכטבאַר. דאָרט האָט זיך געפינען פּלאַץ פאַר ביידען.

— איך האָב פאָרויסגעזעהן, אַז איך קאָן אַמאָל האָבען אַ גאַסט, האָט געזאָגט דער בעטלער.

דער מין וואוינונג אונטער דער ערד, נישט אַזוי זעלטען אין ברע-טאַן, ווי מען וואָלט געקאָנט מיינען, רופט זיך אויף פּויעריש-לשון „קאַרני-שאָ“. דער נאָמען ווערט אויך געברויכט פאַר די בעהעלטענישען, וועלכע ווערען געמאַכט אין דער גרעב פון אַ מויער.

דאָס מעבעל בעשטעהט פון עטליכע טעפּ, אַ שטרוי-געלעגער אָדער געוואַשענעם און געטריקענטען ים-גראָז, אַ גרויסע קאָלדרע פון סאַרושע, עט-ליכע חלב׳נע קנויטען, אַ פײַערקע און אויסגעהוילטע שטענגלעך אָנשטאָט שוועבעלעך.

זײ האָבען זיך אײַנגעבויגען, און קריכענדיג אַביסעל, אַרײַנגעדרונגען אין דער שטוב, וואו די גראָבע וואָרצלען פון דעם בוים האָבען געשאַפען מאָדנע אָבטײַלונגען. זײ האָבען זיך בײדע אַנידערגעזעצט אויף אַ הויפען געטריקענטען ים־גראָז, וואָס האָט געדיענט פאַר אַ בעט. דער צווישענשײד פון צווײ וואָרצלען, דורך וואַנען מען איז אַרײַנגעקומען האָט אַדורכגעלאָזט אַביסעל ליכט. די נאַכט איז אָנגעקומען; אַנ׳אָבגלאַנץ פון דער לבנה האָט קוים בעהעלט דעם אײַנגאַנג.

אין ווינקעל פון דער הויל האָט זיך געפינען אַ קרוג מיט וואַסער אַ פלעצעל פון גריקע־מעהל און קאַשטאַנעס.

— לאָ׳מיר עסען אָבענד־ברויט, האָט דער אָרימאַן געזאָגט.

זײ האָבען זיך צעטײלט מיט די קאַשטאַנעס, דער מאַרקיז האָט געגעבען זײַן שטיקעל סוכאַר; זײ האָבען אײַנגעביסען דאָס זעלבע שטיקעל שוואַרץ־ברויט און געטרונקען פון דעם זעלבען קרוג אײנער נאָך דעם אַנדערן.

זײ האָבען געשמועסט.

דער מאַרקיז האָט אָנגעהויבען אויסצופרעגען דעם דאָזיגען מענשען.

— אַלזאָ, אַלץ־וואָס געשעהט, אָדער נישט, איז דאָס פאַר אײַך אַלץ אײנס?

— דאָס זענען עסקים פאַר אײַך, גרויסע הערען.

— אָבער דאָך ווי קאָן דאָס נישט אינטערעסירען וואָס עס געשעהט.

— דאָס געשעהט דאָרט אויבען.

דער בעטלער האָט צוגעגעבען:

— און ווײַטער איז פאַרהאַן זאַכען, וועלכע געשעהען נאָך העכער, די זון. וועלכער שטײַגט אויף, די לבנה, וועלכע ווערט גרעסער אָדער קלענער, אָט מיט די דאָזיגע זאַכען, זעהט איהר, בעשעפטיג איך מיך.

ער האָט אַ טרינק געטהון פון דעם קרוג און געזאָגט:

— ווי גוט איז דאָס פרישע וואַסער! ווי געפינט איהר דאָס דאָזיגע וואַסער, גנעדיגער הער?

— ווי הײסט איהר? האָט איהם געפרעגט דער מאַרקיז.

— איך הײס טעלמאַרק און מען רופט מיך קעמאַן.

— איך ווײס. קעמאַן איז אַ אָרטיג וואָרט.

— וועלכעס בעדײַט אַ בעטלער. איך האָב אויך אַ צונאָמען, דער אַלטער.

דערנאָך האָט ער ווײַטער געזאָגט:

— אָט איז שוין פערציג יאָהר, ווי מען רופט מיך דער אַלטער.

— פערציג יאָהר! איהר זענט דאָך אָבער אַמאָל יונג געװעזען?

— איך בין קײנמאָל יונג נישט געװעזען, און איהר הער מאַרקיז, זענט עס שטענדיג. איהר האָט פיס פון צװאַנציג יאָהר, איהר קלעטערט־אַרויף אויף דעם גרויסען זאַמד־בערגעל און איך קאָן שוין באַלד נישט געהן; איך געה־אָב אַ פערטעל מײַל און בין שוין מיעד, און דאָך זענען מיר פון דעמזעלבען אַלטער; די רײַכע, זײ איז בעסער װי אונז, זײ עסען אַלע טאָג און עסען היט אײַן.

נאָך אַ שטילשװײַגען האָט דער בעטלער װידער אָנגעהויבען:

— די אָרימע, די רײַכע, דאָס איז אַ שװערער ענין. פון דאַנען שטאַמען אַלע קאַטאַסטראָפעס. אַלענפאַלס, מיר דאַכט זיך אַזוי. די אָרימע װילען זײַן רײַך, די רײַכע װילען נישט זײַן אָרים. איך מײַן, אַז אין דעם ליגט דער יסוד. איך מיש מיך נישט אין דעם. געשעהעניש(ען) זענען געשעהענישען. איך האַלט נישט מיט דעם צד פונ׳ם לוה און נישט מיט דעם צד פונ׳ם מלוה. איך װײס, אַז עס איז פאַרהאַן אַ חוב און אַז מען צאָהלט איהם. אָט איז אַלץ. איך װאָלט אפשר בעסער געװאָלט, אַז מען זאָל דעם קעניג נישט הרגנ׳ען, נאָר עס װאָלט מיר שװער געװען צו זאָגען פאַרװאָס. איבעריגענס, מען ענטפערט מיר: אָבער, אַמאָל, װי האָט מען דאָס אביסעל געהאָנגען מענשען אויף די בוימער פאַר גאָרנישט! װאַרט, איך אַלײן האָב געזעהן, װי מען האָט געהאָנגען אַ מענשען. װעלכער האָט געהאַט אַ װײַב מיט זיבען קינדער, װײַל ער האָט אויסגעשאָסען פון אַ ביקס אויף אַ סאַרנע. עס איז דאָ פון בײדע צדדים װאָס צו זאָגען.

ער איז אַנטשװיגען געװאָרען, דערנאָך צוגעגעבען:

— איהר פערשטעהט, איך װײס נישט גאַנץ גענוי, מען געהט, מען קומט, עס טהוט זיך עפּיס; און איך זיץ מיר אונטער די שטערען.

טעלמאַרק האָט זיך נאָך אַ װײַלע פערטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— איך בין אַ שטיקעל פעלדשער, אַ שטיקעל דאָקטאָר, איך קאָן די גראָזען, איך נוץ־אויס די געװאוקסען, די פויערן זעהן, אַז איך בעטראַכט אױפמערקזאַם (?) קלײנינקײטען נעהמען זײ מיך אָן פאַר אַ מכשף. װײַל איך חלום, מײנען זײ, אַז איך װײס.

— איהר זענט אַ היגער? — האָט געפרעגט דער מאַרקיז.

— איך האָב מיך פון דאַנען קײנמאָל נישט דערװײַטערט.

— איהר קאָנט מיך?

— אַ ודאי. דאָס לעצטע מאָל, װאָס איך האָב אײַך געזעהן איז געװען פאַר צװײ יאָהר בשעת איהר זענט דאָס לעצטע מאָל אַדורכגעפאָהרען. איהר זענט דאַמאָלסט פון דאַנען אָבגעפאָהרען קײן ענגלאַנד. דאָ נישט לאַנג האָב

איך בעמערקט אַ מענש אויפ׳ן שפּיץ פון דעם זאַמד־בערגעל. אַ מענש פון אַ הויכען וואוקס, הויכע מענשען זענען זעלטען דאָ; בּרעטאַן איז אַ לאַנד פון קליינע מענשען. איך האָב מיך גוט איינגעקוקט; איך האָב געלעזען דעם אַפּיש. איך האָב מיר געזאָגט: זעה נאַר! און ווען איהר זענט אַראָבּגעשטיגען האט די לבנה געשייַנט און איך האָב אייך דערקאַנט.

— איך פונדעסטוועגען קאָן אייך נישט.

— איהר האָט מיך געזעהן, נאָר נישט געזעהן.

און טעלמאַרק קעמאַן האָט צוגעגעבּען:

— איך האָב אייך יאָ געזעהן. בּעטלער און דורכגעהער האָבּען פּערשידענע בּליקען.

— האָבּ איך אייך ווען אַמאָל בּעגעגענט?

— אָפטמאָל, ווייל איך בּין אייער בּעטלער. איך בּין דאָס דער אָרימאַן אויף דעם וועג צו אייער שלאָס. איהר האָט מיר בּיי אַ געלעגענהייט געגעבּען תמיד אַ נדבה; נאָר דער וואָס שענקט קוקט נישט, דער וואָס בּעקומט אָבּער, פאָרשט און קוקט זיך איין, אַ בּעטלער איז אַ שפּיאָן. איך אָבּער, כאָטש איך בּין אָפט אומעטיג, בּעמיה איך מיך נישט צו זיין קיין שלעכטער שפּיאָן. איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנד, איהר האָט נור געזעהן אַ האַנד און איהר האָט אַריינגעוואָרפען אַ נדבה, וועלכע איך האָב געבּרויכט אין דערפריה, כּדי נישט צו שטאַרבּען פון הונגער אויף דער נאַכט. אַ סך מאָל קומט אוים צו זיין אָהן עסען גאַנצע פיער־און־צוואַנציג שעה. אַמאָל איז אַ גראָשען דאָס לעבּען. איך בּין אייך שולדיג דאָס לעבּען און גיב עס אייך אָב.

— עס איז אמת. איהר ראַטעוועט מיך.

— יאָ, איך ראַטעווע אייך, גנעדיגער הער. זיין שטימע איז געוואָרען ערנסט.

— מיט איין בּעדינגונג.

— מיט וועלכער?

— אַז איהר זענט נישט אַהער געקומען צו טהון שלעכטס.

— איך קום אַהער צו טהון גוטס — האָט געזאָגט דער מאַרקיז.

— לאָמיר שלאָפען — האָט געזאָגט דער בּעטלער.

זיי האָבּען זיך געלעגט איינער נעבּען דעם צווייטען אויף דעם געלעגער פון ים־גראָז. דער בּעטלער איז בּאַלד איינגעשלאָפען. דער מאַרקיז, אפילו גאַנץ מיעד, איז נאָך געבּליבּען אַ ווייַלע פערטראַכט, דערנאָך אין דעם דאָזיגען שאָטען בּעטראַכט דעם אָרימאַן און זיך געלעגט. צו לעגען זיך אויף אַזאַ געלעגער איז פונקט ווי אויף דער ערד; ער האָט דאָס אויסגענוצט, אום צו צולעגען זיין אויער צו דער ערד און געהאָרכט. אונטער־

דער ערד איז געווען אַ ווּיסטער געבּרום; עס האָט זיך געהערט דאָס גערויש פֿון די גלאָקען.

דאָס קלינגען-שטורם האָט גאָרנישט אויפֿגעהערט.

דער מאַרקיז איז איינגעשלאָפֿען.

Y.

אונטערגעשריבּען: נאָווען.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען טאָג.

דער בּעטלער איז געשטאַנען נישט אין דעם לאָך, ווייל מען האָט זיך דאָרט נישט געקאָנט אויסגלייכען, נאָר אין דרויסען אויף דער שוועל. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקען. זיין געזיכט איז געווען בּעלויכטען פֿון דער זון.

— גנעדיגער העֶר, האָט געזאָגט טעלמאַרק, אויף דעם גלאָק פֿון טאַנים האָט געשלאָגען פֿיער אַ זייגער. איך האָב געהערט פֿיער מאָל שלאָגען. אלזאָ, האָט דער ווינד געענדערט זיין ריכטונג; עס איז דער ווינד פֿונ׳ם לאַנד; איך הער נישט קיין אַנדער׳ן גערויש; דאָס קלינגען שטורם האָט מסתמא אויפֿגעהערט אויף דעם פֿאָלוואַרק אין דעם דערפֿעל הערבּ-אַן-פּאַיל איז אַלץ שטיל. די בּלאָהע שלאָפֿען אָדער זיי זענען אַוועק פֿון דאַנען. די גרעסטע געפֿאַהר איז פֿערשוואונדען; עס וואָלט גוט געווען, ווען מיר שיידען זיך איצט. עס איז מיין צייט צו געהן.

ער האָט אָנגעוויזען אַ פּונקט אויף דעם האָריזאָנט.

— איך געה דאָ אַרום. ער האָט אָנגעוויזען דעם ענטגעגענגעזעצטען פּונקט.

— איהר געהט דאָרט אַרום.

דער בּעטלער האָט זיך געזעגענט מיט אַ ערנסטען מאַך מיט דער האַנד. אָנווייזענדיג אויף דעם רעשט פֿון דעם אָבּענדבּרויט האָט ער צוגעגעבּען:

— נעמט מיט אייך מיט די קאַשטאַנעס, אויבּ איהר זענט הונגעריג.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער פֿערשוואונדען געוואָרען הינטער די בּוימער.

דער מאַרקיז האָט זיך אויפֿגעהויבּען און געגאַנגען אין דער זייט, וואו עס האָט איהם אָנגעוויזען טעלמאַרק.

עס איז געווען די ליעבּע שעה, וועלכע דאָס אַלטע פֿויערישע נאָרמאַנדישע לשון רופֿט אָן „דאָס צוויטשערן פֿון טאָג“. עס האָט זיך געהערט דאָס צוויטשערן פֿון די פֿייגעל צווישען די צוימען. דער מאַרקיז איז געגאַנגען אויף דעמזעלבּען שטעג, דורך וואַנען ער איז נעכטען מיט דעם בּעט-

לער געקומען. ער איז ארויס פון דעם געריכטעניש און האט זיך צוריק געפונען ביי דעם קרייצוועג בעצייכענט מיט א צלם פון שטיין. דער אפיש האט דארט געהאנגען ווייס און ווי פרייליך ביי דער אויפגעהענגרע זון. ער האט זיך דערמאנט, אז אונטען אויף דעם אפיש איז נאך עפּיס פארהאן, וואס ער האט נעכטען ניט געקאנט לעזען צוליעב דעם קליינעם שריפט און קנאפען ליכט. ער איז צוגעגאנגען צום פאסטאמענט פון קרייץ. דער אפיש האט זיך ווירקליך געענדיגט מיט דער אונטערשריפט, פריער, דע לא מארן, מיט די דאזיגע צוויי שורות געדרוקט מיט קליינע אותיות:

„נאך דעם פעסטשטעלען די אידענטיטעט פון דעם געוועזענעם מארקיז דע לאנטענאק, וועט ער גלייך דערשאסען ווערען”. — אונטערגעשריבען דער שעף פון באטאליאן, וועלכער פיהרט-אן מיט דער עקספעדיציאנס-אבטיילונג, גאווען.

— גאווען! — האט געזאגט דער מארקיז. ער האט זיך אבגעשטעלט, טיעף פערטראכט, דאס אויג צוגעקלעפּט צו דעם אפיש.

— גאווען! האט ער איבער׳חזרט. ער האט אנגעהויבען ווייטער צו שפּרייזען, זיך אויסגעדרעהט, צוריק זיך אומגעקעהרט און נאך אמאל איבער-געלעזען דעם אפיש.

דערנאך האט ער זיך מיט לאנגזאמע טריט דערווייטערט. ווער עס וואלט נאהנט פון איהם געווען, וואלט געקאנט הערען, ווי ער מורמעלט צו זיך אין דער שטיל: „גאווען!”

פון דער טיעף פון די נידריגע געלעגענע וועגען, וואו ער האט זיך אדורכגעגנב׳עט, האט מען ניט געזעהן די דעכער פון פאלווארק, וועלכען ער האט געלאזט אין דער לינקער זייט. ער איז געגאנגען מיט׳ן ראנד פון א בערגעל, בעדעקט אינגאנצען מיט ווילדען דארן. דער דאזיגער בערגעל האט געהאט אזא שפּיץ, וועלכען מען רופט-אן אין דעם ארטיגען לשון: „ווילד-שווייַנסקאפּ”. צופוסענס פון דעם בערגעל האט זיך דאס אויג פערלוירען צווישען די בוימער. די בלעטער זענען געווען ווי פארגאסען מיט ליכט. די גאנצע נאטור איז געווען ארומגענומען מיט א טיעפער פרייד פון פריהמארגען.

אבער פלוצלינג איז דאס גאנצע לאנדשאפט געווארען שרעקליך. עס איז געווען ווי א לויער, וועלכער האט אויסגעבראכען. אויף די מיט זונען-שטראהלען פערגאסענע פעלדער און וועלדער האט זיך פלוצלינג אראבגע-לאזט א שטורם פון ווילדע קולות און פון ביקסען-שאסען, און פון דער זייט פון פאלווארק האט זיך אויפגעהויבען א גרויסער רויך, דורכגעשניטען מיט העלע פלאמען, אזוי ווי דאס דארף און דער פאלווארק וואלט געווען איין בינטעל צעפלאקערטע שטרוי. דאס איז געווען אזוי פלוצלינג און שוועריך.

דער דאזיגער אונערווארטעטער איבערגאנג פון רוה צו משוגעת, א אויסדרוק פון גהינום ביי זונען-אויפגאנג, א גרויל אהן איבערגאנג. מען האט געקעמפט אין דער זייט פון הערב-אן-פאיל. דער מארקיז איז געבליבען שטעהן.

עס וועט זיך נישט געפינען קיין איין מענש, וועלכער וואלט נישט געהאט אין אזא פאל די ערפאהרונג, אז נייגיריגקייט איז שטארקער פון געפאהר; עס ווילט זיך וויסען, ווען מען זאל אפילו דערביי אומקומען. ער איז ארויפגעשטיגען אויף דעם בערגעל, ביי וועמענס פוס עס האט זיך געצויגען דער וועג. פון דאנען האט מען איהם אפילו געקאנט זעהן, דערפאר אבער האט ער געקאנט זעהן אלץ. אין משך פון עטליכע מינוט איז ער געוועזן אויף דעם ווילדשוויינסקאפ. ער האט געקוקט.

און ווירקליך, עס איז דארט געוועזן א שיסעריי און א שרפה. מען האט געהערט געשרייען. מען האט געזעהן דאס פייער. דער פאלווארק איז געוועזן ווי א צענטר פון א איהם נאך נישט בעוואוסטע קאטאסטראפע. וואס איז געשעהען, איז דער פאלווארק הערב-אן-פאיל אטאקירט געווארען. נאר פון וועמען? איז דאס א קאמף? צי איז דאס אמאל א מיליטערישע עקזעקוציע? די בלאהע האבען זעהר אפט לויט א פעראָרדנונג פון דער רעוואלוציאנערער רעגירונג בעשטראפט די ווידערשפעניגסטע פערמעס און דערפער; אזוי האט מען פאר א גוטען ביישפיעל פערברענט יעדען פאלווארק און יעדען דארף, וועלכע האבען נישט געמאכט לויט די פארשריפטען קיין דורכהאק פון בוימער און וועלכע האבען נישט אויפגעעפענט און אויסגעהאקט אין די געדיכטענישען קיין פרייע דורכגענג פאר די רעפובליקאנישע קאוואלעריע. אזוי האט מען דא נישט לאנג פערניכטעט די געמיינדע פון בורגאן, נישט ווייט פון ערנע. איז אפשר מיט הערב-אן-פאיל געוועזן דערזעלבער פאל? עס איז געוועזן קלאר, דאס קיין שום סטראטעגישער דורכזאק, פעראָרדנעט דורך דעם דעקרעט, איז נישט געווארען געמאכט אין די געדיכטענישען און וועלדער פון טאניס און הערב-אן-פאיל. איז דאס אפשר געוועזן א שטראף? איז אפשר אנגעקומען א בעפעהל צו דעם פארפאסטען, וועלכער איז געשטאנען אין. פאלווארק? דער דאזיגער פארפאסטען איז נישט אמאל געוועזן א טייל פון די עקספעדיציאנס-אבטיילונגען, וועלכע מען האט אנגערופען „גהינום-אבטיילונגען"?

א צעשויבערטע געדיכטעניש האט ארומגערינגעלט פון אלע זייטען דעם בערגעל, אויף וועמענס שפיץ דער מארקיז איז געזעסען און אלץ ארום בעטראכט. די דאזיגע געדיכטעניש, וועלכע מען האט גערופען דאס וועלדעל פון הערב-אן-פאיל און איז גרויס געוועזן ווי א וואלד, האט זיך געצויגען ביז צו דעם פאלווארק און האט בעהאלטען, אזוי ווי אלע ברעטאנישע געדיכ-

טעניִשען, אַ נעץ פֿון הוילוועגען, שטעגען און לאַביִרינטען, וואו די רעפּובּליקאַניִשע אַרמעען האָבען זיך פֿערלוירען.

די עקזעקוציע, ווען עס איז באמת געווען אַ עקזעקוציע, האָט געמוזט זיין ווילד, ווייל זי האָט לאַנג ניִשט געדויערט. אַזוי ווי אַלע ברוטאַלע געשעהעניִשען איז זי שנעל אויסגעפֿיהרט געוואָרען. די גרויזאַמקייט פֿון ביִרגער קריעגען פֿערטראָגען אַזוינע ווילדקייטען. אין דער צייט, וואָס דער מאַרקיז, מאַלעגדיג פֿערשיִדענע השערות, און זייענדיג אין ספק אַראָבּצוגעהן אָדער צו בּלייבען, האָט אויפֿגעהערט דער גערויש פֿון פֿערניִכטונג, אָדער בּעסער געזאָגט, ער איז צערשטרייט געוואָרען. דער מאַרקיז האָט בּעמערקט אין דעם געדיכטעניש אזוי ווי אַ צערשטרויאונג פֿון דער ווילדער און לוסטיגער באַנדע. אונטער די בּוימער איז געוואָרען אַ שרעקליכער געווימעל, אַזוי ווי פֿון מוראַשקעס. פֿון דעם פֿאָלווארק האָט מען זיך געוואָרפֿען אין וואַלד אַריין. די פויקען האָבען נעפּויקט צו אַ אָנגריף. מען האָט מעהר ניִשט געשאָסען פֿון די בּיקסען. איצט האָט עס אויסגעזעהן, ווי אַ טרייב געיעג. מען האָט געזוכט פֿערפֿאָלגט, געיאָגט; עס איז געווען קלאָר, אז מען זוכט עמיצן; דאָס גערויש איז געווען פֿערשוואומען און טיעף; עס איז געווען אַ געמיִש פֿון ווערטער פֿון כעס און נצחון; אַ ליאַרם פֿון אויסגעשרייען; עס איז שווער געווען עפּיס וואָס צו פֿערשטעהן; פּלוצליִנג, אַזוי ווי אַ העלער שטראַהל אין אַ געדיכטען רויך, איז עפּיס קלאָר און אויסדריקליך געוואָרען אין דעם טומעל. דאָס איז געווען אַ נאָמען, אַ נאָמען איבּערחזרט פֿון טויזענד שטימען, און דער מאַרקיז האָט דערהערט דעם אויסגעשריי: לאַנטענאַק! לאַנטענאַק! מאַרקיז דע לאַנטענאַק! איהם האָט מען דאָס געזוכט.

VI.

דער שנעלער גליקס-וועקסעל פֿון אַ ביִרגער-קריג.

און פּלוצליִנג אַרום איהם, און פֿון אַלע זייטען מיט איינמאָל, איז די געדיכטעניש פֿול געוואָרען מיט בּיקסען, בּאַגנעטען און שווערדען, און האַלבּשאָטען האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ דרייפֿאַרביגע פֿאָהן, אַ אויסגעשריי „לאַנטענאַק!" האָט אויסגעבּראָכען בּיי זיין אויער און בּיי זיינע פֿיס, פֿון צוויִשען די דערנער און צווייגען זענען ערשיִנען צערייצטע געזיכטער.

דער מאַרקיז איז געשטאַנען אַליין אויף דעם שפּיץ און מען האָט געזעהען פֿון אַלע פּונקטען פֿון וואַלד. ער האָט קוים געמערקט די מענשען, וועלכע האָבען אויסגעשריען זיין נאָמען, נאָר ער איז פֿון אַלעמען געווען געזעהען. ווען אין דעם וואַלד האָט זיך געפֿינען טויזענד בּיקסען, איז ער

פאר זיי געווען ווי א ציעל-ברעט. ער האט גארנישט אונטערשיידען אין דעם געדיכטיניש א חוץ ברענענדיגע אויגען, געווענדעט צו איהם.

ער האט אראבגענומען זיין הוט, אויפגעבויגען דעם ראנד, ארויסגע־ריסען א לאנגען טרוקענעם דארן, ארויסגענומען פון זיין טאש א ווייסע קאָ־קארדע, און צוגעפעסטיגט איהם מיט דעם דארן צו דעם אויפגעבויגענעם ראנד פון הוט, און אנטועענדיג צוריק אויף זיין קאפ דעם הוט, וועלכע האט מיט דער אויפגעהויבענער ראנד אבגעדעקט דעם שטערן און געלאזט זעהן די קאקארדע, האט ער אויסגערופען מיט א הויכע שטים, ווענדענדיג זיך צום גאנצען וואלד:

— איך בין דער מענש, וועלכען איהר זוכט. איך בין דער מארקיז דע לאנטענאק, וויקאמט דע פאנטענע, ברעטאנישער פירשט, גענעראל-לייטענאנט פון די קעניגליכע ארמעען. לאָ'מיר מאכען א סוף! ציעל! פייער!

און אבדעקענדיג מיט ביידע הענד זיין וועסט פון ציגען-פעל, האט ער אנגעוויזען זיין נאקעטע ברוסט.

ער האט אראבגעלאזען זיינע אויגען, זוכענדיג מיט'ן בליק די אנגע־ציעלטע ביקסען און דערזעהן זיך ארומגערינגעלט פון קניהענדע מענשען.

א געוואלדיגער אויסגעשריי האט זיך אויפגעהויבען: — עס לעבע לאנ־טענאק! — עס לעבע זיין דורכלויכט! — עס לעבע דער גענעראל!

און אין דערזעלבער צייט זענען היט געפלויגען אין דער לופטען, שווערדען האבען לוסטיג געבלינצט און פון דער גאנצער געדיכטעניש ארום האט מען געזעהן זיך אויפהויבען שטעקענס, אויף וועלכע עס האבען זיך געדרעהט ברוינע וואלענע היטלען.

דאס וואס ער האט געהאט ארום זיך, איז געווען א וואנדעאישע באנדע.

די דאזיגע באנדע האט זיך געשטעלט אויף די קניה, דערזעהענדיג איהם.

די לעגענדע דערצעהלט, אז אין די אלטע טורינגישע וועלדער זענען געווען מאדנע בעשעפענישען, פון דער ריזען-ראסע, מעהר אדער וועניגער פון מענשען, וועלכע די רוימער האבען בעטראכט אלס שרעקליכע חיות און די גערמאנען אלס פערקערפערטע געטער, און וועלכע, לויט זייער בע־געגנישען, זענען געווארען אדער פערניכטעט, אדער פערגעטערט.

דעם מארקיז איז אויסגעקומען צו פערזוכען עפיס ענליכעס, וואס האט בעדארפט צו פיהלען איינער פון די בעשעפענישען ווען, ערווארטענ־דיג, אז מען וועט איהם בעהאנדלען ווי א אונגעהויער, איז ער פלוצ־לינג בעהאנדעלט געווארען, ווי א גאט.

די אלע אויגען פול מיט פורכטבארע בליצען האבען זיך איינגעקוקט אין מארקיז מיט א מין ווילדע ליעבע.

דער דאָזיגער עולם איז געווען בעוואָפנעט מיט ביקסען, שווערדען, קאָסעס, ווילעס, שטעקענס; אַלע האָבען זיי געטראָגען גרויסע פילצענע היט אָדער ברוינע היטלען מיט ווייסע קאָקאַרדעס; מיט רויזענקראַנצען און קמעות, ברייטע הויזען מיט בלויזע קניהען, האָריגע קאַפּטאַנעס, לעדערנע קאַמאַשען, נאַקעטע פיס, לאַנגע האָר, מאַנכע מיט אַ ווילדען אָדער מיט אַ נאַיווען אויסזעהן.

אַ שענער יונגערמאַן איז אַדורכגעגאַנגען צווישען די קניהענדע און מיט ברייטע טריט צוגעאיילט צום מאַרקיז. דער דאָזיגער מענש איז געווען, פונקט ווי די פויערים, אָנגעטהון אין אַ ברייטען הוט מיט אַ איבערגעקעהרטען ראַנד אין אַ ווייסען שלייף, און אַ האָריגע קאַפּטאַן, נור ער האָט געהאַט ווייסע הענד און אַ דינ'ן העמד, און ער האָט געטראָגען איבער זיין וועסט אַ באַנד פון ווייסען זייד, אויף וועלכער עס האָט געהאָנגען אַ שווערד מיט אַ פערגאָלדעטע הענטעל.

אַרויפשטייגענדיג אויף דעם שפּיץ־בערגעל, האָט ער אַראָבגעוואָרפען זיין הוט, אַראָבגענומען זיין באַנד, אַנידערגעקניהט אויף איין קניה, דערלאַנגט דעם מאַרקיז דעם באַנד און די שווערד, און געזאָגט:

— מיר האָבען ווירקליך אייך געזוכט, מיר האָבען אייך געפינען. אָט איז די קאָמאַנדירען־שווערד. איצט געהערען די מענשען צו אייך. איך בין געווען זייער פיהרער, איצט אַוואַנסיר איך און בין אייער סאָלדאַט. נעמט אָן אונזער לויב, גנעדיגער הער. בעפעהלט, הער גענעראַל.

דערנאָך האָט ער געגעבען אַ צייכען און די מענשען, וועלכע האָבען געטראָגען דעם דרייפאַרביגען פאָהן זענען אַרויס פון וואַלד. די דאָזיגע מענשען זענען אַרויפגעשטיגען ביז צום מאַרקיז און אַנידערגעלעגט ביי זיינע פיס דעם פאָהן. דאָס איז עס געווען די פאָהן, וועלכע האָט זיך אַרויסגעזעהן פון צווישען די ביימער.

— הער גענעראַל, האָט געזאָגט דער יונגערמאַן, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען דעם באַנד און די שווערד, דאָס איז די פאָהן, וואָס מיר האָבען צוגענומען ביי די בלאָהע, וועלכע זענען געווען אין די פערמע הערבאָן־פּאַיל. גנעדיגער הער, איך הייס גאַוואַר. איך האָב געהערט צו מאַרקיז דע לאַ רואַרי.

— גוט, האָט געזאָגט דער מאַרקיז. רוהיג און ערנסט האָט ער זיך אַרומגעגאַרטעלט מיט דער שאַרפע. דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגען די שווערד און פאָכענדיג מיט איהר איבער זיין קאָפּ: האָט ער אויסגערופען

— שטעהט אויף, האָט ער געזאָגט, און עס לעבע דער קעניג!

אַלע זענען אויפגעשטאַנען. און עס האָט זיך דערהערט פון די טיע־

פֿענישען פֿון יואלד א ווילדער און טריאומפֿירענדער רוף: „עס לעבע דער קעניג! עס לעבע אונזער מארקיז! עס לעבע לאנטענאק!"

דער מארקיז האט זיך געווענדט צו גאוואר.

— וויפֿיעל זענט איהר אלזא?

— זיבען טויזענד.

און אראבשטייגענדיג פֿון דעם בערגעל, בשעת די פּויערים האבען אוועקגעמאכט די דערנער פֿאר די טריט פֿון מארקיז דע לאנטענאק, האט גאוואר ווייטער דערצעהלט:

— גנעדיגער הער, די זאך איז זעהר פּשוט. עס לאזט זיך ערקלערען מיט איין ווארט. מען האט נאר געווארט אויף א פּונק. דער אפּיש פֿון דער רעפּובליק, וועלכער האט מודיע געווען, אז איהר געפֿינט אייך דא, האט ערהויבען די גאנצע געגענד פֿאר דעם קעניג. אחוץ דעם האט אונז נאך געהיים איבערגעגעבען דער מער פֿון גראנוויל, וועלכער איז פֿון אונזערע מענשען, דערזעלבער, וועלכער האט געראטעוועט דעם נלח אליוויע. די נאכט האט מען שטורם געקלינגען.

— צוליעב וועמען?

— צוליעב אייך.

— אהא, האט געזאגט דער מארקיז.

— און אט זענען מיר.

— און איהר זענט זיבען טויזענד?

— היינט, מארגען וועלען מיר זיין פֿינפֿצעהן טויזענד אזוי פֿיעל דארף געבען די געגענד. ווען ה. דע לא ראזשאקלען איז געפֿאהרען צו די קאטוילישע ארמעע, האט מען שטורם געקלינגען און אין איין נאכט האבען זעקס געמיינדעס, יזערנעי, קארקע, עשאברואן, אביער, סענס-אבען און ניועל, איהם געבראכט צעהן טויזענד מענשען. עס איז ניש געווען קיין מוניציאן, מען האט געפֿונען ביי א געוויסען מולער זעכציג פֿונט מינען-פּולווער און מיט דעם האט מען אבגעמארשירט. מיר האבען גוט פֿערשטאנען, דאס איהר מוזט דא ערגיץ-וואו זיין אין דעם וואלד און מיר האבען אייך געזוכט.

— און איהר האט אטאקירט די בלאהע אין דער פֿערמע הערב-אן-פּאיל?

— דער ווינד האט זיי געשטערט צו הערען דעם שטורמגלאק; זיי האבען גארנישט חושד געווען; די פּויערים פֿון דארף, אמת'ע חמורים, האבען זיי גוט צוגענומען. היינט אינדערפֿריה האבען מיר ארומגערינגעלט די פֿערמע, די בלאהע זענען נאך געשלאפֿען און מיט א מאך מיט דער האנד איז די גאנצע זאך געווען אבגעפֿארטיגט. איך האב א פֿערד. ווער איהר אונז טהון דעם חסד און עס נעהמען, הער גענעראל?

— יאָ.

אַ פּויער האָט צוגעפֿירט אַ ווײַסן פֿערד, מיליטעריש אָנגעזאָטעלט. דער מאַרקיז, נישט בענוצענדיג זיך מיט דער הילף, וואָס גאַוואַר האָט איהם פֿאָרגעלעגט, האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דעם פֿערד.

— הוראַ! האָבען אויסגעשריען די פּויערים, ווײַל די ענגלישע אויסרופֿען ווערען שטאַרק געברויכט אויף די ברעטאָניש-נאָרמאַנדישע ברעגען, וועלכע קומען אין שטענדיגע בעציהונגען מיט די אינזלען פֿון לאַ מאַנש. גאַוואַר האָט מיליטעריש סאַלוטירט און געפֿרעגט:

— וואו וועט איהר האָבען אײַער הויפּטקוואַרטיר, הער מאַרקיז.

— פֿריהער דער וואַלד פֿון פֿוזשער.

— דאָס איז אײנער פֿון אײַערע זיבען וועלדער, הער מאַרקיז.

— מען דאַרף האָבען אַ גלח.

— מיר האָבען אַ גלח.

— וועמען?

— דעם גלח פֿון שאַפּעל-ערבריע.

— איך קען איהם. ער פֿלעגט צו פֿאָהרען קײן דזשערסײ.

— אַ גלח איז אַרויס פֿון די רײהען און געזאָגט:—דרײַ מאָהל. דער מאַרקיז האָט אויסגעדרײַט דעם קאָפּ.

— גוט מאָרגען, הער גלח, איהר וועט האָבען אַ שטיקעל אַרבײט.

— גאַנץ גוט, הער מאַרקיז.

— איהר וועט האָבען צו אַ שפּאָר ביסעל מענשען, די וואָס וועלען פֿערלאַנגען. קײנעם וועט מען ניט נויטען.

— הער מאַרקיז, האָט געזאָגט דער גלח, גאַסטאָן אין געמענע נויט די רעפּובליקאַנער זיך צו מתודה זײַן.

— דאָס איז דאָך אַ פֿאַבריק-מאַכער, האָט געזאָגט: דער טויט דאַרף זײַן אַ פֿרײַהער.

גאַוואַר, וועלכער איז געגאַנגען אַרויסגעבען עטליכע פֿעראָרדנונגען, איז צוריקגעקומען:

— הער גענעראַל, איך וואַרט אויף אײַערע בעפֿעהלען:

— אַ פֿריהער, דער זאַמעלפּונקט איז אין וואַלד פֿון פֿוזשער. מען זאָל זיך פֿאַנאַנדערשפּרײטען און דאָרט אַהינגעהן.

— דער בעפֿעהל איז שוין אַרויסגעגעבען.

— האָט איהר מיר נישט געזאָגט, אַז די לײַט פֿון הערב—אַן—פּאַיל האָבען גוט אויפֿגענומען די בלאָהע.

— יאָ.

— האָט איהר די פֿערמע פֿערברענט?
— ניין.
— פֿערברענט זי.
— די בלאָהע האָבען געפּרובט זיך פֿערטהיידיגען; נאָר זיי זענען געווען הונדערט פֿינפֿציג און מיר זיבען טויזענד.
— ווער זענען זיי די דאָזיגע בלאָהע?
— די בלאָהע פֿון סאַנטער.
— דער, וועלכער האָט אָנגעפֿיהרט מיט דער עקזעקוציע בשעת מען האָט אראָבגעהאַקט דעם קעניג דעם קאָפּ. עס איז אלזאָ א באַטאַליאָן פֿון פּאַריז!
— א האַלבער באַטאַליאָן.
— ווי הייסט דער באַטאַליאָן?
— הער גענעראַל, אויף דעם פֿאָהן איז דאָ א אויפשריפט: באַטאַליאָן פֿון רויטען היטעל.
— פֿון ווילדע חיות.
— וואָס טוט מען מיט די פֿערוואונדעטע?
— מען מאַכט א סוף פֿון זיי.
— וואָס דאַרף מען טהון מיט די געפֿאַנגענע?
— שיסען זיי.
— עס איז דאָ א ערך פֿון אכציג.
— אַלע אויסשיסען.
— עס איז דאָ צוויי פֿרויען.
— אויך.
— עס איז דאָ דריי קינדער.
— נעמט זיי מיט. מען וועט ש'ין זעהן, וואָס מען האָט צו טהון.
און דער מאַרקיז האָט זיך אַוועקגעלאָזט רייטענדיג אויף זיין פֿערד.

VII

קיין שום גנאָד (לאָזונג פֿון דער קאָמיונע) קיין שום מחילה. (לאָזונג פֿון די פּרינצען).

בשעת דאָס אַלץ איז פֿאָרגעקומען אין טאַנים, איז דער בעטלער געגאַנגען אין דער ריכטונג צו קראַלאָן. ער האָט זיך אראָבגעלאָזט אין די הויהלוועגען, אונטער די ברייטע, שטימע, בעבלעטערטע צווייגען, אונאויפמערקזאם צו אַלעם און אויפמערקזאם צו גאָרנישט, ווי ער אַליין האָט גע-

וואָגט, מעהר פערחלומ׳ט, ווי פערטראַכט, וויַל דער פערטראַכטער האָט אַ ציעל און דער בעל חלומות האָט נישט קיין ציעל, בלאָנזשענדיג, זוכענדיג, אָבשטעלענדיג זיך, עסענדיג דאָ און דאָרט אַ בלעטעלע ווילדען שטשאַוו, טרונקענדיג פון די קוואַלען, אויפהויבענדיג מינוטענווייז דעם קאָפּ ביי אַ וויַיטען טומעל, דערנאָך צוריק זיך פערטיפענדיג אין דעם בלענדענדען בשוף פון דער נאַטור, וואַרמענדיג זיינע גלידער אויף דער זון, צוהערענדיג אפשר אַמאָל עפּעס אַ געוויש פון מענשען, נאָר פערנעמענדיג תמיד דעם געזאַנג פון די פויגעל.

ער איז געווען אַלט; און ווי ער האָט געזאָגט דעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק,—נישט געקאָנט וויַיט געהן, איז ער מיעד געוואָרען פון אַ פיערטעל מייל גאַנג; ער האָט געמאַכט אַ קורצען קרייז געגען קרואַ—אַווראַנשען און ווען עס איז נאַכט געוואָרען האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט.

אַ ביסעל העכער פון מאַסען, האָט איהם דער וועג, מיט וועלכען ער איז געגאַנגען, געפיהרט אויף אַ מין העכסטען פונקט אָהן ביימער, פון וואַנען מען האָט געזעהן אויף אַ וויַיטען שטח ביז צום ים.

פלוצלינג האָט אַ רויך געוועקט אין איהם די אויפמערקזאַמקייט.

עס איז גאָר נישטאָ עפּעס ליעבערס און עס איז נישטאָ עפּעס שרעקענדיגערס פון אַ רויך. עס זענען פאַרהאַן רוהיגע רויכען און עס זענען פאַרהאַן פערברעכערישע רויכען. די געדיכטקייט און די פאַרב פון אַ רויך, דאָס איז דער גאַנצער אונטערשיעד צווישען פריעדען און קריג, צווישען ברידערשאַפט און האַס, צווישען גאַסטפריינדליכקייט און קבר, צווישען לעבען און טויט. אַ רויך, וועלכער הויבט זיך אויף פון צווישען די ביימער קאָן בעצייכנען דאָס, וואָס איז אַמליבסטען אין דער וועלט—די היים, אָדער וואָס איז אַמשרעקליכסטען—אַ פייער; און דאָס גאַנצע גליק אָדער אומגליק פון אַ מענש געפינט זיך אַמאָל אין דעם דאָזיגען רויך, וואָס צושפּרייט זיך אַזוי מיט׳ן ווינד.

דער רויך, וועלכער טעלמאַרק האָט געזעהען, איז געווען אַ בעאונרוהיגענדער.

ער איז געווען שוואַרץ מיט פלוצלינגע רויטקייטען, אַזוי ווי דאָס פייער, פון וואַנען ער האָט אַרויסגעיעצט, וואָלט, אויסגעהענדיג, פון צייט צו צייט אויפגעפלאַמט און זיך אויפגעהויבען איבער הערב-אַן-פּאַיל.

טעלמאַרק האָט זיך געאיילט צוצוגעהן צו דעם דאָזיגען רויך. ער איז אפילו גוט מיעד געווען, ער האָט אָבער געוואָלט וויסען, וואָס דאָס קאָן זיין.

ער איז אָנגעקומען צום שפּיץ פון בערגעל, און וועלכען עס האָבען זיך אָנגעשפּאַרט דער פאָלוואַרק און דאָס דאָרף.

עס איז שוין מעהר נישט געווען נישט קיין פאָלוואַרק און נישט קיין דאָרף.

א הויפען אָבגעבּרענטע הייזער, אָט וואָס עס איז געווען הערבּ-אָן-פּאַיל.

עס איז דאָ נאָך עפּעס האַרצרייסענדעס ווי דאָס בּרענען פון אַ פּאַ-לאַץ — דאָס איז אַ בּרענענדיגע פּויערישע שטוב, אזא הייזעל איז אַ פּלאַם פייער איז אַ אמת'ער חורבן. דאָ וואַרפט זיך די פערוויסטונג אויף דעם דלות, ווי אַ גייער, וואָס פאַלט מיט דעם גאַנצען גרימצאָרן אויף אַ ערדוואָרם, עס ליגט עפּעס אין דעם אַ מין פערקעהרטער שכל, וואָס פערקלעמט בּיים האַרצען.

אז מען זאָל גלויבּען די בּיבּלישע לעגענדע, קאָן אַ פייער פערוואַנד-לען אַ מענשען, וועלכער קוקט זיך אין איהם איין, אין אַ שטיינבּילד. טעל-מאַרק איז אויף אַ רגע געוואָרען אַזוי ווי אַ שטיינבּילד. דאָס בּילד, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די אויגען, האָט איהם געמאַלט אונבּעוועגליך. דער דאָזיגער חורבן האָט זיך אָבגעטהון בּיי אַ שטילקייט. קיין שום קול האָט זיך נישט אויפגעהויבּען; קיין שום מענשליכער קרעכץ האָט זיך נישט אויסגע-מישט מיט דעם דאָזיגען רויך. די שרפה האָט געאַרבּייט און פערענדיגט דאָס דאָרף און עס האָט זיך נישט געהערט קיין אַנדערער גערויש ווי דאָס קראַכען פון די בּאַלקענס און דאָס קנאַקען פון די שטרויענע דעכער. אָפט-מאָהל האָט זיך דער רויך צעריסען, און דורך די איינגעפאַלענע דעכער האָבּען זיך בּעוויזען אָפענע צימערן און אין די דאָזיגע שטאַרק-רויטע חדרים, זענען געשטאַנען אָרימע אַלטע מעבּעל אין אַ פּורפּור-קאָליר. טעלמאַרק איז פערבּלענדט געוואָרען פון דעם גרויסען אומגליק.

עטליכע בּוימער פון אַ קאַשטאַן-וועלדעל נאָהנט צו די הייזער האָבּען זיך אָנגעצונדען און געבּרענט.

ער האָט זיך איינגעהאָרכט, בּעמיהענדיג זיך צו פערנעהמען אַ קול, אַ רוף, אַ אויסגעשריי; עס האָט זיך אָבּער גאָרנישט גערוהרט, אַ חוץ די פלאַמען; אַלץ האָט געשוויגען, אַ חוץ דאָס פייער. זענען דען אַלע אַנטלאָפען?

וואו איז דען אַהינגעקומען די דאָזיגע לעבּעדיגע אַרבּייטענדע גרופּע פון הערבּ-אָן-פּאַיל? וואָס איז געוואָרען מיט דעם קליינעם פאָלק?

טעלמאַרק איז אַראָבּגעשטיגען פון בּערגעל.

פאַר איהם איז געווען אַ טרויעריג רעטעניש. ער האָט זיך צו דעם דערנעהנטערט אָהן איילעניש און מיט אַ שטאַר אויג. ער איז צוגעגאַנגען צו די דאָזיגע חורבות מיט אַ לאַנגזאַמקייט פון אַ שאָטען; ער האָט זיך גע-פיהלט אַ געשפּענסט אין דעם דאָזיגען קבר.

ער איז צוגעקומען צו דעם, וואָס איז געווען אַ טויער פון פאָלוואַרק און אַריינגעקוקט אין הויף, וועלכער האָט שוין איצט נישט געהאַט קיין ווענד

און זיך אויפגעמישט אין איין גאנצעס מיט דעם דערפעל, וואס האט זיך ארום איהם גרופירט.

דאס וואס ער האט ביז איצט געזעהן איז געווען א גארנישט. דאס שרעקליכע, דאס אונגעהויערע אבער האט זיך ערשט איצט פאר איהם ענטפלעקט.

אינמיטען פון הויף איז געווען א שווארצער הויפען, וועלכער איז גע־ווען שוואך בעלויכטען פון איין זייט פון די פלאמען און פון דער אנדערער זייט פון דער לבנה; דער הויפען איז געווען א קופע מענשען, און די מענ־שען זענען געווען טויטע.

ארום דעם הויפען איז געווען א גרויסע לושע, וועלכע האט א ביסעל געראויכערט; דאס פייער האט זיך אבגעשפיגעלט אין דער דאזיגער לושע; נאר זי האט נישט בעדארפט קיין פייער זי זאל זיין רויט; דאס איז געווען בלוט.

טעלמארק איז צוגעגאנגען. ער האט אנגעהויבען ארומצוקוקען איינס נאך ס'אנדערע די ליגענדע קערפער; אלע זענען געווען מתים.

די לבנה האט בעלויכטען און דאס פייער אויך.

די מתים זענען געווען סאלדאטען. אלע זענען געווען בארפיסע; מען האט ביי זיי צוגענומען די שיך; מען האט ביי זיי צוגענומען אויך זייער געוועהר; זיי האבען נאך געהאט אויף זיך בלאהע מונדירען; דא און דארט, צווישען די אנגעזאמעלטע אברים און קעפ, האט מען בעמערקט דורכגע־לעכערטע היט מיט דרייפארביגע קאקארדעס. דאס זענען געווען רעפובליקא־נער, דיזעלבע פאריזער, וועלכע זענען ערשט נעכטען געווען דא אלע לע־בעדיגע און זיך אויפגעהאלטען אין דעם פאלווארק הערב-אן-פאיל. די מענשען האט מען אויסגעשאסען, דאס האט מען אנגעזעהן אין די קערפער, וועלכע זענען סימעטריש געווען אויסגעלעגט; זיי זענען דערהרג'עט געווארען אויפ'ן ארט און מיט פלייס. קיינער פון זיי האט נישט געלעבט. קיין שום גוסס'ע שטים האט מען נישט געהערט פון דעם הויפען.

טעלמארק האט איבערגעקוקט די מתים, נישט פערפעלענדיג קיין איינעם; אלע זענען געווען דורכגעלעכערט פון קוילען.

די, וועלכע האבען זיי געשאסען, האבען זיך, ווייזט אויס, געאיילט ערגעץ-וואו, און נישט קיין צייט געהאט זיי צו בעגראבען.

ווי ער האט אבער געוואלט אוועקגעהן, איז זיין בליק געפאלען אויף א נידריגע מויער, וועלכע האט זיך געפונען אין הויף און ער האט דערזעהן פיער פיס וועלכע האבען ארויסגעשטעקט פון אונטער דעם ווינקעל פון דער דאזיגער מויער.

דיִ פיִס האָבּען געהאַט שיִך; זייִ זענען געווען קלענער וויִ דיִ איבּ־ ־יִגע; טעלמאַרק איז צוגעגאַנגען נאָהנט; עס זענען געווען פרויען־פיִס.

צוויי פרויען זענען געלעגען איינע נעבּען דער צווייטער היִנטער די ־ויער, אויך דערשאָסענע.

טעלמאַרק האָט זיִך איבּערגעבּויגען איבּער זייִ. איין פרוי האָט געהאַט אויף זיִך אַ מין אוניִפאָרם; נעבּען איִהר איז געלעגען אַ לעדיִגע און צעבּראָ־ ־ענער פעלדפלאַש; דאָס איז געווען אַ מאַרקעטענדעריִן. זיִ האָט געהאַט פיִער ־ויִלען איִן קאָפּ. זיִ איז געווען טויט.

טעלמאַרק האָט בּעטראַכט די צווייטע. דאָס איז געווען אַ פויערטע. זיִ איז געלעגען טויטבּלייך מיִט אַ אָפען מויל. דיִ אויגען זענען געווען פערמאַכט. ־יִ האָט ניִשט געהאַט קיין שום וואונד אויף דעם קאָפּ. איִהרע קליידער, וועלכע זענען געוואָרען, מסתמה, פון לאַנגען וואַנדערן טראַנטעס, האָבּען זיִך ־עת׳ן פאַלען אָבּגעדעקט און מען האָט געזעהן איִהר האַלבּ נאַקעטע בּרוסט. ־עלמאַרק האָט ווייטער אָבּגעדעקט און געזעהן אויפ׳ן אַקסעל אַ קיילעכדיִגע וואונד פון אַ קויל; דאָס שליִסעלע איז געווען צעבּראָכען. ער האָט בּעטראַכט ־יִ דאָזיִגע בּלאָהע בּרוסט.

— אַ מוטער און אַ זויגעריִן, האָט ער געמורמעלט.

ער האָט זיִ אָנגעריִהרט. זיִ איז ניִשט געווען קאַלט.

זיִ האָט ניִשט געהאַט קיין אַנדערע וואונד אַחוץ דאָס צעבּראָכענע שליִסעלע און די וואונד אויף דעם אַקסעל.

ער האָט אַרויפגעלעגט דיִ האַנד אויף איִהר האַרץ און דערפיִהלט ־ שוואַך קלאַפען. זיִ איז ניִשט געווען טויט.

טעלמאַרק האָט זיִך אויפגעשטעלט און אויסגעשריִען מיִט אַ מורא׳די־ ־ען קול:

געפיִנט זיִך דאָ קיינער ניִשט?

— דאָס־בּיִסטו, קעמאַן! האָט אָבּגעענטפערט אַ קול, נאָר אַזוי שטיל, ־ז מען האָט קוים דערהערט. און איִן דערזעלבּער צייט האָט זיִך בּעוויזען ־ קאָפּ פון אַ לאָך פון דיִ חורבות.

דערנאָך האָט זיִך אַן׳אַנדער פּנים אַרויסגערוקט פון אַן׳אַנדערע חורבה.

דאָס זענען געווען צוויי פויעריִם, וועלכע האָבּען זיִך בּעהאַלטען; דיִ ־יינציִגע, וועלכע האָבּען איִבּערגעלעבּט דאָס אומגליִק.

דיִ בּעקאַנטע שטיִם פונ׳ם בּעטלער האָט זיי בּערוהיִגט און זיי אַרויס־ ־ערופען פון די וויִנקלען, וואו זיי האָבּען זיִך געהאַט פערגראָבּען.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו טעלמאַרק, נאָך ציטערנדיִג איִנגאַנצען.

טעלמארק האט געקאנט שרײַען, אבער נישט רעדען; אזוי ווירקען טיעפע איבערלעבענישען.

ער האט זיי אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף די פרוי, וועלכע איז גע־לעגען אויסגעצויגען בײַ זײַנע פיס.

— לעבט זי דען נאך? האט זיך איינער פון די פויערים געפרעגט.

טעלמארק האט א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ אויף יא.

— און די צווייטע פרוי לעבט אויך נאך? האט דער צווייטער פויער געפרעגט.

טעלמארק האט א שאקעל געטהון, אז נישט.

דער פויער, וועלכער האט זיך דער ערשטער בעוויזען, האט ווײַ־טער געזאגט:

די אלע איבריגע זענען טויט, נישט אמת? איך האב עס געזעהן, איך בין געווען אין מײַן קעלער. ווי דאנקט מען דאס גאט אין אזעלכע מינוטען, אז מען האט נישט קײַן פאמיליע. מײַן הויז האט געברענט. הער יעזוס! מען האט אלעמען אויסגעקוילעט די דאזיגע פרוי האט געהאט קינ־דער. דרײַ קינדער, אלע קליינינקע! די קינדער האבען געשריען: מוטער! די מוטער האט געשריען: מײַנע קינדער! מען האט דערהרג'עט די מוטער און אוועקגעפיהרט די קינדער. איך האב דאס געזעהן, מײַן גאט! מײַן גאט! די וועלכע האבען אלע אויסגעשחט'ען זענען אוועק. זיי זענען געווען צופרידען. זיי האבען אוועקגעפיהרט די קינדער און דערהרג'עט די מוטער. אבער זי איז נישט טויט, נישט אמת, זי איז נישט טויט? זאג דאך, קעמאן, גלויבסטו דען, אז דו וועסט זי ראטעווען? ווילסטו, אז מען זאל דיר העלפען זי אריבערטראגען אין דײַן בעהעלטעניש?

טעלמארק האט געגעבען א שאקעל אויף יא.

דער וואלד האט זיך געגרענצט מיט דער פערמע. זיי האבען שנעל געמאכט א טראגבעטעל פון בלעטער און צווײַגען. זיי האבען ארויפגעלעגט אויף דעם טראגבעטעל די פרוי, וועלכע איז אליין געלעגען אונבעוועגליך און זיך געלאזט אין וואלד, צוויי פויערים, טראגענדיג דאס טראגבעטעל, איינער בײַם קאפ, דער צווייטער בײַ די פיס, טעלמארק אונטערהאלטענדיג דעם ארעם פון דער פרוי און טאפענדיג איהר פולס.

געהענדיג, האבען די פויערים צווישען זיך געשמועסט און איבער די בלוטענדע פרוי, וועמענס בלײַכע געזיכט איז געווען בעלויכטען פון דער לבנה־שײַן, האבען זיך געטראגען צעשראקענע אויסגעשרײַען.

— אלץ אויסהרג'ענען!

— אלץ פערברענען!

— אַך, הער גאָט! וועס מען איצט ווערען אַט אַזוי?

— דאָס איז דער הויכער אַלטער, וועלכער האָט דאָס אַזוי געוואָלט.

— יאָ, ער האָט אַזוי בעפוילען.

— איך האָב איהם ניט געזעהן, בשעת מען האָט געשאָסען. איז ער דאָ געוועזען?

ניין, ער איז אוועק. נאָר עס איז אַלץ איינס, אַלץ איז אָבגעטהון געוואָרען לויט זיין בעפעהל.

— אַלזאָ, ער האָט דאָס אַלץ געטהון.

— ער האָט געזאָגט: שיסט! פערברענט! קיין שום מחילה!

— דאָס איז אַ מאַרקיז!

— יאָ, דאָס איז אונזער מאַרקיז.

— ווי אַזוי הייסט ער?

— דאָס איז ה. דע לאַנטענאַק.

טעלמאַרק האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געמורמעלט צווישען די ציין.

— ווען איך זאָל דאָס געוועזן וויסען!

צווייטער טייל.

סימורדען.

I.

די גאסען פון פאריז אין יענער צייט.

מען האט געלעבט אויף דער גאס, מען האט געגעסען ביי טישען, וועלכע זענען געשטאנען פאר די טהירען, די ווייבער, זיצענדיג אין פארער־הייזער פון די קירכען, האבען געצופט מארליע, זינגענדיג די מארסעליעזע, דער פארק מאנסא און דער לוקסעמבורגער גארטען האבען געדינט אלס פעלדער פאר די מאנעווערס, אויף אלע פלעצער האבען די וואפענשמידער טיכטיג געארבייט מען האט פאבריצירט ביקסען פאר די אויגען פון די דורכגעהער, וועלכע האבען געפאטשט מיט די הענד; מען האט נאר געהערט איין ווארט אין אלע מיילער: ג ע ד ו ל ד. מיר זענען אין דער ר ע וו א ל ו צ י ע, מען האט געשמייכעלט ווי העלדען. מען האט בעזוכט דאס טעאטער, אזוי ווי אין אטען בשעת דער פעלאפאנעזישער קריעג; אויף די ווינקלען פון די גאסען האט מען געזעהן מודעות: „די בעלאגערונג פון טיאנוויל". „א מוטער פון א פאמיליע געראטעוועט פון די פלאמען". „דער קלוב פון די זארגלאזע". „די עלטסטע פון די פויפסטינען זשאן". „די פיראזאפען וועלנער". „די קונסט צו ליעבען אין דארף". די דייטשען זענען געווען ביי די טויערען; עס איז געגאנגען א קלאנג, אז דער קעניג פון פרייסען האט זיך געהייסען בעשטעלען א לאזשע אין דער אפערא. אלץ איז געווען שרעקליך, נאר קיינער איז נישט געווען דערשראקען. דאס פינסטערע געזעץ איבער די פערדעכטיגע, [1] וואס איז געווען דאס פערברעך פון מערלען דע דועע, [2] האט געמאכט, אז די גילאטינע [3] האט ארויסגעשטארט איבער אלעמענס קעפ. דער פראקוראר

---

1) געזעץ איבער די פערדעכטיגע„, בעשטימט אין 17 סעפטעמבער 1793 צוליעב וואס 3000,00 מענשען זענען ארעסטירט געווארען.

2) מערלען דע דועע —, א בערימטער אדוואקאט, מיטגליעד פון דער געזעצגעבערישע פערזאמלונג, האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף די געזעצגעבונג אין פראנקרייך.

3) גיליאטינע — א מאשין אבצוהאקען דעם קאפ, אין 1792 יאהר האט דער מיטגליעד פון דער קאנסטיטואנטע, דער ארצט גיליאטען פארגעשלאגען צו בענוצען זיך מיט דער מאשין מען האט איהר נאך איהם א נאמען געגעבען.

סעראַן, וועלכען מען האָט געמסר'ט האָט אין אַ שלאָפֿראָק און אין פּאַנטאָפֿעל, שפּילענדיג אויף אַ פֿלייט ביי זיין פֿענסטער, געוואַרט מען זאָל אים קומען אַרעסטירען. קיינער האָט, דאַכט זיך קיין צייט נישט געהאַט. אַלע האָבען זיך ערגעץ־וואו געאײַלט. יעדער הוט האָט געהאַט אַ קאָקאַרדע, און די פֿרויען האָבען געזאָגט: אַז „די רויטע היטעלעך קליידען זיי". פּאַריז האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט זיך אינגאַנצען איבערגעצויגען. די הענדלער מיט אַלטוואַרג זענען געווען פֿערשאָטען מיט קרוינען, מיטרען, סצעפּטערס פֿון פֿערגאָלדעטען האָלץ און ליליען־הערבען — ירושות פֿון קעניגליכע הײַזער; דאָס איז געווען די פֿערניכטונג פֿון דער מאָנאַרכיע, וועלכע האָט זיך געזעהן אויף יעדען שריט. אויף די האַקעס ביי די שמאַטעס־הענדלער האָבען געהאַנגען גלח'ישע בגדים. מענשען, פֿערקליידעטע אין גלח'ישע בגדים און רייטענדיג אויף אייזלען בעדעקטע מיט קירכענגעוואַנדער, האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי די שענקלעך און געהייסען זיך אַרייננגיסען ווײַן אין קירכענבעכערס. אויף די סען־זשאַק גאַס האָבען ברוקירער, אַליין באָרפֿיסע, אָבגעשטעלט אַ פֿוהרעל פֿון אַ שיך־הענדלער, צוזאַמענגעלעגט געלד און געקויפֿט פֿופֿצעהן פּאָר שיך, וועלכע זיי האָבען אָבגעשיקט אין קאָנווענט 4) פֿאַר אונזערע זעלנער, די ביוסטען פֿון פֿראַנקלין, רוססאָ, ברוטוס און מאַראַט זענען אומעטום פֿול געווען; איבער איינעם פֿון די ביוסטען פֿון מאַראַט, אויף קלאָש־פּעכס גאַס, איז געהאָנגען אונטער אַ גלאָז איינגערעמט אין שוואַרצען האָלץ אַ אָנקלאַגע געגען מאַלועט, 5) מאָטיווירט מיט פֿאַקטען און ביים ראַנד פֿאָלגענדע צוויי שורות: „די איינצעלהייטען האָט מיר געגעבען די געליבטע פֿון סילווען־באַילי, אַ גוטע פּאַטריאָטקע, וועלכע איז צו מיר אויפֿגעלעגט. אונטערגעשריבען: מאַראַט". אויף דעם פּלאַץ פֿון פּאַלע־ראַיאַל, איז די אויפֿשריפֿט פֿון דער פֿאָנטאַנע: קוואַנטאָם עפֿונדיט ין אוזום! 6) געווען פֿערדעקט מיט צוויי בילדער, געמאָלט מיט וואַסער־פֿאַרבען, און האָבען פֿאָרגעשטעלט, דאָס ערשטע: קאַיע דע זשערוויל, וועלכע גיט־אוים דער נאַציאָנאַלער פֿערזאַמלונג דעם סיגנאַל פֿון די שפּיאָנען פֿון אַרל; דאָס צווייטע, לודוויג XVI, צוריקגעבראַכט פֿון וואַרען 7) אין

---

4) קאָנווענט — די געזעצגעבערישע פֿערזאַמלונג נאָך דער קאָנסטיטואַנטע. זי איז באַשטאַנען פֿון דריי ריכטונגען: זשיראָנדיסטען, צענטר, מאָנטאַניאַר, (יאַקאָבינער). אין אַ יאָהר אַרום קומט דער דירעקטאָריאַט. אין 1799 דער קאָנסולאַט און דערנאָך די אימפּעריע.

5) מאַלועט וויקטאָר — שטאַאַטסמאַן (1740–1814) געדינט אין דער פֿלאָט־פֿערוואַלטונג. געקעמפֿט אַ מעסיגע פֿאַר מאָנאַרכיע, עמיגרירט דערנאָך אין ענגלאַנד, און אָנגעשריבען „די פֿערטיידיגונג פֿון לודוויג XVI": צוריק געקומען שפּעטער אין פֿראַנקרייך. דאָרט ער האָט פֿערנומען אַ שטעלע ביי באָנאַפּאַרט און לודוויג XVIII

6) — קוואַנטאָר עפֿונדיט ין אוזום זי גיסט פֿאַר אַלעמען.

7) וואַרען — לודוויג XVI האָט פֿון דאָרט געוואָלט ווייטער אַנטלויפֿען אין אויסלאַנד.

זיין קעניגליכער קאַרעטע, און אונטער דער קאַרעטע אַ ברעט צוגעבונדען מיט
מיט שטריק, טראָגענדיג אויף ביידע עקען צוויי גרענאַדירערען, מיט די באַג-
נעטען אויף די ביקסען. וועניג פון די גרויסע קראָמען זענען געווען אָפען.
גאַלאַנטעריע-סחורה און שפּיעלצייגען האָבען ווייבער געשלעפּט אין וועגעלעך;
געלויכטען פון חלב'נע ליכטלעך און דער צונאָסענער חלב האָט געטריפט
אויף די סחורה; טישלעך אונטער'ן פרייען הימעל האָבען געהאַלטען געוועזענע
נאָנעס אין בלאָנדע שייטלעך; נישט איין גרעפין האָט זיך פערנומען מיט פער-
צירעווען זאָקען; נישט איין מאַרקיזע איז געוואָרען אַ נייהטאָרען; מאַדאַם דע
בופלער האָט געוואוינט אויף אַ בוידעם, פון וואַנען זי האָט געזעהן איהר פּאַ-
לאַץ. אויסרופער זענען אַרומגעלאָפען, און אָנגעבאָטען די „פּאַפּירען מיט
זייעסען". מען האָט גערופען „סקראָפּאָליטישע" די דאָזיגע, וועלכע האָבען
געהאַלטען זייער קינבאַק אין זייער האַלזטוך. עס איז געווען פול פון די
וואַנדערנדע זינגער. דער המון האָט אויסגעפּיפען פּיטו, דעם מוטיגען ראָיאַ-
ליסטישען זינגער, וועלכען מען האָט צוויי-און-צוואַנציג מאָל אַריינגעזעצט אין
געפענגניס און וועלכער איז אויך געשטאַנען פאַר'ן רעוואָלוציאָנערען געריכט
פערפאַר, וואָס ער האָט זיך געגעבען אַ קלאַפּ אויפ'ן הינטען אַרויסזאָגענדיג
דערביי דאָס וואָרט „בירגערטום"; זעהענדיג זיין קאָפּ אין געפאַהר, האָט ער
אויסגעשריען: „אָבער מיין קאָפּ האָט זיך דאָך נישט פערשולדיגט, נאָר זיין
געגענטייל!" וואָס האָט אַרויסגערופען אַ געלעכטער צווישען די ריכטער און
עס האָט איהם געראַטעוועט. דער דאָזיגער פּיטו האָט אויסגעלאַכט די דאָ-
מאָלסדיגע מאָדע פון אָנצורופען זיך מיט גריכישע אָדער לאַטיינישע נעמען;
זיין ליעבסט ליעדעל איז געווען פון אַ שוסטער, וועלכען ער האָט אַ נאָמען
געגעבען „קיווס" און זיין ווייב „קיווס-דאַם". מען איז אַרומגעגאַנגען אין די
גאַסען און געזונגען די קאַרמאַניאָלע 8); מען האָט נישט געזאָגט דער „קאַ-
וואַליער און די דאַמע", נאָר דער „בירגער און די בירגערין". מען האָט גע-
טאַנצט אין די חורבות פון די קלויסטערס, וואו מען האָט ביים טאַנצען אָנ-
געצונדען לעמפּלעך אויף די אַלטאַרען. און אין דער הויך אויף די געוועלבען
אויפגעהאָנגען צוויי שטעקענס אין דער פאָרם פון אַ קרייץ, טראָגענדיג פיער
ליכט. אונטער דעם טאַנץ זענען געווען קברים.

מען האָט געטראָגען בלאָהע וועסטען. די שפּאָנקעס פון די העמדער
זענען געווען לויט דער פאָרם פון „פרייהייטס-היטעל", געמאַכט פון ווייסע,
בלאָהע און רויטע שטיינער. די גאַס רישעליע האָט מען אַ נאָמען געגעבען —
די גאַס פון רעכט; די פאָרשטאָדט סענט-אַנטואַן האָט זיך גערופען די פאָר-

8) קאַרמאַניאָלע — אַ רעוואָלוציאָנער ליעדעל. מען האָט מיט דעמזעלבען נאָמען אויך גערופען אַ קליידונג, וועלכע די יאַקאָבינער האָבען געטראָגען 1793 יאָהר.

שטאָדט פֿון רוהם; אויפֿ'ן פּלאַץ פֿון דער באַסטיל איז געווען אַ שטיינבילד פֿון דער נאַטור. מען האָט זיך אָנגעוויזען אויף געוויסע באַקאַנטע דורכגעהער, ווי: שאַטלע, דידיע, ניקאָלאַ און גאַרניע דעלאָנע, וועלכע האָבען געהיט די די טיר פֿון דעם סטאָלאַר דיופּלע ווּולאַן, וועלכער האָט נישט פֿערלאָזט קיין איין טאָג פֿון דער גיליאָטינע און איז נאָכגעגאַנגען די פֿוהרען פֿון די פֿער'משפט'ע, וואָס ער האָט גערופֿען „געהן צו דער רויטער מעסע", מאָנ־פּלאַבער, אַ מיטגליד פֿון רעוואָלוציאָנערען געריכט און מאַרקיז, וועלכער האָט זיך געהייסען רופֿען „דער צעהנטער־אויגוסט".

מען האָט זיך צוגעקוקט צו די פֿערביינגעהענדע שילער פֿון דער מילי־טער־שולע, וועלכע זענען אין די דעקרעטען פֿון דעם קאָנווענט אָנגערופֿען געוואָרען: „קאַנדידאַטען פֿון דער שולע פֿון מאַרס" און דאָס פֿאָלק פֿלעגט זיי רופֿען „ראָבעספּיערס פּאַזשען". מען האָט געלייענט די פּראָקלאַמאַציעס פֿון פֿרעראָן, וועלכער האָט באַשולדיגט די פֿערדעכטיגטע אין דעם פֿערברעך פֿון „האַנדלעריי". די ווייסע חברה זענען געשטאַנען מחנות'וויז ביי די טהירע, פֿון די געמיינדע־הייזער, און האָבען חוזק געמאַכט פֿון די ציווילע חתונות. מען האָט פֿערשטעלט דעם וועג דאָס פּרישע פּאָרל, און נאָכגעשריען: „חתונה געהאַטע מוניציפּאַליטער". ביי די אינוואַלידען זענען די שטיינבילדער פֿון די הייליגע און קעניגען געווען באַשלייערט מיט פֿריגישע היטלעך. מען האָט געשפּילט אין קאָרטען אויף די שטיינער פֿון די פּלעצער; אויך דער קאָר־טענשפּיעל איז געווען אין צושטאַנד פֿון רעוואָלוציאָן; קעניגען האָט מען פֿערביטען מיט זשעניען; די דאַמען — מיט פֿרייהייטען, די וואַלעטען — מיט גלייכהייטען און די טוזן—מיט געזעצען. מען האָט באַאַרבייט די עפֿענטליכע גערטנער און אין גאָרטען פֿון טוילערי האָט געאַרבייט דער אַקעראייזען.

צו דעם אַלעם האָט צוגעמישט, איבערהויפּט אין די בעזיגטע פּאַר־טייען אַ מין האַלבטויגע לעבענסמידיגקייט; אַ געוויסער מענש האָט געשריבען צו פֿוקיע—טענוויל[9] „זייט אַזוי גוט און באַפֿרייט מיך פֿון לעבען, אָט איז מיין אַדרעס". שאַנסענע איז געוואָרען אַרעסטירט, ווייל ער האָט אויסגעשריען אין פּאַלע־רויאַל: ווען וועט זשע זיין די רעוואָלוציאָן אין טערקיי? איך וואָלט שוין געוואָלט זעהן די רעוואָלוציאָן אין דער פּאָרטע![10] אומעדום האָט מען געזעהן צייטונגען; די פֿריזירער־יונגלעך האָבען אויף דער גאַס געפֿריזירט די שייטלען פֿון די פֿרויען בשעת זייער בעל הבית האָט אויף אַ קול געלעזען דעם „מאָניטער"; אַנדערע האָבען היך צווישען אַ רעדעל מענשען, שטאַרק

9) אַ באַשולדיגער, וועלכער האָט אַממייסטען קרבנות צוגעשטעלט דער גיליאָטינע.

10) אַ וואָרט־שפּיעל, ווייל פּאָרט אין פֿראַנצויזישען באַדייט טיר, דאָס הייסט: אַ לאַ פּאָרט, קאָן מען אויסטייטשען „הינטער די טיר".

ושעסטיקולירענדיג געמאכט פירושים אויף דעם, וואס עס האט געשריבען דער „אנטאנדאן—נו", פון דיובוא-קראנסע, אדער „די טראמפייט פון פער-בעללאו",
מאנלעסמאל זענען די פאריקמאכערס געווען אין דערזעלבער צייט ווארשטער-
מאכערס; און מען האט געקאנט זעהען זייטלעך פון חזיר און ווארשען הענ-
גען נעבען א ליאלקע אין א פערקאמטען שייטעל פון גאלדענע האר. די
סוחרים האבען פערקויפט אויף די גאסען „עמיגראנטען-ווין", איין סוחר האט
ארויסגעשטעלט א שילד, אז ער האט „צוויי-און-פיפציג מינים וויין"; אנדערע
האבען געהאנדעלט מיט זייגערס אין דער פארם פון א לירע אדער מאפעס
פון הערצאגינס; איין פריזירער האט געהאט אזא שילד: „איך ראזיר די
גלחים, איך פערקאם דעם אדעל, איך שער דעם דריטען שטאנד." מען אין
זיך געגאנגען אויסווארפען קארטען צו מארטען, אויף דער אנזשו-גאס נ' 173,
פריהער דאפען-גאס.

עס האט געפעהלט ברויט, עס האט נעפעהלט קוילען, עס האט גע-
פעהלט זייף; מען האט געזעהען פארבייטרייבען מחנות מילך-קיה פון דער
פראווינץ. אין לא וואלע האט געקאסט א פונט קאלבפלייש פיפצעהן פראנק,
א פעראָרדנונג פון דער קאמונע האט אויף יעדען מענשען בעשטימט א פונט
פלייש אויף צעהן טעג. ביי די טירען פון די קראמען זענען געשטאנען
„אגאנקעס"; איינער פון די אגאנקעס איז געווארען לעגענדאריש, ער האט זיך
עצויגען פון דער טהיר פון א קאלאניאל-קראם אויף דער גאס פטי-קארא
ביז אינמיטען פון מאנטארגעיל. מאכען א אגאנעק האט געהייסען „האלטען
דאס שטריקעל" צוליעב דער לאנגער שטריק, וואס די מענשען האבען גע-
האלטען. אין דער דאזיגער נויט זענען די פרויען געווען מוטיג און מילד.
זיי האבען גאנצע נעכט פערבראכט, אבווארטענדיג זייער רייהע אריינצוקומען
צום בעקער; די מיטלען האבען זיך דער רעוואלוציע איינגעגעבען, זי האט
עטראגען דעם שווערען יאך פון דער נויט מיט צוויי געפעהרליכע מיטלען,
אסיגנאציע און מאקסימאל-פרייזען, די אסיגנאציע איז געווען דער הויבשטאנג
און דער מאקסימום איז געווען דער שטיצפונקט. די דאזיגע ערפאהרונג האט
ערראטעוועט פראנקרייך. דער פיינד, דער פון קאבלענץ און אויך דער פיינד
פון לאנדאן, האט שפעקולירט מיט די אסיגנאציעס. די מיידלעך, דרעהענדיג
זיך הין און צוריק אויף די גאסען, פערקויפענדיג לאווענדע וואסער, זאקענ-
בענדלעך און געפלאכטענע צעפ האבען זיך אויך פערנומען מיט געלדטוי-
שען; עס זענען געווען געלדהענדלערס ביי דער אוויען-גאס, אין בלאטיגע
שיך, פעטע האר, האריגע היטלעך פון פיקסען-ווידלעך, און די פאצעטען
פון דער וואלוא-גאס, מיט אויסגעפוצטע שטיוועל, מיט א צאהן-שטעכערל אין
מויל, א פלושענעם הוט אויפ'ן קאפ, — צו וועמען די גאסען-מיידלעך פלעגען

ריידען אויף „דו". דאָס פאָלק האָט אויף זיי געמאַכט אַ געיעג, ווי אויף גנבים, און די ראָיאַליסטען האָבען זיי אָנגערופען „טעטיגע בירגער". איבּריגענס פלעגען קיין סך גנבות נישט פאָרקומען. עס האָט גיכער געהערשט נויט און אַ סטאָישע עהרליכקייט. די באָרפיסע און נויט-ליידענדע זענען פאַרביי געגאַנגען פאַר די פענסטער פון יובעליר-געשעפטען מיט שטרענגע און אָראָבגעלאָזטע אויגען. בעת דער רעוויזיע, וואָס די סעקציע אַנטואַן האָט געמאַכט ביי באָמאַרשע, האָט אַ פרוי אָבגעריסען אַ בלום אין גאָרטען; דער המון האָט זי אויסגעפּאַטשט. אַ קלאַפטער האָלץ האָט געקאָסט אין פּאַריז פיער הונדערט פראַנק אין זילבער; מען האָט געזעהן אויף דער גאַס, ווי מענשען האָבען צעהאַקט אויף האָלץ זייער בעט.

עס האָט געקאָסט צוואַנציג סו אַ עמער וואַסער; אַלע זענען געוואָרען וואַסער-טרעגער. אַ גאָלדענע מטבע איז ווערט געווען דריי טויזענד-ניין-הונדערט פופציג פראַנק. אַ קורס אויף אַ דראָזשקע האָט געקאָסט זעקס הונדערט פראַנק. נאָכדעם ווי מען האָט אַ גאַנצען טאָג געבּרויכט די דראָזשקע, האָט מען געקאָנט הערען אַזאַ שמועס:

—קוטשער, וויפיעל קום איך אייך?

— זעקס טויזענד ליווער.

אַ הענדלערקע פון גרינס פלעגט פערקויפען סחורה פאַר צוואַנציג טויזענד פראַנק טעגליך. אַ בעטלער פלעגט זאָגען: „האָט רחמנות, העלפט מיר! עס פעהלט מיר צו צוויי הונדערט דרייסיג ליווער וואָס איך דאַרף בעצאָהלען פאַר מיינע שיך. ביים איינגאַנג אויף די בריקען, האָט מען געזעהן ריזען, געשניצט און געמאָלען דורך דאַוויד, וועלכע מערסיע האָט מיט חוזק אָנגערופען; „הילצערנע גולמ'ס". די ריזען האָבען פאָרגעשטעלט די צערשמעטערטע קאָאַליציע און פעדעראַליזם.

קיין שום מוטלאָזיגקייט האָט מען נישט געמערקט ביים פאָלק, נאָר אַ טריבע פרייד צוליעב דעם, וואָס מען האָט אַ סוף געמאַכט מיט די טיראַנען. פרייוויליגע זענען אָנגעלאָפען, אָנבאָטענדיג זייער ברוסט. יעדע גאַס האָט געגעבען אַ באַטאַליאָן. די קרייז-פאָהנען, פלעגען פאַרבייציהען יעדער מיט אַנ'אַנדער דעוויז. אויף דער פאָהן פון קאַפּוציינער קרייז איז געשטאַנען „קיינער וועט אונז נישט ראַזירען". אויף אַנ'אַנדער פאָהן איז געווען: „עס איז נישטאָ קיין אַנדער אַדעל, אויסער דעם, וואָס לעבט אין האַרצען". אַלע ווענד זענען געווען פול מיט אַפישען גרויסע, קליינע, ווייסע, געלע, גרינע, רויטע, געדרוקטע, געשריבענע, אין יעדערע איז געשטאַנען: „עס לעבע די רעפּובּליקו" די קליינע קינדער האָבען געשטאַמעלט: „סאַ ירא"!

די דאָזיגע קליינע קינדער זענען געווען—די טיפע צוקונפט.

שפּעטער, איז נאָך דער טראַגישער שטאָדט געקומען די ציניִשע שטאָדט; די גאַסען פֿון פּאַריז האָבען געהאַט אַ פֿערשידענאַרטיגען אויסזעהן, פּאַריז פֿון סענזשוסט האָט געמאַכט פּלאַץ פֿאַר אַ פּאַריז פֿון טאַליען; עס זענען די געגענזאַצען פֿון גלויבען צו אויסגעלאַסענהייט.

עס איז געווען אַ אויסבּרוך פֿון אַלגעמיינעם משוגעת.

נאָך דעם 9-טען טערמידאָר איז פּאַריז פֿריילִיך געוואָרען, מיט אַ משוגענער אונגעצוינדער פֿריילִיכקייט, נאָכדעם שגעון פֿון זוכען דעם טויט, איז געקומען דערזעלבּער משוגענער חשק צום לעבען, און די גרויסקייט איז פֿערשוואונדען. עס איז ערשינען דער „אַלמאַנאַך פֿון די פֿרעסערס“. אין פּאַלע רויאַל האָט מען געגעסען מיטאָג, ביי מוזיק פֿון פֿרויען אָרקעסטערן, וועלכע האָבען געקלאַפּט אין די פּייקלעך און געבּלאָזען אין די טראָמפּייטען. מען האָט געגעסען אָווענדבּרויט ביי מעאָ אויף דעם מזרח'ישען שטייגער צווישען פֿאַנען פֿול מיט פּאַרפֿומען. דער מאַלער באָז האָט געמאָלען זיינע טעלטער. אונשולדיגע און רייצענדע זעכצעניעהריגע קעפּלעך, אַזוי וי „גיליאָטינירטע“, ד. ה. דעקאָלטירט מיט רויטע העמדלעך. נאָך די ווילדע טענץ אויף די חורבות פֿון די קלויסטערס זענען געקומען די בּעלער, אַך די ערנסטע בּירגעריִנס, וועלכע האָבען געצופּט די שאַרפּיע, זענען געקומען די סולטאַניִנס, די ווילדע, די נימפֿען; נאָך די נאַקעטע פֿיס פֿון די סאָלדאַטען, בּעדעקטע מיט בּלוט, בּלאָטע און שטויב, זענען געקומען די נאַקעטע פֿיס פֿון פֿרויען, בּעפּוצטע מיט דימענטען; צוגלייך מיט דער אונפֿערשעמטקייט האָט זיך בּעוויזען די אונעהרליכקייט; פֿון אויבען—די ליפֿעראַנטען און פֿון אונטען—די קעשענע גנבים; עס האָט געריועט אין פּאַריז פֿון שווינדלער, און יעדער האָט גוט געמוזט היטען זיין טייסטער. אַ גוטער צייטפֿערטרייב איז געווען צו געהן זעהען אויף דעם פּלאַץ פֿון דעם יוסטיץ-פּאַלאַץ די גנבים אויף די בּענקלעך, אַרויסגעשטעלט צום שאַנד-סלופּ, אַרויסגעהענדיג פֿון טעאַטער האָבען די יונגלעך פֿאָרגעשלאָגען דראָזשקעס, אויסרופֿענדיג: „בּירגער און בּירגערין, עס איז פֿאַרהאַן פּלאַץ פֿאַר צוויי“. די צייטונגס-פֿערקויפֿער האָבען שוין מעהר נישט אויסגערופֿען די נעמען פֿון דעם רעוואָלוציאָנערען, „דער אַלטער שוסטער“, אָדער „דער פֿריינד פֿון פֿאָלק“, מען האָט איצט אויסגעשריען: „די בּריעף פֿון פּאָלישינעל“ און די פּעטיציע פֿון די „יונגען“; דער מאַרקיז דע סאַד 11) איז געווען פּאַריזענער אין דער סעקציע פּיק אויף דעם פּלאַץ וואַנדאָם. די רעאַקציע איז געווען פֿריילִיך און ווילד.

11) מאַרקיז דע סאַד איז בּערִיהמט דורך זיינע גוואַלדטהאַטען און פֿערבּרעכען בּערהויפּט אויפֿ'ן סעקסועלען געבּיעט.

אַט אַזוי וואַקלט זיך פּאַריז הין און צוריק. נאָך דעם 93-טען יאָהר איז אויף די רעוואָלוציע אָנגעקומען אַ מין פערפֿינסטערונג; דאָס יאָהר-הונדערט האָט ווי פערגעסען צו פֿאַרענדיגען דאָס, וואָס עס האָט אָנגעהויבען, עס איז אונטערגעקומען אַ מין אָרגיע, זי איז אַרויסגעטרעטען אויף דעם ערשטען פּלאַן; פֿערוקט האָבען זיך די פֿריהעריגע שרעקען, פֿערהילט די אונגעהויערע וויזיאָן און אויסגעבראָכען נאָך דעם גרויל אין אַ געלעכטער. די טראַגעדיע איז פֿערשוואונדען אין אַ פּאַראָדיע; דער רוף פון קאַרנאָוואַל האָט אָבגעמעקט דעם פּנים פון דער מעדוזע.

אָבער אין 93-טען יאָהר, וואו מיר האַלטען, האָבען נאָך די גאַסען פון פּאַריז געהאַט דעם גראַנדיעזען און ווילדען אויסזעהן פון דעם אָנהויב. זיי האָבען געהאַט זייערע רעדנער. וואַרלע, וועלכער האָט אַרומגעפֿיהרט אַ באַלאַגאַן אויף רעדער און פון דער הויך גערעדט צו די דורכגעהער; די גאַסען האָבען אויך געהאַט זייערע העלדען און פון זיי האָט איינער געטראָגען דעם נאָמען: „דער קאַפּיטאַן פון די בעשלאָגענע מיט אייזען שטעקענס". זייערע ליבלינגע, גיופרואַ דער אויטאָר פון פּאַמפלעט „רוזשיף". עטליכע פון די פּאָפּולערע פּערזאָנען זענען געווען שעדליכע; די איבריגע זענען געווען אונפֿערדאָרבען. איינער צווישען אַלע איז געווען ערליך און פֿאַטאַל; דאָס איז געווען סימורדען.

II.

סימורדען איז געווען די פֿערקערפּערונג פון אַ מענשליכען אָבער פֿערגעבעלטען געוויסען. ער האָט געהאַט אין זיך דאָס אַבסאָלוטע, ער איז געווען אַ גלח און דאָס האָט אַ סך צו זאָגען. דער מענש קאָן, ווי דער הימעל, האָבען אַ שוואַרצע פּרעהליכקייט; עס איז גענוג, אַז עפּיס זאָל אין איהם נאַכט מאַכען. די גלח'ישקייט האָט געמאַכט די נאַכט אין סימורדען. ווער עס איז געווען אַ גלח, דער בלייבט עס שוין אויף שטענדיג.

דאָס, וואָס מאַכט אין אונז די נאַכט, קאָן אויך איבערלאָזען אין אונז די שטערען. סימורדען איז געווען פול מיט טוגענדען און אמת'ען, וועלכע האָבען געלויכטען אין דער פֿינסטערניש.

זיין געשיכטע איז געווען אַ קורצע. ער איז געווען אַ דאָרפס-גלח און אַ לעהרער אין אַ הויכען הויז; דערנאָך איז איהם צוגעפֿאַלען אַ ירושה און ער האָט זיך בעפרייט.

די עקשנות האָט אין איהם אַלץ איבערגעשטיגען. ער פֿלעגט זיך אָנכאַפּען אָן יעדען געדאַנק, ווי מיט צוואַנגען, און ער פֿלעגט איהם ערשט דאַן אָבלאָזען, ווען ער איז מיט איהם געקומען צו אַ סוף. ער האָט געקענט

אַלע אײראָפּעאישע און אַביסעל אַנדערע שפּראַכען; דער דאָזיגער מענש האָט שטודירט אָהן אויפהער, און דאָס האָט איהם גע־האָלפען צו דער־האַלטען זיין ריינקייט.

אַלס גלח, האָט ער צוליעב שטאָלץ, צופאַל אָדער גייסטיגער הויכקייט אָבגעהיט אַלע זיינע נדרים; נאָר ער האָט נישט געקאָנט איינהיטען זיין גלויבען, די וויסענשאַפט האָט פערניכטעט זיין אמונה; די דאָגמע איז אין איהם אָבגעשטאָרבען, דערמאָלט, פאָרשענדיג זיך אַליין, האָט ער זיך געפיהלט, ווי אַנ'אבר וואָלט איהם אָבגעפאַלען. נישט קענענדיג אָבער בעפרייען זיך פון דעם גלח, וואָס אין איהם, האָט ער זיך בעמיהט איבערצואַרבייטען אין זיך דעם מענשען, נאָר אויף זעהר אַ שטרענגען אופן. מען האָט איהם צוגענומען די פאַמיליע, האָט ער זיך צוגעבונדען צום פאָטערלאַנד; מען האָט איהם פערוועהרט צו נעהמען אַ פרוי, האָט ער חתונה־געהאַט מיט דער מענשהייט.

זיינע עלטערן—פּויערים, ווילענדיג איהם מאַכען פאַר אַ גלח, האָבען זיך געמיהט אַרויסצוהויבען איהם פון פאָלק; ער אָבער איז צוריק אין פאָלק אַריין.

און ער איז צוריק אַריין ליידענשאַפטליך. ער האָט געקוקט אויף די ליידענדע מיט אַ מורא'דיגער צערטליכקייט. פון אַ גלח איז ער געוואָרען אַ פילאָזאָף און פון אַ פילאָזאָף — אַ קעמפער. נאָך בּיים לעבען פון לודוויג דעם 15־טען האָט זיך סימורדען געפיהלט — הגם נישט קלאָר — אַלס רע־פּובליקאַנער. פון וועלכער רעפּובליק? עס קאָן זיין פון דער רעפּובליק פון פּלאַטאָן, און עס קאָן אויך זיין פון דער רעפּובליק פון דראַקאָן.

מען האָט איהם פערבאָטען צו ליבען, האָט ער אָנגעהויבען צו האַסען. ער האָט געהאַסט ליגענס, די מאָנאַרכיע, די טעאָקראַטיע, זיין גלח'יש קלייד; ער האָט געהאַסט די געגענוואַרט און גערופען מיט אַ שטאַר־קע שטימע די צוקונפט; ער האָט זי פאָרגעפיהלט, ער האָט זי פאָראויס־געזעהן, ער האָט זי ענטדעקט אַ שרעקליכע און אַ פּרעכטיגע; ער האָט פערשטאַנען, אַז פאַר די לעזונג פון דער קלעגליכער מענשליכער נויט מוז קומען עפּיס אַזוינס, ווי אַ נוקם, וועלכער וועט צוגלייך זיין דער בעפרייער. און פון דערווייטענס האָט ער בעגריסט די קאַטאַסטראָפע.

אין יאָהר 1789 איז די קאַטאַסטראָפע געקומען און געפינען איהם גרייט. בעוואָפענט מיט דער לאָגיק האָט ער זיך געוואָרפען אין די דאָזיגע ברייטע מענשליכע בענייאונג; מיט זיין שטאָהלערנעם גייסט, איז ער געווען אונ'ברחמנות'דיג; די לאָגיק איז נישט ווייך. ער האָט דורכגעלעבט די גרויסע יאָהרען פון דער רעוואָלוציע און ער האָט געפיהלט דעם שוידער פון איהר אָטעם: 89, דער פאַל פון דער באַסטיליע, דער סוף פון די ליידען

פון די פעלקער; 90, דער 19-טער יוני, דער סוף פון פעאָדאליזם; 91, ווארען, דער סוף פון דעם קעניגטום; 92, דער אויפגאַנג פון דער רעפובליק. ער האט געזעהן, ווי די רעוואָלוציע הויבט זיך אויף; ער איז נישט געווען דער מענש, וועלכער שרעקט זיך פאר אזא ריעזין געגענטייל, דער ראַזיגער וואוקס פון אלעם האט אין איהם אריינגעהויכט א נייעס לעבען; און כאָטש ער איז שוין געווען אלט — פינפציג יאהר — און דערצו א גלח, וואס ווערט שנעלער אלט ווי אַנ'אַנדערער — האט ער אליין אויך אָנגעהויבען צו וואַקסען. פון יאָהר צו יאָהר האט ער צוגעזעהן, ווי די געשעהענישען ווערען אלץ גרעסער, און ער איז צוגלייך מיט זיי גרעסער געוואָרען. ער האט אין אָנהויב מורא געהאַט, אז די רעוואָלוציע וועט מפיל זיין, ער האט זי געפאָרשט. זי האט געהאַט פערשטאַנד און רעכט, און ער האט געוואונשען, אז זי זאל אויך האָבען ערפאָלג; און וואס מעהר זי האט אנדערע געשראָקען, אלץ זיכערער האט ער זיך געפיהלט. ער האט געוואָלט, אז איהר געטליך אויג זאל קאָנען ווארפען, ווען מען וועט ברויכען, אויף די שדים דעם גהנום-בליץ און אָבצאָהלען שרעק פאר שרעק.

אזוי האט ער זיך דערוואַרט דאס יאָהר 93.

דאס יאָהר 93 איז געווען די מלחמה פון איירָאָפּא געגען פראַנקרייך און פון פראַנקרייך געגען פאַריז. און וואס איז די רעוואָלוציע? דאס איז דער נצחון פון פראַנקרייך איבער איירָאָפּא און דער נצחון פון פאַריז איבער פראַנקרייך. אין דעם בעשטעהט עס די גרויסקייט פון דער ראַזיגער שרעקליכער מינוט; דאס 93-טע יאָהר איז גרעסער פון דעם גאַנצען איבריגען יאָהרהונדערט.

דאס 93-טע יאָהר איז א יאָהר פון דער העכסטער אָנשפאַנונג. דער שטורם איז אויסגעבראָכען מיט זיין גאַנצען צאָרן און זיין גאַנצער גרויסקייט. סימורדען האט זיך גוט געפיהלט. די ראַזיגע בעזינונגסלאָזע, ווילדע און הערליכע סביבה איז געווען ווי צוגעפאַסט צו זיין ווייטען גייסט. דער ראַזיגער מענש האט געהאַט אזוי ווי דער ים-אָדלער, א טיעפע אינערליכע רוה, פערבונדען מיט א שטרעבען צו געפאַהרען. געוויסע בעפליגעלטע, ווילדע און שטילע נאַטורען זענען ווי בעשאַפען געוואָרען פאר גרויסע ווינטען. עס זענען פאַרהאַן שטורמישע נאַטורען.

ער האט געהאַט א בעזונדער רחמנות, וואס איז געווענדעט געווען נאָר צו די עלענדע. ער האט זיך אינגאַנצען געאָפּפערט פאר אזעלכע ליידען, וואס רופען אַרויס אַנ'עקעל. עס האט איהם גאָרנישט אָבגעשטויסען. דאס איז געווען זיין אַרט פון גוטסקייט. ער האט געזוכט געשווירען, זיי צו קושען. שענע טהאַטען, וועלכע זעהען מיאוס אויס, איז אַמשווערסטען צו ער-

פִילְעָן; עֶר הָאט דוקא גֶעוואָלט אַזעֶלכֶע. אַיינמאָל הָאט אַיינֶער אִין שפִּיטאָל „הָאטעֶל־דיעֶ" גֶעהאַלטעֶן בַּיים שטאַרבּעֶן, גֶעשטִיקט פוּן אַ מכה אִין האַלז, אַ שטִינקעֶנדִיגֶע, שרעֶקלִיכֶע און אפשר אָנשטעֶקעֶנדִיגֶע, וועֶלכֶע מעֶן הָאט בּאַלד גֶעמוזט אויסלֵיידִיגֶען.

סִימוּרדעֶן אִיז דאַמאָלסט גֶעווען; עֶר הָאט צוגֶעלֵייגט דאָס מויל צום גֶעשווִיר, אויסגֶעזאָגט אִיהם, אויסשפַּייעֶנדִיג, ווען דאָס מויל אִיז פוּל גֶעוואָרען; עֶר הָאט אויסגֶערֵייגִיגט דעֶם גֶעשווִיר און גֶעראַטעֶוועֶט דעֶם מעֶנשעֶן. אַזוי ווִי עֶר הָאט נאָך דאַמאָלסט גֶעטראָגען גלחישעֶ בּגדים, הָאט עֶמִיץ אִיהם גֶעזאָגט:—ווען אִיהר וואָלט דאָס גֶעמאַכט דעֶם קעֶנִיג, וואָלט אִיהר גֶעוואָרען אַ בִּישוֹף.—„אִיך וואָלט דאָס דעֶם קעֶנִיג נִישט גֶעטהון",— הָאט סִימוּרדעֶן גֶעעֶנטפעֶרט. דִי דאָזִיגֶע טאַט און דעֶר עֶנטפעֶר הָאט אִיהם פּאָפּוּלעֶר געמאַכט אִין דִי אָרִימעֶ קווארטאַלעֶן פוּן פּאַרִיז. אַזוי ווַייט, אַז עֶר הָאט מִיט דִי אַלעֶ, וועֶלכֶע לֵיידעֶן, ווֵיינעֶן און דראָהעֶן, גֶעקאָנט מאַכעֶן, וואָס עֶר הָאט נאָר גֶעוואָלט. אִין דעֶר צַייט פוּן צאָרן גֶעגֶען דִי שפּעֶקולאַנטעֶן אַ צאָרן וואָס אִיז אַזוי רַייך אִין טעוּתים, הָאט סִימוּרדעֶן מִיט אֵיין וואָרט גֶעשטעֶרט צו בּעֶרויבּעֶן אַ שִׁיף בּעֶלאָדעֶן מִיט זֵייף אִין פּאָרט סעֶן־נִיקאָלאַ, און הָאט פאַנאַנדעֶרגעֶיאָגט אַ המון, וועֶלכֶער הָאט אַייגֶעהאַלטעֶן דִי וועֶגעֶן בַּיי דִי ראָגאַטקעֶס סעֶן לאַזאַר. עֶר הָאט צווֵיי טעֶג נאָך דעֶם 10־טעֶן אויגוּסט גֶעפִיהרט דאָס פאָלק אַראָבּצוּוואַרפעֶן דִי שטֵיינבִּילדעֶר פוּן דִי קעֶנִיגֶע. עֶס זעֶנעֶן דאַמאָלט גֶעווען קרבּנות: אויפ'ן פּלאַץ וואַנדאָם אִיז אֵיין פרוי, רעֶין וויאָלעֶ, דעֶרהרגֶ'עט גֶעוואָרען דורך דאָס שטֵיינבִּילד פוּן לִיודוִויג XIV אויף וועֶמעֶנס האַלז זִי הָאט אַרויפגֶעוואָרפעֶן אַ שטרִיק און אִיהם גֶעשלעֶפּט. דאָס דאָזִיגֶע שטֵיינבִּילד אִיז גֶעשטאַנעֶן פּוּנקט הונדעֶרט יאָהר; עֶס אִיז גֶעשטעֶלט גֶעוואָרעֶן דעֶם 12־טעֶן אויגוּסט 1692 און אַראָבּגֶעוואָרפעֶן אִין 12־טעֶן אויגוּסט 1792. אויף דעֶם פּלאַץ קאָנקאָרד הָאט אַ גֶעווִיסעֶר גִינגעֶרלאָ אָנגעֶרופעֶן דִי צעֶרשטעֶרעֶר: גראָבּעֶר המון! אִיז עֶר דעֶרהרגעֶט גֶעוואָרעֶן אויפ'ן פּיעֶדעֶסטאַל פוּן לִיודוִויג XV דאָס שטֵיינבִּילד אִיז צעֶרשמעֶטעֶרט גֶעוואָרעֶן אִין שטיקעֶר. שפּעֶטעֶר הָאט מעֶן פוּן דעֶם גֶעמאַכט מטבּעות; נאָר דִי האַנד אִיז גֶעבּלִיבּעֶן גאַנץ; דאָס אִיז גֶעווען דִיזעֶלבֶּעֶ האַנד, וועֶלכֶע לִיודוִויג XV הָאט גֶעהאַלטעֶן אויסגֶעצויגעֶן מִיט אַ זשעֶסט פוּן אַ רוימִישעֶן אִימפּעֶראַטאָר. אויף דִי פאָדעֶרוּנג פוּן סִימוּרדעֶן הָאט דאָס פאָלק זִי אַרויסגֶעגעֶבּעֶן, און אַ דעֶפּוּטאַצִיעֶ הָאט דִי האַנד אַוועֶקגֶעטראָגעֶן צוּ לאַטוּד,—אַיינעֶם, וועֶלכֶער אִיז גֶעווען בּעֶגראָבּעֶן אִין דעֶר בּאַסטִילִיעֶ זִיבּעֶן און דרַייסִיג יאָהר און הָאט גֶעפוּילט לעֶבּעֶדִיגעֶרהֵייט אִין גֶעפעֶנגנִיש מִיט אַנ'אַייזעֶרנעֶם רִינג אויפ'ן האַלז און מִיט אַ קֵייט אַרוּם בּויך. לויט'ן בּעֶפעֶהל

פון דעם דאָזיגען קעניג.

סימורדען האָט געהערט צו די מענשען, וועלכע האָבען אין זיך אַ שטים און הערען זי תמיד. עס קומט אויס, אַז אַזעלכע מענשען זענען צערשטרייט; אין דער אמת'ן זענען זיי זעהר אויפמערקזאַם.

סימורדען האָט אַלץ געקענט און גאָרנישט געוואוסט. ער האָט גע־קענט די וויסענשאַפט און גאָרנישט געוואוסט פון לעבען. פון דאַנען שטאַמט דאָס זיין שטרענגקייט. ער האָט געהאַט פערבונדענע אויגען אַזוי ווי די געטין פון גערעכטיגקייט ביי האָמער. ער האָט געהאַט די בלינדע זיכער־קייט פון אַ פייל, וועלכער זעהט נאָר זיין ציעל און אַהין געהט ער. און אַ רעוואָלוציע איז נישט פאַרהאַן קיין שרעקליכער וועג, ווי די גלייכע ליניע. סימורדען איז געגאַנגען פאָרויס אויף אַ פאַטאַלען אופן.

סימורדען האָט געגלויבט, אַז אין די סאָציאַלע איבערקעהרענישען איז דער עקסטרעמסטער פונקט — דער זיכערסטער באָדען. דאָס איז אַ טעות, וועלכען עס בעגעהען אַזעלכע גייסטער, וועלכע שטעלען אַוועק די לאָגיק אויפ'ן אָרט פון שכל. סימורדען האָט איבערגעשטיגען דעם קאָנווענט; ער איז געגאַנגען ווייטער ווי די קאָמונע. ער האָט געהערט צו דער עקסט־רעמסטער פעראייניגונג, צו דעם „בישקופ־קלוב" — אַזוי האָט דער קלוב געהייסען, ווייל ער פלעגט זיך פערזאַמלען אין געוועזענעם בישקופ־פּאַלאַץ. ס'איז געווען אַ מאָדנער מיש־מאַש — אַ פּאַריזער און אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער; דאָס פלעגט אָבער נישט אויסשליסען איינס דאָס צווייטע, ווייל פּאַריז איז געווען דאָס אָרט, וואו עס האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ פון די פעלקער. דאָרט האָט געגליהט די גרויסע בירגערליכע היץ. אין פערגלייך מיט'ן בישקופּ־קלוב איז דער קאָנווענט געווען קאַלט און די קאָמונע וואַרימלעך. דער דאָזיגער קלוב איז געווען איינע פון יענע רעוואָלוציאָנערע קערפּער־שאַפטען, וועלכע זענען געגליכען צו די וואולקאַנען. דער בישקופּ־קלוב האָט אַלץ פערמאָגט: אונוויסענהייט, נאַרישקייט, ערליכקייט, העלדישקייט, צאָרן און פּאָליציי. בראַונשווייג האָט דאָרט געהאַט זיינע אַגענטען. עס האָבען זיך דאָרט געפינען מענשען, אמת'ע ספּאַרטאַנער און מענשען, אמת'ע קאַטאָרזשאַנעס. דאָס רוב פון זיי איז געווען משוגע ערליך.

II.

די זשיראָנדע האָט אַ מאָל דורך דעם מויל פון ינאַר, דעם צייטווייליגען פאָרזיצענדען פונ'ם קאָנווענט, אַרויסגעזאָגט אַנ'אונגעהויער וואָרט: — היט אייך, פּאַריזער; עס וועט נישט בלייבען אַ שטיין אויף אַ שטיין פון אייער שטאָדט, און עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מען וועט זוכען דאָס אָרט,

וואו פּאַריז איז געשטאַנען. — דאָס דאָזיגע וואָרט האָט בּעשאַפען דער בּיסקופּ־קלוב. סימורדען האָט געהערט צו דער דאָזיגער גרופּע.

די דאָזיגע גרופּע האָט געקעמפט געגען די רעאַקציאָנערען. עס האָט זי געבּוירען די געזעלשאַפטליכע בּעדערפניש פון גוואַלדטהאַטען — יענע שרעקליכע און מיסטישע זייט פון די רעוואָלוציעס. שטאַרק מיט דער דאָזיגער קראַפט, האָט דער בּיסקופּ־קלוב בּאַלד פערנומען זיין געהעריגען פּלאַץ. אין די פּאַריזער ערשיטערונגען האָט די קאָמונע געשאָסען פון האַרמאַטען און דער בּיסקופּ־קלוב האָט געקלינגען צום שטורם.

סימורדען האָט אין זיין נאַיוויטעט, געגלויבּט, אַז אַלע מיטעל זענען כּשר צו דינען דעם אמת, און די דאָזיגע איבּערצייגונג האָט איהם געמאַכט פעהיג צו הערשען איבּער די עקסטרעמסטע לינקע פּאַרטייען. די שווינדלער האָבּען געפיהלט, אַז ער איז עהרליך, און זענען געווען צופרידען. די פערברעכער זענען שטאָלץ, ווען זייער אָנפיהרער איז די טוגענד. דאָס בּעגרענצט זיי אפילו, אָבּער עס געפעלט זיי.

סימורדען האָט אָט די אַלע מענשען געהאַלטען אין צוים, און אין געוויסע מאָמענטען, בּשעת מען האָט געדאַרפט איינהאַלטען די ערגסטע פון זיי, איז גענוג געווען, אַז זיי זאָלען פיהלען איבּער זיך די דאָזיגע שרעקליכע איבּערצייגטע ריינקייט. די מעהרהייט פון דעם בּיסקופּ־קלוב, וועלכע איז בּעשטאַנען דאָס רוב פון אָרימע־לייט און היציגע אָבּער גוטע מענשען, האָט געגלויבּט אין סימורדען און איהם געפאָלגט.

די קאָמונע האָט נאָכגעקוקט דעם קאָנווענט, דער בּיסקופּ־קלוב האָט נאָכגעקוקט דער קאָמונע; סימורדען מיט זיין גלייכען שכל, ווייט פון יעדער אינטריגע, האָט נישט איין געהיימניספולען פאָדעם איבּערגעריסען אין דער האַנד פון פּאַשע[12]), וועלכען בּערנאָנוויל האָט אָנגערופען „דער שוואַרצער מענש".

סימורדען איז געווען אַ מענש אָהן עבירות, וועלכער האָט געגלויבּט, אַז ער איז אונפעהלבּאַר. קיין שום מענש האָט איהם נישט געזעהן וויינען. ער האָט פערמאָגט אַ אונצוגענגליכע און אייז־קאַלטע טוגענד. ער איז געווען אַ גערעכטער מאַן, וועלכער האָט אָנגעוואָרפען אַ אימה.

אין אַ רעוואָלוציע איז נישטאָ קיין מיטעלער פונקט פאַר אַ גלח. אַ גלח קאָן זיך אָבּגעבּען דעם גוואַלדיגען קאַמף אָדער צוליעב די נידריגסטע אָדער צוליעב די העכסטע מאָטיוועןֹ; ער מוז זיין אָדער געמיין אָדער

---

[12]) פּאַשע זשאַן ניקאָלאַ, געבּ. 1740 פון דער רעוואָלוציע, אַ לעהרער אין הויז פון פירשט דע קאַסטרי, אין 1792 קריעגס־מיניסטער, אין 1793 בּירגערמייסטער פון פּאַריז,

ערהאבען. סימורדען איז געווען ערהאבען, נאר ערהאבען אין זיין איינזאמקייט. ער איז געווען ווי א הויכער גלאטער פעלז, נישט צוגענגליך צוליעב זיין נישט נאסטפריינדליכער ערנסטקייט און אויך צוליעב די טיעפע תהום'ען וואס האבען איהם ארומגערינגעלט.

גאר הויכע בערג קאנען אזוי איינהיטען זייער מיידעלשע ריינקייט.

סימורדען האט געהאט דעם אויסזעהן פון א פשוט'ען מענשען, אנגעטהון אין איינפאכע, אפילו ארימע קליידער. יונגערהייד האט ער זיך דעם קאפ געגאלט, אויף דער עלטער האט ער געהאט א פליך; דאס ביסעלע האר, וואס ער האט פערמאגט זענען געווען נראה. דער שטערן זיינער איז געווען א ברייטער און האט עדות געזאגט אויף א טיעפע'ן שכל. סימורדען האט גערעדט שארף, ליידענשאפטליך, פייערליך; א אבגעהאקטע שטים, א ענערגישע אויסשפראך; א טרויעריג און ביטער מויל; א טיעף און קלאר אויג, און אויף דעם גאנצען פנים א אויפגעבראכטער אויסדרוק.

אזוי איז געווען סימורדען. קיין שום מענש ווייסט היינט נישט זיין נאמען. די געשיכטע פערמאגט אזעלכע שרעקליכע אינבעקאנטע.

III.

א ווינקעל, וואס איז נישט פערזונקען אינ'ם טייך סטיקס.

איז דען אזא מענש געווען א מענש? האט דען געקאנט דער דינער פון דער גאנצער מענשהייט פיהלען א צוגעבונדענקייט צו וועלכען עס איז איינצעלנעם מענשען? איז ער דען נישט געווען צופיעל נשמה, אז ער זאל זיין א הארץ? דאס דאזיגע אונגעהוירע ארומנעהמען אלץ און אלע האט זיך דען געקאנט בעציהען צו איין מענשען; האט דען סימורדען געקאנט ליעב האבען? לא'מיר עס זאגען. יא.

זייענדיג נאך אין זיין יוגענד א לעהרער אין א כמעט פירשטליכען הויז, האט ער געהאט א שילער — א זוהן און א יורש פון דעם הויז, און ער האט איהם ליעב געהאט. עס איז אזוי לייכט ליעב צו האבען א קינד. וואס איז מען דען נישט מוחל א קינד? מען איז עס מוחל, ווען עס איז אפילו א פריץ, א פירשט, א קעניג. די אונשולד פון זיין עלטער מאכט פערגעסען אן די פערברעכען פון זיין אבשטאמונג. עס איז אזוי קליין, אז מען פערגעסט גאר, אז עס איז גרויס אין זיין שטאנד; דער קנעכט איז איהם מוחל זיין הערשאפט איבער איהם. דער אלטער נעגער קאן פערגעטערן א ווייס קינד.

סימורדען האט זיך ליידענשאפטליך צוגעבונדען צו זיין שילער. די קינדהייט האט אין זיך אזא מאדנע איינגעשאפט, אז מען קאן אויף איהר

אויסגיסען די גאַנצע ליעבע, וועלכע מען פערמאָגט. אַלץ, וואָס האָט אין סימורדען געקאָנט ליעבען, האָט זיך ווי אַרויפגעוואָרפען אויף דעם קינד; דאָס דאָזיגע צאַרטע אונשולדיגע בעשעפעניש איז געוואָרען אין אַ געוויסער מאָס אַ רויב פאַר דעם דאָזיגען האַרץ, וואָס איז פערמשפט געוועזען צו איינזאַמקייט. ער האָט עס געליעבט מיט אַלע צערטליכקייטען אויף אַ מאָל — ווי אַ פאָטער, ווי אַ ברודער, ווי אַ פריינד, ווי אַ בעשעפער. עס איז געוועזען זיין זוהן — נישט פון זיין פלייש, נאָר פון זיין גייסט. ער איז געוועזען דער לעהרער, און דאָס קינד זיין מייסטערווערק. פון דעם קליינעם פריץ האָט ער געמאַכט אַ מענשען. און ווער ווייסט? — אפשר גאָר אַ גרויסען מענשען. ווייל אַזוי האָט ער איהם געזעהן אין זיינע חלומות. אָהן דעם וויסען פון דער פאַמיליע — און דאַרף מען דען האָבען אַ ערלויבניש אויף צו בעשאַפען אינטעליגענץ, ווילען, אויפריכטיגקייט? — האָט ער איבערגעגעבען דעם יונגען וויקאָמטע, זיין שילער, אַלע זיינע פראָגרעסיווע אידעען; ער האָט איהם איינגעפלאַנצט דעם שרעקליכען גיפט פון זיין טוגענד; ער האָט אַריינגעשפריצט אין זיינע אָדערן, זיינע איבערצייגונגען, זיין געוויסען, זיין אידעאַל; אין אַריסטאָקראַטישען מח האָט ער איינגעפלאַנצט די פאָלקס-נשמה.

דער גייסט נעהרט; די אינטעליגענץ איז די ברוסט. עס איז דאָ אַ אַנאַלאָגיע צווישען דער אַם, וועלכע גיט איהר מילך, און דעם לעהרער, וועלכער גיט זיין געדאַנק. עס טרעפט זיך, אַז דער לעהרער איז מעהר פאָטער, ווי דער פאָטער אַליין, און די אַם איז מעהר מוטער, ווי די מוטער.

די דאָזיגע טיעפע גייסטיגע פאָטערשאַפט האָט צוגעבונדען סימורדען צו זיין שילער. בלויז דער אָנבליק פון דעם דאָזיגען קינד האָט איהם גערירט.

מען מוז נאָך צוגעבען אָט וואָס: עס איז נישט שווער געוועזען צו פערבייטען דעם פאָטער — דאָס קינד איז געוועזען אַ יתום; סיי דער פאָטער, סיי די מוטער זענען געוועזען טויט; די איינציגע, ווער עס האָבען אויף איהם געקאָנט אכטונג געבען, זענען געוועזען אַ אַלטע בלינדע באָבע און אַ אָבוועזענדער עלטער-פעטער; די באָבע איז געשטאָרבען; דער עלטער-פעטער, דער איינציגער קאָפּ פון דער פאַמיליע, אַ מיליטער-מאַן און אַ גרויסער פריץ, פערנעהמענדיג הויכע הויפשטעלען, האָט אויסגעמידען דעם אַלטען פאַמיליען-שלאָס, האָט געלעבט אין ווערסאַל, געוועזען אין דער אַרמעע און איבערגעלאָזט דעם יתום אַליין אין דעם איינזאַמען שלאָס. דער לעהרער איז אַלזאָ געוועזען פאַר דעם קינד אַלץ אין פולען זינען פון וואָרט.

לאָמיר נאָך צוגעבען, אַז סימורדען איז געוועזען ביים געבורט פון דעם קינד, וועלכעס ער האָט ערצויגען. דאָס קינד נאָך אַ קליין יתומ'ל האָט דורכגעמאַכט אַ זעהר שווערע קרענק. אין דער דאָזיגע טויט-געפאַהר האָט

סימורדען געוואַכט איבער דעם קראַנקען קינד בײַטאָג און בײַנאַכט; אַ דאָקטאָר הײַלט און דער קראַנקענוועכטער ראַטעוועט, און סימורדען האָט געראַטעוועט דאָס קינד. זײַן שילער איז איהם געוועזען שולדיג נישט נאָר די ערציהונג, די לעהרע, די וויסענשאַפט, נאָר אויך זײַן געזונד; זײַן שילער איז איהם נישט נאָר שולדיג געוועזען דאָס דענקען, נאָר אויך דאָס לעבען. מען פֿערגעטערט שטענדיג די, וועלכע זענען אונז אַלס שולדיג; סימורדען האָט דאָס קינד פֿערגעטערט.

דאָס לעבען האָט זײַ שפּעטער צעשײַדט. די ערציהונג האָט זיך געענדיגט, און סימורדען האָט געמוזט פֿערלאָזען דאָס קינד, וואָס האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ יונגען מאַן. מיט וואָס פֿאַר אַ קאַלטקײַט און געוויסענלאָזער אַכזריות ווערען אָבגעטהון אַזעלכע צעשײַדונגען! ווי גרינג שאַפֿט אַ פֿאַמיליע אָב דעם ערציהער, וועלכער לאָזט דעם קינד איבער זײַן געדאַנק, און די אַם, וועלכע האָט עס ערנעהרט מיט איהר מילך.

בעצאָהלט און אָבגעזאָגט, איז סימורדען פֿון די העכערע שיכטען פֿון דער געזעלשאַפֿט אַראָב אין די נידריגע; די וואַנד, וועלכע טײַלט אָב די גרויסע פֿון די קלײַנע, האָט זיך צוריק פֿערמאַכט; דער יונגער פּרינץ, שוין בײַ זײַן געבוירען פֿערשריבען אַלס אָפֿיציר, בעקומט גלײַך דעם טיטול קאַפּיטאַן און פֿאָהרט אָב אין זײַן פּאָלק; דער בעשײַדענער לעהרער, און אין די טיפֿענישען פֿון זײַן האַרצען אונגערהאַלזאַמער גלח, האָט זיך צוגעאײַלט אַראָבצונידערן אין דעם טריבען אונטערשטען שטאָק פֿון דער קירכע, וועלכער רופֿט זיך די נידריגע גײַסטליכקײַט; און סימורדען האָט פֿערלוירען זײַן שילער פֿון אויג.

עס איז געקומען די רעוואָלוציע; די ערינערונג פֿון דעם וועזען, וועלכען ער האָט געמאַכט פֿאַר אַ מענשען, האָט אין איהם שטענדיג געלעבט, בעהאַלטען, נאָר נישט אָבגעמעקט דורך די גרויסע געזעלשאַפֿטליכע גע שעהענישען. שעהן איז אויסצומאָדעלירען אַ שטײַנבילד און אַרײַנהויכען אין איהם לעבען; נאָך שעהנער איז אָבער צו מאָדעלירען אַ אינטעליגענץ און אײַנצוקריצען אין איהר דעם אמת. סימורדען איז געוועזען דער פּיגמאַליאָן פֿון אַ נשמה.

אויך אַ גײַסט קאָן האָבען אַ קינד.

דער דאָזיגער שילער, דאָס דאָזיגע קינד, דער יתום איז געוועזען דאָס אײַנציגע בעשעפֿעניש אויף דער ערד, וואָס ער האָט ליעב געהאַט.

נאָר אַפֿילו בײַ אַזאַ ליעבע, קאָן אַזאַ מענש זײַן שוואַך?

מיר וועלען עס זעהען.

צווייטעס בוך.

די שענק אויף דער פאָן-גאַס.

I.

מינאָס, עאַק און ראַדאַמאַנט*).

אויף דער פאָן-גאַס האָט זיך געפֿינען אַ שענקעל, וואָס מען האָט גערופֿען קאַפֿע. דער דאָזיגער קאַפֿע האָט געהאַט אַ הינטערשטע שטוב, וועלכע איז געוואָרען היסטאָריש. דאָרט האָבען זיך אָפֿטמאָל כמעט בסוד געטראָפֿען מענשען, וואָס זענען געווען אַזוי מעכטיג און וואָס מען האָט אַזוי נאָכגעקוקט, אַז זיי האָבען זיך נישט ענטשלאָסען צו רעדען צוזאַמען עפֿענטליך.

דעם 28 יוני 1793 האָבען זיך פֿערזאַמעלט דריי מאַן אַרום אַ טיש אין דער דאָזיגער הינטערשטוב. זייערע שטולען האָבען זיך נישט בעריהרט. יעדער האָט זיך געזעצט ביי אַ ווינקעל טיש, לאָזענדיג דאָס פֿירטע ווינקעל לעדיג, עס איז געווען אַרום אַכט אזייגער אין אָבענד; אין דרויסען איז נאָך געווען טאָג, נאָר אין דער הינטער-שטוב איז שוין געווען פֿינסטער און אַ לאָמפּ — אַ לוקסוס אין יענער צייט — האָט געהאַנגען ביים סופֿית און בעלויכטען דעם טיש.

דער ערשטער פֿון די דריי מענשען איז געווען בלייך, יונג, ערנסט, מיט דינע ליפּען און אַ קאַלטען בליק. זיין געזיכט האָט נערוועז געציקט, וואָס עס האָט איהם געשטערט צו שמייכלען. ער איז געווען געפּודערט, אין הענדשקעס, אָנגעפּוצט פֿערקנעפּעלט; זיין העל-בלאָהער ראָק האָט נישט געהאַט קיין איין קנייטשעלע. ער האָט געטראָגען נאַנקינע הויזען, ווייסע זאָקען, אַ הויכען קראַוואַט, אַ געפֿאַלדירטען זשאַבאָ, שיך מיט זילבערנע שנאָלען.

די אַנדערע צוויי מענער זענען געווען, איינער אַ מין ריזע, דער צווייטער אַ מין קאַרליק. דער גרויסער איז געווען מיט אַ אָבגערעקטע האַלז און ברוסט, אין אַ ברייטען ראָק פֿון רויטען טוך, פֿון נאַקעטען האַלז איז אַראָבגעהאַנגען נידעריגער פֿון זשאַבאָ אַ אָבגעבונדענער קראַוואַט, דאָס וועסטעל אָבגעקנעפּעלט, די קנעפּלעך אָבגעריסען, אויף די פֿיס שיך מיט שטולפּען, די האָר צעשויבערט, כאָטש עס איז אפֿילו געווען צו מערקען צייכענס

---

*) מינאָס, עאַק און ראַדאַמאַנט — לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע דריי שופֿטים פֿון מענשליכע מעשים נאָך זייער טויט.

פון אַ פּריזור; דאָס שײַטעל האָט אויסגעזעהן ווי אַ גריווע. ער איז געווען געשטופּעלט אויפ'ן פּנים, די ברעמען ביז אויפגעצויגען, אַ שטריך פון גוטסקייט בײַם ווינקעל מויל, גראָבע ליפּען, גרויסע צייהן, אַ פויסט פון אַ טרעגער, אַ שטראַהלענד אויג.

דער קלײנער איז געווען געל אויפ'ן פּנים, און זיצענדיג האָט ער אויסגעזעהן, ווי אַ הויקער; דער קאָפּ איז געווען פערוואָרפען אויף הינטען, די אויגען פערלאָפען מיט בלוט, בלאַסע פלאַסטערס אויפ'ן פּנים, אַ טיכעל פערבונדען אויף די פעטע און צוגעגלעטע האָר, אָהן אַ שטערן, אַ גרויס און אַ שרעקליך מויל. ער האָט געטראָגען הויזען ביז צום טריט, אַ פּאָר פּאַנטאָפעל, אַ װעסטעל, וואָס האָט אַמאָל געמוזט זיין פון ווײַסען סאַטין, און איבער דעם װעסטעל אַ ראָק, און אין זײַנע פאַלדען האָט זיך געמערקט אַ האַרטע און גלײַכע ליניע פון אַ בעהאַלטענעם מעסער.

דער ערשטער פון די מענשען האָט געהײסען ראָבעספּיער, דער צווײטער דאַנטאָן, דער דריטער מאַראַט[13]).

זיי זענען געווען אַלײן אין צימער. פאַר דאַנטאָן איז געשטאַנען אַ גלאָז און אַ פלעשעל ווײַן בעדעקט מיט שטויב. פאַר מאַראַט אַ טאָס מיט קאַווע, פאַר ראָבעספּיער זענען געלעגען פּאַפּירען.

נעבען די פּאַפּירען האָט מען געזעהען אײנעם פון די שווערע, געשטרײַפטע, בלײַערנע טינטערס, ווי עס געדענקען נאָך מסתמא יענע, וועלכע זענען געווען שילער בײַם אָנפאַנג פון דעם יאָהר-הונדערט. אַ פעדער איז געלעגען נעבען דעם טינטער און אויף דעם פּאַפּיר אַ גרויסער קופּערנער שטעמפּעל, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט אַ פּינקטליכען מאָדעל פון דער באַסטיליע.

אין מיטען דעם טיש איז געווען אויסגעשפּרײט די קאַרטע פון פראַנקרײַך.

אין דרויסען בײַ דער טיר איז געשטאַנען מאַראַטס געטרײַער הונד, לאָראַן באַס, דער קאָמיסיאָנער נומער 18 פון דער קאָרדעליע-גאַס, וועלכער האָט דעם 13־טען יולי בעדאַרפט געבען מיט אַ שטול איבערן קאָפּ דער שאַרלאָטע קאָרדע, וועלכע איז נאָך אין דער רגע געווען אין קאָפּ אונענטשלאָסען, וואָס צו טהון. לאָראַן באַס האָט געטראָגען די קאָרעקטורען

18) די דרײַ וויכטיגסטע אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציע אין דער צײַט פון טעראָר. מאַראַט איז דער'הרג'עט געוואָרען אין אַ וואַנע דורך שאַרלאָטע קאָרדע. דאַנטאָן איז אַ דאַנק ראָבעספּיער'ן גיליאָטינירט געוואָרען דעם 5-טען אַפּריל 1794, און ראָבעספּיער איז מיט דעמזעלבען טויט אומגעקומען אין יולי 1794.

פון דעם „פאלקס-פריינד“, [14] דעם דאזיגען אווענד האט איהם זיין בעל-הבית געבראכט אין קאפע פון דער פאווע גאס, ער זאל היטען דעם איינגאנג אין דעם צימער, וואו עס האבען זיך געפונען מאראט, דאנטאן און ראבעספיער, קיינעם נישט אריינלאזען, אויסער פערזאנען פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכע זיכערקייט, פון דער קאמונע אדער פון ביסקופ-קלוב.

די בעראטונג האט געדויערט שוין א לענגערע צייט. עס האט זיך גע-האנדעלט וועגען די פאפירען, וועלכע זענען געווען אויסגעשפרייט איבער'ן טיש, און וועלכע ראבעספיער האט שוין געהאט דורכגעלעזען. די שטימען האבען אנגעהויבען צו ווערען העכער. אין די דריי מענשען האט געווארען א מין געגענזייטיגען כעס. פון דרויסען האט זיך געהערט פון צייט צו צייט א אפקלאנג פון א ווארט. אין יענער עפאכע איז די געוואוינהייט צו עפענט-ליכע רעדעס געווען אזוי שטארק, אז זי האט ווי געשאפען דאס רעכט אונ-אונטערצוהארכען. עס איז געווען יענע צייט ווען דער עקספעדיטאר פאברי-ציוס פארי האט אריינגעקוקט דורכ'ן לעכיל פון שלאס, צו זעהן, וואס עס טוט דער קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכער זיכערקייט.

לאראן באס האט צוגעשטעקט דאס אויער צו דער טיר פון דער הינ-טער שטוב, וואו עס זענען געווען דאנטאן, מאראט און ראבעספיער. לאראן באס האט געדינט מאראט'ן, אבער ער האט געהערט צום ביסקופ-קלוב.

II.

„מאגנא טעסטאנטור וואצע פער אומבראס“ [15].

דאנטאן האט זיך אויפגעשטעלט און העפטיג אפגערוקט זיין שטול.

— הערט, האט ער געשריען. עס איז פארהאן נאר איין דרינגענדע נויט — די רעפובליק איז אין געפאהר. איך וויל נישט קענען קיין שום אנדערע זאך, ווי נאר באפרייען פראנקרייך פון איהרע פיינד. צו דעם צוועק זענען אלע מיטלען כשר. אלע! אלע! אלע; ווען איך האב צו טהון מיט פער-שידענע געפאהרען, נעהם איך אן פארשידענע מיטלען, און ווען איך האב פאר אלץ מורא, שטעל איך זיך אלעמען ענטגעגען. מיין געדאנק איז א לייב. נידער מיט די האלבע מיטלען, נידער מיט דעם שעמעוודיגען וואקלעניש בשעת א רעוואלוציע. נעמעזיס [16] איז נישט קיין שעמעוודיגע. לאמיר זיין שרעקליך און נוצליך. קוקט דער העלפאנט, וואו ער שטעלט זיין פוס? לאמיר צעשמע-טערן דעם פיינד!

---

[14] מאראט'ס צייטונג.

[15] לאטייניש: „מיט א הויכער שטים בעשוואוירען ווי זיך אויף די שאטענס“ (טויטע)

[16] געטין פון נקמה.

— איך האָב גאָרנישט גענען דעם האָט אָבגעענטפערט ראָבעספיער מיט אַ ווײַכע שטימע און צוגעגעבען:

דיִ גאַנצע פראַגע איז נאָר, וואו איז דער פײַנד.

ער איז אין דרויסען, און איך האָב איהם אַרויסגעטריבען, האָט געזאָגט דאַנטאָן.

— ער איז אינווייניג, און איך היט איהם, האָט געזאָגט ראָבעספיער.

— און איך וועל איהם ווייטער טרייבען–האָט ווייטער געזאָגט דאַנטאָן.

— מען טרייבט נישט אַרויס קיין אינערליכען פײַנד.

— וואָס דען טוט מען?

— מען ראָט איהם אויס.

— איך שטים איין — האָט מסכים געווען דאַנטאָן, און צוגעגעבען.

— איך זאָג אײַך, ראָבעספיער, ער איז אין דרויסען.

ער איז אויף דער גרענעץ, ראָבעספיער.

— דאַנטאָן, ער איז אין וואַנדעע.

— בערוהיגט אײַך, האָט געזאָגט אַ דריטע שטים, ער איז אומעטום; און איהר זענט פאַרלוירען.

דאָס האָט גערעדט מאַראַט. ראָבעספיער האָט אָנגעקוקט מאַראַט׳ן און אָבגעענטפערט:

— גענוג מיט די אַלגעמיינהייטען. איך וועל זיין קורץ. אָט זענען פאַקטען.

— פעדאַנט! — האָט געברומט מאַראַט. ראָבעספיער האָט אַרויפגעלייגט די הענד אויף די אויסגעשפרייטע פאַפּירען און ווייטער נעזאָגט:

— איך האָב אײַך נאָר וואָס דורכגעלעזען די דעפּעשען פון פריער דע לאַ מאַרן 17) איך האָב אײַך מיטגעטיילט די ידיעות, וועלכע עס האָט צוגעשטעלט זשעלאַמבער. דאַנטאָן, הערט זיך איין, דער אויסלענדישער קריג איז גאָרנישט, דער אויסלענדישער קריג איז אַזוי ווי אַ ריטש אויף׳ן עלענבויגען; דער בירגערקריג איז אַזוי ווי אַ מכה, וועלכע פרעסט די לעבער. פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב אײַך געלייענט, קומט אָט וואָס אַרויס: די וואַנדעע, וועלכע איז ביז איצט געווען צעבראָקעלט צווישען פערשידענע אָנפיהרער, הויבט זיך אָן צו קאָנצענטרירען. זי וועט איצט האָבען איין איינציגען אָנפיהרער...

— אַ הויפט רויבער,–האָט דאַנטאָן געמורמעלט.

— דאָס איז דער מענש, האָט ראָבעספיער ווייטער גערעדט,–וועלכער

---

17) קאָמיסאַר פון קאָנווענט בײַם חיל, וועלכער האָט געקעמפט אין צפון-פראַנקרייך.

איז אויסגעשטיגען נישט ווייט פון פאנטארסאן דעם 2-טען יוני. איהר האט געהערט, וואס ער איז פאר א חברה-מאן און מערקט דאס אייך אן, אז זיין ארויסשטייגען שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארעסט פון אונזערע פארשטעהער, אין באיע, אין דעם דאזיגען פערעטערישען קאלוואדאסער קרייז,[18] און אין דעמזעלבען טאג, דעם 2-טען יוני.

—אין זייער איבערפיהרען אין שלאס פון קאען,—האט געזאגט דאנטאן.

— איך רעזומיר ווייטער די דעפעשען,—האט ראבעספיער ווידער גערעדט—. די מלחמה אין די וועלדער ארגאניזירט זיך אויף א בריימען מאשטאב. אין דער זעלבער צייט גרייט זיך א ענגלישער דעסאנט, וואנדערער און ענגלענדער, דאס איז דאך ברעטאן מיט בריטאניען. די הוראנען פון פיניסטער רעדען מיט דעמזעלבען[19] לשון וואס טאפינאמבורען פון קארנוואליען. איך האב אייך געוויזען א בריף איבערגעכאפט דורך פויזע, וואו עס זאגט זיך: „צוואנציג טויזענד רויטע מונדירען פונאנדערגעטיילט צווישען די פויערים, וועלען צוציהען הונדערט-טויזענד". ווען דער פויערים. אויפשטאנד וועט זיין אין פולען ברען, וועלען די ענגלענדער מאכען א דעסאנט. עס איז דער פלאן, פארשט איהם אויף דער מאפע און פינפצעהן טעג ארום וועט זיך שאפען ארויבער-ארמעע פון דריי הונדערט-טויזענד מאן, און גאנץ ברעטאן וועט אריינפאלען אין די הענד פון פראנצויזישען קעניג.

— דאס הייסט פון ענגלישען קעניג, האט זיך אנגערופען דאנטאן.

— ניין, פון פראנצויזישען, און דאס איז נאך ערגער, ווייל דעם אויסלענדער קען מען ארויסטרייבען אין משך פינפצעהן טעג און ארויסצושטויסען צו מאנארכיע האט מען בעדארפען אכצעהן הונדערט יאהר.

דאנטאן, וועלכער זיך צוריק אוועקגעזעצט, האט אנגעשפארט די עלענבויגענס אן דעם טיש, דעם קאפ ארומגענומען מיט די הענד און פערזונקען און חלומות.

איהר זעהט די געפאהר, האט געזאגט ראבעספיער, וויטרע עפענט דעם וועג קיין פאריז.

דאנטאן האט אויפגעהויבען דעם קאפ און ארויפגעלעגט זיינע צוויי גראבע פויסטען אויף די מאפע, אזוי ווי האמערס אויף דער קאוואדלע.

18) 2-טען יוני—דער טאג, ווען מען האט ארעסטירט די זשיראנדיסטען, וועלכע מען האט איבערגעפיהרט אין קאען, דער אנהייב פון טעראר.

19) הוראנען און טאפינאמבורען,—אינדיאנישע שבטים פון אמעריקא.

קארנוואליען—א פראווינץ אין ענגלאנד.

פיניסטער—א פראווינץ פון פראנקרייך.

ראָבּעָספּיעָר, האָט וועָרדעָן ניִט אויפגעָעָפענט דעָם וועָג קיין פּאריִז פאַר די פּרייסעָן.

— איִז וואָס?

איִז דאָס, אַז מען וועָט אַרויסטרייבעָן די ענגלעָנדעָר, ווי מען האָט די פּרייסען אַרויסגעָטריבעָן.

און דאַנטאָן האָט זיך וויִדער אויפגעָהויבען.

ראָבּעָספּיער האָט אַרויפגעָלעגט זיין קאַלטע האַנד אויף דאַנטאָנ׳ס צעָ-היִצטעָר פויסט.

— דאַנטאָן, די שאַמפּאַן האָט ניִשט געָהאַלטען מיִט די פּרייסען און בּרעָטאַן איִז פאַר די ענגלענדער. צוריִקצונעָהמען ווערדען, האָט געָהייסען פיִה-רען אַ קריִעג מיִט אויסלאַנד; צוריִקנעָהמען וויטרע הייסט פיִהרען אַ בּיִרגער-קריִעג.

און ראָבּעָספּיער האָט צוגעָמורמעלט מיִט אַ קאַלטען און טיִעפען טאָן:

— עס איִז אַ גרויסע נפקא מינה.

ער האָט צוגעָגעָבּען:

— זעָצט אייך צוריִק, דאַנטאָן, קוקט זיך ליִעבער איין אין די מאַפּעָ אָנשטאָט צו קלאַפען אויף איִהר מיִט די פויסטען. אָבּער דאַנטאָן איִז געוועָן שטאַרק פערזונקען אין זיינע געדאַנקען.

— דאָס איִז גוט!—האָט ער אויסגעָשריִען,—צו זעהן די קאַטאַסטראָפע אין מערב, ווען זי איִז אין מזרח. איִך גיִב אייך צו, ראָבּעָספּיער, דאָס ענג-לאַנד דראָהט פון אָקעאַן; אָבּער שפּאַניען דראָהט דאָך פון די פּיִרענעען, אָבּער איִטאַליען דראָהט פון די אַלפען, אָבּער דייטשלאַנד דראָהט פון רהיין. און אין דער וויַטענס געָפינט זיך דער גרויסער רוסיִשער בּער. ראָבּעָספּיער, די געָפאַהר איִז אַראָבּ, און מיִר געָפינען זיך איִנוועניִג. פון דרויסען די קאָ-אַליִציע און פון איִנוועניִג—פערראַט. אין דרום עפענט סערוואַן אַ טויער פון פראַנקרייך פאַר דעם שפּאַניִשען קעניִג. אין צפון געָהט דיומוריע[18] אַריִבּער צום פיינד. איִבּריִגענס האָט ער גיִכער בּעדראָהט פּאַריִז ווי האָלאַנד. די אַר-מעע האָט שטאַרק געָליִטען. ס׳איִז ניִשטאָ קיין איין בּאַטאַליאָן, וועָלכער האָט איִצט מעהר ווי פיִערהונדערט מאַן; דער מוטיִגער צווייטער בּריִקען-רעגיִמענט איִז געבּליִבּען איִנגאַנצען בּיי פיִנפהונדערט פופציִג מאַן. די קאָנטער-מאַרשען פון קוסטיִן זענען מיִר זעהר פערדעָכטיִג; איִך בּין חושד קוסטיִנ׳ען, אַז ער וויל

18) פערלויִרען די שלאַכט בּיי נעָרוויִנד, האָט ער די גאַנצע שולד אַרויסגעוואָר-פען אויף די ציִוויל-קאָמיִסאַרען בּיים מיִליִטער. בּעת מען האָט איִהם גערופען זיך צו פערענטפערן, האָט ער אָנגערעדט דאָס מיִליִטער זיך איִבּערצוגעבּען, וואָס האָט זיך איִהם ניִשט איינגעָגעבּען. און ער איִז אַליין אַריִבּער צום פיינד.

ליעבער נעהמען דעם רייכען פראנקפורט ווי דעם נוצליכען קאבלענץ. אמת׳ פראנקרייך קאן מאך! בעצאהלען פיער מיליאן רענטינגס-קאטריבוציע, וואס פאר א בעדייטונג האט עס אבער אין פערגלייך מיט דער פערניכטונג פון דעם עמיגראנטען-נעסט [19]? א פעררעט, זאג איך. מעניע איז געשטארבען דעם 13-טען יוני, און אט איז קלעבער אליין געבליבען, און דערוויל וואקסט ברוינשווייג אין כחות און געהט פארא ים. ער שטעקט אויף די דייטשע פאהן אויף אלע פערנומענע פראנצויזישע פעסטונגען. דער מארגראף פון בראנדענבורג איז איצט דער שידסריכטער פון איירארפא; ער פערנעהמט אונזערע פראווינצען, און איהר וועט זעהן, ער וועט נאך בעלגיען אויך צונעהמען; מען וואלט געקאנט מיינען, אז מיר ארבייטען פאר בערלין. אויב עס וועט נאך ווייטער אזוי געהן, און מיר וועלען נישט אננעהמען קיין געגענמיטלען, וועט אויסקומען, אז די פראנצויזישע רעוואלוציע איז געמאכט געווארען נור לטובת פאטסדאם; איהר איינציגער רעזולטאט וועט זיין צו פערגרעסערן די קליינע מלוכה פון פרידריך דעם 2-טען, און מיר וועלען האבען גע׳הרג׳ט דעם קעניג פון פראנקרייך צוליעב דעם קעניג פון פרייסען.

און דער שרעקליכער דאנטאן האט ארויסגעשאסען מיט א געלעכטער.

דאס לאכען פון דאנטאן האט ארויסגערופען א שמייכעל ביי מאראט׳ן.

— יעדער פון אייך פאהרט ארום אויף זיין פערדעל; איהר, דאנטאן, האט פרייסען, און איהר, ראבעספיער, האט די וואנדעע. און איך וויל אויך ארויסזאגען מיין מיינונג. איהר זעהט נישט די אמת׳ע געפאהר, און אט איז זי: די קאפעען און שענקלעך. דער קאפע שואזעל איז א יאקאבינישער, דער קאפע פאטען — א ראיאליסטישער, דער קאפע ראנדע-וואו פאלט אן אויף די נאציאנאלע גווארדיע; דער קאפע לא פארט-סען-מארטען פערטיידיגט זי; דער קאפע פון דער רעגענץ איז געגען בריסא, דער קאפע קאראצא איז פאר, דער קאפע פראקאפ שווערט ביי דידערא, דער קאפע פון פראנצויזישען טעאטר שווערט ביי וואלטער; אין דער ראטאנד צורייסט מען די באנק-צעטלען; די קאפעען אין דער פארשטאדט סען-מארסא ברענען פון צארן, דער קא-עע מאנולי רעדט ארום די מעהל-פראגע, אינ׳ם קאפע פוא איז קולות מיט געשלעגען, אינ׳ם קאפע פעראן זשומען די פינאנס-פליגען. דאס איז אייגענטליך דאס ערנסטע.

דאנטאן האט שוין מעהר נישט געלאכט. מאראט האט בסדר געשמייכעלט. עס איז א סך שרעקליכער דער שמייכעל פון א קארליק, ווי דאס לאכען פון א ריעז.

---

19) קאבלענץ איז געווען דער צענטער פון דער ראיאליסטישער עמיגראציע.

— איהר מאַכט חוזק, מאַראַט? — האָט געדונערט דאַנטאָן.

מאַראַט האָט באַקומען זיין בעריהמטען קאָנוואולסיווען ציטער אין דער היפּט, זיין שמייכעל איז פערשוואונדען.

— אהאַ! איך דערקען אייך, בירגער דאַנטאָן. דאָס האָט איהר מיך דאָך אָנגערופען אין קאָנווענט: „עפּעס דאָרט אַ מאַראַט“. הערט זיך איין, איך בין אייך מוחל. מיר לעבען דורך אַ נאַרישע צייט. אהאַ, איך מאַך חוזק? אין דער אמת, וואָס פאַר אַ מענש בין איך דען? איך האָב גע׳מסר׳ט שאַזאָ, איך האָב גע׳מסר׳ט פּעטיאָן, קערסען, מאָרעטאָן, דיופּריש-וואַלאַזע, ליגאָניע, מענו, באַנוויל, זשאַנסאָנע, ביראָן, לידאָן און שאַמבאָן. האָב איך אפשר געהאַט אַ טעות? איך שמעק אוים דעם פערראַט אינ׳ם פעררעטער און איך געפין פאַר נויטיג אויפצודעקען דעם פערברעכער, איידער ער איז נאָך זיין פערברעך בעגאַנגען. איך האָב אַ טבע צוזאָגען מיט אַ טאָג פריהער דאָס, וואָס איהר זאָגט מיט אַ טאָג שפּעטער. וואָס האָב איך דאָס אַזוינס געטהון ביז היינט? איך האָב געפאָדערט, מען זאָל רעוואָלוציאָניזירען די סעקציעס; איך האָב געהייסען אַראָבנעהמען די זיגלען פון צוויי-און-דרייסיג טעקעס, איך האָב צוריק געפאָדערט די דימאַנטען, וועלכע האָבען זיך געפינגען אין די הענד פון ראָלאַן; איך האָב דערוויזען, אַז די בריסאָטיסטען האָבען באַקומען פון קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער זיכערקייט ווייסע בלאַנקען מיט בעפעהלען צו אַרעסטירען; איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, וואָס לינדע האָט נישט דערשריבען אינ׳ם ראַפּאָרט וועגען קאַפּעט׳ם פערברעך; איך האָב געשטימט פאַר דער בעשטראָפונג פונ׳ם טיראַן אין משך פון פיער-און צוואַנציג שעה; איך האָב געשטעלט אַ פאָרשלאַג, מכח די פערוואונדעטע סאָלדאַטען; איך האָב פאָרגעפיהלט דעם פערראַט פון דיומוריע; איך האָב געפאָדערט, מען זאָל נעהמען הונדערט-טויזענד קרובים פון עמיגראַנטען אלס זאַקלאַדניקעס פאַר די קאָמיסאַרען, וועלכע מען האָט אַרויסגעגעבען דעם פיינד; איך האָב פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל ערקלערען אלס פעררעטער יעדען פאָלקס-פאָרשטעהער, וועלכער וועט אַריבערגעהן די ראָגאַטקעס; איך האָב ענטדעקט די אינטריגעס פון דער ראָלאַנד-פּאַרטיי, בשעת די אונרוהען אין מאַרסעל. בירגער דאַנטאָן! צוליעב וואָס האָט איהר מיך גערופען צו דער בעראַטונג, אויב נישט אויסצוהערען מיין מיינונג? איך האָב אייך דען געבעטען? עס הויבט זיך נישט אָן! און אויסערדעם האָב איך גאָרנישט אַזאַ שטאַרקען חשק צוזיצען צוזאַמען מיט אַזעלכע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען ווי ראָבעספּיער און איהר. איבריגענס, איך האָב זיך בעדאַרפט דערויף ריכטען. איהר דאָט מיך נישט פערשטאַנען, פּונקט ווי ראָבעספּיער, און ראָבעספּיער—פּונקט ווי איהר. געפינט זיך דען נישט ביי אונז

קיין איינציגער מלוכה־מאן? מען דארף אייך ערשט לערנען דעם אלף־בית פון דער פאליטיק, מען דארף נאך פאר אייך אונטערשטעלען דעם קמץ אונטער׳ן אלף, דאס, וואס איך האב אייך געוואלט זאגען, איז טייטש: איהר האט ביידע א טעות. די געפאהר איז נישט אין לאנדאן, ווי עס גלויבט ראבעספיער, נישט אין בערלין, ווי עס גלויבט דאנטאן; זי איז אין פאריז. זי איז אין דעם, וואס עס פעהלט אחדות, אין דעם רעכט, וואס יעדער געהמט זיך צו שלעפען אין זיין זייט, אנהויבענדיג פון אייך ביידען; אין דעם, וואס יעדער גייסט פערוואנדעלט זיך אין א שטויב, אין דער אנארכיע פון ווילען...

— די אנארכיע! — האט דאנטאן איבערגעהאקט — ווער האט זי רען אנגעמאכט, ווען נישט איהר!?

מאראט האט זיך נישט אבגעשטעלט.

— ראבעספיער, דאנטאן, די געפאהר איז אין דער גרויסער צאהל קאפעען, שענקלעך, קלובען. די געפאהר איז אינ׳ם הונגער. די געפאהר ליגט אין דער יוסטיץ. די געפאהר איז אין דעם פאפיר־געלד, וואס איז שטארק געפאלען. אז בשעת עס איז אויף דער טעמפעל־גאס אראבגעפאלען א באנק־צעטעל פון הונדערט פראנק, האט א דורכגעהענדער ארימאן זיך אני׳ערופען: עס לוינט זיך נישט דאס אויפצוהויבען. ביי די געלד־ספעקולאנטען און די פאסקארזשעס, אט וואו די געפאהר שטעקט. צו וואס האט געטויגט דאס אויפהענגען א שווארצע פאהן אויף דעם ראטהויז!

איהר מיינט, אז איהר קומט אב מיט דעם, וואס דער פרעזידענט פון קאנווענט לעגט ארויף א בירגער־קרוין אויפ׳ן קאפ פון לאבערטעש, וועלכער האט בעקומען איין־און פערציג וואונדען ביי זשערמאפ? דאס זענען קאמע־דיעס און נארישקייטען! א, איהר קוקט זיך נישט אום אויף פאריז! א, איהר זכט די געפאהר פון דערווייטענס בשעת זי איז אזוי נאהנט. צי וואס נוצט אייך אייער פאליציי, ראבעספיער? איהר האט דאך אייערע שפיאנען, אין דער קאמונע, אינ׳ם רעוואלוציאנערען טריבונאל, אינ׳ם קאמיטעט פאר געזעלשאפט־ליכע זיכערהייט, אינ׳ם קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכע רעטונג. ווי איהר זעהט, בין איך גוט אינפארמירט. אלזא ווייסט! די געפאהר איז איבער אייערע קעפ, די געפאהר איז אונטער אייערע פיס; אומעטום פערשווערונגען, פער־שווערונגען, פערשווערונגען! די דורכגעהער אויף דער גאס לייענען זיך איינער דעם צווייטען אויסצוגען פון די צייטונגען און שאקלען צו מיט די קעפ; זעקס טויזענד מענשען, צוריקגעקומענע עמיגראנטען, פראנטען און שפיקעס, זענען בעהאלטען אין פעסער אין די קעלערס, אין די שפייכלערס, און אויף די הילצערנע גאלעריעס פון פאלע—רויאל; ביי די בעקערס שטעהען אנאנקעס;

די פּרויען, טרעפֿענדיג זיך בײַ די טהירען, פֿערבערעכען מיט די הענד און זאָגען: „ווען וועט מען שוין האָבען דעם שלום?". איהר מעגט אײַך גוט פֿערשליסען אינ'ם זאַל פֿונ'ם עקזעקוטיוו-ראַט, מען ווייסט סײַ ווי-סײַ אַלץ וואָס איהר רעדט דאָרט; און אַלס בעווײַז, ראָבעספּיער, וועל איך אײַך איבערחזר'ן די ווערטער, וואָס איהר האָט געזאָגט צו סען זשוסט: איהר האָט געזאָגט, אַז „בארבארו[20] הייבט אָן צו קריגען אַ בײַבויל, דאָס קאָן איהם שאָדען גאָר בשעת'ן אַנטלויפֿען". יאָ, די געפֿאַהר איז אומעטום און איבערהויפּט אין צענטר. אין פּאַריז פֿערשווערען זיך די „אַמאַליגע"[21] די פּאַטריאָטען געהן באָרפֿוס, די אַריסטאָקראַטען, וועלכע מען האָט אַרעסטירט דעם 9-טען מערץ, זענען שוין בעפֿרײַט, די לוקסוס-פֿערד, וואָס האָבען בעדאַרפֿען זײַן אײַנגעשפּאַנט אין די האַרמאַטען בײַם פֿראָנט, בעשפּריצען אונז מיט בלאָטע אויף די גאַסען. אַ ברויט פֿון פֿיער פֿונט קאָסט דרײַ פֿראַנק מיט צוועלף סו, אין טעאַטער שפּיעלט מען שמוציגע פּיעסען. און ראָבעספּיער וועט שיקען דאַנטאָן צו דער תליה. —

נו, נו! — האָט געזאָגט דאַנטאָן. ראָבעספּיער האָט אויפֿמערקזאַם בעטראַכט די קאַרטע.

— און אַמנויטינסטען — האָט מאַראַט שאַרף אויסגעשריען — דאַרפֿען מיר אַ דיקטאַטאָר. ראָבעספּיער, איהר ווייסט, אַז איך וויל אַ דיקטאַטאָר. —

ראָבעספּיער האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ.

— איך ווייס, מאַראַט, איהר אָדער איך.

— איך אָדער איהר, האָט מאַראַט געזאָגט.

דאַנטאָן האָט געבורמעט צווישען די צייהן:

— אַ דיקטאַטור, פּרובט זיך נאָר!

מאַראַט האָט בעמערקט, ווי דאַנטאָן האָט בייז געקנייטשט דעם שטערן.

— וואָרט, — האָט ער אויסגערופֿען. — נאָך אַ לעצטע אָנשטרענגונג! לאָמיר קומען צו אַ פֿערשטענדיגונג. די לאַגע אונזערע איז דאָס ווערט. האָט מען זיך דען נישט פֿערשטענדיגט בנוגע דעם 31-טען מאַי? די פֿראַגע פֿון אײַניגקייט איז אַ סך ערנסטער, ווי די דאַמאָלסדיגע פֿראַגע וועגען דעם זשיראָנדיניזם, וועלכער איז נאָר אַ נעבענזאַך. עס איז דאָ אַ סך אמת אין דעם, וואָס איהר זאָגט; נאָר דער אמת, דער גאַנצער אמת, דער אמת'ער אמת איז דאָס, וואָס איך זאָג. אין דרום, דער פֿעדעראַליזם, אין מערב דער ראָיאַליזם, אין פּאַריז דער דועל צווישען דעם קאָנווענט, און דער קאָמונע; בײַ די גרענעצען, קוסטינס ריקטריט און דער פֿעראַט פֿון דיומוריע. וואָס בעדײַט

20) אַ בעוואוסטער זשיראָנדיסט.

21) אַזוי פֿלעגט מען דעמאָלס לאַפּען די געוועזענע אַדעליגע.

דאָס אַלץ? אַ צעגלידערונג! וואָס בעראַרפֿען מיר? די אייניגקייט! דאָס איז אונזער רעטונג. נאָר לאָ'מיר זיך צואיילען. פּאַריז מוז נעהמען אין זיינע הענד די לייטונג פֿון דער רעוואָלוציע. פֿערלירען מיר אַ שעה, — קאָנען מאָרגען די וואַ־דעער פֿערנעהמען אָרלעאַן, און די פּרייסען פּאַריז. אין דעם בין איך מסכים מיט אייך, דאַנטאָן; יענם גיב איך אייך נאָך, ראָבעספּיער. זאָל זיין, אַלזאָ, דער שלום, די דיקטאַטור איז נויטיג. לאָ'מיר אַלע דריי נעהמען די דיקטאַטור אין אונזערע הענד און מיר וועלען זיין די פֿאָרשטעהער פֿון דער רעוואָלוציע. מיר זענען די דריי קעפּ פֿון צערבער. פֿון די דריי קעפּ, רעדט איינער, דאָס זענט איהר ראָבעספּיער; דער צווייטער ברומט, דאָס זענט איהר דאַנטאָן...

— דער דריטער בייסט, — האָט געזאָגט דאַנטאָן, און דאָס זענט איהר, מאַראַט. —

— אַלע דריי בייסען, האָט געזאָגט ראָבעספּיער.

זיי האָבען אַ רגע שטיל געשוויגען. דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דער שמועס פֿול מיט פֿינסטערע ערשיטערונגען.

— הערט, מאַראַט, איידער מיר האָבען חתונה, דאַרפֿען מיר זיך אַ פֿריהער קענען. ווי אַזוי זענט איהר געוואָהר געוואָרען וועגען דעם, וואָס איך האָב גערעדט צו סען־זשוסט?

— דאָס איז מיין זאַך, ראָבעספּיער.

— מאַראַט!

— מיין פֿליכט איז אַלץ צו וויסען און וועגען אַלעם געוואָהר צו ווערען.

— מאַראַט!

— איך האָב ליעב אַלץ צו וויסען.

— מאַראַט!

— ראָבעספּיער, איך ווייס, וואָס איהר זאָגט סען־זשוסט'ן, ווי איך ווייס, וואָס דאַנטאָן זאָגט צו לאַקרואַ, פּונקט ווי איך ווייס, וואָס עס קומט פֿאָר אויף קע דע טעאַטען, אין פּאַלאַץ לאַבריף, אין דער הייל, וואו עס פֿערזאַמלען זיך די נימפֿען פֿון דער עמיגראַציע; פּונקט ווי איך ווייס, וואָס עס קומט פֿאָר אין הויז דע טיל נעבען גאָנעס, וואָס געהערט צו וואַלמעראַנזש, געוועזענעם פּאָסט־פֿערוואַלטער, וואו עס פֿלעגען אַמאָל קומען מאַרי און קאַזאָל. וואוהין עס פֿלעגען דערנאָך געהן סיעס און ווערניאָ, און וואוהין מען געהט איינ־מאָל אין דער וואָך. —

בעטאָנענדיג דעם „מען" האָט מאַראַט געוואָרפֿען אַ בליק אויף דאַנטאָן.

— ווען ביי מיר אין דער האַנד וואָלט געלעגען כאָטש פֿאַר אַ גראָשען מאַכט.—האָט דאַנטאָן אויסגעשריען—וואָלט פֿאַרגעקומען עפּעס שרעקליכעס.—

מאראַט האָט ווײַטער גערעדט:

— איך ווייס, ראָבעספּיער, וואָס איהר רעדט, פּונקט ווי איך חיים, וואָס עס איז פאָרגעקומען אינ'ם טורם פון טאַמפּל, ווען מען האָט אַזוי גוט אויסגעפּאַשעט ליודוויג דעם 16. אַזבלויז אינ'ם חודש סעפּטעמבער האָבען דער וואָלף, די וועלפין און די וועלפעלעך אויפגעגעסען זעקס און אַכציג קוישען מיט פּאָרושעכעס און אין דערזעלבער צייט איז דאָס פאָלק געשטאָרבען פאַר הונגער. איך ווייס דאָס, פּונקט ווי איך ווייס, וואָס עס טוט זיך ביי דער טענט—הילער, די געליבטע פון סילערי; אין די באַל-טעג פּראָטירט דער אַלטע סילערי אַליין די פּאַרקעטען פונ'ם געלען סאַלאָן אויף דער נעיו-מאַטיורען-גאַס; ביוזאָ און קערסען עסען דאָרט מיטאָג. סאַלאַדען האָט דאָרט געגעסען מיטאָג דעם 27-טען און מיט וועמען, ראָבעספּיער? מיט אײַער פריינד לאַסורס.—

— פּוסטע רייד,—האָט ראָבעספּיער געמורמעלט. לאַסורס איז גאָרנישט מיין פריינד.—

און ער האָט צוגעגעבען פערטראַכט:

— דערווייל געפינען זיך אין לאָנדאָן אַכצעהן פאַבריקען פון פאַלשע באַנק-צעטלען.—

מאַראַט האָט ווייטער גערעדט מיט אַ רוהיגער, נאָר לייכט ציטריגער שטים, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אַ אימה.

— איהר זייט אַ פראַקציע פון וויכטיגע טוער. יאָ, איך ווייס אַלץ, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס סען-זשוסט רופט-אָן „מלוכה-סודות".

מאַראַט האָט אונטערגעשטראָכען דאָס וואָרט מיט אַ בעזונדערע אויס-שפּראַך, געקוקט אויף ראָבעספּיער'ן און געזאָגט ווייטער:

— איך ווייס, וואָס מען שמועסט ביי אײַער טיש אין יענע טעג, ווען לעבאַ לאַדט איין דאַוויד'ן צום עסען, וואָס עס קאָכט זיין בעשערטע, עלי-זאַבעט דיופּלע, אײַער צוקונפטיגע שוועגערין, ראָבעספּיער. איך בין דאָס גרויסע פאָלקס-אויג און קוק פון די טיפענישען פון מיין קעלער. איך קוק, איך הער, איך ווייס. קליינינקע זאַכען נענוגען אײַך. איהר ווערט פון זיך אַליין נתפעל. ראָבעספּיער לאָזט זיך בעוואונדערן פון דער מאַדאַם דע שאַלאַבר, די טאָכטער פון דעם מאַרקיז דער שאַלאַבר וועלכער האָט דאָס געשפּילט אין וויסט מיט ליודוויג XV אינ'ם אָוועגד, ווען מען האָט אויסגעפיהרט דעם טויט-אורטייל אויף דאַמיען[22]. יאָ מען טראָגט הויך דעם קאָפּ. ראָבעספּיער שטעלט זיך פאָר, אַז די געשיכטע וועט פערוואייביגען זיין אַליווען ראָק, וואָס

(22) דאַמיען האָט געמאַכט אַ אַטענטאַט אויף ליודוויג XV און ווערסאַל 1757; נאָך פיעל ענויים קשים האָט מען איהם געפערטעלט.

ער האט געטראָגען אין דער קאָנסטיטואַנטע, אָדער דעם הימעל-בלאָהען אַנצוג אין'ם קאָנווענט. ער האט דאָך זיין פאָרטרעט אויף אַלע ווענד פון זיין צימער...—

ראָבעספיער האט איבערגעהאַקט מיט אַ שטים נאָך אַ רוהיגערע ווי מאַראַט'ס.

— און איהר, מאַראַט, איהר האט אייער בילד אין אַלע אָבטריטען. —

זיי האָבען ווייטער גערעדט אין אַ טאָן פון אַ לייכטען שמועס, נאָר זיין לאַנגזאַמקייט האט נאָך בולט'ער אונטערגעשטראָכען די העפטיגקייט פון די ענטפער'ן און שטעלווערטלעך און האט צוגעגעבען אַ מין איראָניע צו דער דראָהונג.

— ראָבעספיער, איהר האט אָנגערופען די, וועלכע ווילען צעשטערען די טראָנען, „דאָן-קיכאָטען פון דעם מענשליכען געשלעכט".

— און איהר, מאַראַט, האט נאָך דעם 4-טען אויגוסט געפאָדערט אין'ם נומער 559 פון אייער צייטונג „דער פאָלקספריינד" — אַז מען זאָל דעם אדעל איבערלאָזען זייערע טיטלען. איהר האט זיך אויסגעדריקט: „אַ פירשט בלייבט תמיד אַ פירשט".

— ראָבעספיער, אויף אַ זיצונג פון 7-טען דעצעמבער, האט איהר פערטיידיגט ראָלאַנ'ס פרוי געגען וויאַר.

— פונקט ווי מיין ברודער האט אייך פערטיידיגט, מאַראַט, בשעת מען האט אייך אַטאַקירט ביי די יאַקאָבינער. און וואָס בעווייזט דען דאָס? גאָרנישט.

— ראָבעספיער, מען קען דעם קאַבינעט אין דער טיולערי, וואו איהר האט געזאָגט צו גאַראַ'ן: „איך בין שוין מיעד פון דער רעוואָלוציע".

— מאַראַט, דאָ, אין דעם דאָזיגען צימער האט איהר, דעם 29-טען אָקטאָבער, אַרומגענומען באַרבאַרו.

— ראָבעספיער, איהר האט געזאָגט צו ביוזאָ: די רעפובליק, וואָס איז דאָס אַזוינס?

און איהר, מאַראַט, האט אין דער נאַכט פאַר דעם 10-טען אויגוסט געבעטען ביוזאָ, ער זאָל אייך העלפען אַנטלויפען קיין מאַרסעל פערקליידעט אַלס אַ דזשאָקיי.

— בשעת דעם גערעכטען משפט[23] האט איהר אייך ראָבעספיער, בעהאַלטען.

— און איהר, מאַראַט, האט אייך דאַמאָלסט בעוויזען.

— ראָבעספיער, איהר האט געוואָרפען אויף דער ערד דאָס רויטע היטעל

— יאָ, ווען אַ פערעטער האט עס געהויבען אין דער לופטען. דאָס

[23] דער המון האט זיך דאַמאָלס געוואָרפען אויף די אַרעסטירטע און געטויט זיי.

וואָס צירט דיזמוריע, שמוצט ראָבעספיער׳ן.

דאַנטאָן האָט זיך אַרייַנגעמישט, נאָר עס איז געווען ווי בוימאייל אויפ׳ן פייַער.

— ראָבעספיער, מאַראַט, בערוהיגט אייַך.

מאַראַט האָט נישט ליעב געהאַט, מען זאָל איהם אָנרופען דעם צווייטען פון דער רייהע ביים נאָמען. ער האָט זיך אויסגעדרעהט

— און וואָס מישט זיך דאָס אַריין דאַנטאָן?

דאַנטאָן איז אויפגעשפרונגען.

— און וואָס איך מיש זיך? אין דעם: מען דאַרף נישט קיין ברודער-מאָרד; מען דאַרף נישט דעם קאַמף צווישען צוויי מענשען, וואָס דיענען דעם פאָלק; עס איז גענוג די אויסלענדישע קריעג, עס איז גענוג דער בירגער-קריעג און עס וועט שוין זיין צופיעל אַ הויזליכע קריעג; און די רעוואָלוציע האָב איך געמאַכט און וויל בשום אופן נישט מען זאָל מיט איהר אַנ׳עק מאַכען. אָט אין וואָס איך מיש מיך

מאַראַט האָט אָבגעענטפערט נישט אויפהויבענדיג זיין קול.

— קלערט בעסער וועגען דעם ווי אָבצוגעבען דין וחשבון.

— אַ דין וחשבון! — האָט דאַנטאָן אויסגעשריען — געהט נעהמט איהם ביי די אַרגאָנער בערגשפאַלטען, אין דער בעפרייטער שאַמפאַן, אין דעם ערוואַרבענעם בעלגיען, אין די אַרמעען וואו איך האָב פיער מאָל אונטער-געשטעלט מיין ברוסט פאַר די קוילען; געהט פאָדערט איהם. ביי דער תליה פון דעם 21-טען יאַנואַר, ביים צעשמעטערטען טראָן, ביי דער גיליאָטינע, — דער „אלמנה"...

מאַראַט האָט איהם איבערגעהאַקט.

— די גיליאָטינע איז אַ מיידעל, אויף וועלכער עס ליעגט זיך, נאָר מען קאָן איהר נישט בעפרוכטען.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — האָט דאַנטאָן אָבגעענטפערט — איך וועל זי בעפרוכטען!

— מיר וועלען זעהן, האָט געזאָגט מאַראַט און ער האָט געשמייכעלט. דאַנטאָן האָט בעמערקט דעם שמייכעל.

— מאַראַט, — האָט ער אויסגעשריען, — איהר זענט דער בעהאַל-טענער מענש, און איך בין דער מענש פון דער פרייער לופט און ליכטיגען טאָג. איך האָס דאָס לעבען, וואָס קריכט אויף אַלע פיער. מיר פאַסט נישט צו זיין אַ קעלערוואָרם. איהר וואוינט אין אַ קעלער און איך אויף דער גאַס, איהר מיידט אַלעמען אויס; און מיך קענען אַלע זעהן, און יעדער קאָן מיט מיר רעדען.

— פֿײַנער בחור, ווילט איהר אפֿשר קומען צו מיר? — האָט מאַראַט געברומט.

און אויפֿהערענדיג צו שמײכלען, האָט ער מיט אַ ענטשיעדענעם טאָן געזאָגט:

— דאַנטאָן, גיט אָב אַ דין וחשבון פֿון די דרײַ — און דרײַסיג טויזענד טאָלער מזומנים, וואָס מאַנטאַרען האָט אײַך אַרויסגעצאָהלט אין נאָמען פֿון קעניג. טיט'ן תירוץ אײַך צו ענטשולדיגען פֿאַר דעם אַמט אַלס פּראָקוראָר אין שטאָט.

— איך האָב געהערט צום 14-טען יולי 24), — האָט דאַנטאָן שטאָלץ געזאָגט.

— און דער אוצר און די קרוין-דימאַנטען?

— איך האָב געהערט צום 6-טען אָקטאָבער 25).

— און די גנבות פֿון אײַער „צווייטען איך", לאַקרואַ אין בעלגיען?

— איך האָב געהערט צום 20-טען יוני 26).

— און די הלוואות, וואָס איהר האָט געגעבען דער מאָנפּאַנסיע?

— איך האָב אויפֿגעהעצט דאָס פֿאָלק בשעת דער קעניג האָט צוריקגעקעהרט פֿון וואַרען.

— און דער אָפּערן-זאַל, וועלכען מען האָט אויפֿגעשטעלט פֿאַר געלד, וואָס איהר האָט צוגעשטעלט.

— איך האָב בעוואָפֿענט די פּאַריזער סעקציעס.

— און די הונדערט טויזענד ליוור פֿון די געהײמע פֿאָנדען פֿון דעם יוסטיץ-מיניסטער?

— איך האָב געמאַכט דעם 10-טען אויגוסט 27).

— און די צוויי מיליאָנען געהײמע אויסגאַבען פֿון דער פֿערזאַמלונג, פֿון וואַנען איהר האָט אַראָבגענומען אַ פֿיערטעל.

— איך האָב פֿערהאַלטען דעם פֿײַנד און פֿערשטעלט דעם וועג די קאָאַליציאָנס-קעניגע.

— איהר זענט אַ פּראָסטיטוטקע! האָט געזאָגט מאַראַט.

---

24) 14-טען יולי — דער ערשטער פּאַריזער אויפֿשטאַנד און דאָס פֿאַלען פֿון דער באַסטיל.

25) 6-טער אָקטאָבער — דאָס פֿאָלק בעפֿאַלט ווערסאַל אין 1789 מען ברענגט לודוויג XIV קײן פּאַריז.

26) 20-טען יוני — דאַנטאָן און לאַקרואַ בעקומען 4 מיליאָן פֿראַנק צו פֿיהרען די קריג אין בעלגיען.

27) 10-טען אויגוסט 1792 — דער אָנפֿאַל פֿון די פּאַריזער אויף'ן קעניגליכען פּאַלאַץ טױלעריִ.

— יאָ, האָט דאַנטאָן אויסגעשריִען מיט אַ שרעקליכען אויסדרוק, אי׳ בין אַ נאַסען־מיידעל, איך האָב פערקויפט מיין לייב, נאָר איך האָב געראַטע׳ וועט די וועלט.

ראָבעספיער האָט זיך אָנגעהויבען בייסען די נעגעל. ער האָט ניט געקאָנט ניט לאַכען און ניט שמייכלען. עס האָט איהם געפעהלט דאָס לאַכען — דאַנטאָנ׳ס בליץ און דער שמייכעל — מאַראַט׳ס שטאָך.

— איך בין ווי דער אָקעאַנוס, האָט דאַנטאָן ווייטער געזאָגט; איך האָב מיין אָבפליס און פלוט; ווען דאָס וואַסער פאַלט זעהט מען מיין דעק; ווען דאָס וואַסער קומט־צו, זעהט מען מיינע כוואַליעס.

— אייער שוים, האָט געזאָגט מאַראַט.

— מיין שטורם, האָט געזאָגט דאַנטאָן.—

און אין דערזעלבער צייט האָבען זיך סיי דאַנטאָן, סיי מאַראַט אויפגעשטעלט. מאַראַט האָט אויך אַרויסגעפּלאַצט.

און אַ שלענגעל האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ דראַקאָן.

— אַהאַ! — האָט ער אויסגעשריִען, — אַהאַ! ראָבעספיער, אַהאַ! דאַנטאָן! איהר ווילט מיך ניט הערען! אַלזאָ, איך זאָג אייך, איהר זענט פאַרלוירען. אייער פּאָליטיק האָט אייך צוגעפיהרט צו אונמעגליכקייטען ווייטער צו געהן; איהר האָט שוין מעהר קיין אויסוועג ניט; און איהר בענעהט זאַכען, וואָס פאַרמאַכען פאַר אייך אַלע טירען אַ חוץ די טיר פון קבר.

— דאָס איז אונזער גרויסקייט —, האָט געזאָגט דאַנטאָן און געהויבען די פּלייצעס

— דאַנטאָן, היט דיך, — האָט מאַראַט געשריִען. ווערניאָ האָט אויך געהאַט אַ בריים מויל, גראָבע ליפּען און בייזע ברעמען; ווערניאָ איז אויך געווען געשטופּעלט, ווי מיראַבאָ און דו; דאָס האָט גאָרניט געשטערט דעם 31־טען מאַי [28]) אַהאַ! דו הויבסט די פּלייצעס? אָזאַ הויבען די פּלייצעס קאָן דער קאָפּ אַראָבפאַלען. דאַנטאָן, איך זאָג עס דיר, דיין גראָבע שטים, דיין אויפגעבינדענער קראַוואַט, דיינע ווייכע שטיוועל, דיינע קליינע באַנקעטלעך, דיינע גרויסע קעשענעס, דאָס אַלץ שמעקט מיט לוּיזעט.

---

[28]) 31־טען מאַי 1793 פאַלען די פּאַריזער אָן דעם קאָנווענט, נויטען איהם צו בעפרייען בעהער (דער אַרויסגעבער פון די פאָלקס־צייטונג „פּער דיושען") און לאָזט פעגאַנדער די קאָמיסיע פון די „צוועלף" געשאַפען דורך די זשיראָנדיסטען צו קעמפען מיט דער קאָמונע.

מיראַבאָ, דער פערטיידיגע פון קאָנסערוואַטיזם און מאָנאַרכיע אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע.

ווערניאָ, דער אָנפיהרער פון די זשיראָנדיסטען—בייזע גלענצענדע רעדנער.

לויזעט—איז געווען דער פריינדשאפטס-נאמען, וואס דאנטאן האט גע-געבען דער גיליאָטינע.

ער האט ווייטער גערעדט.

— און וואס אנבעלאנגט דיך, ראבעספיער, ביסטו אפילו א מעסיער, גאר עס וועט דיר גארנישט העלפען. פודער דיך, פריזיר דיך, פוץ דיך, מאך דיך פאר א פראנט, שער דיך, קאם דיך, דו וועסט אזוי אויך געהן אויפ'ן פלאץ דע גרעוו[29]; לעז דיר די רעקלאראציע פון ברוינשווייג[30]; דו וועסט נישט בעסער בעהאנדעלט ווערען ווי דער קעניגסמערדער ראט-יאן, און מען וועט דיך סיי-ווי-סיי שלעפען אויף דעם שאנד-וואגען.

— דאס איז א קאבלענצער ווידער-קול! — האט געזאגט ראבעספיער צווישען די ציין.

— ראבעספיער, איך בין נישט קיינעמ'ס עכא, איך בין דער געשריי פון אלעמען, א, איהר זענט יונג. ווי אלט זענט איהר, דאנטאן? פיער-און-דרייסיג יאהר, ווי אלט זענט איהר, ראבעספיער? דריי-און-דרייסיג יאהר. און איך האב שטענדיג געלעבט, איך בין די אלטע מענשליכע ליידען, איך בין אלט זעקס טויזענד יאהר.

— דאס איז אמת, האט געענטפערט דאנטאן, שוין זעקס טויזענד יאהר, ווי קין האט זיך קאנסערווירט אין האס, ווי א שאבע אין א שטיין; אט, פלאצט דער שטיין, קין שפרינגט ארויס צווישען די מענשען, און דאס איז מאראט.

— דאנטאן! — האט מאראט אויסגעשריען און אין זיינע אויגען האט זיך אנגעצינדען א בלאה פייערל.

— וואס איז דען? — האט געפרעגט דאנטאן.

אזוי האבען צווישען זיך געשמועסט די דריי פורכטבארע מענשען.

א שטרייט פון רונערן.

III.

דאס ציטערן פון טיעפע סטרונעס.

דער שמועס האט אויפגעהערט; יעדער פון די טיטאנען איז אויף א ווילע פערזונקען אין זיינע געדאנקען.

די לייבען פיהלען זיך בעאונרוהיגט פון די הידרעס. ראבעספיער איז געווארען בלאס און דאנטאן—רויט. עס איז זיי ביידען דורכגעלאפען א שוי-

29) פלאץ דע גרעוו—וואו מען האט אוועקגעבראכט די צום טויט-פערורטיילטע.

30) דער ברוינשווייגער פירשט האט ארויסגעגעבען א אויפרוף אין נאמען פון די קעניגע, צום פראנצויזישען פאלק.

דער. מאַראַט׳ס ווילדער בליק איז אויסגעלאָשען געוואָרען; אַ שטילקייט, אַ בעפעהלערישער שטילקייט האָט זיך אויסגעגאָסען אויפ׳ן פנים פון דעם דאָזיגען מענשען, דעם שרעקליכען פאַר די שרעקליכסטע.

דאַנטאָן האָט זיך געפיהלט בעזיעגט: נאָר ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען. ער האָט אויפסניי אָנגעהויבען:

— מאַראַט רעדט זעהר הויך וועגען דיקטאַטור און איינינקייט, נאָר ער פערמאָגט נאָר איין מאַכט—פונאַנדערצושייערן.

ראָבעספּיער, אויפּפּרעסענדיג זיינע שמאָלע ליפּען, האָט צוגעגעבען:

— איך האַלט מיך ביי דער מיינונג פון אַנאַכאַרסיס קלאָטץ;[31] איך זאָג: נישט ראָלאַן, נישט מאַראַט.

— און איך זאָג,— האָט מאַראַט אָבגעענטפערט: נישט דאַנטאָן און נישט ראָבעספּיער.

ער האָט זיי ביידע שאַרף אָנגעקוקט און צוגעגעבען:

— ערלויבט מיר, דאַנטאָן, אייך צו געבען אַ עצה. איהר זענט דאָך פערליעבט, איהר קלערט דאָך נאָכאַמאָל חתונה צו האָבען, זייט פערנונפטיג און מישט אייך נישט מעהר אין פּאָליטיק.

און צוריקגעהענדיג אויף אַ טריט צו דער טיר אַרויסצוגעהן, האָט ער זיך געזעגענט מיט די אונהיימליכע ווערטער:

— אַדיע, מיינע העררען!

דאַנטאָן און ראָבעספּיער האָבען דערפיהלט אַ אינערליכען שוידער.

אין דער רגע האָט זיך טיעף אין הינטערגרונד פון דער שטוב אויפגעהויבען אַ שטים און געזאָגט:

— דו ביסט אונגערעכט, מאַראַט. אַלע האָבען זיך אויסגעדרייט. בשעת מאַראַט׳ס אויסברוך, איז עמיץ אַריין דורך דער טיר פון הינטערגרונד, פון קיינעם נישט בעמערקט.

— דאָס ביסטו, בירגער סימורדען. אַ גוטען אָבענד.

דאָס איז ווירקליך געווען סימורדען.

— איך זאָג, אַז דו ביסט נישט גערעכט, מאַראַט.

מאַראַט איז גרין געוואָרען, דאָס איז געווען זיין אַרט בלאַס ווערען.

סימורדען האָט צוגעגעבען:

— דו ביסט נוצליך, אָבער ראָבעספּיער און דאַנטאָן זענען נויטווענדיג. פאַרוואָס זאָלסטו זיי סטראַשען? איינינקייט, איינינקייט, בירגער! דאָס

31) אַ פּרייסישער באַראָן, נאַטוראַליזירט אין פראַנקרייך בשעת די רעוואָלוציע, ער האָט געגלויבט אין אַ וועלט-רעפּובליק, אומגעקומען אויף דער גילאָטינע אַ דאַנק ראָבעספּיער׳ן.

פאָלק וויל, עס זאָל הערשען איינִיגקייט.

זיין אַריינקומען האָט געווירקט ווי קאַלט וואַסער, און פּונקט ווי דאָס אַנקומען פון אַ פרעמדען בשעת אַ פאַמיליען-סכסוך, האָט בערוהיגט, ווען נישט דעם דעק איז וועניגסטענס די אויבערפלעכע.

סימורדען איז צוגעגאַנגען צום טיש.

דאַנטאָן און ראָבעספּיער האָבען איהם געקענט. זיי האָבען איהם אָפט בעמערקט אין די עפענטליכע טריבונעס פון׳ם קאָנווענט, דעם דאָזיגען מעכטיגען מענשען, וועמען דאָס פאָלק האָט בעגריסט.

ראָבעספּיער האָט פונדעסטוועגען, אַלס פאָרמאַליסט, געפונען פאַר נויטיג צו פרעגען:

— בירגער, ווי אַזוי זענט איהר אַריין?

— ער איז פון בישקופ-קלוב, האָט געענטפערט מאַראַט מיט אַ שטים, וואו עס האָט זיך געפיהלט אַ מין הכנעה.

מאַראַט האָט זיך ווייניג וואָס געמאַכט פון קאָנווענט, ער האָט אָנגעפיהרט מיט דער קאָמונע און מורא געהאַט פאַר׳ן בישקופ-קלוב.

דאָס איז אַ געזעץ כל זמן די אונטערשטע שיכטען זענען שטיל, קאָן דער פּאָליטישער טהוער נאָך טעטיג זיין. אונטער דעם גרעסטען רעוואָלוציאָנער אָבער געפינט זיך נאָך אַ קעלער, און הויבט זיך אָן דער קעלער צו בעוועגען און נעהמט איבערוואַקסען איבער׳ן קאָפּ פון פיהרער, — דאַן ווערט דער דרייסטעסטער רעוואָלוציאָנער אונרוהיג.

די געניאַליטעט און די טוגענד פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערען ליעגט אין דעם, וואָס זיי קאָנען אונטערשיידען צווישען דער בעוועגונג וואָס קומט פאַר צוליב פערזענליכע תאוות און דער בעוועגונג וואָס שטאַמט פון פּרינציפּען.

דאַנטאָן האָט געזעהן ווי מאַראַט בויגט זיך.

— אָ, — האָט ער געזאָגט, דער בירגער סימורדען איז דאָ נישט קיין איבעריגער.

און ער האָט איהם אויסגעשטרעקט די האַנד.

— אַלזאָ, — האָט ער צוגעגעבען, לאָ׳מיר אויסטייטשען דעם בירגער סימורדען, אין וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ. איך שטעל מיט מיר פאָר דעם „באַרג״, ראָבעספּיער — דעם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער זיכערקייט, מאַראַט — די קאָמונע, סימורדען דעם בישקופ-קלוב. זאָל ער אונז משפּט׳ן.

— זאָל זיין, — האָט סימורדען ערנסט און פּשוט געענטפערט — אין וואָס גערט עס?

אין וואַנדעע! — האָט געזאָגט ראָבעספיער.

— וואַנדעע! — האָט סימורדען געזאָגט, — דאָס איז די גרויסע דראָהונג. אויב די רעוואָלוציע וועט שטאַרבען, וועט דאָס געשעהן אַ דאַנק דער וואַנדעע. איין וואַנדעע איז שרעקליכער פאַר צעהן דייטשלאַנד'ס. אז פראַנקרייך זאָל לעבען, מוז מען הרג'ענען די וואַנדעע.

מיט די עטליכע ווערטער האָט ער געוואונען אויף זיין זייט ראָבעספיער'ן.

ראָבעספיער האָט איהם פונדעסטוועגען געשטעלט פאָלגענדע פראַגע:

— זענט איהר נישט אַ געוועזענער גלח?

סימורדענס גלח'ישער אויסזעהן האָט זיך גלייך געוואָרפען ראָבעספיער'ן אין די אויגען.

— יאָ, בירגער, — האָט סימורדען געענטפערט.

— וואָס מאַכט דען דאָס אויס? — האָט אויסגערופען דאַנטאָן. ווען די גלחים זענען גוט, זענען זיי מעהר ווערט, ווי די אַנדערע. אין אַ רעוואָלוציאָנס-צייט, שמעלצען זיך איבער די גלחים אין בירגער, ווי די גלאָקען אין מטבעות און האַרמאַטען.

— לאָ'מיר זיך אומקעהרען צו דער וואַנדעע, — האָט איבערגעהאַקט ראָבעספיער.

— אלזאָ, — האָט געפרעגט סימורדען, — וואָס איז געשעהן? וואָס שהוט זיך דאָרט אין דער וואַנדעע?

אַט וואָס, — האָט געענטפערט ראָבעספיער, זי האָט איצט בעקומען אַ אַנפיהרער. באַלד וועט זי ווערען שרעקליך.

— ווער איז דער אַנפיהרער, בירגער ראָבעספיער?

— דאָס איז דער געוועזענער מאַרקיז דע לאַנטענאַק, וועלכער האָט זיך צוגעגעבען דעם טיטעל „פרינץ פון ברעטאַן“.

סימורדען האָט געמאַכט אַ בעוועגונג.

— איך קען איהם. איך בין ביי איהם אַ גלח געוועזען.

פערקלערענדיג זיך אַ ווייַלע, האָט ער צוגעגעבען:

— ער האָט זיך פריהער מעהר פערנומען מיט פרויען, ווי מיט מלחמות. דאָס איז אַ אַלטער לעבמענש, ער מוז זיין פורכטערליך.

— שרעקליך, — האָט געזאָגט ראָבעספיער — ער פערברענט דערפער פערענדיגט מיט פערוואונדעטע, קוילעט די געפאַנגענע, שיסט די פרויען.

— פרויען?

— יאָ. ער האָט צווישען אַנדערע געהייסען שיסען אַ מוטער פון דריי קינדער. מען ווייסט נישט דעם ווייטערדיגען גורל פון די קינדער. אַ חוץ

אלעם איז ער קאפיטאן, און וויסט ווי א קריעג צו פיהרען.

ווירקליך, — האט געענטפערט סימורדען. — ער האט אנטייל גע- נומען אין דער קריעג ביי האנאווער, די סאלדאטען פלעגען דאן ואגען: רישעליע פון אויבען, לאנטענאק פון אונטען; וויל דער אמת'ער גענעראל איז געווען לאנטענאק.

ראבעספיער האט זיך א ווילע פערטראכט, דערנאך האבען זיי ביידע ווייטער געשמועסט.

— אלזא, בירגער סימורדען, דער דאזיגער מענש איז אין וואנדעע.

— ווי לאנג שוין?

— דריי וואכען.

— מען דארף איהם שטעלען אויסער דעם געזעץ.

— מען האט עס שוין געטהון.

— מען דארף בעשטימען א פרייז פאר זיין קאפ.

— מען האט עס שוין געטהון.

— מען דארף צוזאגען דעם, וועלכער וועט איהם כאפען א סך געלד ישט אין באנקנאטען, נאר אין גאלד.

— מען האט עס שוין געטהון.

— מען דארף איהם גיליאטינירען.

— דאס וועט מען טהון.

— ווער?

— איהר.

— איך?

— יא, איהר וועט מען דעלעגירען פון רעטונגס-קאמיטעט מיט פאל- מאכטען.

— איך נעהם-אן.

ראבעספיער פלעגט שנעל אויסקלייבען מענשען: א גוטע מעלה פון מלוכה מאן. ער האט ארויסגענומען פון דער טעקע, וועלכע איז פאר איהם געלעגען, א בלעטעל פאפיער, וואו עס איז געווען אבגעדרוקט:

„פראנצויזישע רעפובליק, איינע און אונטהיילבארע.

קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכע רעטונג”.

סימורדען האט ווייטער געזאגט: יא, איך נעהם-אן. א פורכטערליכער געגען א פורכטערליכען. לאנטענאק איז גרויזאם, איך וועל אויך אזוי זיין. מלחמה אויף טויט מיט דעם דאזיגען מענשען. איך וועל בעפרייען פון הם די רעפובליק, אז גאט וועט העלפען.

ער האט זיך אבגעשטעלט און דערנאך צוגעגעבען.

— איך בין אַ גלח; עס איז נישטאָ קיין נפקא מינה, איך גלויב אין גאָט.

— גאָט האָט זיך פאַרעלטערט, האָט געזאָגט דאַנטאָן.

— איך גלויב אין גאָט,—האָט געזאָגט סימורדען גלייכגילטיג.

דער פינסטערער ראַבעספיער האָט איינשטימיג אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

— געבען וועמען'זשע וועל איך זיין דעלעגירט?—האָט סימורדען געפרעגט.

— געבען דעם קאָמאַנדיר פון דער עקספעדיציאָנס-אָבטהיילונג, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרען נעגען לאַנטענאַק. נאָר, איך מוז אייך מתרה זיין, אַז ער שטאַמט פונ'ם אַדעל.

דאַנטאָן האָט אויסגעשריען:

— אָט איז ווידער אַ זאַך, פון וועלכער איך לאַך זיך אויס. אַ אַדעל-מאַן? איז וואָס? עס איז פונקט דאָס אייגענע ווי מיט'ן גלח. טויג ער, איז ער אויסגעצייכענט. דער אַדעל איז אַ פאָראורטהייל, און אַ פאָראורטהייל און דער צו אין יענער ריכטונג, איז נישט נויטיג.

עס האָט זיך דערהערט די ערנסטע שטימע פון סימורדען:

— איהר האָט אפשר רעכט זיי צו טרויען, אָבער דאָס פאָלק האָט קיין צוטרוי נישט, און עס איז נישט אומגערעכט, וואָס עס טרויט נישט. ווען די פליכט ליגט אויפ'ן גלח צו היטען דעם אַדעלמאַן, איז די פעראַנט-וואָרטליכקייט אַ דאָפּעלטע, און עס איז נויטיג, אַז דער גלח זאָל זיין אונ-בויגזאַם.

— געוויס,—האָט געזאָגט ראָבעספיער.

— און אונ'ברחמנות'דיג.

— איהר האָט ריכטיג געזאָגט, בירגער סימורדען,—האָט זיך אָנגע-רופען ראָבעספיער. איהר וועט האָבען צו טהון מיט אַ יונגען מאַן. איהר וועט האָבען אויבערהאַנד איבער איהם מיט דעם, וואָס איהר זענט צוויי מאָל אַזוי אַלט. מען דאַרף איהם פיהרען, דערביי אָבער וויסען, ווי מיט איהם אומצוגעהן. ווי עס זעהט אויס, האָט ער מיליטערישע פעהיגקייטען; אַלע ראַפּאָרטען זאָגען עס עדות אין איין קול. ער געהערט צו אַ טהייל פון אַ קאָרפּוס, וואָס איז אָבגעטהיילט פון דער רהיין-אַרמעע און בעשטימט צו געהן קיין וואַנדעע. ער קומט פון דער גרענעץ, וואו ער האָט פערוואונדערט מיט זיין אינטעליגענץ און מוט. ער פיהרט אויסגעצייכענט אַ עקספעדיציאָנס-אָבטהיילונג. שוין פונפצעהן טעג, וו ער האַלט אין מורא דעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק. ער שלאָגט איהם און פעריאָגט איהם כסדר. עס וועט זיך ענדי-גען מיט דעם, דאָס ער וועט איהם צושטופען צום ים און דאָרט איהם

אריינוואַרפֿען. לאַנטענאַק איז ביטרע ווי אַ אַלטער גענעראַל, און ער איז חוצפּה׳דיג, ווי אַ יונגער קאַפּיטאַן. דער יונגערמאַן האָט שוין זיינע פֿיינד און נישט־פֿאַרגינער. דער גענעראַל־אַדיוטאַנט לעשעל איז איהם מקנא.

— דער דאָזיגער לעשעל,—האָט איבערגעריסען דאַנטאָן,—וואָלט גערן געוואָלט זיין הויפּטקאָמאַנדיר! דערווייל שלאָגט איהם שאַרעט.

— און ער וויל בשום אופן נישט, אז אַנ׳אַנדערער אויסער איהם זאָל שלאָגען לאַנטענאַק׳ן. דאָס גאַנצע אומגליק פון דעם וואַנדעאַישען קריעג ליגט אין דער קנאה, אונזערע סאָלדאַטען זענען שלעכט אַנגעפיהרטע העלדען. דער יונגער קאָמאַנדיר פון דער עקספּעדיציאָנס־אַבטהיילונג האָט אריין א מעסער אין די זייטען פון לאַנטענאַק, שטויסט איהם צוריק און צוקלאַפּט איהם אָהן די ערלויבניש פון לעשעל. אַזוי ווי לעשעל איז זיין שעף, מסר׳ט ער איהם. צוויי מיינונגען זענען פֿערהאַן איבער דעם דאָזיגען יונגענמאַן. לעשעל וויל מען זאָל איהם שיסען; פּריער דע לאַ מאַרן—מען זאָל איהם מאַכען פֿאַר גענעראַל־אַדיוטאַנט.

— ווי מיר דאַכט זיך, האָט געזאָגט סימורדען, פֿערמאָגט דער דאָזיגער יונגערמאַן גרויסע מעלות.

— ער האָט אָבער איין חסרון, — האָט איבערגעריסען מאַראַט.

— וועלכען? — האָט געפֿרעגט סימורדען.

— ער איז צו מילד, האָט מאַראַט געענטפֿערט. ער איז פֿעסט בשעת׳ן קאַמף, און דערנאָך וויידך. ער איז מוחל, פֿערלייכטעט, פֿערטיידיגט די נונעס, ראַטעוועט די פֿרויען און טעכטער פון די אַריסטאָקראַטען, בעפֿרייט די געפאַנגענע און גלחים.

— אַ ערנסטער חסרון, — האָט געמורמעלט סימורדען.

— אַ פֿערברעך, — האָט געזאָגט מאַראַט.

— מאַנכעסמאָהל—האָט געמיינט דאַנטאָן.

— אָפֿט, — האָט געמיינט ראָבעספּיער.

— כמעט שטענדיג, — האָט בעשטימט מאַראַט.

— ווען מען האָט צו טהון מיט די פֿיינד פון פֿאָטערלאַנד, תמיד,— האָט געזאָגט סימורדען.

— און וואָס וואָלסטו געטהון מיט אַ רעפּובליקאַנישען קאָמאַנדיר, ווען ער וואָלט בעפֿרייט אַ ראַיאַליסטישען קאָמאַנדיר?

— איך וואָלט געהאַט די זעלבע מיינונג וואָס לעשעל, איך וואָלט איהם געהייסען שיסען.

— אָדער גיליאָטינירען, האָט געזאָגט מאַראַט.

— לויט ווי ער וואָלט זיך אויסגעקליבען.

דאַנטאָן האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.

— פאַר מײַנעטװעגן זאָלן בײדע גוט, האָט ער געזאָגט.

— דו ביסט זיכער, אַז דו װעסט אײנס פון די בײדע נישט אױסמײַדן, — האָט מאַראַט געברומט צװישן די צײן.

אין זײַן בליק האָט זיך איבערגעטראָגן פון דאַנטאָן אױף סימורדען.

— אַלזאָ, בירגער סימורדען, װען אַ רעפּובליקאַנישער קאָמאַנדיר װערט געשטראָפט, װאָלסטו אים געהײסן אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ?

— אין פיר־און־צװאַנציק שעה.

— אַלזאָ, בין איך אין דער מײַנונג פון ראָבעספּיער, אַז מען דאַרף שיקן דעם בירגער סימורדען אַלס דעלעגירטן קאָמיסאַר פון דעם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכע רעטונג בײַם קאָמאַנדיר פון דער עקספּעדי־ציאָנס־אָפּטײלונג פונ׳ם ים־ברעג. װי הײסט ער, דער דאָזיקער קאָמאַנדיר?

— ער איז אַ געװעזענער אַדעלמאַן, האָט ראָבעספּיער געענטפערט.

און ער האָט זיך גענומען אַדורכבלעטערן זײַן טעקע.

— נו, זאָל דער גלח היטן דעם אַדעלמאַן, — האָט געזאָגט דאַנטאָן, איך טרױ נישט אַ גלח, װעלכער איז אַלײן; איך טרױ נישט אַ אַדעלמאַן, װעלכער איז אַלײן; װען זײ זענען אָבער צוזאַמען, האָב איך נישט קײן מורא; אײנער היט דעם צװײטן, און בײדע האַלטן זיך גוט.

אױף סימורדענס ברעמען איז לײַכט געװען צו באַמערקן אַ אומצופרי־דענקײט; נאָר געפינענדיק מסתּמא, אַז אין תּוך איז עס אַ ריכטיקע באַמער־קונג, האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקערט צו דאַנטאָן, און מיט אַ שטרענגע שטימע געזאָגט:

— װען דער קאָמאַנדיר, װעלכן מען טרױט מיר אָן, מאַכט אײן פאַלשן טריט, — טױט שטראָף!

ראָבעספּיער, זוכענדיק אין די פּאַפּירן, האָט זיך אָנגערופן:

— אָט איז דער נאָמען. בירגער סימורדען, דער קאָמאַנדיר, איבער װעמען איהר װעט האָבן די גאַנצע פולמאַכט, איז אַ געװעזענער װיקאָמט, און הײסט גאָװען.

סימורדען איז געװאָרן בלײַך.

— גאָװען! — האָט ער אױסגעשריגן.

מאַראַט האָט באַמערקט סימורדענ׳ס בלאַסקײט

— דער װיקאָמט גאָװען! — האָט סימורדען איבער׳חזר׳ט.

— יאָ, האָט געזאָגט ראָבעספּיער.

— אַלזאָ? — האָט געזאָגט מאַראַט, שאַרף אָנקוקענדיק סימורדען.

אַ רגע האָט געהערשט אַ שטילשװײַגן.

— בירגער סימורדען, — האט מאראט אנגעהויבען, — געהט איהר איין אויף די בעדינגונגען, וועלכע איהר האט אליין געשטעלט, צו ווערען דעלעגירטער קאמיסאר ביים קאמאנדיר גאווען? איהר בעשטעהט?

— איך בעשטעה — האט סימורדען געענטפערט.

ער איז געווארען וואס אמאל בלאסער.

ראבעספיער האט גענומען די פעדער, וועלכע איז פאר איהם געלעגען, און מיט א לאנגזאמער און קארעקטער שריפט אנגעשריבען אויפ'ן פאפיר, וואס האט געטראגען פון אויבען א אויפשריפט: „קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכע רעטונג", פיער שורות. ער האט זיך אונטערגעשריבען, איבערגעגעבען דערנאך די פעדער דאנטאנען, דאנטאן האט זיך אונטערגעצייכענט, און מאראט, וועלכער האט קיין אויג נישט אראבגעלאזען פון סימורדען'ס בלאסען פנים, האט זיך אונטערגעצייכענט נאך דאנטאן'ען.

ראבעספיער, צוריקנעהמענדיג דעם בויגען פאפיער, האט אנגעשריבען די דאטע און עס איבערגעגעבען סימורדען, וועלכער האט דורכגעלעזען.

„יאהר II פון דער רעפובליק עס ווערט געגעבען די פולע פאלמאכט דעם בירגער סימורדען, דעלעגירטער קאמיסאר פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכע רעטונג ביים בירגער גאווען, קאמאנדיר פון דער עקספעדיציאנס-אבטיילונג פון דער ים-ברעג ארמעע.

„ראבעספיער. — דאנטאן. — מאראט.

און אונטער די אונטערשריפטען:

„28 יוני 1793".

בשעת סימורדען האט געלעזען, האט מאראט איהם בעטראכט.

מאראט האט אין דער שטיל ווי צו זיך אליין גערעדט:

— דאס אלץ וועט מען נאך דארפען בעפעסטיגען מיט א דעקרעט פונ'ם קאנווענט, אדער מיט א ספעציעלער פעראָרדנונג פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכע רעטונג. עס בלייבט נאך דא עפעס וואס צו טהון.

— בירגער סימורדען, האט געפרעגט ראבעספיער, וואו וואוינט איהר?

— אין האנדעלם-הויף.

נו, איך וואוין דאך אויך דארט. — האט געזאגט דאנטאן, — מיר זענען שכנים.

— עס איז נישטא קיין איין רגע צו פערלירען, — האט זיך אנגערופען ראבעספיער. — מארגען וועט איהר בעקומען א בעפאלמעכטיגונג, אונטערגעשריבען פון אלע מיטגלידער פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכע זיכערקייט. דאס וועט זיין א בעשטעטיגונג פון דער שליחות וואס וועט בעשטימען אייער שטעלונג ביי די דעלעגאטען אין די ארמעען, מיר ווייסען, ווער איהר

זענט. אײַער פולמאַכטען זענען אונבעגרעניצט. אין אײַער האַנד ליגט צו מאַכען געװעזען פאַר גענעראַל אָדער איהם צושיקען אויף דער תליה. איהר װעט האָבען אײַער אויפטראַג מאָרגען דרײַ אַ זײגער. װען פאָהרט איהר?

— פיער אַ זײגער—האָט געזאָגט סימורדען.

און זײ האָבען זיך צושײדט.

קומענדיג אַהײם האָט מאַראַט אָנגעזאָגט סימאָנע עװראַר, אַז ער געהט מאָרגען אין קאָנװענט.

וויקטאָר הוגאָ

דאס 93-טע יאהר

יודיש: ד. א.

צווייטעס בוך.

36

3.

דער קאָנוועַנט

1.

מיר דערנעהנטערן זיך צו אַ הויכען שפּיץ.
עס איז דער קאָנוועַנט.
דאָס אויג ווערט שטאַר, קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען שפּיץ.
עס איז נאָך קיינמאָל נישט ערשינען אויף דעם מענשליכען האָריזאָנט
אַזוואָס העלערעס.

עס זענען פאַראַן הימאַלאַיען-בערג, און עס איז פאַראַן אַ קאָנוועַנט.
דער קאָנוועַנט איז אפשר דער העכסטער פונקט אין דער געשיכטע.
ווי לאַנג דער קאָנוועַנט האָט געלעבט, האָט מען זיך נישט אָבגעגעבען
קיין קלאָרען דין וחשבון, וואָס דער קאָנוועַנט איז אַזוינס. די מענשען פון
יענער צייַט האָבען אַרויסגעלאָזען פון אויג די גרויסקייט זייַנע. מען איז
געווען צופיעל אָנגעשראָקען, מען זאָל קאָנען ווערען פערבלענדט. אַלץ וואָס
איז גרויס וואַרפט-אָן אַ הייליגע מורא. בעוואונדערן מיטעלמעסיקייטען און
בערגלעך, איז לייַכט; נאָר דאָס וואָס געפינט זיך צו הויך, אַלץ איינס מעג
דאָס זייַן אַ גרויסער מענש אָדער אַ גרויסער באַרג, אַ פערזאַמלונג אָדער אַ
אייסטערלישקייַט, ווען מען זאָל זיי בעקוקען פון דער נאָהנט, שרעקט מען
זיך אָן. יעדער הויכער שפּיץ זעהט אויס ווי איבערטריבען. דאָס קלעטערן
אין די הויכקייַט מאַכט מיעד. עס פערפעהלט אָטעם ווען מען שטייַגט-
אַרויף אויף די הויכע פעלזען, מען גליטשט זיך בייַם אַראָבשטייַגען, מען
צעשעדיגט זיך אָן דעם אונגלייַכען באָדען, מעג ער זייַן ווי שעהן. די שווי-
מענדע בערגשטראָמען דערצעהלען פון טיעפע תהום'ען; די וואָלקענס פאַר-
רעקען די בערג שפּיצען; דאָס אַרויפשטייַגען שרעקט פונקט ווי דאָס אַראָב-
פאַלען. דעריבער איז דאָס געפיהל פון שרעק שטאַרקער, ווי די בעוואונ-
דערונג. מען האָט אַ מאָדנעם געפיהל — אַן עקעל פאַר דעם גרויסען. מען
זעהט נאָר דעם תהום, און דעריבער מערקט מען נישט די הויכקייַט מען
זעהט דאָס אונגעהויערע, נאָר מען זעהט נישט דאָס וואונדערבאַרע.

אזוי האָט מען פריהער געמשפט דעם קאָנוועגט. דעם קאָנוועגט האָבען אָנגעקוקט קורצזיכטיגע; איהם, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען, אז אַדלערס זאָלען איהם בעטראַכטען.

איצט שטעלט ער זיך אונז פאָר אין אַ פערספּעקטיווע. און אויף דעם טיפען הימעל אין אַ העלער און טראַגישער ווייטקייט, צייכענט ער אָן דעם פּראָפיל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

2.

דער קאָנוועגט איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון פאָלק. דורך דעם קאָנוועגט עפענט זיך אויף אַ גרויס נייע בלאַט, און עס הויבט זיך אָן די צוקונפט. יעדע אידעע פאָדערט אַ פּאַסיגען מאַנטעל, יעדער פּרינציפּ פאָדערט זיין טעמפּעל; אַ קירכע — דאָס איז גאָט צווישען די פיער ווענד. ווען דער קאָנוועגט איז ענטשטאַנען, איז די ערשטע פראַגע געווען, וואו איהם צו בעזעצען.

פריהער האָט מען אויסגעקליבען דעם מאַנעזש, דערנאָך די טוילעריע. מען האָט אַריינגעשטעלט אַ ראַהם מיט אַ דעקאָראַציע וועלכע איז געמאָהלט געוואָהרען אין גראָהע פאַרבען דורך דעם קינסטלער דאַוויד. די בענק זיינען געווען סימעטריש אויסגעשטעלט, די טריבונע פיערקאַנטיג, ווייסען עהנליך צו יאַטקע-קלעצלעך, גלייכוויינקעלדיגע קעמערלעך, וואו עס האָט זיך געשטופּט דער עולם, און וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבען עפענטליכע טריבונעס, רוימישע פאָרהאַנגען, גריכישע דראַפּעריעס, און אין די דאָזיגע גלייכע ווינקלען און ליניעס האָט מען איינגעאָרדענט דעם קאָנוועגט; אין דער שטרענגער געאָמעטריע האָט מען דאָס אַריינגעזעצט דעם שטורם. איבער דער טריבונע איז די פאָרם פון דער רויטער היטעלע אויסגעמאָלען געוואָרען אין גראָהע פאַרבען.

פון אָנהויב האָבען די ראָיאַליסטען אויסגעלאַכט דאָס רויט-גראָהע היטעל מיט דעם משונה'דיגען זאַל, דעם קאַרטאָנענעם רענקטאָל, דעם פּאַפּירענעם טעמפּעל דעם בלאָטיגען און פאַרשפּיגענעם פּאַנטעאָן. ווי שנעל אָבער איז דאָס ראָיאַליסטישע לאַכען פערשוואונדען געוואָרען. די זיילען זענען טאַקע געווען פון פּאַס-ברעטער, דער באַלקען פון שינדעלברעטער, די באַרעליעפען פון קיט, די געזימסען פון יעדליגע-האָלץ, די שטיינבילדער פון ליים, די מאַרמורען זענען געווען געמאָהלטע די ווענד פון לייגווענד; און דאָך האָט פראַנקרייך אין דעם צייטווייליגען בנין געשאַפען אייביגעס.

3.

נאָך דעם 10-טען מאי 1793, האָט זיך דער קאָנוועגט פון מאַנעזש

איבערגעטראָגען אינ'ם טוילעריע־פּאַלאַץ. דער זיצונגס־זאַל, שוואַך בעלויכ־טען, בײַטאָג דורך די בלײַכע פענסטער און בײַנאַכט דורך די דונקעלע לאָמ־פּען, האָט געהאַט אין זיך עפּעס נאַכטליכעס די האַלבע בעלויכטונג האָט נאָך פאַרגרעסערט די נאַכט־פינסטערניש; די זיצונגען בײַ דעם שײַן פון די לאָמפּען זענען געווען אונהײמליכע. מען האָט אײנער דעם אַנדערען נישט געזעהן; פון אײן עק זאַל צום צווײטען, פון רעכטס אויף לינקס, האָבען זיך אונדײַטליכע פּנים'ער געזידעלט אײנע די צווײטע. מען האָט זיך געטראָ־פען און זיך נישט דערקענט. אײנמאָל האָט זיך לעניעלאָ, לויפענדיג צו דער טריבונע אָנגעשלאָגען אָן עמיצען. — ענטשולדיגט, ראָבעספּיער, האָט ער גע־זאָגט. — פאַר וועמען האַלט איהר מיך? האָט געענטפערט אַ הײזעריג שטים. — ענטשולדיגט, מאַראַט, האָט זיך לעניעלאָ געכאַפּט.

אונטען אויף רעכטס און לינקס פון פּרעזידענט, זענען צווײ טריבונעס געווען רעזערווירט; ווײַל, ווי עס זאָל נישט וואונדערן, זענען אין קאָנווענט געווען פּריווילעגירטע צושויער. די דאָזיגע טריבונעס זענען געווען די אײנ־ציגע, וועלכע מען האָט דראַפּירט: אינמיטען פון אונטערבאַלקען האָבען צווײ גאָלדענע בוכשטאַבען אויפגעהויבען די דאָזיגע דראַפּעריע. די פאָלקס־טריבונעס זענען געווען נאַקעטע.

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געטראָגען אַ שטורמישען, ווילדען און דאָך רעגעלמעסיגען כאַראַקטער. דאָס קאָרעקטע אין ווילדען — דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס די רעוואָלוציע. דער זאַל פון'ם קאָנווענט איז געווען אַ פולשטענדיגער מוסטער פון דעם, וואָס די קינסטלער האָבען דערנאָך אָנ־גערופען „די מעסידאָרער [32] אַרכיטעקטור"; עס איז געווען מאַסיוו און אין דער זעלבע צײַט לײַכט צו צובּרעכען. די דאַמאָלסדיגע האָבען געזעהן דאָס שעה־נע אין דער סימעטריע. דאָס לעצטע וואָרט פון'ם רענעסאַנס־סטיל איז גע־ווען אַרויסגעזאָגט אונטער לודוויג XV, דערנאָך קומט די רעאַקציע. מען האָט דאָס אײדעלע געשטויסען ביז צום געשמאַקלאָזען, און די רײנקײט ביז צו דער לאַנגווײַליקײט. עס הערשט אין דער אַרכיטעקטור אַ פאַלשע צנועות, נאָך די פאַרבלענדענדע אָרגיעס פון פאָרמען און פאַרבען אינם אַכטצעהנ־טען יאָהרהונדערט, האָט זיך די קונסט פאָרגעשריבען אַ דיעטע און האָט זיך נאָר ערלויבט די גלײַכע ליניע. די אַרט פון פאָרשריט איז דערגאַנגען ביז צו דער מיאוסקײט, די קונסט דערפירט צו אַ סקעלעט — דאָס זענען געווען די פאָלגען. דאָס זענען די נעגאַטיווע זײַטען פון דעם מין צנועות און צוריק געהאַלטענקײט; דער סטיל ווערט אַזוי בעלאָדען, ביז ער ווערט דאַר.

32) מעסידאָר — אַ נאָמען פון אַ חודש אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאַלענדאַר.

אַז מען זאָל לאָזען אָן אַ זײַט די פֿערשידענע פּאָליטישע אויפֿרעגונגען, און בלויז בעטראַכטען די אַרכיטעקטור פֿון דעם זאַל, מוז אָנכאַפּען אַ שוידער. מען דערמאָהנט זיך ווי דורך אַ נעבעל דאָס אַלטע טעאַטער, די לאָזשעס בעפּוצט מיט גירלאַנדעס, די סופֿיטען, אויסגעמאָלט מיט גאָלד אויף בלאָהען, די געשליפֿענע לײַכטער, די זשיראַנדאָלען מיט אַ דימאַנטען־אָבשײַן, די פֿערשידענפֿאַרביגע טאַפּעטען, דעם איבערפֿלוס פֿון אַמאָרען און נימפֿען אויף דעם פֿאָרהאַנג און דראַפּעריעס; די גאַנצע קעניגליכע און גלאַנטע אידיליע, געמאָהלט, געשניצט און בעגאָלדעט, וועלכע האָט פֿאַרפֿילט דעם דאָזיגען שטרענגען אָרט מיט איהר שמייכעל — און געקוקט האָט מען אַרום זיך אויף די האַרטע רעכטליניגע ווינקלען, קאַלטע און שנײַדיגע, ווי שטאָהל.

4.

ווער עס האָט געזעהען די פֿערזאַמלונג, האָט שוין מעהר נישט געקלערט וועגען דעם זאַל. ווער עס זעהט די דראַמע, קלערט נישט וועגען טעאַטער. עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלען עפּעס מעהר פֿאַרמלאָזעס און עפּעס מעהר ערהאַבענעס. אַ מאַסע פֿון העלדען, אַ סטאַדע פֿון נידריגע בריאות, ווילדע חיות אויף אַ באַרג, שלאַנגען אין אַ בלאָטע. דאָ האָבען געווימעלט, זיך געשטויסען, פּראָוואָצירט, בעדראָהט, געקעמפּפֿט און געלעבט די אַלע קעמפּפֿער, וועלכע זענען הײַנט בלויזע שאָטענס.

אַ טיטאַנישע צעהלונג:

רעכטס, די זשיראָנדע, אַ לעגיאָן דענקער; לינקס, דער באַרג, אַ גרופּע אַטלעטען. פֿון איין זײַט בריסאָ, וועלכער האָט בעקומען דעם שליסעל פֿון דער באַסטיליע; באַרבאַרו, וועמען די מאַרסיליער זענען געווען געהאָרכזאַם; דער פֿאַטאַלער גאַדע, וועמען די קעניגין האָט אַמאָל אין אַ נאַכט, אין דעם טוילעריע־פּאַלאַץ געוויזען דעם אײַנגעשלאָפֿענעם קרוינפּרינץ; גאַדע האָט אַקיש געטהון דעם שטערן פֿונ׳ם קינד און האָט מיטגעהאָלפֿען אָראָבהאַקען דעם פֿאָטערס קאָפּ; לאָז־דיופּרע, וועלכער נאָכדעם ווי אַ זשורנאַליסט, האָט איהם אָנגערופֿען רוצח האָט ער דעם זשורנאַליסט פֿאַרבעטען אויף מיטאָג, זאָגענדיג: „איך ווייס, אַז דורך דעם וואָרט „רוצח“ מײַנט מען אַ מענשען, וועלכער דענקט נישט ווי מיר“. יעקב דיופּאָן, דער ערשטע, וועלכער האָט אויסגעשריען: „איך בין אַ אַטעאיסט“, אויף וואָס ראָבעספּיער האָט געענטפֿערט: דער אַטעאיזם איז אַ אַריסטאָקראַטישע זאַך“. לאַסורס, וועלכער האָט אויסגעזאָגט אַזאַ מערדערישען ווערטעל: „וועה צו די דאַנקבאַרע פֿעלקער!“ און וועלכער האָט זיך בײַ דער תליה אַליין סותר געווען דורך די

שטאלצע ווערטער, וואס ער האט נעוואָרפען די מיטגלידער פון בארג: „מיר שטארבען, ווייל דאס פאלק שלאפט; איהר וועט שטארבען, ווייל דאס פאלק וועט אויפוואכען.“ מערסיע, דער מחבר פון די „פאריזער בילדער“, וועלכער האט אויסגעשריען: „אלע קעניגע האבען דערפיהלט אויף זייער קארק דעם 21-טען יאנואר“. דער זשורנאליסט קארא, וועלכער ארויפגעהענדיג אויף דער תליה האט געזאגט צום תליון:

„ס'איז פונדעסטוועגען א שאד צו שטארבען, איך וואלט געוואלט זעהן די פארטזעצונג“.

פון דער צווייטער זייט — סען-זשוסט, א בלאסער, מיט א נידריגען שטערן, מיט רעגעלמעסיגע געזיכטס-ציגען, א מיסטישען אויג, טיפען טרויער, דריי-און צוואנציג יאהר אלט; מערלען דע טיאָנוויל, וועמען די דייטשען האבען אנגערופען „פייער—טייוועל“; זשאנא, וועלכער האט געענטפערט, ווען מען האט זיך געקלאגט אויף די נאקעטקייט פון די א־עס-טירטע, די ווילדע ווערטער: „די תפיסה איז א קלייד פון שטיין“, לעזשאנדר, וועלכער איז געוועזן דער קצב פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, ווי פריד איז געוועזן דער קצב פון דער ענגלישער רעוואלוציע;

קום נאר, איך וועל דיך דער'הרג'ענען! האט ער אויסגעשריען צו לאנזשיוינע, אויף וואס לאנזשיוינע האט געענטפערט: — די מוזט אבער פריהער דורכפיהרען א דעקרעט, וועלכער וועט בעשטימען, אז איך בין א אקס. און אין דער שפיץ פון דער דאזיגע גרופע א מיראבא, וועלכער האט געהייסען — דאנטאן.

און אן דער זייט פון די צוויי לאגערן, האלטענדיג זיי ביידע אין מורא, איז געשטאנען איין מענש — ראבעספיער.

5.

אונטען האט זיך געבויגען די שרעק, וועלכע קאן זיין איידעל, און די מורא, וועלכע איז געמיין. זי האט זיך געבויגען אונטער די ליידענשאפטען, אונטער דעם העלדענמוט, אונטער דער אפפערוויליגקייט, אונטער דעם צארן — א טריבער געדראנג פון מענשען אהן נעמען. דער אונטערשטער דעק פון דער פערזאמלונג האט געהייסען לא פלען (פלאכער שטח). דא האט זיך געפינען אלץ, וואס וואקעלט זיך; די מענשען, וועלכע צווייפלען, וויינען נישט זיכער, ציהען זיך צוריק, לעגען-אב, ווארטען — יעדער איינער מורא האבענדיג פאר עמיצען. דער בארג דאס זענען געוועזן די אויסדערוועהלטע; לא פלען — דער המון. לא פלען האט זיך צוזאמענגעפאסט און זיך אויסגעשפראכען אין סיעס.

סיִעס, אַ טיפֿער מענש, וועלכער איז געוואָרען הויל. ער איז שטעהן געבליבען בײַם דריטען שטאַנד און האָט זיך נישט געקאָנט דערהויבען צום פֿאָלק. דער גורל פֿון מאַנכע גײַסטער איז, אַז זיי זאָלען בלײַבען שטעהן אינמיטען וועג. סיִעס האָט אָנגערופֿען מיט'ן נאָמען טיִנער ראָבעספּיער'ן, וועלכער האָט איהם גערופֿען (קראָט). דער מעטאַפֿיזיקער איז דערגאַנגען נישט צו דער חכמה, נאָר צו דער קלוגשאַפֿט. ער איז דער הויפּטמאַן און נישט דער דינער פֿון דער רעוואָלוציע. עס זענען פֿאַרהאַן דענקער, וועלכע זענען קעמפּפֿער; עס זענען אויך פֿאַרהאַן דענקער, וועלכע ווילען לעבען, און די דאָזיגע האָבען געהאַלטען מיט סיִעס'ן

פֿעסער מיט'ן בעסטען ווײַן האָבען זייער אָבשוים. אונטער דער פֿלען איז נאָך געווען דער זומפּ. אַ מיאום געמויזעכץ, פֿון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעזעהן דער עגאָיזם. דאָ האָט געציטערט די שטומע ערוואַרטונג פֿון די שרעקעדיגע. עס איז נישט פֿאַרהאַן עפּעס געמײַנערעס. זיי האָבען געהאַט אַלע שאַנדען און דאָבײַ קיין שום בושה; נאָר בעהאַלטענער כעס; און אַ עמפּערונג אונטער דער קנעכטשאַפֿט. זיי זענען געווען ציניש דערשראָקען; זיי האָבען געהאַט דעם מוט פֿון נידערטרעכטיגער פּחדנות; זיי האָבען בעסער געוואָלט די זשיראָנדע און אויסגעקליבען דעם באַרג. דער אויסגאַנג איז פֿון זיי געווען אָבהענגיג, און זיי האָבען זיך געניינט צו דער זײַט, וועלכע האָט געהאַט מעהר אויסזיכטען אויף ערפֿאָלג. זיי האָבען אַלץ אונטערשטיצט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבען אַלץ נישט אומגעוואָרפֿען. זיי האָבען אינסטינקטיוו געגעבען דעם דעצודירענדען שטויס אַלץ, וואָס האָט זיך געוואַקעלט. זיי זענען געווען די צאָהל, זיי זענען געווען די קראַפֿט, זיי זענען געווען די מורא. פֿון דאַנען קומט די חוצפּה פֿון דער נידערטרעכטיגקײַט.

פֿון דאַנען קומט דער 31-טער מאַי, דער 11-טער זשערמינאַל, דער 9-טער טערמידאָר-טראַגעדיעס פֿערקניפּטע דורך ריעזען און אויפֿגעקניפּטען דורך קאַרליקעס.

I. 6

די דאָזיגע מענשען, פֿול מיט לײַדענשאַפֿטען, זענען געווען צונויפֿגעמישט מיט מענשען בעלי־חלומות. די אוטאָפּיע איז דאָ געווען אין אַלע איהרע פֿאָרמען: אין דער קריגס-פֿאָרם, וועלכע האָט דערלאָזען די תליה און אין אַ אונשולדיגער פֿאָרם, וועלכע האָט אָבגעשאַפֿט דעם טויט-שטראָף; אַ געשפּענסט פֿאַר די טיראַנען; אַ מלאך פֿאַר די פֿעלקער. נעבען די קעמפּפֿענדיגע גײַסטער האָבען זיך געפֿונען גײַסטער, וועלכע האָבען אין זייערע מוחות געהאַט דעם פֿרידען; איין מוח, קאַרנאָ, האָט געבוירען פּיערצעהן אַרמעען; אַנ',

אַנדערער טוח, ושאַן דעבריִ, האָט געטראַכט וועגען אַ אַלוועלטליכע דעמאָ־
קראַטישע פעדעראַציע, צווישען די היציגע בעלעדזאַמקײַט, צווישען די הויך־
שרײַענדע און שעלטענדע שטימען האָבען זיך געפֿונען פרוכטבאַרע שווײַגער.
לאַ קאַנאַל האָט געשוויגען און צוזאַמענגעשטעלט אַ פּלאַן פֿון נאַציאָנאַלער
געזעלשאַפֿטליכער ערציהונג; לאַנטענאַ האָט געשוויגען און געשאַפֿען די פֿאָלקס־
שולען; רעוועליער־לעפּאָ האָט געשוויגען און נעחלום׳ט וועגען דערהויבען
די פילאָזאָפיע צו דער מדרגה פֿון אַ רעליגיע. אַנדערע האָבען זיך בעשעפֿ־
טיגט מיט קלענערע אָבער פּראַקטישערע פֿראַגען. אַרטיסטען, רעדנער, נביאים,
מענשען־ריזען, ווי דאַנטאָן, מענשען־קינדער ווי קלאָטץ, גלאַדיאַטאָרען און
פילאָזאָפען — אַלץ איז געגאַנגען צום זעלבען ציעל — צום פּראָגרעס. עס איז
נישט געווען קיין זאַך, וועלכע זאָל זײַ שטערען. די גרויסקײַט פֿון קאָנווענט
איז בעשטאַנען אינ׳ם זוכען דאָס ווירקליכע אין דעם, וואָס די מענשען האָבען
אָנגערופֿען אוממעגליכקײַט. אויף אײַנעם פֿון די עקסטע פּונקטען האָט ראָ־
בעספּיער געווענדעט זײַן בליק אויף דאָס רעכט; אויף דעם צווײַטען עקסטען
פּונקט האָט קאָנדאָרסע געווענדעט זײַן אויג אויף די פּליכט. קאָנדאָרסע איז
געווען אַ מענש פֿון חלומות און קלאָרע געדאַנקען; ראָבעספּיער איז געווען
אַ מענש פֿון אויספֿיהרענדער טהאַט; און אין די לעצטע איבערקעהרענישען
פֿון פֿערעלטערטע געזעלשאַפֿטען, הײַסט אָפֿטמאָל אויספֿיהרען — אויסראָטען.
די רעוואָלוציעס האָבען צוויי וועגען: אײַנער אַרויפֿצושטײַגען און דער צוויי־
טער אַראָבצושטײַגען; און די וועגען פֿיהרען שטאָקוויי‎ז דורך אַלע צײַטען
פֿון יאָהר, פֿונ׳ם קאַלטען אײַז ביז צו די בלומען.

יעדע פֿון די געגענדען שאַפֿט מענשען, וועלכע פּאַסען פֿאַר איהר
קלימאַט, אָנהויבענדיג פֿון די, וועלכע לעבען אויף דער זון ביז די, וועלכע
לעבען צווישען דונערן.

7

מען האָט זיך אָנגעוויזען אַ ווינקעל, וואו עס זענען געזעסען, עלענבויי־
גען־בײַ־עלענבויגען, די זיבען פֿאָרשטעהער פֿון דער האָט־גאַראָן, וועלכע
זענענדיג גערופֿען די ערשטע אָבצושטימען וועגען גורל פֿון לודוויג דעם
16־טען, האָבען געענטפֿערט אײַנער נאָך דעם צווײַטען: מאַיל — טויט, —
דעלמאַ: טויט, — פּראָזשאַן: טויט, — קאַלע: טויט, — עראַל: טויט, — זשוליען:
טויט, — דעזאַבי: טויט. אַ אײַביגער ווידערקלאַנג, וועלכע פֿיעלט אָן די גאַנצע
געשיכטע.

מען האָט אָנגעוויזען מיט די פֿינגער, אין דער רוישיגער מענגע פֿון
פּנים׳ער, אויף אָט די אַלע מענשען, פֿון וואַנען עס איז אַרויסגעגאַנגען דער

ליארם פון דער טראַניִשער אָבשטימונג. פאַנאַנעל, וועלכער האָט געזאָגט: „טויט. אַ קעניג איז נור דורך זיין טויט נוצליך". מילאַ, וועלכער האָט געזאָגט: „ווען דער טויט זאָל ניִשט געווען עקזיסטירען, וואָלט מען איהם דאַרפען היינט ערפינדען". דער אַלטער ראַפּראַן דיו טרויע, וועלכער האָט געזאָגט: „שנעל דעם טויט!". גופילאָ, וועלכע האָט אויסגעשריִען: „די רגע זאָל זיין די תליה. די לאַנגזאַמקייט מאַכט דעם טויט נאָך שווערער". סיעס, וועלכער האָט קורץ געענטפערט: „טויט". טוריאָ, וועלכער האָט דעם אויפרוף צום פאָלק, וואָס ביזאָ האָט פאָרגעשלאָגען, אָבגעוואָרפען מיט די ווערטער: „וואָס! פערציג טויזענד געריכטען! אַ פּראָצעס אָהן אַ סוף! דער קאָפּ פון לודוויג דעם 16-טען וועט איבער דער צייט גראה ווערען, איידער ער וועט אַראָבפאַלען". אויגוסטען-באָן ראָבעספיער, וועלכער האָט נאָך זיין ברודער אויסגעשריִען: „איך אָנערקען ניִשט אַזאַ מענשליכקייט, וועלכע דערדריקט פעלקער און איז מוחל דעספּאָטען. טויט! די פאָדערונג אָבצולעגען — הייסט האַרכען דעם רוף פון די טיראַנען אַנשטאָט פון דעם פאָלק". פוסדואר, וועלכער האָט געזאָגט: „מיך גרוילט די פערגיסונג פון מענשען-בלוט, נאָר דאָס בלוט פון אַ קעניג איז ניִשט קיין בלוט פון אַ מענשען. טויט!". זשאַן-באָן-סענט-אַנדרע, וועלכער האָט געזאָגט: „ווי לאַנג דער טיראַן לעבט, איז ניִשט פאַרהאַן קיין פריי פאָלק". לאַ וויקאָמטעריע האָט פּראָקלאַמירט אַזאַ פאָרמולע: „אַזוי לאַנג ווי דער טיראַן אָטעמט, ווערט די פרייהייט דערשטיקט. טויט!". שאַטאָ נעף ראַנדאָן, וועלכער האָט אויסגעשריִען: „טויט לודוויג דעם לעצטען!". גויאַרדען, וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט אַזאַ וואונש, אַז מען זאָל דעם קעניג טויטען אויף דעם אומגעדרעהטען טראָן. טעליע, וועלכער האָט געזאָגט: „מען זאָל אויסשמידען, אום צו שיסען אויף דעם שונא, אַ האַרמאַט פונ'ם קאַליבר פון לודוויג דעם 16-טענס קאָפּ". און די ווייניגער שטרענגע, ווי זשאַנטיל, האָבען געפאָדערט אייביגע תפיסה, ווייל „נאָך אַ קאַרל 1-טען קומט אַ קראָמוועל". באַנקאַל, וועלכע האָט געזאָגט: „פון לאַנד פערטרייבען!", „איך וויל זעהן דעם ערשטען קעניג אין דער וועלט, פער'משפט צו פערדינען דורך אַ בעריף זיין ברויט". אַלבוי פאָדערט אַרויסצוטרייבען, „בכדי דער דאָזיגער לעבעדיגער שאָטען זאָל געהן וואַנדערן אַרום די טראָנען". שאַיליאָן: „זאָל ער לעבען. איך וויל ניִשט מאַכען קיין מת, פון וועמען רוים וועט מאַכען אַ הייליגען".

בשעת די אויסשפּרוכען זענען געפאַלען פון די שטרענגע ליפּען, איינער נאָך דעם אַנדערן, און זיך צושפּרייט אין דער געשיכטע, האָבען אויף די טריבונעס, דעקאָלטירטע און אויסגעפּוצטע פרויען געצעהלט די שטימען, האַלטענדיג אַ ליסטע אין דער האַנד און אַריינגעשטאָכען שפּילקעס אונטער יעדער אָבשטימונג.

וואו עס איז אריינגעטרעטען די טראגעדיע, דארט בלייבט דער גרויל און דאס רחמנות.

בעטראכט מען דעם קאנווענט, אין וועלכער עפּאכע עס זאל נישט זיין, שטענדיג זעהט מען דעם משפט פונ׳ם לעצטען קאפּעט; די שרעקליכע פערזאמלונג איז געווען פול מיט דעם פאטאלען הויך, וועלכער האט א בלאז געטהון אויף דעם מאנארכיסטישען ליכט און האט עס פערלאשען. דער פּראצעס געגען אלע קעניגען אין דער פּערזאן פון איין קעניג איז געווען ווי דער אויסגאנגס-פונקט פון דעם גרויסען קריג, וועלכען זי האט ערקלערט דער פערגאנגענהייט; אויף וועלכער זייטע פון קאנווענט מען האט נישט געזאלט זיין, שטענדיג האט מען דארט געזעהען פאלען א שאטען, וועלכער האט זיך געטראגען פון לודוויג׳ס תליה; די צושויער האבען איינער דעם צווייטען דערצעהלט פון דעם דעפּוטאט פון דע-סעוור, וועלכער, זייענדיג קראנק, האט זיך געהייסען ברענגען אויף זיין בעט צו דער זיצונג און שטארבענדיג געשטימט פאר׳ן קעניגס לעבען, פון וואס מאראט האט זיך הייך פונאנדער-געלאכט, און מען האט געזוכט מיט די אויגען דעם פארשטעהער, וועמענס נאמען די געשיכטע האט פערגעסען, וועלכער, זייענדיג שטארק מיעד פון דער זיעבען-און-דרייסיג-שעה׳יגער זיצונג, איז איינגעשלאפען, און ווען מען האט איהם אויפגעוועקט צו דער אבשטימונג, האט ער האלב אויפגעמאכט די אויגען, געזאגט: „טויט" און צוריק איינגעשלאפען.

און אין דעם מאמענט, ווען מען האט אבגע׳משפט צום טויט לודוויג דעם 16-טען, איז ראבעספיער׳ן געבליבען נאך אכצעהן חדשים צום לעבען, דאנטאן—פינפצעהן חדשים, ווערניא׳ן—ניין חדשים, מאראט׳ן — פינף חדשים מיט דריי וואכען, לעפּעלעטיע-סען-פארושא—איין טאג. קורצער און שרעקליכער אטעם פון מענשליכע מיילער

8:

דאס פאלק האט געהאט זיין אפען פענסטער אין דעם קאנווענט אריין, דאס זענען דערווייל די עפענטליכע טריבונעס—און ווען דאס פענסטער איז געווען ווייניג, האט עס זיך אויפגעעפענט די טהיר, און די גאס איז אריין אין דער פערזאמלונג. דאס דאזיגע אריינדרינגען פון המון איז איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען אין דער געשיכטע, געוועהנליך, האבען די דאזיגע אריינבריכען געטראגען א הארציגען און ברידערליכער כאראקטער, עס איז אבער שרעקליך די דאזיגע הארציגקייט פון א פאלק, וועלכעס האט איינמאל אין דריי שעה פערכאפּט די הארמאטען און פערציג טויזענד ביקסען.

יעדער רגע פלעגט מען אויפסניי ארײַנדרינגען אין זאל און איבערײַסען די זיצונג; דאס זענען געווען דעפוטאציעס, פעטיציעס, בעגריסונגען, געשאנקען, דער עהרען-שפיז פון דער פארשטאדט סענט-אנטואן איז ארײַן, געטראגען פון פרויען. די ענגלענדער האבען געשאנקען צוואנציג טויזענד פאר שיך פאר די נאקעטע פיס פון אונזערע סאלדאטען. דעלעגירטע פון די סעקציעס פלעגען קומען אין מיטברענגען טאצען, טעלערס, בעכערס, קירכען חפצים, שטיקער גאלד, זילבער, בעגאלדעט זילבער, געשאנקען דעם פאטערלאנד די מאסע און טראנטעס, און געפאדערט אלס דאנק די ערלויבניש צו טאנצען די קארמאניאלע פאר'ן קאנווענט. שענאר, נארבאן און וואליער זענען געקומען זינגען קופלעטען לכבוד דעם „בארג" די סעקציע מאנבלאן האט געבראכט דעם ביוסט פון לאפעלטיער און א פרוי האט אנגעטון א רויט היטעל דעם פרעזידענט, וועלכער האט זי ארומגענומען; „די בירגערינס פון דער סעקציע לע מאיל" האבען געווארפען בלומען צו די פיס „פון די געזעצגעבער"; די פרויען פון די סעקציע גארדפראנסעז האבען געשאנקען רויזען; די „שילער פונ'ם פאטערלאנד" זענען געקומען מיט מוזיק דאנקען דעם קאנווענט פאר'ן „צוגרייטען דעם וואוילשטאנד פונ'ם יאהרהונדערט". די פרויען פון דער סעקציע שאנז-עליזע האבען געשאנקען א קרוין פון אייכען-בלעטער; די פרויען פון דער סעקציע טאמפל זענען געקומען און געשוואוירען, אז „זיי וועלען חתונה האבען נאר מיט אמת'ע רעפובליקאנער". די סעקציע מאליער האט געשאנקען א מעדאל פון פראנקלין, וועלכע מען האט, לויט א פעראָרדנונג אויפגעהאנגען אויף דעם דענקמאל פון דער פרייהייט; די אונטערגעווארפענע קינדער, וועלכע זענען אנערקענט געווארען אלס קינדער פון דער רעפובליק, זענען פאר-ביימארשירט אנגעטהון אין נאציאנאלע קליידער; די יונגע מעדלעך פון דער סעקציע פון „צוויי-און נײַנציגסטען יאהר" זענען געקומען אין לאנגע ווײַסע קליידער און אויף מארגען איז געשטאנען אין „מאניטאר": „דער פרעזידענט האט בעקומען א בוקעט פון די הענד פון א יונגע שעהנהייט"!

די רעדנער האבען בעגריסט דעם המון, און מאנכעסמאל איהם געחנפ'ט; זיי האבען געזאגט צו דער מאסע: „דו ביסט אונפעהלבאר, דו ביסט אהן חסרון, דו ביסט ערהאבען"; דאס פאלק איז ווי א קינד, עס האט ליעב די דאזיגע נאשערײַ. מאנכעסמאל איז דורך די פערזאמלונג א אויפשטאנד אדורכגעגאנגען, ס'-ארײַן מיט צארן און ארויס געשטילט, אזוי ווי דער טײַך ראן, וועלכער פליסט דורך דעם זשענעווער-זעע, פאלט ארײַן א בלאטיגער און געהט ארויס א קלארער און בלאהער.

צײַטענווײַז איז עס וועניגער פרידליך צוגעגאנגען, און הענריא האט

געהייסען ברענגען פאר די מוערען פון דער טוועלעריע רושטעס צו דער־היצען די קוילען.

9.

די דאזיגע פערזאמלונג האט אויך געשאפען די ציוויליזאציע עס איז געווען נישט נאר א שמעלצ־אויוועז, נאר אויך א שמיעדעריי. אין דעם קעסעל, וואו עס האט געזאטען דער טעראר, האט געקאכט דער פראגרעס. פון דעם כאאס פון שאטענס און פון דעם רוישיגען לויפען פון די וואלקענס, זענען ארויסגעקומען געוואלדיג גרויסע שטראהלען ליכט גלייך צו די אייביגע געזעצען. שטראהלען, וועלכע בלייבען אויפ'ן האריזאנט און לויכטען שטענדיג אויף דעם הימעל פון די פעלקער, ווי: רעכט, טאלעראנץ, גוטסקייט, פערנונפט, אמת, ליעבע. דער קאנווענט האט ארויסגעזאגט די גרויסע אקסיאמע: „די פרייהייט פון א בירגער הערט אויף דארט, וואו די פרייהייט פון צווייטען בירגער הויבט זיך אן" — אין צוויי שורות אויסגעדריקט די גאנצע מענשליכע געזעלשאפטליכקייט. דער קאנווענט האט ערקלערט די ארימקייט פאר א הייליגע; ער האט ערקלערט די בלינדע און טויב־שטומע פאר הייליגע, די מוטערשאפט און די פערפיהרטע מעדלעך, וועלכע ער האט ערהויבען און געטרייסט אלס הייליגע; די קינדהייט און די יתומים אלס הייליג, די אונשולד אינ'ם בעשולדיגטען און שפעטער בעפרייטען, אלס הייליג; דער האנדעל מיט די שווארצע איז געווארען אבגעשאפט און די קנעכטשאפט צושמעטערט. ער האט פראקלאמירט די בירגערליכע סאלידאריטעט. ער האט פעראָרדענט, די שולען זאלען זיין בחנם. ער האט ארגאניזירט די נאציאנאלע ערציהונג דורך די נארמאלע שולען אין פאריז, דורך צענטראלע שולען אין די הויפטשטעדט פון די דעפארטאמענטען און אנפאנגס־שולען אין די געמיינדעס. ער האט געשאפען קאנסערוואטאריום,ס און מוזעען. ער האט פעראָרדענט די איינהייט פון קאדעקס, די איינהייט פון וואג און מאס און די איינהייט פון רעכנונג אויפ'ן סמך פון מעטרישען סיסטעם. ער האט בעפעסטיגט די פינאנסען אין פראנקרייך און נאך דעם לאנגען באנקראט איז געקומען דער געזעלשאפטליכער קרעדיט. דער פערקעהר האט בעקומען דעם טעלעגראף, די אלטע מושב־זקנים, די קראנקע שפיטעלער, די לעהרע — א פאליטעכנישע שולע, די וויסענשאפט — א אבסערוואטאריום, דער מענשליכער גייסט — א אקאדעמיע.

זייענדיג נאציאנאל, איז דער קאנווענט אין דערזעלבער צייט געווען קאסמאפאליטיש. פון די עלף טויזענד צוויי הונדערט צעהן דעקרעטען, וועלכע ער האט ארויסגעגעבען, האט א דריטעל א פאליטישען ציעל און צוויי דרי־

טיל — אַ מענשליכען. ער האָט ערקלערט די אַלוועלטליכע מאָראַל אַלס באַזיס פון דער געזעלשאַפט און דאָס אַלוועלטליכע געוויסען אַלס באַזיס פונ'ם געזעץ. און דאָס אַלץ צוזאַמען — צוזאַמענגעטראָגען, צושמעטערט די קנעכטשאַפט, פערבעסערט דעם מענשליכען געוויסען, פערוואַנדעלט אין רעכט דאָס אַרבייטס-געזעץ, בעפעסטיגט דעם נאַציאָנאַלען רייכטום, געלערנט און בייגעשטאַנען די קינדהייט, אונטערשטיצט די ליטעראַטור און וויסענשאַפט, ליכט אָנגעצינדען אויף אַלע שפּיצען הילף געגעבען אַלע נויטען — דאָס אַלץ האָט דער קאָנווענט געשאַפען, האָבענדיג אין איינער די דאָזיגע שלאַנג, די וואַנדעע, און אויף די פּלייצעס — אַזוי פיעל צאָהל פון טיגערס, וויפיעל — קעניגע.

10.

אַזוי איז געווען דער קאָנווענט — אַ לאַגער, בעפעסטיגט פון מענשליכען געשלעכט און אַ טאַקירט מיט אַמאָל פון אַלע זייטען דורך אַלע פינסטערע כחות; אַ נעכטליכער פייער, אָנגעצונדען פאַר בעלאַגערטע אידעען; אַ גרויסער נאַכט-לאַגער פון געניאַלע גייסטער איבער אַ טיעפען תהום. עס איז נישט צו געפינען אין דער געשיכטע עפּיס עהנליכעס, וואָס מען זאָל קאָנען פערגלייכען מיט דער גרופּע מענשען, גלייכצייטיג סענאַט און המון, אַעראָפּאַג, און מאַרק, טריבונאַל און בעשולדיגטער.

און איצט נאָכ'ן פערלויף פון אַכציג יאָהר, יעדעס מאָל, ווען פאַר דעם געדאַנק פון אַ מענשען — ווער ער זאָל נישט זיין, היסטאָריקער אָדער פילאָזאָף — ערשיינט דער קאָנווענט, מוז זיך דער דאָזיגער מענש אָבשטעלען און פערטראַכטען. עס איז אונמעגליך נישט צו זיין אויפמערקזאַם צו דער דאָזיגער גרויסער פּראָצעסיע פון שאָטענס.

II.

מאַראַט הינטער די קוליסען.

מאַראַט איז אויף צומאָרגענס נאָך דעם בעגעגניש אויף דער פּאָן גאַס געגאַנגען אין קאָנווענט.

אינ'ם קאָנווענט איז געווען אַ מאַראַטיסטישער מאַרקיז, ליוי דע מאָנטאָ, דערזעלבער, וועלכער האָט שפּעטער געשענקט דעם קאָנווענט אַ זייגער לויט אַ דעצימאַלען סיסטעם איינגעפאַסט אין מאַראַט'ס ביוסט.

אין דער רגע, וואָס מאַראַט איז אַריינגעקומען, האָט זיך צו מאָנטאָ דערנעהנטערט שאַבאָ.

— אַטאַליגערו — האָט ער געזאָגט. מאָנטאָ האָט אויפגעהויבען די אויגען.

— פאַרוואָס רופסט דו מיך „אַמאַליגער”?
— ווייל דו ביסט עס.
— איך?
— ביסט דאָך געווען אַ מאַרקיז.
— קיינמאָל נישט.
— יאָ!
— מיין פאָטער איז געווען אַ סאָלדאַט און מיין זיידע איז געווען אַ וועבער.
— וואָס פערצעלסט דו בבא־מעשיות, מאָנטאָ?
— איך הייס גאָרנישט מאָנטאָ?
— ווי דען הייסטו?
— איך הייס מאַריבאָן.
— איבריגענס האָט געזאָגט שאַבאָ, איז עס מיר אַלץ איינס.
און צוגעגעבען צווישען די ציינער:
— יעדער פאַרלייקענט היינט זיין אַריסטאָקראַטישע אָבשטאַמונג.
מאַראַט איז געבליבען שטעהן ביים קולואַר ליינקס און זיך איינגעקוקט אויף מאָנטאָ און שאַבאָ.
יעדעס מאָהל ווען מאַראַט איז אַריינגעקומען, איז געוואָרען אַ גערודער; נאָר ווייט פון איהם אַרום איהם האָט מען געשוויגען. מאַראַט פלעגט דאָס נישט מערקען, ער האָט פעראַכטעט „דאָס קוואַקען פון דעם זומפּ”.
אין האַלבשאָטען פון די הינטערשטע בענק, זענען געזעסען קאָנפע, דע ל'אואַז, פריונעל, ווילאַר, בישאָף, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, בוטרו, פּטיס, פּלעשאַר, באָנע, טיבאָדאָ, וואַלדריוש און זיך איהם געוויזען מיט די פינגער.
— זעה נאָר, מאַראַט,
— ער איז אַלזאָ נישט קראַנק?
— ער מוז זיין קראַנק, ער געהט דאָך אין אַ שלאָפראָק?
— אין אַ שלאָפראָק?
— יאָ באמת;
— ער ערלויבט זיך אַלץ!
— ער וואַגט אַזוי צוקומען אין קאָנווענט;
— אז ער האָט געקאָנט איינמאָל קומען בעקראַנצט מיט לאָרבער, קאָן ער איצט קומען אין אַ שלאָפראָק.
— אַ קופּערנער פּנים מיט ציינער פון גרינשפּאַן.
— זיין שלאָפראָק זעהט אויס ווי ניי.

— פון וואס'ער שטאף?
— פון ריפס.
— געשטרייפעלט.
— קוקט נאר אן די רעוועדסען.
— זיי זענען פון פעל.
— טיגריסען פעל.
— ניין, פון גאראנגאסטאי.
— פאלשע.
— ער געהט דאך אין זאקען.
— דאס איז מארנע.
און שיך מיט שנאלען.
— זילבערנע!
אויף די אנדערע בענק האט מען זיך געמאלט, ווי מען זעהט נאך נישט מאראט'ן. מען האט געשמועסט פון אנדערע זאכען. סאנטאנאקס איז צו־געגאנגען צו דיוסא.
— איהר ווייסט, דיוסא?
— וואס?
— דער געוועזענער גראף פון ברנען?
— וועלכער איז געזעסען אין דער תפיסה לא פארס מיט דעם געוועזענעם פירשט דע ווילרוא?
— יא.
— איך האב זיי ביידע געקענט איז וואס?
— זיי האבען ביידע אזוי מורא געהאט, אז זיי האבען נעגריסט יעדע טורמע־היטער וואס איז געגאנגען אין א רויטען היטעל, און זיי האבען זיך איינמאל אבגעזאגט צו שפיעלען אין קארטען, ווייל דארט זענען געווען מלכים מיט מלכות.
— אלזא?
— מען האט זיי נעכטיגן גיליאטינירט.
— ביידע?
— ביידע.
— ווי האבען זיי זיך געהאלטען אין דער תפיסה?
— ווי פחדנים.
— און ווי האבען זיי זיך געהאלטען ביי דער תליה?
— אונערשראקען.
— עס איז לייכטער צו שטארבען, ווי צו לעבען, —האט אויסגערופען דיוסא

באַרער האָט געהאַלטן אין מיטן פאַרלייענען אַ ראַפּאָרט: עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן וואַנדעע. ניין הונדערט מאַן פון מאַרביהאַן זענען אַוועק מיט קאַנאָנען צו הילף די שטאָט נאַנט. רעדאָן איז געווען בעדראָהט פון די פּויערים. פּעסבעף איז מען באַפאַלן, עטליכע שיפן קורסירן ביי מענדרען; אום צו שטערן דאָס אַרויסזעצן פון מיליטער, דער גאַנצער לינקער ברעג פון דער לואַרע, פון אינגראַנד ביז מאָר איז באַדעקט מיט ראָיאַליסטישע באַטעריעס. דריי טויזנט מאַן האָבן באַהערשט פּאָרניק. זיי האָבן אויסגערופן: „זאָלן לעבן די ענגלענדער!“, אַ בריוו פון סאַנטער צום קאָנווענט, האָט זיך געענדיגט מיט פאָלגענדע ווערטער: זיבן טויזנט פּויערים האָבן אַטאַקירט וואַן, מיר האָבן זיי אָפּגעשטויסן, און זיי האָבן געלאָזט אין אונזערע הענד פיר קאַנאָנען.

באַרער האָט ווייטער געלייענט...

— פּאָסט סקריפּטום פון׳ם בריוו;

„מיר האָבן נישט קיין געפאַנגענע, ווייל מיר זאָגן זיך אָפּ, זיי צו געהמען“ [33].

מאַראַט איז געשטאַנען כסדר אונבאַוועגליך און נישט געהערט, ער איז אין גאַנצן געווען פאַרזונקען אין איין ווילדיגן געדאַנק.

ער האָט געהאַלטן אין דער האַנד און געדריקט צווישן די פינגער אַ פּאַפּיער אויף וועלכן, ווען מען זאָל עס אויפלייענען, מען האָט געקאָנט פּייענען די דאָזיגע סודות פון מאָטאָראָ — וואַהרשיינליך אַ ענטפער אויף אַ פראַגע געשטעלט דורך מאַראַט.

„... מען קאָן גאָרנישט אויפטון געגען די אַלמעכטיגקייט פון די רעגירטע קאָמיסאַרען, איבערהויפּט געגען די קאָמיסאַרען פון דעם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער רעטונג, זשעניסיע האָט אפילו געזאָגט אויף דער זיצונג פון 5-טען מאַי: „יעדער קאָמיסאַר איז נאָך מעהר ווי אַ קעניג“, דאָס העלפט אָבער גאָרנישט. זיי האָבן די מאַכט איבער לעבן און טויט. מאַסאַד אין אַנזשער, טרי-לאָר אין מענט-אָמאַן, ניאָן געבען דעם גענעראַל מאַרטע. פּאָרען אין דער אַרמעע פון סאַבלי מיליע אין דער אַרמעע פון ניאָר, זיי זענען אַלמעכטיג, דער יאַקאָבינער קלוב האָט אַפילו באַשטימט פּאַרען פאַר אַ בריגאַר-גענעראַל, די אומשטענדן מאַכען אַלץ מעגליך, אַ דעלעגירטער פון קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער רעטונג האַלט אין די צוימען אַ הויפּט-קאָמאַנדיר“.

מאַראַט האָט אויפגעהערט צו דריקן דאָס פּאַפּיר. ער האָט עס אַריינ-

---

[33] „מאָניטאָר“ ט. XIX.

געלעגט אין דער טאש און איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו מאַנטאָ און שאַבאָ וועלכע האָבען ווייטער געשמועסט און איהם נישט בעמערקט.

— מאריבאַן אָדער מאַנטאָ, האָט שאַבאָ געזאָגט, הער, זיך נאָך אַמאָל: איך געה איצט פון קאָמיטעט פאר געזעלשאַפטליכער רעטונג.

— וואָס טוען זיי דאָרט?

— מען האָט איבערגעגעבען אַ גלח צו היטען אַ אדעלמאַן.

— אהאָ!

— אַ אדעלמאַן, ווי דו...

— איך בין נישט קיין אדעלמאַן. האָט געזאָגט מאַנטאָ.

— אַ גלח...

— ווי דו.

איך בין נישט קיין גלח. האָט געזאָגט שאַבאָ.

דאָ האָבען ביידע אָנגעהויבען צו לאַכען.

— פערצעהל נאָר דייטליכער דעם וויץ, האָט געזאָגט מאַנטאָ.

אָט ווי די מעשה איז. אַ גלח מיט'ן נאָמען סימורדען איז דעלעגירט געוואָרען מיט פולע פאָלמאַכטען נעבען אַ וויקאָמט מיט'ן נאָמען גאָווען; דער דאָזיגער וויקאָמט פיהרט-אָן מיט אַ עקספּעדיציאָנס-אָבטהיילונג פון די ברעג-אַר-מעען. עס געהט אין דעם, אַז מען זאָל שטערען דעם עדעלמאַן צו שווינ-דלען און דעם גלח צו פערראַטען.

— דאָס איז גאָר פּשוט, האָט אָבגעענטפערט מאַנטאָ, מען דארף נאָר אַריינמישען דאָ דעם טויט.

איך קום וועגען דעם, האָט געזאָגט מאַראַט.

זיי האָבען אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— גוט מאָרגען, מאַראַט דו קומסט זעלטען אויף די זיצונגען.

— מיין דאָקטאָר האָט מיר פערשריבען בעדער, האָט מאַראַט געענט-פערט.

— מען דארף די בעדער נית טרויען, האָט געזאָגט שאַבאָ; סענעקא איז געשטאָרבען אין אַ באָד.

מאַראַט האָט געשמייכעלט:

— שאַבאָ, מיר האָבען דאָ נית קיין נעראָן.

— דו ביסט דאָ! האָט געזאָגט אַ שאַרפע שטים.

דאָס איז געוועזען דאַנטאָן, וועלכער איז פארביי געגאַנגען צו זיין באַנק.

מאַראַט האָט זיך נית אומגעקעהרט.

ער האָט אַריבערגעבויגען זיין קאָפּ צווישען די צוויי פּנים'ער פון מאַנ-טאָ און שאַבאָ.

— הערט זיך איין, איך בין געקומען וועגן זעהר א וויכטיגען ענין, איינער פון אונז מוז היינט פארשלאגען דעם קאנווענט א פראיעקט פון א דעקרעט.

— איך ניִשט, האט געזאגט מאנטא, מען הערט מיך ניִשט, איך בין מארקיז.

— מיך האט געזאגט שאבא, הערט מען אויך ניט, איך בין קאפוציִנער, און מיך הערט מען ניט; איך בין מאראט.

זיי זענען ענטשוויִגען געוואָרען.

דעם פערטראַכטען מאראט איז ניִשט לייכט געווען צו שטעלען קשיות. מאנטא האט פונדעסטוועגען געפּרובט צו פרעגען:

מאראט, וואס פאר א דעקרעט ווילסטו?

— א דעקרעט, וועלכער פערמשפּט צום טויט יעדען מיליטער-קאמאנדיר וועלכער ערלויבט צו אנטלויפען א געפאנגענעם קאנטר-רעוואלוציאנער.

— עס איז דאך פארהאן אזא דעקרעט, האט זיך אנגערופען שאבא, מען האט דאך איהם אבגעשטימט ענדע אפריל.

— אלזא, עס איז אזוי ווי ער וואלט גאר ניט עקזיסטירט, האט געזאגט מאראט. אומעדום. אין גאנץ וואנדעע, העלפט יעדער אנטלויפען די געפאנגענע און ווער עס בעהאלט זיי בלייבט אונבעשטראפט.

— מאראט, דאס איז דערפאר, וויל דער דעקרעט ווערט ניִשט ערפילט.

— שאבא, מען מוז איהם צוריקברענגען אין זיין פולער קראפט.

— אהן ספק.

— און דעריבער מוז מען נעהמען אין קאנווענט אווארט וועגען דעם ענין.

נאך וואס טויג, מאראט, דער קאנווענט; דער קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכער רעטונג איז גענוג.

— מען וועט דערגרייכען דעם ציעל, האט געזאגט מאנטא, ווען דער קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכער רעטונג וועט ארויסהענגען אין אלע געמיינדעס פון וואנדעע פלאקעטען וועגען דעם דעקרעט און וועט געבען איינעם אדער צוויי גוטע ביישפּיעלען.

אויף די גרעסערע קעפּ, האט געזאגט שאבא; אויף די גענעראלען.

און מאראט האט צוגעברומט: דאס וואלט באמת גענוג געווען.

— מאראט, האט שאבא ווייטער געזאגט, געה דו אליין רעדען וועגען דעם אין קאמיטעט פאר געזעלשאפטליכער רעטונג.

מאראט האט איהם שארף אריינגעקוקט אין די אויגען, וואס עס איז

אַפִילוּ פַאר שאַבאָ נישט געווען פון די אַנגענעהמע זאַכען

— שאַבאָ, האָט ער געזאָגט, דער קאָמיטעט פַאר געזעלשאַפטליכער רעטונג, דאָס איז ביי ראָבעספיער'ן; און איך צו ראָבעספיערן געה נישט.

איך וועל געהן, האָט געזאָגט מאָנטאָ.

— גוט, האָט מאַראַט געענטפערט.

צומאָרגענס האָט מען אין אַלע ריכטונגען אַוועקגעשיקט אַ בעפעהל פון קאָמיטעט פַאר געזעלשאַפטליכער רעטונג אויסצוקלעבען אַפישען אין אַלע שטעדט און דערפער פון וואַנדעע און שטרענג אויסצופיהרען דעם דעקרעט, וועלכע בעשטימט טויט-שטראָף פַאר יעדע מיטהילף וואָס מען וועט געבען די אַנטלאָפענע פון געפאַנגשאַפט באַנדיטען און קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען.

דער דעקרעט איז נאָר געווען דער ערשטער שריט; דער קאָנווענט האָט געזאָלט נאָך ווייטער געהן נאָך עטליכע חדשים, דעם 11-טען בריומער II יאָהר (נאָוועמבער 1793) אַ דאַנק לאַוואַל'ן, וועלכער האָט בעהאַלטען ביי זיך די אַנטלאָפענע וואַנדעער, האָט דער קאָנווענט פעראָרדענט, אַז יעדע שטאָדט, וועלכע וועט געבען שוץ די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען, וועט ווערען צעשמעטערט און פערניכטעט.

אויך די פּרינצען פון אייראָפּאַ האָבען פון זייער זייט ערקלערט אינם מאַניפעסט פון בראָונשווייגער פירשט, וועלכער איז געוואָרען אינספּירירט פון די עמיגראַנטען און רעדאַגירט פין מאַרקיז דע לינאָן, אינטענדאַנט פונ'ם אָרלעאַנער פירשט, אַז אַלע פּראָווינצען מיט געוועהר אין די הענד, וועלען דערשאָסען ווערען, און ווען איין האָר וועט אַראָבפאַלען פון קעניגס קאָפּ, ווערט פּאַריז אויסגעגלייכט מיט דער ערד.

יו.לרקייט געגען באַרבאַריזם.

גאנרע.

די וואַנדרעע:

I.

די וועלדער

אין יענער צײַט זענען געווען אין ברעטאַן זיבען שווערהאַפּטע וועלדער. די וואַנדרעע—דאָס איז דער גלחים—אויפשטאַנד, דער דאָזיגער אויפשטאַנד האָט געהאַט דעם וואַלד פאַר אַ העלפער, די פינסטערנישען העלפען זיך געגענזײַטיג.

מען האָט געקאָנט אָנשרײַבען אַ בעזונדערע געשיכטע פון די ברעטאַנישע וועלדער, פון 1792 ביז 1800, וועלכע וואָלט זיך ווי אַ לעגענדע אַרײַנגעפלאָכטען אין די גרויסע וואַנדרעער געשעהענישען.

די געשיכטע האָט זיך איהר אמת און די לעגענדע האָט זיך איהר אמת. דער לעגענדאַרער אמת איז פון אַ גאַנץ אַנדערער נאַטור, ווי דער געשיכטליכער אמת. דער לעגענדאַרישער-אמת—דאָס איז אַ אויסגעטראַכטע מעשה, וועלכע טראָגט אין זיך די ווירקליכקײַט. איבריגענס האָט סײַ די געשיכטע סײַ די לעגענדע אײַן און דעמזעלבען ציעל—צו מאָהלען אונטער דעם צײַטווײַליגען מענשען דעם אײביגען מענשען.

די וואַנדרעע קאָן נאָר דאַמאָלסט פאָלשטענדיג ערקלערט ווערען, ווען די לעגענדע איז ממלא די געשיכטע; די געשיכטע איז נויטיג פאַר׳ן גאַנצען, די לעגענדע פאַר די אײנצעלהײַטען.

לאָמיר זאָגען, אַז די וואַנדרעע איז ווערט די מיה. די וואַנדרעע—דאָס איז אַ וואונדער.

די דאָזיגע קריג פון די אונוויסענדע, וואָס איז אַזוי נאַריש און אַזוי הערליך, נידערטרעכטיג און ערהאַבען, האָט בעטריבט און שטאָלץ געמאַכט פראַנקרײַך. די וואַנדרעע איז אַ וואונד, וועלכער איז אַ כבוד.

ווען מען וויל פערשטעהן די וואַנדרעע, מוז מען זיך פאָרשטעלען אַזעלכע היפוכים: פון אײן זײַט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, פון דער אַנדערער זײַט דער ברעטאָנישער פויער. מען דאַרף די אַלע אונפערשטענדליכע געשעהענישען, דעם צאָרן אויסברוך פון דער ציוויליזאַציע, דעם איבערמאָס פון אַ צאָרניגען פראָגרעס, פון גרענצלאָזע און אונפערשטענדליכע רע-

פֿאַרמעֶן אנטקעֶגעֶנשטעֶלעֶן דעֶם שטרעֶנגעֶן און מאָרנעֶם ווילדעֶן פֿויעֶר, דעֶם
מעֶנשעֶן מיט׳ן קלאָרעֶן אויג און לאַנגעֶ האָר, וועֶלכעֶר נעֶהרט זיך מיט מילך
און קאַשטאַנעֶס, בעֶגנוגעֶנט זיך מיט זײַן שטרויעֶנעֶם דאַך, זײַן צוים און
זײַן גראָבעֶן, דעֶרקעֶנט יעֶדעֶם שכינות׳דיג דעֶרפֿעֶל לויט׳ן קלאַנג פֿון גלאָק,
בעֶדינט זיך מיט׳ן וואַסעֶר נאָר צום טרינקעֶן, איז אָנגעֶטהון אין אַ לעֶדעֶרנעֶם
וועֶסטעֶל אויסגעֶנײַהט מיט זײַט, גראָב און געֶהאָפֿטעֶן! טאַטואירט די קלײַ-
דעֶר ווי זײַנעֶ אבות די קעֶלטעֶן האָבעֶן טאַטואירט זײַערעֶ פּנים׳עֶר; אַלטעֶט
אין זײַן העֶנקעֶר דעֶם פּריץ, רעֶדט אויף אַ טויטעֶן לשון, וועֶלכעֶר האָט געֶ-
האַלטעֶן זײַן געֶדאַנק פֿעֶרשלאָסעֶן ווי אין אַ קבר; שטעֶכט זײַנעֶ אָקסעֶן,
שאַרפֿט-אָן זײַן קאָסעֶ, רײַניגט זײַן שוואַרצעֶן קאָרן, קנעֶט זײַן גריקעֶ-פּלעֶצעֶל,
פֿעֶרעֶהרט אַ פֿרוּהעֶר זײַן אַקעֶראײַזעֶן, דעֶרנאָך די באָבעֶ, גלויבט אין דעֶר
הײליגעֶ מוטעֶר און אין די ווײַסעֶ דאַמעֶ, קניהט פֿאַר׳ן אַלטאַר און פֿאַר׳ן
מיסטישעֶן שטײן, וואָס שטאַרט אינמיטעֶן סטעֶפּ, אַ אַקעֶרמאַן אויפֿ׳ן פֿעֶלד,
אַ פֿישעֶר בײַם ים-ברעֶג, אַ בראַקאָניעֶר אין וואַלד, ליבט זײַנעֶ מלכים, זײַנעֶ
פּריצים, זײַנעֶ גלחים, זײַגעֶ לײַז, פּאַרטראַכט, גאַנצעֶ שעֶה׳ן טײלמאָהל אונ-
בעֶוועֶגליך אויף דעֶם גרויסעֶן פּוסטעֶן ים-ברעֶג, אײַנהאָרכעֶנדיג זיך צום
געֶרויש פֿון די ים-כוואַליעֶס.

מעֶן דאַרף זיך נאָר אַ פֿרעֶג-טאָן, אויב דעֶר דאָזיגעֶר בלינדעֶר פֿויעֶר האָט
געֶקאָנט שלום מאַכעֶן מיט דעֶם דאָזיגעֶן ליכט פֿון דעֶר רעֶוואָלוציעֶ.

.II

די מענשען.

דעֶר פֿויעֶר האָט צווײ אַנהאַלטס-פּונקטעֶן; דאָס פֿעֶלד, וואָס נעֶהרט
איהם, און דעֶר וואַלד, וועֶלכעֶר בעֶהאַלט איהם.

עֶס וועֶט שווער זײַן זיך פֿאָרצושטעֶלעֶן, וואָס עֶס זעֶנעֶן אַזוינס געֶוועֶן
די ברעֶטאָנישעֶ וועֶלדעֶר—דאָס זעֶנעֶן געֶוועֶן גאַנצעֶ שטעֶדט. עֶס איז נישט
פֿאַרהאַן עֶפּעֶס טויבעֶרעֶס, שטומעֶרעֶס און ווילדעֶרעֶס ווי דעֶר דאָזיגעֶ פּלאָנ-
טעֶר פֿון דעֶרנעֶר און צווײַגעֶן—אַ ווײַטעֶר מלוכה פֿון אונבעֶוועֶגליכקײט און
שטילקײט. עֶס איז נישט פֿאַרהאַן קײן מדבר, וועֶלכעֶר זעֶהט-אויס טויטעֶר
און קבר׳דיגעֶר ווי דעֶר ברעֶטאַנישעֶר וואַלד. ווען מעֶן וואָלט אָדעֶר פּלוצ-
לינג געֶקאָנט מיט אײן קלאַפּ, אַזוי ווי אַ בליץ אויסהאַקעֶן די ביומעֶר,
וואָלט מעֶן מיט אַמאָהל אין די דאָזיגעֶ טונקעֶלקײט דעֶרזעֶהן אַ געֶווימעֶל
מיט מעֶנשעֶן.

קײַלעֶכדיגעֶ און שמאָלעֶ ברונעֶמס, פֿעֶרשטעֶלטעֶ פֿון דרויסעֶן מיט
שטײנעֶרנעֶ דעֶקלעֶך און צווײַגעֶן, ווערטיקאַלעֶ, דעֶרנאָך האָריזאָנטאַלעֶ, האָ-

בּען זײַ זיך אויסגעבּרייט אונטער דער ערד, און די אַלע הײַלען און בּרונעמס האָבּען געפירהט צו פינסטערע קאַמערן — דאָס וואָס קאַמבּיז האָט געפונען אין עגיפּטען דאָס האָט וועסטערמאַן דערזעהן אין בּרעטאַן; דאָרט איז עס געוועזען אין דער מדבּר און דאָ אין אַ וואַלד אין די עגיפּטישער קע־לערם האָבּען זיך געפונען טויטע און אין די בּרעטאַנישע וועלדער אָבּער זענען געוועזען לעבּעדיגע. איינער פון די ווילדעסטע ערטער אין דעם מיראָ־נער וואַלד, וואָס איז געוועזען אינגאַנצען דורכגעלעכערט פון גאַלעריעס און קעמערלעך, און וואו עס האָבּען זיך אַרײַן און אַרויס געדרעהט אַ געהײמ־ניספול פאָלק, האָט געהייסען „די גרויסע שטאָדט“. איין אַנדער — נישט וועניגער ווילסט פון אויבּען און נישט וועניגער בּעפעלקערט פון אונטען, האָט געהייסען „דער קעניגליכע פּלאַץ“,

דאָס דאָזיגע אונטערערדישע לעבּען איז אין בּרעטאַן געוועזען אוראַלט, פון אַלע צײַטען איז דער מענש אַהין אנטלאָפען פאַר'ן מענשען. פון דאַנען נעהמען זיך דאָס די שלאַנגען־הײַלען, אויסגעגראָבּען אונטער די בּוימער, אין משך פון צוויי טויזענד יאָהר האָט דער דעספּאָטיזם, פון אַלע מינים.— עראָבּערונגען, פעאָדאַליזם, פאַנאַטיזם בּיוראָקראַטיע נישט אויפגעהערט צו פערפאָלגען, די דאָזיגע אונגליקליכע און פערצווייפעלטע בּרעטאַן — אַ מין אונבּע'רחמנות'דיגער שטריק, וועלכער האָט נאָר אויפגעהערט אונטער איין פאָרם בּכדי ער זאָל זיך גלײַך אָנהויבּען אונטער אַ־צווייטער. די מענשען האָבּען זיך פערגראָבּען אין דער ערד.

און אין'ם מאָמענט, ווען עס איז אויסגעבּראָכען די פראַנצויזישע רע־וואָלוציע, איז דער שרעק דאָרט, וועלכע איז צו גלײַך אַ אויסדרוק פון בּע־האַלטענעם כּעס, שוין גרייט געוועזען אין די נשמות און אין די וועלדער־הײַלען די בּרעטאַן האָט געמאַכט אַ אויפשטאַנד, פיהלענדיג זיך בּעדריקט דורך די דאָזיגע געוואַלט־בּעפרײַאונג.

III.

די וועלדער אַלס שותּפים פון מענשען.

די טראַגישע בּרעטאַנישע וועלדער האָבּען צוריק אָנגענומען זייער ...לטע ראָל און געוואָרען קנעכט און שותּפים אין דעם דאָזיגען אויפשטאַנד, ...לײַך ווי זיי זענען דאָס געוועזען אין אַלע פריהעריגע.

אונטער דער ערד פון אַזאַ וואַלד האָט עס אויסגעזעהען ווי אין אַ ...אָראַלען־פעלד דורכגעבּויערט און דורכגעלעכערט אין אַלע מעגליכע ריכ־...ונגען, לויט אַ אונבּעקאַנטען פּלאַן, מיט אַ גאַנצער נעץ פון אונטערערדישע ...ענג, קעמערלעך און גאַלעריען.

יעדער פון די פינסטערע קעמערלעך האָט בעהאַלטען אַ פינף זעקס מענשען. עס איז, נאַטירליך, געווען שווער צו עטעמען. מען האָט מאַנכע וואונדערבאַרע ציפער פון יענער צייט, וועלכע בעווייזען, ווי מעכטיג עס איז געווען די אָרגאַניזאַציע פון דעם דאָזיגען ברייטען פויערים־אויפשטאַנד. און איל־ע־ווילען, למשל, אינ׳ם וואַלד פרעטר, שוין־אָרט פונ׳ם פירשט דע טאַלמאָן, האָט מען נישט געהערט קיין ריהר, מען האָט נישט געפונען קיין איין מענשליכען ציילען און פונדעסטוועגען איז דאָ־ט געווען זעקס טויזענד מענשען מיט פאָקאַר; אין מאַרביהאַן, אינ׳ם וואַלד מעלאַק, האָט מען קיינעם נישט געזעהן און עס זענען געווען, אַכט טויזענד מאַן, און דערביי מוז מען צוגעבען, אַז די צוויי וועלדער, פרעטר און מעלאַק געהערען נישט צו די גרויסע ברעטאַנישע וועלדער.

דער דורכגאַנג דורך די וועלדער איז געווען אַ שרעקליכער. די פערדעטערישע געדיכטענישען פול מיט קעמפער, וועלכע זענען געווען צוזאַמענגעדריקט אין די אונטערערדישע לאַבירינטען, האָבען געמאַכט דעם איינדרוק פון גרויסע בעהאַלטענע שוואָמען, פון וועלכע די ריזען־פוס פון דער רעוואָלוציע האָט אַרויסגעקוועטשט דעם בירגער־קריג.

אונזיכטבאַרע באַטאַליאָנען האָבען פון אומעטום געלויערט. אין די דאָזיגע אונבעקאַנטע אַרמעען זענען ווי די קראָטען געקראָכען אונטער די פיס פון די רעפובליקאַנישע אַרמעען, פלעגען פלוצלונג אַרויסקריכען און צוריק פאַרשווינדען, בעגאַבט מיט דער פעהיגקייט פון אומעטום־זיין און שנעל זיך פאַנאַנדערשפרייטען, דאָ ערשיינען ווי אַ לאַווינע און דאָ צופליהען ווי אַ שטויב: ריזען, וועלכע האָבען זיך געקאָנט צוזאַמענציהען און זיין קאַרליקלעך, ריזען אין קאַמף, קאַרליקעס ביים פערשווינדען, טיגער׳ס מיט אייגענשאַפטען פון קראָטען.

עס זענען געווען נישט נאָר וועלדער, נאָר אויך גרויסע פערוואַקסענע גלעצער מיט קשאַקעס. פונקט ווי אונטער גרויסע שטעדט געפינען זיך דערפער, אַזוי געפינען זיך אונטער די גרויסע וועלדער די קלענערע. די גרויסע וועלדער זענען געווען פערבונדען איינער מיט דעם צווייטען דורך אַ גאַנצען לאַבירינט פון קלענערע, אומעטום פאַנאַנדערגעוואָרפענע וועלדלעך.

אַלטע שלעסער, וועלכע זענען געווען פעסטונגען, דערפער וואָס זענען געווען לאַגערן, פערמעס, וואָס זענען געווען אומצוימונגען פון ישובים, בעפעסטיגט, מיט אָקאָפעס און בוימערוועגנד — אָט איז דער שטריקעל פון דעם בעץ וואו עס זענען אַריינגעקראָכען די רעפובליקאַנישע אַרמעען.

און דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מען אָנגערופען באָקאַזש[34]

---

34) דע באָקאַזש אַ לוסט־וועלדעל.

און אסך פון די וועלדער און וועלדלעך זענען געווען נישט נאר אונ־טערעדדישע דערפער גרופירט ארום דער גרוב, וואו דער פיהרער האט געוואוינט. עס זענען געווען אמת'ע דערפלעך מיט נידריגע סוכות, בעהאל־טען אונטער די בוימער און אזוי פיעל, אז אפט איז דער וואלד געווען ממש אנגעפאקט מיט זיי.

די פרויען האבען געוואוינט אין די סוכות און די מענער אין די הייל'ען, זיי האבען אויסגענוצט אין קריג די גאלעריעס פון די פעען און אלטע קעלטישע גרובען. די מענשען וואס זענען אנטלאפען אונטער דער ערד, האט מען געבראכט עסען, עס זענען געווען אזעלכע פארגעסענע, וועלכע זענען געשטארבען פאר הונגער. דאס זענען איבעריגענס געווען שלימזל'ס, וועל־כען האבען נישט געוואוסט, ווי צוריק צו עפנען די ברונעמס געוועהנליך איז דער דעק פון מאך און צווייגען געווען אזוי קונציג געמאכט, אז עס איז איהם אונמעגליך געווען צו דערקענען פון דרויסען און זעהר לייכט אויפצועפנען און צו פערמאכען פון אינווענינ. די בעהעלטעניש האט מען געווענליך געגראבען מיט גרויס פלייס. די אויסגעגראבענע ערד פלעגט מען געוועהנליך אריינווארפען אין א נאהנטע סאזשעלקע די עפנונג אבער דא פון ברינען און די ערד ארום איהם פלעגט מען בעדעקען מיט מאך אין פאפא־ראטניק. אזא בעהעלטעניש האבען זיי גערופען „די לאזשע“, עס איז דארט גוט געווען, אויף וויפיעל עס קאן זיין גוט אהן טאגליכט, און אהן פייער, אהן ברויט און אהן לופט.

צוריק ארויסגראבען זיך צו די לעבעדיגע נישט צו דער רעכטע צייט האט געדראהט מיט געפאהר. מען האט זיך געקאנט פלוצלינג געפונען צווי־שען די פיס פון א מארשירענדער ארמעע. וואנדערע דאס איז א נעץ פון שרעקליכע וועלדער — פאסטקעס מיט דאפעלטע דעקלעך, אין וועלכע די בלאהע האבען נישט געוואגט אריינצוגעהן אין די ווייסע האבען נישט גע־וואגט ארויסצוגעהן.

.IV

זייער לעבען אונטער דער ערד.

די מענשען אין די קעלערס פון חיות האבען זיך געלאנגווייליט. מאנ־כעסמאל, ביי נאכט פלעגען זיי, נישט קוקענדיג אויף די געפאהר, ארויסגעהן טאנצען. אדער אום צו פארשלאגען די צייט פלעגט מען אבערלעטען תפילות. „דעם גאנצען טאג“, זאגט בוכדוואזא, האט אונז זשאן־שואן געהייסען דאווענען מיט דעם ראזענקראנץ אין ווענד“.

פלוצלונג נאכ'ן דאווענען פלעגען זיי געהן זיך לאזען הרג'ענען, פאר־

בײַטענדיג דאָס לאָך אויף אַ קבר.

מאַנכעסמאָל האָבען זײ אויפגעהויבען דאָס דעקעל פון זײערע גרובען און זיך אײַנגעהאָרכט צי מען שלאָגט זיך נישט פון דערווײַטענס; זײ האָבען דעם קאַמף נאָכגעפאָרשט מיט די אויערען. דאָס פײַער פון די רעפובליקאַנער איז געווען אַ גלײַכמעסיגעס; דאָס פײַער פון די ראָיאַליסטען איז געווען אַ איבערגעהאַקטעס; דאָס זי איז געווען זײער סימן, ווען ריטמישע סאַליווען האָבען פּלוצלינג אויפגעהערט, איז דאָס אַ סימן, אַז די ראָיאַליסטען זענען צעשלאָגען; ווען דאָס איבערגעהאַקטע שיסערײַ פלעגט זיך הערען וואָס ווײַטער, איז געווען אַ סימן, אַז זײ האָבען געזיגט. די ווײַסע האָבען תמיד פערפאָלגט; די בלאָהע קײנמאָל נישט, האָבענדיג דאָס לאַנד געגען זיך.

די אונטערערדישע קריגער זענען געווען זעהר גוט אינפאָרמירט. עס איז נישט פאַרהאַן עפּעס שנעלערס, און געהײמניס פולערעס ווי זײערע פערבינדונגען. זײ האָבען צעבראָכען אַלע בריקען, צונומען אַלע וואָגענס און דאָך האָבען זײ געפונען מיטלען זיך אַלץ צו זאָגען און פון אַלעס זיך צו וואָרנען, סטאַציעס פון שלוחים זענען געשאַפען געוואָרען פון וואַלד צו וואַלד, פון דאָרף צו דאָרף, פון שטוב צו שטוב, פון שטרויך צו שטרויך.

עפּעס דאָרט אַ פּײַער מיט אַ נאַרישען פּנים איז זיך געגאַנגען, און טראָגענדיג דעפּעשען אין זײַן הוילען שטעקען. עס איז געווען אונמעגליך זײ צו כאַפּען. סודות, זאָגט פויזע, וועלכע עס האָבען געוואוסט מעהר ווי פיער הונדערט טויזענד מענשען זענען געווען טרײַ געהאַלטען.

עס האָט זיך גערוכט אַז אין דעם דאָזיגען פירקאַנטיגען געגענד, קאָן זיך קײן אײן פונקט פון דעם באָדען נישט אַ טרײסעל טהון. אז דערבײַ זאָל דאָס גאַנצע נישט ערשיטערט ווערען, אין אײן אויגענבליק איז מען געווען אינפאָרמירט פון נויארמוטיער ביז ליוסאָן, און דער לאַגער פון לאַ לוע האָט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך אין לאַגער פון לאַ קרויא — מאַרינאַ. מען וואָלט געקאָנט מײנען, אַז די פויגעל האָבען זיך דאָ אַרײַנגעמישט. האָש שרײַבט דעם 7-טען מעסידאָר 3 יאָהר: מען וואָלט געקאָנט גלויבען, אַז זײ האָבען אַ טעלעגראַף.

.Y

זײער לעבען בשעת דער מלחמה.

אַ סך פון די פויערען האָבען נאָר געהאַט פּיקעס. גוטע יעגער-ביקסען זענען זונדערסטוועגען גענוג געווען. עס איז נישט פאַרהאַן קײן געשיקטערע שיסערס ווי די וואַלד-גנבים פון באָקאַזש און די שמוגלער פון לורו. דאָס זענען געווען מאָדנע קעמפער, שרעקליכע און אונערשראָקענע. דער דעקרעט

יועלכער האָט בעפוילען אַ פּריזיוו פון דריי הונדערט טויזענד פערזאָן האָט גע-
בראַכט צו דעם, דאָס מען זאָל אין זעקס הונדערט דערפער שטורם קלינגען;
און עס האָט אויסגעבראָכען אַ פייער אין אַלע פונקטען אויף איינמאָל. פונקט,
אין אַנושו האָבען דעם זעלבען טאָג זיך געכאַפּט צום געוועהר. די ראָיאַ-
ליסטען האָבען אונטער טויטשטראָף געגויט אַלע געזינדע מענשען צום אַרויס-
מאַרשירען. זיי האָבען רעקווירירט געשפּאַנען, וואָגענס, לעבענסמיטעל, אום צו
ערהויבען די ראָזיגע מאַסען האָט מען נישט בעדאַרפט קיין סך מען האָט
אין אַ קירכע, אין אַ טאַבערנאַקל פון „אַ געשוואוירענעם גלח", ווי זיי האָבען
איהם גערופען, אַריינגעשטעלט אַ שוואַרצען גרויסען קאָטער און בשעת מען
האָט אָבגעריכט אַ תפילה איז ער פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען. „דאָס איז דער
טייוועל". האָבען די פּויערים אויסגעשריען, און עס איז אין דער גאַנצער
געגענד אויסגעבראָכען אַ אויפשטאַנד. די גלחים האָבען דאָס פייער פאַנאַנדער-
געבלאָזען.

אויף צו בעפאַלען די בלאָהע און אַריבערצושפּרינגען די גראָבענס
האָבען די פּויערים געהאַט שטעקענס, 15 פוס די לענג, — אַ געוועהר צום
שפּרינגען און אַנטלויפען. אין גרעסטען צוזאַמענשטויס, ווען זיי האָבען אַטאַקירט די
רעפּובליקאַנער זענען זיי בשעת מעשה ווען זיי האָבען געטראָפען אויפ'ן קאַמפּספּלאַץ
א צלם אָדער אַ קאַפּעלע, געפאַלען אויף די קניה און אונטער די קוילען פון
פיינד אָבגעזאָגט אַ תפילה; ווען זיי האָבען דעם רויזענקראַנץ געענדיגט, פלעגען
די, וועלכע זענען געבליבען לעבען, אויפשטעהן און וואַרפען זיך אויפ'ן פיינד.
וויפענדיג פלעגען זיי אָנלאָדען די ביקס; דאָס איז געווען זייער טאַלאַנט.
ווען איינער האָט געוואָלט האָט ער זיי געקאָנט איינרעדען; גלחים האָבען זיי
געגעוויזען אויף אַנדערע גלחים. ביי וועמען זיי פלעגען מאַכען מיט אַשטריקעל
צייכען אויפ'ן האַלז איינרעדענדיג, אַז דאָס זענען גיליאָטינירטע גלחים,
וועלכע זענען אויפגעשטאַנען תחית המתים. זיי האָבען געהאַט זייער ריטער-
ליכקייט; אַזוי האָבען זיי מיט כבוד בעגראָבען דעם רעפּובליקאַנישען פאָהנען-
טרעגער פעסק, וועלכער האָט זיך געלאָזט צעשניידען און ניט אַרויסגעלאָזען
די פאָהן פון דער האַנד. אין אָנהויב האָבען זיי מורא געהאַט פאַר קאַנאָנען;
שפּערנאָך האָבען זיי זיך דערויף אַרויפגעוואָרפען מיט שטעקענס און עס פער-
כאַפּט. דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבען גענומען איז געווען אַ בראָנזענער קאַנאָן
זיי האָבען איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען „דער מיסיאָנערע"; דערנאָך האָבען זיי
גענומען אַ צווייטען, וועלכער האָט נאָך געשטאַמט פון די קאַטוילישע מלחמות און
אויף עס איז געווען גראַווירט דאָס געוועהר פון רישעליע און די פיגור פון די
הייליגע מוטער; זיי האָבען איהם גערופען „מאַריע-זשאַן". זיי האָבען זיך ניט אָבגע-
האַלטען פון רויבען. זיי האָבען אָנגערופען „יאַקאָבינער מאַסע" די פּויערים, וועלכע

האָבען געהאַלטען מיט די בלאָהע און איסגעהרג'ט זיי מעהר נאָך ווי אנדערע. זיי האָבען ליעב געהאַט די שחיטה ווי די זעלנער און מאָרד ווי מערדער; בעזונדערס האָבען זיי הנאה געהאַט פון שיסען די שטאָדטישע בעפעלקערונג. אין פאָנטענע האָט איינער פון זייערע גלחים דער'הרג'עט מיט א שווערד א אַלטען מאַן. אין סען-זשערמען-סיוואַיל, האָט איינער פון זייערע קאַפיטאַנען, א אַדעלמאַן, דערשאָסען דעם געמיינדע-פּראָקוראָר און צוגענומען דעם זייגער. אין סאַשקול האָבען זיי איינגעאָרדענט א רעגעלמעסיגע ,שחיטה פון רעפּובליקאַנער, דרייסיג אין א טאָג; דאָס האָט האָט געדויערט פינף וואָכען יעדער קייט פון דרייסיג דערהרגעטע האָבען זיי גערופען „דער רויזענקראַנץ“.
מען האָט אויסגעשטעלט די קייט ביי א גראָבען און געשאָסען; און די געשאָסענע זענען אריינגעפאַלען אין גראָבען, אָפטמאָל לעבעדיגע; און פוני דעסטוועגען האָט מען זיי בעגראָבען. די וואַנדעאישע אַרמעע האָט געצעהלט הונדערט פיער און פיפציג דיוויזיעס: זיי האָבען געפיהרט רעגעלמעסיגע בעלאַגערונגען, זיי האָבען געהאַלטען בלאָקירט ברעסויר אין משך פון דריי טעג. צעהן טויזענד פויערים האָבען אין היילינען פרייטאָג געבאָמבאַרדירט די שטאָדט סאַבל מיט גליהענדע קוילען. אין איין טאָג איז זיי אויסגעקומען צו צושטערען פיערצעהן רעפּובליקאַנישע לאַגערן, פון מאָנטיניע ביז קורבוועיל. אין טואַר האָט מען אויף א הויכען מויער געהערט אַזא פרעכטיגען שמועס צווישען לאַ ראָזשאַקלען און א יונג: — קאַרל! — אָט בין איך. — גיב דיינע אָרעמס, איך וויל מיך אויף זיי אַרויפשטעלען. — שטעלט אייך. — דיין ביקס. — נעמט אייך. — און לאַ ראָשזשאַקלען איז אַריינגעשפּרינגען אין דער שטאָדט, און מען האָט גענומען אָהן לייטער די טורעמס, וועלכע דיוגעסקלען האָט געמוזט בעלאַגערען. זיי האָבען ליעבער געוואָלט א פּאַטראָנע ווי א גאָלדענע מטבע. זיי האָבען געוויינט, פערלירענדיג פון די אויגען זייער קירכען-גלאָק. דאָס אַנטלויפען איז געווען ביי זיי א נאַטירליכע זאַך; דאַמאָלס האָבען זיי די קאַפיטאַנען נאָכגעשריען: „וואַרפט די סאַנדאַלען, היט אייערע ביקסען“. ווען עס האָט זיי פערפעהלט מוניציאָן האָבען זיי אָבגעזאָגט דעם רויזענקראַנץ און געגאַנגען פאַרנעמען פולווער פון די וועגען פון דער רעפּובליקאַנישע אַרטילעריע. ווען דער פיינד האָט זיך דערנעהנטערט, און עס איז געווען פערוואונדעטע, האָבען זיי בעהאַלטען אין קאָרן אָדער אין פּאַפּאָראָטניק, און נאָכ'ן פערענדיגען דעם קאַמפף, זענען זיי געקומען זיי צוריקנעהמען. זיי האָבען נישט געהאַט קיין אוניפאָרמען. די קליידער זייערע זענען געווען צוריסען. סיי די פויערים, סיי די אַדעללייט האָבען זיך אָנגעטון אין די ערשטע בעסטע טראַנטעס. די דאָזיגע עפּישע צייט איז געווען גרויזאַם. מאַראַט דע לע-קיור, די שפּעטערע מאַראַם דע ראָש-זשאַקלען,

האט אויף צופלייסען געטרעטען מיט איהר פערד די רעפובליקאנער, וועלכע זענען געלעגען אויסגעצויגען אויף דעם שלאכט-פעלד; „טויטע" האט זי געזאגט; און אפשר זענען זיי נאר פערוואונדעט געווען, די מענער האבען אפטמאל פעראטען, די פרויען, אבער קיינמאל נישט. די קאפיטאנען זענען אפטמאל געווען אזעלכע עמי הארצים פונקט ווי די סאלדאטען; ה. דע סאפינא האט נישט געקענט די ארטאגראפיע. די אנפיהרער האבען זיך איינער דעם צווייטען געהאסט. די פיהרער פון מארע (בלאטעס) האבען עשריען: „נידער מיט די בערגלייט", די קאוואלעריע איז געווען א שוואכע און שווער צו ארגאניזירען; פויזע האט געשריבען: „דער וועלכער גיט מיר יט פרייד אוועק זיינע צוויי זוהן, ווערט אבגעקיהלט, בשעת איך פאדער ון איהם איינעם פון זיינע פערד". שטאנגען, ווילעס, קאסעס, אלטע און ייע ביקסען, יעגער-מעסערס, שפיזען, שטעקענס געשלאגענע מיט אייזען ון נעגעל — דאס איז געווען זייער געוועהר; מאנכע האבען געטראגען אויף י פלייצעס א קרייץ, געמאכט פון צוויי מתים-ביינער. זיי האבען אטאקירט יט הויכע אויסגעשרייען, פלוצלינג זיך בעוויזען פון אלע זייטען, פון די וועלדער, פון די בערג, צווישען די צווייגען, פון פוסטע וועגען, זיי האבען יך אויסגעשטעלט אין א האלבען קרייז, געהרגעט, געמארדעט, געשמעטערט און פערשוואונדען. ווען זיי זענען פארבייגעגאנגען א רעפובליקאניש שטעד-על האבען זיי אונטערגעהאקט דעם פרייהייטס-בוים, איהם פערברענט און עטאנצט אין א ראד ארום פייער. אלע זייערע אונטערנעהמונגען האבען זיי ויסגעפיהרט ביינאכט. עס איז שוין געווען דער שטייגער פון א וואנדעער — טענדיג צו זיין אונערווארטעט. זיי זענען אדורכגעגאנגען פופצעהן מייל וויינגענדיג, נישט צעטרעטענדיג קיין איין גרעזיל. ווען עס איז געקומען י נאכט, האבען זיי נאכדעם ווי די אנפיהרער האבען אינ'ם קריגס-ראט עשטימט דאס ארט, וואו מען האט געזאלט אנפאלען אויף די רעפוב-יקאנישע פאסטענס, אנגעלאדען די ביקסען, אבגעמורמעלט זייער תפלה, ויגעטהון די סאנדאלען און געצויגען זיך אין לאנגע קאלאנעס דורך די עלדער בארפוס אויפ'ן מאך און גראזען, אהן גערויש, אהן אווארט, אהן טעם. א מארש פון קעטץ אין דער פינסטערניש.

YI.

די נשמה פון דער ערד געהט איבער צום מענשען.

די צאהל פון די וואנדעאישע אינסורגענטען קאן מען נישט צעהלען עניגער ווי אויף פינף הונדערט טויזענד מאן, ווייבער און קינדער ארייג-

גערעכנט. אַ האַלבן מיליאָן קעמפּענדע, דאָס איז די צאָהל, בעשטימט דורך טיופּען דע רואַדי.

עס זענען געווען צוויי וואַנדערן: די גרויסע, וועלכע האָט געפֿירט די קריג אין די וועלדער, די קליינע, וועלכע האָט געפֿירט דעם קריג אינם געשטרויך; דאָס איז די שאַטירונג, וועלכע שיידט אונטער שאַדעט פון זשאַן שואַן. די קליינע וואַנדערע איז געווען נאַאיוו; די גרויסע איז געווען פֿערדאָרבען; די קליינע האָט אַ גרעסערן ווערט געהאַט. שאַרעט איז געוואָרען מאַרקיז, גענעראַל־לייטענאַנט פון די קעניגליכע אַרמעען און בעקומען אַ גרויסען קרייץ פון הייליגען ליודוויג; זשאַן שואַן איז געבליבען זשאַן שואַן. שאַרעט איז ענליך צו אַ באַנדיט, זשאַן שואַן צו אַ ריטער.

וואָס אַנבעלאַנגט די גרויסמוטיגע אָנפֿירער, ווי באָנשאַן, לעסקיור, לאַ ראָשזשאַקלען, האָבען זיי אַ טעות געהאַט. די גרויסע קאַטוילישע אַרמעע איז געווען אַ אונזיניגע אָנשטרענגונג; עס האָט געמוזט קומען די קאַטאַסטראָפֿע; קאָן מען דען זיך פֿאָרשטעלען אַ פּויערישען שטורעם, וואָס אַטאַקירט פּאַריז, אַ קאָאַליציע פון דערפֿער וואָס בעלאַגערט דעם פּאַנטעאָן, אַ כמאַרע ווייַנאַכט־ליעדער און תּפֿילות, וועלכע ווילען פֿערטויבען די מאַרסעליעזע, אַ הויפען קאַנדאַלען, וועלכע וואַרפֿט זיך אויף אַ לעגיאָן פון גייסטער? דורכצוגעהן דעם טייך לואַר איז פֿאַר וואַנדערע געווען אונמעגליך. זי האָט אַלץ געקענט, אַ חוץ דעם שריט מאַכען. דער בירגער־קריג קאָן להלוטין נישט עראָבערן.

די אמת'ע וואַנדעע, דאָס איז די וואַנדעע ביי זיך אין דערהיים; דאָ איז זי נאָך מעהר ווי אונבעזיגבאַר, זי איז אונדערגרייכבאַר. דער וואַנדעער ביי זיך אין דערהיים איז שמוגלער, פֿעלדאַרבייטער, סאָלדאַט, פּאַסטוך, ווילד־גנב, גלאָקען־קלינגער, פּויער, שפּיאָן, רוצח און וואַלד־חיה.

דער וואַנדעער אויפשטאַנד איז נישט געלונגען, בשעת, למשל, אַנדערע אויפשטאַנדען, ווי אין דער שווייץ, האָבען געהאַט ערפֿאָלג. עס איז פֿאַרהאַן אַ אונטערשיעד צווישען דעם בערג־אינסורגענט, ווי דער שווייצער, און דעם וואַלד־אינסורגענט, ווי דער וואַנדעער. דער ערשטער שלאָגט־זיך פֿאַר אַ אידעאַל, דער צווייטער פֿאַר אַבערגלויבענס. דער ערשטער שוועבט, דער צווייטער קריכט. דער ערשטער קעמפֿט פֿאַר דער מענשהייט, דער צווייטער פֿאַר דער איינזאַמקייט. דער ערשטער וויל די פֿרייהייט, דער צווייטער די אָבגעזונדערטקייט; דער פֿערטיידיגט די געמיינדע, און דער — דעם קלויסטער. דער האָט צוטהון מיט תהומען, און דער מיט געמויזעכטס; דער איז אַ מענש פון בערג־שטראָמען און שוים, און יענער פון שטעהענדיגע וואַסערן, פון וואַנען עס קומט דער פֿיבער; איינער האָט איבער'ן קאָפּ דעם הימעלבלאָה, דער צווייטער — די בוימער־צווייגען; איינער איז אויף אַ באַרגשפּיץ, דער

צווײַטער אין שאָטן.

עס איז נישט גלײַך די ערציהונג, וועלכע מען בעקומט פֿון הויכע בערג־שפּיצן צו דער ערציהונג פֿון נידריגע ערטער.

דער באַרג איז אַ ציטאַדעל, דער וואַלד איז אַ טיגער; אײנער הויכט־אַרײַן דרײַסטקײט, מוט, דער צווײטער שטעלט די נעצן. דאָס אַלטערטום האָט בעזעצט די געטער אויף די בערג־שפּיצן און די סאַטירן אין די וואַלד־געדיכטענישן, דער סאַטיר — דאָס איז דער ווילדער, האַלב מענש, האַלב־חיה.

די געשטאַלטונג פֿון דעם ערד־באָדן שטויסט דעם מענשן צו פֿערשידענע מעשים, זי איז זײַן מיטשולדיגער מעהר נאָך, ווי מען שטעלט זיך עס געוועהנליך פֿאָר; קוקענדיג אויף מאַנכע ווילדע פּײזאַזשן קאָן מען פֿערענטפֿערן דעם מענשן און בעשולדיגען די נאַטור. מען פֿיהלט אַ בעהאַלטענע פּראָוואָקאַציע פֿון דער נאַטור; דער מדבר איז מאַנכעסמאָל זעהר אונגעזונד פֿאַר דעם געוויסן, איבערהויפּט פֿאַר אַ אונוויסענדען געוויסן.

דאָס נידריגע געוויסן ווערט שנעל קריכענדיג; עס בעהאַלט זיך אין די פֿינסטערע געדיכטע וועלדער, צווישן דערנער, בלאָטעס און אונטערצווײַגן; עס פֿאַלט אונטער דעם מיסטישן אײַנפֿלוס פֿון שלעכטע איבערצײַגונגען, די אָפּטישע פֿערבלענדענישן, אונפֿערשטענדליכע מיראַזשן, טעותים אין צײַט און אָרט, ערוועקן אין מענשן דעם מין האַלב־רעליגיעזע און האַלב־חיה'שע מורא, וועלכע פֿיהרט אין אַ געוועהנליכע צײַט צו זאַבאָבאָנעס און אין שטורמישע עפּאָכעס — צו ברוטאַלע מעשים. די האַלוצינאַציעס האַלטען די פֿאַקלען, וועלכע בעלויכטען דעם וועג צו מאָרד. אין דעם באַנדיט איז פֿאַראַן קאָפּשווינדעל. די וואונדערבאַרע נאַטור האָט אַ דאָפּעלטען זין, וועלכער פֿערבלענדט גרויסע גײַסטער און מאַכט בלינד נידריגע. ווען דער מענש איז אונוויסענד, ווען דער מדבר איז פֿול מיט מיראַזשן, קומט־צו צו דער פֿינסטערניש פֿון דער אײַנזאַמקײַט די פֿינסטערניש פֿון דער אינטעליגענץ; פֿון דאַנען נעהמט זיך דאָס די טיפֿע תהום'ען, וועלכע עפֿנען זיך פֿאַר דעם מענשען. מאַנכע פֿעלזן, מאַנכער ערד־שפּאַלט, מאַנכע וואַלדגעדיכטעניש, מאַנכער ווילדער אָבענד־שײַן פֿון צווישן די בוימער, שטויסט דעם מענשען צו אונזיניגע און ווילדע מעשים. מען וואָלט כמעט געקאָנט זאָגן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן פֿערברעכערישע ערטער.

ברײַטע האָריזאָנטען פֿיהרען נשמות צו אַלגעמײנע אידעען; בעשרענקטע האָריזאָנטען געבוירען שטיקלעך אידעען; און דאָס אַז עס וואָס פֿערמשפּט מאַנכעסמאָהל מענשען מיט גרויסע הערצער צו זײַן קלײנע גײַסטער: אַ בײַשפּיל — זשאַן שואַן.

די אַלגעמײנע אידעען, געהאַסט פֿון טײלווײַזע אידעען — איז דעם

ליגט דער קאַמף פֿון פּראָגרעס. דער בעשרעקטער געגענד נעגען פֿאָטערלאַנד — די צוויי ווערטער פּאַסען צוזאַמען די גאַנצע וואַנדעאישע קריג: פּויערים געגען פּאַטריאָטען.

VII.

די וואַנדעע האָט פֿאַרענדיגט מיט ברעטאַן.

די ברעטאַן האָט נאָך פֿון אַלטע צייטען געמאַכט אויפשטאַנדען. נאָר יעדעס מאָל, ווען זי האָט געמאַכט אַ אויפשטאַנד, אין משך פֿון צוויי טויזענד יאָהר, איז זי געווען גערעכט; דאָס לעצטע מאָל אָבער איז זי געווען אונגערעכט. און פֿונדעסטוועגען, אין תוך, ערהויבענדיג זיך געגען די רעוואָלוציע, ווי געגען דער מאָנאַרכיע, געגען די דעלעגירטע פֿאָלקס-פֿאָרשטעהער, ווי געגען די פֿירשטליכע און פּריציש גובערנאַטאָרען, גיגען די באַנקצעטלען אָדער געגען דעם-זאַלצשטייער, — ברעטאַן האָט תמיד געפֿיהרט דעם זעלבען קריג — דעם קריג פֿונ'ם לאָקאַלען גייסט געגען דעם צענטראַלען גייסט.

די דאָזיגע אַלטערטימליכע פּראָווינצען זענען געווען אַ סאַזשעלקע; דאָס לויפֿען איז דעם דאָזיגען שלאָפֿעריגען וואַסער געווען צווידער; דער ווינד, וועלכער האָט געבלאָזען, האָט עס נישט בעלעבט, נאָר אָנגערייצט. פֿינסטער[35] — דאָס איז דאָרט, וואו פֿראַנקרייך ענדיגט זיך, וואו עס ענדיגט זיך דאָס פֿעלד, וואָס איז דעם מענשען איבערגעגעבען געוואָרען, און וואו עס פֿערהאַלט זיך דער פֿאָרטשריט פֿון דורות. האַלט! שרייט דער אָקיונוס צו דער ערד און דער באַרבאַריזם צו דער ציוויליזאַציע. יעדעס מאָל, ווען דער צענטער, פּאַריז, גיט דעם שטויס, אַלץ איינס אויב דער שטויס קומט פֿונ'ם קעניגטום אָדער פֿון דער רעפּובליק, זאָל זי זיין אין זין פֿון דעספּאָטיזם, אָדער אין זין פֿון פֿרייהייט — איז עס אַ נייעס און ברעטאַן שפּאַרט זיך. לאָזט אונז צו רוה. וואָס ווילען זיי פֿון אונז? די מאַרע כאַפּט זיך צו די ווילעס, דער באָקאָוש כאַפּט זיך צו דער ביקס.

א שרעקליכע טויבקייט.

דער וואַנדעאישער אויפשטאַנד איז אַ טרויריג מיספֿערשטענדניש.

— אַ ריזיגע נאַרישע אונטערנעמען, אַ אונוצוציגער אויפשטאַנד, בעשטימט, אַז עס זאָל אין דער געשיכטע איבערלאָזען נאָר איין וואָרט — די וואַנדעע — אַ בעריהמט און שוואַרץ וואָרט; שחט'ענדיג זיך פֿאַר אָבוועזענדע, אָפּפֿערענדיג זיך פֿאַר דעם ענאָאיזם; אָהן רעכנונג, אָהן סטראַטעגיע, אָהן

---

[35]) פֿיניסטער — (finis terrae — ענדע פֿון דער ערד) אַ געגענד פֿון ברעטאַן מיט דעם נאָמען.

אַקטיק, אָהן פּלאַן, אָהן ציעל, אָהן פיהרער, אָהן פֿעראַנטוואָרטליכקייט; בעוועזענדיג אויף וויפיעל דער ווילען קאָן זיין אָהנמעכטיג, ריטערליך און ווילד, ווען ער פֿערשפּאַרט זיך אַנטקעגען דער ליכט מיט אַ וואַנד פון פינסטערנישן; געבענדיג מיט דער אונוויסענהייט אַ לאַנגען נאַרישען און העלדישען ווידערשטאַנד דעם אמת, דעם רעכט, דער גערעכטיגקייט, דעם שכל, זייער בעפרייאונג; די אַלט-יאָהריגע שרעקען, די פֿערוויסטונג פון פיערצעהן רעפּאַרטאַמענטען, די פֿערלאָזענע פֿעלדער, די צוטרעטענע תבואות, די שחיטה פון פרויען און קינדער, אָנגעצונדענע פאַקעלען אין די שטרויענע דעכער, די שווערד אין די הערצער, די אימה פאַר דער ציוויליזאַציע—דאָס איז געווען די דאָזיגע מלחמה, אַ פֿערברעכערישע פרוב פון אַ פּאַטערמאָרד.

—בכלל האָט די וואַנדעע, בעוועזענדיג די נויטווענדיגקייט דורכצו־לעבען אין אַלע זינען דעם אַלטען ברעטאַנישען שאָטען און דורכצושטויסען דעם פינסטערן וואַלד מיט אַלע פייַלען פון ליכט אויף איינמאָל געדיענט דעם פּראָגרעס. די קאַטאַסטראָפען ברענגען אויף זייער בעזונדערן אופן נוצען.

צווייטעס בוך

די דריי קינדער

I.

פליום קוואַם ציוויליאַ בעללאַ[36].

—דער זומער אין יאָהר 1792 איז געווען זעהר אַ רעגענדיגער דער זומער פון 1793 איז געווען זעהר אַ הייסער. צוליעב דעם בירגער־קריג איז אין ברעטאַן כמעט קיין וועגען נישט געווען. מען איז פונגרעסטוועגען געפאָהרען, אַ דאַנק די שענקייט פונ'ם זומער.

אין אַ שעהנעם זומער־אָבענד אין חודש יולי, אַ שעה נאָך זונען־אונטערגאַנג, האָט זיך אַ רייטער, וועלכער איז געקומען פון דער זייט פון אַווראַנש, אָבגעשטעלט פאַר דער קליינער אַכסניה מיט'ן נאָמען קרוא בראַנשאַר בײַם אַרייַנפאָהר קיין פּאָנטאָרסאָן, וואו עס האָט געהאָנגען אַ אָבגעמעקט שילד, וואו מען האָט געקאָנט פאַר עטליכע יאָהר לעזען: „דאָ בעקומט מען גוטען מעד“. אַ גאַנצען טאָג איז געווען הייס, נאָר דער ווינד האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען.

דער דאָזיגער רייזענדער איז געווען איינגעהילט אין ברייטען מאַנטלען

---

[36] פליום קוואַם ציוויליאַ בעללאַ (לאַטיין)—מעהר נאָך, ווי אַ בירגער־קריעג.

וועלכער האָט פֿערדעקט דעם רוקען פֿון פֿערד, דער רײַטער האָט געטראָגען אַ ברײַטען הוט מיט אַ דרײַפֿאַרביגער קאָקאַרדע, וואָס עס איז געווען גענוג חוצפּה'דיג אין דער דאָזיגער געגענד פֿון צוימען און שאָסען, וואו אַ דרײַ־פֿאַרביגע קאָקאַרדע האָט געדינט פֿאַר אַ ציעל צום שיסען. דער מאַנטעל, געבונדען בײַם האַלז, איז געווען אָבגעדעקט, אום צו לאָזען פֿרײַ די אָרעמס, און מען האָט געקאָנט זעהן אַ דרײַפֿאַרביגען פּאַס, פֿון וואַנען עס האָט אַרויס־געשטעקט צוויי פּיסטאָלעטען־קאָלבעס. פֿון אונטער דעם מאַנטעל האָט אַראָב־געהאָנגען אַ שווערד.

בײַם געוויש פֿון פֿערד, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט זיך די טיר פֿון דער אַכסניה געעפֿענט און דער בעל־אַכסניה איז אַרויס מיט אַ לאַמטערנע אין דער האַנד. עס איז געווען צווישען טאָג און נאַכט; עס איז געווען ליכטיג אין דרויסען און פֿינסטער אין שטוב.

דער בעל־הבית האָט אָנגעקוקט די קאָקאַרדע.

—בירגער, האָט ער געפֿרעגט, איהר שטעלט זיך דאָ אָב?

—ניין.

—וואוהין, אַלזאָ, געהט איהר?

—קיין דאָל.

—אויב אַזוי, טאָ קעהרט זיך אום קיין אַוראַנש, אָדער בלײַבט אין פּאָנטאָרסאָן.

—פֿאַרוואָס?

—ווײַל מען שלאָגט זיך אין דאָל.

—אַהאַ! האָט געזאָגט דער רײַטער און צוגעגעבען:

—גיט מײַן פֿערד האָבער.

דער בעל־הבית האָט געבראַכט אַ מולטער, אַרײַנגעשאָטען אַ זעקעל האָבער און אַראָבגענומען די צוים פֿון פֿערד, וואָס האָט אָנגעהויבען צו פֿרעסען.

דער שמועס האָט זיך ווײַטער געפֿיהרט.

—בירגער, איז דאָס אַ רעקווירירט פֿערד?

—ניין.

—עס איז אײַער אייגענס?

—יאָ, איך האָב עס געקויפֿט און בעצאָהלט.

—פֿון וואַנען קומט איהר?

—פֿון פּאַריז.

—מסתמא נישט גלײַך פֿון דאָרט?

—ניין.

—איך פֿערשטעה אַזוי, די וועגען זענען נישט פֿרײַ. אָבער אַ

פּאָסט געהט דאָך נאָך.
—ביז אַלענסאָן. דאָרט האָב איך געמוזט אָראָבשטײַגען.
—אַ, עס וועט שוין באַלד אין פראַנקרײַך נישט זײַן קײַן פּאָסט, עס איז שוין מעהר נישטאָ קײַן פערד. אַ פערד פון דרײַ הונדערט פראַנק צאָהלט זיך זעקס הונדערט פראַנק און פּאַשע איז קוים צו בעקומען. איך בין געווען פּאָסטמײַסטער און איצט האָב איך אַ גאַרקיך. פון דרײַ הונדערט דרײַצעהן פּאָסטמײַסטערס וואָס איז געווען, האָבען זיך צוויי הונדערט אָב־געזאָגט. בירגער, איהר האָט געריזט לויט דעם נײַעם טאַריף?
—יאָ, פון ערשטען מאַי.
—אַ פראַנק אַ מײַל פאַר אַ אָרט אין אַ קאַרעטע, צוועלף סו־אין אַ קאַבריאָלעט און פּינף סו־אין אַ וואָגען. אין אַלענסאָן האָט איהר געקויפט דאָס פערד?
—יאָ.
—איהר זענט אַ גאַנצען טאָג אין וועג?
—פון פאַרטאָגס
—און נעכטען?
—און אײַערנעכטען אויך.
—איך זעה דאָס, איהר זענט געקומען דורך דאָמפראָן און מאָרטען.
—און אווראַנש.
—פאָלגט מיך, בירגער, און רוהט אײַך אויס, איהר מוזט דאָך אוודאי זײַן מיעד? אײַער פערד איז שטאַרק מיעד.
—פערד האָבען דאָס רעכט צו זײַן מיעד, מענשען אָבער—נישט.
דער בליק פונ'ם בעל־הבית האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט אויף דעם רײַזענדען. דאָס איז געווען אַ ערנסטע געזיכט, רוהיגע און שטרענגע, אײַנגעראַהמט אין גראָהע האָר.
דער בעל־אכסניה האָט געגעבען אַ וואָרף אַ בליק אויפ'ן וועג, וועל־כער איז געווען פוסט, ווי לאַנג דאָס אויג האָט דערגרײַכט און געזאָגט:
—און איהר רײַזט דאָס אזוי אַליין?
—איך האָב בעגלײַטער.
—וואו?
—מײַן שווערד און מײַנע פּיסטאָלעטען.
דער בעל־אכסניה האָט געבראַכט אַנ'עמער וואַסער און געגעבען דעם פערד צו טרינקען און בשעת מעשה, האָט ער בעטראַכט דעם רײַזענדען זאָגענדיג צו זיך: —דאָס איז אַלץ אײַנס, ער זעהט אויס ווי אַ גלח.
—איהר זאָגט, אַז איז דאָל שלאָגט מען זיך? האָט דער

רײַטער געפרעגט.

—יאָ אין דער רגע האָט עס זיך בעראַרפט אָנצוהויבען.

—ווער שלאָגט זיך דאָס?

—אַ „אַמאַליגער", מיט אַ „אַמאַליגען".

—ווי זאָגט איהר?

—איך זאָג, אַז אַ „אַמאַליגער,וועלכער האַלט מיט דער רעפּובליק, שלאָגט זיך מיט אַ „אַמאַליגען", וועלכער האַלט מיט דעם קעניג.

—עס איז דאָך שוין נישטאָ קיין קעניג.

—עס איז נאָך דאָ דער קלײנער, און דאָס נײַגעריגסטע איז דאָס, וואָס בײדע „אַמאַליגע" זענען צווײ קרובים.

דער רײַטער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. יענער האָט ווײַטער דערצעהלט:

—אײנער איז יונג, דער צווײטער איז אַלט; דאָס שלאָגט זיך אַ ברידערן-אײניקעל מיט אַ עלטער-פעטער. דער עלטער-פעטער איז אַ ראָיאַליסט און דאָס ברידערן-אײניקעל איז אַ פּאַטריאָט. דער אַלטער פיהרט אָן מיט די ווײַסע, דער יונגער מיט די בלאָהע. אײנער וועט דעם צווײטען נישט מוחל זײַן. עס איז אַ קאַמף אויף טויט

—אויף טויט?

יאָ, בירגער. איהר ווילט אפשר זעהן מיט וואָס פאַר אַ אײדעלקײטען זײ בעשענקען זיך אײנער דעם צווײטען, אָט האָט איהר אַ מודעה, וועלכע דער אַלטער הײסט אומעדום אויסקלעבען, אויף אַלע הײַזער און אויף אַלע בוימער, אפילו אויף מײַן טיר,

דער בעל-הבית האָט צוגעלײכטען מיט אַ לאַמטערן דעם בויגען פּאַפּיער, וואָס איז צוגעקלעבט צו אײן האַלבע טיר און אויף וויפיל דער אַפּיש איז געווען געדרוקט מיט גרויסע אותיות, האָט דער רײַטער, זיצענדיג אויף זײַן פערד, געקאָנט לעזען:

—דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק האָט דעם כבוד מודיע צו זײַן זײַן ברידערן-אײניקעל, דעם הערין וויקאָמט גאָווען, דאָס ווען דעם הערין מאַרקיז וועט געלונגען איהם צו כאַפּען, וועט ער גלײַך דעם הערין וויקאָמט הײסען שיסען.

—און אָט, האָט דער בעל-אכסניה געזאָגט, איז אַ ענטפער.

ער האָט זיך אויסגעדרײט און מיט דער לאַמטערנע בעלויכטען אַ צווײטען אַפּיש, צוגעקלעבט אויף דער צווײטער האַלבער טיר. דער רײזענדער האָט געלײענט די מודעה, וואו גאָווען איז מכריז און מודיע לאַנטענאַק'ן, דאָס ווען ער נעמט איהם, וועט ער איהם הײסען שיסען.

— נעבּטען, האָט דער בעל־הבית דערצעהלט, האָט מען אויסגעקלעפּט אויף מיין טהיר איין מודעה און היינט אינדערפריה די צווייטע. דער ענטפער האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטען.

דער רייזענדער האָט אין דער שטיל, ווי צו זיך אליין געזאָגט עטליכע ווערטער, וועלכע דער בעל־אכסניה האָט געהערט, אָבער נישט גוט פערשטאַנען:

— יאָ, עס איז מעהר ווי אַ קריג אין פּאָטערלאַנד, עס איז אַ קריג אין דער משפּחה. אַזוי דאַרף דאָס זיין און אַזוי איז גוט — דאָס איז דער פּרייז פאַר די גרויסע בענייאונג פון די פעלקער.

און דער רייזענדער, אויפהויבענדיג זיין האַנד צום הוט, דאָס אויג געווענדעט צום צווייטען אַפּיש, האָט זי בעגריסט.

— זעהט איהר, בירגער, האָט דער בעל־הבית ווייטער געזאָגט, אַזוי זעהט עס אויס. אין די שטעדט און אין די גרעסערע שטעדטלעך, זענען מיר פאַר דער רעוואָלוציע, אין די דערפער זענען זיי געגען; בעסער געזאָגט, אין די שטעדט איז מען פראַנצויזען און אין די דערפער איז מען ברעטאָנער. דאָס איז אַ קריג פון די שטאָדטישע מיט די פויערים. דער אַדעל און די גלחים זענען מיט זיי.

— נישט אַלע, האָט איבערגעריסען דער רייטער.

— אָהן צווייפעל, בירגער, אָט האָבען מיר דאָ אַ וויקאָמט געגען אַ מאַרקיז.

און אין דער צייט האָט ער צו זיך געזאָגט:

— און מיר דאַכט זיך, אַז איך רעד מיט אַ גלח.

— און ווער האָט מעהר ערפאָלג? האָט דער רייטער געפרעגט.

— ביז איצט דער וויקאָמט, נאָר ער האָט גענוג צרות. דער אַלטער איז אַ האַרטער ביסען. די דאָזיגע לייט, דאָס איז די פאַמיליע גאָווען, היגער אַדעל. אין דער משפּחה איז פאַראַן צוויי צווייגען; דער גרויסער צווייג, וואָס בראש פון איהר שטעהט דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק און דער קליי־נער צווייג מיט דעם וויקאָמט גאָווען בראש. איצט שלאָגען זיך די צוויי צווייגען. דאָס זעהט מען אַפילו נישט ביי בוימער, אָבער מען זעהט עס ביי מענשען. דער דאָזיגער מאַרקיז דע לאַנטענאַק איז אין ברעטאַן אַלמעכטיג; פאַר די פויערים איז דאָס אַ פירשט. אין'ם טאָג פון זיין אויסשטייגען האָט ער באַלד געהאַט אַכט טויזענד מענשען; אין משך פון אַ וואָך זענען דריי־הונדערט געמיינדעס אויפגעשטאַנען. ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט איינגעהמ־מען איין ווינקעל פונ'ם ים־ברעג, וואָלטען די ענגלענדער אויסגעשטיגען. צום גליק, האָט ער דאָ אַנגעטראָפען אויף גאָווען, זיין ברודער'ס אייניקעל. אַ קאָמישער צופאַל. ער איז אַ רעפּובליקאַנישער קאָמאַנדיר און ער־

האָט זײַן עלטער־פֿעטער פֿערשפּאַרט דעם וועג. און דערנאָך, האָט זיך, צום גליק, געטראָפֿן אַ מעשה, אַז דער דאָזיגער לאַנטענאַק האָט, אָנקומענדיק און אויס׳הרג׳ענדיק אַ גרויסע צאָהל געפֿאַנגענע, געהייסן שיסן צוויי פֿרויען, פֿון וועלכע איינע האָט געהאַט דרײַ קינדער, אָנערקענטע אַלס אײגענע פֿון אַ פּאַריזער באַטאַליאָן. דאָס האָט געווירקט, אַז דער דאָזיגער באַטאַליאָן איז געוואָרן אַ שרעקליכער. ער הייסט: דער באַטאַליאָן פֿון רויטען־היטעל. עס איז אַ סך נישט געבליבען פֿון די פּאַריזער, נאָר דאָס זענען גרויזאַמע באַגנעטען. מען האָט זיי צוגעטיילט צו גאָװעל׳ס אָבטײלונג. קיינער קאָן אַנטקעגען זיי נישט בײַשטעהן. זיי ווילען נקמה־נעהמען פֿאַר דער פֿרוי און צוריקנעהמען די קינדער. מען ווייס גאָרנישט, וואָס דער אַלטער האָט געמאַכט מיט די דאָזיגע קינדער. דאָס ברענגט אין די פּאַריזער גרענאַדירען אַ מורא׳דיגע רציחה. ווען די קינדער וואָלטען דאָ נישט געווען פֿערמישט, וואָלט די קריג אַנדערש אויסגעזעהען. דער וויקאָמט איז אַ גוטער און מוטיגער יונגערמאַן, נאָר דער אַלטער איז אַ שרעקליכער מאַרקיז. די פּויערים רופֿען דאָס: דער קריג צווישען דעם הייליגען מיכאל מיט בעל־זבול, איהר ווייסט אפשר, דאָס דער הייליגער מיכאל איז דער מלאך פֿון דער געגענד. ער האָט דאָ זײַן באַרג אינמיטען ים אין אַ בוכטע. מען האַלט איהם פֿאַר דעם בעזיגער פֿונ׳ם שטן, וועלכען ער האָט בעגראָבען אונטער אַ צווייטען באַרג, דאָ נישט ווײַט.

— אָבער, דערצעהלט מיר נאָר, וואָס עס הערט זיך אין דאָל.

— אָט־וואָס. גאָווען פֿיהרט־אָן מיט אַ עקספּעדיציאָנס־אָבטײלונג פֿונ׳ם ים־ברעג. דער ציעל פֿון לאַנטענאַק איז געווען אַרויסצורופֿען אומעטום אַן אויפֿשטאַנד, צו פֿעראייניגען נידער־ברעטאַן מיט נידער־נאָרמאַנדיען, אויפֿצועפֿנען ענגלאַנד אַ וועג און צו געבען די האַנד די גרויסע וואַנדעאישע אַרמעע, מיט צוואַנציג טויזענד ענגלענדער און צוויי הונדערט טויזענד פּויערים. גאָווען האָט צושטערט דעם גאַנצען פּלאַן. ער פֿערנעהמט דעם ים־ברעג, שטויסט לאַנטענאַק׳ן צוריק טיעף אין לאַנד און די ענגלענדער—אויפֿ׳ן ים. לאַנטענאַק איז דאָ געווען, נאָר ער האָט איהם פֿון דאַנעט אָבגעוואָרפֿען. איצט בעמיהט ער זיך מיט אַלע מיטלען איהם צוריקצוטרײַבען אין׳ם וואַלד פֿושער און איהם דאָרט אַרומצורינגלען. ערשט נעכטען איז אַלץ גוט געגאַנגען, גאָווען איז דאָ געווען מיט זײַן אָבטײלונג. פּלוצלינג ווערט אַ ליאַרם. דער אַלטער, געגען פֿעהיג, האָט זיך געוואָרפֿען אָן אַ זײַט; מען איז געוואָהר געוואָרען, אַז ער מאַרשירט אויף דאָל. פֿערנעהמט ער דאָל און שטעלט ער אַוועק אַ באַטערעע אויף דעם דאָרטיגען באַרג, ווײַל ער האָט האַרמאַטען, דאַמאָלסט האָט ער אַ פּונקט פֿונ׳ם ים־ברעג, וואו די ענגלענדער וואָלטען

געקאַנט אויסשטייגען און אַלץ געהט פערלוירען. און אַט צוליעב וואָס, אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין איין מינוט צו פערלירען, האָט גאָווען, וועלכער איז אַ מענש מיט קאָפּ, נישט בעראַטענדיג זיך מיט קיינעם, נישט וואַרטענדיג אויף אַ בעפעהל, געגעבען אַ סיגנאַל זיך אַרויפצוזעצען, געהייסען איינשפאַנען די אַרטילעריע, צונויפגעזאַמעלט זיין מיליטער, אַרויסגעצויגען זיין שווערד און אַזוי-אַרום, בשעת לאַנטענאַק פאַלט-אָן אויף דאָל, פאַלט גאָווען אָן אויף לאַנטענאַק׳ן. אין דאָל וועלען זיך די צוויי ברעטאַנישע שטערנס צוזאַמענשטויסען. עס וועט זיין אַ שטאָלצער שטויס, זיי זענען איצט דאָרט ביידע.

— ווי לאַנג דאַרף דויערען צו קומען קיין דאָל

— פאַר מיליטער, וואָס האָט וואַגענס, נישט ווייניגער ווי דריי שעה; נאָר זיי זענען שוין דאָרט.

דער רייזענדער האָט אויסגעשפיצט די אויערען און געזאָגט:

— ווירקליך, עס דוכט זיך מיר, אַז איך הער הארמאַטען-שאָסען.

דער בעל-הבית האָט זיך איינגעהערט.

— יאָ, בירגער, און אַ ביקסען-שיסעריי. איהר דאַרפט דאָ איבערצובעכטיגען, קיין גוטס וועט איהר דאָרט נישט פאַקען.

— איך קאָן מיר נישט אָבהאַלטען, איך מוז ווייטער פאָהרען.

— איהר זענט נישט גערעכט. איך קאָן נישט אייערע געשעפטען, נאָר די געפאַהר איז גרויס און ווען עס געהט אייך נישט צום מינדעסטענס אין דעם, וואָס איז אייך אַמטייערסטען אין דער וועלט...

— יאָ, עס געהט מיר באמת אין דעם,—האָט געענטפערט דער רייטער.

— אין אַ זוהן, למשל...

— כמעט ווי,—האָט געזאָגט דער רייטער.

דער בעל-אכסניה האָט איפגעהויבען דעם קאָפּ און צו זיך געזאָגט:

— דער בירגער מאַכט אויף מיר פונדעסטוועגען דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אַ גלח.

— אַ גלח, און ער האָט קינדער, האָט ער געטראַכט.

— זאָטעלט-אָן מיין פערד, האָט געזאָגט דער רייזענדער. וויפיעל קום איך אייך?

און ער האָט איהם בעצאָהלט.

דער בעל-הבית האָט אָוועקגעשטעלט די מולטער און דעם קובעל ביי דער וואַנד און צוריקגעקומען צום רייזענדען.

— אַזוי ווי איהר האָט בעשלאָסען צו פאָהרען, הערט מיין עצה: עס איז קלאָר, אַז איהר פאָהרט קיין סען-יאַלאָ. אַלזאָ, פאָהרט-זשע נישט דורך

יאָל. עס זענען פֿאַרהאַן צוויי וועגען. אַ וועג דורך דאָל און אַ וועג אין דער לענג פֿון ים־ברעג. ביידע, ביים סוף־גאַס גייען זיך די צוויי וועגען פֿונאַנדער; דער דאָל'ער איז לינקס, דער סען־זשאַרזש'ער דער ברעגען איז רעכטס. איהר זאָלט מיך הערען, געהט איהר דורך דאָל, וועט איהר אריינ־פֿאַלען אין דער שחיטה, דעריבער נעהמט נישט אויף לינקס, נאָר אויף רעכטס.

— אַ דאַנק אייך, האָט געזאָגט דער רייזענדער.

און ער האָט אַ שמיץ געטהון דאָס פֿערד.

עס איז געוואָרען פֿינסטער און ער איז אריינגעדרונגען אין דער נאַכט.

דער בעל־אכסניה האָט איהם פֿערלוירען פֿון די אויגען.

ווען דער רייזענדער איז געוועזען ביים סוף גאַס, וואו עס צוגעהן־זיך די צוויי וועגען, האָט ער געהערט די שטימע פֿונ'ם בעל־אכסניה, וועלכער האָט איהם נאָכגעשריען פֿון דערווייטענס:

— נעהמט אייך אויף לינקס!

ער האָט זיך גענומען אויף רעכטס.

2.

דאָל.

דאָל, אַ שפּאַנישע שטאָדט פֿון פֿראַנקרייך אין ברעטאַן, — אַזוי פֿלעגט מען זי בעצייכנען אין די אַלטע אַקטען, — איז נישט געוועזען קיין שטאָדט, נאָר אַ גאַס. אַ גרויסע אַלטע גאָטישע גאַס, וואו עס ציהען זיך פֿון רעכטס און פֿון לינקס הייזער מיט פּילאַרען, וועלכע שטעהען נישט אין אַ גלייכע ליניע, נאָר ווינקעלדיג און געבראָכען. דער איבריגער טייל שטאָדט איז גאָר אַ נעץ פֿון קליינע געסלעך, אָנגעקניפּט אָן דער דאָזיגער דיאַמעטראַלער גאַס, וואו זיי פֿליסען־צו פּונקט ווי טייכלעך צו אַ גרויסען טייך. די שטאָדט, אָהן טויערען און מויערען, אָפֿען און בעדראָהט דורך איהר הויכען בארג מאָן־דאָל, וואָלט קיין בעלאַגערונג נישט אויסגעהאַלטען, חוץ די גאַס, וועלכע האָט געקאָנט אויסהאַלטען.

די גאַלעריעס אונטער די פּילאַרען, וועלכע ציהען זיך פֿון ביידע זייטען גאַס, האָבען געמאַכט פֿון איהר אַ שטאַרקען און ווידערשטאַנדספֿעהיגען קאָמפּלאַץ, ווי פֿיעל הייזער, אַזוי פֿיעל פֿעסטונגען, וועלכע מען האָט בעדאַרפֿט נעהמען איינע נאָך דער אַנדערער. די אַלטע האַלע איז געוועזען אין מיטען גאַס.

דער בעל־אכסניה פֿון דע לאַ קרואַ־ברנשאַר האָט אמת געזאָגט. אין דעם מאָמענט, וואָס ער האָט געשמועסט איז אין דאָל פֿאָרגעקומען אַ העפֿטיגער קאַמפּף. עס איז אויסגעבראָכען אַ נאַכט־קאַמפּף צווישען די ווייסע,

וועלכע האבען פערנומען די שטאדט אין דער פריה און די בלאהע, וועלכע זענען פלוצלונג אנגעקומען אויף דער נאכט. די כחות זענען געווען ניט קיין גלייכע: ווייסע זענען געווען זעקס טויזענד און בלאהע פונפצעהן הונדערט, נאר זיי זענען גלייך געווען אין זייער צארן, און א וואונדערבארע זאך, די פונפצעהן הונדערט האבען אטאקירט די זעקס טויזענד.

פון איין זייט א געדרענג פון א המון, פון דער צווייטער זייט—זעלנער אין א שלאכט-ארדנונג. פון איין זייט זעקס טויזענד פויערים מיט כריסטוס'ס הארץ אויף דעם לעדערנעם וועסטעל, ווייסע בענדער אויף די קיילעכדיגע היטען, קריסטליכע דעוויזען אויף די ארמבענדער, קמעות ביי די גארטלען, בעוואפענטע מעהר מיט ווילעם ווי מיט שווערדען, ביקסען אהן באגנעטען, שלעפענדיג מיט שטריק די קאנאנען, שלעכט אנגעטהון, שלעכט דיסציפלינירט, שלעכט בעוואפענט, אבער פול ווילדען צארן (?) פון דער צווייטער זייט פונפצעהן הונדערט סאלדאטען אין דרייעקיגע הוטען מיט א דריפארביגער קאקארדע, דער ראק מיט לאנגע פאלעס און ברייטע קלאפעס, די פאסען איבערגעהאנגען אין א קרייץ איבער די פלייצעס און ברוסט, א קורצער און קרומער שווערד מיט א קופערנעם הענטעל, די ביקס מיט לאנגע באגנעטען, אויסגעמושטירטע, אין גלייכע רייהען, געהארכזאם און ווילד, ווי סענדיג ווי צו הארכען, ווי צו בעפעהלען,—אויך זיי זענען געווען פרייוויליגען נאר פרייוויליגע פארן פאטערלאנד, איבריגענס אין טראנטעס און אהן שיך; פאר דער מאנארכיע זענען געווען פויערים-ריטער; פאר דער רעוואלוציא,— בארפיסע העלדען; און די נשמה פון יעדער פון די צוויי ארמעען איז געווען זייער פיהרער; ביי די ראיאליסטען—דער אלטער, ביי די רעפובליקאנער—דער יונגערמאן, פון איין זייט—לאנטענאק, פון דער אנדערער—גאווען.

די רעוואלוציאן האט נעבען די יונגע גיגאנטען-פיגורען, ווי דאנטאן, סען—זשוסט, כאבעסצריער, געהאט יונגע אידעאלע פיגורען, ווי האש און מארסא [37]. גאווען איז געווען איינער פון די געשטאלטען.

גאווען איז אלט געווען דרייסיג יאהר, א קערפערבוי פון א הערקולעס, א ערנסט אויג פון א נביא און א לאכען פון א קינד. ער האט ניט גערויכערט, נישט געטרונקען און נישט געזידעלט זיך. ער האט בשעת דער קריג מיט זיך מיטגעפיהרט א טואלעטען—נעסעסער; ער האט שטארק געפוצט זיינע נעגעל,

37) האש—טערזשאנט בײם אויסברוך פון דער רעוואלוציאן, 21 יאהר אלט. ווערט יערנאך אין זײן 24 לעבענסאלטער אנפיהרער פון א ארמעע, בעזיגט די עסטרײכער א סך מאל און שטילט-אײן 1796 דעם אויפשטאנד אין וואנדעע, שטארבט אין 1797—29 יאהר אלט.

מארסא — טאטיגער אנפיהרער, שטארבט 27 יאהר אלט אויף דעם שלאכט-פעלד. נײדע אידעאליסטען.

זײַנע צײַהן און זײַנע דונקעלע און פֿרעכטיגע האָר און בשעת'ן אָבּרוד האָט ער אַלײן אױסגעקלאַפּט זײַן דורכגעשאָסענעם און פֿון שטויב װײַסען מונדיר, שטענדיג אינמיטען גרעסטען ברען פֿון שלאַכט, איז ער פֿונדעסט-װעגען נישט פֿערװאונדעט געװאָרען. זײַן זעהר װײכע שטים האָט צו דער נויטיגער צײַט געהאַט שאַרפֿע בעפֿעהלערישע קלאַנגען, ער האָט געגעבען אַ גוטען בײַשפּיעל, לײַגענדיג זיך אויף דער ערד אונטער'ן רעגען און שנײ אײַנגעװיקעלט אין זײַן מאַנטעל, און זײַן שענעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטײן,—דאָס איז געװען אַ העלדישע און צנועות'דיגע נשמה. די שװערד אין דער האַנד האָט איהם אינגאַנצען פֿערענדערט. ער האָט געהאַט דעם װײב-ליכען אויסדריק, װעלכער איז שרעקליך אין'ם קאַמף. אויסער דעם איז ער נאָך געװען דענקער און פֿילאָזאָף, אַ יונגער חכם. אַ אַלקיביאַדעס פֿאַר דעם, װער עס האָט איהם געזעהען, אַ סאָקראַטעס פֿאַר דעם, װעלכער האָט איהם געהערט.

אין דער געװאַלדיגער אימפּראָװיזאַציאָן, װעלכע הײסט פֿראַנצויזישע רעװאָלוציאָן, איז דער דאָזיגער יונגערמאַן באַלד געװאָרען אײנער פֿון די הויפּט-קאָמאַנדירען.

זײַן אָבטײלונג, װעלכע ער אַלײן האָט פֿאָרמירט, איז געװען, װי אַ רוימישער לעגיאָן, אַ פֿאָלשטענדיגע קלײנע אַרמעע; זי איז בעשטאַנען פֿון אינפֿאַנטעריע און קאַװאַלעריע; זי האָט געהאַט פֿאָרפּאָסטען, פּיאָניערען סאַפּיאָרען און פּאָנטאָניערען; און, פּונקט װי דער רוימישער לעגיאָן האָט געהאַט טאַראַנען, האָט זי געהאַט קאַנאָנען. דרײַ קאַנאָנען מיט אַ גוטע געשפּאַן האָט די אָבטײלונג געמאַכט שטאַרק און נישט געשטערט זיך צו בעװעגען.

אויב לאַנטענאַק איז געװען אַ אַרמעע-קאָמאַנדיר, און אפשר נאָך אַ גרעסערער. ער איז געװען אי בעדענקליכער, אי דרײַסטער. די אמת'ע אַלטע העלדען זענען קאַלטבלוטיגער פֿון די יונגע, װײַל זײ זענען װײַט פֿון דעם מאָרגענרויט פֿון לעבען און דרײַסטער, װײַל זײ זענען נאָהנט צום קבר און האָבען נישט װאָס צו פֿערלירען—פֿון דאַנען נעהמען זיך, דאָס די אַלע חוצפּה'דיגע און צוגלײַך קלוגע מאַנעװורען פֿון לאַנטענאַק.—נאָר אין אַלגעמײן און כמעט שטענדיג אין די אַלע האַרטנעקיגע צוזאַמענשטויסען פֿון דעם זקן און דעם יונגענמאַן, האָט גאָװען געהאַט די אויבערהאַנד. אפשר איז דאָס געװען מעהר די הצלחה װי עפּעס אַנדערש. אַלע גליקען, אפילו די שרעקליכע, געהערען דער יוגענד. דער נצחון איז אין אַ געװיסער מאָס אַ מעדעל.

לאַנטענאַק איז געװען אויפֿגעבראַכט געגען גאָװען; ערשטענס, װײַל

געווען האָט איהם געשלאָגען, צווייטענס, ווייל ער איז געווען זיינס אַ קרוב. וואָס פאַר אַנ׳איינפאַל צו ווערען אַ יאַקאָבינער? דער דאָזיגער געוועזן! דער גאַסעניוונג! וואָס דאַרף זיין זיין יורש. דער מאַרקיז לאַנטענאַק האָט נישט געהאַט קיין קינדער און געווען איז געווען זיינס אַ ברודער׳ס-אייניקעל, כמעט אַ אייניקעל!— בעקום איך איהם אין מיינע הענד, האָט תמיד דער ווייזע לאַנטענאַק געטראַכט—דאַן וועל איך איהם דערשיסען ווי אַ הונד!

איבריגענס, האָט די רעפובליק געהאַט רעכט, וואָס זי האָט זיך בעאונ־רוהיגט וועגען דעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק. קוים איז ער אַרויסגעשטיגען, האָט שוין אַלץ פאַר איהם געציטערט. זיין נאָמען האָט זיך אַרורכגע־צויגען אין דעם וואַנדעאישען אויפשטאַנד ווי אַ שנור פולווער און לאַנטענאַק איז באַלד געוואָרען דער צענטער און אָנפיהרער פון אויפשטאַנד פון דעם אָרט, וואו אַלע זענען אייגער דעם צווייטען מקנא און וואו יעדער האָט זיך געהאַט אַ אייגענעם קרושאַק און זיין אייגענעם בערגשפּאַלט אין איז פאַר זיך געווען אַ קאָמאַנדיר אין אַזאַ צושפּליטערונג פון די כחות איז געקומען לאַנטענאַק און האָט פון אויבען פעראייניגט אַלע קאָמאַנדירען, וועלכע זענען געווען צוריסען צווישען זיך. כמעט אַלע קאַפּיטאַנען פון די וועלדער האָבען זיך גלייך פעראייניגט מיט לאַנטענאַק׳ן און האָבען איהם פון נאָהנטען צי פון ווייטען געהאָרכט.

לאַנטענאַק האָט אַלס קריגסמאַן געהערט צו פרידריך דעם צווייטענס שולע; ער האָט פערשטאַנען צו קאָמבינירען די גרויסע קריג מיט דער קלענער. ער האָט נישט געוואָלט נישט די „אונאָרגאַניזירטע מאַסע”, ווי די גרויסע קאַטוילישע און קעניגליכע אַרמעע, — אַ המון בעשטימט צום דער־שטיקען:—נישט דאָס פונאַנדערוואַרפען אין די וואַלדגעדיכטענישען און גע־שטריכען, וואָס איז גוט צו בערונרוהיגען, אָבער אָהנמעכטיג צו פערניכטען דעם שונא. די פאַרטיזאַנישע קריג האָט נישט די ענטשיידענע בעדייטונג, אָדער ענטשיידעט שלעכט. מען הויבט־אָן ביי אַטאַקירען די רעפובליק און מען ענדיגט מיט׳ן אָנפאַלען אויף אַ פוהר. לאַנטענאַק האָט נישט פערשטאַנען די דאָזיגע ברעטאָנישע קריג, וועלכע איז געפיהרט געוואָרען נישט אינגאַנ־צען אויפ׳ן פרייען פעלד, ווי ראָשושאַקלען און נישט אינגאַנצען אינ׳ם וואַלד, ווי זשאַן־שואַן; נישט וואַנדעע, נישט שואַנעריע, ער האָט געוואָלט אַ אמת׳ע מלחמה; ער האָט געוואָלט זיך בעדינען מיט׳ן פויער, אָבער אויך זיך שטיצען אויף דעם סאָלדאַט. ער האָט געוואָלט די באַנדעס פאַר די סטראַטעגיע און די רעגימענטען פאַר דער טאַקטיק. ער האָט געהאַלטען די דאָזיגע דאָרפס־אַרמעען, וועלכע מען קאָן באַלד צוזאַמענקלייבען און באַלד פונאַנדערשפּרייטען, פאַר זעהר נוצליך בשעת אַ פּלוצלינגען אָנפאַל אָדער

פאר די לויער; נאר זיי זענען פאר איהם געווען צו פליסיג, אזוי ווי וואסער אין זיין האנד; ער האט געוואלט אין דער דאזיגער וואקעלדיגע ארמעע שאפען א סאלידען פונקט, ער האט געוואלט צו דער ווילדער וואלד-ארמעע צוגעבען א רעגולער מיליטער, וועלכע זאל זיין דער אקס פון אלע פויערישע מאנעווערען, א טיעפער און געפעהרליכער געדאנק; ווען ער וואלט געהאט ערפאלג, וואלט וואנדעע געבליבען אונבעזיגבאר.

נאר וואו געפינט מען רעגולער מיליטער? וואו נעהמט מען סאלדאטען? וואו נעהמט מען רעגימענטען? ווי נעהמט מען א פארטיגע ארמעע? אין ענגלאנד. דאס איז געווען לאנטענאק'ס איינגעשפארטער געדאנק; זיך בעמיהען, די ענגלענדער זאלען זיך ארויסזעצען. אזוי גיט זיך אונטער דאס געוויסען, ווען עס קומען אין שפיעל פארטיי-אינטערעסען; די ווייסע קאקארדע האט איהם פערשטעלט דעם רויטען מונדיר. לאנטענאק האט נאר געהאט איין געדאנק, צו פערכאפען א פונקט ביים ברעג און עס איבער צוגעבען פוט'ן. דעריבער, זעהענדיג דאל אהן פערטיידיגונג, האט ער זיך דארויף געווארפען, כדי ענדליך דורך דאל צו בעקומען דעם בארג מאן-דאל, און דורך מאן-דאל—דעם ברעג.

אום אבער אויסצופיהרען דעם דאזיגען דעצידירענדען פרוב, האט ער מיט זיך געפיהרט מעהר ווי זעקס טויזענד מאן, אויסקלויבענדיג די מוטיגסטע פון די באנדעס, מיט וועלכע ער האט אנגעפיהרט, און זיין גאנצע ארטילעריע: צעהן זעכצעהנ-פונטיגע איין אכט-פונטיגען און א פיער-פונטיגען פעלדהארמאט, ער האט געהאט בדעה ארויפצישטעלען א באטעריע אויפ'ן מאן-דאל, האלטענדיג זיך אן דעם פרינציפ, אז טויזענד שאסען פון צעהן קאנאנען ברענגען מעהר נוצען ווי פינפצעהן הונדערט שאסען פון פינף קאנאנען.

דער ערפאלג האט זיך געדוכט איז א געזיכערטער, מען איז געווען זעקס טויזענד מאן און דאס איינציגע פאר וואס ס'איז געווען מורא צו האבען איז—פון דער זייט פון אווראנש, גאווען מיט זיינע פינפצעהן הונדערט מאן און לעשעל פון דער זייט פון דינא'ן. לעשעל האט אפילו געהאט פינף טויזענד מאן, ער האט זיך אבער געפונען אויף צוואנציג מייל פון דאנען. לאנטענאק איז דעריבער פון דער זייט פון לעשאל מיט זיין גרויסער צאהל סאלדאטען זיכער געווען צוליעב דעם גרויסען מהלך; און פון דער זייט פון גאווען, וועלכער איז נאהנט געווען האט איהם פערזיכערט די קליינע צאהל סאלדאטען. לאמיר נאך צוגעבען, אז לעשעל איז בכלל געווען א שלימ'מזל און האט דערנאך צוגעלאזט צו דער פערניכטונג פון זיינע פינף-און צוואנציג טויזענד מענשען אין קרויא-באטאיל צוליעב וואס ער איז בעגאנגען זעלבסטמארד.

לאַנטענאַק האָט זיך געפּיהלט אין אַ פאָלשטענדיגער זיכערקייט, זיין בעזעצען דאָל איז געווען אַ פלוצלינגע און האַרטע. דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטען שם: מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אָהן רחמנות. מען האָט אפילו נישט געפּרובט זיך איהם אנטקעגענצושטעלען. די איבערגעשראָקענע איינוואוינער האָבען זיך בעהאַלטען אין זייערע הייזער. די זעקס טויזענד וואַנדערער האָבען זיך איינגעקוואַטירט מיט אַ פּויערישען אונאָרדנונג, אַזוי ווי אויף אַ יאַריד, אָהן קוואַטירמייסטערס, אָהן בעשטימטע דירות, פערברענגענדיג אונטערן פרייען הימעל ווי עס האָט זיך געלאָזען, קאָכענדיג אין דרויסען די עסענס, ליופענדיג אין די קלויסטערס, וואַרפענדיג די ביקסען, בכדי צו קענען נעמען די ראָזענקרענץ. לאַנטענאַק האָט זיך מיט עטליכע אָפיצירען צוגעאיילט צו בעקאָנען זיך מיט'ן מאָן=דאָל, איבערלאָזענדיג די פיהרערשאַפט גוזש=לע בריואַן, זיין געהילף.

דער דאָזיגער גוזש=לע בריואַן האָט איבערגעלאָזט פון זיך אַ שוואַכען צייכען אין דער געשיכטע. ער האָט געהאַט צוויי צונעמען, „ברוזי=בלע" (דער בלאָהען=פרעסער), צוליעב די שחיטות, וועלכע ער האָט געמאַכט אויף די פּאַטריאָטען, און „ימאַנוס", וואָס שטאַמט פון „ימאַנוס". אַ אַלטער נידער=נאָרמאַנדישער אויסדריק, וועלכער בעדייט, אַ אונמענשליכע איבערנאַטירליכע מיאוסקייט—דער שטן, דער סאַטיר, דער מענשענפרעסער. אין דער וואַנדעע זענען געווען אַ סך ווילדע, אָבער גוזש=לע=בריואַן איז געווען דער באַרבאַר; אויף זיין פּנים האָט ווי אָבגעשיינט דער העסליכער כמעט איבערנאַטירליכער אָבגלאַנץ פון אַ נשמה, וועלכע איז גאָר נישט ענליך אויף קיין שום אנדערע מענשליכע נשמה. ער איז געווען מוטיג אין קאַמף, דערנאָך גרויזאַם. דאָס איז געווען אַ האַרץ, פעהיג צו אלע קרבנות און צו אלע ווילדקייטען. איז ער פעהיג געווען צו טראַכטען? יאָ, נאָר אַזוי ווי עס קריכען די שלאַנגען—אין אַ ספּיראַלע ליניע. ער האָט אָנגעהויבען מיט העלדענטאַט און פערענדיגט מיט מאָרדטאַט. עס איז געווען שווער צו טרעפען, פון וואַנען עס שטאַמען זיינע בעשלוסען, גראַנדיעזע מאַנכעמאָל צוליעב זייער גרויזאַמקייט. ער איז געווען פעהיג צו אלע אונערוואַרטעסטע שרעקליכע מעשים. זיין ווילדקייט איז געווען אַ עפּישע.

דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק האָט געהאַט צוטרוי צו זיין גרויזאַמקייט

אין גרויזאַמקייט האָט זיך דער ימאַנוס באמת אויסגעצייכענט, אָבער נישט אין הינזיכט פון סטראַטעגיע און טאַקטיק. און דער מאַרקיז איז אפשר בעגאַנגען אַ פעהלער, וואָס ער האָט איהם געמאַכט פאַר זיין קאַמפּס=סערזשאַנט.

גוזש=לע=בריואַן, מעהר אַ קעמפער ווי אַ מיליטערמאַן, האָט בעסער

געטויגט אויסצוראַטען אַ שבת, ווי צו היטען אַ שבֿאָרט, פֿונדעסטוועגען האָט ער אוועקגעשטעלט וואַכֿען.

אויף דער נאַכֿט, בשעת דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק, בעקוקענדיג דאָס אָרט, וואו די באַטעריע וואָלט געקאָנט אוועקגעשטעלט ווערען, האָט זיך אומגעקעהרט אין דאָרף, האָט ער דערהערט אַ קאַנאָנען-שיסערײַ. ער האָט זיך אײַנגעקוקט, אַ רויטער רויך האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער גרויסער גאַס. דאָס איז געווען אַ אונגעריכֿטער איבערפֿאַל, אַ שטורם. מען האָט זיך געשלאָגען אין דער שטאָדט.

ניִשט לײַכֿט איז איהם געווען צו פֿערוואונדערן, נאָר דאָס מאָל איז ער געבֿליבען ווי פֿערבֿליפֿט. אויף דעם האָט ער זיך גאָר ניִשט נעריכֿט, ווער האָט דאָס געקאָנט זײַן — עס איז דאָך ניִשט געווען גאָווען. מען אַטאַקירט דאָך ניִשט אײַנער געגען פֿיער. איז דאָס געווען לעשעל? נאָר וואָס פֿאַר אַ אָנגעשטרענגטער מאַרש וואָלט דאָס געווען! לעשעל איז געווען אונוואַהרשײַנליך, גאָווען — אונמעגליך.

לאַנטענאַק האָט צוגעיאָגט זײַן פֿערד, אויפֿ'ן וועג האָט ער געטראָפֿען אײַנוואוינער, וועלכֿע זענען אַנטלאָפֿען; ער האָט זיי געפֿרעגט. זיי זענען געווען משוגע פֿאַר שרעק. זיי האָבען געשריען: די בלאָהע! די בלאָהע! און ווען ער איז אָנגעקומען, איז די לאַגע געווען אַ שלעכֿטע.

אָט וואָס עס איז געשעהן.

VIII.

קלײַנע אַרמעען און גרויסע שלאַכֿטען.

אָנקומענדיג קײַן דאָל, האָבען זיך די פּויערים, ווי מיר האָבען געזעהן, פֿונאַנדערגעשפּרײט אין דער שטאָדט, און יעדער האָט געטון, וואָס איהם איז געפֿעלען אַזוי ווי עס טרעפֿט זיך בשעת די אַרמעע האַרכֿט נאָר פֿון פֿרײַנדשאַפֿט וועגען ווי די וואַנדרער האָבען זיך אויסגעדריקט. עס איז אַ בעזונדערער אופֿן פֿון געהאָרכֿזאַמקײַט, וועלכֿע שאַפֿט העלדען, אָבער ניִשט קײַן סאָלדאַטען, זיי האָבען אַרײַנגעשטעלט זייער אַרטילעריע אונטער די געוועלבען פֿון דער אַלטער האַלע, און מיעדע, עסענדיג, טרינקענדיג, זאָגענדיג תּפֿילות, האָבען זיי זיך אין אַ אונאָרדנונג אויסגעלעגט איבער דער גאַנצער גרויסער גאַס, וועלכֿע איז מעהר געווען פֿערלעגט ווי אָבגעהיט, אַזוי ווי די נאַכֿט איז אָנגעפֿאַלען זענען די מײַסטען אײַנגעשלאָפֿען, דעם קאָפּ אויף זייערע פּעקלעך, ווער מיט דער פֿרוי נעבען זיך, ווײַל אָפֿטמאָל האָבען די פּויערטעס בעגלײַט די פּויערים, עס איז געווען אַ וואַרימע יולי-נאַכֿט, די שטערען האָבען געלויכֿטען אויף דעם טיפֿען דונקעל-בלאָהען הימעל, דער

גאַנצער ביוואַק, וועלכער איז מעהר עהנליך געווען אויף א אַברוה פון אַ קאַראַוואַן, ווי צו אַ לאַגע פון אַ אַרמעע, האָט רוהיג אָנגעהויבען איינצושלאָפען. פלוצלינג האָבען די, וועלכע זענען נאָך נישט געווען איינגעשלאָפען געזעהן ביים שיין פון בין-השמשות דריי קאַנאָנען אויסגעשטעלט ביים איינגאַנג פון דער גאַס.

דאָס איז געוועזען גאָווען, ער איז אונגעריכט בעפאַלען די פאָרפאָסטענס, אַריינגעקומען אין די שטאָדט און פערנומען מיט זיין אָבטיילונג די אָנהויב גאַס.

א פויער האָט זיך אויפגעשטעלט, שרייענדיג: ווער איז? און אויסגעשאָסען. עס האָט איהם אָבגעענטפערט אַ קאַנאָנע, און עס איז אויסגעבראָכען אַ ווילדע שיסעריי. די גאַנצע איינגעשלאָפענע מענגע האָט זיך אויפגעכאַפּט. (עס איז אַ שווערע ערשיטערונג.—איינצושלאָפען אונטער די שטערענס און אויפצוכאַפּען זיך אונטער האַרמאַטען-שאָסען.)

די ערשטע רגע איז געווען אַ שרעקליכע. עס איז נישט פאַרהאַן עפּיס טראַגישערס, ווי די הילפלאָזיגקייט פון אַ געשאָסענער מענגע. די איבערגעפאַלענע פויערים, נישט וויסענדיג, וואָס צו טהון, האָבען זיי איינער דעם צווייטען געשאָסען. מענשען ווי פערבלופטע זענען אַרויס פון די הייזער און צוריק אַריין, און ווי אין אַ שגעון געבלאָנדזעט אין טומעל. פאַמיליעס האָבען זיך גערופען. א חושכ׳דיגער קאַמף, געמישט פון פרויען און קינדער. פייפענדיגע קוילען האָבען אַדורכגעשטרייפט די פינסטערניש. די שאָסען זענען געפאַלען פון אַלע דונקעלע ווינקלען. אומעדום רויך און געטומעל. צו דעם האָט זיך נאָך צונויפגעמישט א פלאָנטער פון וואָגענס און פוהרען. פערד האָבען זיך געשטעלט אויף די הונטערשטע פיס. מען איז געגאַנגען אויף פערוואונדעטע. אויף דער ערד האָט מען געהערט ווילדע קולות. אַ סך האָט א שרעק אַרומגעכאַפּט, אַ סך האָבען זיך אין גאַנצען פערלוירען. סאָלדאַטען און אָפיצירען האָבען זיך געזוכט. אינמיטען פון דעם אַלעם— עפּיזאָדען פון פאָלשטענדיגער גלייכגילטיגקייט, אַ פרוי האָט געזויגען אַ נייגעבוירען קינד, זיצענדיג ביי א וואַנד, אָן וועלכער איהר מאַן מיט אַ צובראָכענעם פוס איז געווען אָנגעשפּאַרט. דאָס בלוט האָט זיך פון איהם געגאָסען און ער האָט רוהיג אָנגעלאָדען זיין ביקס און געשאָסען אין דער וועלט אַריין, טויטענדיג פאַר זיך אינ׳ם שאָטען, מענשען, ליגענדיג אויפ׳ן בויך, האָבען געשאָסען דורך די רעדער פון די וואָגענס. מאַנכעמאָל האָט זיך אויפגעהויבען אַ שרעקליך געוויש פון אויסגעשרייען. די גראָבע קאַנאָנען-שטים האָט אַלץ פערהילכט. עס איז געווען שוידערליך.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז דאָס האַקט מען ערגעץ אונטער בוי-

מער; אלע זענען געפאלען איינער אויף דעם צווייטען. נאווען, בעהאלטען, האט זיכער געשאסען, נישט פערלירענדיג דערביי קיין מענשען.

ענדליך האבען זיך די אונערשראקענע פויערים אין דעם געטומעל געמוזט בעגרענצען נאר מיט דער פערטיידיגונג; זיי זענען אבגעטרעטען צו דער האלע, א ברייטע און דונקעלע געביידע, א וואלד פון שטיין-פילארען. דארט זענען זיי ווידער צו זיך געקומען; אלץ, וואס איז עהנליך געווען אויף א וואלד, האט אין זיי ערוועקט צוטרוי. ימאנוס האט זיך בעמיהט, ווי נור ער האט געקאנט, צו פערטרעטען דעם אבוועזענדען לאנטענאק. זיי האבען געהאט קאנאנען און צו נאווען'ס גרויסער פערוואונדערונג, האבען זיי זיך מיט זיי נישט בענוצט. דאס איז געווען צוליב דעם, וואס די ארטילעריע-אפיצירען זענען צוזאמען מיט'ן מארקיז געגאנגען ארומקוקען דעם בארג דאל און די פויערים האבען נישט געוואוסט, ווי אזוי זיך מיט דעם צו בענוצען; נור זיי האבען די בלאהע אבגעענטפערט מיט ביקסען-שאסען. איצט זענען זיי געווען געשוצט. זיי האבען צוזאמענגעשלעפט וואגענס, טיסט-פוהרען, באנאזשען, אלע פעסער פון דער אלטער האלע און געמאכט א באריקאדע מיט עפנונגען פאר די ביקסען. דורך די דאזיגע לעכער איז זייער פייער געווען א מערדערישער. דאס אלץ האט זיך אבגעטון מיט א אונגעוועהנליכער שנעלקייט. אין א פירטעל שעה האט די האלע פארגעשטעלט א פראנט נישט צום איינענעהמען.

די לאגע איז געווארען פאר גאווען'ען זעהר ערנסט. דידאזיגע האלע, וועלכע איז פלוצלינג פערוואנדעלט געווארען אין א ציטאדעל, איז פאר איהם געווען אונערווארטעט. גאווען'ען האט זיך איינגעגעבען פלוצלינג זיי איבערצופאלען, נאר ער איז ניט בכח געווען זיי צו צוויאגען. ער איז אראב פון פערד, אויפמערקזאם, האלטענדיג די שווערד אין די פערלעגטע אויף די ברוסט הענד, אינ'ם שיין פון א פאקעל, וועלכע האט בעלויכטען זיין באטעריע, האט ער זיך איינגעקוקט אין דעם דאזיגען שאטען.

זיין הויכע פיגור האט זיך בולט געזעהן ביים שיין פון פאקעל. ער איז געווען ביי די מענשען פון אונטער דער באריקאדע א ציעל, נאר ער האט וועגען דעם נישט געטראכט.

א האגעל פון קוילען, וואס די באריקאדע האט געשיקט, האט זיך צעשאטען ארום דעם פערטראכטען גאווען. אבער געגען די ביקסען האט ער געהאט קאנאנען, און א קאנאנע בלייבט שטענדיג גערעכט. ווער עס האט די ארטילעריע, דער האט דעם נצחון. זיין באטעריע האט איהם פערזיכערט דעם ערפאלג.

פלוצלינג, האט א בליץ א שיין געטהון פון דער האלע, אנגעפילטע

מיט חושך, עס האט זיך דערהערט אזוי ווי א דונער און א קאנאָנען־קויל איז אריינגעפאלען אין א הויז איבער גאוועג'ס קאפ.

די בארי‌קאדע האט אויף קאנאנען אבגעענטפערט מיט קאנאנען.

וואס איז געשעהן? עס איז עפעס נייעס פארגעקומען. די ארטילעריע איז איצט שוין געווען אויף ביידע זייטען.

א צווייטע קאנאנען־קויל איז באלד אונטערגעקומען און זיך אריינגע־ריסען אין א מויער נעבען גאוועג'ען. א דריטע קויל האט זיין הוט ארונטער־געריסען.

די דאזיגע קוילען זענען געווען פון גרויסען קאליבר.—עס האט געשאָ־סען א וועלצעהן־פונטיגער הארמאט.

— מען ציעלט זיך אין אייך, קאמאנדיר, האבען די ארטילעריסטען אויסגעשריען.

און זיי האבען אויסגעלאשען דעם פאקעל. גאוועג האט פערטראכט אויפגעהויבען זיין הוט.

און ווירקליך האט זיך עמעץ געציעלט אין גאוועג'ען. דאס איז געווען לאנטענאק.

דער מארקיז איז אריינגעקומען אין דער בארי‌קאדע פון דער אנטקעגענדיגער זייט.

ימאנוס איז איהם געלאפען אנטקעגען.

— הער מארקיז, מען האט אויף אונז געמאכט א איבערפאל.

— ווער?

— איך ווייס נישט.

— איז דער וועג פון דינאן פריי?

— אזוי דאכט זיך.

— מען מוז אבטרעטען.

— מען האט שוין אנגעהויבען. א סך האבען זיך שוין געראטעוועט.

— מען דארף זיך נישט ראטעווען; מען דארף אבטרעטען. פארוואס האט איהר אייך נישט בענוצט מיט ארטילעריע?

— אלע זענען צומישט געווארען, און, איבריגענס, זענען די אפיצירען נישט געוועזען.

— איך געה דארט.

— הער מארקיז, איך האב ארויסגעשיקט קיין פוזשער וויפיעל איך האב געקאנט בעגאוש, פרויען און אלץ, וואס איז נישט נויטיג. וואס זאל מען טהון מיט די דריי קליינע געפאנגענע?

— א, די קינדער?

— יאָ.

— זיי זענען אונזערע זאַקלאַדניקעס. הייסט זיי אָפּפֿיהרען קיין טורג.

דער מאַרקיז איז צוגעגאַנגען צו דער באַריקאַדע. ווי נאָר דער אָנפֿיהרער איז געקומען האָט זיך אַלץ געענדערט. די באַריקאַדע איז פֿאַר דער אַרטילעריע זעהר שלעכט געמאַכט געוואָרען; עס איז נור געווען אָרט פֿאַר צוויי קאַנאָנען; דער מאַרקיז האָט אַריינגעשטעלט דאָרט צוויי זעכצעהן־פֿונטיגע האַרמאַטען און געהייסען מאַכען פֿאַר זיי עפֿנונגען. און, ווי ער האָט זיך אַזוי איבערגעבויגען איבער איינעם פֿון די האַרמאַטען, בעטראַכטענדיג די פֿיינדליכע אַרטילעריע דורך די עפֿנונגען, האָט ער בעמערקט גאַוועג׳ען.

— דאָס איז ער!—האָט ער אויסגעשריען.

און ער האָט אַליין גענומען דעם קאַנאָנענווישער, אָנגעלאָדען די קאַנאָנען אָנגעציעלט און אויסגעשאָסען.

דריי מאָל האָט ער געציעלט אין גאַוועג׳ען און דריי מאָל נישט געטראָפֿען. צום דריטען מאָל האָט ער איהם דעם הוט אַראָבגעוואָרפֿען.

— אונגעשיקט!—האָט לאַנטענאַק געמורמעלט. נור אַביסעל נידריגער און איך וואָלט איהם דעם קאָפּ אַראָבגעהאַקט.

פּלוצלינג האָט זיך דער פֿאַקעל אויסגעלאָשען און ער האָט פֿאַר זיך געהאַט נור דאָס פֿינסטערניש.

— זאָל אַזוי זיין — האָט ער געזאָגט. און ווענדענדיג זיך צו די פֿויערישע קאַנאָניערען, האָט ער אויסגערופֿען:

— מיט קאַרטעטשען!

אויך גאַוועג׳ען פֿון זיין זייט איז נישט ווייניגער געווען ערנסט. די לאַגע האָט זיך פֿערערגערט. דער קאַמף איז אַריין אין אַ נייע פֿאַזע. איצט האָט די באַריקאַדע איהם בעשאָסען. ווער ווייס, אויב זי וועט נישט איבערגעהן פֿון דער פֿערטיידיגונג צו אַ אָפֿענזיווע. געגען זיך האָט ער געהאַט, אַראָבּרעכענענדיג די טויטע און אַנטלאָפֿענע, פֿינף טויזענד קעמפֿער, און איהם אַליין איז געבליבען צוועלף הונדערט פֿעהיגע צום קאַמף סאָלדאַטען. וואָס וועט פֿון די רעפּובּליקאַנער ווערען, ווען דער פֿיינד וועט זיך אַרומזעהן. ווי קליין זייער צאָהל איז, זיי וועלען זיך דאַמאָלס בייטען מיט די ראָלען: פֿון אָנפֿאַלער וועט מען ווערען אָנגעפֿאַלענע. מאַכט די באַריקאַדע אַ אויסצוג קאָן אַלץ געהן פֿערלאָרען.

וואָס טוט מען? עס איז אונמעגליך צו טראַכטען, וועגען אַטאַקירען די באַריקאַדע פֿון פֿאָרנט. נעהמען זי מיט שטורם איז אונמעגליך; צוועלף הונדערט מענשען שטויסען נישט אַרוים קיין פֿינף טויזענד, שנעל אָנגרייפֿען איז אונמעגליך, וואַרטען אָבער איז אַ סכּנה. מען מוז אַ סוף מאַכען. נאָר ווי אַזוי?

נאָוועָן האָט ניגעשטאַמט פון דער געגענד און געקאָנט די שטאָדט. ער האָט געוואוסט, אַז די אַלטע האַלע, וואו די וואַנדערער האָבען זיך פערשאַנצט, איז אָנגעשפּאַרט אָן אַ לאַבּירינט פון שמאָלע און געדרייטע געסלעך.

ער האָט זיך געווענדעט צו זיין לייטנאַנט, דעם מוטיגען קאַפּיטאַן געשאַן, וועלכער איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעריינינט דעם וואַלד קאָנסיז, וואו עס איז געבוירען געוואָרען זשאַן־שואַן, און געשטערט די פּויערים נעהמען בורגנעף, פערשטעלענדיג דעם וועג צום סטאָוו פון לאַ שען.

—געשאַן, האָט ער געזאָגט, איך גיב אייך איבער דאָס קאָמאַנדאָ, ניט פייער, וויפיעל איהר וועט נאָר קאָנען. לעכערט די באַריקאַדע מיט קאַנאָנען־שאָסען, בעשעפטיגט די אַלע לייט דאָרט

— איך פערשטעה, האָט געזאָגט געשאַן.

— נעהמט צונויף די גאַנצע אַבטהיילונג מיט אָנגעלאָדען געוועהר און האַלט זי גרייט צו אַ אַטאַקע.

ער האָט איינגערוימט געשאַנ'ען עטליכע ווערטער.

— איך פערשטעה—האָט געזאָגט געשאַן.

— פעהלט קיינער נישט פון די טראָמעלשלעגערס?

— זיי זענען אַלע דאָ.

— מיר האָבען ניין. לאָזט אייך איבער צוויי און זיבען גיט מיר.

די זיבען טראָמעלשלעגערס האָבען זיך שווייגענד אויסגעשטעלט פאַר גאָוועָנ'ען.

— צו מיר, באַטאַליאָן פון רויטען היטעל! האָט גאָוועָן אויסגעשריגען.

צוועלף מענשען, פון וועלכע איינער אַ סערזשאַנט, זענען אַרויס פון דער מחנה.

— איך פאָדער דעם גאַנצען באַטאַליאָן.—האָט געזאָגט גאָוועָן.

— אָט איז ער, האָט געענטפערט דער סערזשאַנט

— איהר זענט נור צוועלף!

— מיר זענען געבליבען צוועלף.

— גוט, האָט געזאָגט גאָוועָן.

דער דאָזיגער סערזשאַנט איז דאָס געוועָן יענער גוטער און האַרטער סאָלדאַט ראַדו, וועלכער האָט אין נאָמען פון באַטאַליאָן אַדאָפּטירט די דריי קינדער אין סאָדרעאישען וואַלד.

אַ האַלבער באַטאַליאָן, ווי דער לעזער דערמאָנט זיך, איז אומגעקומען אין הערב אָן פּאַיל און ראַדו האָט דורך אַ גליקליכען צופאַל נישט געהערט צו דער העלפט

אַ פוהר טיט פוראַזש איז געשטאַנען נאָהנט; נאָוועץ האָט אויף איהר אָנגעוויזען מיט'ן פינגער.

— סערזשאַנט, הייסט אייערע לײַט ארומנעהמען די ביקסען מיט שטרוי, מען זאָל נישט הערען קײַן גערויש בשעת זיי קלאַפען זיך אָן.

עס איז אַ רגע פערבײַ און דער בעפעהל איז ערפילט געוואָרען אין דער שטילקײַט און פינסטערניש.

— פערטיג, האָט געזאָגט דער סערזשאַנט.

— סאָלדאַטען, ציהט אראָב אייערע שיך, האָט בעפוילען נאָוועץ.

— מיר האָבען נישט קײַן שיך, האָט געזאָגט דער סערזשאַנט.

צוזאַמען זענען זיי מיט די זיבען טראָמעלשלעגערס געווען נײַנצעהן מאַן; נאָוועץ איז געווען דער צוואַנציגסטער.

שטעלט אײַך אויס אין איין שרעגנע האָט ער אויסגערופען, געהט מיר נאָך.

די טראָמעלשלעגער הינטער מיר, דערנאָך דער באַטאַליאָן, סערזשאַנט, איהר פיהרט אָן מיט'ן באַטאַליאָן.

ער איז געגאַנגען פאָראויס, און בשעת די קאַנאָנאַדע האָט ווײַטער געדונערט פון ביידע זײַטען, זענען די דאָזיגע צוואַנציג מענשען, גליטשענדיג זיך אזוי ווי די שאָטענס, אַרײַנגעדרונגען אין די פוסטע געסלעך.

זיי האָבען אזוי מאַרשירט אַ געוויסע צײַט, שלענגלענדיג זיך אין די לענג פון די הײַזער. די שטאָדט איז ווי אויסגעשטאָרבען; די אײַנוואוינער האָבען זיך פערשטעקט אין די קעלערס. עס האָט זיך נישט געפונען קײַן טיר, וועלכע זאָל נישט זײַן פערהאַקט, קײַן לאָדען, וועלכער זאָל נישט זײַן פערמאַכט. און קײַן ליכט האָט זיך אין ערגיץ נישט געזעהן.

די גרויסע גאַס האָט אין דער דאָזיגער שטילקײַט ווילד גערוישט; דער קאַנאָנען-קאַמף האָט נישט אויפגעהערט; די רעפובליקאַנישע באַטעריע און די ראָיאַליסטישע באַריקאַדע האָבען צאָרניג זיך געשפיגען מיט קאַרטעטשען.

נאָך צוואַנציג מינוט געדרעהטען מאַרשירען, איז נאָוועץ, וועלכער איז מיט זיכערע טריט געגאַנגען אין דער דאָזיגער פינסטערניש, אָנגעקומען צו אַ סוף געסעל, דורך וואַנען מען האָט געקאָנט אַרײַן אין די גרויסע גאַס, נאָר פון דער צווייטער זײַט האַלע. די פאָזיציע פון פײַנד איז אַלזאָ געוואָרען ארומגערינגעלט. אין דער הינטערשטער זײַט איז נישט געווען קײַן שאַנצען—די אײביגע אונפאָרזיכטיגקײַט פון די, וועלכע בויען באַריקאַדען—די האַלע איז געווען אָפען און מען האָט געקאָנט אַרײַנגעהן הינטער די פילאַרען, וואו עס איז געשטאַנען אײַנגעשפאַנטע באַגאַזש-פוהרען, גרײַט צום אָבפאָהרען.

גאָווען מיט זײַנע נײַנצעהן מענשען האָט נעהאַט פֿאַר זיך פֿינף טויזענד וואַנדערער, נאָר אויסגעדרײַטע צו זײַ מיט די פּלײַצעס.

גאָווען האָט שטיל גערעדט מיט׳ן סערזשאַנט, און אַראָבגענומען דאָס שטרוי פֿון די ביקסען; די צוועלף גרענאַדיערען האָבען זיך אויסגעשטעלט אין קאַמפּף-אָרדנונג הינטער דעם ווינקעל פֿון געסעל און די זיבען טראָמעלשלעגערס, די שטעקעלעך אויפֿגעהויבען, האָבען געוואַרט.

דאָס אַרטילעריש פֿײַער איז געווען פּעריאָדיש. פּלוצלינג, האָט צווישען איינעם און דעם צווייטען שאָס גאָווען אויפֿגעהויבען זײַן שווערד, און מיט אַ שטימע, וועלכע איז אין דער שטילקײַט אויסגעקומען ווי אַ קול פֿון אַ שופֿר, האָט ער אויסגעשריגען:

— צוויי הונדערט מענשען רעכטס, צוויי הונדערט מענשען לינקס, די רעשט אינמיטען!

עס האָט זיך דערהערט צוועלף ביקסען-שאָסען און די זיבען טראָמלען האָבען אויסגעקלאַפּט צו אַ אַטאַקע.

און גאָווען האָט אַרויסגעלאָזט דעם שרעקליכען אויסגעשריי פֿון די בלאַהע:

אויף באַגנעטען! פֿאָראויס!

די ווירקונג איז געווען אונערהערט. די גאַנצע פּויערים-מחנה האָט זיך געפֿיהלט באַפֿאַלען פֿון דער צווייטער זײַט און זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז אַ גאַנצע אַרמעע געפֿינט זיך הינטער די פּלײַצעס. אין דערזעלבער צײַט, הערענדיג דעם טראָמעלגעשלעג, האָט די אַבטיילונג, וועלכע האָט זיך געפֿונען בײַם אָנהויב פֿון דער גרויסער גאַס, אָנגעפֿיהרט דורך געשאַן, זיך גערירט, אויסקלאַפּענדיג פֿון איהר זײַט אויך צו אַ אַטאַקע און זיך געוואָרפֿען לויפֿענדיג אויף די באַריקאַדע; די פּויערים האָבען זיך געזעהען צווישען צוויי פֿײַערן; די פּאַנישע שרעק פֿערגרעסערט אַלץ: אַ שאָס פֿון אַ פּיסטאָלעט קומט אויס ווי אַ קאַנאָנען-שאָס, יעדער אויסגעשריי איז אַ געשפּענסט און דאָס בילען פֿון אַ הונד קומט-אויס ווי אַ לײַבען-קול. מען מוז נאָך צוגעבען אַז אַ פּויער כאַפּט אָן אַ שרעק, אַזוי ווי אַ שטרויענער דאַך פֿײַער, און פּונקט אַזוי לײַכט ווי פֿון אַ פֿײַער אויף אַ שטרוי-דאַך ווערט אַ בראַנד, אַזוי לײַכט ווערט פֿון דער שרעק פֿון אַ פּויער צוטומלעניש. עס איז געוואָרען אַ געלויף נישט צו באַשרײַבען.

אין עטליכע מינוטען איז די האַלע געווען לעדיג, די צושראָקענע פּויערים זענען זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿען, די אָפֿיצירען האָבען שוין נאָרנישט געהאַט וואָס אויפֿצוטהון. בחינם האָט ימאַנוס דער׳הרג׳עט צוויי אָדער דרײַ פֿון די לויפֿענדע, מען האָט נאָר געהערט איין אויסגעשריי: „אַנטלויפֿט, ווער

עס האָט גאָט אין הארצען!" און די דאָזיגע אַרמעע איז פערשוואונדען אין די פעלדער דורך די גאַסען פון דער שטאָדט, אזוי ווי דורך די לעכלעך פון א זיפּ, מיט דער שנעלקייט פון א וואָלקען, געטריבען דורך א שטורמווינד.

ווער עס איז אַנטלאָפען צו שאַטאָנעף, ווער צו פלערגער, די איבּריגע צו אַנטרען.

דער מארקיז דע לאַנטענאַק האָט דאָס אַלץ צוגעזעהען. ער האָט מיט זיין אייגענער האַנד פערנאָגעלט די קאַנאָנען, דערנאָך איז ער דער לעצטער אַרויס, פּאַמעליך און רוהיג און צו זיך געזאָגט: „ווי עס זעהט, האַלטען די פּויערים נישט אויס. מיר דאַרפען די ענגלענדער".

.IX

צום צווייטען מאָל.

דער נצחון איז געווען א פולשטענדיגער. גאָווען האָט זיך געווענדעט צו די סאָלדאַטען פון באַטאַליאָן פון רויטען היטעל און זיי געזאָגט:

— איהר זענט אפילו צוועלף, נאָר איהר בעשטעהט פאַר אנדערע טויזענד.

א וואָרט פון קאָמאַנדיר איז אין דער דאַמאָלדיגער צייט געווען ווי א ערענקרייץ.

געשאַן, אַרויסגעשיקט דורך גאָווען'ען אונטער דער שטאָדט, האָט פער-פאָלגט די אַנטלאָפענע און א סך פון זיי געפאַנגען.

מען האָט אָנגעצונדען פאַקעלען און דורכגענישטערט די גאַנצע שטאָדט.

ווער עס האָט נישט געקאָנט אַנטלויפען, האָט זיך אונטערגעגעבען. מען האָט בעלויכטען די גרויסע גאַס מיט פייערטעפּ; זי איז געווען אינגאַנצען בע-דעקט מיט טויטע און פערוואונדעטע. דעם סוף פון א שלאַכט מוז מען שטענדיג אַרויסרייסען, עטליכע פערצווייפעלטע גרופּען האָבען נאָך דאָ און דאָרט געגעבען א ווידערשטאַנד, מען האָט זיי אַרומגערינגעלט און זיי האָ-בען געלעגט דאָס געוועהר.

גאָווען האָט בעמערקט אין דעם ווילדען מישמאַש פון'ם געלויף א מו-טיגען מענשען, א מין פלינקען און געזונדען פאַון, וועלכער האָט געדעקט דאָס אָבטרעטען פון אַנדערע, און איז אַליין נישט אַנטלאָפען. דער דאָזיגער פּויער האָט זיך מייסטערהאַפט בענוצט מיט זיין ביקס, שיסענדיג מיט'ן לויף, שלאָגענדיג מיט דער קאָלבע אזוי שטאַרק, אז ער האָט זי צוּבראָכען; איצט האָט ער געהאַט א פּיסטאָלעט אין איין האַנד און א שווערד אין דער צוויי-טער. מען האָט נישט געוואַגט זיך צו דערנעהנטערן צו איהם. פּלוצלינג האָט גאָווען בעמערקט ווי ער וואַקעלט זיך און שפּאַרט זיך-אָן אָן א זייל

פֿון דער גרויסער גאַס. דער דאָזיגער מענש איז פֿערוואונדעט געוואָרען. אָבער ער האָט בסדר געהאַלטען אין דער האַנד אַ שווערד מיט אַ פּיסטאָלעט. גאָווען האָט אַרונטערגעלעגט די שווערד אונטער דעם אָרעם און צו איהם צוגעגאַנגען.

— גיב דיך אונטער, האָט ער איהם געזאָגט. דער מענש האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט. דאָס בלוט האָט איהם גערונען אונטער די קליידער פֿון דער וואונד, און האָט געמאַכט אַ לוזשע בײַ זײַנע פֿיס.

— דו ביסט מײַן געפֿאַנגענער, האָט גאָווען ווידער געזאָגט.

דער מענש איז געבליבען שטום.

— ווי הייסטו?

— איך הייס דאַנס־אַ־ל׳אָמבר. האָט דער מענש געענטפֿערט.

— דו ביסט מײַן געפֿאַנגענער, האָט געזאָגט גאָווען.

און ער האָט איהם געגעבען די האַנד.

דער מענש האָט אָבגעענטפֿערט:

— עס לעבע דער קעניג!

און מיט די לעצטע כּחות, אויפֿהויבענדיג בײדע אָרעמס מיט אַמאָל, האָט ער געציעלט פֿון פּיסטאָלעט צו גאָווען גלײַך אין האַרצען און מיט דער שווערד געגעבען איהם אַ שטאַרקען זעץ איבער׳ן קאָפּ.

ער האָט דאָס געמאַכט מיט דער פֿלינקקייט פֿון אַ טיגער; — נאָר עמעץ איז געווען נאָך פֿלינקער פֿאַר איהם. דאָס איז געווען אַ מענש, וועלכער איז אָנגעקומען רײַטענדיג און איז דאָ געשטאַנען עטליכע מינוט און קיינער האָט איהם נישט בעמערקט. דער דאָזיגער מענש, זעהענדיג ווי דער וואַנדעער הויבט־אויף די שווערד און דעם פּיסטאָלעט, האָט זיך געוואָרפֿען צווישען איהם און גאָווען. ווען נישט ער, וואָלט גאָווען געבליבען אויפֿ׳ן אָרט אַ טויטער. דאָס פֿערד האָט בעקומען די קויל פֿון פּיסטאָלעט, דער מענש האָט בעקומען דעם זעץ מיט דער שווערד און בײדע זענען אומגעפֿאַלען. דאָס אַלץ איז געשעהן אין איין אויגענבליק.

דער וואַנדערער איז אויך אַראָבגעזונקען צו דער ערד.

דער זעץ מיט דער שווערד האָט געטראָפֿען דעם מענשען אין פּנים; ער איז געלעגען אויף דער ערד אין חלשות. דאָס פֿערד איז געווען טויט. גאָווען איז צוגעגאַנגען.

— ווער איז דער מענש? האָט ער געפֿרעגט.

ער האָט איהם בעטראַכט. דאָס בלוט פֿון דער וואונד האָט פֿערגאָסען דעם פֿערוואונדעטען און איהם האָט געמאַכט אַ רויטע מאַסקע. עס אי־ געווען אונמעגליך צו דערקענען אַ פּנים. מען האָט אָנגעזעהן גראָהע האָר,

— דער דאָזיגער מענש האָט מיר דאָס לעבן געראַטעוועט, האָט גאָוועןן ווײַטער גערעדט. צי קאָן איהם דאָ עמעץ?

— הער קאָמאַנדיר, האָט געזאָגט אַ סאָלדאַט, דער דאָזיגער מאַן איז נאָר װאָס אַרײַן אין דער שטאָדט. איך האָב איהם געזעהען אָנקומען. ער איז געקומען מיט'ן וועג פון פאָנטאַרסאָן.

עס איז אונטערגעקומען דער כירורג פון דער אָבטהײלונג מיט זײַנע אינסטרומענטען. דער פערוואונדעטער איז אַלץ געלעגען פער'חלש'ט. דער כירורג האָט איהם בעטראַכט און געזאָגט:

— אַ פשוט'ער שראַם. ס'איז גאָרנישט. דאָס פערנײַהט מען און אין אַכט טאָג איז ער צוריק אויף די פיס. עס איז אַ פײַנער זעץ מיט דער שווערד.

דער פערוואונדעטער האָט געטראָגען אַ מאַנטעל, אַ דרײַפאַרביגען גאַרטעל, פיסטאָלעטען, אַ שווערד. מען האָט איהם אַרויפגעלעגט אויף אַ טראָגבעטעל, אויסגעטהון. געבראַכט קאַלטע וואַסער, דער כירורג האָט איהם אויסגעוואַשען די וואונד. דאָס פנים האָט זיך בעוויזען, און גאָוועןן האָט איהם בעטראַכט מיט אַ טיעפער אויפמערקזאַמקײַט.

— האָט ער דאָקומענטען בײַ זיך? האָט גאָוועןן געפרעגט.

דער כירורג האָט געטאַפּט אין די זײַטיגע קעשענע און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָרטפעל, וועלכען ער האָט דערלאַנגט גאָוועןן'ען.

דערווײַל איז דער פערוואונדעטער, אָבגעפרישט מיט'ן וואַסער געקומען צו זיך. זײַנע ברעמען האָבען זיך לײַכט בעוועגט.

גאָוועןן האָט אַדורכגעקיקט דעם פּאָרטפעל; ער האָט דאָרט געפונען אַ בלאַט פּאַפּיער, צונויפגעלעגט אין פיערען, ער האָט עס אויסגעגלײַכט און געלעזען:

„קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכע רעטונג. דער בירגער סימורדען...“

— סימורדען! האָט ער אויסגעשריען.

דער אויסגעשרײַ האָט אויפגעמאַכט דעם פערוואונדעטען די אויגען. גאָוועןן איז געווען אויסער זיך.

— סימורדען! דאָס זענט איהר? שוין דאָס צווײַטע מאָל ראַטעוועט איהר מיר דאָס לעבען.

סימורדען האָט אָנגעקוקט גאָוועןן'ען. אַ אונאויסדריקליכער בליץ פון פרייד האָט בעלויכטען זײַן צובלוטיגט געזיכט.

גאָוועןן איז געפאַלען פאַר דעם פערוואונדעטען אויף די קניה, אויסרופענדיג:

— מײַן לעהרער!

— דײַן פאָטער, האָט געזאָגט סימורדען.

X.

אַ כאַלטער טראָפּען וואַסער.

זיי האָבען זיך נישט געזעהען אין משך פון לאַנגע יאָהרען, נאָר די הערצער זייערע האָבען זיך קיינמאָל נישט פערלאָזען; זיי האָבען זיך דערקענט, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך ערשט נעכטען געהאַט צושיידט.

מען האָט אין דאָל'ער ראַטהויז שנעל געשאַפען אַ פעלד-שפּיטאָל. סימורדען האָט מען איבערגעטראָגען אויף אַ בעט אין אַ קליינעם צימער נעבען דעם גרויסען זאַל, וואו עס זענען געלעגען די פערוואונדעטע. דער כירורג, וועלכער האָט פערנייהט דעם שראַם, האָט זיי געשטערט אויסצוגיסען די הערצער איינער פאַר'ן צווייטען, אָנזאָגענדיג, אַז דער חולה מוז האָבען רוה. איבריגענס האָט גאָווען נאָך געמוזט ערלעדיגען די פערשידענע איינצעלהייטען, וועלכע זענען די פליכטען און דאגות פון נצחון. סימורדען איז געבליבען אַליין; אָבער ער איז נישט געשלאָפען; ער האָט געהאַט אַ דאָפּעלטען פיבער: פון זיין וואונד און פון זיין פרייד.

ער איז נישט געשלאָפען, פונדעסטוועגען האָט ער זיך נישט געגלויבט, אַז ער זאָל וואַך זיין. איז דאָס דען מעגליך? זיין חלום איז דאָך פערווירקליכט געוואָרען. און ער האָט איהם געוואונען. ער האָט צוריקגעפונען גאָווען'ען. ער האָט איהם פערלאָזען אַלס קינד און געפונען איהם אַ דערוואַקסענעם מענשען; ער האָט איהם צוריקגעפונען אַ גרויסען, אַ שרעקליכען, אַ מוטיגען. ער האָט איהם צוריקגעפונען אַ טריומפירענדען און טריומפירענדיג פאַר דער פאָלקס זאַך. גאָווען איז אין דער וואַנדעע געווען דער אָנהאַלטספונקט פון דער רעוואָלוציע און דאָס האָט ער, סימורדען, דעם דאָזיגען זייל פון דער רעוואָלוציע געשאַפען. דער דאָזיגער זיגער איז זיין תלמיד. אין דעם יונגען געזיכט, וועמען עס איז אפשר בעשערט געווען צו בעשיינען דעם רעפּובליקאַנישען פאַנטעאָן, האָט געלויכטען זיין, סימורדען'ס, געדאַנק; זיין תלמיד, דאָס קינד פון זיין גייסט, איז שוין איצט געווען אַ העלד און וועט אפשר נאָר אין קורצען ווערען דער שטאָלץ פון זיין לאַנד; סימורדען האָט זיך געדוכט, אַז ער זעהט זיין אייגענע נשמה איבערגעשאַפען אין אַ זשעניע; ער האָט ערשט מיט די אייגענע אויגען געזעהען, ווי גאָווען פיהרט מלחמה.

די אַלע צופאַלען פון דער דאָזיגער געשעהעניש, די שלאָפלאָזיגקייט צוליב די וואונד, האָט אָנגעפילט סימורדען'ען מיט אַ מין געהיימניספולער שכרות. אַ יונג לעבען נעהט פרעכטיג אויף, און צו זיין טיפער פרייד, האָט ער די פולע מאַכט איבער דעם דאָזיגען לעבען; נאָך איין אַזאַ ערפאָלג, ווי דער היינטיגער, וועלכען ער האָט געזעהען, און עס וועט גענוג זיין, אַז סי-

מורדען זאָל אײַן וואָרט אַרויסרעדען, כּדי די רעפּובליק זאָל גאָווען׳ען פֿערטרויען אַ גאַנצע אַרמעע. עס איז געווען דאַמאָלסט אַ צײַט, ווען יעדער האָט געהאַט אַ מיליטערישען חלום; יעדער האָט געוואָלט שאַפֿען אַ גענעראַל. סימורדען האָט גע׳חלום׳ט, אַז גאָווען איז אַ גרויסער אָנפֿיהרער. עס האָט זיך איהם געדאַכט — ווײַל חלומות פֿליהען שנעל — אַז ער זעהט גאָווען׳ען אויפֿ׳ן אָקעאַן, טרײַבענדיג די ענגלענדער, אויפֿ׳ן רהײַן, שטראָפֿענדיג די קעניגען פֿון צפֿון; אין די פּירענעען, אָבשטויסענדיג די שפּאַניער; אין די אַלפֿען, רופֿענדיג רוים צו אַ אויפֿשטאַנד. אין סימורדען האָבען געלעבט צוויי מענשען: אַ האַרציגער און אַ טריבער; בײדע זענען איצט געווען צופֿרידען; ווײַל מאַכענדיג די אונבּרחמנות׳דיגקײַט פֿאַר זײַן אידעאַל, האָט ער אינ׳ם פֿרעכטיגען גאָווען געזעהען אויך דעם שרעקליכען. סימורדען האָט געטראַכט וועגען אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפֿט צושטערן, אײדער מען געהט בויען און, באמת, עס איז איצט נישט די צײַט פֿון צערטליכקײַטען. גאָווען וועט שטעהן „אויף דער הויך", ווי מען האָט זיך דאַמאָלסט אויסגעדריקט, סימורדען האָט זיך פֿאַרגעשטעלט גאָווען, צושמעטערנדיג מיט די פֿיס דעם חושך, געפּאַנצערט מיט ליכטיגקײַט, מיט אַ מעטעאָרן-גלאַנץ אויפֿ׳ן שטערן, אויסשפּרײַטענדיג די גרויסע אידעאַלע פֿליגלען פֿון דער גערעכטיגקײַט, פֿערזונפֿט און פּראָגרעס און אַ שווערד אין דער האַנד; אַ מלאך, נאָר אַ מלאך — אַ פֿערטיליגער.

אין דער העכסטער שפּאַנונג פֿון זײַן חלום, וועלכע איז געווען כּמעט אַ עקסטאַז, האָט ער דערהערט דורך די האַלבאָפֿענע טיר, דאָס מען שמועסט אינ׳ם גרויסען זאַל פֿון דער אַמבולאַנס נעבען זײַן צימער; ער האָט דערקענט דעם קול פֿון גאָווען; דער דאָזיגער קול, וואָס האָט איהם, נישט קוקענדיג אויף די לאַנגע יאָהרען פֿון צושײדונג, תמיד געקלונגען אין אויער. דאָס קול פֿון אַ קינד געפֿינט מען שטענדיג אינם קול פֿון אַ יונגען מענשען. ער האָט זיך אײַנגעהאָרכט. עס האָט זיך געהערט אַ גערויש פֿון טריט. די סאָלדאַטען האָבען געזאָגט:

—הער קאָמענדאַנט, אָט איז דער מענש, וועלכער האָט אײַך געוואָלט שיסען. בשעת מיר האָבען איהם נישט געזעהן, האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו אַ קעלער. מיר האָבען איהם געפֿונען. אָט האָט איהר איהם.

סימורדען האָט דאַן געהערט פֿאָלגענדען שמועס צווישען גאָווען און דעם מענשען:

—דו ביסט פֿערוואונדעט?

—צום דערשיסען טויג איך נאָך.

—לײגט דעם דאָזיגען מענשען אין בעט אַרײַן. פֿערבונדט איהם די

וואונד, פֿלעגט איִחם, הײַלט איִהם אויס.

—איִך וויִל שטאַרבען.

—דו וועסט לעבען. דו וויִלסט מיִך טויטען איִן נאָמען פֿון קעניִג; איִך וועל דיִר מוחל זײַן איִן נאָמען פֿון דער רעפּובליִק.

סיִמורדעניִס שטערן האָט זיִך פֿערוואָלקענט. ער האָט זיִך וויִ אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ טיִפֿען שלאָף און געטורמעלט מיִט אַ אונהײַמליִכער ניִדערגעשלאָגענקײַט:

באמת, ער איִז בּאַרמהערציִג.

.XI

א אויסגעהײַלטע ברוסט, אַ בלוטענדער האַרץ.

אַ שראַם הײַלט זיִך שנעל אויס; נאָר ערגיִץ־וואו האָט זיִך עמיִץ געפֿונען שטאַרקער פֿערוואונדעט וויִ סיִמורדען. דאָס איִז געווען דיִ געשאָסענע פֿרוי, וועלכע טעלמאַרק האָט אויפֿגעהויבען פֿון דער לוזשע בלוט איִן דער פֿערמע הערב־אַן־פּאַיל.

מיִשעל פֿלעשאַר איִז געווען איִן אַ סך אַ גרעסערע געפֿאַהר, וויִ עס האָט זיִך עס פֿאַרגעשטעלט טעלמאַרק. דיִ קויל, וועלכע האָט איִהר געטראָפֿען איִבער דיִ ברוסט האָט אַדורכגעשאָסען דיִ פּלײצע, אײן אַנדערע האָט איִהר צעבראָכען דאָס שליִסעלע, אַ דריִטע איִז אַרײַן איִנם אַקסעל; נאָר אַזוי וויִ דיִ לונגען זענען געבליִבען אונבּערירט האָט זיִ געקאָנט געזונד ווערען.

טעלמאַרק איִז געווען „פּיִלאָזאָף”, אַ וואָרט, וואָס בײַ דיִ פּויעריִם בּעדײַטעט עס אַ שטיִקעל דאָקטאָר, אַ שטיִקעל כּיִרורג, אַ שטיִקעל מכשף. ער האָט געהײַלט דיִ פֿערוואונדעטע איִן זײַן נאָרע, אויפֿ׳ן געלעגער פֿון ים־גראָז, מיִט דיִ געהײַמניִספֿולע מיִטלען, וועלכע מען רופֿט „פּשוטע”, און אַ דאַנק איִהם, האָט זיִ געלעבט.

דאָס שליִסעלע איִז צוזאַמענגעוואַקסען, דיִ לעכער איִן דער ברוסט און אַקסעל האָבען זיִך צוגעמאַכט; און נאָך עטליִכע וואָכען, האָט דיִ קראַנקע אָנגעהויבען געזונד צו ווערען.

און איִן אַ פֿריִהמאָרגען האָט זיִ שוין געקאָנט אַרויסגעהן פֿון דער הײל, אָנגעשפּאַרט אויף טעלמאַרק׳ן; זיִ האָט זיִך אַוועקגעזעצט אונטער דיִ בּוימער אויף דער זון. טעלמאַרק האָט זעהר וועניִג וואָס געוואוסט פֿון איִהר; דיִ וואונדען אויף דער בּרוסט פֿאָדערן דעם שטיִלשווײַגען, און בּשעת איִהרע שווערע קראַנק כּמעט גסיסה, האָט זיִ קוים אַרויסגערעדט עטליִכע ווערטער. ווען זיִ האָט געוואָלט רעדען, האָט טעלמאַרק זיִ געהײסען שווײַגען; נאָר זיִ האָט כּסדר געהאַט אַ איִינגעשפּאַרטען חלום און טעלמאַרק האָט איִן איִהרע

אוינגען בעמערקט א מריבען געהן און קומען פון שווערע געדאנקען. דעם דאזיגען פריהמארגען איז זי שוין געווען גענוג שטארק, זי איז שוין כמעט אליין געגאנגען; טעלמארק האט זי בעטראכט, א גליקליכער. דער דאזיגער אלטער מאן האט אנגעהויבען צו שמייכלען און אנגעהויבען מיט איהר צו שמועסען.

—נו אט זענען מיר שוין בײם סוף, מיר האבען שוין מעהר נישט קײן וואונדען.

—אחוץ אין הארצען, און זי האט ווײטער געזאגט:

—אלזא, ווײסט איהר גארנישט, וואו זײ זענען? האט זי ווײטער געזאגט.

—ווער דאס? האט געפרעגט טעלמארק.

—מײנע קינדער.

דער דאזיגער „אלזא" האט אויסגעדריקט א גאנצע וועלט פון געדאנקען; דאס האט בעדײט: „ווײל איהר רעדט מיר פון זײ נישט, ווײל איהר האט אין די גאנצע צײט, וואס איהר זענט געבען מיר, נישט אויפגעמאכט וועגען זײ דאס מויל, ווײל איהר הײסט מיך שווײגען יעדעס מאל, ווען איך וויל איבערײסען דעם שטילשווײגען, ווײל איהר האט ווי מורא, אז איך זאל וועגען זײ נישט רעדען—איז דאס ווײל איהר האט מיר וועגען זײ גארנישט וואס צו זאגען". אפטמאל בשעת די היץ, דעם פיבער דער בעוואוסטלאזיגקײט האט זי גערופען איהרע קינדער און זי האט גוט געזעהן, אז דער אלטער האט איהר נישט געענטפערט.

און ווירקליך האט טעלמארק גארנישט געוואוסט וואס איהר צו זאגען. עס איז ניט לײכט צו רעדען מיט א מוטער וועגען איהרע פערלוירענע קינדער. און איבריגענס, וואס האט ער דען געוואוסט? גארנישט. ער האט נאר געוואוסט, אז א מוטער איז דערשאסען געווארען, אז די דאזיגע מוטער האט מען געפונען אויף דער ערד, אז ווען מען האט זי איפגעהויבען, איז זי כמעט געווען א מת, אז דער דאזיגע מת האט געהאט דרײ קינדער און אז דער מארקיז דע לאנטענאק, האט הײסענדיג שיסען די מוטער, אוועקגעפיהרט די קינדער. און דא האבען זיך געענדיגט אלע זײנע ידיעות. וואס איז מיט די דאזיגע קינדער געווארען? לעבען זײ נאך? ער האט נאך געוואוסט, ווײל ער האט זיך נאכגעפרעגט, אז עס איז געווען צווײ יונגלעך און א מײדעלע, נאר וואס ענטווײנט. מעהר נישט. ער האט זיך אלײן געשטעלט צוליעב די אומגליקליכע קינדער פערשיעדענע פראגען, נאר ער האט נישט געקאנט ענטפערן. די ארומיגע אײנוואוינער, וועמען ער האט געהאט געפרעגט, האבען נאר צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, דע לאנטענאק איז געווען א מענש, פון וועמען מען האט נישט גערן גערעדט.

מען האָט נישט גערן גערעדט פון לאַנטענאַק'ן און נישט גערן גערעדט צו טעלמאַרק'ן. די פויערים האָבען זייער אַרט פערראַכט. ער האָט זיי בעאונרוהיגט דער דאָזיגער טעלמאַרק, דער בעטלער. וואָס קוקט ער אַלץ אינאיינעם אויף דעם הימעל? וואָס טהוט ער, און וואָס טראַכט ער אין זיינע לאַנגע שעה'ן פון אונבעוועגליכקייט? זיכער, ער איז געווען אַ מאָדנער מענש. אין דעם דאָזיגען לאַנד, אינם רעכטען ברען פון קריג און איבערקעהרעניש, פול מיט אַ העלישׁ פייער, וואו אַלע מענשען האָבען נאָר געהאַט איין בעשעפטיגונג — די פערוויסטונג, און איין אַרבייט — די שחיטה, וואו יעדער האָט נאָר איינזינען געהאַט, ווער צו פערברענען אַ הויז, ווער אויסצוקוילען אַ פאַמיליע, צו פערניכטען די פאָסטענס, צו ראַבירען אַ דאָרף, וואו מען האָט נאָר געטראַכט צו שטעלען זיך איינער דעם צווייטען אַ הינטערפיטעל, אַריינצוציהען אין אַ נעץ, געגענזייטיג זיך אויסצושחט'ען איז דער דאָזיגער איינזאַמער מענש, וועלכער איז אינגאַנצען געווען פערטהון אין דער נאַטור, אַזוי ווי פערזונקען אין'ם אונענדליכען וועלטאַל, רייסענדיג גראָזען און פלאַנצען, בעשעפטיגט נאָר מיט בלומען, פויגעל און שטערן, געוויס געווען געפעהרליך. קלאָר, ער איז נישט געווען ביים שכל; ער האָט זיך נישט פערשטעקט הינטער די קושאַקעס, ער האָט צו קיינעם נישט געשאָסען. נאַטירליך, האָבען אַלע עפעס מורא געהאַט פאַר איהם.

— דאָס איז אַ משוגענער, האָבען געזאָגט די דורכגעהער.

טעלמאַרק איז געווען נאָכמעהר ווי אַ איינזאַמער מענש; ער איז געווען אַ מענש, וועמען מען האָט אויסגעמידען.

מען האָט איהם נישט געשטעלט קיין פראַגען און אויך נישט געגעבען קיין ענטפערן. ער האָט אַלזאָ נישט געקאָנט געוואָהר ווערען אַזוי פיעל, וויפיעל ער האָט געוואָלט. די מלחמה האָט זיך פונאַנדערגעגאָסען ערגעץ אַנדערש, מען איז זיך געגאַנגען שלאָגען אין אַנדערע געגענדען, דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק איז ענטרונען געוואָרען פון האָריזאָנט און אין דעם גייסטעסצושטאַנד, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען טעלמאַרק, וואָלט ער ערשט דאַמאָלסט בעמערקט די קריג, ווען זי וואָלט אויף איהם איהר פוס אַוועקגעשטעלט.

נאָך די ווערטער — „מיינע קינדער" — האָט טעלמאַרק אויפגעהערט צו שמייכלען און די מוטער האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען. וואָס איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיגער נשמה? זי איז געווען ווי אין אַ טיפען תהום. זי האָט פלוצלינג אַ קוק-געטהון אויף טעלמאַרק און אויפסניי אויסגעשריען כמעט מיט כעס:

מיינע קינדער!

טעלמאַרק האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ ווי אַ שולדיגער.

ער האָט געטראַכט וועגן דעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק, וועלכער האָט געוויזן איהם נישט אין זינען געהאַט און, וואַהרשיינליך, שוין נישט געוואוסט אפילו אויב ער עקזיסטירט. ער האָט זיך אָבגעגעבען פון דעם אַ דין וחשבון, און זיך געזאָגט: אַ פריץ, קאָן דיך נאָר דאַמאָלסט, ווען ער איז אין געפאַהר, איז ער אויסער געפאַהר, קאָן ער דיך שוין מעהר נישט.

און ער האָט זיך געפרעגט: — צוליב וואָס האָב איך אַלזאָ געראַטעוועט אָט דעם פריץ.

און ער האָט זיך געענטפערט: — ווייל ער איז אַ מענש.

אַ צייט האָט ער דעריבער געקלערט און ווייטער זיך אַליין געפרעגט:

— בין איך דען אין דעם גאַנץ זיכער?

און ער האָט איבערגעחזר'ט זיין ביטער וואָרט:

— ווען איך וואָלט געוועזן וויסען!

דאָס דאָזיגע גאַנצע געשעהעניש האָט איהם געדריקט, ווייל אין דעם, וואָס ער האָט געטהון האָט ער געזעהן אַ מין רעטעניש. ער האָט שמערצליך געטראַכט. הייסט דאָס, אַז אַ גוטע טהאַט, קאָן ווערען אַ שלעכטע טהאַט. ווער עס ראַטעוועט דעם וואָלף, טויט די שעפסען. ווער עס פעריכט די פליגלען פון גייער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע קלאָהען.

ער האָט זיך אין דער אמת געפיהלט שולדיג. דער בעוואוסטלאָזער כעס פון דער דאָזיגער מוטער איז געוועזן אַ גערעכטער.

פונדעסטוועגען, האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס ער האָט געראַטעוועט די דאָזיגע מוטער.

אָבער די קינדער!

די מוטער האָט זיך אויך פערטראַכט. די ביידע געדאַנקען האָבען אייגענע געבען די צווייטע געבלאָנדזשעט און נישט אַרויסרעדענדיג זיי, האָבען זיי זיך אפשר בעגעגענט אין דעם חושך פון חלום.

דערווייל האָט זיך איהר בליק, וואו עס האָט טיעף די נאַכט גענעסטעט, געווענדט אויפניי צו טעלמאַרק.

— אַזוי קאָן עס פונדעסטוועגען נישט בלייבען, האָט זי געזאָגט.

שאַ! האָט איהר איבערגעהאַקט טעלמאַרק, אַרויפלעגענדיג דעם פינגער אויף זיין מויל.

— איהר האָט געטהון אַ פעהלער, ראַטעוועענדיג מיך און איך האָב צו אייך אַ טענה. איך וואָלט ליבער געוואָלט זיין טויט, ווייל איך בין זיכער, אַז איך וואָלט זיי געזעהן. איך וואָלט געוואוסט, וואו זיי זענען. זיי וואָלטען מיך נישט געזעהן, נאָר איך וואָלט געוועזן נעבען זיי. אַ טויטע דאַרף קענען בעשיצען.

ער האָט זי גענומען פאַר די האַנד און אָנגעטאַפט איהר פאַר'ן פולס.

— בערוהיגט אייך, איהר וועט צוריק בעקומען דעם פיבער.

— ווען וועל איך קאנען פון דאנען אוועקגעהן? האט זי איהם כמעט הארט געפרעגט.

— איהר, אוועקגעהן?

— יא, געהן.

— קיינמאל נישט, ווי לאנג איהר וועט נישט זיין פערנונפטיג; מאַגען, אויב איהר וועט אייך נישט אויפרעגען.

— וואס רופט איהר אן זיין פערנונפטיג?

— האבען בטחון אין גאט.

— גאט! וואו האט ער מיר אהינגעטהון מיינע קינדער?

זי איז געווען ווי צעמישט. איהר שטימע איז געווארען זעהר וויך.

— איהר פערשטעהט, האט זי איהם געזאגט, דאס קאן אזוי נישט בלייבען. איהר האט קיין קינדער נישט געהאט, איך האב זיי געהאט, דאס איז די נפקא מינא. מען קאן נישט משפט'ן וועגען א זאך, ווען מען ווייסט נישט, וואס דאס איז אזוינס. איהר האט נישט געהאט קיין קינדער, נישט אמת?

— ניין, האט טעלמארק געענטפערט.

— איך האב נאר דאס אליין געהאט. אהן מיינע קינדער, וואס בין איך דען? איך וואלט געוואלט. מען זאל מיר אויסטייטשען, פארוואס האב איך נישט מיינע קינדער. איך פיהל, אז דא קומט עפעס פאר, וואס איך פערשטעה נישט. מען האט דער'הרג'עט מיין מאן, מיך געשאסען, נאר אלץ איינס, איך פערשטעה גארנישט.

— אט האסטו דיר, האט טעלמארק געזאגט. איהר בעקומט שוין ווידער דעם פיבער. רעדט שוין מעהר נישט.

זי האט איהם אנגעקוקט און עטשוויגען געווארען.

פון דעם טאג אן, האט זי שוין מעהר נישט גערעדט.

זי האט אנגעהויבען צו הארכען טעלמארק'ן נאכמעהר ווי ער אליין האט געוואלט. גאנצע טעג פלעגט זי פערברענגען זיצענדיג אנגעשפארט אונטער א אלטען בוים, ווי פערבליפט. זי האט געחלום'ט און געשוויגען. דאס שווייגען איז ווי א שוץ פאר פשוט'ע נשמות, וועלכע האבען דורכגעליטען די גאנצע טיעפעניש פונ'ם צער. זי האט זיך ווי אבגעזאגט צו פערשטעהן. ווען די פערצווייפלונג דערגעהט צו א געוויסען גראד, ווערט זי אונפערשטענדליך פאר דעם פערצווייפעלטען.

טעלמארק האט זי בעאבאכטעט, געריהרט. פון אזעלכע ליידען, האט דער אלטער מאן געהאט געדאנקען פון א פרוי. — א, יא, האט ער צו זיך

אַלײן גערעדט, איהרע ליפּען רעדען נישט, נאָר איהרע אויגען רעדען. איך זעה גאַנץ גוט, וואָס איהר איז: עס מאַטערט זי אַ אײַנגעשפּאַרטער געדאַנק. אַ מוטער געווען, און פּלוצלינג אוים מוטער געוואָרען! אַ זויגערין געווען און אוים געוואָרען! זי קאָן זיך דעם גורל נישט אונטערגעבען. זי טראַכט וועגען דאָס קלײנינקע, וואָס זי האָט אָקאָרשט געזויגען. זי קלערט וועגען עס, קלערט און קלערט. און באמת, עס מוז דאָך אַזוי האַרציג זײַן צו פיהלען אַ רויזע מײַלכעל, וואָס ציהט דיר די נשמה פון קערפּער אוים און וואָס פון דײַן אײגען לעבען מאַכט זי זיך איהר בעזונדער לעבען.

ער האָט אויך פון זײַן זײַט געשוויגען, פערשטעהענדיג ווי אָהנמעכטיג ווערטער זענען געגען אַזאַ נידערגעשלאָגענקײַט. דאָס שווײַגען פון אַ אײַנגעשפּאַרטע אידעע איז גרויזאַם. און ווי קאָן מען אויסרעדען אַ אײַנגעשפּאַרטע אידעע פון אַ מוטער? די סוטערשאַפט איז אָהן אַ אויסוועג; מען פיהרט מיט איהר נישט קײן וכוחים. דאָס וואָס מאַכט די מוטער אַזוי ערהאַבען איז גראָד דאָס, וואָס אין איהר איז דאָ אַ מין חיה. דער מוטערליכער אינסטינקט איז געטליך — חיה׳יש. די מוטער איז נישט מעהר פרוי — זי איז אַ „זי“.

— די קינדער — זענען איהרע קלײנע. דעריבער איז אין דער מוטער פאַרהאַן עפּעס נידריגעס און העכערעס פונ׳ם שכל. די מוטער האָט אַ חוש. דער אונגעהויער און בעהאַלטענער ווילען פון דער שעפונג געפינט זיך אין איהר און פיהרט זי. אַ בלינדקײַט פול מיט העליזלטינקײַט.

טעלמאַרק האָט שוין איצט געוואָלט אַרויסקריגען פון דער אונגליקליכער אַ וואָרט; עס איז איהם אָבער נישט געלונגען. אײנמאָל האָט ער איהר געזאָגט:

— צום אונגליק, בין איך אַלט און עס איז מיר שווער צו געהן. איך האָב שנעלער געפונען דעם סוף פון מײַנע כחות, ווי דעם סוף פון מײַן וועג. נאָך אַ פערטיל שעה, זאָגען מיר די פיס אָב ווײַטער צו געהן, און איך מוז מיר אָברוהען; אַ נישט וואָלט איך אײַך געקאָנט בעגלײטען. איבריגענס איז אפשר בעסער, וואָס איך קאָן נישט מיטגעהן. איך וואָלט געווען פאַר אײַך מעהר געפעהרליך ווי נוצליך; דאָ פערטראָגט מען מיר נאָך; איך בין אָבער בײַ די בלאָהע פערדעכטיג אַלס פויער און בײַ די פויערים אַלס אַ מכשף.

ער האָט געוואַרט, וואָס זי וועט איהם ענטפערן. זי האָט אפילו נישט אויפגעהויבען די אויגען.

אַ אײַנגעשפּאַרטע אידעע דערגעהט ביז משוגעת אָדער ביז העלדישקײַט. צו וואָס פאַר אַ העלדישקײַט קאָן אָבער פעהיג זײַן אַ פויערטע? צו קײן שום. זי קאָן נאָר זײַן אַ מוטער — און דאָס איז אַלץ. מיט יעדען טאָג האָט

זי זיך אַלץ מעהר פֿערטיפֿט אין איהרע חלומות. טעלמארק האָט זי בעאָבאַכטעט.

ער האָט געפּרובט זי מיט עפּעס צו בעשעפֿטיגען; ער האָט איהר געבּראַכט פּאָדעם, נאָדלען, אַ פֿינגערהוט; און צו דער גרויסער פֿרייד פֿונ'ם בעטלער, האָט זי זיך גענומען נייען; זי האָט געחלומ'ט, נאָר זי האָט געאַרבּייט — אַ סימן פֿון געזונד; בּיסלעכווייז איז זי צוריקגעקומען צו די כחות; זי האָט פֿאַרריכט איהרע וועש, איהרע קליידער, איהרע שיך; נאָר דער בּליק איהרער איז ווי פֿריהער געבּליבּען אַ שטאַרער. נייענדיג האָט זי שטיל געזינגען אונדייטליכע לידער. זי האָט געמורמעלט נעמען, וואַהרשיינליך נעמען פֿון קינדער, איבּריגענס, נישט אַזוי פֿערשטענדליך, אַז טעלמאַרק זאָל זיי קענען הערען. זי האָט זיך איבּערגעהאַקט אינמיטען זינגען און איינגעהאָרכט זיך צו די פֿייגעלעך, אַזוי ווי זיי וואָלטען איהר געקאָנט עפּעס נייעס פֿערצעהלען. זי האָט זיך איינגעקוקט צום וועטער. די ליפּען האָבּען זיך בּיי איהר בּעוועגט, ווי זי וואָלט צו זיך שטיל רעדען. זי האָט זיך אויפֿגענייט אַ זאַק און אָנגעפֿולט מיט קאַשטאַנעס. אין איין פֿריהמאָרגען האָט טעלמאַרק געזעהן, ווי זי קלייבּט זיך אין וועג אַריין, דאָס אויג געווענדט אין די טיעפֿעניש פֿונ'ם וואַלד.

— וואוהין געהט איהר? האָט ער זי געפֿרעגט.

— איך געה זיי זוכען, האָט זי געענטפֿערט.

ער האָט נישט געפּרובּט זי איינצוהאַלטען.

.IX

די צוויי פּאָלען פֿון אמת.

נאָך עטליכע וואָכען פֿול מיט געשעהענישען פֿון דעם בּירגער־קריג, האָט מען אין דער געגענד פֿון פֿושער געהערט נאָר פֿון צוויי מענשען, איינער דער היפּך פֿונ'ם צווייטען, און וועלכע האָבּען פֿונדעסטוועגען דורכגעפֿיהרט דאָס זעלבּע ווערק, ד. ה. געקעמפּט זייט־בּיי־זייט פֿאַר דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער זאַך.

דערווילדער וואַנדעראישע צווייקאַמף (דועל) איז ווייטער געפֿיהרט געוואָרען, נאָר די וואַנדעע האָט פֿערלוירען אַלץ מעהר בּאָדען. בּעזונדערס אין ליל—און—ווילען, וואו אַ דאַנק דעם יונגען קאָמאַנדיר, וועלכער האָט אין דאָל צו דער רעכטע צייט אַזוי חוצפּה'דיג מיט פֿונפֿצעהן הונדערט פּאַטריאָטען אַראָבּגעשלאָגען זעקס טויזענד ראָיאַליסטען, איז דער אויפֿשטאַנד, ווען נישט אינגאַנצען אויסגעלאָשען, אַלענפֿאַלס פֿערקלענערט און זעהר בּעגרענצט געוואָרען. נאָך דעם נצחון זענען נאָך עטליכע געלונגענע קאַמ־

פען אונטערגעקומען און עס האָט זיך געשאפען אַ גאַנץ נײַע לאַגע.

די זאַכען האָבען אָנגענומען אַ אַנדערן כאַראַקטער, נאָר עס איז פּלוצלונג צוגעקומען אַ פרישע קאָמפּליקאַציע.

אין דעם גאַנצען טײַל פון דער וואַנדערע, האָט די רעפּובליק געהאַט די אויבערהאַנד, אין דעם האָט גאָר קײַן צווייפעל ניט געקאָנט זײַן; נאָר וועלכע רעפּובליק? אין'ם פאָראויסגעזעהענעם נצחון, האָבען זיך באַוויזען צוויי פאָרמען פון דער רעפּובליק: די רעפּובליק פון טעראָר און די רעפּובליק פון גנאָד: די איינע האָט געוואָלט זיגען דורך שטרענגקייט, די צווייטע דורך מילדקייט. וועלכע פון זיי וועט איבערזיגען? די צוויי פאָרמען, די פאָרם פון מחילה און די אומבּרחמנות'דיגע פאָרם, זענען געווען פערטרעטען דורך צוויי מענשען, און יעדער פון זיי האָט געהאַט זײַן ווירקונג און זײַן אויטאָריטעט: דער איינער—מיליטערישער קאָמאַנדיר, דער צווייטער — ציווילער דעלעגאַט; וועמער פון די צוויי מענשען וועט מנצח זײַן? פון זיי ביידע, האָט דער איינער, דער דעלעגאַט, געהאַט אַ זעהר געפעהרליכען שטיצפּונקט; ער איז געקומען, מיטבּרענגענדיג אַ דראָהענדען בעפעהל פון דער פּאַריזער קאָמונע פאַר סאַנטערס באַטאַליאָן: „קײַן שום רחמנות, קײַן שום גנאָד". ער האָט אַלץ געקאָנט בויגען אונטער זײַן אויטאָריטעט, שטיצענדיג זיך אויף דעם דעקרעט פונ'ם קאָנווענט, וועלכער לויטעט: טויט שטראָף דעמיעניגען, וועלכער וועט בעפרייען אָדער העלפען אַנטלויפען אַ געפאַנגענעם קאָמאַנדיר", אויף די פולמאַכט פון קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכע-רעטונג און אויף אַ אויסדריקליכען בעפעהל איהם, דעם דעלעגירטען, צו האָרכען, אונטערגעשריבען: ראָבעספּיער, דאַנטאָן, מאַראַט. דער צווייטער, דער סאָלדאַט, האָט נאָר געהאַט די איינע קראַפט — רחמנות.

ער האָט נאָר פערמאָגט זײַן אָרעם, וועלכע האָט דעם שונא געשלאָגען און זײַן האַרץ, וועלכע האָט זיי בעגנעדיגט. אַלס זיגער האָט ער געגלויבט, אַז ער האָט דאָס רעכט דעם שונא צו שוינען.

פון דאַנען איז ענטשטאַנען אַ פערבאָרגענער אָבער טיפער קאָנפליקט צווישען די צוויי מענשען. זיי זענען ביידע געפלויגען אין פערשידענע וואָלקענס, ביידע האָבען זיי בעקעמפט דעם אויפשטאַנד און יעדער האָט זיך געהאַט זײַן אייגענעם דינער: דער איינער — דעם נצחון, דער צווייטער—דעם טעראָר.

אין דער גאַנצער געגענד פון באָקאַזש האָט מען אַלץ אינאיינעם גערעדט פון די דאָזיגע צוויי מענשען; און דאָס וואָס האָט אַממייסטען אַרום געשראָקען איז געווען דאָס, וואָס די דאָזיגע צוויי אַזוי פערשידענע מענשען זענען דאָך געווען צווישען זיך אַמשטאַרקסטען פערבונדען; די צוויי היפּוכים

זענען געווען צוויי פריינד. קיינמאל האט נאך קיין טיפערע און ערהאבענערע סימפאטיע נישט דערנעהנטערט צוויי הערצער; דער שטרענגער האט געראטעוועט דאס לעבען פון מילדען און עס איז איהם געבליבען פון דעם א שראם אויפ'ן פנים. די דאזיגע צוויי מענשען האבען אין זיך פערקערפערט, דער איינער—דעם טויט און דער צווייטער—דאס לעבען; איינער איז געווען דער פורכטליכער פרינציפ, דער צווייטער, דער פרידליכער פרינציפ, און זיי האבען זיך ביידע ליעב געהאט. א מאדנע רעטעניש. לאמיר זיך פארשטעלען ארימאן פערברידערט מיט ארמיוז.

מען מוז נאך צוגעבען, אז דער דאזיגער פון זיי ביידען, וועמען מען האט אנגערופען „דער גרוזאמער" איז אין דער איינענער צייט געווען דער ברידערליכסטער מענש אין דער וועלט; ער האט בעזארגט די פערוואונדעטע, געפפלעגט די קראנקע, פערבראכט טעג און נעכט אין די אמבולאנסען און שפיטעלער, עס האבען איהם טיעף גערירט בארפיסע קינדער, און קיינמאל קיין איינענעם נישט פערמאגט, אלץ אבגעגעבען ארימע. בשעת מען האט זיך געשלאגען, איז ער מיטגעגאנגען; ער האט מארשירט אין דער שפיץ פון די אבטהיילונגען און ביי דער שטארקסטער שלאכט, בעוואפענט, ווייל ביי זיין גארטעל האט געהאנגען א שווערד און צוויי פיסטאלעטען און אינבעוואפענט ווייל קיינמאל האט מען נישט געזעהן, אז ער זאל האבען ווען עס איז ארויסגעצויגען זיין שווערד און אנגערירט די פיסטאלעטען, ער האט זיך, ארויסגעשטעלט אויף אלע געפאהרען, און אליין קיינעם נישט אנגערירט. מען האט געזאגט, אז ער איז אמאל געווען א גלח.

איינער פון די צוויי מענער איז געווען גאושען, דער צווייטער—סימורדען.

פריינדשאפט האט די צוויי מענער פערבונדען, צווישען ביידע פרינציפען איז אבער געווען האס; עס איז געווען אזוי ווי א נשמה צעשניטען אין צווייען און צעטיילט; גאושען האט ווירקליך בעקומען א העלפט פון סימורדענס נשמה, נאר די ווייכערע העלפט. עס איז אויסגעקומען, ווי גאושען וואלט בעקומען דעם ווייסען שטראל און סימורדען האט זיך איבערגעלאזט דאס, וואס מען וואלט געקאנט אנרופען דעם שווארצען שטראהל. פון דאנען שטאמט זייערע חלוקי-דעות. די דאזיגע שטומע מלחמה האט געמוזט אויסברעכען, איינמאל האט זיך דער קאמף אנגעהויבען.

סימורדען האט געזאגט צו גאושען.

— ווי האלטען מיר עפעס?

— איהר ווייסט עס אזוי גוט ווי איך, האט גאושען געענטפערט איך האב צעיאגט לאנטענאק'ס באנדעס. ער האט נאר ביי זיך אהייפעל מענשען,

איצט איז ער צונעשטופט צום וואלד פון פושער, אין אלט מאָג, ווען ער זײַן ארומגערינגעלט.
— און אין פוטצעהן מאָנ?
— ווען מען איהם נעמען געפאנגען.
— און ווײַטער?
— ווי איהר האָט געזעהן מײַן אפיש.
— יאָ, איז וואָס?
— מען וועט איהם דערשיסען.
— ווידער אמאָל גרויסמוטיגקײַט, מען דארף איהם גיליאָטינירען.
— איך, האָט געזאָגט גאָווען, בין פאַר א מיליטערישען טויט.
— און איך, האָט סימורדען געענטפערט, בין פאַר א רעוואָלוציאָנערען טויט.
ער האָט אָנגעקוקט גאָוועין גלײַך אין פנים און געזאָגט:
— פאַרוואָס האָסטו בעפרײַט די נאָנעס פון'ם קלויסטער סען-מאַרק-לע-קלאַן?
— איך פיהר נישט קײַן מלחמה מיט ווײַבער, האָט גאָוועין אָבגע-ענטפערט?
— די דאָזיגע ווײַבער האסען דאָס פאָלק, און וואָס איז שייך האָס בעשטעהט אײַן פרוי צעהן מענער. פאַרוואָס האָסטו דיך אָבגעזאָגט צו שיקען צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל די גאַנצע חברה מיט אַלטע גלחים גענומענע אין לוויניע.
— איך פיהר נישט קײַן מלחמה מיט זקנים.
— אײַן אַלטער גלח איז נאָך ערגער פון א יונגען, א אויפשטאַנד איז געפעהרליכער, ווען ער ווערט אגיטירט דורך גראָהע האָר, מען האָט צו-טרויען צו א גערונצעלט פנים. נאָר נישט קײַן פאַלש רחמנות, גאָוועין. קע-ניגסמערדער זענען בעפרײַער. האָב שטענדיג א אויג אויף דעם טורם פון טאָמפל.
— דער טורם פון טאָמפל! איך וואָלט פון דאָרט בעפרײַט דעם דאָפין (קרוינפרינץ), איך פיהר נישט קײַן מלחמה מיט קינדער.
סימורדען'ס אויג איז געוואָרען שטרענג.
— גאָוועין, ווײַס, אז מען דארף פיהרען א מלחמה מיט א פרוי, ווען זי הײַסט מאַריע-אַנטואַנעט, מיט א זקן, ווען ער הײַסט פיוס דער 6-טער, דער פויפסט, און מיט א קינד, ווען עס הײַסט לידוויג קאַפעט.
— מײַן רבי, איך בין נישט קײַן מענש פון פאָליטיק.
— בעסיה דיך, דו זאָלסט נישט זײַן קײַן געפעהרליכער מענש. פאַרוואָס

האָסטו, בשעת אַ אַטאַקע אויף דעם פּאָסטען אין טאָסע, ווען זשאַן טרעטאָן, אַ צוגעדרוקטער און פערלוירענער, האָט זיך געוואָרפען אַליין מיט דער שווערד אין דער האנד געגען דיין גאנצען אַבטײלונג, בעפוילען: „עפענט די רייהען לאָזט אַדורכגעהן".

— ווייל מען טרעט נישט אַרוים מיט פּופּצעהן הונדערט מענשען געגען איינעם.

— פאַרוואָס, ביי קאַלעטערי ד'אַסטילע ווען דו האָסט געזעהן, אַז דיינע סאָלדאַטען ווילען טויטען דעם וואַנדערער זשאָזעף בעזיע, וועלכער איז געווען פערוואונדעט און איז געקראַנקען, האָסטו אויסגעשריען: „געהט פאָראויס! איך וועל זיך מיט איהם אָבּרעכנען" און דאַן האָסטו אויסגעשאָסען אין די לופטען?

— ווייל מען הרג'עט נישט אַ שוואַכען מענשען.

— און דו ביסט געווען אומגערעכט. זיי זענען ביידע היינט אָנפיהרער פון באַנדעס; זשאָזעף בעזיע, דאָס איז מופטאַש, און זשאַן טרעטאָן, דאָס איז זשאַמב-ד'אַראָזשאַן, ראַטעווענדיג די צוויי מענשען, האָסטו געגעבען דער רעפּובליק צוויי פיינד.

— באמת, איך וואָלט איהר ליעבער געוואָלט פערמעהרען פריינד, און נישט קיין פיינד.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געהייסען אויסשיסען די דריי הונדערט געפאַנגענע פויערען נאָכ'ן נצחון ביי לאַנדעאַן.

— ווייל באָנשאַן האָט בעפרייט די רעפּובליקאַנישע געפאַנגענע, און איך וואָלט געוואָלט, אַז מען זאָל זאָגען, אַז די רעפּובליק שוינט די ראָיאַליסטישע געפאַנגענע.

— וואָס ווּעסטו אַלזאָ טהון, ווען דו נעמסט לאַנטענאַק'ן, דו וועסט איהם אודאי אויך שוינען?

— ניין.

— פאַרוואָס? דו האָסט דאָך מוחל געווען די דריי הונדערט פויערים?

— די פויערים זענען אונוויסענדע; לאַנטענאַק ווייסט אָבער, וואָס ער טהוט.

— לאַנטענאַק איז דאָך דיינער אַ קרוב.

— פראַנקרייך איז די גרויסע קרובה.

— לאַנטענאַק איז אַ זקן.

לאַנטענאַק איז אַ אויסלענדער. לאַנטענאַק האָט נישט קיין אַלטער. לאַנטענאַק רופט צו הילף די ענגלענדער, לאַנטענאַק—דאָס איז די אינוואַזיאָן (דער פיינדליכער איינפאַל). לאַנטענאַק דאָס איז דער שונא פון פאָטערלאַנד

דער דועל צווישען איהם און מיר קאן זיך נאר ענדיגען מיט זיין אדער מיט מיין טויט.

נאוועו, געדענק דאס, וואס דו זאגסט.

— איך וועל נישט פערגעסען.

— זיי זענען ענטשוויגען געווארען און זיך אנגעקוקט.

— נאוועו האט אנגעהויבען.

— דאס וועט זיין א בלוטיגע דאטע דאס יאהר 93, וואט מיר מאכען דורך.

— היט דיך! האט אויסגעשריען סימורדען. עס זענען פאראן גרויזאמע פליכטען, בעשולדיג נישט דעם, ווער עס פערדינט נישט בעשולדיגט צו ווערען. פון ווען אן איז דאס די קרענק די שולד פונ'ם רופא. יא, דאס וואס כאראקטעריזירט דאס גרויסע יאהר איז דאס, וואס עס ווייסט נישט פון רחמנות. פארוואס? ווייל עס איז דאס גרויסע רעוואלוציאנערע יאהר. דאס היינטיגע יאהר האט פערקערפערט די רעוואלוציע. די רעוואלוציע האט א פיינד — די אלטע וועלט — און זי איז בנוגע צו איהר אהן רחמנות, פונקט ווי דער כירורג האט א פיינד — די גאנגרענע — און ער האט אויף איהר קיין רחמנות נישט. די רעוואלוציע ראט אויס דאס קעניגטום אין דער פערזאן פונ'ם קעניג, די אריסטאקראטיע — אין דער פערזאן פון אדעלמאן, דעם דעספאטיזם — אין דער פערזאן פון סאלדאט, דעם פאראורטייל — אין דער פערזאן פונ'ם גלח, די אונגערעכטיגקייט — אין דער פערזאן פונ'ם ריכטער, מיט אייןווארט, אלץ וואס איז טיראניי אין אלעם וואס רופט זיך א טיראן. די אפעראציע איז א שרעקליכע, די רעוואלוציע מאכט זי מיט א זיכערע האנר, וואס אנבעלאנגט דער צאהל געזונדע פלייש, וועלכע זי איז מקריב, פרעג'זשע באערהאוו, וואס פאר א מיינונג ער האט וועגען דעם. וועלכע מכה פאדערט, נישט ביים אויסשניידען א פערלוסט פון בלוט? וועלכעס פייער פאדערט נישט זיין טייל בשעת מען לעשט עס? די דאזיגע שרעקליכע נויטווענדיקייטען זענען נאר א בעדינגונג פאר דעם ערפאלג א כירורג איז ענהליך צו א קצב, א רופא מאכט דעם איינדרוק פון א הענקער, די רעוואלוציע האט זיך איינגאנצען אבגעגעבען איהר פאטאלע איפגאבע. זי ענטשטעלט, נאר זי ראטעוועט. וואס, איהר פאדערט פון איהר גנאד פאר'ן סם! איהר ווילט, זי זאל זיין בארמהערציג פאר דאס, וואס איז פערגיפטעט! זי הערט גארנישט זי האט געכאפט די פערגאנגענהייט און זי וועט פון איהר א סוף מאכען. זי האט דער ציוויליזאציע געמאכט א טיפען שניט, פון וואנען עס וועט ארויסגעהן די געזונדהייט פונ'ם מענשליכען געשלעכט. איהר ליידט? אהן ספק. נאר ווי לאנג וועט דאס דויערען? אזוי לאנג ביז די אפעראציע וועט נישט פער־

ענדיגט ווערן. דערנאָך וועט איהר לעבען, די רעוואָלוציע אַמפּוטירט די וועלט. פון דאַנען שטאַמט דער בלוטשטורע, דאָס יאָהר 93.

— דער כירורג איז רוהיג, האָט געזאָגט גאָווען, און די מענשען, וועלכע איך זעה, זענען העפטיגע.

— די רעוואָלוציע, האָט סימורדען אָבגעענטפערט, פאָדערט צוהילף רוהע מענשען. זי טרייבט פון זיך אוועק אַלע הענד, וועלכע ציטערן, זי האָט נאָר צוטרוי צו אומערשראָקענע. דאַנטאָן – דאָס איז דער גרויזאַמע, ראָבעספּיער – דאָס איז דער אומבויגזאַמע, סען – זשיוסט – דער אומערשטעלבאַרע, מאַראַט – דער אומבערחמנות'דיגע. היט דיך, גאָווען, די דאָזיגע נעמען זענען נויטווענדיג. זיי האָבען פאַר אונז דעם ווערט פון גאַנצע אַרמעען, זיי וועלען דערשרעקען אייראָפּאַ.

— און אפשר אויך די צוקונפט, האָט געזאָגט גאָווען.

— ער האָט זיך אָבגעשטעלט און דערנאָך ווייטער געזאָגט:

איבריגענס, מיין רבי, האָט איהר אַ טעות, איך בעשולדיג נישט קיינעם. נאָך מיין מיינונג, איז דער אמת'ע געזיכטספּונקט (קוק) פון דער רעוואָלוציע — די אומפערראַנטוואָרטליכקייט. קיינער איז נישט אומשולדיג, קיינער איז נישט שולדיג. לודוויג דער 16-טער דאָס איז אַ שעפּס אַריינגעוואָרפען צווישען לייבען. ער זוכט זיך צו פערטיידיגען; ער וואָלט אַ בים געטהון, ער זאָל נאָר געווען קאָנען. אָבער נישט דער איז דער לייב, ווער עס וויל עס זיין. זיין טאַטלאָזען ווילען נעמט מען אָן פאַר אַ פערברעכען. דער דאָזיגער שעפּס וויזט אין כעס אַרוים די ציין. פערעטער! — שרייען די לייבען. און זיי פרעסען איהם אויף. אָבגעטון, שלאָגען זיי זיך איינער מיט דעם צווייטען.

— דער שעפּס דאָס איז אַ בהמה.

— און די לייבען, וועך זענען זיי?

דער ענטפער האָט געבראַכט דערצו, אַז סימורדען זאָל זיך אַ ווייל ע פערטראַכטען, ער האָט דערנאָך צוריק אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט.

— די דאָזיגע לייבען זענען געוויסענס, די דאָזיגע לייבען זענען אידעען. די דאָזיגע לייבען זענען פּרינציפּען.

— זיי פיהרען-איין דעם טעראָר.

— עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די רעוואָלוציע וועט גערעכט פערטיגען דעם טעראָר.

— האָט מורא, אַז דער טעראָר זאָל נישט זיין איהר שאַנד, האָט גאָווען געזאָגט. פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט – דאָס זענען דאָגמען פון פרידען און האַרמאָניע. פאַרוואָס זאָל מען זיי געבען אַ שרעקליכען אויסזעהן וואָס ווילען מיר? געוואונען די פעלקער פאַר אַ אַלוועלטליכער רעפּובליק

אַלזאָ, זאָל מען זײ נישט אָנשרעקען. צו וואָס דאָס אָבשרעקען; פּונקט אַזוי ווי די פֿױגעל, קאָן מען די פֿעלקער נישט צוציהען מיט אַ שרעקבילד. מען דאַרף נישט צו טהון שלעכטס מיט׳ן צוועק צו טהון גוטס. נישט צוליעב דעם וואַרפֿט מען אום טראָנען, אַז מען זאָל אױפֿשטעלען תּליות. טויט די קעניגען, און זאָלען לעבען די פֿעלקער! לאָמיר אַראָבוואַרפֿען די קרױנען, און לאָמיר שױנען די קעפּ, די רעװאָלוציע—דאָס מוז די אײניגקײט און נישט די שרעקען. מילדע אידעען װערען זעהר שלעכט געדינט דורך אונבּערחמנות׳דיגע מענשען, אַמנעסטיע איז נאָך מײַן מײנונג דאָס שענסטע וואָרט פֿון דער מענשליכע שפּראַך. איך וויל נאָר דאַמאָלסט פֿערגיסען בּלוט, ווען איך שטעל מײַן בּלוט אײַן. איבּריגענס, קאָן איך מיך נאָר שלאָגען, און בּין נאָר אַ סאָלדאַט, נאָר, ווען מען קאָן נישט מוחל זײַן, לוינט נישט מנצח צו זײַן. לאָמיר זײַן בּשעת׳ן קאַמפּף פֿײַנד פֿון אונזער פֿײַנד און נאָך דעם נצחון-זײַערע בּרידער,

— היט דיך! האָט איבּערגע׳חזר׳ט צום דריטען מאָל גאָװען, דו בּיסט מיר מעהר ווי אַ אײגענער זוהן, היט דיך!

און פֿאַרטראַכטענדיג זיך, האָט ער צוגעגעבּען,

— אין צײַטען, אין וועלכע מיר לעבען, קאָן אַמאָל רחמנות זײַן אײנע פֿון די פֿאָרמען פֿון פֿעראַט.

הערענדיג שמועסען די דאָזיגע צוויי מענשען, וואָלט מען געקאָנט מײנען, אַז מען הערט אַ שמועס צווישען די שווערד און די האַק

X.

דאַלאָראָזאַ [1].

דערווײַל האָט די מוטער געזוכט איהרע קינדער. זי איז געגאַנגען, וואו די אױגען האָבּען זי געטראָגען. ווי אַזוי האָט זי געלעבּט עס איז שווער צו זאָגען. זי האָט דאָס אַלײן נישט געוואוסט. זי איז געגאַנגען טאָג און נאַכט; זי האָט געבּעטעלט, געגעסען גראָז, געלעגט זיך אויף דער ערד, געשלאָפֿען אין דרויסען, אין די קרושאַקעס, אונטער׳ן פֿרײַען הימעל, אַ סך מאָל אונטער אַ רעגען און אַ ווינד.

זי האָט זיך געשלעפּט פֿון דאָרף צו דאָרף, פֿון פֿערמע צו פֿערמע, נאָכפֿרעגענדיג זיך. זי האָט זיך אָבגעשטעלט בּײַ די שוועלען. איהר קלײד איז געווען אין טראַנטעס. אַ מאָל פֿלעגט מען זי אַרײַנלאָזען, אַ מאָל אוועקיאָגען. ווען זי האָט נישט געקאָנט אַרײַנקומען אין די הײַזער, איז זי געגאַנגען אין די וועלדער.

1) דאָלאָראָזאַ—די בּעטריבּטע.

זי האט נישט געקאנט די געגענד, עס איז איהר אלץ פרעמד געווען א חוץ סיסקו-אנואר און די געמיינדע אזע, זי האט נישט געוואוסט קיין בעשטימטע ריכטונג, זי פלעגט זיך אומקעהרען, אנהויבען אויפסניי דעמזעלבען וועג, און בחינם אבגעלעגט וועג. זי פלעגט אמאל געהן מיט'ן טראקט, אמאל מיט'ן אויסגעטרעטענעם פון פוהרען וועג, אמאל מיט א שטעגעל אין א געדיכטען וואלד. אין דעם דאזיגען וואנדער לעבען האט זי אינגאנצען אבגענוצט איהרע ארימע קליידער. זי פלעגט אין אנהויב וואנדערן אין איהרע שיך, דערנאך בארפוס, דערנאך מיט צעבלוטיגטע פיס.

זי איז געגאנגען פארביי דעם קריג, דורך ביקסען-שאסען, נישט הערענדיג, נישט זעהענדיג, נישט פערמיידענדיג קיין שום זאך, זוכענדיג כסדר איהרע קינדער. ווייל אין לאנד איז געווען א אויפשטאנד, האט זי נישט בעגעגענט נישט קיין זשאנדארמען, נישט קיין בירגערמייסטערס, נישט קיין מאכט בכלל. זי האט נאר געהאט צו טהון מיט דורכגעהער.

זי האט זיך צו זיי געווענדט. זי פלעגט פרעגען:

האט איהר ערגעץ-וואו נישט געזעהן דריי קליינע קינדער?

די דורכגעהער פלעגען אויפהויבען די קעפ.

— צוויי יונגלעך און א מיידעל, האט זי געזאגט, רענע-זשאן, גראס-אלען, זשארזשעטי. איהר האט זיי נישט געזעהן?

דערנאך אויסגעטייטשט:

— דער עלטערער איז אלט פיער און א האלבען, די קליינע האט צוואנציג חדשים.

צום סוף פלעגט זי צוגעבען:

— ווייסט איהר אפשר, וואו זיי זענען? מען האט מיר זיי צוגענומען.

מען פלעגט זי אנקוקען און מיט דעם האט זיך געענדיגט.

זעהענדיג, אז מען פערשטעהט זי נישט, האט זי געזאגט:

— זעהט איהר, דאס זענען דאך מיינע קינדער, דעריבער פרעג איך מיר. די מענשען זענען זיך געגאנגען זייער וועג. דאמאלסט פלעגט זי זיך אבשטעלען, מעהר נארנישט גערעדט און זיך מיט די נעגעל צעריסען איהר לייב.

איינמאל האט זי עפעס א פויער דאך אויסגעהערט. ער האט זיך פערטראכט.

—ווארט נאר, האט ער געזאגט. דריי קינדער?

— יא.

— צוויי יונגלעך?

— און א מיידעל.

— זיי זוכט איהר דאס?

— יאָ.

— איך האָב געהערט דערצעהלען וועגען א פּריץ, וועלכער האָט צוגענומען דרײַ קלײנע קינדער און האָט זיי בײַ זיך.

— וואו געפינט זיך דער דאָזיגער מענש? האָט זי אויסגעשריגען. וואו זענען זיי?

— געהט קײן טורג, האָט דער פויער געענטפערט.

— וועל איך דאָרט געפינען מײַנע קינדער?

— עס קאָן זײַן, אז יאָ.

— וואו זאָגט איהר?

— לאַ טורג.

— וואָס איז דאָס אַזוינס לאַ טורג?

— דאָס איז א געגענד.

— איז דאָס א דאָרף? א שלאָס? א פערמע?

— איך בין נאָך דאָרט קײנמאָל נישט געוועזען.

— איז דאָס ווײַט?

— עס איז נישט נאָהנט.

— פון וועלכער זײַט?

— פון דער זײַט פון פוזשער.

— דורך וועלכען וועג געהט מען?

— איהר זענט אין וואַנטאַרט, האָט געזאָגט דער פויער, איהר וועט לאָזען ערנע לינקס און קאָקסעל רעכטס, איהר וועט א דורכגעהן דורך לאָרשאַן און לערו.

און דער פויער האָט אויפגעהויבען זײַן האַנד געגען מערב.

— געהט כסדר פאַר זיך און שטענדיג אין דער זײַט, וואו די זון געהט אונטער.

דער פויער האָט קוים געהאַט צײַט אַראָבצולאָזען זײַן אָרעם, איז זי שוין געוועזען אין וועג.

דער פויער האָט איהר נאָכגעשריגען.

— נאָר היט אייך. דאָרט שלאָגט מען זיך. זי האָט זיך אפילו נישט אומגעדרעהט איהם אָבצוענטפערן און איז ווײַטער געגאַנגען פאָראויס.

א פּראָווינציעלע באַסטיליע.

I.

לאַ טורג.

דער רײַזענדער, וועלכער איז מיט פערציג יאָהר צוריק אַרײַנגעגאַנגען

אין וואלד פושער פון דער זייט פון לעניעלע און איז ארויס פון דער זייט פון פארינע, האט אויף דעם ראנד פון דעם דאזיגן טיפן הויכשטאמיגן וואלד, געהאט א אונהיימליך בעגעגניש. ארויסגעהענדיג פון דער געדיכטעניש האט ער פלוצלינג פאר זיך דערזעהן לא טורג.

נישט די לעבעדיגע לא טורג, נאר די טויטע, די צושפאלטענע, צעלעכערטע, צעקלאפטע, צעריסענע לא טורג. א חורבה איז אין בעצוג צו א געבייערע, — ווי א געשפענסט אין בעצוג צו א מענשען. עס איז שווער צו געפינען א מעהר טרויעריגע ערשיינונג, ווי לא טורג. מען האט געהאט פאר די אויגען א הויכען קיילעכדיגען טורם, וועלכער איז געשטאנען גאנץ אליין אין א ווינקעל פון וואלד, אזוי ווי א רויבער. דער דאזיגער טורם, שטעהענדיג אין א גלייכער ליניע אויף א פעלזענשטיין, האט געהאט כמעט א רוימישען אויסזעהן, אזוי קארעקט און שטארק איז ער געווען און אזוי האט זיך אין דער דאזיגער געזונדטער מאסע צוזאמענגעמישט די אידעע פון מאכט מיט דער אידעע פון שטורץ. און, אייגענטליך, איז זי דאך געווען א ביסל רוימיש, ווייל זי איז געווען ראמאניש. אנגעהויבען אין ניינטען יאהרהונדערט, האט מען זי פערענדיגט אין צוועלפטען, נאך דעם דריטען קרייצצוג. די ארויסגעשטארטע שטיינער ביי די פענסטערבויגען האבען עדות געזאגט אויף איהר אלטקייט. און ווער עס האט, ארויפקלעטערנדיג אויף דעם משופע'דיגען בארג, זיך דערנעהנטערט, האט דערזעהן א עפנונג, ער האט געפרובט אריין — עס איז געווען פוסט. עס האט אויסגעזעהן ווי א מין שטיינערנער שופר אריינגעשטעלט אין דער ערד. פון אויבען ביז אונטען — קיין שום צווישענשייד; נישט קיין דאך, נישט קיין פולאפ, נישט פאדלאגעס, נאר חורבות פון געוועלבען און אויוועגס, שיסלעכער פאר קאנאנען; אויף פערשידענע הויכען האבען גראניט קרוקעס און עטליכע באלקענס בעצייכענט די שטאקען. אויף די באלקענס — מיסט פון נאכטפויגעל און א קאלאסאלע וואנד, פופצעהן פוס די גרעב ביי דער גרונדלאגע און צוועלף ביים שפיץ; דא און דארט — שפאלטען און לעכער, וועלכע זענען געווען טהירען, פון וואנען מען האט געזעהן שטיגען איני'ם אינערן פון פינסטערען מויער. דער דורכגעהער, וועלכער איז אריינגעדרונגען ביי נאכט האט געהערט די קולות פון די נאכטפויגעל און ביי זיינע פיס האט ער געזעהן דערנער, שטיינער, שלאנגען, און איבער זיין קאפ דורך א שווארצען קרייז, ביי'ם שפיץ פון טורם, וועלכער האט אויסגעזעהן אזוי ווי א מויל פון א גרויסען ברונעם — די שטערן.

עס האט געהערט צו די טראדיציעס פונ'ם לאנד, אז אויף די אויערשטע עטאזשען פון דעם דאזיגען טורם זענען געווען געהיימע טהירען.

געמאַכט אַזוי ווי די טהירען פון די קברים פון יודישע קעניגען, פון אַ גרויסען שטיין, וועלכער דרעהט זיך אַרום אַ אַקס, און עפענט און פערמאַכט זיך, נישט איבערלאָזענדיג קיין שום צייכענס אין דער וואַנד; די דאָזיגע אַרכיטעקטאָנישע מאָדע האָט מען געבראַכט פון די קרייצצוגען צוגלייך מיט די שפּיציג געוועלבטע סופיטען. ווען די דאָזיגע טהירען זענען געווען פערשלאָסען איז געווען אונמעגליך זיי צוריק צו געפונען, אַזוי גוט האָבען זיי זיך צונויפגעמישט מיט די איבריגע שטיינער. מען קאָן נאָך ביי היינטיגען טאָג זעהן די דאָזיגע טהירען אין די געהיימניספולע שטעדט פון אַנטי-לבנון, וועלכע זענען ניצול געוואָרען בשעת דעם חורבן פון די צוועלף שטעדט אין די צייטען פון טיבעריוס.

II.

דאָס דורכגעבראָכענע אָרט:

די עפנונג, דורך וואַנען מען איז אַריין אין דער חורבה, איז געווען אַ לאָך, אויפגעריסען דורך אַ מינע. די דאָזיגע מינע איז געווען, ווי מבינים האָבען עס בעשטעטיגט, זעהר גוט אַוועקגעלעגט. געניי אויסגערעכענט פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער דיק פון דער וואַנד, וועלכע זי האָט בעדאַרפט אויפצורייסען. זי האָט, אודאי, ענטהאַלטען צוויי צענטנער פולווער. צוגעקומען איז מען דאָרט דורך אַ שלענגעלדיגען קאַנאַל, וועלכער איז געווען זיכערער ווי אַ גלייכער; דער מינען-אויפרייס האָט געמאַכט אין דער וואַנד אַ טיעפע וואונד, דורך וועלכע ס'איז די בעלאַגערנדע נישט שווער געווען אַריינצודרינגען. עס איז קלאָר געווען, אַז דער דאָזיגער טורם האָט אין פערשידענע עפּאָכען דורכגעהאַלטען אמת'ע רעגעלמעסיגע בעלאַגערונגען; ער איז געווען אינגאַנצען דורכגעלעכערט פון קוילען, וועלכע האָבען נישט געהערט צו איין און דערזעלבער צייט; יעדער פון זיי האָט איבערגעלאָזט זיין צייכען אין דער וואַנד, פון די שטיינערנע קוילען פון פערצעהנטען יאָהרהונדערט, ביז די אייזערנע פון אַכצעהנטען.

דורך דער עפנונג איז מען אַריינגעקומען אין יענעם טייל פון דער געביידע, וועלכער איז אַמאָל געווען דער פּאַרטער. אַנטקעגען דער עפנונג, אין דער מויער פונ'ם טורם, האָט זיך אויפגעעפענט אַ טהירעל צו אַ קעלער, אויסגעהאַקט אינ'ם פעלז, און וועלכער האָט זיך געצויגען צווישען די פונדאַמענטען פונ'ם טורם ביז צו דעם אונטערשטען זאַל.

III

די תפיסה.

דער דאָזיגער קעלער איז געווען די תפיסה, יעדער טורם האָט געהאַט

זײַן געפּענגניש. ווי אַלע שטראָף־קעלערס אין יענער צײַט, אַזוי האָט אויך דער געהאַט צוויי שטאָק. דער ערשטער, וואוהין מען איז אַרײַנגעקומען דורך דעם טהירעל, איז געווען אַ נענוג גרויסער געוועלבטער צימער, אין דער גרויס פון דעם אונטערשטען זאַל. אויף די ווענד פון דעם דאָזיגען צימער האָט מען געזעהן צוויי פּאַראַלעלע און ווערטיקאַלע ריצען, וועלכע זענען אַדורכגעגאַנגען פון איין מויער צו דעם צווייטען אַדורך די וועלבונג, וואו זיי זענען געווען טיעף אײַנגעקריצט, עהנליך צו אַ בעטרעטענעם וועג. די צוויי ריצען זענען געווען אויסגעהאַקט דורך צוויי רעדער. אַמאָל, אין די פעאָדאַלע צײַטען, האָט מען אין דעם דאָזיגען צימער די פער'משפּט'ע געפערטעלט מיט אַ ווענינער שרײַענדיגען מיטעל ווי מיט פיער פערד. דאָ האָבען זיך געפונען צוויי רעדער, אַזעלכע שטאַרקע און גרויסע, אַז זיי האָבען בעריהרט די ווענד און די וועלבונג; צו יעדער ראָד האָט מען צוגעבונדען אַ האַנד מיט אַ פוס פון'ם פער־משפּט'ען, דערנאָך האָט מען געדרעהט די ביידע רעדער אין אַ געגענזייטי־גער ריכטונג, וואָס האָט צעריסען דעם מענשען, צו דעם איז נויטיג געווען אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג; דרעהענדיג זיך, האָבען די רעדער אויסגעקריצט אין'ם שטיין די ריצען.

אונטער דעם דאָזיגען צימער איז געווען נאָך אַ צווייטער. דאָס איז געווען די אמת'ע תּפיסה. דאָרט איז מען נישט אַרײַנגעקומען דורך אַ טהיר, נאָר דורך אַ לאָך; דעם פער'משפּט'ען האָט מען אַ נאַקעטען אַראָבגעלאָזען, דורך אַ שטריק, אַרומגענומען אונטער די אָרעמס, אין די אונטערשטע שטוב מיט דורך אַ לאָך, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין דער אויבערשטער שטוב. ווען דער פער'משפּט'ער האָט זיך אײַנגע'עקשנ'ט ווײַטער צו לעבען, האָט מען איהם אַרײַנגעוואָרפען דורכ'ן לאָך עסען: מען קאָן נאָך ביי היינטיגען טאָג זעהן אַ ענליכע לאָך אין בויאָן,

פון דעם דאָזיגען לאָך האָט שטאַרק געבלאָזען. דאָס אונטערשטע צי־מער, אויסגעהאַקט אונטער'ן פּאַרטער־זאַל איז ניכער געווען אַ ברונעם, ווי אַ צימער. עס איז צוגעקומען וואַסער און די לופט איז געווען אײַז־קאַלט. דער דאָזיגער ווינד, וועלכער האָט דער'הרג'עט דעם אַרעסטאַנט פון אונטען, האָט דערהאַלטען ביים לעבען דעם אַרעסטאַנט פון אויבען, עס האָט מעגליך געמאַכט צו אָטהעמען. איבריגענס ווער עס איז דאָרט אַרײַנגעגאַנגען אָדער אַרײַנגעפאַלען איז שוין מעהר נישט אַרויס. דער אַרעסטאַנט האָט געמוזט אין דער פינסטערניש זײַן פאָרזיכטיג, ער זאָל דאָרט נישט אַרײַנפאַלען. איין פאַל־שער שריט און פון אויבערשטען אַרעסטאַנט, האָט געקאָנט ווערען אַ אונטער־שטער. דאָס איז שוין געווען זײַן זאַך. ווען ער האָט געוואָלט לעבען, איז די לאָך געווען זײַן געפאַהר; ווען עס איז איהם געוואָרען לאַנגווײַליג, איז די

לאָך געװעזן זײַן רעטונג. דער העכערער שטאָק איז געװעזן די תּפיסה, דער נידריגער שטאָק איז געװעזן דער קבר. ענליך צו דעם איז געװעזן די דאַמאָלסטדיגע געװעלשאַפֿט.

דאָס האָבן אונזערע זיידעס גערופֿן „די אונטערערדישע תּפיסה“. מען די זאַך איז פֿערשװאונדען, האָט דאָס װאָרט פֿאַר אונז קײן שום זין נים. אַ דאַנק דער רעװאָלוציאָן איז דאָס װאָרט פֿאַר אונז געװאָרען גלײַכגילטיג.

אין דרויסען פֿון טורם, איבער די עפֿנונג, װעלכע איז מיט פֿערציג יאָהר צוריק געװעזן דער אײנציגער אײַנגאַנג, האָט מען בעמערקט אַ פֿענסטערראַהם, נאָך אַ ברײטערע װי די איבריגע שיסלעכער, און װעלכער עס האָבן געהאַנגען צעבראָכענע און צעבױגענע קראַטעס.

IV.

מיט דעם דאָזיגען טורם אין דער ענטגעגענגעזעצטער זײט פֿונ'ם דורכגעבראָכענעם אָרט האָט זיך פֿערבונדען אַ אײַזערנער בריק אויף דרײַ װעניג צישעדיגטע בױגענס. דער בריק האָט געדינט אַלס אַ אונטערלאַגע פֿון אַ געבײַדע, פֿון װעלכער עס איז נאָר געבליבען חורבות. דער דאָזיגער גוף פֿון אַ געבײַדע, װאו עס האָבן זיך געזעהן צײכענס פֿון אַ פֿײַער, האָט נאָר געהאַט זײַנע שװאַרצגעװאָרענע בעלקעס, אַ מין סקעלעט, דורך װאַנען עס האָט אַדורכגעלויכטען דער טאָג-שײַן, און װעלכע איז געשטאַנען נעבען דעם טורם, אַזױ װי אַ סקעלעט נעבען אַ געשפּענסט.

די דאָזיגע חורבה איז הײַנט אינגאַנצען צערשטערט און עס איז פֿון איהר קײן זכר נישט געבליבען. אום צו פֿערניכטען דאָס װאָס עס שאַפֿען אַ סך יאָהרהונדערטען און אַ סך קעניגען, איז גענוג אײן טאָג און אײן פֿויער.

דער נאָמען „לאַ טורג“, אַ פֿויערישע פֿערקירצונג, בעדײַט „טור-גאָװען“ (גאָװענס טורם). דער דאָזיגער טורם, װעלכער איז מיט פֿערציג יאָהר צוריק געװעזן אַ חורבה, הײַנט אַ שאָטען, איז אין 1793 געװעזן אַ פֿעסטונג. דאָס איז געװעזן די אַלטע באַסטיליע פֿון די גאָװענ'ס, װעלכע האָט געהאַט צו מערב אַ אײַנגאַנג אין דעם װאַלד פֿוזשער, אַ װאַלד, פֿון װעלכען עס איז הײַנט געבליבען נאָר אַ שיטער װעלדעל.

די גאַנצע פֿעסטונג איז בעשטאַנען נאָר פֿון דעם טורם; אונטער דעם טורם איז געװעזן דער פֿעלז און איהם צו פֿוסענס איז פֿאַרבײַגעפֿלאָסען אײנס פֿון די װאַסערן, װעלכע פֿערװאַנדלען זיך אין חודש יאַנואַר אין אַ שטראָם און חודש יוני װערען זײ אויסגעטריקענט.

נישט קוקענדיג אויף איהר אײַנפֿאַכקײט, איז דאָך די דאָזיגע פֿעסטונג אין מיטעלאַלטער געװעזן ניט אײַנצונעמען. די נאַטירישע גאָװענס האָבן זי

געהאט אויסגעבויט אהן א בריק. צוגעקומען איז מען אהין נאר דורך וואקליגע בריקלעך, וועלכע איין שטויס פון א האק האט געקאנט צעשמעטערן. ווי לאנג די גאוועג'ס זענען געווען וויקאמטען, האבן זיי זיך מיט דעם געלאזט בעגניגען; ווען זיי זענען אבער געווארען מארקיזען און האבן פערלאזען די הייל צוליב דעם הויף האבן זיי אריבערגעווארפען דעם דריי-בויגען-בריק איבערן וואסער און זיי זענען געווארען צוטריטליך פון דער זייט פון דער פלעכע, פונקט ווי זיי האבן זיך געמאכט צוטריטליך פון דער זייט פון קעניג. מארקיזען פון זיבצעהנטען יאהרהונדערט און די מארקיזען פון אכטצעהנטען איז א סך ניט געגאנגען אין דעם, אז זיי זאלען זיין נישט איינצונעמען. זיי האבן פארביטען די טראדיציע פון די זיידעס אויף קאפירען דעם ווערסאל.

אנטקעגען דעם טורם, צו מערב זייט, איז געווען א אויפגעהויבען ארט גענוג הויך, וואס האט פערענדיגט די פלעכע, דאס דאזיגע אויפגעהויבענע ארט האט זיך געצויגען כמעט צום טורם און האט זיך נאר פון איהם אבגעשיידט מיט א טיעפען גראבען, וואו עס האט געפלאסען א וואסער, וועלכעס איז אריינגעפאלען אין טייך קועזנאן. דער בריק וועלכער האט פערבונדען דאס אויפגעהויבענע ארט מיט דעם טורם, האט זיך געשטיצט אויף הויכע זיילען און אויף די דאזיגע זיילען האט מען אויפגעבויט א געביידע, א בעקוועמערע צום וואוינען ווי דער טורם. אבער די מנהגים זענען נאך דאמאלס, געווען זעהר גראבע, די פריצים האבן געהאט א געוואוינהייט צו וואוינען אין די טורם-צימער, עהנליכע צו א תפיסה. וואס אנבעלאנגט די געביידע אויף דעם בריק, וועלכע איז געווען א מין קליינער שלאס, האט מען דארט געמאכט א לאנגען קארידאר, אלס איינגאנג, און איהם אנגערופען — דער וואך-זאל. איבער דעם דאזיגען וואך-זאל, האט מען איינגעארדנעט די ביבליאטעק און איבער די ביבליאטעק — א שפייכלער. לאנגע פענסטער מיט קליינע שויבען פון בעהמישען גלאז, פירעקיגע זיילען צווישען די פענסטער, מעדאליאנען אויסגעקריצט אין דער וואנד, דריי שטאק; אונטען געוועהר; אינמיטען — ביכער; אויבען — האבער; דאס אלץ צוזאמען איז געווען אביסעל ווילד, נאר זעהר פריציש.

דער טורם אין דער זייט האט געהאט א ווילדען אויסזעהן.

מיט איהר גאנצער פינסטערער הויכקייט האט ער געהערשט איבער יענע קאקעטע געביידע.

פון דעם פלאכען דאך האט מען געקאנט בעשיסען דעם בריק.

פון מיליטערישען שטאנדפונקט האט דער בריק ווי ארויסגעגעבען דעם טורם דעם פיינד אין די הענד. ער האט איהם בעשיינט און געמאכט

צוגלייך שוצלאָז; געווינענדיג אַ בעפּוצונג, האָט דער טורם פֿערלוירען קראַפֿט. זייענדיג פֿון דער זייט פֿון וואַלד אונצוטריטליך, איז ער אָבער שוואַך געוואָרען פֿון דער זייט פֿון דער פֿעלזע. אַמאָל האָט דער טורם געהערשט איבער דעם אויפֿגעהויבענעם אָרט און היינט האָט דאָס אויפֿגעהויבענע אָרט געהערשט איבער'ן טורם. וואָלט זיך אַ פֿיינד דאָ אויסגעקליבען זיין פּאָזיציע, וואָלט ער שנעל געוואָרען אַ הער איבער דעם בריק. די ביבליאָטעק און דער שפּייכלער זענען געווען פֿאַר'ן בעלאַגערער און געגען דער פֿעסטונג. אַ ביבליאָטעק און אַ שפּייכלער זענען זיך אין דעם ענליך, אַז די ביכער און דאָס שטרוי זענען אַ גוטער ברענמאַטעריאַל. פֿאַר דעם בעלעגערער, וועלכער נוצט-אויס דאָס פֿייער, איז פֿערברענען האָמער'ן אָדער אַ בינטעל שטרוי, אַבי עס ברענט נאָר, איינס און דאָסזעלבע.

פֿונדעסטוועגען האָבען די בויער פֿונ'ם בריק אָנגענומען געוויסע פֿאָרזיכטסמיטלען. ערשטענס האָבען זיי פֿאָראויסגעזעהען אַ שׂרפֿה; אונטער די דריי פֿענסטער פֿון דער זייט פֿון גראָבען, האָבען זיי צוגעבונדען צו האַקעס, וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט זעהן מיט אַ האַלבען-יאָהרהונדערט צוריק, אַ שטאַרקען רעטונגס-לייטער, וועלכער האָט געהאַט די הויך פֿון די צוויי ערשטע שטאָקען פֿונ'ם בריק, אַ הויך, וועלכע האָט איבערשטיגען געוועהנליכע דריי שטאָקען; צווייטענס האָבען זיי פֿאָראויסגעזעהען אַ אָנגריף; זיי האָבען אָבגעטיילט דעם בריק פֿון דעם טורם מיט דער הילף פֿון אַ שווערער און נידריגער אייזערנער טיר; די דאָזיגע טיר איז געווען געוועלבט; מען האָט זי פֿערמאַכט מיט אַ גראַדען אייזערנעם שליסעל, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין אַ בעהעלטעניש, בעקאַנט נאָר דעם בעל-הבית אַליין, און איז זי געהען איינמאָל פֿערמאַכט, האָט זי לייכט געקאָנט אויסהאַלטען די קלעפּ פֿון אַ באַראַן און כמעט פֿון אַרמאַטען-קוילען.

אום צוצוקומען צו דער טיר, האָט מען געמוזט דורכגעהן דעם בריק און אום אַריינצודרינגען אין טורם, דורכגעהן די דאָזיגע טיר. קיין אַנדער איינגאַנג איז נישט געווען.

V.

די אייזערנע טהיר.

דער צווייטער שטאָק פֿונ'ם קליינעם בריק-שלאָס, אויפֿגעהויבען צוליב די צײַלען, האָט זיך צוזאַמענגעפּאַסט מיט'ן צווייטען שטאָק פֿונ'ם טורם; צו פֿערגרעסערן נאָך די זיכערקייט, האָט מען אויף דער דאָזיגער הויך געמאַכט די אייזערנע טהיר.

די אייזערנע טהיר האָט זיך אויפֿגעעפֿענט פֿון דער זייט פֿונ'ם בריק

— אין די ביבליאָטעק אַריין און פון דער זייט פונ'ם טורם — אין אַ גרויסען געוועלבטען זאַל מיט זיילען אינמיטען. דער דאָזיגער זאַל, ווי עס איז געזאָגט פריהער, איז געווען דער צווייטער שטאָק פונ'ם טורם. ער איז געווען קיילעכדיג, ווי דער טורם און באַלויכטען דורך די שיסלעכער, וועלכע זענען אַרויס צום פעלד. אין דעם דאָזיגען זאַל איז מען אַריינגעקומען דורך געדרייטע שטיגען, אויסגעהאַקט אין דער וואַנד. פאַר מויערן, וואָס האַלטען פונפצעהן פוס דער דיק איז דאָס אַ געוועהנליכע זאַך. אין מיטעלאַלטער האָט מען גענומען אַ שטאָדט—גאַס פאַר גאַס, אַ גאַס—הויז פאַר הויז און אַ הויז—צימער פאַר צימער. מען האָט בעלאַגערט אַ פעסטונג שטאָק פאַר שטאָק. לאַ טורג איז אין דער הינזיכט געווען קינציג אויפגעבויט און שווער געווען איינצונעמען. מען האָט זיך אויפגעהויבען פון איין שטאָק אויפ'ן צווייטען דורך געדרעהטע שטיגען, שווער צוגענגליכע; די טהירען זענען געווען שיעפע און קלענער פון אַ מענשליכען וואוקס, און אַריינגעהענדיג, האָט מען געמוזט אַראָבבויגען דעם קאָפּ; און אַראָבגעבויגענער האָט געהייסען אַראָבגעהאַקטער קאָפּ, און, ביי יעדער טהיר, האָט דער בעלאַגערטער געוואַרט אויף דעם בעלאַגערער.

אונטער דעם קיילעכדיגען זאַל איז געווען צוויי גלייכע צימער — דער ערשטער שטאָק און דער פּאַרטער, און איבער איהם דריי; איבער די דאָזיגע זעקס צימער, וועלכע זענען געלעגען איינס איבער ס'אַנדערע איז געווען אַ שטיינערנער צודעק, וועלכער איז געווען דער פלאַכער דאַך, וואוהין מען איז אַריינגעקומען דורך אַ שמאָלער קאַמער.

די פונפצעהן פוס דיקייט פון דער מויער, וועלכע מען האָט בעדאַרפען אַדורכצוהאַקען, אום אַריינצוזעצען די אייזערנע טהיר, וואו מען האָט זי איינגעמויערט פונקט אינמיטען, האָט זי איינגעפאַסט אין אַ לאַנגער וועלבונג; אַזוי אַז די טהיר, בשעת זי איז געווען פערמאַכט, האָט זי זיך געפינען סיי פון דער זייט פון טורם, סיי פון דער זייט פונ'ם בריק אין אַ פאָדערהויז פון אַ טיעף פון זעקס ביז זיבען פוס; בשעת זי איז געווען אָפען האָבען זיך די ביידע פעדערהייזער צונויפגעגאָסען און עס איז ענטשטאַנען די וועלבונג פונ'ם איינגאַנג.

אונטער דעם פעדערהויז פון דער זייט פונ'ם בריק האָט זיך אין דער דיק פון דער מויער אויפגעעפענט אַ טהירעל צום קאָרידאָר פון ערשטען שטאָק אונטער דער ביבליאָטעק. דאָס איז געווען פאַר דעם בעלאַגערער נאָך אַ שווערינקייט בייצוקומען. דער קליינער שלאָס אויפ'ן בריק האָט פון דער זייט פונ'ם אויפגעהויבענעם אָרט פאַרגעשטעלט אַ גלייכע וואַנד, און דער בריק איז אויף דעם אָרט געווען אָבגעהאַקט. אַ הענגבריק, צוגעפעסטיגט צו אַ נידריגע טהיר, האָט דעם בריק פעראייניגט מיט דעם אויפגעהויבענעם אָרט און דער דאָזיגער הענגבריק, וועלכער האָט זיך צוליב די הויכקייט פונ'ם אויפגעהויבענעם

אָרט אַראָבגעלאָזט נאָר אין אַ אויסגעבויגענער פלעכע, האָט געפיהרט בעשריבענעם לאַנגען קאָרידאָר, וועלכער האָט געהייסען וואַך-זאַל. האָט זיך דער שונא אַרייַנגעקריגען אין דעם דאָזיגען קאָרידאָר, האָט ער געמוזט, אום צוצוקומען צו דער אייַזערנער טהיר, מיט כח אייַנגעמען די געדרעהטע שטיגען, וועלכע האָבען געפיהרט צום צווייַטען שטאָק.

YI.

די ביבליאָטעק.

וואָס אָנבעלאַנגט דער ביבליאָטעק, איז דאָס געווען אַ לענגליכער זאַל, וועלכער האָט געהאַט די לענג און די ברייט פונ'ם בריק און אַ אייַנציגע טהיר — די אייַזערנע טהיר. אַ בעהאַלטענע טהיר, בעשלאָגען מיט גרינעם טוך, און וועלכע מען האָט געקאָנט עפנען מים אַ שטויס, האָט פערשטעלט פון אינוועניג דעם געוועלבטען אייַנגאַנג פונ'ם טורם. דער מויער פון דער ביבליאָטעק איז פון אויבען ביז אונטען, פון דער פאָדלאָגע ביז צום סופיט, בעדעקט געווען מיט גלאָז-שענק אינ'ם שענעם געשמאַק פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט. זעקס גרויסע פענסטער, דריי אין יעדער זייט, איין איבער יעדען בויגען, האָבען בעליכטען די דאָזיגע ביבליאָטעק. דורך די דאָזיגע פענסטער פון דרויסען און פון דער הויך פונ'ם אויפגעהויבענעם אָרט, האָט מען געקאָנט אַרייַנקוקען אינוועניג.

אין דער דאָזיגער ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אַ געוויסע צאָהל ביכער. איין בוך איז געוועין בעריהמט. דאָס איז געווען אַ אַלטע אויסגאַבע מיט צייַכנונגען, מיט אַ טיטעל אין גרויסע אותיות „הייליגער באַרטלאָמעאוס“, אַ עוואַנגעליום מיט פרושים פון הייליגען באַרטלאָמעאוס. דאָס דאָזיגע בוך, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאַר דעם אייַנציגען איבערגעבליבענעם עקזעמפלאַר, איז געשטאַנען אויף אַ פולט אינמיטען דער ביבליאָטעק. אין לעצטען יאָהרהונדערט איז מען עס געקומען אָנקוקען אויס נייַגיריגקייַט.

VII.

דער שפּייַכלער.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם שפּייַכלער, וועלכער האָט געהאַט אַזוי ווי די ביבליאָטעק די לענגליכע פאָרם פונ'ם בריק, איז דאָס פשוט געווען דער בוידעם. עס איז געווען אַ גרויסע האַלע פול מיט שטרוי און היי און בעלויכטען מיט זעקס מאַנסאַרדעס.

אַזוי אַלזאָ, אַ הויכער און ברייַטער טורם פון זעקס שטאָק, מיט דורכגעהאַקטע דאָ און דאָרט שיסלעכער, מיט איין אייַנציגען אייַנגאַנג און אויסגאַנג. אַ איי-

זײַנע טהיר, וועלכע האָט אַרויסגעפֿירט אויף אַ בריק, פֿערשלאָסען נאָך דורך אַ הענגבריק; אונטער'ן טורם — דער וואַלד; פֿאַר'ן טורם — אַ פֿערוואַקסען אויפגעהויבען אָרט, וואָס איז געווען העכער פֿאַר'ן בריק און נידריגער פֿאַר'ן טורם; אונטער'ן בריק, צווישען טורם און דעם אויפגעהויבענעם אָרט — אַ טיעפֿער גראָבען, שמאָל, פֿול מיט געשטרויך, אַ שטראָם אום ווינטער, אַ טײַכעל אום פֿריהלינג, אַ שטײנערנער גראָבען אום זומער — אָט וואָס איז געווען דער טורם — גאָוועַן, מיט'ן נאָמען לאַ טורג.

VIII.

די זאַקלאַדניקעס.

דער חודש יולי איז פֿאָריבער, אויגוסט איז געקומען, אַ הערליכער און ווילדער הויך האָט אַ בלאָז געטהון איבער פֿראַנקרײַך; צוויי געשפענסטער האָבען זיך בעוויזען אויפ'ן האָריזאָנט: מאַראַט מיט אַ מעסער אין דער זײַט, שאַרלאָטע קאָרדעי אָהן אַ קאָפּ; אַלץ איז געווען פֿירכטערליך. וואָס אנבעלאַנגט וואַנדעע, איז זי אַ געשלאָגענע אין דער גרויסער סטראַטעגיע, אַנטלאָפֿען צו דער קלײנע, און ווי געזאָגט, נאָך אַ שרעקליכערע; דער דאָזיגער קריג איז איצט געווען אײן אונגעהויערער שלאַכט, צעברעקעלט אין די וועלדער; די מפּלה פֿון דער גרויסער אַרמעע, די אַזוי גערופֿענע קאַטוילישע און קעניגליכע, האָט זיך אָנגעהויבען; פֿון אײן זײַט אָבער, האָט זי בעדראָהט לאַ ראָשעל און פֿון דער אַנדערע זײַט, האָט אין די וואַסערן פֿון געֶרנסעי אַ ענגלישער פֿלאָט אונטער די בעפֿעהלען פֿון גענעראַל קרעג, פֿיהרענדיג די בעסטע פֿראַנצויזישע אָפֿיצירען צוזאַמען מיט מעהרערע ענגלישע רעגימענטען, נאָר געוואַרט אויף אַ סיגנאַל פֿונ'ם מאַרקיז דע לאַנטענאַק כדי אַרויסצושטײַגען. דאָס דאָזיגע אַרויסשטײַגען האָט געקאָנט צוריקברענגען אַ נצחון דעם ראָיאַליסטישען אויפשטאַנד. די מלחמה האָט נאָר אויפגעהערט אין אײן פונקט אום זיך אָנצוהויבען אין אַ צווייטען. קײן שום גנאָד! קײן שום געפֿאַנגענע! איז געווען דער רוף פֿון בײדע צדדים. די געשיכטע איז געוועַן פֿול מיט אַ שרעקליכען שאָטען.

אין דעם דאָזיגען חודש אויגוסט איז טורג געווען בעלאַגערט.

און אײנמאָל אין אַ אָווענד, בשעת די שטערן האָבען זיך בעוויזען, אין דער בין השמשות־רוהיגקײט, ווען אינ'ם וואַלד האָט זיך קײן אײן בלאַט ניש בעוועגט און אין פֿעלד האָט קײן אײן גרעזעל נישט געציטערט, האָט זיך דורך דער דאָזיגער שטילקײט פֿון דער אָנקומענדער נאַכט דערהערט אַ קול פֿון אַ טרומײט. דער דאָזיגער קלאַנג איז געקומען פֿונ'ם טורם.

דעם דאָזיגען קול האָט אָבגעענטפֿערט אַ קול פֿון אַ האָרן פֿון אונטען.

אין דער היץ, אויף דעם טורם איז געשטאנען א בעוואפענטער מענש אונטען, אינ׳ם שאטען, האט זיך געפּוּטען א לאגער.

אין דער פינסטערניש, וואס ארום לא טורג—גאווען האט מען קוים אונטערשיידט א מחנה פון שווארצע פיגורען. די דאזיגע מחנה איז געווען א ביוואואק. דא און דארט האבען זיך צווישען די בוימער פונ׳ם וואלד בעוויזען פייערלעך און אין דער פינסטערניש האבען די דאזיגע ליכטיגע פונקטען אויסגעזעהן ווי די ערד וואלט זיך געוואלט אזוי בעדעקען מיט שטערן ווי דער הימעל. חושך׳דיגע שטערן פון דער מלחמה! לא טורג איז געווען בלאקירט.

לויט דעם שטח, וועלכען דער ביוואואק האט פערנומען, האט מען געזעהן, אז די בעלאגערער זענען געווען אין א גרויסער צאהל.

דער לאגער האט ענג בעלעגערט די פעסטונג און איז געקומען פון דער זייט פונ׳ם טורם ביז צום פעלזען און פון דער זייט פונ׳ם צריק ביז צום גראבען.

עס האט זיך דערהערט א צווייטער רוף פונ׳ם טרומייט, אויף וועלכען דער הארן האט א צווייט מאל אבגעענטפערט.

דער טרומייט האט געפרעגט, דער הארן האט געענטפערט.

דער דאזיגער טראמייט האט געפרעגט דעם לאגער: קאן מען מיט אייך רעדען?

און דער דאזיגער הארן, דאס איז תּידער געווען דער לאגער, וועלכער האט געענטפערט: יא.

אין דער דאזיגער צייט, ווען די וואנדערער זענען פונ׳ם קאנווענט נישט אנערקענט געווען אלס קעמפענדער צד און עס איז געווען פערבאטען דורך א דעקרעט צו בייטען זיך מיט די „באנדיטען" מיט פארלאמענטאריער, האט מען ערזעצט מיט וואס פאר א מיטעל מען האט נאר געקאנט די פערבינדונגען, וועלכע דאס אינטערנאציאנאלע רעכט אנערקענט אין א געוועהנליכען קריג, פערבאט אבער אין א בירגער-קריג. דעריבער, האט מען געקאנט ביי א געלעגענהייט זיך ווי עס איז פערשטענדיגען מיט דער הילף פון א פויערישען טרומייט פון איין זייט און מיליטערישען הארן פון דער צווייטער. דער ערשטער רוף איז געווען ארויסצורופען אויפמערקזאמקייט, דער צווייטער רוף האט געשטעלט די פראגע: ווילט איהר הערען? ווען דער הארן האט נאכ׳ן צווייטען רוף געשוויגען, האט עס בעדייט א אבזאג; ווען דער הארן האט צוריקגעענטפערט, האט עס בעדייט א הסכמה און א וואפענשטילשטאנד אויף עטליכע מינוט.

ווען דער הארן האט אבגעענטפערט נאכ׳ן צווייטען רוף, האט דער

מענש, וועלכער איז געשטאנען אין דער הויך אויפ'ן טורם אנגעהויבן צו רעדן און אט וואס מען האט געהערט:

„— מענשען, הערט מיך, איך בין גוש-לע-בריואן, מיט'ן צונאמען בריזבלע, וויל איך האב א סך פון אייערע אומגעברענגט און נאך מיט א צווייטען צונאמען ימאגום, ווייל איך וועל נאכמעהר דער'הרג'ענען ווי איך האב ביז איצט דער'הרג'עט; מען האט מיר אבגעהאקט מיט א שווערד א פינגער בשעת אנ'אטאקע אויף גראנוויל און אין לאוואל האט איהר גיליאטינירט מיין פאטער און מוטער און מיין שוועסטער זשאקלין אין עלטער פון אכצעהן יאהר. אט ווער איך בין.

„איך רעד צו אייך אין נאמען פון זיין דורכלויכט, דעם מארקיז גאוטען דע לאנטענאק, וויקאמט דע פאנטענע, ברעטאנישער פרינץ, בעזיצער פון זיבען וועלדער, מיין הער.

„וויסט-זשע א פריהער אז זיין דורכלויכט דער מארקיז, איידער ער האט זיך פערמאכט אין דעם דאזיגען טורם, וואו איהר האלט איהם בלאקירט, האט פאנאנדערגעטיילט די מלחמה צווישען זעקס קאמאנדירען, זיינע לייטענאנטען: דעליער האט בעקומען די געגענד צווישען דעם וועג צו ברעסט און דעם וועג צו ערנע; טרעטאן — די געגענד צווישע' לא ראע און לאוואל; זשאקע, מיט'ן ביינאמען טאילעפער — די גרענעץ פון האט-מען; גאליע, מיט'ן ביינאמען גראן-פיער — שאטא גאנטיע, לעקאמט — קראאן; פושער האט בעקומען דער הער דיובוא-גיוי, און גאנץ מאיאן — דער הער ראשאמבא; אזוי, אז אפילו אין פאל איהר וועט איינעמען די דאזיגע פעסטונג, וועט זיך פאר אייך נאך גארנישט ענדיגען, און ווען אפילו זיין דורכלויכט דער מארקיז זאל שטארבען וועט וואנדעע גאט'ס און דעם קעניג'ס נישט שטארבען.

„דאס וואס איך זאג, זאלט איהר וויסען, איז בכדי אייך מתרה צו זיין. זיין דורכלויכט איז דא, נעבען מיר. איך בין דאס מויל, דורך וואנען עס עס געהען ארויס זיינע ווערטער. מענשען, וואס איהר בלאקירט אונז, שווייגט שטיל.

אט וואס איז זעהר וויכטיג, אז איהר זאלט הערען:

„פערגעסט נישט, אז די מלחמה, וועלכע איהר פיהרט מיט אונז איז נישט קיין גערעכטע. מיר זענען מענשען, וועלכע בעוואוינען דאס דאזיגע לאנד און קעמפען עהרליך, מיר זענען פשוט'ע און ריינע אונטער גאט'ס השגחה, ווי דאס גראז אונטער דעם טוי. די רעפובליק האט אונז אנגעגריפען; זי איז געקומען אונז שטערען אין אונזערע פעלדער, זי האט פערברענט אונזערע הייזער און אונזער תבואה, זי האט פערניכטעט אונזערע פערמעס, און אונזערע ווייבער און קינדער האבען געמוזט בארפיסע אנטלויפען אין די וועלדער נאך אום ווינטער.

„איהר, וועלכע זענט דאָ און הערט מיך אויס, איהר האָט אונז פֿערפֿאָלגט אינם וואַלד און איהר רינגעלט אונז אַרום אין דעם דאָזיגען טורם; איהר האָט דערהרג׳עט אָדער פֿעריאָגט די דאָזיגע, וועלכע האָבען זיך פֿעראייניגט מיט אונז, איהר האָט האַרמאַטען; איהר האָט פֿערבונדען מיט אייער אָבטהיילונג די גאַרניזאָנען און די פּאָסטענס פֿון מאַרטען, פֿון באַרענטאָן, טעלעל, פֿון לאַנדי ווי, פֿון עווראַן, טענטעניאַק און וויטרע; וואָס הייסט, אַז איהר זענט פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט סאָלדאַטען און איהר אַטאַקירט אונז און מיר זענען ניינצעהן מענשען און מיר פֿערטהיידיגען זיך.

מיר האָבען פּראָוויאַנט און אַמוניציע.

אייך איז געלונגען אונטערצולעגען אַ מינע און אויפֿצורייסען אַ שטיק פֿון אונזער פֿעלזען און אַ שטיק פֿון אונזער מויער.

דאָס האָט געמאַכט אַ לאָך צופּיסענס פֿונ׳ם טורם, און, אין דאָס דאָזיגע לאָך איז אַ איינברוך, דורך וועלכען איהר וועט קענען אַריינגעהן, כאָטש ער איז פֿון אונטען און דער טורם איז גענוג פֿעסט און שטאַרק און שאַפֿט איבער איהם אַ וועלבונג.

איצט גרייט איהר אייך צו אַ שטורם.

און מיר, אַ פֿריהער, זיין דורכלויכט דער מאַרקיז, וועלכער איז פֿירשט פֿון ברעטאַן און וועלטליכער ראש פֿון דער קירכליכע געמיינדע פֿון דער הייליגע מאַריע אין לאַנטענאַק, וואו די קעניגען זשאַן האָט בעגרינדעט יעדען טאָג אָבצוריכטען אַ תּפֿילה, און ווייטער די איבריגע פֿערטהיידיגער פֿונ׳ם טורם, ווי דער גלח טיורמאָ, אין דער מלחמה גראַן־פֿראַנקער, מיין חבר גינואַזאָ, וועלכער איז קאַפּיטאַן פֿון גרינעם לאַגער, מיין חבר שאַנט־אַן־היווער, וועלכער איז קאַפּיטאַן פֿון האָבער לאַגער, מיין חבר לאַ מיוזעט, וועלכער איז קאַפּיטאַן פֿונ׳ם לאַגער פֿון די מוראַשקעס און איך, אַ פּויער, געבוירען אין שטעדטעל דאַאָן, וואו עס פֿליסט דאָס טייכעל מאָריאַנדר, מיר אַלע, מיר האָבען אייך עפּעס וויכטיגעס צו זאָגען.

הערט, איהר, וועלכע זענט אונטען ביים טורם.

מיר האָבען אין אונזערע הענד דריי געפֿאַנגענע, דריי קינדער. די דאָזיגע קינדער זענען אַדאָפּטירט געוואָרען דורך איינעם פֿון אייערע באַטאַליאָנען און זיי זענען, אַלזאָ, אייערע. מיר זענען גרייט אייך אָבצוגעבען די קינדער.

נאָר מיט איין תּנאי.

מיט דעם, אַז מיר וועלען קאָנען אַרויס פֿריי.

ווען איהר בעשטעהט נישט, הערט זיך גוט איין, קאָנט איהר נאָר אַטאַקירען אויף צוויי אופֿנים: דורך דעם איינברוך, פֿון דער זייט פֿון וואַלד, אָדער דורך דעם בריק, פֿון דער זייט פֿון פֿלאַכען בערגעל. די נעבעדע אויפֿ׳ן

בריק האָט דרײַ שטאָק; אינ׳ם אונטערשטען שטאָק האָב איך, אימאַנוס, איך, װעלכער רעדט צו אײַך, געהײַסען אויסקשטעלען זעקס פֿעסער מיט פּעך און הונדערט בינדלעך מיט טרוקענע צװײַגען; אינ׳ם העכסטען שטאָק געפֿינט זיך שטרוי; אינ׳ם מיטעלסטען איז דאָ ביכער און פּאַפּיער; די אײַזערנע טהיר, װעלכע פֿיהרט פֿונ׳ם בריק אינ׳ם טורם, איז פֿערמאַכט, און דער מאַרקיז האָט דעם שליסעל בײַ זיך; איך האָב געמאַכט אונטער דער דאָזיגער טהיר אַ לאָך און דורך דעם לאָך האָב איך אַדורכגעצױגען אַ שװעבעל־קנויט, װאָס אײַנעק געפֿינט זיך אין אַ פֿעסעל פּעך און דער צװײַטער אונטער מײַן האַנד אינווענינג אינ׳ם טורם. איך װעל אונטערצונדען, װען איך װעל געפֿינען פֿאַר נויטיג. װען איהר װעט אונז אַבזאָגען און נישט לאָזען אַרויס, װעלען מיר די דרײַ קינדער אַרײַנזעצען אינ׳ם צװײַטען שטאָק פֿונ׳ם בריק, צװישען דעם שטאָק, װאו עס געפֿינט זיך דער פּעך מיט דעם שװעבעל־קנויט און דעם שטאָק, װאו עס ליגט דאָס שטרוי, און די אײַזערנע טהיר װעט זײַן צו זײַ פֿערמאַכט. װעט איהר אונז אַטאַקירען דורך דעם בריק, װעט איהר אַלײַן האָבען אונטערגעצונדען די געבײַדע; װעט איהר אַטאַקירען דורכ׳ן אײַנבראָך, װעלען מיר דאָס טהון; װעט איהר אונז אַטאַקירען סײַ פֿונ׳ם אײַנבראָך, סײַ פֿונ׳ם בריק, װעט אויסברעכען אַ פֿײַער אויף אײַנמאָל פֿון אײַך און פֿון אונז; און אין אַלע פֿאַלען, װעלען די דרײַ קינדער אומקומען.

איצט בעשטעהט, אָדער בעשטעהט נישט. בעשטעהט איהר, געהען מיר אַרויס. בעשטעהט איהר נישט, שטאַרבען די קינדער. איך האָב געענדיגט.״ —

דער מענש, װעלכער האָט גערעדט פֿון דער הויך פֿון טורם, איז ענטשװיגען געװאָרען.

אַ קול פֿון אונטען האָט אויסגעשריען:

— מיר בעשטעהען נישט.

דאָס דאָזיגע קול איז געװען קורץ און שטרענג. אַ אַנדערע שטים, נישט אַזוי האַרט, אָבער דאָך אַ פֿעסטע, האָט צוגעגעבען:

— מיר גיבען אײַך פֿיער און צװאַנציג שעה, אַז איהר זאָלט אײַך אונטערגעבען.

עס איז געװאָרען שטיל, און די זעלבע שטים האָט װײַטער געזאָגט:

— מאָרגען, אין דערזעלבע שעה, װען איהר גיט אײַך נישט אונטער, אַטאַקירען מיר אײַך.

און די ערשטע שטים האָט צוגעגעבען:

און דאַמאָלס װעט זײַן אָהן רחמנות.

דער דאָזיגער שטרענגער שטים האָט פֿון דער הויך אָבגעענטפֿערט אַ צװײַטע, מען האָט געזעהן צװישען צװײ שיס־לעכער, זיך אַרויסבויגען אַ

היבען סילועט, אין װעלכען מען האט געקאנט, ביים שיין פון די שטערען, דערקענען די שרעקליכע פיגור פונ'ם מארקיז דע לאנטענאק, און די דאזיגע פיגור, װעלכע האט זיך אײנגעקוקט אין דער פינסטערניש, װי זי װאלט עמיץ זוכען, האט אױסגעשריען:

— אהא, דאס ביסטו, גלח!

— יא, דאס בין איך, פערעטער! האט געענטפערט א שטים פון אונטען.

IX.

שרעקליך, װי פערצײטענס.

די אומבערחמנות'דיגע שטים איז װירקליך געװען די שטים פון סימורדען; די יונגערע און װײכערע איז געװען גאװען'ס.

דער מארקיז דע לאנטענאק, דערקענענדיג דעם גלח סימורדען, האט זיך נישט טועה געװען.

אין װײניגע װאכען, איז אין דעם דאזיגען לאגער, װעלכעס האט גע־בלוטיגט פון בירגער־קריג, סימורדען'ס נאמען געװארען בעװאוסט; עס איז שװער געװען צו געפינען א מעהר טרויעריגע בערימטקײט. מען האט זײן נאמען געשענדט פונקט װי מען האט איהם אמאל געאכטעט. ער האט אנ־געװארפען א גרויל. שטרענגע מענשען זענען אונגליקליכע: װער עס זעהט זײערע מעשים, פערמשפט זײ, װער עס װאלט געזעהן זײער געװיסען, װאלט זײ אפשר מוחל געװען. װי עס זאל אבער נישט זײן, זענען די דאזיגע צװײ מענשען, דער מארקיז דע לאנטענאק און דער גלח סימורדען, גלײך געװען געהאסט; די קללות פון די ראיאליסטען אויף סימורדען האבען זיך אויסגעגלײכט מיט די קללות פון די רעפובליקאנער אויף לאנטענאק'ן, יעדער פון די צװײ מענשען איז פאר'ן געגנערישען צד געװען א אונמענש; אזוי װײט איז עס דערגאנגען, אז אין דער צײט װען פריער דע לאמארן אין גראנװיל האט ארויסגעשטעלט א פרײז פאר לאנטענאק'ס קאפ, האט שארעט אין נוארמוטיע געשטעלט א פרײז פאר'ן קאפ פון סימורדען.

מען קאן זאגען, אז די דאזיגע צװײ מענשען, דער מארקיז און דער גלח, זענען ביז צו א געװיסען גראד געװען די זעלבע מענשען די בראנזענע מאסקע פונ'ם בירגער־קריג האט צװײ פראפילען—אײנעם געװענדעט צו דער פערגאנגענהײט אין דעם צװײטען געװענדעט צו דער צוקונפט, נאר בײדע זענען זײ טראגיש. דער ערשטער פון די פראפילען איז לאנטענאק, דער צװײטער—סימורדען; די נפקה מינא איז נאר די, דאס ס'ביטערע פנים פון לאנטענאק'ן איז געװען בעדעקט מיט א שאטען פון דער נאכט, און אויף סימורדענס שטערן האט געשײנט די פריהמארגען־זון.

דערווײַל האָט די בעלאַגערטע לאַ טורג געהאַט אַ טערמין פֿון אַ מעת לעת. אַ דאַנק גאָוועָנ'ס אינטערווענץ, איז מען אײַנגעגאַנגען אויף וואָפֿענשטיל־שטאַנד פֿון פֿיער־און צוואַנציג שעה.

איבעריגענס, האָט אימאַנוס געהאַט גאַנץ ריכטיגע ידיעות און אַ דאַנק סימורדען'ס בעפֿעהלען, האָט גאָוועָן איצט געהאַט אונטער זײַן קאָמאַנדאָ פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט מענשען, סײַ פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, סײַ פֿונ'ם ליניען־מיליטער, מיט וועלכע ער האָט אַרומגערינגעלט לאַנטענאַק'ן אין דער טורג, און איז בכח געווען אַוועקצושטעלען געגען דער פֿעסטונג צוועלף קאַנאָנען, זעקס פֿון דער זײַט פֿונ'ם טורם, בײַם ברעג פֿון וואַלד, אַלס אונטערשטע באַטעריע, און זעקס פֿון דער זײַט פֿונ'ם בריק, אויפֿ'ן אויפֿגעהויבענעם אָרט אַלס אויבערשטע באַטעריע. ער האָט אויך אונטערגעלעגט אַ מינע אין אַ אײַנבּרוך איז געווען אָפֿען צו פֿוסענס פֿונ'ם טורם.

אַזוי, אַז ווי באַלד די פֿיער־און צוואַנציג שעה פֿון וואָפֿענשטילשטאַנד וועלען פֿאַרבײַ, וועט זיך אָנהויבען אַ קאַמף בײַ פֿאָלגענדע בעדינגונגען:

אויף דעם פֿלאַכען אויפֿגעהויבענעם אָרט און אינ'ם וואַלד זענען געווען פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט מענשען.

אינ'ם טורם — נײַנצעהן.

די נעמען פֿון די נײַנצעהן בעלאַגערטע קאָן מען געפֿינען אין דער געשיכטע אין די ליסטעס פֿון די פערזאָנען, געשטעלטע אויסער'ן געזעץ. מיר וועלען זיי נאָך אפשר בעגעגנען.

סימורדען האָט פֿערלאַנגט, אַז גאָוועָן זאָל, צוליב דער אָנפֿיהרונג מיט פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט מענשען, וועלכע זענען געווען כמעט אַנ'אַרמעע, זיך ערלויבען צו מאַכען פֿאַר גענעראַל־אַדיוטאַנט. גאָוועָן האָט אָבער אָבגעזאָגט און צוגעגעבען:

„ווען לאַנטענאַק וועט זיין גענומען, וועט מען דאַמאָלסט זעהן. איך האָב נאָך דערווײַל נישט פֿערדינט".

איבעריגענס האָט עס אין יענער צײַט געהערט צו די רעפּובליקאַנישע מנהגים, אַז אַזאַ וויכטיגע אָנפֿיהרערשאַפֿט זאָל זיך געפֿינען בײַ אָפֿיצירען מיט נידריגע ראַנגען. שפּעטער איז באָנאַפּאַרט געווען גלײַכצײַטיג פֿיהרער פֿון אַ אַרטילעריע־עסקאַדראָן און אָנפֿיהרענדער גענעראַל פֿון דער איטאַליענישער אַרמעע.

דער טורם — גאָוועָן האָט געהאַט אַ מאָדנע גורל: איין גאָוועָן האָט איהם אַטאַקירט, דער צווייטער גאָוועָן האָט איהם פֿערטיידיגט. דעריבער האָט זיך בעמערקט אַ געוויסע אײַנגעהאַלטענקײַט אין דער אַטאַקע, אָבער נישט אין דער פֿערטיידיגונג, ווײַל דער הער דע לאַנטענאַק איז געווען פֿון די מענשען,

וועלכע שוינען גארנישט און איבריגענס האט ער דערהויפט געוואוינט אין ווערמאל און האט געהאט ווייניג פאראורטיילען בנוגע לא טורג, וועלכע ער האט קוים געקאנט. ער איז אהערגעקומען דא זוכען שוץ, נישט האבענדיג, וואו אנדערש — אט איז אלץ; ער וואלט דעם טורם אהן איבריגע ספקות צעשטערט.

נאווען האט זיך בעצויגען מיט מעהר יראת הכבוד.

די שוואכע זייט פון דער פעסטונג איז געווען דער בריק; אבער אין דער ביבליאטעק, וועלכע האט זיך געפינען אויף דער בריק, זענען געלעגען די ארכיוועו פון דער פאמיליע; ווען מען מאכט דא די אטאקע, וואלט א שרפה אויפ'ן בריק געווען אונפערמיידליך; גאווען האט זיך געדאכט, אז פערברענגען די ארכיוועו, הייסט אטאקירען די אבות. אפשר האט זיך דארט אין וועלכען ווינקעל פון שפייכלער אדער פון דער ביבליאטעק געפונען זיין אייגען ווינעל. מאנכע געדאנקען, וועלכע קומען אין קאפ, ריהרען. גאווען, זעהענדיג זיין פאמיליען-הויז, האט זיך געפיהלט געריהרט. דעריבער האט ער געשוינט דעם בריק. עד האט זיך בעגרענצט מיט דעם, וואס ער האט אונמעגליך געמאכט ארויסצוגעהן אדער צו אנטלויפען פון דער זייט און האט אוועקגעשטעלט אנטקעגען בריק א באטעריע. פאר א אטאקע האט ער אויסגעקליבען די אנטקעגענגעזעצטע זייט, דעריבער — די מינע און דער איינברוך צופוסענס פונ'ם טורם.

סימורדען האט איהם נישט געשטערט; ער האט זיך אפילו געמאכט פארוואורפען, ווייל זיין שטרענגקייט האט נערונצעלט די ברעמען, אנקוקענדיג דאס דאזיגע נאטישע אלטווארג און ער האט נישט געוואלט זיך בעציהען מיט מעהר חסד בנוגע געביידעס ווי בנוגע מענשען. שוינען א שלאס — איז געווען א אנהויב פון גרויסמוטיגקייט. און אט די גרויסמוטיגקייט איז געווען גאווענ'ס שוואכע זייט. סימורדען האט, ווי מיר ווייסען, איהם געהיט און איינגעהאלטען איהם אויף דעם דאזיגען שעדליכען, אין זיינע אויגען, אבהאנג. פונדעסטוועגען האט ער אליין — ער האט זיך דאס מודה געווען מיט א מין כעס — געקוקט אויף טורג מיט א געהיימען ציטער; ער האט זיך געפיהלט געריהרט לפנים דעם דאזיגען שטודירצימער, וואו עס האבען זיך געפונען די ערשטע ביכער, וועלכע ער האט געהייסען גאווען לייענען; ער איז דאמאלסט געווען גלח אין דעם דערבייאיגען דארף פארינייע; ער, סימורדען, האט א מאל בעוואוינט דעם אויבערשטען שטאק פון דעם קליינעם בריקשלאס; אין דער דאזיגער ביבליאטעק האט ער דאס נעהאלטען דעם קליינעם גאווען אויף דער שוים און געלערנט איהם דעם אלף-בית; אינווייניג אין די דאזיגע אלטע מויערן האט ער צוגעזעהן ווי זיין געליבטער תלמיד, זיין גייס-

טיגער זוהן, וואקסט־אויס א מאן אין קערפער און אין גייסט. צי וועט ער די דאָזיגע ביבליאָטעק, דעם דאָזיגן קליינעם שלאָס, די מויערן, פול מיט זיינע ברכות אויף דעם קינד, צעשטערן און פערברענען? ער האָט זיי בענגעדיגט, נאָר נישט אָהן געוויסענסביסען.

ער האָט ערלויבט גאָוען אָנצוהויבען די בעלאַגערונג פון דער גענענ־זעצליכער זייט. לא טורג האָט געהאַט איהר ווילדע זייט — דעם טורם — און איהר ציוויליזירטע זייט — די ביבליאָטעק. סימורדען האָט נאָר ערלויבט גאָוען צו מאַכען א איינברוך אין דער ווילדער זייט.

X.

די רעטונג ווערט געפּלאַנט.

די גאַנצע נאַכט האָט מען ביי ביידע צדדים געמאַכט די נויטיגע פּאָרבערייטונגען.

וויבאַלד די טרויעריגע אונטערהאַנדלונג, וועלכע מיר האָבען געהערט, האָט זיך פערענדיגט, איז גאָוען'ס ערשטע זאָרג געוועזען צו רופען זיין לייטענאַנט.

געשאַן, מיט וועמען מען מוז זיך א ביסעל בעקענען, איז געווען א מענש פון צווייטען ראַנג, ערליך, אונערשראָקען, מיטעלמעסיג, א בעסערער סאָלדאַט ווי א אָנפיהרער, פּערשטענדיג ביז צו א פּונקט, וואו עס איז א פליכט נאָר נישט צו פערשטעהן, קיינמאָל נישט נעריהרט, נישט צוגענגליך פאַר וועל־כער נישט איז פערדאָרבענקייט; אונמעגליך איהם אונטערצוקויפען, וואָס פער־דאַרבט דאָס געוויסען, פּונקט ווי אַרויסצורופען ביי איהם רחמנות, וואָס פער־דאַרבט די גערעכטיגקייט. ער האָט געהאַט אויף דער נשמה און אויפ'ן האַר־צען די דאָזיגע צוויי דעקעס, — די דיסציפּלין און דעם בעפעהל, — אַזוי ווי א פערד, וועלכער האָט זיינע צוויי קלאַפּעס אויף די אויגען, און ער איז געגאַנגען פאָראויס אויף דעם שטח, וואָס איז איהם געבליבען פריי. זיין טריט איז געווען א גלייכער, אָבער זיין וועג א שמאָלער.

איבריגענס, א זיכערער מענש; שטרענג אַלס פיהרער, און פּינקטליך גהעאָרכזאַם.

גאָוען האָט זיך לעבהאַפט געווענדט צו געשאַן:

— געשאַן, א לייטער.

— הער קאָמאַנדיר, מיר האָבען נישט.

— מיר מוזען איינעם האָבען.

— צום שטורם?

— ניין, א רעטונגס-לייטער.

געשאן האט זיך פערטראכט און געענטפערט:

— איך פערשטעה, נאר צו דעם, וואס איהר ווילט, דארף מען האָבען א גאנץ הויכען.

— מינדעסטענס אויף דריי שטאָק.

— יאָ, הער קאָמאנדיר, עס איז כמעט אזא הויך.

— און ער מוז איבערשטייגען די הויך, ווייל מיר מוזען זיכער זיין, אז עס וועט אונז געלונגען.

— אָהן צווייפעל.

— ווי קאָן דאס זיין, אז איהר זאָלט נישט האָבען קיין לייטער?

— הער קאָמאנדיר, איהר האט נישט געפונען פאר ריכטיג צו בעלאגערען לאַ טורג פון דער זייט פון דער הויכפלעכע; איהר האט אייך בעגנוגענט צו בלאָקירען פון דער דאָזיגער זייט; איהר האט געוואָלט אטאקירען נישט דורכ'ן בריק, נאר דורכ'ן טורם. מען האט זיך אלזאָ נור בעשעפטיגט מיט דער מינע און נישט געטראכט וועגען קריכען אויף די מויערען. דעריבער האָבען מיר נישט קיין לייטער.

— הייסט גלייך מאכען א לייטער.

— א לייטער פון דריי שטאָק מאכט זיך נישט אזוי שנעל.

— הייסטוזשע עטליכע קורצע צוזאמענקלאפען.

— דארף מען דאך האָבען האָלצע.

— געפינט.

— מען וועט נישט געפינען. אומעטום צעברעכען די פויערים די לייטערס, פונקט ווי זיי צעשטערען די וועגען און צוהאקען די בריקען.

— ס'איז אמת, זיי ווילען פאראליזירען די רעפובליק.

— זיי ווילען, אז מיר זאָלען נישט קענען נישט פיהרען קיין טראנספארטען, נישט אדורכגעהן א טייך און נישט קלעטערן אויף מויערן.

— איך ברויך דאך אָבער פארט א לייטער.

— איך קלער וועגען דעם, הער קאָמאנדיר. אין זשאַווענע, נישט ווייט פון פוזשער איז פארהאן א גרויסער ווארשטאט, וואו מען וואָלט געקאָנט דאס בעקומען.

— מיר האָבען נישט קיין איין מינוט צו פערלירען.

— ווען ווילט איהר האָבען דעם לייטער?

— אמשפעטסטען מאָרגען אין דער צייט.

— איך וועל שיקען א ספעציעלען שליח. ער וועט האָבען א בעפעהל צו רעקווירירען. אין זשאַווענע איז פארהאן א קאַוואַלעריע-פּאָסטען, וועלכער

וועט איהם געבען סאָלדאַטען צו בעגלייטען. דער ליטער וועט קענען דאָ זיין מאָרגען פאַר'ן זונענאונטערגאַנג.

— גוט, דאָס וועט זיין גענוג, האָט געזאָגט גאָווען, נאָר מאַכט עס שנעל, געהט.

אין צעהן מינוט אַרום, איז געשאַן צוריקגעקומען און געזאָגט צו גאָווען:

— הער קאָמאַנדיר, דער שליח איז אַרויסגעשיקט געוואָרען קיין זשאַווענג.

גאָווען איז אַרויפגעשטיגען אויף דער הויכפלעכע און האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אויף דעם שלאָסבריק, וואָס איבער'ן גראָבען. די שפיצפאָרמיגע מויער פונ'ם קליינעם שלאָס, וועלכער האָט אין דער זייט געהאַט נאָר איין גידריגען איינגאַנג, פערשטעלט דורכ'ן אויפגעהויבענעם העננ-בריק, איז געשטאַנען אַנטקעגען דער משופע'דיגער וואַנד פונ'ם גראָבען. אַז מען זאָל קאָנען צוקומען פון דער הויכפלעכע צו די פילאַרען פון אונטער דעם בריק, האָט מען זיך געמוזט אַראָבלאָזען פון דער דאָזיגער משופע'דיגער וואַנד.

— וואָס וואָלט נישט אונמעגליך געווען, אַנהאַלטענדיג זיך אָן די קרושאַקעס. איז מען אָבער געווען אין גראָבען, האָט זיך דער אָנפאַלער אויסגעשטעלט אויף די געפאַהר צו ווערען בעשאָסען פון אַלע דריי שטאָקען. גאָווען האָט זיך לסוף איבערצייגט, אַז אין דער איצטיגער לאַגע, אין וועלכער ביידע צדדים האָבען זיך געפונען, וועט אַמבעסטען זיין צו אַטאַקירען דורכ'ן איינברוך פון טורם.

ער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז עס זאָל אונמעגליך זיין פאַר די בעלאַגערטע צו אַנטלויפען; ער האָט נאָך ענגער געמאַכט די בלאָקאַדע אויף לאַ טורג; ער האָט אַזוי אויסגעשטעלט זיינע באַטאַליאָנען, אַז עס איז נישט מעגליך געווען אַ דורכצולויפען דורך זייערע רייהען. גאָווען און סימורדען האָבען זיך געטיילט מיט דער אַרבייט איינצושליסען די קליינע פעסטונג. גאָווען האָט פאַר זיך איבערגעלאָזט די זייט פונ'ם וואַלד און סימורדען האָט ער געגעבען די זייט פון דער הויכפלעכע. מען האָט אָבגערעדט, אַז בשעת גאָווען, בעגלייט דורך געשאַן, וועט אָנפיהרען מיט דער אַטאַקע דורכ'ן איינברוך, זאָל סימורדען, אָנלאָדענדיג די הויכע באַטעריעס, היטען דעם בריק און דעם גראָבען.

XI

וואָס טהוט דער מאַרקיז?

בשעת אין דרויסען האָט מען אַלץ צוגעגרייט צו אַן'אַטאַקע, האָט מען אינווייניג אַלץ צוגעגרייט צו אַ ווידערשטאַנד.

נישט בחנם רופט מען אָן אַ טורם אַ פאַס, ווייל מען קאָן מאַנכעסמאָל

מיט איין מינע אזא שטויס טון א טורם, ווי א פאס מיט א אייזען. די מויער זעצט זיך ארוים ווי א צאפען. דאסזעלבע איז געשעהען מיט לא טורג.

א שטארקער שטויס פון צוויי אדער דריי צענטנער פולווער האט דורכגעלעכערט די גראבע מויער פונ'ם טורם. דאס דאזיגע לאך האט זיך אנגעהויבען פונ'ם אונטערשטען טייל פונ'ם טורם, האט דורכגעבויערט די וואנד, אין איהר גרעסטער דיקקייט ביז צום פארטער פון דער פעסטונג און זיך פארענדיג מיט א פארמלאזען בויגען. און בכדי די עפנונג זאל זיין בעקוועם ביים שטורם, האבען די בעלאגערער פון דרויסען זי נאך פערגרע־סערט און אויסגעגלייכט מיט קאנאנען־קוילען.

דער פארטער, וואו עס איז אריינגעדרונגען דער דאזיגער דורכברוך, איז געווען א קיילעכדיגער, גרויסער און פוסטער זאל, אינמיטען האט זיך געפונען א זייל, וועלכער האט אונטערגעהאלטען די וועלבונג. דער דאזיגער זאל, וועלכער איז געווען דער ברייטסטער פונ'ם גאנצען שלאס האט גע־האט ווענינגסטענס פערציג פוס אין דיאמעטר. יעדערער פון די שטאקען פונ'ם טורם איז בעשטאנען פון אזוי א צימער, נאר ווייניגער ברייט מיט ברייטע צוגאנגען צו די שיסלעכער. דער פארטער־זאל האט נישט געהאט נישט קיין שיכלעכער, נישט קיין לופטלעכער נישט קיין פענסטער, פונקט אזוי פיעל ליכט און לופט, ווי אין א קבר.

די טיר צו דער תפיסה, וועלכע איז בעשטאנען מעהר פון אייזען ווי פון האלץ, האט זיך געפונען אין פארטער־זאל. א אנדערע טיר אין דעם דאזיגען זאל איז ארוים אויף שטיגען, וועלכע האבען געפיהרט צו די אוי־בערשטע צימער'ן. אלע שטיגען האבען זיך געפונען אין דער דיקייט פון דער מויער.

אין דעמדאזיגען אונטערשטען זאל האבען די בעלאגערער געהאפט אריינצוקומען דורך דעם דורכברוך, וועלכען זיי האבען געמאכט. נעהמען זיי איין דעם דאזיגען זאל, בלייבט זיי נאך צו נעהמען דעם טורם.

עס איז נישט געווען צו אטעמען אין דעם דאזיגען אונטערשטען זאל. קיין מענש וואלט נישט געקאנט פערברענגען פיער און צוואנציג שעה און נישט דערשטיקט ווערען. איצט, א דאנק דעם דורכברוך, איז מעג־ליך געווען דארט צו לעבען.

דעריבער האבען די בעלאגערטע נישט פארמאכט דעם דורכברוך.

איבריגענס, צו וואס וואלט עס גענוצט? דער קאנאן וואלט איהם צוריק אויפגעמאכט.

זיי האבען אריינגעהאקט אין דער מויער א אייזערנעם שטורקאצהאלטער, אריינגעשטעלט דארט א שטורקאץ, און בעלויכטען דעם פארטער.

איצט, ווי פערטהיידיגט מען זיך דא?

פארמויערען דאס לאך איז געווען לייכט, אבער אומנוצליך, בעסער איז געוועזן זיך צו פערשאנצען, צו מאכען א באריקאדע, וועלכע וועט ניט שטערען צו שיסען פייער פון אלע זייטען אויף די אנגרייפער, איבערלאזענדיג פון דרויסען דעם דורכבּרוך אָפען און פון אינעווייניג פערמאכט. עס האט זיי ניט געפעהלט קיין מאטעריאלען, זיי האבען געמאכט א פערשאנצונג מיט קליינע לעכער פאר ביקסען. דער ווינקעל פון דער פערשאנצונג האט זיך אנגעשפארט אויף דער זייל פון מיטען צימער. די ביידע פליגעל האבען בעריהרט די וואנד פון ביידע זייטען. און אין פאסענדע ערטער האבען זיי אוועקגעלעגט פלאטערמינעס.

דער מארקיז האט מיט אלעמען אנגעפיהרט און געוועלטיגט — א פורכטבּארער גייסט.

לאנטענאק האט געהערט צו דער ראסע קריגסלייט פון אכצעהנטען יאהרהונדערט, וועלכע ראטעווען ביי אכציג יאהר שטעדט. ער איז עהנליך געווען צו יענעם גראף ד'אלבערג, א זקן פון כמעט הונדערט יאהר, וועלכער האט ארויסגעטריבען פון ריגא דעם קעניג פון פוילען.

— מוט, פריינד! האט דער מארקיז זיי גע'חזרט; אין אנהויב פון דעם יאהרהונדערט, און 1713, האט אין בענדער קארל XII, פערשליסענדיג זיך אין א הויז מיט דריי הונדערט שוועדען, זיך געהאלטען אנטקעגען צוואנציג טויזענד טערקען.

מען האט באריקאדירט די ביידע אונטערשטע שטאקען, מען האט בעפעסטיגט די צימער, אויסגעהאקט אין די אלקערם שיסלעכער; אונטערגעשפארט די טהירען מיט באלקענס; מען האט אבער געמוזט לאזען פריי די געדרעהטע שטיגען וועלכע האבען פערבונדען אלע שטאקען בכדי זיך צו קענען פריי בעוועגען; פערשפארען זיי פאר די בעלאגערער, וואלט מען זיי פערשפארט אויך פאר די בעלאגערטע, די פערטהיידיגונג פון פעסטונגען האט שטענדיג איהרע שוואכע זייטען.

דער מארקיז, אונערמידליך און געזונד ווי א יונגערמאן, אויפהויבענדיג באלקענס, טראגענדיג שטיינער, האט געגעבען א ביישפיל, האט צו אלעם צוגעלעגט זיין האנד, בעפוילען, געהאלפען, זיך געברידערט, געלאכט מיט דער דאזיגער רויהע חברה, און דאך שטענדיג דער פריץ, הויך, פאמיליער, עלעגאנט, שטרענג.

מען האט ניט געטארט איהם ווידערשפרעכען, ניט מסכים זיין מיט איהם. ער פלעגט זאגען: „ווען א העלפט פון אייך וואלט זיך צעבונטעוועט, וואלט איך זיי געהייסען אויסשיסען דורך די צווייטע העלפט און איך וואלט

מיִך פֿערטײדיִגט מיִט דיִ איִבּריִגעֿ״. אַזעלכֿע ווערטער וויִרקען, אַז מען זאָל דעם פֿיהרער פֿערגעטערן.

XII.

וואָס טהוט דער איִמאַנוס?

בשעת דער מאַרקיִז האָט זיִך בּעשעפֿטיִגט מיִט'ן דורכֿבּרוך און מיִט'ן טורם, האָט דער איִמאַנוס זיִך בּעשעפֿטיִגט מיִט'ן בּריִק. בּאַלד איִן אָנהויבּ פֿון דער בּעלאַגערונג, האָט מען דיִ רעטונגס-לײטער, וועלכֿע איִז געהאָנגען איִן דרויסען איִן דער בּרײט פֿון דער וואַנד, אונטער דיִ פֿענסטער פֿון צווײטען שטאָק, לויט אַ בּעפֿעהל פֿון מאַרקיִז אַרײנגענומען און איִמאַנוס האָט זיִ אַוועקגעשטעלט איִן בּיִבּליאָטעק-זאַל. מעגליִך, אַז דיִ דאָזיִגע לײטער האָט געוועזען פֿערבּײטען מיִט אַ צווײטע, דיִ פֿענסטער פֿון ערשטען שטאָק זענען געוועזען פֿערשטעלט מיִט אַ דרײפֿאַכֿיִגע רײהע פֿון אײזערנע שטאַנגען, אַרײנגעהאַקט איִן דיִ שטײנערנע וואַנד און דורך דאַנען האָט מען ניִשט געקאָנט ניִשט אַרײן—און ניִשט אַרויס-געהען.

דיִ פֿענסטער פֿון דער בּיִבּליאָטעק זענען ניִשט געוועזען פֿערזעהען מיִט אײזערנע גראַטעס, זײ האָבּען זיִך אָבּער געפֿונען זעהר הויך.

איִמאַנוס'ן האָבּען בּעגלײט דרײ מענשען, וועלכֿע, זענען, פּונקט ווי ער, פֿעהיִג און ענטשלאָסען געוועזען צו אַלעם. דאָס זענען געוועזען: הואַנאַר, מיִט'ן ציִנאָמען „גאָלדענער צווײג״ און דיִ צוויי בּריִדער „האָלצערנע פּיִקעס״ דער איִמאַנוס האָט גענומען אַ פֿערשטעלטען לאַמטער'ן, האָט אויפֿגעעפֿענט דיִ אײזערנע טהיִר און אויפֿמערקזאַם דורכֿגעקוקט דיִ דרײ שטאָקען פֿון בּריִק-שלאָס. הואַנאַר „גאָלדענער צווייג״ איִז געוועזען פּונקט אַזוי אומבּערחמנות'דיִג ווי איִמאַנוס, ווײל דיִ רעפּובּליִקאַנער האָבּען דער'הרג'עט זײנעם אַ בּרודער.

דער איִמאַנוס האָט אַרומגעקוקט דעם אויבּערשטען שטאָק, וועלכֿער איִז איִבּערפֿיִלט מיִט הײ און שטרוי און דעם אונטערשטען שטאָק, וואו ער האָט געהײסען אַרײנבּרענגען עטליִכֿע פֿײערטעפּ און אַרײנגעלעגט איִן דיִ פֿעסלעך מיִט פּעך; בּײ דיִ דאָזיִגע פֿעסלעך מיִט פּעך האָט ער געהײסען אויסלעגען בּיִנטלעך מיִט טרוקענע צווײגען און האָט נאָכֿגעזעהען, צו דער שוועבּעל-קנויט, וואָס אײן עק האָט זיִך געפֿונען איִנ'ם בּריִק און דער צווײטער איִנ'ם טורם, איִז איִן אַ גוטען צושטאַנד. ער האָט אויסגעגאָסען אויף דער פּאָדלאָגע, אונטער דיִ פֿעסלעך און דיִ בּיִנטלעך צווײגען, פּעך, וואו ער האָט אײנגעטונקט אַ עק פֿונ'ם שוועבּעל-קנויט; דערנאָך האָט ער געהײסען אַריִבּערטראָגען איִנ'ם בּיִבּליאָטעק-זאַל, צוויִשען דעם פּאַרטער פֿול מיִט פּעך און דעם בּוידעם מיִט שטרוי, דיִ דרײ וויִגעלעך, וואו עס זענען

געלעגען פערזינקען אין א טיפען שלאף רענע-זשאן, גראס-אלען און זשארושעט, מען האט שטילינקערהייט אריינגעטראגען די ווינגלעך, מען זאל די קינדער נישט אויפוועקען.

דאס זענען געווען פשוטע דארפישע מילטערלעך, אייגענטליך געפלאכטענע קוישעלעך, זעהר נידריגע, וועלכע מען שטעלט אויף דער ערד, בכדי די קינדער זאלען אליין אהן הילף ארויסגעהן. נעבען יעדען ווינגעל האט דער אימאנום געהייסען אוועקשטעלען א שיסעלע מיט זופ מיט א הילצערנעם לעפעל. די רעטונגס-לייטער, וועלכע מען האט אראבגענומען פון די האקעס, האט מען אנידערגעלעגט אויף דער פאדלאגע נעבען דער וואנד, און ביי דער צווייטער וואנד האט דער אימאנום געהייסען אוועקשטעלען די דריי ווינגעלעך לענג-אויס, איינס נאך ס'אנדערע. דערנאך, קלערענדיג, אז א צוגווינד וועט אויף צוניץ קומען, האט ער אויפגעעפענט אלע זעקס פענסטער פון דער ביבליאטעק. עס איז געווען א זומערדיגע בלאהע און ווארימע נאכט.

ער האט געשיקט די ברידער „הילצערנע פיקעס" אויפעפענען די פענסטער פונ'ם אינטערשטען און פונ'ם אויבערשטען שטאק. ער האט בעמערקט אויפ'ן מזרח-פאסאד פון דער געביידע א גרויסע און פערטריקענטע נעץ פון קריכעדיגע פלאנצען, וועלכער האט פון אויבען ביז אונטען בעדעקט א גאנצע זייט פונ'ם בריק און איינגערעמט די פענסטער פון די דריי שטאקען, ער האט געטראכט אז אויך קריכעדיגע פלאנצען קענען אמאל נישט שאדען. דער אימאנום האט אויף אלץ געווארפען א לעצטען בליק און דערנאך זענען די פיער מענער ארויס פון קליינעם שלאס און אריין אין טורם. דער אימאנום האט הינטער זיך פערשלאסען די שווערע אייזערנע טהיר, ער האט אויפמערקזאם בעטראכט דעם גרויסען און שרעקליכען שלאס און מיט צופרידענהייט א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ, זעהענדיג דעם שוועבעל-קנויט, וועלכע איז דורכגעגאנגען דאס לאך, וואס ער האט געמאכט, און איז איצט געווען די איינציגע פערבינדונג צווישען דעם טורם און דעם בריק. דער דאזיגער קנויט איז ארויס פון קיילעכיגען צימער, זיך געצויגען אונטער די אייזערנע טהיר איבער די וועלבונג, זיך אראבגעלאזט פון די שטיגען פון בריק-פארטער, זיך געשלענגעלט אויף די געדרעהטע שטיגען, דורכגעקראכען ביז דער פארלאגע פון אונטערשטען שטאק און מיט זיין עק צוגעקומען צו דער אויסגעגאסענער סמאלע און צו די טריקענע בינטלעך צווייגען. דער אימאנום האט אויסגערעכענט, אז מען דארף קרוב פון א פערטיל שעה, אז די דאזיגע קנויט, אונטערגעצונדען אינוועניג אינ'ם טורם, זאל צופיהרען דאס פייער ביז צו דער אויסגעגאסענער סמאלע אונטער דער ביבליאטעק. ווען ער האט די אלע פארברייטונגען פערענדיגט און ווי געהעריג זיך ארומגעקוקט האט ער

צוריקגעבראכט דעם שליסעל דעם מארקיז דע לאנטענאק, וועלכער האט איהם ארײנגעלעגט אין זײן טאש.

עס איז געװען זעהר וויכטיג נאכצוגעהן אלע בעװעגונגען פון די בעלאגערער. ער האט זיך געשטעלט אויף דער וואך אין דעם וואכטשטיבעל, וואס אין דער הויך פון'ם טורם. בעטראכטענדיג אלץ ארום, ווארפענדיג א אויג דא אויפ'ן וואלד, דא אויף די הויכפלעכע האט ער געהאט נעבען זיך א כלי, מיט פולווער, א לײנוואנטענעם זאק פול מיט קוילען און אלטע צײטונגען פון וועלכע ער האט געמאכט פאטראנען.

ווען די זון אין אויפגעגאנגען, האט זי בעלויכטען אינ'ם וואלד אכט באטאליאנען מיט שווערדען בײ דער זײט, פאטראנטאשען אויף די פלײצעס, באגנעטען אויף די ביקסען, גרײט צום שטורם; אויף דער הויכפלעכע א קאנאנען-באטעריע מיט קאסטענס, וואו עס זענען געלעגען הארמאטען-קוילען און קעסטלעך מיט פאטראנען; אין דער פעסטונג נײנצעהן מענשען, וועלכע האבען אנגעלאדען ביקסען און פיסטאלעטען און אין די דרײ וויגלעך—דרײ אײנגעשלאפענע קינדער

דריטעס בוך.

די שחיטה פון היײליגען בארטאלאמעאוס.

I,

די שחיטה פון היײליגען בארטאלאמעאוס.

די קינדער האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף.
א פריהער די קלײנע.

ווען קינדער וועקען זיך אויף פון שלאף, איז אזוי ווי בלומען וואלטען זיך געעפענט; עס קומט-אוים ווי פון די דאזיגע פרישע נשמות וועהט מיט שמעקעדיגע ריחות.

זשארזשעט, די, וועלכע איז אלט געװען צוואנציג חדשים, די יונגסטע פון די דרײ, און האט נאך אין מאי געזויגען, האט אויפגעהויבען איהר קלײנעם קאפ, האט זיך אויפגעזעצט אויף איהר געלעגער, בעקוקט זיך די פיסלעך און אנגעהויבען צו פלוידערן.

א שטראהל פון פריהמארגען איז געפאלען אויף איהר וויגעל; עס וואלט געװען שווער צו זאגען, ווער איז געװען מעהר ראזיג; זשארזשעט'ס פיסעל אדער די פריהמארגען-זון.

די אנדערע צווײ האבען נאך געשלאפען; די מענער זענען שטענדיג

שוואַרץ; זשאַרזשעט אַ פֿריילעכע און רוהיגע, האָט געפּלאַפּלט,

רענע־זשאַן איז געווען ברוין, גראָס־אַלען איז געווען שאַטין, זשאַרזשעט איז געווען בלאָנד. די דאָזיגע שאַטירונגען פֿון די האָר, בײַטען זיך בײַ קינדער שפּעטער זעהר אָפֿט. רענע־זשאַן האָט אויסגעזעהן ווי אַ קלײנער הערקולעס: ער איז געשלאָפֿען אויפ'ן בויך מיט זײַנע צווײַ פֿויסטען אויף די אויגען; גראָס־אַלען האָט געהאַט זײַנע צווײַ פֿיסלעך אַריבערגעוואָרפֿען איבער'ן ווינקעל.

אַלע דרײַ זענען געווען אָנגעטהון אין שמאַטעס, די קלײדער, וואָס דער באַטאַליאָן פֿון רויטען־היטעל האָט זײַ געגעבען, זענען שוין לאַנג געווען אָבגעטראָגען; דאָס וואָס זײַ האָבען געהאַט אויף זיך, איז אַפֿילו נישט געווען קײן העמד: די בײדע יונגלעך זענען געגאַנגען כמעט נאַקעט; זשאַרזשעט איז געווען אײַנגעהילט אין לומפּען, וועלכע זענען אַפֿילו געווען אַ קלײד און ס'איז פֿון דעם געבליבען אַ שמאָל קאַפּטאַניקעל. ווער האָט זיך געזאָרגט פֿאַר די קינדער? עס וואָלט שווער געווען צו ענטפֿערן. אָהן אַ מוטער. די דאָזיגע ווילדע קעמפֿענדע פּויערים, וועלכע האָבען זײַ מיט זיך מיטגעשלעפּט פֿון וואַלד צו וואַלד, האָבען זײַ געגעבען אַ ביסעל פֿון זײער זופּ. אָט איז אַלץ. דאָס קלײנוואַרג האָט זיך געהאַלפֿען ווי עס האָט געקאָנט. די גאַנצע וועלט איז געווען זײער הער, אָבער קײנער איז נישט געווען קײן פֿאָטער. נאָר פֿון אונטער די קינדערשע ליפּען שטראַהלט־אַרוים אַ ליכט. זײַ זענען געווען שעניקע.

זשאַרזשעט האָט געפּלאַפּלט. דאָס וואָס אַ פֿויגעל זינגט, דאָס פּלאַפּלט אַ קינד, עס איז דיזעלבע שירה, אַ אונדײַטליכע, אַ שטאַמעלנדע, אַ טיפֿע שירה. דאָס קינד האָט פֿאַר זיך מעהר ווי אַ פֿויגעלע — עס האָט דעם שווערען מענשליכען גורל. פֿון דעם שטאַמט דאָס בײַ די מענשען דער טרויער געמישט מיט פֿרײד, ווען זײַ האָרכען זיך אײַן דאָס געזאַנג פֿון אַ קינד. דאָס העכסטע ליעד, וואָס מען קען נאָר אויף דער ערד הערען, איז דאָס שטאַמלען פֿון אַ מענשליכע נשמה אויף קינדערשע ליפּען. דאָס דאָזיגע אונדײַטליכע שעפּטשען פֿון אַ געדאַנק, וואָס איז נאָר אַ אינסטינקט, ענטהאַלט אין זיך עפּעס אַ בעוואוסטלאָזע ווענדונג צו דער אײביגער גערעכטיגקײט; אפשר איז דאָס אַ פּראָטעסט אויף דער שוועל, אײדער מען געהט אַרײַן; אַ אונטערטעניגער און פּײַנליכער פּראָטעסט: די דאָזיגע אונוויסענהײט, שמײכלענדיג צו דער אונענדליכקײט, פֿערשעמט די גאַנצע שעפּפֿונג פֿאַר דעם גורל, וועלכער ווערט צוגעגרײט דעם שוואַכען און געוועהרלאָזען וועזען. אויב עס קומט אַ אומגליק, וועט עס זײַן, אַז צוטרוי איז אָבגענאַרט.

דאָס מורמלען פֿון אַ קינד, דאָס איז צוגלײַך מעהר און וועניגער

פֿונ׳ם מענשליכען וואָרט; עס איז נישט קיין נאָמען און דאָך איז עס געזאַנג; עס זענען נישט קיין זילבען און דאָך איז עס אַ שפּראַך; דאָס דאָזיגע מורמלען האָט געהאַט זיין אָנהויב אין הימעל און עס וועט נישט האָבען זיין סוף אויף דער ערד; עס שטאַמט נאָך פֿון פֿאַר׳ן געבורט און עס ציהט זיך אונאויפֿהערליך. דאָס דאָזיגע שטאַמלען בעשטעהט פֿון דעם, וואָס דאָס קינד האָט געזאָגט בשעת עס איז געווען אַ מלאך׳ל און פֿון דעם, וואָס עס וועט זאָגען, ווען עס וועט אויפֿוואַקסען אַ מענש; דאָס ווינעל האָט אַ נעכטען, פּונקט ווי דער קבר האָט אַ מאָרגען; דער דאָזיגער מאָרגען און דער דאָזיגער נעכטען ענטהאַלטען אין דעם דאָזיגען אונגעוויסענדען שטאַמלען אַ דאָפּעלט אונבעוואוסטעס: און קיין שום זאַך איבערציינט נישט אַזוי וועגען גאָט, אייביגקייט, פֿעראַנטוואָרטליכקייט, צווייאיגקייט פֿונ׳ם גורל, ווי דער דאָזיגער דראָהענדער שאָטען אין דער דאָזיגער ראָזע נשמה.

דאָס וואָס זשאָרזשעט האָט געפּלוידערט האָט זי גאָרנישט בעטריבט, ווייל דאָס גאַנצע שענע פּנימ׳ל איהר׳ס איז געווען איין שמייכעל. דאָס מייעלעכ׳ל האָט געשמייכעל׳ט, די חן־גריבעלעך אויף די בעקלעך האָבען געשמייכעלט. דער דאָזיגער שמייכעל איז געווען ווי אַ סודות׳דיגע הסכמה פֿאַר דעם פֿריהמאָרגען, די נשמה האָט צוטרוי צום שטראַהל.

דער הימעל איז געווען בלאָה, עס איז געווען וואַרים, עס איז געווען שעהן. דאָס שוואַכע בעשעפֿעניש, גאָרנישט ווייסענדיג, גאָרנישט קענענדיג, גאָרנישט פֿערשטעהענדיג, איינגאַנצען איינגעטונקען אין אַ חלום, וועלכער טראַכט נישט, האָט זיך געפֿיהלט זיכער אין דער דאָזיגער נאַטור, לפֿנים די עהרליכע בוימער, דעם אויפֿריכטיגען גרינס, דעם רוהיגען און ריינעם פֿעלד, דעם רויש פֿון נעסטען, קוואַלען, פֿליגעלעך, בלעטער און די אונגעהויערע אונשולד פֿון דער זון, וועלכע האָט געלויכטען איבער דעם אַלעם.

נאָך זשאָרזשעט האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף רענע־זשאַן, דער עלטערער פֿון די יונגלעך, דער גרויסער, וועלכער איז אַלט געווען פֿיער יאָהר. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, מעשה טאַנספֿערשוין אַריבערגעשפּריינט דאָס ווינעל, בעמערקט זיין טעלער, ער האָט עס אָנערקענט פֿאַר זעהר פּשוט, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבען צו עסען זיין זופּ.

דאָס פּלוידערן פֿון זשאָרזשעט האָט נישט אויפֿגעוועקט גראָס־אַלען, נאָר אויפֿ׳ן גערויש פֿונ׳ם לעפֿעל אין טעלער האָט ער זיך איבערגעדרעהט אויף דער צווייטער זייט און אויפֿגעעפֿענט די אויגען. גראָס־אַלען איז געווען דער פֿון דריי יאָהר. ער האָט געזעהן זיין טעלער, ער האָט נאָר בעדאַרפֿט די האַנד אויסצושטרעקען, ער האָט איהם גענומען, און נישט אַרויסקריכענ־

דיג פון זײַן געלענער, אװעקגעשטעלט אויף די קניה, אָנגענומען אין די פױסט זײַן לעפּעל און נאָכגעטהון רענע-זשאַן.

זשאַרזשעט האָט זי נישט געהערט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בריוונגען פון איהר שטימע האָבען מעלאָדיש געזונגען דאָס װיגען זיך פון אַ חלום. איהרע גרױסע אָפענע אױגען האָבען זיך פערקוקט אין דער הױך, און זענען געװען געטליך; װאָס אַ קינד זאָל נישט האָבען איבער זײַן קעפּיל אַ פּולאָפּ אָדער אַ װעלבונג, אין זײַנע אױגען שפּיגעלט זיך תמיד אָב דער הימעל.

װען רענע-זשאַן האָט געענדיגט, האָט ער אױסגעקראַצט דעם טעלער מיט'ן לעפעל, אָבגעזיפצט און געזאָגט מיט װירדע:

— איך האָב אױפגעגעסען מײַן זופּ. דאָס האָט אַרױסגעריסען זשאַרזשעט פון איהרע חלומות.

— פּופּ פּופּ, האָט זי געזאָגט.

און זעהענדיג, אַז רענע-זשאַן האָט אױפגעגעסען און גראָס-אַלען עסט, האָט זי גענומען דעם טעלער מיט זופּ, װאָס איז געשטאַנען בײַ איהר זײַט און געגעסען, טראָגענדיג אָפטער איהר לעפעל צום אויער װי צום מױל.

פון צײַט צו צײַט האָט זי זיך אָבגעזאָגט פון דער ציװיליזאַציע און געגעסען מיט די פינגער.

גראָס-אַלען, אַרומקראַצענדיג, װי זײַן ברודער, דעם טעלער, איז אָראָבגעקראָכען פון געלענער און זײ האָבען זיך בײדע געלאָזט לױפען.

II.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אין דרױסען אונטען, פון דער זײַט פון װאַלד, אַ געריוש פון אַ האָרן, אַ מין שטאָלצער און שטרענגער שופר. אויף דעם קלאַנג פונ'ם האָרן האָט אָבגעענטפערט פונ'ם שפּיצטורם אַ קלאַנג פון אַ טראָמפּײט.

דאָסמאָל האָט דער האָרן גערופען און די טראָמפּײט האָט געגעבען אַ ענטפער.

עס האָט זיך דערהערט אַ צװײטער רוף פונ'ם האָרן און נאָך איהם אַ צװײטער קלאַנג פון טראָמפּײט.

דערנאָך האָט זיך פונ'ם ראַנד פון װאַלד אױפגעהױבען אַ װײטע, נאָר אַ קלאָרע שטים, װעלכע האָט דײַטליך אױסגעשריען:

— גזלנים! איך פאָדער אײַך אויף. אויב איהר גיט אײַך נישט אונטער ביז זון-אונטערגאַנג, אַטאַקירען מיר אײַך.

אַ קול, װאָס איז ענליך געװען צו אַ דונער, האָט אָבגעענטפערט פונ'ם טורם.

— אַטאַקירט.

— אַ קאַנאָנען־שאָס, האָט ווײַטער געדערט די שטים פון אונטען, וועט זײַן די לעצטע התראה, אַ האַלבע שעה פאַר׳ן שטורם.

— אַטאַקירט. האָט איבערגע׳חזר׳ט די שטים פון אויבען.

די דאָזיגע שטימען האָבען נישט דערגרייכט צו די קינדער, נאָר דער האָרן און די טראָמפּייט האָבען זיך געהערט העכער און ווײַטער, און זשאַר־זשעט האָט בײַם ערשטען קלאַנג פון האָרן אויסגעצויגען דאָס העלזעל און אויפגעהערט צו עסען; אויף׳ן קלאַנג פון טראָמפּייט האָט זי אַוועקגעלעגט אין טעלער דעם לעפעל; בײַם צווייטען רוף פון האָרן האָט זי אויפגעהויבען איהר קליין ציינפינגעריל פון׳ם רעכטען הענטיל, דאָ אויפהויבענדיג עס און דאָ אַראָבלאָזענדיג עס נאָך דער רייהע, האָט זי בעצייכענט די טאַקטען פון׳ם שופר, וואָס האָבען זיך פערלענגערט מיט׳ן צווייטען קלאַנג פון׳ם טראָמפּייט. ווען דער האָרן און דער טראָמפּייט זענען ענטשוויגען געוואָרען, איז זי געבליבען פערטראַכט מיט אַ פינגעריל אין דער לופטען, מורמלענדיג אין דער שטיל:

— מיזיק.

מיר מיינען, אַז זי האָט געוואָלט זאָגען „מוזיק".

די צוויי עלטערע, רענע־זשאַן און גראָס־אַלען, האָבען נישט געלענט קײן אַכט אויף דעם טראָמפּייט און דעם האָרן; זיי זענען געווען פערטהון מיט עפּעס אַנדערש; אַ וואָרם האָט שפּאַצירט איבער די ביבליאָטעק.

גראָס־אַלען האָט איהם בעמערקט און אויסגעשריגען:

— אַ חיה.

רענע־זשאַן איז צוגעלאָפען.

— עס שטעכט, האָט גראָס־אַלען ווײַטער גע׳טענה׳ט.

— טוה איהם נישט קיין שלעכטס, האָט געזאָגט רענע־זשאַן.

און בײדע האָבען בעטראַכט דעם דאָזיגען דורכגעהער.

דערווײַל האָט זשאָרזשעט פערענדיגט איהר זופּ; זי האָט געזוכט מיט די אויגען איהרע ברידער. רענע־זשאַן און גראָס־אַלען זענען געשטאַנען שטרענגע אין אַ פערטיעפונג פון אַ פענסטער און זיך אריבערגעבויגען איבער אַ וואָרם; זיי האָבען זיך בעריהרט מיט די שטערענס און צוזאַמענגעמישט די האָר; זיי האָבען אײַנגעהאַלטען דעם אָטעם ענטציקטע און בעטראַכט די חיה, וועלכע איז געבליבען שטעהן און זיך נישט געריהרט פון אָרט, נישט שטאַרק צופרידען פון אַזוי פיעל ענטציקונג.

זשאָרזשעט, זעהענדיג איהרע ברידער פערזונקען איבער עפּעס, האָט געוואָלט וויסען, וואָס דאָס איז אַזוינס. עס איז נישט געווען אַזוי לײַכט צו

זיי צוצוקומען, זי האט זיך פונדעסטוועגען אונטערגענומען. דער דורכגאנג איז געווען פול מיט שוועריגקייטען; אויף דער ערד זענען געלעגען זאכען: אומגעדרעהטע בענקלעך, שטיסען מיט אלט פאפיר, אויפגעעפענטע און לעדיגע קאסטענס, קופערס, אנגעלעגטע הויפענס, וועלכע מען האט בעדארפט אויסמיידען, א גאנצער ארכיפעלאג מיט פעלזען. די ערשטע ארבייט איז געווען ארויסצוגעהן פון וויגעל; דערנאך האט זי זיך אריינגעלאזט צווישען די פעלזען, זיך געשלענגעלט דורך די ענגפאסען, אוועקגעשטויסען א בענקעל, געקראכען צווישען צוויי קאפערס, אריבערגעקראכען איבער א הויפען פאפיר, קלעטערנדיג פון איין זייט און איבערדרעהענדיג זיך פון דער צווייטער, אויפדעקענדיג איהר ארים, קליין און נאקעט גופ'ל, און איז ענדליך צוגעקומען צו דעם, וואס די מאטראסען רופען אין דער פרייער ים, ד. ה. א גענוג ברייטער שטח אויף דער פארלאגע, וואו עס איז גארנישט געלעגען און עס איז מעהר נישט געווען קיין געפאהר; זי האט זיך ריהרעוודיג א לאז-געטהון, דורכגעגאנגען דעם שטח, וועלכער איז געווען דער גאנצער דיאמעטער פונ'ם זאל, אויף אלע פיער מיט א געשווינדקייט פון א קאץ און איז צוגעקומען צום פענסטער; דא האט זי אנגעטראפען אויף א שרעקליכע שטערונג: די גרויסע לייטער, ליגענדיג ביי דער גאנצער לענג פון דער וואנד, האט אנגעשפארט אין דעם דאזיגען פענסטער, און דער עק פון לייטער האט א ביסעל איבערגעשטיגען דעם ווינקעל פון דער פערטיעפונג; צווישען זשארזשעט און איהרע ברידער האט זיך אזוי ארום בעשאפען א לאנדשפיץ, וועלכען מען האט געמוזט ארומגעהן. זי איז געבליבען שטעהן און אנגעהויבען צו טראכטען. ענדיגענדיג איהר אינערליכען מאנאלאג, האט זי אנגענומען א בעשלוס; זי האט ענטשלאסען אנגענומען מיט איהרע רויזע פינגערלעך איינס פון די לייטער-שטאפלען, געפרובט זיך אויפצושטעלען אויף איהרע פיס און צוריקגעפאלען. צוויי מאל האט זי אנגעהויבען און עס איז איהר נישט געלונגען; צום דריטען מאל איז איהר געלונגען. דאמאלסט, שטעהענדיג גלייך און אנשפארענדיג זיך נאך דער רייהע אין יעדען לייטער-שטאפעל, האט זי זיך גענומען מארשירען אין דער לענג פון דער לייטער. צוקומענדיג צום עק, האט איהר פערפעהלט א אנהאלט; זי איז שיער נישט געפאלען, נאר אנכאפענדיג זיך מיט איהרע הענטלעך ביים עק פונ'ם דראנג, וואו די שטאפלען זענען געווען פערזעצט, האט זי זיך צוריק אויסגעגלייכט, ארומגעגאנגען דאס פארגעבערג, אנגעקוקט רענע-זשאן און גראס-אלען און זיך צולאכט.

III.

אין דער רגע האט רענע-זשאן, זעהר צופרידען פון די רעזולטאטען

פֿון זײַנע באַאָבאַכטונגען איבער דעם וואָרם, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס איז אַ נקבֿה.

דאָס לאַכן פֿון זשאָרזשעט האָט געמאַכט לאַכענדיק רענע-זשאַן און דאָס לאַכן פֿון רענע-זשאַן האָט געמאַכט לאַכענדיק גראָס-אַלען.

זשאָרזשעט האָט זיך פֿאַראײניקט מיט איהרע ברידער און עס האָט זיך געשאַפֿן אַ קלײנע פֿערזאַמלונג אויף דער ערד.

דער וואָרם איז אָבער דערווײַל פֿערשוואונדען.

ער האָט אויסגענוצט זשאָרזשעט'ס געלעכטער און זיך דערווײַל באַהאַלטען אין אַ לאָך פֿון דער פּאָדלאָגע.

עס זענען געקומען אַנדערע געשעהעניששען.

ערשטענס, זענען פֿאַרבײַגעפֿלויגען שוואַלבען. זײערע נעסטען זענען מסתמא געווען אונטער דעם ראַנד פֿון דאַך, זײ זענען געפֿלויגען גאַנץ נאָהנט בײַם פֿענסטער, אונרוהיג צוליעב די קינדער, מאַכענדיג גרויסע קרײַזען אין די לופֿטען און אַרויסלאָזענדיג זײערע ווײכע פֿריהלינגס-טענער. די דרײַ קינדער האָבען אויפֿגעהויבען די קעפּלעך און פֿערגעסען אָן דעם וואָרם.

זשאָרזשעט האָט אָנגעוויזען מיט איהר פֿינגערל אויף די שוואַלבען און אויסגערופֿען:

— גאַגאַ!

רענע-זשאַן האָט זי אויסגעמוסרט:

— פֿרײַלײַן, מען זאָגט ניט גאַגאַ, מען זאָגט: פֿויגעל.

— פֿאַגאַ, האָט געזאָגט זשאָרזשעט, און אַלע דרײַ האָבען זיך פֿערקוקט אויף די שוואַלבען.

דערנאָך איז אַרײַנגעקומען אַ ביהן.

עס איז ניט פֿאַרהאַן עפּעס ענליכעס צו אַ נשמה, ווי אַ ביהן. זי פֿליהט פֿון בלום צו בלום אַזוי ווי אַ נשמה פֿון שטערן צו שטערן און ברענגט האָניג, ווי אַ נשמה ברענגט ליכט.

אַרײַנגעקומען איז די ביהן מיט אַ גרויסען רעש, זי האָט געזשומעט מיט אַ הויכע שטימע, פּונקט ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגען: אָט בין איך געקומען. איך האָב נאָר וואָס געזעהן די רויזען און איצט קום איך זעהן די קינדערלעך, וואָס הערט זיך דאָ עפּעס?

אַ ביהן איז אַ בעל-הבית'טע, און זי קריגט זיך זינגענדיג.

ווי לאַנג די ביהן איז דאָרט געווען, האָבען די קינדערלעך קײן אויג פֿון איהר ניט אַראָבגעלאָזען.

די ביהן האט אויסגעפארשט די גאנצע ביבליאטעק, אויסגעשניטערט אלע ווינקעלעך, ארום געפלויגען ווי ביי זיך אין דער היים, אין בינשטאק, און ארומגעפלאטערט א בעפליגעלטע און זינגענדיגע, פון שאנק צו שאנק, אריינקוקענדיג דורך די שויבען אויף די קעפלעך פון די ביכער, פונקט ווי זי וואלט אמאל א גייסט געווען.

ווען זי האט פערענדיגט איהר בעזוך איז זי זיך אוועק.

— זי געהט אהיים צו זיך האט געזאגט רענע-זשאן.

— דאס איז א חיה, האט געזאגט גראס-אלען.

— ניין, האט רענע-זשאן געענטפערט, דאס איז א פליג.

— א פליג, האט געזאגט זשארזשעט.

איצט האט גראס-אלען, וועלכער האט אויף דער ערד געפינען א שטריקעל מיט א קניפ ביים עק, גענומען דעם צווייטען עק צווישען דעם גרויסען פינגער און דעם ציינג-פינגער אנגעהויבען עס שנעל צו דרעהען און זיך איינגעקוקט דערויף מיט א טיעפע אויפמערקזאמקייט.

זשארזשעט פון איהר זייט איז צוריק געווארען א פיערפיסיג חיה׳לע, און ארומקריכענדיג דא און דארט איבער דער פאדלאגע, האט זי ענטדעקט א בכבוד׳יג געבעטען פאטעל, א צעפרעסענעם פון ווערים, פון וואנען עס זענען דורך פערשידענע לעכער ארויסגעקראכען די האר. זי איז געבליבען שטעהן ביי דעם דאזיגען פאטעל. זי האט נאך פערגרעסערט די לעכער און ארויסגעשלעפט מיט גרוים אויפמערקזאמקייט די האר.

פלוצלינג האט זי אויפגעהויבען א פינגער, ווי זי וואלט וועלען זאגען:

— הערט זיך איין.

די ביידע ברידער האבען אויפגעהויבען די קעפלעך.

פון דרויסען האט זיך געהערט א ווייטער און אונבעשטימטער ליארם; מסתמא האבען דאס די בעלאגערנדע אויסגעפיהרט א סטראטעגישע בעוועגונג אינ׳ם וואלד: די פערד האבען געהירזשעט, פויקען האבען געפויקט, וועגען זענען געפאהרען, קייטען האבען געקלונגען, מיליטערישע טראמפייט-סיגנאלען האבען זיך גערופען און געענטפערט, א מיש-מאש פון ווילדע קולות האבען זיך אויסגעמישט און בעשאפען א איינגעארטיגע הארמאניע; די קינדער האבען זיך איינגעהארכט ענטציקטע.

— דאס מאכט דער ליבער גאט, האט געזאגט רענע-זשאן.

IV.

דער ליארם האט אויפגעהערט.

רענע-זשאן איז געבליבען א פער׳חלום׳טער.

ווי אזוי צושווימען און עס וועקען זיך צוריק אויף געדאנקען אין די ראזינע קליינע מוחות? וואס איז דאס פאר א סודות'דיגע בעוועגונג פון די ראזיגע אונקלארע און קורצע זכרונות? פלוצלינג האט זיך אין דעם דאזיגען פארקלערטען קעפעל אויפגעוועקט א געמיש פון א ליבען גאט, פון א ברכה צונויפגעלעגטע הענד און א צארטען שמייכעל, וואס עס האט אמאל געהאט איבער זיך און האט עס שוין נישט מעהר — און רענע-זשאן האט פאר זיך געשעפטשעט: — מאמא.

— מאמא — האט געזאגט גראס-אלען.

— מאמא — האט איבערגעחזרט זשארזשעט.

און דערנאך האט רענע-זשאן זיך גענומען ארומשפרינגען זעהענדיג דאס, האט גראס-אלען אויך אנגעהויבען צו שפרינגען.

גראס-אלען האט נאכגעמאכט אלע בעוועגונגען און אלע זשעסטען פון רענע-זשאן; זשארזשעט וועניגער. דריי יאהר מאכען נאך פיער יאהר; צוואנציג חדשים אבער היטען זייער אונאבהענגיגקייט.

זשארזשעט איז געבליבען זיצען, און פון צייט צו צייט האט זי ארויסגערעדט א ווארט. זשארזשעט האט נאך נישט געקאנט צוזאמענשטעלען קיין פראזע.

זי איז געווען א דענקערין: און גערעדט האט זי מיט איינזילביגע שפראכען.

פונדעסטוועגען נאך א קורצער צייט האט אויף איהר געווירקט דער ביישפיל פון די ברידער און אויך זי האט געפרובט טהון דאסזעלבע, וואס זיי, און דריי פאר נאקעטע פים האבען אנגעהויבען צו טאנצען צו לויפען און צו וואקלען זיך אינ'ם שטויב פון אלטען דעמבענעם פארקעט, אונטער דעם שטרענגען בליק פון מארמארענע ביוסטען, אויף וועלכע זשארזשעט האט פון צייט צו צייט געווארפען פון דער זייט א אונרוהיגען בליק, מורמעלדיג: „בובו", אויף זשארזשעט'ס לשון האט „בובו" געהייסען אלץ, וואס איז עהנליך געווען אויף א מענשען און איז דאך נישט געווען קיין מענש. די בעשעפענישען ערשיינען פאר א קינד נאר אין געשטאלט פון געשפענסטער.

זשארזשעט, וואקלענדיג זיך מעהר ווי געהענדיג, איז נאכגעלאפען די ברידער. נאר אמליבסטען אויף אלע פיער.

פלוצלינג האט רענע-זשאן, דערנעהנטערענדיג זיך צו א פענסטער, אויפגעהויבען דעם קאפ, דערנאך איהם אראבגעלאזען און איז אנטלאפען זיך בעהאלטען אין א ווינקעל פון מויער הינטער דעם פענסטער-ראהם. ער האט דערזעהן עמיץ, וואס האט איהם אנגעקוקט. דאס איז געווען א סאלדאט פון די בלאהע, וועלכע האט געהערט צום לאגער פון דער הויכפלעכע

אויסנוצענדיג די צייט פון וואפענשטילשטאנד און אפשר איהם איבערטרע־טענדיג, האט זיך איינגעשטעלט אהערצוקומען ביז צום ברעג פונ'ם גראבען, פון וואנען מען האט געזעהן, וואס עס טהוט זיך אינוועניג און דער ביב־ליאטעק. זעהענדיג, אז רענע־זשאן בעהאלט זיך, האט זיך גראס-אלען צוגע־טוליעט צו רענע־זשאן און זשארזשעט האט זיך בעהאלטען הינטער זיי. זיי זענען דארט געבליבען זיצען שטילינקערהייט, אונבעוועגליכע און זשארזשעט האט ארויפגעלעגט דעם פינגער אויף די ליפען. נאך עטליכע מינוטען האט רענע־זשאן זיך איינגעשטעלט ארויסצושטעקען דעם קאפ, דער סאלדאט איז נאך אלץ דארט געוועזן. רענע־זשאן האט שנעל צוריק אריינגערוקט דעם קאפ; און די דריי קליינע האבען נישט געוואגט מעהר צו אטמען, דאס האט געדויערט גענוג לאנג. צום סוף האט די דאזיגע מורא אנגעהויבען זשארזשעט צו לאנגווייליגען און זי האט געהאט די העזה און א קוק־געטהון. דער סאלדאט איז מעהר נישט געוועזן. זיי האבען צוריק אנגעהויבען צו לויפען און צו שפילען זיך.

גראס-אלען, נישט קוקענדיג דערויף, וואס ער האט נאכגעמאכט און בעוואונדערט רענע־זשאן, האט געהאט זיין ספעציעלע ענטדעקונגען. דער ברודער און די שוועסטער האבען פלוצלינג איהם דערזעהן, ווי ער האט זיך משוגענערווייז א לאז־געטהון, שלעפענדיג נאך זיך א וועגעלע אויף פיער רעדער, וואס ער האט ערגעץ־וואו אויסגעגראבען.

דאס דאזיגע ליאלקע־וועגעלע איז דא געשטאנען א פערלאזטע אינ'ם שטויב שוין לאנגע יאהרען, אין שכינות מיט די ביכער פון גאונים און די ביוסטען פון חכמים. עס קען זיין, אז עס איז געוועזן איינס פון די שפילצייגען, מיט וועלכען גאווען האט זיך געשפילט אלס קינד.

גראס-אלען האט געמאכט פון זיין שטריקעל א בייטשיל און שטאלץ דערמיט צוגעקנאקט; אזוי זענען שוין די ערפינדער אז מען ענטדעקט נישט אמעריקא, ענטדעקט מען א קליין וועגעלע, עס איז תמיד אזוי.

מען האט זיך אבער געמוזט טיילען. רענע־זשאן האט זיך געוואלט איינשפאנען אין וועגעלע און זשארזשעט האט זיך געוואלט דערין אריינזעצען.

זי האט געפרובט זיך דארט אוועקזעצען. רענע־זשאן איז געוועזן ס'פערד. גראס-אלען איז געוועזן דער פוהרמאן.

דער פוהרמאן אבער האט נישט גוט געקענט זיין מלאכה און דאס פערד האט איהם געלערנט.

רענע־זשאן האט געשריען צו גראס-אלען:

רוף: וויא!

— וויא! האט גראס-אלען גע'חזר'ט.

דאָס ווענעלע האָט זיך אומגעדרעהט, זשאָרושעט איז אַריינגעפאַלען.
די דאָזיגע מלאכים'לעך שרייען, זשאָרושעט האָט זיך הויך צעשריען.
דערנאָך האָט זי געהאַט אַ חשק צו וויינען.
— פריילין, איהר זענט צו גרויס.
— איך גרויס, האָט זשאָרושעט געזאָגט.
און איהר גרויסקייט האָט זי געטרייסט פון איהר פאַלען.
דער גזימס אונטער די פענסטער איז געווען זעהר אַ ברייטער. עס האָט זיך דאָרט אָנגעזאַמעלט אַ סך שטויב, וואָס דער ווינד האָט געבראַכט פון דער הויכפלעכע מיט קרושאַקעס; די רעגענס האָבען געמאַכט פונ'ם שטויב ערד, דער ווינד האָט אָנגעטראָגען קערנער, אַזוי אַז אַ בערעלעך־בוימעל האָט אויסגענוצט דאָס ביסעלע ערד און אָנגעהויבען וואַקסען. עס איז געווען אויגוסט, דאָס בוימעלע איז געווען בערעקט מיט בערעלעך און איין צווייגעל איז אַריינגעקומען דורכ'ן פענסטער. דאָס דאָזיגע צווייגעל האָט אַראָבגעהאַנגען ביז דער ערד.
נאָך דער ענטדעקונג פון שטריקעל, נאָך דער ענטדעקונג פון ווענעלע האָט גראָס־אַלען אויך דאָס בוימעל ענטדעקט. ער איז נאָהנט צוגעגאַנגען.
ער האָט אָבגעריסען אַ בערעלע און געגעסען.
— איך בין הונגעריג, האָט געזאָגט רענע־זשאַן.
און זשאָרושעט, רוקענדיג זיך אויף די קניהען און די הענד איז אויך צוגעקומען.
זיי האָבען זיך אַלע דריי גענומען צום צווייגעל און אויפגעגעסען אַלע בערעלעך, וואָס זענען דאָרט געוואַקסען.
זיי האָבען זיך דערמיט אָנגעשיכורט און אינגאַנצען איינגעשמירט אין דער רויטקייט פונ'ם בערעלעך־זאַפט, די דאָזיגע דריי מלאכים האָבען צום סוף אויסגעזעהען ווי דריי קליינע פאַוונען, וואָס וואָלט דאַנטע'ן אַריינגעבראַכט אין כעס און ווירגיל אין ענטציקונג. זיי האָבען הויך געלאַכט.
פון צייט צו צייט האָט דאָס ביימעל זיי געשטאָכען אין די פינגער.
זשאָרושעט האָט אויסגעשטרעקט צו רענע־זשאַן איהר פינגער'ל, וואו עס איז געווען אַ טראָפּען בלוט און ווייזענדיג אויפ'ן ביימעל האָט זי גע־זאָגט — שטעך.
גראָס־אַלען, וועלכער איז אויך געווען צושטאָכען, האָט אָנגעקוקט דאָס ביימעל מיט אונצופריעדענהייט און געזאָגט:
— דאָס איז אַ חיה,
— ניין, האָט געענטפערט רענע־זשאַן, ס'איז אַ שטעקען.
— אַ שטעקען איז אַ בעזער, האָט גראָס־אַלען געזאָגט.

אויך דאָסמאָל האָט זשאָרזשעט געהאַט חשק צו וויינען, נאָר זי האָט אָנגעהויבען צו לאַכען.

V.

דערווייל איז רענע־זשאַנען, איינפערזיכטיג מסתמא אויף די ענטדעקונגען פון זיין יונגערען ברודער גראָס־אַלען, איינגעפאַלען אַ גרויסער פּראָיעקט. שוין פון אַ צייט און אפילו בשעת'ן רייסען די בערעלעך און צעשטעכען זיך די פינגער האָט ער זעהר אָפט געווענדעט די אויגען אין די זייט, וואו עס איז געשטאַנען דער פולט, פערזעצט אויף אַ געשטעל, וועלכער האָט זיך אָבגעזונדערט אינמיטען ביבליאָטעק ווי אַ דענקמאָל. אויף דעם דאָזיגען פולט איז דאָס געווען אויסגעלעגט דאָס בעריהמטע בוך „דער הייליגער באַרטאָלאָמעאוס“.

עס איז ווירקליך געווען אַ פּרעכטיגער און דענקווירדיגער בוך „אין קוואַרטאָ“ דער דאָזיגער „הייליגער באַרטאָלאָמעאוס“ איז ערשינען אין קעלן, אַרויסגעגעבען דורך דעם בעריהמטען פערלעגער פון דער ביבעל פון 1682, בליעוו, אויף לאַטייניש, קעזיוס. מען האָט איהם געדרוקט אויף אַ דרוק־פּרעס און נישט אויף אַ האָלענדישען פּאַפּיער נאָר אויף אַ אַראַבישען, געמאַכט פון זייד און ביימוועל און שטענדיג ווייס; די בונד איז געווען פון פערגאָלדעטען לעדער מיט זילבערנע קלאַמערס; פון אָנהויב און פון סוף זענען די בלעטלעך געווען פּאַרמעטענע. דער דאָזיגער באַנד האָט געהאַט אַ סך האָלצשניטען, קופּערשטריכען און געאָגראַפישע פיגורען פון פערשידענע לענדער; אַנשטאָט אַ פאָררעדע איז געווען אַ פּראָטעסט פון די דרוקער, פּאַפּיר־און בוך־קרעמער געגען דער פעראָרדנונג פון 1635, וועלכע האָט אַרויפגעלעגט אַ שטייער אויף לעדער, ביר, חיות מיט צעשפּאָלטענע קאָפּיטעס, ים־פיש און פּאַפּיר. פון דעם אַלעם איז אַרויסגעקומען אַ בעריהמטער עקזעמפּלאַר, פּונקט אַזוי זעלטען ווי דער „אַפּאָסטאָל“ אין מאָסקווא.

דאָס איז געווען אַ שענער בוך; דעריבער האָט דאָס איהם רענע־זשאַן אַזוי שטאַרק אָנגעקוקט, אפשר צו שטאַרק. דער באַנד איז געווען גראָד אָפען אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסע צייכנונג, פאָרשטעלענדיג דעם הייליגען באַרטאָלאָמעאוס מיט די פעל אויפ'ן אָרעם. די דאָזיגע צייכנונג האָט מען געזעהן פון אונטען. ווען אַלע בערעלעך זענען געוואָרען אויפגעגעסען, האָט רענע־זשאַן זי אָנגעקוקט מיט אַ בליק פון אַ שרעקליכע ליעבע, און זשאַרזשעט, וועמענס אויג איז שטענדיג געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם ברודער'ס אויגען, האָט בעמערקט די צייכנונג און געזאָגט:

— צאַצאַ.

דאָס דאָזיגע וואָרט האָט אַרויסגערופֿען בײַ רענע-זשאַן אַ ענדגילטיגען בעשלוס. אַלזאָ, צו דער גרויסער פֿערוואונדערונג פֿון גראָס-אַלען האָט ער געטהון אַ אויסערגעוועהנליכע זאַך.

אַ גרויסע דעמבענע שטול איז געשטאַנען אין ווינקעל פֿון דער ביבּליאָטעק; רענע-זשאַן איז צוגעגאַנגען צו דער שטול, און אַליין זי צוגעשלעפּט ביז צום פּולט. ווען די שטול האָט שוין בעריהרט דעם פּולט, האָט ער זיך אויף איהר אַרויפֿגעשטעלט און אַרויפֿגעלעגט זײַנע צווײַ פויסטען אויפ'ן בוך.

צוקומענדיג צו דער דאָזיגער הויכקײַט, האָט ער געפֿיהלט אַ נויטיגקײַט צו זײַן גרויסמוטיג: ער האָט גענומען די „צאַצאַ” פֿאַר אַ ווינקעל פֿון דער הויך און זי צוריסען; דער דאָזיגער ריס פֿונ'ם הײַליגען באַרטאָלאָמעאוס איז אָבער געגאַנגען אין דער קרום, נאָר עס איז נישט געווען רענע-זשאַנ'ס שולד; ער האָט איבערגעלאָזט אין בוך די גאַנצע לינקע זײַט מיט אַ אויג און מיט אַ שטיקעל הײַליגען שימער פֿונ'ם אַלטען אַפּאָקריפֿישען עוואַנגעליסט, און געשאָנקען זשאָרזשעט די צווייטע העלפֿט פֿונ'ם הײַליגען און זײַן גאַנצע הויט. זשאָרזשעט האָט צוגענומען דעם הײַליגען און געזאָגט: — בו בו,

— און מיר! — האָט געשריען גראָס-אַלען.

מיט'ן ערשטען אויסגעריסענעם בלעטעל איז דאָסזעלבע, וואָס מיט'ן ערשטען פֿערגאָסענעם בלוט. דאָס ברענגט צו אַ שחיטה.

רענע-זשאַן האָט איבערגעדרעהט דאָס בלעטעל; הינטערן הײַליגען איז געווען דער מפורש, פּאַנטענוס; רענע-זשאַן האָט בעשאָנקען גראָס-אַלען מיט פּאַנטענוס'ן.

דערווײַל האָט זשאָרזשעט צוריסען איהר גרויסען שטיק אויף צווײַ קלײַנע, דערנאָך די צווײַ אויף פֿיער; אַזוי, אַז די געשיכטע וואָלט געקאָנט זאָגען, אַז דער הײַליגער באַרטאָלאָמעאוס, פֿון וועמען מען האָט אין אַרמעניען אַראָבגעשינדען די הויט, איז געוואָרען געפֿערטעלט אין ברעטאַן.

VI.

אַז דאָס פֿערטלען האָט זיך געענדיגט, האָט זשאָרזשעט אויסגעשטרעקט די האַנד צו רענע-זשאַן און געזאָגט. — נאָך!

נאָך דעם הײַליגען און דעם מפורש האָט מען זיך גענומען צו די אָבשטויסענדע פּאָרטרעטען פֿון די מבארים, דער ערשטער לויט'ן דאַטום איז געווען גאַוואַנטוס; רענע-זשאַן האָט איהם אויסגעריסען און געלעגט אין זשאָרזשעט'ס הענטעל.

דעמזעלבען גורל האָבען געהאַט די איבריגע מבארים פון׳ם הייליגען בארטאָלאָמעאוס.

געבען הייסט זיין העכע.

רענע-זשאַן האָט פאַר זיך נאַרנישט איבערגעלאָזט. גראָס-אַלען און זשאַרזשעט האָבען אויף איהם געקוקט: דאָס איז פאַר איהם גענוג געווען; ער האָט זיך בעגנוגענט מיט דער ענציקונג פון זיין פובליקום.

רענע-זשאַן, אונערשעפליך און גרויסמוטיג, האָט אַזוי אַרום זיי בעשאָנקען אמאָל דער, אמאָל יענעם, מיט אַלע בילדער און קאַרטען און דערנאָך געוואָרפען דאָס בוך אויף דער ערד.

דאָס איז געווען אַ פורכטערליכער מאָמענט. גראָס-אַלען און זשאָרזשעט האָבען געזעהן מיט התפעלות געמישט מיט שרעק, ווי רענע-זשאַן פערציהט די ברעמען, שטעלט שטייף אַוועק זיינע פיס, באַלט זיינע פויסטען און וואַרפט-אַראָב דעם מאַסיווען באַנד פון פולט. דער שווערער באַנד איז אַ רגע געהאָנגען אין דער לופטען, געצווייפעלט זיך, געוואַקעלט, דערנאָך זיך אַראָבגעקייקעלט, און אַ צעבראָכענער, אַ צעשעדיגטער, אַרויסגענומען פון די קלאַמרעס, איז ער קלאָנגענדיג געבליבען ליגען אויף דער פאָדלאָגע.

צום גליק איז ער אויף די קינדער נישט אַרויפגעפאַלען.

זיי זענען געווען פערבליפט, אָבער נישט צעשעדיגט. נישט אַלע ערֿאָבערונגס-אונטערנעהמונגען ענדיגען זיך אַזוי גוט.

אַזוי ווי יעדער רוהם, האָט אויך דאָס אָנגעמאַכט אַ גרויסען רעש און אַ וואָלקען מיט שטויב.

בעקעמפענדיג דאָס בוך, איז רענע-זשאַן אַראָב פון שטול.

עס איז געווען אַ רגע פון שטילשווייגען און מורא — אויך דער נצחון האָט זיינע שרעקען. די דריי קינדער האָבען זיך גענומען פאַר די הענד און זיך געשטעלט פון דער ווייטענס, בעטראַכטענדיג דעם גרויסען צעשמעטערטען באַנד.

אָבער נאָך אַ ווײַלע פון טרוימען, האָט זיך גראָס-אַלען ענערגיש דערנעהנטערט און געגעבען דעם בוך אַ שטויס מיטן פוס.

דאָ איז געקומען דער סוף. עס איז פאַרהאַן אַן אַפּעטיט פון צעשטערונג. רענע-זשאַן האָט געגעבען איין שטויס מיט׳ן פוס, זשאָרזשעט — אַ צווייטען און איז דערביי געפאַלען אויף דער ערד, נאָר זיצענדיג זי האָט דאָס אויסגענוצט און זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דעם הייליגען בארטאָלאָמעאוס; עס איז פערשוואונדען דער יראת הכבוד; רענע-זשאַן האָט זיך געוואָרפען אויפ׳ן בוך. נאָך איהם האָט זיך געלאָזט גראָס-אַלען, און לוסטיגע, פער׳שכור׳טע, אומבע׳רחמנות׳דיג, צורייסענדיג די צייכנונגען צופליקענדיג די בלעטלעך.

צודראַפּענדיג דעם אײנבּאַנד, אַראָבּרײַסענדיג די בּעגאָלדעטע לעדער ארויסשלעפּענדיג די נעגעל פֿון די זילבּערנע ווינקלען, צעבּרעכענדיג דעם פּאַרמעט, פֿערניכטענדיג דעם הײליגען טעקסט, אַרבּײַטענדיג מיט די הענד, מיט די פֿיס, מיט די נעגעל, מיט די צײן—ראָזיגע, לאַכעדיגע, שרעקליכע, האָבּען זיך די דרײַ מלאכים פֿון צעשטערונג ארויפֿגעוואָרפען אויף דעם הילפֿלאָזען עוואַנגעליסט.

זײ זענען אַזוי שטאַרק פֿערטהון געווען מיט דעם ראָזיגען אומבּערחמנות'דיגען משפּט איבּער דעם אַלטען בּוך, אַז זײ האָבּען זיך אפילו נישט אומגעקוקט, בּשעת אַ מײַזעל איז פֿאַר זײ פֿאַראיבּערגעלאָפֿען.

ווען זײ האָבּען געענדיגט, און דאָס לעצטע בּלעטעל איז געוואָרען ארויסגעריסען, און די לעצטע צײכנונג איז אויף דער ערד געלעגען, ווען פֿונ'ם בּוך איז נאָר געבּליבּען שטיקער טעקסט און האַלבּע בּילדער, האָט רעגנע-זשאַן זיך אויפֿגעשטעלט, האָט זיך אײַנגעקוקט אויף די פּאָדלאָגע, וועלכע איז געווען בּעדעקט מיט די צעריסענע בּלעטער און געפּאַטשט מיט די הענד.

גראָס-אַלען האָט אויך געפּאַטשט מיט די הענד.

זשאָרזשעט האָט אויפֿגעהויבּען פֿון דער ערד אײנס פֿון די בּלעטלעך, זיך אויפֿגעשטעלט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן פֿענסטער, וואָס האָט איהר דערגרײַכט בּיז צום קינבּאַק און האָט אָנגעהויבּען דאָס גרויסע בּלאַט צורײַסען אין קלײנע שטיקלעך און וואַרפֿען זײ דורכ'ן פֿענסטער.

זעהענדיג דאָס, האָבּען רעגנע-זשאַן און גראָס-אַלען גענומען נאָכטהון דאָסזעלבּע, זײ האָבּען צוזאַמענגעקליבּען און געריסען, און נאָכ'ן צערײַסען—ארויסגעוואָרפֿען דורכ'ן פֿענסטער. צעבּרעקעלט דורך די קלײנע און צאַרטינע פֿינגערלעך, איז דאָס גאַנצע בּוך בּלאַט פֿאַר בּלאַט צעפֿלויגען אינ'ם ווינד. זשאָרזשעט האָט זיך פֿאַרטראַכט און געקוקט אויף די ווײַסע קלײנע פּאַפּירלעך ווי זײ וויגען זיך אין ווינד, און געזאָגט:

— זומער-פֿויגלעך.

און די שחיטה האָט זיך געענדיגט דורך אַ פֿערשווינדען אין דער הימעל-בּלאָהקײט.

VII.

אַזוי איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען די צווײטע טויט-שטראָף פֿון הײליגען גאַרטאָלאָמעאוס, וועלכער איז געשטאָרבּען אַלס מאַרטירער צום ערשטען מאָל אין 49 יאָהר נאָך קריסטוס-געבּורט.

דערווײַל האָט זיך אָנגערוקט דער אָוועגד, די היץ איז געוואָרען

שטאַרקער, אַ נאָכמיטאָג'ס־דרעמעל האָט געהערשט אין דער לופט, ושאַרושעט'ס אויגען זענען געוואָרען פערלאָפען, רענע־זשאַן איז צוגעגאַנגען צו זיין ווינקעל אַרויסגענומען דעם שטרויזאַק, וואָס איז געווען אַנשטאַט אַ מאַטראַץ, צוגעלעפט עס צום פענסטער, זיך אויסגעצויגען און געזאָגט:

—לאָמיר זיך לעגען.

גראָס־אַלען האָט אַראָפגעלאָזט זיין קעפּיל אויף רענע־זשאַן, ושאַרושעט האָט געלעגט איהר קעפּיל אויף גראָס־אַלען און אַלע דריי צעשטערער זענען איינגעשלאָפען.

די וואַרימע לופט איז אַריינגעדרונגען דורכ'ן אָפענעם פענסטער; שמעקעדיגע ריחות פון די ווילדע בלומען, וועלכע האָבען געוואַקסען אויף די אַרומיגע בערגלעך און הוילוועגען, האָבען זיך געטראָגען געמישטע מיט'ן אָטעם פונ'ם אָוועגד; די נאַטור איז געווען רוהיג און באַרמהערציג; אַלץ האָט געשטראַהלט, אַלץ האָט זיך בעזעגפטיגט, אַלץ האָט געליעבט; די זון האָט געשיקט יערע בעשעפעניש איהר קוש, דורך אַלע שפעלטעלעך האָט מען געפיהלט די האַרמאָניע, וועלכע גיסט זיך אויס פון אַלץ, אין דער אונענדליכקייט איז געווען עפּעס מוטערליכעס; עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען פיהלט ווי עמיץ אַ אונזיכטבאַרער נעהמט־אָן זיינע פאָרזיכטס־מיטלען צו בעשיצען אינ'ם שרעקליכען קאָנפליקט פון די בעשעפענישען, די שוואַכע געגען די שטאַרקע. און אין דערזיכבער צייט איז עס געווען שעהן; די פראַכט האָט ווי געהויכט מיט מילדקייט. דער רויך איז אַרויפגעשטיגע צו די וואָלקענס, אַזוי ווי חלומות אָדער וויזיאָנען; איבער דעם טורם פון לאָטורג זענען אין קרייזען געפלויגען די פייגעל; די שוואַלבען האָבען אַריינגעקוקט דורך די פענסטער און זיי האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען קומען קוקען, צו די קינדער שלאָפען גוט. זיי זענען געלעגען אין אַ שעהנער ליבליכער גרופּע איינס אויף ס'אַנדערע, אונבעוועגליכע, האַלבנאַקעטע אין פאָזען פון אַמורעטען, אנציהענדע און ריינע זענען זיי אַלע צוזאַמען קוים אַלט געווען ניין יאָהר, און געחלומט האָבען זיי, ווי אין גן־עדן. אַלץ אַרום איז געווען שטיל, פונקט ווי דער אָטעם פון זייערע ליעבע ברוסט וואָלט אָנבעלאַנגט דער גאַנצער וועלט און ווי יעדער בעשעפעניש וואָלט זיך אין דעם דאָזיגען עטמען איינגעהאָרכט; קיין בלעטעל האָט זיך נישט געריהרט, און קיין גרעזעל האָט נישט געציטערט: עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ברייטע אויסגעשטרעקטע וועלט האַלט איין איהר אָטעם, בכדי נישט צו שטערען דעם שלאָף פון די דריי מלאכים'לעך, און עס איז נישט פאַרהאַן עפּעס ערהאַבענערס ווי דער גרויסער כבוד פון דער נאַטור אַרום דעם דאָזיגען קליינוואַרג.

די זון האָט זיך גענייגט צו מערב און כמעט דערגרייכט דעם האָרי-אָנט. פלוצלינג האָט זיך אין דער דאָזיגער טיעפע רוהיגקייט בעוויזען אַ בליץ, וועלכער איז געקומען פונ'ם וואלד, דערנאָך אַ ווילדער רעש. מען האָט אויסגעשאָסען פון אַ האַרמאַט. עס האָבען דעם רעש אונטערגעכאַפּט די עכאָ'ס און איהם איבערגעטראָגען און פערלענגערט פון בערגעל צו בערגעל.

זשאָרזשעט איז אויפגעוואַכט.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אויסגעצויגען איהר קליין פינגעריל, זיך איינגעהאָרכט און געזאָגט:

— באָם!

דער רעש האָט אויפגעהערט, און אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרען, זשאָרזשעט האָט צוריק געלייגט איהר קעפּיל אויף גראָס-אַלען און צוריק איינגעשלאָפען.

פיערטעס בוך.

די מוטער.

I.

דער טויט געהט פאַרביי.

דעם דאָזיגען אָוועגד איז די מוטער, וועלכע מיר האָבען געזעהן זאנדערנדיג גלאַט אין דער וועלט אַריין, געגאַנגען אַ גאַנצען טאָג. איבריגענס, איז דאָס געווען איהר טאָג-טעגליכע געשיכטע: געהען שטענדיג פאָראויס און קיינמאָל זיך נישט אָבשטעלען, ווייל איהר שלאָף פון מידיגקייט אין ערשטען בעסטען ווינקעל איז נישט געוועזן קיין אָברוה, פונקט, ווי דאָס וואָס זי האָט געגעסען דאָ און דאָרט, ווי אַ פויגעל וואָס פּיקט אַ קערנדיל, איז נישט געוועזן קיין נאַהרונג. זי האָט נעגעסען און געשלאָפען אויף אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז אונבעדינגט נויטיג געוועזן, אַז זי זאָל נישט פאַלען אַ טויטע.

אין אַ פערלאָזענעם שייער האָט זי פערבראַכט די פאָריגע נאַכט; דער בירגער-קריג שאַפט שוין אַזעלכע פוסטע ערטער; זי האָט געפינען אין אַ אָפענעם פעלד פיער ליידיגע מויערען, אַ אָפענע טיר, אַ ביסעל שטרוי אונ-טער אַ צעבראָכענעם דאַך, און זי האָט זיך געלעגט אויף דעם דאָזיגען שטרוי און אונטער דעם דאָזיגען דאַך, פיהלענדיג ווי אונטער דעם שטרוי גליטשען זיך דורך מייז, און זעהענדיג דורך דעם צעבראָכענעם דאַך די אויפגעהענדע שטערען. זי האָט געשלאָפען עטליכע שעה; דערנאָך האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען דער נאַכט און זיך געלאָזט אין וועג, בכדי וואָס מעהר וועג

ארורלצומאלען ביז צו דער שטארקער היץ פון מיטאָג-צייט. פאר אַ פוסגעהער איז זמער איז די מוטער-נאַכט אַ סך גרויסמוטיגער ווי מיטאָג-צייט.

געהענדיג, האָט זי זיך בעמיהט צו האַלטען זיך אָן די אָנווייזונגען, וואָס דער פויער פון וואַטאָרט האָט איהר געגעבען; זי איז כסדר געגאַנגען אין דער ריכטונג פון מערב, ווער עס וואָלט געוועזען נאָהנט פון איהר, האָלט געהערט ווי זי חזרט אַלץ אינאיינעם שטילערהייט: לא-טורג. און אַ חוץ די נעמען פון איהרע דריי קינדער האָט זי מעהר קיין אַנדערן אויסדרוק ניט געוואוסט.

אזוי געהענדיג, האָט זי געטראַכט, זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. זי האָט געטראַכט פון דעם, וואָס זי האָט געליטען, פון דעם, מיט וואָס זי האָט געמוזט שלום מאַכען; פון די בעגעגעניש׳ען, פון די בעליידיגונגען, פון די דערניעדערנדע בעדינגונגען, פון די פאָרשלאָגען וואָס זי האָט געמוזט אָננעמען, צו פאַר אַ נאַכטלעגער, צו פאַר אַ שטיקעל ברויט, אָפטמאָל פשוט, מען זאָל איהר ווייזען דעם וועג. אַ אָרימע פרוי איז אומגליקליכער פון אַ אָרימען מאַנספּאַרשוין, ווייל זי איז דאָס וועדקצייג פון פערגעניגען. שרעקליך איז דאָס וואַנדערן! איבריגענס איז איהר אַלץ איינס געוועזען, אבי זי זאָל נאָר געפינען איהרע קינדער.

דאָס ערשטע בעגעגניש איהרס אינ׳ם היינטיגען טאָג איז געוועזען אַ דאָרף אויפ׳ן וועג; עס האָט קוים אָנגעהויבען צו טאָגען; אַלץ האָט זיך נאָך געבאָדען אין דער דונקעלהייט פון דער נאַכט; פונדעסטוועגען זענען שוין עטליכע טירען אויף דער הויפּט-גאַס געוועזען האַלב אָפען און נייגיריגע פּנים׳ער האָבען ארויסגעקוקט דורך די פענסטער. די איינוואוינער האָבען זיך געדערהט ווי אין אַ בעאונרוהיגענדען בינשטאָק. דאָס איז געוועזען צוליב אַ געדויש פון רעדער און אייזען, וואָס מען האָט געהערט.

אויפ׳ן פּלאַץ נעבען דער קירכע, האָט אַ דערשראָקענע גרופּע מיט די אויגען אין דער הויך געקוקט אויפ׳ן שפּיץ בערגעל, פון וואַנען עס האָט זיך עפּעס דערנעהנטערט צום דאָרף. עס איז געוועזען אַ וואָגען אויף פיער רעדער, געשלעפּט פון פינף פערד איינגעשפּאַנטע אין קייטען. אויפ׳ן וואָגען האָט מען בעמערקט אזוי ווי אַ הויפען ברעטער, צווישען וועלכע עס איז איינמיטען געלעגען עפּעס אַ פאָרמלאָזע זאַך. דאָס איז געוועזען — פאַרדעקט מיט אַ פלאַנדעק, עהנליך צו אַ מיטה-טוך. צעהן ריייטערס זענען געריטען פאַראויס פונ׳ם וואָגען און צעהן אַנדערע הינטער איהם. די דאָזיגע מענשען האָבען געטראָגען דרייעקיגע היטען און מען האָט געזעהן ארויסשטאַרען איבער די אַקסלען שפּיצען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי גאַלע שווערדען. דער דאָזיגער צוג איז געגאַנגען לאַנגזאַם פאַראויס און זיך געדרונקעלט

אויפ'ן האריזאנט. דער וואגען האט אויסגעזעהן שווארץ, דער געשפאן שווארצער און די מענשען שווארץ. דער פריהמארגען האט געבליבען הינ־טער זיי.

די שווארצע פראצעסיע איז אריינגעפאהרען אינ'ם דארף און זיך פערקירעוועט צום פלאץ.

די רייטער זענען געווען זשאנדארמען מיט נאלע שווערדען. דער פלאנדעק איז געווען א שווארצער.

די ארימע בלאנדזענדע מוטער איז אויך אריינגעקומען אינ'ם דארף און זיך דערנעהנטערט צו די גרופע פויערים, אין דער זעלבער צייט, ווען דער וואגען מיט די זשאנדארמען זענען אנגעקומען אויפ'ן פלאץ. אין דער גרופע האבען שטימען געשעפטשעט פראגען און אנטווארטען:

—וואס איז דאס אזוינס?

—דאס געהט א דורך גיליאטינע.

—פון וואנען קומט זי?

—פון פוזשער.

—וואוהין געהט זי?

—איך ווייס ניט. מען זאגט, אז זי געהט צו א פלאץ פון דער זייט פון פארינע.

—אין פארינע!

—זאל זי געהן, וואו זי וויל, נאר זאל זי זיך דא ניט אבשטעלען!

דער גרויסער וואגען מיט זיין לאדונג, בעדעקט ווי מיט א מטה־טוך, דער געשפאן, די זשאנדארמען, דער גערויש פון די קייטען, דאס שטילשווייגען פון די מענשען, דער גראהער פריהמארגען—דאס אלץ האט אויסגעזעהן ווי א געשפענסט.

די גרופע איז אדורכגעגאנגען דעם פלאץ און ארויס פונ'ם דארף. דער דארף איז געלעגען אין א טהאל צווישען צוויי בערגלעך; אין א פיערטעל שעה ארום, האבען די פויערים, וועלכע זענען געבליבען ווי פערשטיינערטע אויפ'ן ארט, דערזעהן דעם שוידערליכען צוג אויפ'ן שפיץ פונ'ם צווייטען בערגעל, וואס צו מערב. די גרויסע רעדער האבען געהאקט אויפ'ן אונגלייכען וועג, די קייטען פונ'ם געשפאן האבען געקלונגען ביים ווינד פון פריה־מארגען, די שווערדען האבען געבלאנקט; די זון איז אויפגעגאנגען, דער וועג האט זיך אויסגעדרעהט און אלץ איז פערשוואונדען.

און דאס אלץ איז געשעהן אין דער זעלבער רגע, ווען זשארושעט איז אויפגעקומען נעבען איהרע ברודער, וועלכע זענען נאך געשלאפען און געזאגט גוטמארגען איהרע ראזע פים.

II.

דער טויט רעדט.

די מוטער האט געזעהן, ווי דער שוידערליכער צוג איז פארביי געגאנגען, נאר זי האט נישט פערשטאנען און אויך נישט געוואלט צו פערשטעהן. האבענדיג פאר איהרע אויגען אן'אנדער וויזיאן — איהרע קינדער וואס זענען איהר פערלוירען געווארען אינ'ם חושך.

זי איז ארוים פון דארף נישט לאנג נאך דעם פארביי געהענדען צוג און איז געגאנגען דעמזעלבען וועג, נישט ווייט פון דער צווייטער אבטהיילונג זשאנדארמען. פלוצלינג איז איהר געקומען אין זינען דאס ווארט „גיליאטינע"; „גיליאטינע", האט זי געטראכט; די דאזיגע ווילדע מישעל פלעשאר, האט נישט געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס; נאר דער אינסטינקט האט זי געווארענט, נישט וויסענדיג פארוואס, איז איהר א שוידער אדורך, עס איז איהר שרעקליך געוועזען צו געהן הינטער דעם, און זי האט זיך גענומען לינקס, זי האט פארלאזען דעם וועג און איז אריין אין וואלד פון פוזשער.

נאכדעם ווי זי האט געבלאנדזשעט א געוויסע צייט, האט זי בעמערקט א גלאק און דעכער — דאס איז געוועזען איינס פון די דערפער ביים ראנד פונ'ם וואלד, און זי איז אוועק אהין. זי איז געוועזען הונגעריג.

דאס דאזיגע דארף איז געוועזען איינ'ס פון די דערפער, וואו די רעפובליקאנער האבען אוועקגעשטעלט מיליטער-פאסטענס.

זי איז אריינגעדרונגען ביז צום פלאץ פונ'ם ראטהויז.

אויך אין דעם דארף האט זיך געמערקט אויפרעגונג און מורא. א צוזאמענגעלויף פון מענשען האט זיך געשטופט אויף די שטיגען פון א גאנעק ביים אריינגאנג אין ראטהויז. אויף דעם גאנעק האט מען געזעהן שטעהן א מענשען אין בעגלייטונג פון סאלדאטען, וועלכער האט געהאלטען אין דער האנד א אויפגעוויקעלטען פלאקאט. דער דאזיגער מענש האט צו זיין רעכטע זייט געהאט א פויקער און צו דער לינקער א פלאקאטען-קלעפער, וועלכער האט געטראגען א טעפעל מיט קלייסטער און א פענזעל.

אויפ'ן באלקאן איבער די טהיר פונ'ם ראטהויז איז געשטאנען דער בירגעמייסטער אנגעטון א דרייפארביגען באנד איבער די פויערישע קליידער.

דער מענש מיט'ן פלאקאט איז געוועזען א אויסרופער.

ער האט געטראגען אויף זיך א רייזע-זאק, וואס האט אנגעוויזען, אז ער געהט פון דארף צו דארף און ער האט עפעס אויסצורופען אין דער גאנצער געגענד.

אין דער רגע, ווען מישעל פלעשאר האט זיך דערנעהנטערט, האט

ער אויפגעוויקעלט דעם פלאַקאַט און אָנגעהויבען צו לעזען. ער האָט געזאָגט מיט אַ הויכער שטים:

—„פראַנצויזישע רעפובליק. איינע און אונטיילבאַרע".

דער פויקער האָט געפויקט. אין דער מענגע האָט זיך געזעהן אַ בעוועגונג. עטליכע האָבען אַראָבגענומען די היטלעך; די איבריגע האָבען נאָך ניעדריגער אַראָבגערוקט די היטען אויף די אויגען; אין דער דאָזיגער צייט און אין דער דאָזיגער געגענד, האָט מען געקאָנט דערקענען די פּאָליטישע אָנשויאונג נאָך דער קאָפּבעקליידונג. די אין היט זענען געווען ראָיאַליסטען, די אין היטלעך—רעפובליקאַנער. דאָס געררויש פון געמישטע שטימען האָט אויפגעהערט, מען האָט זיך איינגעהאָרכט און דער אויסרופער האָט געלעזען:

—„... לויט די אונז געגעבענע פעראָרדנונגען און פאָלמאַכטען דורכ'ן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכע רעטונג..."

צום צווייטען האָט זיך דערהערט דער פויק. דער אויסרופער האָט ווייטער געלייענט:

—און אין דער אויספיהרונג פונ'ם דעקרעט פונ'ם נאַציאָנאַלען קאָנווענט, וועלכער שטעלט אויסערן געזעץ די אינסורגענטען, וועלכע ווערען געכאַפּט מיט געוועהר אין די האַנד און בעשטראָפט מיט דער גרעסטער שטראָף, אַלע, וועלכע ניבען זיי אַ שוץ אָדער העלפען זיי אַנטלויפען..."

אַ פויער האָט זיך שטיל געפרעגט זיין שכן:

—וואָס איז דאָס אַזוינס הויפּטשטראָף?

דער שכן האָט געענטפערט:

—איך ווייס נישט.

דער אויסרופער האָט אַ שאָקעל-געטהון מיט'ן אַפיש.

—„...געהמענדיג אין אַכט, דאָס דער אַרטיקעל 17 פונ'ם געזעץ פון 30 אַפּריל גיט די גאַנצע מאַכט איבער די אינסורגענטען אין די הענד פון די דעלעגירטע און אונטערדעלעגירטע.

„זענען געשטעלט אויסער'ן געזעץ..."

ער איז אויף אַ ווייַלע ענטשוויגען געוואָרען און ווייטער געלייענט:

—„...די פּערזאָנען, בעצייכענט אונטער די פאָלגענדע נעמען און ביינעמען..."

דער עולם האָט אויפגעשטעלט די אויערן.

די שטימע פונ'ם אויסרופער איז געוואָרען אַ דונערנדע, ער האָט געלייענט:

—„...לאַנטענאַק, דער גזלן."

—דאָס איז אונזער פּרינץ, האָט אַ פויער געמורמעלט.

אין דער מענגע האָט זיך דערהערט אַ געפּליסטער: — דאָס איז אונזער פּרינץ.

דער אויסרופער האט ווידער געזאגט:

—„...לאנטענאק, געוועזענער מארקיז, גזלן.

—דער אימאנוס, גזלן...״

צוויי פויערים האבען זיך איבערגעקוקט.

דאס איז גוש־לע־בראן.

—יא, דאס איז בריז־בלע.

דער אויסרופער האט ווייטער געלייענט דעם צעטעל:

„גראן־פראנקער איז א גזלן...״

דער עולם האט געמורמעלט:

—דאס איז א גלח.

—יא, דער גלח טיורמא.

—יא, ער איז גלח ערגיץ־וואו הינטער דעם וואלד פון שאפעל.

—און א גזלן, האט זיך אנגערופען דער מענש אין היטעל

דער אויסרופער, אויסרעכענענדיג נאך א רייהע פון מענשען האט א מאך־געטון מיט'ן אפיש און דער פויקער האט געקלאפט אין פויק.

דער אויסרופער האט ווייטער אנגעהויבען:

—„...די אויבען אויסגערעכענטע, וואו מען זאל זיי נישט כאפען, וויבאלד מען וועט פעסטשטעלען זייער פערזענליכקייט, וועלען גלייך בעקומען טויטשטראף.״

עס איז געווארען א געדודער.

דער אויסרופער האט געלייענט:

—„...ווער עס וועט זיי אויסבעהאלטען אדער זיי העלפען אנטלויפען, וועט ווערען געשטעלט צום קריגסגעריכט און בעקומען טויטשטראף.

אונטערגעשריבען...

עס איז געווארען א טיפע שטילקייט.

—„...אונטערגעשריבען: דער דעלעגירטער פון קאמיטעט פון געזעל־שאפטליכער רעטונג סימורדען.״

— א גלח, האט געזאגט א פויער.

— דער אמאליגער גלח פון פארינייע, האט געזאגט א צווייטער.

— טיורמא און סימורדען, האט געזאגט א בירגער. א ווייסער גלח און א שווארצער גלח.

— אלע ביידע זענען שווארץ, האט געזאגט א צווייטער בירגער.

דער בירגערמייסטער, וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן גאנעק, האט אויפגעהויבען זיין הוט און אויסגעשריען:

— עס לעבע די רעפובליק!

א קלאַפּען פֿון פויק האָט אָנגעזאָגט, אַז דער אויסרופֿער האָט נאָך ניִשט געענדיגט. און אין דער אמת׳ן האָט ער געגעבען אַ צייכען מיט דער האנד.

— אַכטונג, האָט ער געזאָגט. אָט זענען די פיער לעצטע שורות פֿונ׳ם רעגירונגס־אַפּיש. זיי זענען אונטערגעצייכענט פֿונ׳ם פֿיהרער פֿון דער עקספּע־דיציאָנס־אָבטהיילונג, וואָס ביי די צפון ברעגעס, דעם קאָמאַנדיר גאָווען.

— הערט! האָט זיך אָנגערופֿען אַ קול פֿונ׳ם עולם.

און דער אויסרופֿער האָט געלייענט:

—„אונטער טויטשטראָף...״

אַלע זענען ענטשוויגען געוואָרען.

— ...עס איז פֿערבאָטען, אויפֿ׳ן גרונד פֿון דער אויבענדערמאָנטע פֿעראָרדנונג, צו געבען הילף די אויסגערעכענטע נייענצעהן אויפֿשטענדיגע, וועלכע זענען איצט אַרומגערינגעלט און פֿערשפּאַרט אין לאַ טורג״

— האַ? האָט געזאָגט אַ שטימע פֿון אַ פֿרוי. עס איז געווען די שטי־מע פֿון דער מוטער.

III.

דאָס געמורמעל פֿון די פּויערים.

מישעל פֿלעשאַר האָט זיך אויסגעמישט מיט׳ן עולם. זי האָט זיך ניִשט איינגעהאָרכט און פֿונדעסטוועגען געהערט. זי האָט געהערט איין וואָרט — לאַ טורג. זי האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ.

— האַ, האָט זי איבערגע׳חזר׳ט, לאַ טורג?

מען האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט געהאַט אַ אויסזעהן פֿון אַ משוגע׳נער, זי איז געגאַנגען אין שמאַטעס. שטימען האָבען געמורמעלט: זי זעהט אויס ווי אַ גזלנ׳טע.

א פּויערטע, וועלכע האָט געטראָגען אין אַ קוישעל פֿלעצלעך פֿון גרי־קע־מעהל, איז צו איהר צוגעגאַנגען און איהר איינגערוימט:

— שוויייגט שטיל.

מישעל פֿלעשאַר האָט פֿערבליפֿט אָנגעקוקט די פֿרוי. זי האָט אויפֿגע־נאָרניִשט פֿערשטאַנען. דער דאָזיגער נאָמען, לאַ טורג, איז פֿאַריבער ווי אַ בליץ, און עס איז ווידער נאַכט געוואָרען. האָט זי דען ניִשט קיין רעכט זיך נאָכצופֿרעגען? פֿאַרוואָס קוקט מען זי אַזוי אָן?

דערווייל האָט דער פּויקער אויסגעקלאַפּט דאָס לעצטע מאָל אויפֿ׳ן פּויק, דער אַפּישקלעבער האָט אָנגעקלעבט דעם אַפּיש, דער בירגערמייסטער איז אַריין אין ראָטהויז, דער אויסרופֿער איז אַוועק אין אַ צווייטען דאָרף און דער עולם איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען.

א גרופּע איז געבליבן ביים אפּיש. מישעל פלעשאר איז צוגעגאנגען צום אפּיש.

מען האָט געמאַכט פערשידענע פּירושים אויף די פערזאָנען, וועלכע מען האָט געשטעלט אויסער'ן געזעץ.

עס זענען אין דער גרופּע געווען סיי בירגער סיי פּויערים, דאָס הייסט, ווייסע און בלאָהע.

עס איז אַלץ איינס, האָט איין פּויער געזאָגט. זיי האָבן נאָך נישט אַלע. ניינצעהן איז נישט מעהר ווי ניינצעהן.

— טיפּשים! האָט געזאָגט מיט א שטרענגע שטימע אַן'אַלטער מיט גראָהע האָר, ווען זיי האָבן לאַנטענאַק'ן, האָבן זיי אַלע.

— זיי האָבן איהם נאָך נישט, האָט געמורמעלט איינער פון די יונגע.

דער אַלטער האָט אָבגעענטפערט:

— אויב לאַנטענאַק איז גענומען, איז גענומען די נשמה. קומט אום לאַנטענאַק, איז וואַנדעע א דער'הרג'עטע.

— ווער איז דאָס דער דאָזיגער לאַנטענאַק? האָט זיך געפרעגט א בירגער.

— דאָס איז א געוועזענער פון די, וועלכע שיסען פרויען, האָט א דריטער זיך אָנגערופען.

מישעל פלעשאר העט דאָס דערהערט און געזאָגט:

אַן'אמת.

מען האָט זיך אומגעדרעהט.

נו, יאָ, מען האָט דאָך מיך אויך געשאָסען, האָט זי צוגעגעבען.

דאָס זענען געווען מאָדנע ווערטער; זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ווען א לעבעדיגע וואָלט געזאָגט, אז זי איז טויט. מען האָט זי אָנגעהויבען פון דער קרום צו בעטראַכטען.

און אין דער אמת'ן, האָט איהר אָנבליק בעאונרוהיגט; א פאַרציטערטע, א דערשראָקענע, מיט א ווילדער מורא און אַזוי דערשראָקען, אז זי האָט איינגעפלאָסען א שרעק אין אַנדערע. אין דער פערצווייפלונג פון א פרוי איז פאַרדאַן עפּעס אַזא שוואַכקייט, וועלכע איז שרעקליך. עס דאַכט זיך, אז מען זעהט א וועזען איבערגעבויגען איבער'ן ענדפּונקט פונ'ם גורל. נאָר פּויערים פערשטעהען נישט אַזוי טיעף. איינער פון זיי האָט געברומט: — דאָס מוז זיין א פרוי א שפּיאָן.

— שווייגט דאָך און גיעהט אייך, האָט איהר אין דער שטיל געזאָגט די זעלבע פרוי, וועלכע האָט שוין מיט איהר גערעדט.

— איך טהו דאָך נישט קיין שלעכטס, האָט מישעל פלעשאַר געענט־פערט. איך זוך מײַנע קינדער.

די גוטע פרוי האָט אָנגעקוקט די, וועלכע האָבן אָנגעקוקט מישעל פלעשאַר, זי האָט זיך בעריהרט דעם שטערן מיט'ן פינגער און ווינקענדיג מיט'ן אויג, האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז אַ משוגענע.

דערנאָך האָט זי זי גענומען אָן אַ זײַט און איהר געגעבן אַ פלעצעל.

מישעל פלעשאַר, האָט נישט דאַנקענדיג אַפילו, שנעל גענומען עס עסען.

אמת, האָבן געזאָגט די פויערים, זי עסט ווי אַ חיה, זי איז משוגע.

די לעצטע פון די פערזאַמעלטע זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איינער נאָך דעם צווייטען.

ווען מישעל פלעשאַר האָט געהאַט אויפגעגעסען, האָט זי געזאָגט צו די פויערטע:

— ס'איז גוט, איך האָב שוין געגעסען, איצט, לאַ טורג.

— נאַ, האָסטו, שוין ווידער מיט דעם איינגענעם! האָט אויסגעשריען די פויערטע.

— איך מוז דאָך געהן אין לאַ טורג. זאָגט מיר, וואו איז דער וועג קיין לאַ טורג.

—אַנדערש בישט! האָט געזאָגט די פויערטע. איהר ווילט מען זאָל אייך דאָרט דערהרג'ענען? איבעריגענס, איך ווײס נישט. אַזוי, איהר זענט טאַקי משוגע? הערט זיך איין, מײַן ליבע פרוי, איהר זעהט אויס צו זײַן מיעד. ווילט איהר אייך אפשר בײַ מיר אָברוהען?

— איך רוה מיך נישט אָב, האָט געענטפערט די מוטער.

— איהרע פים זענען אינגאַנצען צובלוטיגט, האָט די פויערטע גע־מורמעלט.

מישעל פלעשאַר האָט ווידער אָנגעהויבען:

— איך זאָג דאָך אייך, אַז מען האָט מיר צוגעגנב'עט מײַנע קינדער אַ קליין מיידעלע און צוויי קליינע יונגלעך. איך קום פון אַ הייל, וואָס אין וואַלד. מען קאָן זיך אויף מיר פרעגען בײַ טעלמאַרק — דעם בעטלער. און דערנאָך בײַם מענשען, וועלכען איך האָב בעגעגענט דאָרט אויפ'ן פעלד. דער בעטלער האָט דאָך מיך אויסגעהײלט. דאַכט זיך, דאָס בײַ מיר איז עפּעס אַ ביין צעבראָכען געוואָרען. דאָס זענען אַלץ זאַכען, וועלכע זענען געשעהען. דערנאָך איז נאָך פאַרהאַן דער סערזשאַן ראַדו. מען קאָן זיך בײַ איהם אויך פרעגען. ער וועט זאָגען, ער האָט דאָך אונז געטראָפען אינ'ם

וואַלד, דרײַ, איך זאָג אײַך דרײַ קינדער. דעם עלטערן רופֿט מען רעזשע־ושען איך קאָן עס בעווײַזען. דער צווייטער הייסט גראָס־אַלען און די דריטע זשאָרזשעט. מײַן מאַן איז טויט. מען האָט איהם דערהרגעט. ער איז געווען אַ אַרענדאַטאָר אין סיסקוואָניאַר. איהר זעהט־אויס צו זײַן אַ גוטע פֿרוי, ווײַזט מיר דעם וועג. איך בין נישט משוגע, איך בין אַ מוטער. איך האָב פֿערלוירען מײַנע קינדער און איך זוך זיי. אַט איז אַלץ. איך ווייס אַפֿילו נישט אויף ריכטיג, פֿון וואַנען איך קום. איך האָב די נאַכט געשלאָפֿען אויף שטרוי אין אַ שײַער. און איך געה קיין טורג. איך בין נישט קיין גנבטע. איהר זעהט אַליין, אַז איך זאָג דעם אמת. מען וואָלט מיר בעדאַרפֿט העלפֿען, צו געפֿינען מײַנע קינדער. איך בין נישט פֿון דער געגענד. מען האָט מיך געשאָסען, נאָר איך ווייס נישט וואו.

— הערט זיך אײַן, האָט איהר געזאָגט די פֿויערטע, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. אין צײַטען פֿון אַ רעוואָלוציע, דאַרף מען נישט פֿערצײַלען קיין מעשיות. וועלכע מען פֿערשטעהט נישט. מען קאָן אײַך נאָך אַרעסטירען.

— אָבער לאָ טורג! האָט געשריען די מוטער. מאַדאַם, אין נאָמען פֿונ'ם קינד יעזוס אין דער הײליגע יונגפֿרוי, בעט איך אײַך, מאַדאַם, איך בעשווער אײַך, זאָגט מיר, ווי געהט מען קיין טורג!

די פֿויערטע איז געוואָרען אין כעס.

— איך ווייס נישט! און ווען איך וואָלט אַפֿילו געוואוסט, וואָלט איך אײַך אויך נישט געזאָגט! דאָס זענען שלעכטע ערטער אַהין געהט מען נישט.

— און איך געה פֿונדעסטוועגען דאָרט אַהין, האָט געזאָגט די מוטער, און זי האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

די פֿויערטע האָט איהר נאָכגעקוקט און געברומט:

— מען דאַרף דאָך זעהן, זי זאָל עפּעס עסען.

זי איז איהר נאָכגעלאָפֿען און איהר אַרײַנגעלעגט אין די האַנד אַ פּלעצעל.

— נאַט אײַך אויף אַוועגד־ברויט.

מישעל פֿלעשאַר האָט צוגענומען דאָס פּלעצעל, נאָרנישט געענטפֿערט, אַפֿילו נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און איז ווײַטער געגאַנגען.

זי איז אַרויס פֿון דאָרף. ווי זי איז צוגעקומען צו די לעצטע הײַזער, האָט זי בעגעגענט דרײַ קלײנע קינדער, אָבגעריסענע און באָרפֿיסע. זי האָט זיך דערנעהנטערט און געזאָגט:

— די דאָזיגע, דאָס זענען צוויי מיידלעך און אַ יונגעל.

און זעהענדיג, ווי זיי קוקען אויף איהר ברויט האָט זי זיי עס אַוועקגעגעבען.

די קינדער האָבען צוגענומען דאָס ברויט און זיך דערשראָקען.

זי איז אַרײַן טיעף אין וואַלד.

IV.

אַ טעות.

דערווײַל האָט זיך אין דעמזעלבען טאָג, באַגינען אָבגעשפּילט אין דער אונקלאָרער דונקעלקייט פֿונ'ם וואַלד, וואָס אויפ'ן וועג פֿון זשאַוועגע קיין לעקום פאָלגענדע געשעהעניש:

אין דער גאַנצער באָקאָוש איז דער וועג אַ טיעף אויסגעהאַקטער און אויך דער וועג פֿון זשאַוועגע קיין פאַריניע דורך לעקום געהט צווישען צוויי הויכע משופע'דיגע ברעגעס. דערצו איז ער נאָך געדרעהט און ס'זעהט אויס גיכער ווי אַ בערג־שפּאַלט, איידער אַ וועג. דער וועג געהט פֿון ווײַטרע און האָט געהאַט די עהרע צו טרייסלען די קאַרעטע פֿון מאַדאַם סעוויניע [1]. דער דאָזיגער וועג איז ווי אַרומגעמויערט פֿון לינקס און פֿון רעכטס מיט פּלויטען. בכלל איז עס אַ גוט אָרט פאַר אַ לויערניש.

דעם דאָזיגען פֿריהמאָרגען, אַ שעה פֿריהער איידער מישעל פלעשאַר איז פֿון אַ צווייטע זייט פֿון וואַלד אַרײַנגעקומען אין דאָרף, וואו זי האָט געזעהן דעם פינסטערען וואָגען בעגלייט פֿון זשאַנדאַרמען, האָט זיך אין די געדיכטע קושאַקעס, אויפ'ן וועג פֿון זשאַוועגע הינטער'ן בריק קוּעגאָן פֿער־זאַמעלט אַ עולם אונזיכבאַרע מענשען, פֿון די צווייגען פֿאַרשטעלט. דאָס זענען געווען פּויערים, אָנגעטון אין קורצע פּעלצלעך, ווי עס האָבען געטראָגען די ברעטאַנישע קעניגע אין זעקסטען יאָהרהונדערט און די פּויערים אין אַכצעהנטען. די דאָזיגע לײַט זענען געווען בעוואָפֿענט, ווער מיט ביקסען, ווער מיט העק. די, וועלכע האָבען געטראָגען די העק, האָבען צוגע־גרייט אויף אַ לײדיגען פּלאַץ אַ הויפען מיט טרוקענע צווײַגען, אונטער וועלכע עס איז נאָר געבליבען אַרונטער צו לעגען פײַער. די, וועלכע האָבען געהאַט ביקסען האָבען זיך אויסגעשטעלט איף בײדע זײַטען פֿון וועג אין אַ פּאָזע פֿון ערוואַרטונג. ווער עס וואָלט געקאָנט קוקען דורך די בלעטער, וואָלט געזעהן אומעדום פינגער אַרויפגעלעגט אויף די צינגלעך און אָנגעצילטע אויפ'ן וועג. די דאָזיגע מענשען זענען געשטאַנען אויף דער לויער.

אין דער דעמערונג האָבען געשמועסט שטילע שטימען.

— ביסטו אין דעם זיכער?

— יאָ, מען זאָגט.

— זי וועט אַדורכגעהן.

---

1) מאַדאַם דע סעוויניע—מאַרקיזין אין דער צײַט פֿון ליודוויג 14-טען בערימהטע דורך איהרע בריף צו דער טאָכטער, מאַדאַם דע גריניאַן, וועלכע זענען אַ דאַנק זייער־ליבעדיגקייט און גלענצענדען סטיל אַרויסגעגעבען געוואָרען.

— מען זאָגט, אַז זי איז אין דער געגענד.
— מען טאָר נישט דערלאָזען, אַז זי זאָל פון דאַנען אַרויס.
— מען מוז זי פערברענגען.
— צוליעב דעם טאַקי האָבען מיר זיך דאָך פערזאַמעלט פון דרײַ דערפער.
— יאָ, נאָר וואָס וועט זײַן מיט דער בעגלײַטונג?
— מען וועט דער׳הרג׳ענען די בעגלײַטונג.
— נאָר געהט זי אַ דורך דעם דאָזיגען וועג?
— מען זאָגט אַזוי.
— דאָס הײַסט אַלזאָ, אַז זי קומט פון וויטרע.
— פאַרוואָס דען נישט?
— מען האָט דאָך געזאָגט, אַז זי וועט קומען פון פּוזשער.
— פון וואַנען זי זאָל נישט קומען פון וויטרע צו פון פּוזשער, אַלץ אײנס קומט זי פון טײַוועל.
— באמת.
— און אַהין זאָל זי צוריקגעהן.
— ריכטיג.
— זי געהט, הײַסט דאָס, קײן פאַריניע.
— עס קומט אַזוי אויס.
— זי וועט דאַרט נישט אַהינגעהן.
— נײן.
— נײן, נײן, נײן!
— אָבטונג!
עס וואָלט אין דער אמת נישט געווען קײן עולה ■ שווײַגען, ווײַל עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען.
פּלוצלינג האָבען די בעהאַלטענע לײַט אײַנגעהאַלטען זײער אָטעם; ען האָט דערהערט אַ גערויש פון רעדער און פון פערד. זײ האָבען גע-וקט דורך די צווײַגען און נישט דײַטליך געזעהן אויף דעם וועג אַ לאַנ-ען וואָגען, אַ בעגלײַטונג אויף פערד און עפּעס אויפ׳ן וואָגען, וואָס האָט ך צו זײ דערנעהנטערט.
— אָט איז עס! האָט זיך אָנגערופען אײנער, וועלכער האָט אויסגע-עהן צו זײַן דער פיהרער.
— יאָ, האָט אַ צווײטער צוגעשטימט, מיט אַ בעגלײַטונג.
— צוועלף.
— מען האָט געזאָגט, אַז זײ זענען צוואַנציג.

— צוועלף אָדער צוואַנציג, מיר וועלען זיי אַלעמען טויטען.

— לאָמיר וואַרטען, ביז זיי וועלען זיך צו אונז דערנעהנטערן.

באַלד דערנאָך האָט זיך דער וואָגען מיט זיין בעגלייטונג בעוויזען ביים עק פון וועג.

— זאָל לעבען דער קעניג! האָט אויסגערופען דער פויערים-פיהרער.

הוגדערט ביקסען-שאָסען האָבען זיך דערהערט אויף איינמאָל.

ווען דער רויך איז פערשוואונדען, איז אויך די בעגלייטונג פערשוואונדען געוואָרען, זיבען רייטער זענען געפאַלען, פינף זענען זיך צולאָפען, די פויערים זענען צוגעלאָפען צום וואָגען.

— האַלט, האָט אויסגעשריגען דער פיהרער, עס איז דאָך נישט קיין גיליאָטינע, ס'איז גאָר אַ לייטער.

דער וואָגען האָט ווירקליך געהאַט אַלס איינציגע משא דעם לייטער. די צוויי פערד זענען געלעגען פערוואונדעטע; דער פוהרמאַן איז געוועזען טויט.

— אַלץ איינס, האָט געזאָגט דער פיהרער, אַ לייטער, וועלכען מען פיהרט מיט אַ בעגלייטונג, איז פערדעכטיג. זי געהט פון דער זייט פון פאַריניע, זיכער וואָלט זי געדינט צו דער אַטאַקע אויף לאַ-טורג.

— לאָמיר פערברענען די לייטער, האָבען אויסגעשריען די פויערים, און זיי האָבען פערברענט די לייטער.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם פינסטערן וואָגען, וועלכען זיי האָבען ערוואַרטעט, איז ער געגאַנגען גאָר אויף אַ אַנדערען וועג, און ער איז שוין געוועזען אויף צוויי מייל ווייטער, אין דעם דאָזיגען דאָרף, וואו מישעל פלעשאַר האָט איהם געזעהן אַ דורכגעהן ביים זונען-אויפגאַנג.

Y.

אַ קול אין דער מדבר.

מישעל פלעשאַר, אָבלאָזענדיג די דריי קינדער, וועמען זי האָט אַוועקגעגעבען איהר ברויט, האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער דורכ'ן וואַלד.

אַז מען האָט איהר נישט וועוואָלט ווייזען דעם וועג, האָט זי איהם געמוזט אַליין געפינען. פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך אַוועקזעצען, אויפהויבען און דערנאָך זיך ווידער אַוועקזעצען. זי האָט געפיהלט די מידקייט, וועלכע בעפאַלט אַ פריהער די מוסקולען און געהט דערנאָך אַריבער צו די ביינער — אַ מידקייט פון אַ קנעכט. און זי איז באמת געווען אַ קנעכט, אַ קנעכט פון איהרע פערלוירענע קינדער. מען האָט זיי געמוזט געפינען; יעדע פערפלאָסענע רגע האָט געקאָנט זיין זייער פערניכטונג; ווער עס האָט

אזעלכע פליכטען, דער האט נישט קיין רעכט; איהר איז געווען פערבאטען אבצורוהען זיך. זי איז אבער מיעד געווען. איהר פערמאטערטקייט איז דערגאנגען אזוי ווייט. אז יעדער שריט איז געווען א לעבענס־פראגע. וועט זי קאנען מאכען דעם שריט? זי איז געגאנגען פון דער פריה; זי האט שוין מעהר נישט געטראפען נישט קיין דארף, אפילו נישט קיין הויז. זי האט פריהער בעטרעטען דעם ריכטיגען שטעג, דערנאך איז זי אריבער אויף א צווייטען און צום סוף האט זי זיך פערלוירען אינמיטען פון די צווייגען, עהנליכע איינע אויף די צווייטע. האט זי זיך דערנעהנטערט צום ציעל? וועט שוין נעמען א סוף צו איהרע צרות? אדער וועט זי פאלען אויפ'ן וועג און אויסהויכען איהר נשמה? עס איז געווען א מאמענט, ווען עס האט זיך איהר געדאכט, אז עס איז אונמעגליך ווייטער צו געהן. די זון האט זיך גענייגט צו מערב, דער וואלד איז געווען דונקעל, די שטעגען זענען פערשוואונדען געווארען אונטער'ן גראז, און זי האט מעהר נישט געוואוסט, וואס מיט זיך צו טהון. איין גאט איז איהר געבליבען. זי האט איהם גע־רופען, נאר קיינער האט איהר נישט געענטפערט.

זי האט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן דורך די צווייגען א ליכטיגען הימעל. זי האט זיך געווענדט אין יענער זייט. און פלוצלינג זיך געפינען אויסער דעם וואלד.

פאר איהר האט זיך געצויגען א שמאלער טאל, אזוי ווי א גרובען, און טיעף אינווייניג האט געפלאסען צווישען די שטיינער א קלאר וואסערל. דא־מאלס האט זי זיך דערמאנט, אז זי איז שטארק דורשטיג. זי איז צוגעקומען צום וואסער, אנידערגעקניהט און געטרונקען.

זי האט אויסגענוצט דאס, וואס זי שטעהט אויף די קניה און אבגע־זאגט א תפילה.

אויפשטעהענדיג, האט זי זיך ארומגעקוקט און געפרובט געפונען א וועג. זי איז אריבערגעגאנגען דאס וואסער.

אויף יענער זייט טאל האט זיך, ווי ווייט דאס אויג האט דערגרייכט, געצויגען א הויכפלעכע בעדעקט מיט קורצע קרזשאקעס, וועלכע האבען אנ־הויבענדיג זיך פונ'ם וואסער, אלץ העכער געשטיגען און אנגעפיהלט דעם גאנצען האריזאנט.

דער וואלד איז געווען א איינזאמער ארט, די הויכפלעכע איז געווען א מדבר. אינ'ם וואלד, האט מען געקאנט אונטער יעדען קרזשאק עמיץ גע־פינען; אויף דער הויכפלעכע, ווי ווייט דאס אויג האט דערגרייכט, האט מען קיינעם נישט געזעהן, מעהר נישט עטליכע פייגעל, וועלכע האבען אויס־געזעהן צו וועלען אנטלויפען, זענען געפלויגען צווישען די געוויקסען.

דאמאלס, לפנים די דאזיגע אונגעהויערע פערלאזענקייט, פיהלענדיג ווי די קניהען בויגען זיך אונטער איהר און ווי אריינגעפאלען אין א משוגעת, האט די אונגליקליכע מוטער געווארפען דעם מדבר א מאדנעם געשריי:—

געפינט זיך דא עמיץ?

און זי האט געווארט אויף אן ענטפער,

מען האט איהר געענטפערט.

עס האט זיך דערהערט א טויבע שטים; א שטים, וואס איז געקומען פון דער טיפעניש פון'ם האריזאנט און זיך אבגעשלאגען אין ווידערקוללען; עס איז געוועזען עהנליך צו א דונער, אויב עס איז נישט געוועזען קיין קאנאגען-שאס; איז עס אויסגעקומען ווי די דאזיגע שטים ענטפערט דער מוטער, ווי זי וואלט זאגען: יא.

דערנאך איז געווארען שטיל.

די מוטער האט זיך אויפגעשטעלט, צוריק געלעגט; עס איז דאך עמיץ געוועזען, עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי האט איצט מיט וועמען צו רעדען; זי האט שוין געהאט געטרינקען און געדאווענט; די כחות זענען איהר צוריקגעקומען און זי האט אנגעהויבען ארויפצוקריכען אויף די הויכפלעכע אין דער זייט, פון וואנען עס האט זיך געהערט די הילכיגע ווייטע שטים.

פלוצלינג האט זיך אויף דעם ווייטסטען פונקט פון האריזאנט בעוויזען א הויכער טורם, דער טורם איז געשטאנען איינזאם אין די דאזיגע ווילדע לאנדשאפט; א שטראהל פון דער אונטערגעהענדע זון האט איהם פארויטעלט. ער איז געוועזען פון איהר אויף א מייל פון דערווייטענס. אונטער דעם דאזיגען טורם איז אינ'ם נעבעל פערשוואונדען א ברייט און ווייט צעוואקסענע גרינס, דאס איז געוועזען דער וואלד פון פושער.

דער דאזיגער טורם איז איהר ערשינען אויף דעמזעלבען פונקט פון האריזאנט, פון וואנען דער דונער איז געקומען, דער דונער וואס האט איהר געקלונגען ווי א רוף. האט דאס דער דאזיגער טורם אנגעמאכט אזא רעש?

מישעל פלעשאר איז אנגעקומען אויפ'ן שפיץ פון דער הויכפלעכע, איצט האט זי פאר זיך געהאט א גלייכען שטח.

זי האט געווענדעט איהרע טריט צום טורם.

VI.

די לאגע.

עס האט געשלאגען די שעה.

סימורדען האט געהאלטען לאנטענאק'ן אין זיינע הענד.

דעם אלטען ראיאליסט האט מען גענומען געפאנגען אין זיין הייל;

עס איז איהם קענטיג, נישט מעגליך געווען צו אנטלויפען; און סימורדען האט בעשלאסען, אז מען זאל דעם מארקיז אראבהאקען דעם קאפ ביי זיך אויפ'ן ארט, אויף זיין אייגענע ערד און געוויסערמאסען ביי זיך אין הויז, בכדי דאס פעאדאלע וואוינארט זאל זעהן, ווי עס פאלט דער קאפ פונ'ם פעאדאלען מאן און אז דער ביישפיל זאל זיין לזכרון.

דעריבער האט ער געשיקט קיין פושער נאך א גיליאטינע. מיר האבען זי געזעהן אויפ'ן וועג.

טויטען לאנטענאק'ן איז געווען דאס אייגענע, וואס טויטען וואנדעע; טויטען וואנדעע איז געווען—ראטעווען פראנקרייך. סימורדען האט נישט געצווייפעלט. דער דאזיגער מענש האט זיך גוט געפיהלט אין דער גרויזאמקייט פונ'ם פליכט.

עס האט זיך געדאכט, אז דער מארקיז איז פערלוירען; פון דער דאזיגער זייט איז סימורדען געווען רוהיג ער איז אבער אונרוהיג פון א אנדערע זייט. דער קאמף וועט געוויס זיין א גרויזאמער; גאווען וועט איהם אנפיהרען און וועט אפשר אליין ווילען אנטיילנעמען; דער דאזיגער פיהרער איז קודם כל געווען א סאלדאט און איז גרייט געווען צו ווארפען זיך אין א פויסט-קאמף; און טאמער ווערט ער דערהרגעט? גאווען! זיין קינד! די איינציגע צוגעבונדענקייט זיינע אויף דער ערד! גאווען איז עס ביז איצט אבגעגאלטען, דאס גליק אבער ווערט מיער. סימורדען האט געציטערט. זיין גורל איז געווען א מאדנער. ער האט זיך געפונען צווישען צוויי גאווענס, איינעם האט ער געוואונשען דעם טויט, דעם צווייטען דאס לעבען.

דער קאנאנען-שאס, וועלכער האט אויפגעוועקט זשארזשעט אינ'ם וויגעל און גערופען די מוטער פון דער טיפעניש פונ'ם מדבר, האט נישט נאר דאס אויפגעטון. איז דאס געווען א צופאל, צו נאר די אבזיכט פונ'ם שיסער, די קויל וועלכע האט נאר געזאלט זיין א ווארנונג, האט פאלענדיג אויפ'ן טורם, צוהאקט און האלב אבגעריסען דעם אייזערנעם ביישלאג, וואס האט פארשטעלט און געשלאסען די גרויסע שיסלעכער פון ערשטען שטאק פונ'ם טורם. די בעלאגערטע האבען נישט געהאט קיין צייט צו פעריכטען די דאזיגע צעשעדיגונג.

די בעלאגערטע האבען זיך נאר בעריהמט. זיי האבען אין דער אמת'ן געהאט זעהר ווייניג מוניציאן. זייער לאגע איז געווען נאך קריטישער, ווי די בעלאגערער האבען עס זיך פארגעשטעלט. ווען זיי וואלטען געהאט גענוג פולווער, וואלטען זיי גאנץ לא טורג אויפגעריסען, זיך צוזאמען מיט'ן שונא; דאס איז געווען זייער חלום; נאר אלע זייערע זאפאסען זענען געווען אויסגעשעפט. זיי האבען קוים געהאט צו דרייסיג לאדונגען אויף א

פארשוין. זיי האבען געהאט א סך ביקסען און פיסטאלעטען, נאר ווענינ פאטראנען. זיי האבען אנגעלאדען זייער גאנץ געוועהר, בכדי צו קענען כסדר שיסען; נאר ווי לאנג קאן דאס דויערן? מען האט געמוזט סיי אונטערהאלטען דאס פייער, סיי שפארין די לאדונגען. אין דעם איז בעשטאנען די שוועריגקייט. צום גליק — א קלאגעדיגער גליק — האט דער קאמף געזאלט זיין מענש געגען מענש, מיט האנד־געוועהר, אויף שווערדען און מעסערס. מען וועט זיך מעהר לאפען פאר'ן האלז האקען און שניידען, ווי שיסען; דאס איז געווען זייער איינציגער האפנונג.

דער טורם אינוועניג האט זיך געדאכט איז נישט איינצונעמען. אינ'ם אונטערשטען זאל, וואו עס איז צוגעקומען דאס לאך פונ'ם איינברוך, איז געווען פערשאנצט מיט א באריקאדע, זעהר גוט אויפגעשטעלט דורך לאנטענאק'ן, וועלכער האט פערמאכט דעם איינגאנג. פון דער צווייטער זייט פון דער באריקאדע איז געשטאנען א לאנגער טיש, בעדעקט מיט אנגעלאדען געוועהר, שווערדען, העק און מעסערס. ניט קאנענדיג אויסנוצען פאר'ן אויפרייס די תפיסה, וועלכע האט זיך פעראייניגט מיט'ן אונטערשטען זאל, האט דער מארקיז געהייסען פערמאכען די טיר פונ'ם קעלער. איבער דעם אונטערשטען זאל איז געווען דאס ראנדע צימער פונ'ם ערשטען שטאק, וואוהין מען האט נאר געקאנט אריינקומען דורך שמאלע געדרעהטע שטיגען; אין דעם דאזיגען צימער, איז פונקט ווי אינ'ם אונטערשטען זאל געשטאנען א לאנגער טיש מיט געוועהר, גרייט גלייך צום געברויכען; דאס טאגליכט איז דארט אריין דורכ'ן גרויסען שיסלאך, וואס זיינע אייזערנע קראטעס זענען אראבגעהאקט געווארען דורך א קאנאנען־קויל; איבער דעם דאזיגען צימער, האבען געדרעהטע שטיגען געפיהרט צום ראנדען־צימער פונ'ם צווייטען שטאק, וואו עס האט זיך געפינען די אייזערנע טיר. דאס דאזיגע צימער פונ'ם צווייטען שטאק האט מען גערופען „דאס צימער פון דער אייזערנער טיר" אדער „דאס צימער פון די שפיגלען", צוליעב די גרויסע צאהל קליינע שפיגלען, וועלכע זענען געווען ארייננעשלאגען מיט אלטע פאראסטע נעגעל אין די הוילע שטיינער; א מאדנע עלעגאנץ געמישט מיט ווילדקייט. אזוי ווי די פערטיידיגונג פון די אויבערשטע צימערען האבען נישט געקאנט ברענגען קיין נוצען, איז דאס דאזיגע שפיגעל־צימער געווען דאס, וואס מאנעסאן־מאלעט, דער געזעצגעבער פון די פעסטונגען רופט־אן „דער לעצטע פאסטען, וואו די בעלאגערטע קאפיטולירען". דער עיקר איז געווען, נישט צו דערלאזען, או די בעלאגערער זאלען אהינקומען.

דאס דאזיגע קיילעכדיגע צימער פונ'ם צווייטען שטאק איז געווען בעלויכטען דורך די שיסלעכער; פונדעסטוועגען האט זיך געברענט א שטור־

קאַץ. דעם דאָזיגען שטורקאַץ, פונקט ווי דער פונ׳ם אונטערשטען זאַל האָט אָנגעצינדען דער איטאַנוס און האָט געבען דעם אוועקגעלעגט דעם עק פונ׳ם לאַנגען בעשוועבעלטען קנויט. גרויזאַמע פאַרברייטונגען.

אויף דער טרעפּ פונ׳ם אונטערשטען זאַל, איז אויף אַ לאַנגען געשטעל געלעגען עסענוואַרג, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ האָמערישען הייל; גרויסע טעלער מיט רייז, אַ זופּ פון קאָרן, געהאַקטע קאַלבפלייש, אַ טייגעכץ פון מעהל און געקאָכטע פרוכט, קריגען מיט וויין און עפּעלזאַפט. געגעסען און געטרונקען האָט ווער עס האָט געהאַט חשק.

דער קאַנאָנען-שאָס האָט זיי אַלעמען צעטרייסעלט. מען האָט געהאַט פאַר זיך נישט מעהר ווי אַ האַלבע שעה.

דער איטאַנוס האָט פון דער הויך פון טורם געהיט די בעוועגונג פון די בעלאַגערער. לאַנטערנאַק האָט בעפוילען נישט צו שיסען און צו לאָזען זיי זיך דערנעהנטערן. ער האָט געזאָגט:

— זיי זענען פיער טויזענד פינף הונדערט. צושלאָגען זיי פון דרויסען איז אונוצליך. הרג׳עט זיי פון אינוועניג. אינוועניג וועט זיך צוריקשטעלען די גלייכהייט.

און לאַכענדיג האָט ער צוגעגעבען:— גלייכהייט, ברידערליכקייט.

מען האָט זיך אָבגעשמועסט, אַז בשעת דער פייגד וועט אָנהויבען זיין בעוועגונג, זאָל דער איטאַנוס מיט זיין טראָמפּייט זיי וואָרענען.

אויסגעשטעלט הינטער די באַריקאַדע, האָבען זיי אַלע אין דער שטיל געוואַרט מיט די הענד אויפ׳ן געוועהר, ווער אויפ׳ן ראָזענקראַנץ.

די לאַגע איז געוואָרען קלאָר און האָט אַזוי אויסגעזעהן:

פאַר די בעלאַגערער: אַריינעהן דורכ׳ן דורכברוך, צערשטערען די באַ-ריקאַדע, איינגעהמען דריי זאַלען, וועלכע האָבען זיך געפונען איינע איבער די צווייטע, און בעהערשען צוויי נעדרעהטע שטיגען, שטאַפּעל פאַר שטאַפּעל אונטער אַ האָגעל פון קוילען; פאַר די בעלאַגערטע—צו שטאַרבען.

VII.

די פאַרבערייטונגען:

גאָוועין האָט פון זיין זייט צוגעגרייט די אַטאַקע, ער האָט געגעבען די לעצטע בעפעהלען סימורדען, וועלכער, ווי מען דערמאָנט זיך, האָט געזאָלט, נישט נעהמענדיג קיין אָנטהייל אין קאַמף, היטען די הויכפלעכע, און געשאַ׳ן, וועלכער האָט געזאָלט בלייבען מיט דעם גרעסטען טהייל פון דער אַרמעע אין אַ בעאָבאַכטונגס-לאַגע אינ׳ם וואַלד-לאַגער. מען האָט זיך אָבגעשמועסט, אַז נישט די נידריגע באַטעריע פון וואַלד און נישט די הויכע פון דער

הויכפּלעכע זאָלען ניט שיסען, ווי לאַנג די בעלאַגערער וועלען ניט פּרוּבען אַרויסצוגעהן אָדער צו אַנטלויפען. גאָוועץ האָט פאַר זיך איבערגעלאָזט די אָנפירונג מיט דער שטורם-אָבטײלונג. דאָס האָט אײגענטליך באַוואונהײנט סימורדען.

די זון איז נאָר וואָס אונטערגעגאַנגען. אַ טורם אין אַ אָפענעם פעלד איז ענלעך צו אַ שיף אויף אַ אָפענעם ים. ער מוז ווערען אַטאַקירט אויף דעמזעלבען אופן. קאַנאָנען זענען דאָ איבעריג. צי וואָס בעשיסען ווענט פון פינף פוס די גרעב? עס איז גענוג אַ לאָך אין'ם שיף-באָרט: די אײנע בעמיהען זיך אַרײנצודרינגען, די אַנדערע—פאַרשטעלען דעם אײנגאַנג, העק, מעסערס, פיסטאָלעטען, פויסטען, צײהן—אָט ווי עס זעהט אויס דאָס בעגעגעניש.

גאָוועץ האָט געפיהלט, אַז עס איז נישטאָ קײן אַנדער מיטעל אײנצונעהמען לאַטורג. עס איז ניט פאַרהאַן עפּיס מערדערליכעס, ווי אַ אַטאַקע, וואו די קעמפענדע צדדים טרעפען זיך אויג אויף אויג. ער האָט געקאָנט דאָס שרעקליכע אינערע פון'ם טורם, לעבענדיג דאָ אין די קינדער-יאָהרען.

ער האָט זיך טיעף פאַרטראַכט.

דערווײל האָט עטליכע שריט פון איהם זײן געהילף, געשאַן, מיט אַ לונעטע אין דער האַנד, געפאָרשט דעם האָריזאָנט פון דער זײט פון פאַדיניע. פּלוצלינג האָט ער אויסגעשריען:

— אַהאַ, ענדליך.

דער דאָזיגער אויסגעשריי האָט אויפגעוועקט גאָוועץ פון זײנע חלומות.

— וואָס איז געשעהן, געשאַן?

— הערר קאָמענדאַנט, אָט איז די לײטער.

— די רעטונגסלײטער?

— יאָ.

— וואָס! מיר האָבען זי נאָך ניט געהאַט?

נײן, הערר קאָמענדאַנט. און איך בין געווען אונרוהיג. דער שליח, וואָס איך האָב אוועקגעשיקט קײן זשאַווענע איז צוריקגעקומען.

— איך ווײס עס.

— ער האָט מיטגעטײלט, אַז ער האָט געפינען אין זשאַווענע אַ לײטער פון דער געוואונשטער גרויס, אַז ער האָט זי רעקווירירט, געהײסען אַרויסלײגען די לײטער אויף אַ וואָגען, געפאָדערט אַ בעגלײטונג פון צוועלף מאַן רײטער און ער האָט אַלײן געזעהן, זי אוועקפיהרען קײן פאַריניע. דערנאָך איז ער שנעל געקומען צו רײטען.

— און געבראַכט אונז דעם ראַפּאָרט. ער האָט נאָך צוגעגעבען, דאָס דער וואָגען, זײענדיג גוט אײנגעשפּאַנט, איז אַרויסגעפאָהרען צוויי אַ זײגער

בײַנאַכט און בעדאַרף דאָ צו זײַן פּאַר זוגען אונטערגאַנג, דאָס אַלץ ווײס איך. נו, אַלזאָ?

— אַלזאָ, הערר קאָמענדאַנט, די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען און די לײַטער איז נאָך נישט אָנגעקומען.

— איז דאָס מעגליך? פֿונדעסטוועגן מוזען מיר אָנהויבען צו אַטאַקירען. די צײַט איז געקומען. שלעפּען מיר אָב, וועלען די בעלאַגערטע מײנען, אַז מיר האָבען מורא.

— הערר קאָמענדאַנט, מיר קענען אַטאַקירען.

— די רעטונגסלײטער איז דאָך נויטיג.

— אָהן ספק.

— און מיר האָבען זי נישט.

— מיר האָבען זי.

— ווי אַזוי?

— טאַקי צוליעב דעם, האָב איך דאָך אויסגעשריען: אַהאַ, ענדליך! דער וואָגען איז נישט אָנגעקומען; האָב איך גענומען מײַן לאָרנעטע און בעטראַכט דעם וועג וועלכער פֿירט פֿון פּאַריזשער טויער, איך בין צופֿרידען. דער וואָגען געהט דאָרט פֿון דערווײַטענס מיט אַ בעגלײטונג. ער לאָזט זיך אַרונטער פֿון אַ הויכען בערגעל. איהר קאָנט איהם זעהן.

גאָווען האָט גענומען די לאָרנעטע און געקוקט.

— ווירקליך. עס איז שוין צו טונקעל, אַז מען זאָל קאָנען אַלץ גוט זעהן, נאָר מען זעהט די בעגלײטונג, דאָס אודאי איז עס. נאָר די בעגלײטונג, דאַכט זיך מיר, איז אַ גרעסערע, ווי איהר האָט געזאָגט, געשאַן.

— און מיר דאַכט זיך אויך אַזוי.

— זײ זענען אַ פֿירטעל מײל פֿון דאַנען.

—הערר קאָמענדאַנט, די רעטונגס-לײַטער וועט דאָ זײַן אין אַ פֿירטעל שעה אַרום.

— מען קאָן אַטאַקירען.

עס איז ווירקליך געווען אַ וואָגען, וואָס איז אָנגעקומען, נאָר נישט דער, וועלכען זײ האָבען ערוואַרטעט.

גאָווען, אויסדרײענדיג זיך, האָט דערזעהן הינטער זיך דעם סערזשאַנט ראַדו; ער איז געשטאַנען אויסגעצויגען, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, אין אַ פּאָזע פֿון מיליטערישע בעגריסונג.

— וואָס איז, סערזשאַנט ראַדו?

— בירגער קאָמענדאַנט, מיר אַלע פֿוגס באַטאַליאָן פֿון רויטען-היטעל, מיר בעטען אײַך אַ גנאָד.

— וועלכע?
— איהר זאָלט אונז לאָזען אומקומען.
— אָ! האָט געזאָגט גאַווען.
— וועט איהר זיין אַזוי גוט?
— נאַר... דאָס ווענדט זיך, האָט גאַווען געזאָגט.
— די זאַך איז אַזוי, בירגער קאָמענדאַנט. פון די געשעהעניש'ן אין דאָל אָן, שוינט איהר אונז. מיר זענען דאָך נאָך צוועלף.
— איז וואָס?
— דאָס ערנידריגט אונז.
— איהר זענט דאָך דער רעזערוו.
— מיר ווילען ליעבער זיין דער אוואַנגאַרד.
— איך דאַרף אָבער אייך צו ענטשיידען דעם נצחון ביים סוף פון א קאַמף. איך האַלט אייך אויף שפּעטער.
— צו פיעל שוינט איהר אונז.
— אַלץ איינס. איהר זענט אין דער אָבטהיילונג און געהט צוזאַמען מיט איהר.
— הינטער איהר. עס איז דאָס רעכט פון פאַריז צו געהן פאָראויס.
— איך וועל מיך וועגען דעם מישב זיין, סערזשאַנט ראַדו.
— זייט אייך מישב היינט, בירגער קאָמענדאַנט. אַט איז אַ גוטע געלעגענהייט. עס גרייט זיך אַ העסער געשלעג. לא טורג וועט פאַרברענגען די פינגער פון די, וועלכע וועלען זי בעריהרען. מיר בעטען, ווי אַ גנאָד, צו געהערען צו די דאָזיגע.
דער סערזשאַנט האָט אָבגעהאַקט, זיך געדרעהט די וואָנצעס און מיט אַ ציטעריגע שטימע ווייטער אָנגעהויבען:
און נאָך דערצו, זעהט איהר, בירגער קאָמענדאַנט, געפינען זיך אין דעם דאָזיגען טורם, אונזער קליינוואַרג. מיר האָבען דאָ אונזערע קינדער, די קינדער פון באַטאַליאָן. אונזערע דריי קינדער. דאָס דאָזיגע משונה'דיגע פּרצוף, דער שוטה בן פּיקהאָלץ, דער דאָרט, מיט'ן טריפה'נעם צונאָמען ברייז-בלע, אָדער ימאַנוס, די גניבה'שע צורה, דער רוח זאָל איהם כאַפּען, דראָהט אונזערע קינדער, אונזערע פּיצעלעך, בירגער קאָמענדאַנט. עס זאָל זיך אפילו די ערד שפּאַלטען וועלען מיר נישט דערלאָזען, עס זאָל זיי חס ושלום עפּעס געשעהן. איהר הערט בירגער קאָמענדאַנט, מיר ווילען עס נישט. אַקאָרשט ערשט, האָב איך אויסגענוצט דאָס, וואָס מען שלאָגט זיך נישט און בין אַרויפגעשטיגען אויף די הויכפלעכע און אַריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער; זיי זענען באמת דאָרט דאָ, מען קאָן זיי זעהן פונ'ם ברעג גראָ-

בען, און איך האב זיי געזעהן און האב זיי, די ליעבינקע, איבערגעשראָקען. בירגער קאָמענדאַנט, אויב איין איינציגע האָר פאַלט פון די קעפּלעך פון די מלאכים׳לעך, שווער איך ביי אלע, וואָס איז הייליג, אז איך, דער סערזשאַנט ראַדו, איך רוף דעם רבונו־של־עולם צו א דין־תורה. און אָט וואָס אונזער באַטאַליאָן זאָגט: מיר ווילען אונזערע קינדערלעך ראַטעווען, אָדער דערהרג׳עט ווערען. דאָס איז אונזער רעכט, צו אלדע רוחות! יאָ, אלע ווילען מיר דערהרג׳עט ווערען. און איצט בעגרים איך מיט כבוד דעם בירגער קאָמענדאַנט.

גאָווען האָט אויסגעשטרעקט ראַדו די האַנד און געזאָגט:

— איהר זייט אלע בראווע מענער. איהר וועט געהערען צו דער אַטאַקירענדער אָבטיילונג. איך טייל אייך אין צוויי׳ען. זעקס פון אייך וועל איך שטעלען אינ׳ם אַוואַנגאַרד, בכדי מען זאָל געהן פאָראויס און די אנדערע זעקס שטעל איך אינ׳ם אריערגאַרד, בכדי מען זאָל זיך נישט אומקעהרען.

— וועל איך אויך איצט אָנפיהרען מיט די צוועלף?

— געוויס.

— אלזאָ, בירגער קאָמענדאַנט, איך דאַנק אייך, ווייל איך נעהער צום אַוואַנגאַרד.

ראַדו האָט זיך מיליטעריש געגריסט און צוריק זיך אוועקגעשטעלט אין די רייהע.

גאָווען האָט ארויסגעצויגען דעם זייגער, געזאָגט עטליכע ווערטער געשאָן אויפ׳ן אויער, און די אַטאַקירענדע אָבטיילונג האָט זיך אָנגעהויבען צו פאָרמירען.

VIII.

דאָס וואָרט און דאָס געבריל.

דערווייל האָט זיך סימורדען, וועלכער האָט נאָך נישט געהאַט פערנומען זיין פּאָסטען אויף דער הויכפלעכע, און איז געשטאַנען נעבען גאָווען, דערנעהנטערט צום האָרן־בלאָזער.

— בלאָז אין האָרן, האָט ער געזאָגט.

דער האָרן האָט געבלאָזען, דער טראָמפּייט האָט אָבגעענטפערט.

נאָך אמאָל האָבען זיך איבערגעחזרט די אָבקלאַנגען פון האָרן און טראָמפּייט

— וואָס איז דאָס האָט געפרעגט גאָווען ביי געשאָן. וואָס וויל דען סימורדען?

סימורדען איז צוגעגאַנגען צום טורם מיט א ווייס טיכעל אין דער האַנד.

ער האָט געזאָגט מיט אַן׳אויפגעהויבענע שטימע:

— מענשען, וואָס איהר געפינט זיך אין טורם, איהר קאָנט מיך?

— אַ קויל, דאָס קויל פון אימאַנוס, האָט איהם אָבגעענטפערט פון דער הויך פון טורם:

— יאָ.

די ביידע שטימען האָבען צווישען זיך געשמועסט, געפרעגט און געענטפערט און אָט וואָס מען האָט געהערט:

— איך בין דער שליח פון דער רעפּובליק.

— דו ביסט דער פריהעריגער גלח פון פּאַריניע.

— איך בין דער דעלעגאַט פונ׳ם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכע רעטונג.

— דו ביסט אַ גלח.

— איך בין דער פאָרשטעהער פון געזעץ.

— דו ביסט אַ רענעגאַט.

— איך בין דער קאָמיסאַר פון דער רעוואָלוציע.

— דו ביסט אַ בוגד.

— איך בין סימורדען.

— דו ביסט דער טייוועל.

— איהר קאָנט מיך?

— מיר פאַרשעלטען דיך.

— וואָלט איהר געוואָלט מיך האָבען אין אייער מאַכט?

— מיר זענען דאָ אַכצעהן, וועלכע וואָלטען אוועקגעגעבען אונזערע קעפּ, אַבי צו האָבען דיינעם.

— אַלזאָ, איך וועל מיך אייך איבערגעבען.

פון דער הויך פונ׳ם טורם האָט זיך דערהערט אַ אויסברוך פון אַ ווילדען געלעכטער און אַ אויסגעשריי:

— קום.

אינ׳ם לאַגער האָט געהערשט אַ טיעפע שטילקייט פון ערוואַרטונג.

— מיט אַ בעדינגונג—האָט סימורדען זיך ווידער אָבגערופען.

— וועלכע?

— הערט.

— רעד.

— איהר האָט מיך פיינד?

— יאָ.

— איך האָב אייך ליעב. איך בין אייער ברודער.

דאָס קול פֿונ׳ם טור׳ם האָט אָבגעענטפֿערט:

אמת, קין.

סימורדען האָט אָבגעענטפֿערט מיט אַ בעזונדערע בעטאָנונג, וואָס איז געווען אין שטאָלץ און וויי.

— שעלט מיך, נאָר הערט מיך אויס. איך קום דאָ אַלס פּאַרלאַמענטאַר. יאָ, איהר זענט מײַנע ברידער. איהר זענט אָרימע פֿערבלאָנדזשעטע מענשען. איך בין אײַער פֿרײַנד. איך בין דאָס ליכט פֿון אמת און רעד צו דער פֿינסטערניש. דאָס ליכט ענטהאַלט אין זיך תּמיד ברידערליכקייט. איבריגענס, האָבען מיר דען נישט אַלע איין מוטער, דאָס פֿאָטערלאַנד. הערט זשע מיך אויס. איהר וועט שפּעטער געוואָהר ווערען, אָדער אײַערע קינדער וועלען עס וויסען, אָדער אײַערע קינדס־קינדער, אַז אַלץ, וואָס געשעהט איצט אין דער רגע, איז די ערפֿילונג פֿון די העכסטע געזעצען, און אַז דאָס, וואָס איז דאָ אין דער רעוואָלוציע — דאָס איז גאָט. און עס וועט קומען אַ צײַט, ווען אַלע געוויסענס, אַפֿילו אײַערע, וועלען עס פֿערשטעהן, און ווען אַלע פֿאַנאַטיזמען, אַפֿילו אונזערע, וועלען פֿערשוואונדען ווערען. און וואַרטענדיג אויף דעם דאָזיגען גרויסען ליכט, וועט זיך דען קיינער נישט געפֿונען, וואָס זאָל רחמנות האָבען אויף אײַער פֿינסטערניש? איך קום צו אײַך, איך ברענג אײַך מײַן קאָפּ פֿאַר אַ קרבן; נאָכמעהר, איך שטרעק אײַך אויס מײַן האַנד. איך בעט אײַך רחמים: ברענגט מיך אום און ראַטעוועט אײַך. איך האָב די גאַנצע פֿאָלמאַכט, און דאָס וואָס איך זאָג, קאָן איך עס אויספֿיהרען. עס איז אַ ערנסטע מינוט; איך מאַך אַ לעצטען פּרוב. יאָ, דער, וואָס רעדט צו אײַך, איז אַ בירגער, און אין דעם בירגער, אמת, איז פֿאַרהאַן אַ גלח. דער בירגער קעמפֿט מיט אײַך, דער גלח בעט און בעשווערט אײַך. הערט מיך אויס. אַ סך פֿון אײַך האָבען ווײַבער און קינדער. די ווײַבער און קינדער נעם איך אונטער מײַן שוץ. איך בעשיץ זיי געגען אײַך. אָ, מײַנע ברידער...

— טראָג דיך אָב, פּרעדיגער! האָט מיט חוזק געשריען דער אימאַנוס.

— מײַנע ברידער, האָט סימורדען ווײַטער גערעדט, לאָזט נישט שלאָגען די פֿערשאָלטענע שעה. מען געהט זיך איינער דעם צווייטען אויסקוילען. אַ סך פֿון אונז, וועלכע געפֿינען זיך דאָ, וועלען נישט דערלעבען די מאָרגענדיגע זון; יאָ, אַ סך פֿון אונז וועלען אומקומען, און איהר, איהר אַלע וועט שטאַרבען. האָט רחמנות אויף אײַך אַליין, נאָך וואָס פֿערגיסען אומזיסטע בלוט. נאָך וואָס טויטען אַזוי פֿיעל מענשען, אַז צוויי גענינען.

— צוויי? האָט געפֿרעגט דער אימאַנוס.

— יאָ, צוויי.

— ווער?

— לאַנטענאַק און איך.

סימורדען האָט אויפגעהויבען זיין שטימע:

— צוויי מענשען זעען דאָ צופיל, לאַנטענאַק פאַר אונז, איך פאַר אייך. אָט וואָס איך לייג אייך פאָר און איהר וועט אלע ראַטעווען אייער לעבען: גיט אונז לאַנטענאַק'ן און נעמט מיך. לאַנטענאַק'ן וועט מען גיליאָטינירען און איהר וועט מיט מיר מאַכען, וואָס אייך וועט געפעלען.

— גלח, האָט דער אימאַנוס געבריללט, ווען מיר וואָלטען דיך געהאַט וואָלטען מיר דיך געבראָטען אויף אַ קליינעם פייער.

— איך בעשטעה, האָט געזאָגט סימורדען. און צוגעגעבען: — איהר, די פערמשפט'ע, וואָס איהר געפינט אייך אינ'ם טורם, איהר קאָנט אין איין שעה זיין פריי און לעבעדיג. איך ברענג די רעטונג נעמט איהר אָן?

דער אימאַנוס האָט אויסגעשריען.—דו ביסט נישט נאָר אַ פערברעכער, נאָר אַ משוגענער. צוליעב וואָס קומסטו צו אונז און שטערסט אונז? ווער האָט דיך געבעטען צו אונז קומען און מיט אונז רעדען מיר זאָלען אַרויס-געבען דעם פּרינץ? וואָס ווילסטו?

— זיין קאָפּ, און איך געב אייך...

— דיין פעל. ווייל מען וועט דיך אָבשינדען ווי אַ חזיר, גלח סימורדען. אָבער ניין, דיין הויט איז נישט ווערט זיין קאָפּ. געה דיר.

— די שחיטה וועט דאָך אָבער זיין אַ שרעקליכע. נאָך אַ לעצט מאָל-בעקלערט אייך.

די נאַכט איז דערווייל צוגעפאַלען, בשעת מען האָט זיך איבערגעביטען מיט די דאָזיגע ווערטער, וועלכע מען האָט געהערט סיי אינוועניג אינ'ם טורם, סיי אויסוויינינג. דער מאַרקיז לאַנטענאַק האָט געשוויגען און זיך נישט אַריינגעמישט. די פיהרער האָבען אויך זייערע שעדליכע ענאָאיזמען. דאָס איז איינס פון די פעראַנטוואָרטליכקייטס-רעכט.

אימאַנוס האָט געוואָרפען זיין שטימע איבער סימורדען און געשריען:

— מענשען, וואָס אַטאַקירען אונז, מיר האָבען אייך געזאָגט אונזערע בעדינגונגען, זיי זענען געמאַכט און מיר וועלען זיי נישט ענדערן. נעמט זיי אָן, ווען נישט — איז אומגליק! שטימט איהר איין? מיר גיבען אייך אָב די דריי קינדער, וועלכע געפינען זיך דאָ און איהר וועט אונז געבען אַ פרייען דורכגאַנג און קיינעם נישט הרגענען.

— יאָ, קיינעם נישט, אַ חוץ איינעם.

— וועמען?

— לאַנטענאַק.

— דעם פּריץ! אַרויסגעבען דעם פּריץ! קיינמאָל ניט.

— מיר מוזען האָבען לאַנטענאַכ?

— קיינמאָל ניט

— מיר קאָנען אונטערהאַנדלען נאָר מיט דער בעדינגונג.

— אַלזאָ היבט-ושע-אָן.

עס איז געוואָרען שטיל.

דער איטאַנוס, געבענדיג מיט זיין טראָמפּייט אַ סיגנאַל, איז אַראָבגע-גאַנגען אינ׳ם אונטערשטען זאַל; דער מאַרקיז האָט גענומען די שווערד אין דער האַנד; די נייַנצעהן בעלעגערטע האָבען זיך פערזאַמעלט אין דער שטיל אינ׳ם זאַל אונטער דער באַריקאַדע און אַלע האָבען זיך געשטעלט אויף די קניה; זיי האָבען געהערט די געמאָסטענע טריט פון דער אַטאַקי-רענדער אַבטיילונג, וועלכע האָט זיך אין דער פינסטערניש דערנעהנטערט צום טורם; דער דאָזיגער אָבקלאַנג איז אַלץ נעהנטער צוגעקומען; פלוצלינג האָבען די בעלעגערטע זיי דערפיהלט נעבען זיך, האַרט ביי דער עפנונג. דאַמאָלסט האָבען זיי אַלע, קניהענדיג אַרויסגעשטעקט דורך די שפּאַלטען די רעהרען פון די ביקסען און איינער פון זיי, גראַן-פראַנקער, וועלכער איז געוועז דער גלח טאַרמאַ, האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ בלויזער שווערד אין דער רעכטער האַנד און אַ צלם אין דער לינקער, האָט געזאָגט מיט אַ שטרענגער שטימע:

— אין נאָמען פון פאָטער, זון און הייליגען גייסט!

אַלע אינאיינעם האָבען אויסגעשאָסען און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען.

IX.

מיטאַנען גענען ריזען.

דאָס איז באמת געווען מורא׳דיג. דער דאָזיגער אונמיטעלבאַרער צו-זאַמענשטויס האָט איבערגעשטיגען אַלץ, וואָס מען איז נכח געווען זיך פאָרצושטעלען.

בכדי צו געפינען עפּעס ענהליכעס, וואָלט מען געמוזט זיך אומקעה-רען צו די גרויסע דועלען פון אַ אַכילעס, אָדער צו די אַמאָליגע פעאָדאַ-לע שהיטות, צו יענע „אַטאַקעס מיט קורצען געוועהר,“ וועלכע האָבען געדויערט ביז׳ן זיבצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען מען האָט זיך אַריינגעקרי-גען אין פעסטונגען דורך איינברוכען; צו יענע טראַגישע שטורמען, בשעת וועלכע, ווי עס דריקט זיך אויס אַן׳אַלטער סערושאַנט פון אַלענטעושאַ „נאָכדעם ווי די מינאָס האָבען אויפגעריסען, האָבען זיך די בעלאַגערער דערנעהנטערט, פערדעקענדיג זיך מיט גרויסע ברעטער, בעשלאָגענע מיט

אײַזערנעם בלעך, בעוואָפּענט מיט קײַלעכיגע פּאַנצערס, פֿערזעהן מיט אַ גרויסע צאָהל גראַנאַטאַן, און אײַנגעמענדיג די בעפֿעסטיגטע ערטער, האָבען זײַ מוטיג אַרויסגעשטויסען די בעלאַגערטע.״

דאָס אָרט פֿונ׳ם שטורם איז געווען שרעקליך; עס איז געווען אײַנע פֿון די עפֿנונגען, וואָס אויפ׳ן טעכנישען לשון הײַסט עס „דורכברוכען אונטער וועלבונגען,״ דאָס איז אַ שפּאַלט, וואָס דרינגט דעם מויער דורך און אַ דורך. דער פּולווער האָט געווירקט ווי אַ בויער. די ווירקונג פֿון דער מינע איז געווען אַזאַ גוואַלטיגע, אַז דער טורם איז געוואָרען צעהאַקט אויף מעהר ווי פֿערציג פֿוס איבער די מינע, עס איז נאָר אָבער געווען אַ ריץ און דער שפּאַלט, וועלכע האָט געגעבען אַ צוטריט צום אונטערשטען זאַל איז מעהר ענליך געווען אויף אַ שטוים מיט אַ מעסער, וואָס שטעכט דורך, ווי אויף אַ זעץ מיט אַ האַק, וועלכע שנײַט-אײַן.

דאָס איז געווען אַ שטאָך אין דער זײַט פֿונ׳ם טורם, אַ לאַנגער אײַנדרינגענדער אײַנבּרוך, עפּעס ענליכעס אויף אַ ברונעם אומגעלעגט אויף דער ערד, אַ שלענגעלדיגער דורכגאַנג, וועלכער האָט זיך אויפֿגעהויבען ווי אַ קישקע אַ דורך דעם מויער פֿון פֿונפֿצעהן פֿוס אין דער גרעב, עפּעס אַ פֿאָרמלאָזער וואַלץ פֿערלעגט מיט שטערונגען, פּאַסקעס, עקספּלאָזיאָנען, וואו מען האָט צושלאָגען דעם שטערן אָן די גראַניטשטײַנער, די פֿיס אָן דעם גרוז און די אויגען אָן דעם חושך.

די בעלאַגערער האָבען פֿאַר זיך געהאַט דאָס דאָזיגע שוואַרצע פּעדערהויז, אַ מויל פֿון אַ תּהום, וועמענס קינבאַקען פֿון אונטען ביז אויבען זענען בעשטאַנען פֿון די אַלע שטײַנער פֿון דער צעשמעטערטער וואַנד; דאָס מויל פֿון אַ רעקין אָהן צײַהן, ווי די דאָזיגע שרעקליכע צוריסענקײַט. מען האָט געמוזט אַרײַנגעהן אין דעם דאָזיגען און פֿון דאָרט אַרויסגעהן.

פֿון אינווענדיג האָבען געקנאַלט צי פֿון דרויסען, דאָס הײַסט אינ׳ם אונטערשטען זאַל, האָט זיך אַרויפֿגעהויבען די באַריקאַדע פּונקט אַזוי שרעקליך זענען די בעגעגענישען פֿון די סאַפּערען אין די פֿערמאַכטע גאַלעריעס, ווען די קאָנטר-מינע שנײַט-דורך די מינע, אָדער די שחיטות אונטער די צווישענדעקען פֿון די שיפֿען, וועלכע בעפֿאַלען זיך געגענזײַטיג בײַ ים-שלאַכטען. צו שלאָגען זיך אין אַ גראָבען, דאָס איז די לעצטע שטופֿע פֿון גרויל. עס איז אַ שרעקליכע זאַך זיך אײַנער דעם צווײַטען אויסצוקוילען, בשעת מען האָט אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ.

אין דער רגע, ווען עס האָט זיך אַרײַנגעריסען די ערשטע כוואַליע פֿון די בעלאַגערער, האָט זיך די גאַנצע באַריקאַדע בעדעקט מיט בליצען און עס איז געווען ווי אַ בליצשלאַג וואָלט אויסגעבראָכען אונטער דער

ערד. דער אנפאלענדער דונער האט אבגעענטפערט דעם לויערענדען דונער דאס קנאלען איז געווארען גענעגנזייטיג. עס האט זיך דערהערט דער אויסגעשריי פון גאוועןן: „לאמיר איינברעכען!“ דערנאך דער געשריי פון לאנטענאק’ן: „האלט אייך פעסט געגען שונא!“ דערנאך דער געשריי פון אימאנוס: „צו מיר, מענשען פון מען!“ דערנאך — א געקלאנג פון שווערדען געגען שווערדען, און שאס נאך שאס, אומברענגענדיג אלץ. דער שטורקאץ ביי דער וואנד האט שוואך בעלויכטען דעם דאזיגען גרויל. עס איז געוועזען אונמעגליך עפעס צו דערקענען, מען איז געוועזען אין א רויטליכער שווארצקייט; ווער ס’איז דא אריינגעקומען איז פלוצלינג געווארען בלינד און טויב, טויב פון רעש און בלינד פון רויך. מענשען, אונפעהיגע שוין צום קאמף, זענען געלעגען צווישען די חורבות. מען האט געטרעטען אויף מתים, מען האט צעקוועטשט פערוואונדעטע, צעריבען צעבראכענע גלידער, פון וואנען עס האבען זיך אויפגעהויבען ווילדע קולות, די גוסס’ע האבען געביסען די פיס פון די קעמפענדע; מינוטענווייז איז געווארען שטיל, וואס איז נאך שרעקליכער ווי דער רעש. מען האט זיך געכאפט פאר’ן האלז, מען האט געהערט דאס שרעקליכע אטמען פון מיילער, דערנאך דאס קריצען מיט די ציינער, כארכלען, קללות און דאס דונערן האט ווידער אנגעהויבען. א שטראם בלוט האט זיך געגאסען פונ’ם טורם דורכ’ן איינברוך און זיך פונאנדערגעשפרייט אינ’ם שאטען. די דאזיגע דונקעלע לוזשע האט געראוכערט אין דרויסען אינ’ם גראז.

מען וואלט געקענט מיינען, אז דער טורם אליין האט געבלוטיגט און אז דער ריעז איז פערוואונדעט געווארען.

און א וואונדערליכע זאך, אין דרויסען האט מען כמעט נישט געהערט קיין גערויש. די נאכט איז געוועזען זעהר שווארץ און סיי אויף דער פלעכע און סיי אין וואלד, וואס ארום דער פעסטונג האט געהערשט א מין קברות’דיגע שטילקייט. אינוועניג איז געוועזען דער גיהנום, און דרויסען, — דער קבר, דער דאזיגער צוזאמענשטויס פון מענשען, וואס האבען זיך געקוילעט אין דער פינסטערניש, די דאזיגע ביקסען-שאסען די דאזיגע געשרייען, דער דאזיגער צארן, דער גאנצער רעש איז אבגעשטארבען אונטער די מאסע פון מויערען און וועלבונגען; די אבקלאנגען האט געפעהלט לופט. צו דער שחיטה איז נאך צוגעקומען א שטיקעניש. אין דרויסען פונ’ם טורם האט מען קוים עפעס געהערט, די קליינע קינדער זענען געשלאפען די גאנצע צייט.

די פערביטערקייט איז אלץ געוואקסען, די באריקאדע האט זיך נאך געהאלטען. עס איז נישט פאראן עפעס ערגערס ווי אדורכצוברעכען א זא מין באריקאדע פון בעלקעס, אריינקומענדיג. ווען די בעלאגערטע האבען געהאט געגען זיך די צאהל, האבען זיי געהאט פאר זיך די פאזיציע, די

שטאַקירענדע אָבטײלונג האָט פערלוירען אַסך מענשען. אויסגעצויגען אין אַ רײהע אין דרױסען צופּיכעגס פון טורם, איז זי פּאַמעליך אַרײַנגעדרונגען אין דער עפענונג פונ׳ם אײַנבּרוך און זיך אַײַנגעצויגען אַזױ װי אַ שלאַנג, װעלכע קריכט־אַרײַן אין איהר לאָך.

גאָוועץ, וועלכער איז געווען אונפאָזיכטיג, ווי אַ יונגער אָנפיהרער, איז געווען אינ׳ם אינטערשטען זאַל אין מיטען פונ׳ם גרעסטען קאַמפף. צווישען אַ האָגעל פון קױלען, מען מוז צוגעבען, אַז ער האָט געהאַט די זיכערקײַט פון אַ מענשען, וועלכער איז נאָך קײַנמאָל נישט געווען פערוואונדעט.

אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעדרעהט צו געבען אַ בעפעהל, האָט אַ שײַן פון אַ שאָס בעלויכטען אַ פנים, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם.

— סימורדען! האָט ער אויסגעשריען, וואָס טהוט איהר דאָ?

— עס איז ווירקליך געווען סימורדען. סימורדען האָט געענטפערט:

— איך בין געקומען צו זײַן נעבען דיר.

— איהר וועט דאָך נאָך דער׳הרג׳עט ווערען!

— טאָ איז וואָס, און וואָס טוסטו דען?

— מיך מוז מען דאָך דאָ האָבען, און אײַך נישט.

— אַז דו ביסטו דאָ, מוז איך דאָ אויך זײַן.

— נײַן, מײַן רבי.

— יאָ, מײַן קינד!

און סימורדען איז געבליבען נעבען גאָוועץ.

דער הויפען מתים איז אַלץ געוואַקסען אויף דער געפלאַסטעטער פּאָדלאָגע פונ׳ם אונטערשטען זאַל.

חאָטש די באַריקאַדע איז נאָך נישט געווען אײַנגענומען, איז געווען קלאָר, אַז די צאָהל וועט ענדליך זיגען. די בעלאַגערער זענען געווען אָבגעדעקט און די בעלאַגערטע—פערשאַנצט; צעהן בעלאַגערער זענען געפאַלען געגען אײַן בעלאַגערטען, אָבער די בעלאַגערער זענען כסדר צוגעפלאָסען. די בעלאַגערער זענען געוואַקסען אין צאָהל און די בעלאַגערטע—זענען פערמינערט געוואָרען.

די נײַנצעהן בעלאַגערטע האָבען זיך אַלע געפונען אונטער דער באַריקאַדע, אַהין איז געווען גערױכטעט די אַטאַקע. זײ האָבען געהאַט סײַ טויטע, סײַ פערוואונדעטע. העכסטענס פופצעהן האָבען נאָך געקעמפט. אײנער פון די ווילדעסטע, שאַנט־אָן־היווער, איז געווען שרעקליך צעשעדיגט. דאָס איז געווען אַ קורצער און דיקער, געקרײַזעלטע ברעטאָנער, פונ׳ם קלײנעם און לעבעדיגען מין. אײן אויג איז בײַ איהם שוין געווען אויסגעזעצט און דער

קינבאק צעהאקט. ער האט נאך געקאנט געהן. ער האט זיך געשלעפט אויף די געדרעהטע שטיגען און איז ארויף אינ'ם זאל פון ערשטען שטאק האפענדיג, אז דא וועט ער קענען אבזאגען וידוי און שטארבען.

ער האט זיך אנגעשפארט אן דער וואנד נעבען דעם שילאך און זיך בעמיהט צו כאפען א ביסעל לופט.

אונטען איז געבען דער באריקאדע די שחיטה פון מינוט צו מינוט געווארען שרעקליכער. ווען זי האט א רגע נאכגעלאזט, צווישען איין שאס און דעם צווייטען, האט סימורדען אויסגערופען מיט א הויכער שטים:

— בעלאגערטע האט ער געשריען, נאך וואס לענגער פערגיסען אומזיסטע בלוט? איהר זענט גענומען. גיט אייך אונטער. בעדענקט אייך, אז מיר זענען פיער טויזענד פינף הונדערט געגען נײנצעהן, דאס הייסט, מעהר ווי צווײ הונדערט געגען איינעם. גיט אייך אונטער.

געגוג שוין דאס פלאפלען, האט געענטפערט דער מארקיז דע לאנטענאק.

און צוואנציג קוילען האבען אבגעענטפערט סימורדען'ען.

די באריקאדע האט נישט דערגרייכט ביז צו דער וועלבונג דאס האט ערלויבט די בעלאגערטע צו שיסען איבער איהר, אבער דאס האט אויך ערלויבט די בעלאגערער אויף איהר ארויפצוקלעטערען.

— שטורם צו דער באריקאדע! האט אויסגערופען גאווען, איז פאראן רײזװיליגע, וועלכע ווילען ארויפקלעטערן אויף די באריקאדע?

— איך, האט געזאגט דער סערזשאנט ראדו.

X.

ראדו.

נאר דא איז פארגעקומען עפעס אזוינס, וואס האט פערבלופט די בעלאגערער. ראדו איז פריהער אריינגעקומען דורך דער עפנונג פונ'ם איינברוך, אן דער שפיץ פון דער אטאקירענדער אבטײלונג, ער איז געווען דער זעקסטער, און פון די דאזיגע זעקס מענשען פונ'ם פאריזער באטאליאן, זענען פיער שוין געווען געפאלען. אז ער האט אויסגעשריען: איך! האט מען איהם געזעהן, אנשטאט צו געהן פאראוים, צוריקטרעטען, און איינגעבויגען, קריכענדיג כמעט צווישען די פיס פון די קעמפער, צוקומען צו דער עפנונג פונ'ם איינברוך און ארויסגעגאנגען. איז ער אנטלאפען? זאל אזא מענש אנטלויפען? וואס זאל דאס אלץ בעדייטען?

ארויסקומענדיג פונ'ם איינברוך, האט ראדו, נאך פערבלענדט פונ'ם רויך, זיך אויסגעריבען די אויגען, אזוי ווי ער וואלט געוואלט פון זיי אראב-

װישען די שרעק פֿון די נאַכט און בײַ דער שײַן פֿון די שטערען, האָט ער בעטראַכט די מויער פֿונ׳ם טורם. ער האָט געגעבען אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, װי אײנער זאָגט: איך האָב זיך גאָר נישט טועה געװען.

ראַדו האָט בעמערקט, דאָס דער טיפֿער שפּאַלט פֿון דער עקספּלאָזיע פֿון דער מינע האָט דערגרײכט ביז׳ן דעם ראָזינען שיפֿלאָך פֿונ׳ם ערשטען שטאָק װאו אַ האַרמאַטען־קויל האָט אויסגעבראָכען און צעהאַקט די אײזערנע קראַטעס. די גען פֿון די צעבראָכענע שטאַנגען איז געהאָנגען האַלב אויסגעריסען און אַ מענש האָט געקאָנט אַדורכגעהן.

אַ מענש האָט געקאָנט אַ דורכגעהן, נאָר צו האָט ער געקאָנט אַרויפֿקלעטערן אין דער הויך? אמת, ער האָט געקאָנט דורכקריכען דורכ׳ן שפּאַלט, מיט׳ן בעדינג, ער זאָל זײן אַ קאַץ.

און דאָס איז ער טאַקע געװען. ראַדו האָט געהערט צו דער ראַסע, װאָס פּינדאַר רופֿט אָן, „פֿלינקע אַטלעטען” מען קאָן זײן אַנ׳אַלטער סאָלדאַט און אַ יונגערמאַן; ראַדו, װעלכער איז פֿריהער געװען אין דער פֿראַנצויזישע גװאַרדיע, איז נאָך נישט אַלט געװען קײן פֿיערציג יאָהר. דאָס איז געװען אַ לײכטער הערקולעס.

ראַדו האָט אַװעקגעלעגט אויף דער ערד זײן ביקס, אַראָבגעװאָרפֿען פֿון זיך זײן לעדערצײג, אויסגעטהון דעם אויבערשטען בגד מיט׳ן װעסטעל און געבליבען בײַ די צװײ פּיסטאָלעטען, װעלכע ער האָט פֿערשטעקט אין גאַרטעל פֿון זײנע הויזען און בײַ אַ גאָלען שװערד, װעלכען ער האָט געלײגט צװישען די צײן. די קאָלבעס פֿון די צװײ פּיסטאָלעטען האָבען אַרויסגעשטעקט פֿון איבער זײן גאַרטעל.

אַזוי אַרום בעפֿרײט פֿון אַ איבריגע לאַסט און בעגלײט מיט די אויגען פֿון די אַלע פֿון דער אַטאַקירענדע אָבטײלונג, װעלכע זענען נאָך נישט געהאַט אַרײן אינ׳ם אײנבריך, האָט ער אָנגעהויבען קלעטערן אויף די שטײנער אינ׳ם שפּאַלט פֿונ׳ם מויער, אַזוי װי ער װאָלט געגאַנגען אויף די שטופּען פֿון שטיגען; דאָס װאָס ער האָט נישט געהאַט קײן שיך, איז איהם געקומען צונוץ; קײן שום זאַך העלפֿט נישט אַזוי גוט בײַם קלעטערן, װי נאַקעטע פֿוס; ער האָט אײנגעדריקט די גראָבע פֿינגער אין די לעכער פֿון די שטײנער. ער האָט זיך אויפֿגעהויבען מיט די הילף פֿון זײנע פֿויסטען און זיך פֿעסטגעהאַלטען מיט זײנע קניה, עס איז געװען אַ שװערע אַרויפֿשטײגען, אַזוי װי מען װאָלט־געשטיגען אין דער לענג פֿון די צײהן פֿון אַ זעג, — אַ גליק נאָך האָט ער געטראַכט, װאָס קײנער געפֿינט זיך נישט אינ׳ם צימער פֿון ערשטען שטאָק, װײל מען װאָלט איהם נישט געלאָזט אַזוי קריכען.

ער האָט געמוזט אויף אַזאַ אופן קלעטערן נישט ווייניגער פון פערציג פוס, און וואָס העכער ער איז געקומען, געשטערט אביסעל פון די אַרויסגעשטאַרטע הענטלעך פון די פיסטאַלעטען, האָט זיך אַלץ דער שפּאַלט פערשמעלערט און דאָס אַרויפשטייגען איז געוואָרען וואָס אַמאָל שווערער. די געפאַהר אַראָבצופאַלען איז געוואַקסען אין דערזעלבער צייט וואָס די טיפקייט פונ׳ם תהום.

ענדליך איז ער צוגעקומען צום ראַנד פונ׳ם שיסלאָך: ער האָט אָבגעהאַקט די פאַרבויגענע אין צעבראָכענע קראַטעס, אויפפעלענדיג זיך א ברייטען איינגאַנג; ער האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ מעכטיגער אָנשטרענגונג. אָנגעשפּאַרט זיין קניה אויפ׳ן גזימס, אָנגעכאַפּט מיט איין האַנד, אַ שטיק שטאַנג רעכטס, מיט דער אַנדערער אַ שטאַנג לינקס, און זיך אויפגעהויבען ביז׳ן האַלבען קערפּער פאַר דער ראַהם פונ׳ם שיסלאָך, מיט די שווערד צווישען די ציינער, הענגענדיג אויף זיינע ביידע הענד איבער אַ תהום.

עס איז איהם מעהר נישט געבליבען ווי אַריבערצוליגען די פוס, כדי אַריינצושפּרונגען אין זאַל פון ערשטען שטאָק.

נאָר אַ צורה האָט זיך באַוויזען אינ׳ם שיסלאָך.

ראַדו האָט פּלוצלינג דערזעהן פאַר זיינע אויגען אין דער פינסטערניש עפּעס פורכטערליכעס: אַ אויסגעזעצטע אויג, אַ צעהאַקטען קינבאַק — אַ בלוטענדע מאַסקע.

די דאָזיגע מאַסקע, וועלכע האָט נאָר געהאַט איין אויג האָט איהם אָנגעקוקט.

די דאָזיגע מאַסקע האָט געהאַט צוויי הענד; די צוויי הענד האָבען זיך אויסגעשטרעקט פון דער פינסטערניש און זיך גערוקט אַנטקעגען ראַדו; די איינע, האָט איהם צוגענומען זיינע צוויי פיסטאָלעטען פון זיין גאַרטעל די צווייטע האָט איהם פון צווישען די ציינער אַרויסגעריסען זיין שווערד.

ראַדו איז געבליבען וועהרלאָז. זיין קניה האָט זיך געגליטשט אויפ׳ן שמאָלען איינגעבויגענעם גזימס, זיינע צוויי פויסטען, דריקענדיג די שטיקלעך פון די אייזערנע קראַטעס, האָבען איהם קוים געקאָנט האַלטען אין הינטער זיך האָט ער געהאַט אַ תהום פון פערציג פוס.

די דאָזיגע מאַסקע און די דאָזיגע הענד איז געווען שאַנט-אַן-היוועך.

שאַנט-אַן-היוועך, געשטיקט פונ׳ם רויך, וועלכער איז געקומען פון אונטען, האָט זיך צוגעשלעפּט צום ראַהם פון שיסלאָך; די לופט פון דרויסען האָט איהם אָבגעמינטערט, די פרישקייט פון דער נאַכט האָט איהם איינגעהאַלטען דאָס בלוט און ער איז אַביסעל געקומען צו די כחות. פּלוצלינג האָט ער דערזעהן זיך אויפהויבען אין דרויסען אין דער עפענונג דעם גוף

פֿון האַרץ; ווײַל ראַדו האָט זיך געהאַלטען מיט די הענד אָן די שטאַנגען, איז איהם געבליבען אויסצוקלויבען: אָדער צו פֿאַלען אָדער זיך לאָזען צונעמען דאָס געווער. שאַנט-אַן-היווער, אַ פֿורכטערליכער און רוהיגער, האָט איהם אַרויסגעצויגען די פּיסטאָלעטען פֿון דער גאַרטעל, און זײַן שווערד פֿון צווישען די צײַהן.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ אונערהערטער דועל. אַ דועל צווישען אַ וועהרלאָזען און פֿערוואונדעטען.

עס איז געווען קלאָר, אַז מנצח זײַן וועט דער שטאַרבענדער. עס איז גענוג געווען איין קויל אַראָבצוואַרפֿען ראַדו אין'ם אָפֿענעם תהום אונטער זײַנע פֿיס.

צו זײַן גליק, האָט שאַנט-אַן-היווער, האַלטענדיג בײדע פּיסטאָלעטען אין איין האַנד, נישט געקענט אויסשיסען און האָט געמיט זיך בענוצען מיט דער שווערד. ער האָט אַרײַנגעשטאָכען ראַדו אין אָרעם דער דאָזיגער שטוים מיט'ן שווערד האָט איהם פֿערוואונדעט אָבער געראַטעוועט.

אָהן געווער, אָבער נאָך מיט אַלע כּחות, האָט ראַדו נישט געלעגט קיין אַכט אויף זײַן וואונד, וועלכע איז איבריגענס נישט דערגאַנגען ביז צו די ביינער; ער האָט זיך נעגעבען אַ הויב פֿאָראויס, אָבגעלאָזט די קראַטעס און אַרײַנגעשפּרונגען אין'ם שיפֿלאָך.

דאָ האָט ער זיך געפֿינען פּנים לפּנים מיט שאַנד-אַן-היווער, וועלכער האָט אַוועקגעוואָרפֿען דעם שווערד און געהאַלטען בײדע פּיסטאָלעטען אין זײַנע בײדע פֿויסטען.

שאַנט-אַן-היווער האָט, קניהענדיג, געציעלט אין ראַדו, בעריהרענדיג איהם כמעט, נאָר זײַן אָבגעשוואַכטער אָרעם האָט געציטערט און ער האָט נישט גלײַך אויסגעשאָסען.

ראַדו האָט דאָס אויסגענוצט און הילכיג זיך צעלאַכט.

— זאָג נאָר, האָט ער געשריען, מיאוס בעשעפֿעניש! קלערסטו טאַקי, אַז דו וועסט מיך איבערשרעקען מיט דײַן פּרצוף, וואָס איז ענהליך צו רינדסבראָטען. צו אַלדע רוחות, מען האָט דיר דאָס ביסעל דײַן פּנים'על צעהאַקט.

שאַנט-אַן-היווער האָט זיך אין איהם געציעלט.

ראַדו האָט ווײַטער געזאָגט:

— ס'איז נישט דעריבער, ווײַל איך וויל דיך אויסלאַכען, נאָר די קוילען האָבען דיר פֿײַן דײַן צורה צעפֿליקט. אָרימער יונג, בעלאָנע האָט דיר, געבעך אויסגעפּאַטשט דאָס פּנים. נו, גיכער שפּײַ שוין אויס דײַן קויל, מײַן ליבער.

עס האָט זיך דערהערט. אַ שאָס און די קויל איז אַזוי נאָהנט פאַרבייגעגאַנגען זיין קאָפּ, אַז עס האָט ראַדו'ן אַראָבגעריסען אַ האַלב אויער. שאַנט-אַן-היוועך האָט אויפגעהויבען דעם צוויטען אָרעם מיט'ן אַנדערן פּיסטאָלעט, נאָר ראַדו האָט איהם ניט געלאָזען קיין סך צייט צו שיסען.

— איך האָב גענוג מיט איין אויער ווייניגער, האָט ער געשריען. דו האָסט מיך צווייטמאָל פערוואונדעט. איצט איז מיין צייט.

און ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף שאַנט-אַן היוועך. אַ שטויס געטהון איהם דעם אָרעם אין דער הויך, אַזוי אַז די קויל איז ערגיץ-וואו אַריין, אין דערביי האָט ראַדו איהם אָנגעכאַפּט פאַר דער צעהאַקטע קינבאַק.

שאַנט-אַן-היוועך האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי און געפאַלען אין חלשות.

ראַדו איז איבער איהם אַריבער געשפּרונגען און איהם געלאָזט בייים שיסלאָך

— איצט, אַז איך האָב דיר שוין צו וויסען געגעבען מיין אולטימאַטום. האָט ער געזאָגט, זאָלסטו דיך מעהר ניט ריהרען, דאָ זאָלסטו בלייבען, בייזער וואָרעם. דו פערשטייסט מסתמא, אַז איך וועל זיך איצט ניט שפּילען אין קוילענען דיך. קריך דיר וויפיעל דיין האַרץ גלוסט אויף דער ערד,' מיטבירגער פון מיינע טרעפּעס. קענסט שטאַרבען עס וועט זיין ווייניגער אַרבייט. דו ווערסט באַלד געוואָהר ווערען, אַז דיין גלח האָט צו געזאָגט לויטער נאַרישקייטען. גענע דיר, פויער, אינ'ם גרויסען סוד.

און ער איז אַריינגעשפּרונגען אינ'ם זאַל פון ערשטען שטאָק.

מען זעהט דאָ גאָרניט האָט ער געמורמעלט.

שאַנט-אַן-היוועך האָט זיך קאָנוואולסיוו געוואָרפען און געבריליט אין דער גסיסה. ראַדו האָט זיך אומגעקעהרט,

— שטיל! טו מיר אַ טובה און שווייג, בירגער. איך מיש מיך מעהר ניט אין דיין עסק. איך וויל דיך ניט פאַרענדיגען, לאָז מיר צורוה.

און אונרוהיג, האָט ער איינגעשטעקט די הענד אין די האָר, בעטראַכטענדיג דעם גוסס'ן שאַנט-אַן-היוועך.

— יאָ, וואָס טוט מען ווייטער? אַלץ איז גוט, נאָר איך בין דאָך אָהן געוועהר. איך האָב געהאַט איינגאַנצען צוויי מאָל אויסצושיסען, און דו האָסט עס מיר קאַליע געמאַכט, דו חיה! און נאָך דערצו רייסט מיר דער רויך די אויגען, וואָס דער הונד האָט אָנגעמאַכט. און אָנריהרענדיג זיין צעשאָסען אויער, האָט ער אויסגעשריען:

אוי!

און רעדענדיג ווייטער צו זיך.

— עס האָט דיר קיין סך ניט געהאָלפען, וואָס דו האָסט מיר קאַנ-

פיסקירט דאס אויער! בעסער דאס, ווי עפעס אנדערש. דאס איז דאך נישט מעהר ווי א ציהרונג. דו האסט מיר אויך צעראצט דעם ארעם, נאר דאס איז גארנישט. שטא־ב, דארפסטאן, איך בין דיר מוחל.

ער האט זיך איינגעהארכט. דער רעש אינ'ם אונטערשטען זאל איז געווען מורא'דיג. דער קאמף איז געווען נאך ווילדער ווי נ־ר הער.

— עס געהט גוט אונטען. אלץ איינס, זיי שרייען דארט: זאל לעבען דער קעניג. זיי פגר'ן איידעל.

זיינע פיס האבען זיך אנגעשטויסען אן זיין שווערד אויף דער ערד, ער האט זי אויפגעהויבען און געזאגט צו שאנט־אן־היווער. וועלכער האט זיך שוין מעהר נישט גערירט.

זעהסטו, וואלד־מענש, צו דעם, וואס איך האב געוואלט מאכען, איז מיין שווערד גלייך צו א שטעקען, איך נעהם זי איצט צוריק נאך צוליב גוטפריינדשאפט. נאר די פיסטאלעטען דארף איך האבען. דער טייוועל זאל דיך נעמען, ווילדער! נו, וואס טהו איך איצט? איך טויג שוין צו גארנישט.

ער איז אריין טיעפער אינ'ם זאל, בעמיהענדיג זיך צו עפעס צו דער־קענען אין דער פינסטערניש. פלוצלינג האט ער אינ'ם האלבדונקעל הינ־טער דעם מיטעלסטען זאל, בעמערקט א לאנגען טיש אונ אויפ'ן טיש עפעס, וואס האט נישט דייטליך געגלאנצט. ער האט אנגעטאפט, דאס זענען גע־ווען ביקסען, פיסטאלעטען, כל המינים געוועהר אויסגעלייגט אין א ארדנונג און עס האט נאר געווארט, אז הענד זאלען עס נעמען; דא איז געלעגען דאס רעזערוו געוועהר, וואס די בעלאגערער האבען צוגעגרייט פאר'ן צווייטען טייל פונ'ם קאמפף, א גאנצער ארסענאל.

— א בופעט! האט אויסגעשריען ראדו.

און ער האט זיך א פערבלענדעטער דארויף ארויפגעווארפען.

דאמאלס איז ער געווארען שרעקליך.

די טהיר פון די שטיגען, וועלכע האט פערבונדען די שטאקען פון אונטען ביז אויבען, איז געווען ברייט אפען און זיך געפינען נעבען דעם טיש, בעדעקט מיט געוועהר. ראדו האט אוועקגעווארפען זיין שווערד, גע־נומען אין זיינע ביידע הענד צוויי פיסטאלעטען צו צוויי קוילען און האט אויסגעשאסען אויף איינמאל דורך די טהיר אין די נעדרייטע שטיגען, דער־נאך האט ער געכאפט א קורצע ביקס און אויסגעשאסען, דערנאך האט ער געפאקט א ביקס אנגעלאדען מיט שרויט און אויסגעשאסען. די ביקס, אויס־שפייענדיג פופצעהן קוילען האט אנגעמאכט א רעש ווי פון א הארמאט. דא־מאלס האט ראדו, אבריהענדיג זיך א ווייל, אויסגערופען: עס לעבע פאריז!

און כאַפּענדיג אַ צווייטער ביקס, נאָך אַ שווערערע פאַר די ערשטע, האָט ער זי אָנגעצילעוועט צו די קרומע וועלבונג פון די שטינען און געוואַרט.

דער טומעל, וואָס איז געוואָרען אינ׳ם אונטערשטען זאַל, איז נישט צו בעשרייבען. אַזעלכע אומגערעכטע פערוואונדערונגען מאַכען אונמעגליך יעדען ווידערשטאַנד.

צוויי קוילען פון ראַדו׳ס דרייפאַכען שיסען האָבען געטראָפען; איינע האָט דערהרג׳עט דעם עלטערן פון די ברידער פּיק־אַן־בואַ, די אַנדערע האָט דערהרג׳עט הוזאַר, דאָס הייסט ה׳ דע קעלאַן.

— זיי זענען אויבען! דאָס געשריען דער מאַרקיז.

דער דאָזיגער אויסגעשריי האָט געבּרענגט צו דעם, אַז מען האָט איינגאַנצען פערלאָזען די באַריקאַדע, אַ צוג פון פייגעל צופליהט זיך נישט אַזוי שנעל. אַלע זענען געלאָפען צו די שטיגען, דער מאַרקיז האָט זיי אויפגעמונטערט צום אַנטלויפען.

— מאַכט עס שנעלער, האָט ער געזאָגט, דער מוט איז איצט צו אַנטלויפען. לאָמיר אַלע אַרויף אויפ׳ן צווייטען שטאָק! דאָ וועלען מיר אויפסניי אָנהויבען.

ער האָט דער לעצטער פערלאָזען די באַריקאַדע.

דער דאָזיגער מוט האָט איהם געראַטעוועט. ראַדו, פערשטעקט ביי די שטיגען פון ערשטען שטאָק, מיט׳ן פינגער אויפ׳ן צינגעל פון ביקס, האָט געלויערט אויף זיי. די ערשטע, וועלכע האָבען זיך בעוויזען ביי דער ווענדונג האָבען בעקומען די קויל גלייך אין צורה און זענען געפאַלען דערשאָסענע. ווען דער מאַרקיז וואָלט צווישען זיי געווען, וואָלט ער געבליבען אַ טויטער. איידער ראַדו האָט געהאַט צייט צו נעהמען אַ פרישע ביקס, זענען דערווייל די איבריגע פאָריבער און נאָך זיי אַלעמען דער מאַרקיז פאַמעליכער ווי די אַנדערע. זיי האָבען געמיינט, אַז דער זאַל פון ערשטען שטאָק איז פול מיט בעלאַגערער, זיי זענען דעריבער דאָ נישט געבליבען שטעהן, און אַרויף אויפ׳ן צווייטען שטאָק, אינ׳ם שפּיגעל־זאַל. דאָרט איז דאָס געווען די אייזערנע טהיר, דאָרט איז געווען דער בעשיועבעלטער קנויט, דאָרט האָט מען דאָס בעדאַרפט קאַפּיטולירען אָדער שטאַרבען.

גאָווען, פאַר וועמען דאָס שיסעריי איז געווען פונקט אַזוי אונערוואַרטעט ווי פאַר לאַנטענאַק׳ן, האָט נישט געקאָנט זיך אויסטייטשען פון וואַנען עס קומט די הילף, יעדענפאַלס האָט ער זי אויסגענוצט, נישט זוכענדיג קיין סך פרושים צו פערשטעהן; ער איז אַריבערגעשפּרונגען צוזאַמען מיט זיינע לייט איבער דער באַריקאַדע און איז נאָכגעגאַנגען די אַנטלאָפענע ביז צום ערשטען שטאָק.

דאָרט האָט ער געפֿונען ראַדו.

ראַדו האָט אָנגעהויבן פֿון אַ מיליטערישער באַגריסונג און געזאָגט:

— אַ רגע, קאָמענדאַנט. דאָס האָב איך אויפֿגעטהון. איך האָב מיך דערמאָנט אָן דאָל. איך האָב געמאַכט אַזוי ווי איהר. איך האָב גענומען דעם שונא צווישען צוויי פֿייערן.

— אַ גוטער תּלמיד, האָט גאָוען, שמייכלענדיג, געזאָגט.

ווען מען איז אַ געוויסע צייט אין פֿינסטערניש, געוואוינט זיך דאָס אויג ענדליך צו צום שאָטען, אַזוי ווי די אויגען פֿון די נאַכטפֿויגעל; גאָוען האָט באַמערקט, אַז ראַדו איז אינגאַנצען פֿערבלוטיגט.

— אָבער דו ביסט דאָך פֿערוואונדעט, חבר!

— לענגט דערויף נישט קיין אַכט, קאָמענדאַנט. וואָס איז דען אַזוינס, מיט איין אויער מעהר אָדער ווייניגער? איך האָב אויך אַ שטוים מיט דער שווערד, אָבער איך לאַך מיר פֿון דעם אויס. ווען מען צעברעכט אַ שויב, צעשניידט מען זיך שטענדיג אַביסעל. איבריגענס ס'איז נאָר מיין בלוט.

מען האָט זיך אַביסעל אָבגערוהט אינ'ם זאַל פֿון ערשטען שטאָק, איינגענומען דורך ראַדו, מען האָט געבראַכט אַ לאַמטערנע, סימורדען איז צוגעקומען צו גאָוען, זיי האָבען זיך מישב געווען. און אין דער אמת איז געווען וועגען וואָס אַ טראַכט צו טהון. די בעלאַגערער האָבען נישט געוואוסט די אמת'ע לאַגע פֿון די בעלאַגערטע; זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז עס פֿעהלט זיי אויס אַמוניציע; זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז עס לאָזט זיך ביי אַ אויס דער פּולווער. דער צווייטער שטאָק איז געווען דער לעצטער פּאָסטען פֿון ווידערשטאַנד; די בעלאַגערער האָבען געקאָנט מיינען, אַז די שטיגען זענען מינירט.

זיכער איז געווען, אַז דער שונא קאָן נישט אַנטלויפֿען. די דאָזיגע, וועלכע זענען נאָך נישט געווען טויט, זענען געווען ווי אונטער אַ שלאָס. לאַנטענאַק איז געווען אין פּאַסטקע.

זייענדיג מיט דעם זיכער, האָט מען זיך געקאָנט פֿערגינען אַ ביסעל צייט, בכדי צו געפֿינען דעם מעגליכסט בעסטען אויסגאַנג. מען האָט שוין געהאַט גענוג קרבנות. מען האָט געמוזט זיך בעמיהען, אַז ביי דער לעצטער אַטאַקע זאָלען פֿאַלען וואָס ווייניגער מענשען.

די געפֿאַהר פֿון דער לעצטער אַטאַקע וואָלט געווען אַ גרויסע. מען האָט בעדאַרפֿט זיך רעכטען, אַז מען וועט מוזען אויסהאַלטען אַ שטאַרק פֿייער.

דער קאַמף איז איבערגעריסען געוואָרען, די בעלאַגערער, די בעל־הבתּים פֿונ'ם פּאַרטער און ערשטען שטאָק, האָבען געוואַרט אויפֿ'ן בעפֿעהל פֿון קאָמאַנדיר אָנצוהויבען אויפֿסניי, גאָוען און סימורדען האָבען זיך בעראַ־

זען, ראדו האט זיך אין דער שטיל איינגעהארכט.

ער האט נאכאמאל נישט דרייסט זיך מיליטעריש פערניגט.

— הער קאמענדאנט?

— וואס איז, ראדו?

— האב איך דאס רעכט אויף א קליינע אויסצייכנונג.

— געוויס. בעט, וואס דו ווילסט נאר אליין.

— איך בעט, מען זאל מיך לאזען דעם ערשטען ארויפגעהן.

מען האט איהם דאס נישט געקאנט אבזאגען. איבריגענס וואלט ער דאס געטהון אהן ערלויבניש.

XI.

די פערצווייפעלטע.

בשעת מען האט זיך בעראטען אויפ'ן ערשטען שטאק, האט מען זיך אין צווייטען פארבאריקאדירט. דיביידע שטאקען האבען זיך געוואלט פערצווייפעלט צוזאמענשטויסען. צוריהרען זיך צום נצחון—דאס איז שכרות. אונטען איז געווען די האפנונג, וועלכע וואלט געווען די גרעסטע פון אלע מענשליכע כחות, ווען די פערצווייפלונג וואלט נישט עקזיסטירט.

די פערצווייפלונג איז געווען אויבען.

א פערצווייפלונג, א רוהיגע, קאלטע און א פינסטערע.

ארויפקומענדיג אינ'ם ענטרינונגס-זאל, אבער וועלכען עס איז פאר זיי שוין גארנישט געווען, איז זייער ערשטע זארג געווען צו פערבאריקאדירען דעם איינגאנג.

פערמאכען די טיר איז געווען אומנוצליך, עס איז גלייכער געווען צו פערשפארען די שטיגען. אין אזא פאל איז א שטערונג, דורך וועלכע מען קאן זעהן און קעמפען, מעהר ווערט, ווי א צוגעמאכטע טהיר.

דער שטוקאץ, וועלכע דער אימאנום האט אריינגעשטעקט נישט ווייט פונ'ם בעשוועבעלטען קנויט האט זיי צוגעלויכטען.

אינ'ם דאזיגען זאל פון צווייטען שטאק האט זיך געפינען איינער פון די גרויסע און שווערע דעמבענע קופער'ס, וואו מען האט בעהאלטען קליידער און וועש איידער מען האט געהאט ערפינדען מעבעל מיט שופלעדער.

זיי האבען צוגעשלעפט דעם דאזיגען קופער און איהם אוועקגעשטעלט אונטער די טהיר פון די שטיגען. ער האט זיך פעסט אריינגעפאסט צווישען די וואנד און פערשפארט דעם איינגאנג. עס איז נור געבליבען אפען נעבען דער וועלבונג א שמאלער שטח, וואס האט געניגט ארורכצולאזען א מענשען, אויסגעצייכענט צו טויטען די בעלאגערער איינציגווייז. עס איז געווען

צווייפעלהאַפט, אז מען זאָל זיך דערוועגען דאָס צו טהון.

דער פערשפּאַרטער אײַנגאַנג האָט זיי ערלויבט אביסעל אָבצוועטעמען. זיי האָבען זיך איבערגעצעהלט.

פון די נײַנצעהן איז געבליבען נישט מעהר ווי זיבען, צווישען זיי דער אימאַנוס. אחוץ דעם אימאַנוס און דעם מאַרקיז, זענען אַלע געווען פערוואונדעט.

די פינף, וועלכע זענען געווען פערוואונדעט גאַר גאַנץ לעבעדיג, ווײַל אינ'ם ברען פון קריג, לאָזט יעדע וואונד, וועלכע איז נישט שטערבליך, איבער די פרײַהייט פון בעוועגונגען, זענען געווען שאַטענע, מיט'ן צונאָמען ראָבי, גינואַזאַ, הואַנאַר, בראַנש־ד'אָר, ברען־ד'אַמור און גראַן־פראַנקער. אַלע איבריגע זענען געווען טויט.

עס איז שוין מעהר נישט געווען קיין אַמוניציע. די פּאַטראָנאַזשען זענען געווען פוסט. זיי האָבען געצעהלט די קוילען און עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז זיי האָבען נור אויף זיבען פּאַרשוין פיער שאָסען.

מען איז צוגעקומען צו דעם מאָמענט, ווען עס בלײַבט נישט מעהר ווי צו פאַלען. מען האָט זיי צוגעשפּאַ־ט צו אַ אָפּענעם און טיעפען אָבגרונד. עס איז שווער זיך צו געפינען נאָך נעהנטער צום ראַנד.

דערווײַל האָט זיך די אַטאַקע אויפסנײַ אָנגעהויבען; גאָר לאַנגזאַם און דעריבער זיכערער. מען האָט געהערט די קלעפּ פון די קאָלבעס, מיט וועלכע די בעלאַגערער האָבען אָנגעטאַפּט די שטיגען אַ טרעפּ נאָך אַ טרעפּ.

קיין שום מיטעל צום ענטלויפען. דורך די ביבליאָטעק? איז אָבער אויף דער הויכפלעכע געווען גרייט זעקס אָנגעציעלטע האַרמאַטען מיט אָנגעצינדענע קנויטען, דורך די צימערן פון אויבען? אָבער נאָך וואָס? זיי האָבען געפיהרט צום פלאַכען דאַך, דאָרט האָבען זיי געקאָנט געפינען אײַן אויסוועג—אַראָבצוואַרפען זיך פון דער הויך פון טורם אַראָב אונטען.

די זיבען איבערגעבליבענע פון דער דאָזיגע העלדענמוטיגער עפּישער באַנדע, האָבען זיך פלוצלונג דערזעהן אונבע'רחמנות'דיג פערמאַכט און געבאַנדע פון די דאָזיגע גראָבע מויערן, וועלכע האָבען זיי אי־כאַפּט בעשיצט און איבערגעגעבען דעם שונא. זיי זענען נאָך נישט געווען גענומען; אָבער זיי זענען שוין געווען געפאַנגענע.

דער מאַרקיז האָט אויפגעהויבען זײַן שטימע:

— מײַנע פרײַנד, אַלץ איז פערפאַלען.

און נאָך אַ שטילשווײַגען האָט ער צוגעגעבען:

— גראַן־פראַנקער זאָל צוריק ווערען דער גלח טיורמאָ.

אַלע האָבען אַ נידערגעקניהט מיט דעם רויזענקראַנץ אין דער האַנד,

קלעפּ פון די קאַלבעס פון די בעלאַגערער האָבען זיך אַלץ דערנעהנטערט.

גראַן-פראַנקער, אינגאַנצען אַ צובלוטיגטער פון אַ קויל, וועלכע האָט איהם לייכט פערוואונדעט דעם שערעל און אַרויסגעריסען די הויט מיט די האָר, האָט אויפגעהויבען מיט זיין רעכטע האַנד דעם צלם. דער מאַרקיז, וועלכער איז טיעף אין האַרצען געווען אַנאַפּיקורס, האָט מיט איין פּוס אַנידערגעקניהט.

— זאָל יעדער, האָט גראַן-פראַנקער געזאָגט, מתודה זיין זיינע עבירות אין דער הויך. הער מאַרקיז, הויבט-אָן.

דער מאַרקיז האָט אָבגעענטפערט:

— איך האָב געהרג'עט.

— איך האָב געהרג'עט, האָט געזאָגט הואַנאַר.

— איך האָב געהרג'עט, האָט געזאָגט גינואַזאָ.

— איך האָב געהרג'עט, האָט געזאָגט ברען-ד'אַמור.

— איך האָב געהרג'עט, האָט געזאָגט שאַטנע.

— איך האָב געהרג'עט, האָט געזאָגט דער אימאַנוס.

און גראַן-פראַנקער האָט ווידער אָנגעהויבען.

אין נאָמען פון דער הייליגע דרייאייניגקייט, בין איך אייך מוחל. זאָלען אייערע נשמות געהן לשלום.

— אמן, האָבען געענטפערט אַלע שטימען.

דער מאַרקיז האָט זיך אויפגעהויבען.

— איצט, האָט ער געזאָגט, לאָ'מיר שטאַרבען.

— און הרג'ענען, האָט געזאָגט דער אימאַנוס.

די קלעפּ פון די קאַלבעס האָבען אָנגעהויבען צו ברעכען דעם קופער, וועלכער האָט פערשטעלט די טיר.

טראַכט וועגען גאָט, האָט דער גלח געזאָגט. די ערד עקזיסטירט שוין מעהר נישט פאַר אייך.

— יאָ, האָט געזאָגט דער מאַרקיז, מיר זענען אין אַ קבר.

אַלע האָבען אַראָבגעבויגען די קעפּ און זיך געשלאָגען על חטא. נאָר דער מאַרקיז און דער גלח זענען געבליבען שטעהן גלייך. די אויגען זענען געווען געווענדט צו דער ערד, דער גלח האָט תפלה געטון, עס האָבען תפלה געטהון די פּויערים, דער מאַרקיז האָט געחלומ'ט. דער קופער, וואו מען האָט אַריינגעקלאַפּט ווי מיט האַמערס, האָט שוידערליך אָבגעהילכט.

אין דער רגע, האָט אַ לעבעדיגע און שטאַרקע שטימע פּלוצלינג הינטער זיי אויסגעשריען:

— אָבער איך האָב אייך געזאָגט, הער מאַרקיז!!

אַלע קעפּ האָבען זיך אומגעקעהרט פערבליפט.

אַ לאָך האָט זיך נאָר וואָס אויפגעעפענט אין דער וואַנד.

אַ שטיין, וועלכער איז געווען גוט צוגעפּאַסט צו די איבריגע, נאָר נישט בעפעסטיגט, פאַרזעהן מיט אַ אַקס פון אויבען און אַ אַקס פון אונטען, האָט זיך געדרעהט אַרום זיך, אַזוי ווי אַ שפּינדעל און דרעהענדיג האָט ער אויפגעעפענט די וואַנד. די עפנונג איז געווען אַ דאָפּעלטע און געמאַכט צווייגעטיילט; איינע אויף רעכטס, די צווייטע אויף לינקס, שמאָלע, נאָר גענוג, אַז זיי זאָלען דורכלאָזען אַ מענשען. איבער די דאָזיגע אונערוואַרטעטע טיהר האָט מען בעמערקט די ערשטע טרעפּלעך פון געדרעהטע שטיגען. אַ פּנים פון אַ מענשען איז ערשינען אין דער עפנונג.

דער מאַרקיז האָט דערקענט האַלמאַלאָ.

XII.

דער רעטער.

— דו ביסט עס, האַלמאַלאָ?

— איך, הער מאַרקיז, איצט זעהט איהר שוין, אַז עס איז פאַרהאַן שטיינער, וואָס דרעהען זיך און מען קאָן פון דאַנען אַרויס, איך בין געקומען צו דער רעכטער צייט, נאָר איילט אייך. אין צעהן מינוט, וועט איהר זיין אין מיטען וואַלד.

— גאָט איז גרויס, האָט געזאָגט דער גלח.

— ראַטעוועט אייך, הער מאַרקיז, האָבען אויסגערופען אַלע שטימען.

— איהר אַ פריהער, האָט געענטפערט דער מאַרקיז.

— איהר דער ערשטער, הער מאַרקיז, האָט געזאָגט דער גלח טיורמאַ.

— איך דער לעצטער.

און דער מאַרקיז האָט אָנגעהויבען מיט אַ שטרענגע שטימע:

— נאָר אָהן קאַמפף פון גרויס מוטיגקייט. מיר האָבען נישט צופיעל צייט צו זיין איידעלמוטיג. איהר זענט פערוואונדעט. איך בעפעהל אייך צו לעבען און צו אַנטלויפען שנעל, און נוצט אויס דעם דאָזיגען אויסגאַנג. איך דאַנק דיר, האַלמאַלאָ.

— הער מאַרקיז, וועלען מיר זיך צושיידען? האָט געפרעגט דער גלח טיורמאָ.

— בלי ספק, אונטען. נאָר איינציגווייז קאָן מען אַנטלויפען.

— בעשטימט, אייער דורכלייכט, אונז אַ אָרט, וואו זיך צו טרעפען.

— יאָ, אין וואַלד, אויפ'ן ליכטיגען אָרט, פיער-גאָווען. קען איהר דאָס אָרט?

— מיר קאָנען עס אַלע.

— איך וועל דאָרט זײַן מאָרגען מיטאָג. זאָלען אַלע, וואָס קאָנען נאָר געהן, זיך דאָרט פערזאַמלען.

— מען וועט דאָרט זײַן.

— און מיר וועלען אָנהויבען אויפסנײַ דעם קריג, האָט געזאָגט דער מאַרקיז.

דערווײַל האָט האַלמאַלאַ, בעטיהענדיג זיך צו שטויסען דעם דרײַהענדיגען שטײַן, זיך ארומגעזעהן, אַז דער שטײַן ריהרט זיך נישט מעהר. די עפנונג האָט זיך מעהר נישט געקאָנט פערמאַכען.

— הער מאַרקיז, האָט ער געזאָגט, לאָמיר זיך אײַלען, דער שטײַן דרעהט זיך שוין איצט נישט. איך האָב געקאָנט עפנען דעם דורכגאַנג, איך קאָן איהם אָבער נישט פערמאַכען.

און אין דער אמת'ן, איז דער שטײַן נאָך אַלאַנגען נישט געברויכען געוואָרען ווי אײַנגעוואַקסען אין די ווענד, וועלכע האָבען איהם אויבען און אונטען ארומגענומען. און עס איז נישט מעגליך געווען צו ברענגען איהם אין בעוועגונג.

— הער מאַרקיז, האָט געזאָגט האַלמאַלאַ, איך דאַרף געהאַפט צוריק צו פערמאַכען דעם דורכגאַנג. און דאָס די בלאָהע, ווען זײַ וועלען אַרײַנקומען, וועלען קײנעם נישט טרעפען און נאָר נישט פערשטעהן און מײנען, אַז איהר זענט פערשוואונדען מיט'ן רויך. נאָר אַט וויל דאָס נישט דער שטײַן, דער שונא וועט זעהן דעם אָפענעם אויסגאַנג און וועט קענען פערפאָלגען. לאָמיר כאָטש נישט פערלירען קײן אײן מינוט שנעל, אַלע אויף די שטיגען.

דער אימאַנוס האָט ארויפגעלעגט די האַנד אויף האַלמאַלאַ.

חבר, וויפיעל'זשע, דאַרף דויערן צײַט, אַז מען זאָל אדורכגעהן דאָס בעטעלטעגיש און זיך געפינען זיכער אין וואַלד?

— איז קײנער נישט שווער פערוואונדעט; האָט געפרעגט האַלמאַלאַ? אַלע האָבען געענטפערט:—קײנער.

— אויף אַזאַ אופן איז גענוג אַ פערטעל שעה.

— אַלזאָ, האָט געזאָגט דער אימאַנוס, ווען דער שונא זאָל אין משך פון אַ פערטעל שעה נישט אַרײַנקומען?

— קאָן ער אונז פערפאָלגען, ער וועט אונז קײנמאָל נישט דעררייכען.

— אָבער, האָט בעמערקט דער מאַרקיז, זײַ וועלען דאָ זײַן אין פינף מינוטען, דער אַלטער קופער, וועט זײַ לאַנג נישט אײַנהאַלטען. נאָך עטלי־

נע שטוים מיט די קאלבעס און זיי זענען מיט איהם פערטיג א פיערטעל שעה! ווער וועט זיך דען איינהאלטען א פיערטעל שעה!

— איך, האט געזאגט דער אימאנוס.

— דו, גוש-לע-ביאן.

— איך, הער מארקיז. הערט! אויף זעקס, זענט איהר פינף פערוואונדעטע איך האב אפילו א ראץ נישט בעקומען.

— איך אויך נישט, האט געזאגט דער מארקיז!

— איהר זענט דער אנפיהרער, הער מארקיז. איך בין דער סאלדאט דאס זענען צוויי.

— איך ווייס, מיר האבען יעדער אונזער בעזונדערע פליכט.

— ניין, הער מארקיז, מיר האבען, איהר און איך דעמזעלבען פליכט, וועלכע בעשטעהט אין דעם, אייך צו ראטעווען.

דער אימאנוס האט זיך געווענדט צו זיינע חברים.

— חברים, עס האנדעלט זיך אין דעם. אז מען זאל איינהאלטען דעם שונא און ווי ווייט פערשלעפען די פערפאלגונג. הערט אויס. איך האב נאך מיין גאנצען כח, איך האב נאך נישט קיין טראפען בלוט: נישט זייענדיג פערוואונדעט, וועל איך לענגער אויסהאלטען, ווי א אנדערער. געהט איהר אלע, לאזט מיר אייער געוועהר. איך וועל עס גוט אנווענדען. איך נעהם מיך אונטער צו פערהאלטען דעם שונא א גוטע האלבע שעה. וויפיעל איז דא אנגעלאדענע פיסטאלעטען?

— פיער.

— לעגט זיי אויף דער ערד.

מען האט געטהון, ווי ער האט געהייסען.

גוט. איך בלייב. זיי וועלען געפינען מיט וועמען צו שמועסען. איצט, שנעל, געהט פון דאנען ארויס.

אין א לאנגע ביים אבגרונד פערגעסט מען אן דעם דאנק; מען האט קוים צייט געהאט איהם די האנד צו דריקען.

— אויף ווידערזעהן, האט איהם געזאגט דער מארקיז.

— ניין, הער מארקיז. איך האף, אז ניין. נישט אויף ווידערזעהן, ווייל איך געה שטארבען.

אלע האבען זיך אריינגערוקט איינציגווייז אויף די שמאלע שטיגען, א פריהער די פערוואונדעטע. בשעת זיי זענען אראב, האט דער מארקיז גענומען א בלייסטיפט פון זיין בריפטאש און אנגעשריבען עטליכע ווערטער אויפ'ן שטיין, וועלכע האט זיך מעהר נישט געקאנט דרעהען און געלאזט דעם דורכגאנג אפען.

— קומט, אײַער דורכלויכט, עס איז מעהר קײנער נישטאָ ווי איהר, האָט געזאָגט האַלמאַלאָ.

און האַלמאַלאָ האָט אָנגעהויבען אַראָבצוגעהן.

דער מאַרקיז איז איהם נאָכגעגאַנגען.

דער איטאַנוס איז געבליבען אַלײן.

XIII.

דער הענקער.

די פיער פיסטאָלעטען זענען געלעגען אויף די שטײנפּלאַטען, װײל דער דאָזיגער זאַל האָט נישט געהאַט קײן פּאָדלאָגע. דער איטאַנוס האָט פון זײ גענומען צװײ, צו אײנע אין יעדער האַנד. ער איז צוגעגאַנגען פון דער זײט צום אײנגאַנג פון די שטיגען, װאָס דער קופער האָט פערהאַלטען און פערשטעלט.

די בעלאַגערער האָבען, װײזט אויס, מורא געהאַט פאַר איבעראַשונג, פאַר אײנע פון די לעצטע פערצווײפעלטע אויסברוכען, װעלכע זענען אַ קאַטאַסטראָפע צוגלײך פאַר'ן זיגער װי פאַר'ן בעזיגטען. פונקט װי די ערשטע אַטאַקע איז געװען העפטיג, אַזױ איז די לעצטע געװען פאַמעליך און פאָרזיכטיג. זײ האָבען נישט געקענט און אפשר נישט געװאָלט האַסטיג אײנברעכען דעם קופער; זײ האָבען צעהאַקט דעם אינטערשטען דעק מיט די קאָלבעס און צעלעכערט דעם אויבערשטען מיט די באַגנעטען און דורך די לעכער האָבען זײ געפּרובט אַרײנצוקוקען, װאָס טוט זיך אינ'ם זאַל, אײדער זײ האָבען זיך אײנגעשטעלט אַהין אַרײנצודרינגען.

דער שײן פון די לאַמטערנעס, מיט װעלכע זײ האָבען בעלויכטען די שטיגען האָט אַדורכגעלויכטען די לעכער.

דער איטאַנוס האָט בעמערקט אין אײנעם פון די לעכער אײנעם פון די אויגאַפּלען, װעלכע האָבען זיך אײנגעקוקט. ער האָט שנעל זיך געציעלט מיט'ן לויף פונ'ם פיסטאָלעט און אַ ציה געטון פאַר'ן דריקער. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס און באַלד דערנאָך אַ פורכטערליך געשרײ. די קויל האָט אויסגעהאַקט דאָס אויג און דורכגעלעכערט דעם מוח, און דער סאָלדאַט, װעלכער האָט געקוקט, איז געפאַלען אַהינטער אויף די שטיגען.

די בעלאַגערער האָבען אויסגעשניטען גענוג ברײט דעם אונטערשטען טײל פונ'ם דעקעל אין צװײ ערטער און געמאַכט װי צװײ שיסלעכער; ער איטאַנוס האָט אויסגענוצט אײנס פון די אײנשניטען, אַרויסגעשטעקט עם אָרעם און אַרויסגעלאָזט אינ'ם הויפען בעלאַגערער זײן צװײטע קויל. ? קויל האָט מסתמא צוריק אָבגעשלאָגען, װײל מען האָט געהערט עטליכע

אויסגעשריִען, אַזוי ווי זי וואָלט געטויט אָדער פֿערוואונדעט דריי אָדער פֿיר פּערזאָן און אויף די שטיגען איז געוואָרען אַ טומעל פֿון מענשען, וועלכע אַנטלויפֿען אָדער טרעטען־אָב.

דער אימאַנוס האָט אַוועקגעוואָרפֿען די צוויי אויסגעשאָסענע פּיסטאָלעטען, און גענומען די אַנדערע צוויי, וועלכע זענען נאָך געבליבען; דערנאָך, האַלטענדיג די צוויי פּיסטאָלעטען אין בּיידע הענד, האָט ער אַריינגעקוקט דורך די לעכער פֿונ׳ם קופֿער.

ער האָט זיך איבערצייגט וואָס פֿאַר אַ ווירקונג זיין שיסען האָט געהאַט.

די בּעלאַגערער זענען צוריק אַראָב פֿון די שטיגען. גוסס׳ע האָבען זיך אין יסורים געוואָרפֿען אויף די שטיגען; צוליעב דער ספּיראַלע ליניע פֿון די שטיגען האָט מען נאָר געקאָנט זעהן דריי אָדער פֿיר טרעפּלעך.

דער אימאַנוס האָט געוואַרט, ס׳איז געוואונענע צייט, האָט ער געטראכט. נאָך אַ ווײַלע האָט ער דערזעהן אַ מענשען, וועלכער איז געקראָכען אויפֿ׳ן בּויך אויף די טרעפּלעך פֿון די שטיגען און אין דער זעלבער צייט, האָט זיך נידעריגער נאָך, בּעוויזען אונטער׳ן זייל, אַרום וועלכען עס האָבען זיך געדרעהט די שטיגען, אַ קאָפּ פֿון אַ סאָלדאַט. דער אימאַנוס האָט זיך געצילעט אינ׳ם דאָזיגען קאָפּ אין אויסגעשאָסען, עס האָט זיך געהערט אַ געשריי, דער סאָלדאַט איז געפֿאַלען און דער אימאַנוס האָט איבערגעלעגט פֿון די לינקע האַנד אין די רעכטע דעם לעצטען אָנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט, וועלכער איז איהם געבליבען.

אין דער רגע האָט ער געפֿיהלט אַ שרעקליכער וועהטאָג, און איצט האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי. אַ שווערד האָט איהם געדרייט אין בּויך. אַ פֿויסט, די פֿויסט פֿונ׳ם קריכענדען מענשען האָט זיך אַריינגערוקט אינ׳ם צווייטען שוסלאָך פֿונ׳ם אינטערשטען טייל פֿון קופֿער און די דאָזיגע פֿויסט האָט אַריינגעשטויסען די שווערד אינ׳ם אימאַנוס בּויך.

די וואונד איז געווען אַ פֿורכטערליכע. דער בּויך איז געווען דורך און דורך דורכגעשניטען.

דער אימאַנוס איז נישט געפֿאַלען. ער האָט נאָר געקריצט מיט די ציינער און געזאָגט: גוט!

דערנאָך, זיך וואַקעלענדיג און שלעפּענדיג, איז ער אָבגעטרעטען בּיז צום שטורקאַץ, וועלכער האָט געבּרענט נעבען די אייזערנע טהיר, אַוועקגעלייגט זיין פּיסטאָלעט אויף דער ערד און געכאַפּט דעם שטורקאַץ, און צוהאַלטענדיג מיט דער לינקער האַנד זיינע געדערים, וועלכע זענען איהם אַרויס, האָט ער מיט דער רעכטער אַראָבגעבויגען דעם שטורקאַץ און אָנגעצונדען דעם בּעשוועבעלטען קנויט.

דער קנויט האט זיך אנגעצינדען און געברענט. דער אימאנוס האט ראבגעלאזט דעם שטורקאץ, וועלכער האט ווייטער געברענט אויף דער ערד, צוריקגענומען זיין פיסטאלעט און געפאלען אויף די שטיינפלאטען, אבער אויפהויבענדיג זיך נאך אביסעל, האט ער צעבלאזען דעם קנויט מיט'ן לעצטען ביסעל אטעם, וואס איז איהם נאך געבליבען.

דער פלאם איז א דורכגעלאפען אינטער די אייזערנע טיר און צוגע-קומען צום בריק-שלאס.

ראטאלסט, זעהענדיג, אז עס איז איהם אזוי שענדליך געלונגען, צו-פרידען מעהר פון זיין פערברעך, ווי פון זיין מוט, האט דער דאזיגער מענש, וועלכער איז ערשט נישט לאנג געווען א העלד און איצט געווארען א מערדער, דער דאזיגער גוסס האט געשמייכעלט.

— זיי וועלען מיך נישט פערגעסען, האט ער געמורמעלט. איך בין זיך נוקם אויף זייערע קליינע פאר אונזער קליינעם, דעם קעניג וועלכע גע-פינט זיך אין טאמפל.

XIV.

דער אימאנוס ווערט אויך ענטרונען.

אין דער רגע, האט זיך דערהערט א שטארקער גערויש; דער קופער איז דורך א מעכטיגען שטויס אומגעפאלען און געעפענט א וועג איין מענ-שען, וועלכע האט זיך אריינגעריסען אינ'ם זאל מיט דער שווערד אין דער האנד.

— דאס בין איך, ראדו! ווער פערלאנגט מיך דא?! עס איז מיר שוין נמאס צו ווארטען. איך שטעל מיך איין. איינעם האב איך שוין דורכגע-לאזען די קישקעס, איצט רוף איך אייך אלע צום קאמפף. זאלען אנדערע געהען נאך מיר אדער נישט, אלץ איינס, איך בין דא, וויפיעל זענט איהר?

עס איז ווירקליך געווען ראדו און ער איז געווען אליין. נאך דער שחיטה, וואס דער אימאנוס האט אנגעמאכט אויף די שטיגען. האט גאווען, מורא-האבענדיג פאר א בעהאלטענע מינע, געהייסען זיינע מענשען אבטרע-טען און זיך בעראטען מיט סימורדען.

ראדו, שטעהענדיג מיט דער שווערד אין דער האנד אויף דער שוועל, אין דער דאזיגע פינסטערניש, וואו דער במעט, אויסגעגאנגענער שטורקאץ האט קוים א שיין געווארפען, האט איבערגע'חזרט זיין פראגע:

— איך בין איינער. וויפיעל זענט איהר? נישט הערענדיג גארנישט, איז ער געגאנגען ווייטער. איינער פון די פייערגארבען, וואס די אבשטאר-בענדע פייערן לאזען פון זיך ארויס און וועלכע מען וואלט געקאנט אנרו-

פֿען דאָס בליפֿען פֿון אַ פּלאַטעגנעווײַן, האָבען אַרויסגעשפּריצט פֿונ׳ם שטור־קאַץ און בעלויכטען דעם גאַנצען זאַל.

ראַדו האָט דערזעהן אײנס פֿון די קלײנע שפּינעלעך אַרײַנגעשלאָגענע אין דער וואַנד, האָט זיך צו דעם דערנעהנטערט, אָנגעקוקט זײַן פֿערבלוטי־גען פּנים און הענגענדיגען אויער און געזאָגט:

— מיאוס צעהאַקט.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרעהט און געוואָרען פֿערבליפֿט, וועהע־דיג דעם לעדיגען זאַל.

— קײנער איז נישטאָ! האָט ער אויסגעשריען. אין די רײהע איז אַ גול! ער האָט בעמערקט דעם שטײן, וועלכער האָט זיך געדרעהט, די עפֿנונג און די שטיגען.

אַהאַ! איך פֿערשטעה. זײ האָבען געמאַכט פּליטה, קוטט־אַרויף, חברים, קוטט־אַרויף, אַלע; זײ זענען אַוועק, אַנטלאָפֿען, עוקר געווען. אָבגעטראָגען זיך. דער אַלטער טורם איז צעשפּרינגען ווי די שאַרבענס, אָט איז דאָס לאָך, דורך וועלכען דו באַנדע האָט זיך אַרויסגעקריגען. ווי אַזוי זאָל מען זיך קאָנען אַ עצה געבען מיט אַ פּיט און קאָבירג בײַ אַזויגע שטיק; דער שטן אַלײן איז זײ, ווײַזט אויס געקומען צו הילף! קײנער איז שוין נישטאָ!

עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס פֿון אַ פּיסטאָלעט אַ קויל האָט איהם צעראַצט דעם עלענבויגען און זיך אָבגעשלאָגען אָן דער וואַנד.

— אָבער נײן, עס איז דאָך עמיץ פֿאַרהאַן. ווער איז דאָס אַזוי גוט געווען און מיר אָנגעטהון דעם כּבוד?

— איך, האָט געזאָגט אַ שטימע.

ראַדו האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און אין׳ם האַלבדונקעל האָט ער דערקענט עפּעס, וואָס איז געווען ענליך צו אימאַנוס.

— אַהאַ! האָט ער אויסגעשריען, אײנעם האָב איך דאָך. די איבריגע זענען אַנטלאָפֿען, נאָר דו וועסט זיך שוין נישט אַרויסדרעהען

— אַזוי קלערסטו? האָט אָבגעענטפֿערט דער אימאַנוס.

ראַדו האָט געמאַכט אַ שריט און געבליבען שטעהן.

— העע, דו, מענש אײנער! וואָס דו וואַלגערסט זיך אויף דער ערד, ווער ביסטו?

— איך בין דער, וועלכער ליגט אויף דער ערד און לאַכט פֿון די ראָזיגע, וועלכע שטעהען.

— וואָס האָסטו דאָס אין דײַן רעכטע האַנד?

— אַ פּיסטאָלעט.

— און אין דײַן לינקע האַנד?

— מײַנע גערערעם.

— איך געהם דיך אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

— דאָס װעט זיך דיר נישט אײַנגעבען.

און דער אימאַנוס אײַנבױגענדיג זיך איבער דעם ברענענדיגען קנױט האָט אַרױפֿגעבלאָזען אױף איהם דעם לעצטען הױך און געשטאָרבען.

אין עטליכע מינוט שפּעטער זענען גאָװען, סימורדען און די אַלע איבּריגע געװען אין זאַל. אַלע האָבען געזעהן די עפֿנונג, מען האָט אַדורכגעניטשטערט אַלע װינקעלעך, אַרומגעקוקט די שטיגען, װעלכע האָבען צוגעפֿיהרט צום גראָבען. מען האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז זײ זענען אַנטלאָפֿען. מען האָט אָנגעהױבען אימאַנוס'ן שאָקלען, ער איז געװען טױט. גאָװען האָט מיט אַ לאַמטערנע אין דער האַנד אַרומגעקוקט דעם שטײן, װעלכער האָט אױפֿגעעפֿענט די בעלאַגערטע אַ אױסגאַנג; ער האָט אױך געהערט שמועסען מכּח דעם דרעהענדען שטײן, נאָר אױך ער האָט געהאַלטען די מעשה פֿאַר אַ אױסגעטראַכטע. בעטראַכטענדיג אַזױ דעם שטײן, האָט ער בעמערקט עפּעס אָנגעשריבען מיט אַ בלײַשטיפֿט; ער האָט צוגעטראָגען נאָהנט די לאַמטערנע און איבערגעלעזען:

— צום װידערזעהן, הער װיקאָמט —

לאַנטענאַק.

געשאַן איז צוגעקומען צו גאָװען. עס איז געװען קלאָר, אַז די פֿערפֿאָלגונג איז אומנוצליך, די פּליטה איז געװען אַ געשעהענער פֿאַקט, די אַנטלאָפֿענע האָבען געהאַט צו זײער דינסט די גאַנצע געגענד, די קרושאַקעס. דעם גראָבען, די געדעכטעניש, די אײַנװאױנער; בלי ספֿק זענען זײ געװען גענוג װײַט פֿון דאַנען; עס איז קײן שום מיטעל נישט געװען, זײ צו געפֿינען; און דער גאַנצער װאַלד פֿון פֿוזשער איז געװען פֿאַר זײ אײן גרױס בעהעלטעניש. װאָס טהוט מען? מען האָט אַלץ געמוזט אָנהױבען אױפֿסנײַ. גאָװען און געשאַן בײדע ענטטױשטע האָבען אַרױסגעזאָגט זײערע השערות.

סימורדען האָט ערנסט זיך אײַנגעהאָרכט, נישט רעדענדיג קײן װאָרט.

— יאָ, געשאַן, האָט געפֿרעגט גאָװען, װאָס איז מיט דער לײטער.

— קאָמאַנדיר זי איז נישט אָנגעקומען.

— אָבער מיר האָבען דאָך געזעהן אָנקומען אַ װאָגען בעגלײט פֿון זשאַנדאַרמען.

געשאַן האָט געענטפֿערט:

— ער האָט נישט געבראַכט די לײטער.

— װאָס דען האָט ער געבראַכט?

— די גיליאָטינע, האָט געזאָגט סימורדען.

XV.

מען דאַרף נישט לייגען אין דערזעלבער טאַש אַ זייגער מיט אַ שליסעל.

דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק איז גאָרנישט אַזוי ווייט געווען, ווי זיי האָבען געמיינט.

פונדעסטוועגען איז ער געווען אין פאָלשטענדיגער זיכערקייט און קיין זום פערפאָלגונג וואָלט איהם נישט דערגרייכט.

ער איז נאָכגעגאַנגען האַלמאַלאָ.

די שטיגען, דורך וועלכע האַלמאַלאָ און ער זענען אַראָב נאָך די איבריגע אַנטלאָפענע, האָבען זיך געענדיגט נאָהנט ביים גראָבען און ביי די בויגענס פון דער בריק מיט אַ שמאָלען געוועלבטען קאָרידאָר. דער דאָזיגער קאָרידאָר איז צוגעקומען צו אַ טיעפען נאַטירליכען שפאַלט אין דער ערד, וועלכער האָט פון איין זייט געפיהרט צום גראָבען און פון דער צווייטער צום וואַלד.

דער דאָזיגער שפאַלט, וואָס קיין מענשליך אויג האָט נישט געקאָנט זעהן, האָט זיך געשלענגעלט אונטער אונדורכדרינגליכע געוויקסען. צו כאַפען דאָ אַ מענשען איז געווען אונמעגליך. איז אַ אַנטלאָפענער נאָר צוגעקומען צו דעם דאָזיגען שפאַלט, איז איהם מעהר נישט געבליבען ווי דורכצושאַרען זיך ווי אַ שלאַנג און מען האָט איהם שוין נישט געקאָנט געפינען. דער איינגאַנג פון די שטיגען צום געהיימען קאָרידאָר איז געווען אַזוי פאַרוואַקסען מיט דערנער, אַז די בוימייסטער פונ'ם אינטערערדישען דורכגאַנג האָבען נישט געפינען פאַר נויטיג צו פערמאַכען איהם אויף אַ אַנדערען אופן.

דער מאַרקיז האָט שוין איצט געקאָנט אַוועקגעהן. ער האָט אפילו זיך נישט בעדאַרפט זאָרגען וועגען איבערקלייבען זיך זייט ער איז אַנגעקומען אין ברעטאַן האָט ער נישט אויסגעטון זיינע פויערישע הלבשה, האַלטענדיג זיך אַזוי נאָך פאַר אַ גרעסערן פריץ.

ער האָט נאָר אויסגעטהון זיין שווערד און אַוועקגעוואָרפען צוזאַמען מיט דעם גאַרטעל.

ווען האַלמאַלאָ און דער מאַרקיז זענען אַרויסגעקומען פונ'ם קאָרידאָר און זיך געלאָזט אין שפאַלט, זענען יענע פינף, גינואַזאָ, הואַנאַר, בראַנש—ד'אָר, ברען—ד'אַמור, שאַטנע און דער גלח טורמאָ שוין מעהר נישט געווען.

— זיי האָבען קיין סך צייט נישט פערלוירען האָט געזאָגט האַלמאַלאָ.

— טהו, אַזוי ווי זיי, האָט איהם געזאָגט דער מאַרקיז.

— אייַער דורכלויכט וויל, איך זאָל איהם פערלאָזען.

— בלי ספק, איך האָב עס דיר שוין געזאָגט, אַז אמבעסטען קאָן מען אנטלויפען נאָר איינציגווייז. וואו איינער וועט אַ דורכגעהן, וועלען צוויי־יִשט אַדורכגעהן, צוזאַמען וועלען מיר וועקען די אויפמערקזאַמקייט. דורך דיר וואָלט מען מיך געכאַפּט און דורך מיר וואָלט מען דיך געכאַפּט.

— אייַער דורכלויכט קאָן די געגענד?

— יאָ.

אייַער דורכלויכט האַלט ווייַטער, אַז מיר זאָלען זיך צונויפקומען בייַם שטיין־גאָווען?

— מאָרגען, מיטאָגס.

— איך וועל דאָרט זיין. מיר וועלען דאָרט זיין.

האַלמאַלאָ האָט אָבגעהאַקט.

— אַן הער מאַרקיז, ווען איך דערמאַן מיך, אַז מיר זענען אויפ'ן אָפענעם ים, אַז מיר זענען געוועזען אַליין, אַז איך האָב אייך געוואָלט הרג'ענען, אַז איהר זענט געוועזען מיין פריץ, אַז איהר האָט עס מיר געקאָנט זאָגען און איהר האָט עס מיר נישט געזאָגט? וואָס פאַר אַ מענש זענט איהר.

— איך מוז נאָך אייַער דורכלויכט אָבגעבען דין וחשבון, איך האָב ערלעדיגט אַלץ, וואָס איהר האָט געהייסען.

— מיר וועלען מאָרגען פון דעם שמועסען.

ביז מאָרגען, הער מאַרקיז.

— יאָ, ביזט אפשר הונגעריג?

— אפשר, הער מאַרקיז. איך האָב מיך אַזוי געאיילט צו קומען. דאָס איך ווייס אַפילו נישט, צו איך האָב היינט געגעסען.

דער מאַרקיז האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ טאָוועלע שאָקאָלאַד, צעבראָכען עס אויף צוויי, געגעבען האַלמאַלאָ איין העלפט און זיך גענומען עסען די צווייטע.

— הער מאַרקיז, רעכטס איז דער גראָבען, לינקס—דער וואַלד.

— גוט. לאָז מיך און געה דיר דיין וועג.

האַלמאַלאָ האָט געהאָרכט, ער האָט זיך געלאָזט געהן אין חושך. אַ ווייַלע האָט מען געהערט אַ גערויש פון טריקענע צווייַגלעך, דערנאָך איז געוואָרען שטיל. און נאָך עטליכע סעקונדען וואָלט געוועזען אונמעגליך צו געפינען זיין שפור. די דאָזיגע ווילדע און פערפלאָנטערטע געגענד פון באָקאַזש איז געוועזען דער בעסטער שותף פאַר די אַנטלאָפענע. מען איז נישט פערשוואונדען נאָר צערינען געוואָרען.

דער מאַרקיז איז געבליבען שטעהן אונבעוועגליך, ער האָט געהערט

נו די מענשען, וועלכע בעמיהען זיך גארנישט צו עמפפענדען; נאר ער האט אבער זיך נישט געקאנט פערהיטען פון דער אויפרעגונג וואס קומט, ווען מען אטעמט א פרייע לופט נאכדעם, ווי מען האט איינגעאטעמט אזוי פיעל בלוט און שחיטה.

ער האט ארויסגעצויגען זיין זייגער און אנגעדרוקט צום קלינגען. ווי שפעט האט איצט געקאנט זיין? צו זיין גרויסער איבעראשונג האט דער זייגער געשלאגען צעהן.

דער ארמאטען-שאס, וועלכער האט זיי געווארענט, איז געגעבען געווארען אביסעל פריהער פאר'ן זונען-אונטערגאנג און די אטאקירענדע אבטיילונג האט געשטורמט לא-טורג אין א האלבע שעה שפעטער, צווישען זיעבען און אכט א זייגער, ביי דער צופאלענדע נאכט.

אויף אזא א אופן, האט זיך דער דאזיגער ריעזיגער קאמף, וועלכער האט זיך אנגעהויבען אכט א זייגער, געענדיגט צעהן. די גאנצע עפאפעע האט געדויערט הונדערט צוואנציג מינוט. קאטאסטראפעס האבען טיילמאהל א שנעלקייט פון א בליץ.

די געשעהענישען האבען אזעלכע וואונדערליכע פערקירצונגען.

מען זאל זיך אבער גוט פערטראכטען, וואלט גראד דער געגענטייל בעדארפט צו וואונדערן; א ווידערשטאנד אין משך פון צוויי שעה אזא קליינע צאהל געגען אזוי א גרויסע צאהל איז געווען אויסערגעוועהנליך, און עס איז געווען נישט קיין קורצער און ער האט זיך שנעל געענדיגט, דער דאזיגער קאמף פון נייַנצעהן געגען פיער טויזענד.

פונדעסטוועגען איז געווען צייט פון דאנען אוועקצוגעהן. האלמאלא האט שוין געמוזט זיין וויַיט און דער מארקיז האט גערעכענט, אז עס איז גארנישט וויכטיג דא לענגער צו פערבלייבען, ער האט צוריק געלייגט זיין זייגער אין וועסטעל; נישט אין דער אייגענער קעשענע, ווייל ער האט בעמערקט, אז דארט געפינט זיך דער שליסעל פון דער אייזערנער טיר, וואס דער אימאנוס האט איהם געהאט געבראכט און אז דאס גלעזעל פון זייגער קאן זיך נאך צעברעכען אן דעם שליסעל; און ער האט זיך געלאזט געזין אין וואלד אריין. אזוי ווי ער האט זיך געווענדט אויף לינקס, האט זיך איהם געדאכט, אז עפעס א בלאסער שטראהל דרינגט אהער.

ער האט זיך אויסגעדרעהט אין דורך די קרושאקעס, וועלכע האבען זיך קלאר בעצייכענט אויפ'ן רויטען פאהן און האבען זיך פלוצלינג בעוויזען אין אלע זייערע אייַנצעלהייטען, האט ער בעמערקט א גרויסען שיין אינם גראבען. עטליכע שריט האבען איהם אבגעטיילט פון גראבען. ער איז צוגעגאנגען, רערנאך האט ער זיך מישב געווען, געפינענדיג פאר גאנץ נוצ-

לאָז זיך אַרויסצושטעלען אויף דעם דאָזיגען ליכט; פון וואַנען עס זאָל נישט קומען, איז עס איהם נישט אָנגעגאַנגען; ער האָט זיך צוריק אומגעקעהרט אין די ריכטונג, וואָס האַלמאַלאָ האָט איהם אָנגעוויזען און געמאַכט עטליכע שריט צום וואַלד צו.

פלוצלינג, געפינענדיג זיך שוין ווייט און טיעף בעהאַלטען צווישען די דערנער, האָט ער דערהערט איבער זיין קאָפּ אַ מורא'דיגען געשריי; דער דאָזיגער געשריי, האָט זיך געדאַכט, איז געקומען פון'ם ראַנד פון דער הויכפלעכע, איבער דעם גראָבען. דער מאַרקיז האָט אויפגעהויבען די אויגען, און געבליבען שטעהן.

I.

געפונען, נאָר פערלוירען

בשעת מישעל פלעשאַר האָט דערזעהן דעם פערוויסטעלטען פון דער מערב־זון־טורם, האָט זי זיך געפינען ווייטער פון איהם אויף אַ שטח מעהר פון אַ מייל. זי, וועלכע האָט קוים געקאָנט אַ שריט מאַכען, האָט זיך דאָך גאָרנישט געוויינערט צו געהן נאָך אַ מייל. די פרויען זענען שוואַכע, נאָר די מוטערס זענען שטאַרקע. זי איז געגאַנגען.

די זון איז דערווייל אונטערגעגאַנגען; דער בין־השמשות איז געקומען, דערנאָך אַ טיעפע פינסטערקייט; געהענדיג אַזוי כסדר האָט זי געהערט קלינגען פון אַ ווייטען אונזיכטבאַרען גלאָק אַכט אַ זייגער, דערנאָך ניין. דאָס איז אודאי געווען דער גלאָק פון פּאַריניע. פון צייט צו צייט איז זי געבליבען שטעהן און זיך איינגעהאָרכט צו די דומפּיגע קלעפּ, וואָס איז אפשר געווען איינער פון די אונבעשטימטע גערוישען פון דער נאַכט.

זי איז נעגאַנגען גלייך פאַר זיך, צעברעכענדיג די דערנער און שטעכענדיגע געוויקסען אונטער איהרע צעבלוטיגטע פיס. עס האָט זי געפיהרט אַ שוואַכע ליכטיגקייט, וועלכע איז געקומען פון'ם ווייטען טורם, האָט בולט געמאַכט זיינע קאָנטורען און איהם אַרומגענומען ווי מיט געהיימניספולע שטראַהלען. די דאָזיגע ליכטיגקייט איז געוואָרען לעבעריגער, בשעת די קלעפּ זענען געוואָרען אויסדריקליכע, און דערנאָך אינגאַנצען אויפגעלאָשען.

די ברייטע הויכפלעכע, וואו מישעל פלעשאַר איז געגאַנגען, איז געווען בעוואַקסען מיט גראָז און קרושאַקעס, פוסט, אָהן אַ הויז, און אָהן אַ בוים; דער באָרען האָט זיך אונבעמערקבאַר אויפגעהויבען אַלץ העכער און ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָט זי איהר לאַנגע, גלייכע און האַרטע ליניע אָנגעשפּאַרט אָן דעם דונקעלען געשטערנטען האָריזאָנט. עס האָט זי אויג־

טערנעהאַלטען אין דעם דאָזיגען אַרויפשטײַגען דאָס, וואָס זי האָט כסדר געהאַט פאַר די אויגען דעם טורם.

זי האָט איהם ביסלעכווײַז געזעהן אַלץ גרעסער.

די פערשטיקטע קנאַלען און דער בלײַכער שײַן, וועלכע האָבען אַרויסגעדרונגען פונ׳ם טורם, האָבען זיך פון צײַט צו צײַט איבערגעחזר׳ט; זײ האָבען זיך איבערגעהאַקט, דערנאָך צוריקגעקומען, אַזוי ווי זײ וואָלטען דער אַרימער פעריאָמערטער מוטער געגעבען צו טרעפען עפּעס אַ פּײַנליכע רעטעניש.

פלוצלינג האָט אַלץ אויפגעהערט; אַלץ איז פערשוואונדען, ליארם און ליכטיגקײַט; אַ פאָלשטענדיגער שטילשווײַגען האָט בעהערשט די געגענד, עס איז געוואָרען שוועדליך שטיל.

און אין דער רגע איז מישעל פלעשאַר אָנגעקומען צום ראַנד פון דער הויכפלעכע.

זי האָט בעמערקט צופוסענס אַ גראָבען, וואָס זײַן גרונד האָט זיך פערלוירען אין אַ בלאַסער נאַכט־טיעפקײַט; נישט ווײַט, אויפ׳ן העכסטען פונקט פון דער הויכפלעכע האָט זיך געזעהן אַ פלאָנטער פון רעדער, ערדבערגלעך, שיסלעכער; דאָס איז געוועזן אַ קאַנאָנען־באַטעריע און פאַר איהר, שוואַך בעלויכטען דורך די אָנגעצונדענע קנויטען פון דער באַטעריע, אַ משונה׳דיג גרויסע געבײַדע, וועלכע ס׳האָט זיך געדאַכט, איז ווי געבויט מיט אַ חושך נאָך אַ גרעסערען, ווי דער וואָס האָט זי אַרומגערינגעלט.

נישט ווײַט פון דער באַטעריע איז געוועזן אַ לאַגער; מישעל פלעשאַר האָט דערקענט די וואַכען; נאָר אין דער פינסטערניש און צווישען די קרושאַקעס האָבען זײ זי נישט בעמערקט.

זי איז צוגעקומען צום ראַנד פון דער הויכפלעכע, אַזוי נאָהנט צום בריק, אַז עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי קאָן איהם בעריהרען מיט דער האַנד. די טיעפקײַט פונ׳ם גרובען האָט זי פון איהם אָבגעשײדט. זי האָט אינ׳ם שאָטען דערקענט די דרײַ שטאָקען פונ׳ם שלאָס.

אַ צײַט לאַנג איז זי געבליבען שטעהן אַ פערטראַכטע און שטומע בײַ דעם דאָזיגען אָפענעם גרובען אין דער חושכ׳דיגער געבײַדע; די מאָס פון צײַט איז אינגאַנצען ווי אָבגעמעקט געוואָרען פון איהר זכרון. וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָרט געשעהן? איז דאָס לאַ טורג? זי האָט בעקומען אַ שווינדעל פון אַ ערוואַרטונג, וואָס איז ענליך צום געפיהל, ווי בשעת מען קומט אָדער מען פאָהרט אָב. זי האָט זיך געפרעגט, נאָך וואָס איז זי אַהער געקומען.

פלוצלינג איז איהר אַלץ פערשוואונדען פון אונטער די אויגען.

אַ שלײַער פון רויך האָט זיך אויפגעהויבען צווישען איהר און דעם, וואָס זי האָט געזעהן. אַ בײַסענדער ווערהטאָג האָט איהר צוגעמאַכט די אוי־

נען. קוים האט זי אראבגעלאזען די ברעמען, האט זי געפיהלט, ווי זיי ווערען פערלאפען מיט א לײַכטענדער רויטקייט. זי האט זיי צוריק אויפגעמאכט.

זי האט ארום זיך שוין מעהר נישט געהאט קיין נאכט. עס איז געווען טאג; נאר א טרויעריגער טאג, א טאג, וועלכער קומט פון פייער. זי האט פאר זיך געהאט א אנהויב פון א שרפה.

דער רויך איז פון שווארץ געווארען שארלאכרויט און אינווענינג איז געווען א גרויסער פלאם; דער דאזיגער פלאם האט זיך בעוויזען און דערנאך פערשוואונדען געווארען, זיך בויגענדיג און דרעהענדיג ווי א בליץ אדער א שלאנג.

דער דאזיגער פלאם האט ארויסגעשטעקט ווי א צונג פון עפעס, וואס איז עהנליך געווען אויף א קעהל, און געווען איז דאס א פענסטער פול מיט פייער. דאס דאזיגע פענסטער, פערזעהן מיט אייזערנע קראטעס, וואס האבען זיך שוין געהאט אנגעגליהט, האט געהערט צום אונטערשטען שטאק פונ'ם שלאס, וואס אויפ'ן בריק. פון דער גאנצער געביידע האט מען נאר געזעהן דאס פענסטער. דער רויך האט פערדעקט; אויף דעם רויטען פלאמען-גרונד האט זיך אבגעשלאגען דער שווארצער ראנד פונ'ם גראבען.

מישעל פלעשאר האט געקוקט א פערוואונדעטע; זי האט שוין אליין נישט געוואוסט, וואס זי זעהט פאר זיך. זאל זי אנטלויפען? זאל זי בלייבען? זי האט זיך געפיהלט ווי אויסער די גרענעצען פון דער ווירקליכקייט.

א ווינטעל האט א בלאז געטהון און צעריסען די פארהאנג פון רויך און פון דעם ריס האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען אינגאנצען בולט די טראגישע פעסטונג, מיט'ן טורם, בריק, שלאס, פרעכטיג בעגאלטען פון דער שרפה, וועלכע האט זיך אבגעשפיגעלט אויף איהר פון אויבען ביז אונטען. מישעל פלעשאר האט אלץ געקאנט זעהן אינ'ם פירכטערליכען שיין פון פייער. דער ערשטער שטאק פון שלאס, וועלכער איז געווען געבויט אויפ'ן בריק, האט געברענט.

העכער האט מען געזעהן די צוויי אנדערע שטאקען נאך נישט בעריהרטע, נאר זיי זענען געשטאנען ווי אין א קויש פון פייער. אלע פענסטער זענען געווען אפען.

דורך די גרויסע פענסטער פון צווייטען שטאק האט מישעל פלעשאר בעמערקט אין די גאנצע לענג פון די וואנד שענק, וועלכע האבען אויסגעזעהן צו זיין פול מיט ביכער; און נישט ווייט פון א פענסטער, אויף דער ערד, אינ'ם האלבדונקעל, א קליינע אונדייטליכע גרופע, וועלכע האבען געמאכט דעם איינדרוק, ווי זי וואלט זיך מינוטענווייז געריהרט.

זי האט זיך אין דעם איינגעקוקט.

וואָס איז דאָס פּאַר אַ שאָטען-גרופּע?

צייטענווייז איז איהר געקומען אויף די געדאַנקען, אַז דאָס איז ענליך אויף לעבעדיגע פאָרמען; זי האָט געפיבערט, זי האָט נישט געהאַט געגעסען פון אינדערפריה, זי איז כסדר געגאַנגען אָהן אַברוה, זי איז געווען אויסגעמאַטערט און זי האָט זיך געפיהלט אין אַ צושטאַנד פון האַלאַצינאַציע. איהרע אויגען האָבען זיך נישט געקאָנט אָברייסען פון דעם דאָזיגען דונקעלען קנויל פון עפּעס זאַכען, מסתמא טויטע, וועלכע זענען דאָרט געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע פון'ם זאַל, וועלכע האָט זיך געפונען איבער דער שׂרפה.

פלוצלינג האָט דאָס פייער, ווי עס וואָלט געהאַט אַ ווילען, אויסגעצויגען פון אונטען איינע פון זיינע פייער-גאַרבען צו די אויסגעטריקענטע פלאַנצען, וועלכע האָבען בעדעקט דעם פּאַסאַד וואָס מישעל פלעשאַר האָט בעטראַכט. מען וואָלט געקאָנט זאָגען, אַז דער פלאַם האָט ענטדעקט די דאָזיגע נעץ פון טריקענע צווייגען, אַ פונק האָט זיך גיריג אויף איהר אַרויפגעוואָרפען און אָנגעהויבען לויפען אין דער לענג פון געוויקס מיט דעם מורא'דיגער שנעלקייט פון לויפפולווער. אין איין אויגענבליק האָט דער פלאַם דערגרייכט דעם צווייטען שטאָק, און דאַמאָלס האָט ער פון דער הויך בעלויכטען דאָס אינוועניגסטע פונ'ם ערשטען. אַ העל ליכט האָט פלוצלינג בולט בעוויזען דריי קליינע איינגעשלאָפענע בעשעפענישען.

עס איז געווען אַ קליינע און ליבע גרופּע. העלענע און פּיסלעך צוזאַמענגעפלאָכטען, אויגען פאַרמאַכט, בלאָנדע, שמייכעלדיגער קעפּלעך.

די מוטער האָט דערקענט איהרע קינדער.

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ פורכטערליכען געשריי.

דער דאָזיגער געשריי פון מישעל פלעשאַר איז געווען אַ געהייל.

דאָס איז געווען דער געשריי, וואָס דער מאַרקיז, דע לאַנטענאַק האָט געהערט.

מיר האָבען געזעהען, אַז ער האָט זיך אָבגעשטעלט דער מאַרקיז האָט זיך געפונען צווישען דעם אויסגאַנג פונ'ם קאָרידאָר, דורך וואַנען האַלמאַלאָ האָט איהם אַרויסגעפיהרט, און דעם גראָבען. דורך די צוזאַמענגעוואַקסענע קרושאַקעס איבער איהם האָט ער געזעהען דעם בריק אין פלאַמען, לאַ טורג רויט פון ווידערשיין, און אַ וועקסאַבענדיג צווייגען האָט ער בעמערקט איבער זיין קאָפּ, פון דער צווייטער זייט, אויפ'ן ראַנד פון דער הויכפלעכע, קעגענאיבער דעם ברענענדיגען שלאָס בעלויכטען פון דער שׂרפה. אַ ווילד צעוויטאַג געזיכט, אַ פרוי איבערגעבויגען איבער'ן גראָבען.

די עלענדע קענען ווערען פורכטערליך. די פשוט'ע, אונוויסענדע נישט בעוואוסטזיניגע דאָרפספרוי האָט פלוצלינג בעקומען די ענישע געשטאַלט פון

ווערצווייפלונג. דער גרויסער צער מאכט ברייט די נשמה, די דאזיגע מוטער איז געווען די מוטערשאפט, זי האט פעריאגט דעם געשריי פון א חיה און דעם זשעסט פון א געטין; איהר צורה, פון וואנען עס זענען קללות געפאלען איז געווען ענליך צו א שטראהלענדע מאסקע.

דער מארקיז האט געהארכט.

געפאלען איז דאס אויף זיין קאפ, ער האט געהערט עפעס אונדייטליכעס און יאמערליכעס גיכער א כליפען ווי ווערטער.

אה! מיין גאט! דאס זענען מיינע קינדער! צו הילף! עס ברענט! עס ברענט! עס ברענט! איהר זענט דאך באנדיטען! איז קיינער דא נישטא? אבער מיינע קינדער וועלען דאך פארברענט ווערען! זשארזשעט! מיינע קינדער; גראס-אלען, רענעזשאן! אבער וואס זאל דאס בעדייטען? ווער האט דא א הערגעבראכט מיינע קינדער? זיי שלאפען. איך בין משוגע! דאס איז דאך נישט מעגליך. צו הילף!

דערווייל איז געווארען א שטארקע בעוועגונג אין לא טורג און אויף דער הויכפלעכע. דער גאנצער לאגער איז זיך צוזאמענגעלאפען ארום דעם פייער, וואס איז אויסגעבראכען.

די בעלאגערער, אבפארטענדיג זיך מיט דער שיסעריי, האבען אצינד געהאט צוטהון מיט דער שרפה. גאווען, סימורדען, געשאן האבען געגעבען בעפעהלען. וואס טהוט מען? פון פלאכען שטראמעל אינ'ם גראבען האט מען קוים געקאנט אנשעפען עטליכע קענדלעך וואסער. די מורא איז אלץ געוואקסען. דער גאנצער ראנד פון דער הויכפלעכע איז פערפולט מיט דערשראקענע פנים'ער, וועלכע האבען זיך איינגעקוקט.

דאס וואס מען האט געזעהן, איז געווען שרעקליך.

מען האט געקוקט, נאר מען איז גארנישט בכח געווען עפעס צוטהון.

דער פלאם איז דורך די פלאנצען, וועלכע האבען זיך אנגעצונדען, אריבער אינ'ם העכערען שטאק. דארט האט ער געפונען דעם בוידעם מיט שטרוי און זיך דערויף ארויפגעווארפען. איצט האט דער גאנצער בוידעם געברענט. דער פלאם האט געטאנצט; עס האט זיך געדאכט, אז א פערברעכערישער אטעם האט נאך אויפגעבלאזען דאס פייער. מען וואלט געקאנט זאגען, אז דער שרעקליכער אימאנוס איז אינגאנצען פערוואנדעלט געווארען אין א ווירבעל פון פונקען, לעבענדיג מיט'ן מערדערישען לעבען פונ'ם פייער, און דאס די דאזיגע אונמענשליכע נשמה איז געווארען א שרפה. דער שטאק פון דער ביבליאטעק האט זיך נאך נישט אנגעצונדען, די הויך פון זיין פולאפ און די דיקייט פון זיינע ווענד האבען איינגעהאלטען די רגע, ווען דאס פייער וועט זיך אנכאפען. אבער די פאטאלע מינוט האט זיך דערנעהנטערט;

דאָס פֿײַער פֿונ'ם ערשטען שטאָק האָט איהם געלעקט און פֿון דריטען — געצערטעלט. דער שרעקליכער קוש פֿונ'ם טויט האָט איהם בעהויכט. אונטען א קעלער פֿון לאַווע אויבען א וועלבונג פֿון גליהענדע קוילען; זאָל ווערען א לאָך אין דער פּאָרלאָגע, האָט עס געדראָהט מיט אַרונטערפֿאַלען אינ'ם ברענענדיגען אָבגרונד; זאָל ווערען א לאָך אין פּולאָט — מיט בעגראָבען ווערען אונטער הייסע קוילען.

רײַנע־זשאַ, גראָם־אַלען און זשאָרזשעט האָבען זיך נאָך נישט געהאַט אויפֿגעכאַפּט, זיי זענען געשלאָפֿען מיט'ן טיפֿען און פּשוט'ען שלאָף פֿון דער קינדהייט, און דורך די פֿאַלבען פֿון פֿײַער און רויך, וועלכע האָבען אָבגעדעקט און צוגעדעקט די פֿענסטער, האָט מען זיי געזעהן אין דער דאָזיגער פֿײַערדיגער גראָטע, אויפֿ'ן פֿאָן פֿון א מעטעאָר־שײַן, פֿרידליכע, ליבליכע, אונבעוועגליכע. און א טיגער וואָלט זיך צעוויינט, זעהענדיג די רויזען אינ'ם דאָזיגען קאַלכאַויווען און די דאָזיגע וויגלעך אין דעם קבר.

די מוטער האָט פֿערבראָכען מיט די הענד.

— עס ברענט! איך שרײַ, עס ברענט! זענען דאָ אַלע טויב, וואָס קיינער קומט נישט? מען פֿערברענט דאָך מיר מײַנע קינדער! קומט דאָך מענשען, וואָס זענט דאָרט! איך געה טעג און טעג און אַט ווי איך האָב זיי צוריקגעפֿינען. עס ברענט! צו הילף! מלאכים'לעך! דאָס זענען דאָך מלאכים'לעך! וואָס האָבען זיי דען געטהון, די דאָזיגע אומשולדיגע? הערט איהר מיך נישט? אויף אַ הונד וואָלט מען דאָך רחמנות געהאַט! מײַנע קינדער! זיי שלאָפֿען! העלפֿט! העלפֿט! עס ברענט! דאָס זענען דאָך אונמענשען! עס איז דאָך גרויזאַם! מײַנע אָרימע פּיצעלעך! צו הילף! מען ערמאָרדעט! מען האָט דאָך נאָך אַזוינס נישט געזעהן אהה! די מערדער! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שרעקליך הויז? מען האָט זיי בײַ מיר צוגעגנב'עט, מען זאָל זיי הרג'ענען! רחמנות'דיגער יעזוס! איך וויל מײַנע קינדער. אהה! איך וויים, וואָס איך וועל טהון! איך וויל נישט, זיי זאָלען שטאַרבען! צו הילף! צו הילף! אהה! ווען זיי זאָלען אַזוי שטאַרבען, וועל איך טויטען גאָט!

אין דערזעלבער צײַט, וואָס דאָס פֿירכטערליכע געבעט פֿון דער מוטער, האָבען זיך געהערט שטימען אויף דער הויכפֿלעכע און אינ'ם גראָבען:

— אַ לייטער!

— עס איז נישטאָ קיין לייטער!

— וואַסער!

— עס איז נישטאָ קיין וואַסער!

— אין דער הויך, אינ'ם טורם, אויפֿ'ן צווייטען שטאָק, איז דאָ אַ טהיר

— זי איז אַ אײַזערנע.

— רײַסט זי אויף!

— מען קאָן נישט!

און די מוטער האָט מיט אַ דאָפּעלטען כח פּערצווייפעלט געריפען:

— עס ברענט! צו הילף! העלפט אייך דאָך! אז נישט, הרג׳עט מיך, מײַנע קינדער! מײַנע קינדער! אח! דאָס שרעקליכע פײַער! לאָ׳מען זי אַרויסנעהמען, אָדער וואַרפט מיך דאָרט אַרײַן!

אין דער צווישענצײַט פון איהר געיאָמער האָט מען געהערט דאָס רוהיגע קנאַקען פון דער שׂרפה.

דער מאַרקיז האָט אָנגעטאַפּט זײַן טאַש און אָנגעטראָפען אויפ׳ן שליסעל פון דער אײַזערנער טהיר. דעמאָלט, אַראָבבויגענדיג זיך אונטער דער וועלבונג, דורך וועלכע ער איז אַנטלאָפען, איז ער צוריק אַרײַן אינ׳ם קאָרידאָר פון וואַנען ער איז אַרויס.

.II

אַ גאַנצע אַרמעע האָט זיך בעמיהט איבער אַ אומגליקליכער רעטונג צוויי טויזענד מענשען האָבען נישט געקאָנט אַרויסראַטעווען דרײַ קינדער אזוי לאַנגע איז דאָס געװען.

קײַן לייטער איז נישט געװען. דעם לייטער וועלכען מען האָט געזאָלט ברענגען פון זשאַווענײ איז, ווי די לעזער ווייסען שוין, נישט אָנגעקומען. דער פײַער האָט זיך אַרויסגעריסען פון שלאָס־באָדען, ווי פון אַ וואולקאַן עס איז געװען לעכערליך צו טראַכטען וועגען פערגיסען איהם מיט׳ן וואַסער פון האַלב־אויסגעטריקענטען טײַכעל. דאָס וואָלט אויסגעזעהן, ווי מע וואָלט געפּרובט פערגיסען אַ פײַער־שפּײַענדיגען באַרג מיט אַ גלאָז וואַסער.

סימורדען, געשאַן און ראַדו האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אין גראָבען, געװען איז ווידער אַרויף אויפ׳ן צווייטען שטאָק פון טורם, וואו עס געפינען דער דרעהענדיגער שטײַן פון געהײמען אויסגאַנג און די אײַזערנע טהיר, וועלכע האָט געפיהרט צו דער ביבליאָטעק.

ווי עס איז בעוואוסט האָט דעם קנויט, וואָס איז געװען דורכגענומען מיט פולווער אימאַנום אָנגעצונדען און פון דאַנען האָט זיך דאָס אָנגעהויבען די שׂרפה. געװען האָט מיט זיך מיטגענומען צוואַנציג סאַפּיאָרען, וועלכע האָבען בעדאַרפט דורכברעכען די אײַזערנע טהיר, דאָס אײנציגע מיטעל, וואָס איז נאָך געבליבען. נאָר צום אומגליק איז די טהיר געװען אויסערגעוויינט־ליך שטאַרק. פון אָנהויב האָט מען געפּרובט צו האַקען איהר מיט העק גאָר די העק זײַנען צעבראָכען געוואָרען.

אויף אזא אײַזן האט זיך אפילו דאס שטאָהל אין גראָז פערוואנדעלט — האט א סאפּיאָר מיט פערדרוס א זאָג-געטהון.

און עס איז קיין וואונדער נישט געוועזן: די טהיר איז געוועזן געמאכט און געשמידעטען אײַזן אויסער דעם איז זי געוועזן ארומגעשלאָגען מיט אײַזערנע פאסען פון דרײַ צאָל די גרעב. מען האט נאך געפּרובט אויפהויבען די טהיר מיט אײַזערנע לאָמען, נאר די שטיקער אײַזן האבען זיך איבערגעבראָכען ווי שוועבעלעך.

— פונקט ווי שוועבעלעך — האט ווידער דער סאפּיאָר אויסגערופען און גאָוועזן האט פינסטער צוגעגעבען: די טהיר קאָן מען נאר דורכברעכען מיט א קויל פון א האַרמאַט.

— און דאס איז נאך אויך נישט אויף זיכער, — האט דער סאפּיאָר באמערקט.

פון פערצווייפלונג האבען אלע אראָבגעלאָזען די הענד און מיט יאוש און פערדרוס געקוקט אויף דער שרעקליכער אונבעזיגבארער טהיר. פון צווישען איהרע שפּאַלטען האט זיך געזעהן א רויטער אָבשײַן. עס איז געוועזן קענטיג, אז די שרפה הינטער דער טהיר איז אלץ שטאַרקער געוואָרען. און לעם דער טהיר געלעגען דער שרעקליכער פגר פון איטאַנוס, אָט דעם שוויערליכען זינגער.

מענליך, אז אין עטליכע מינוט אַרום וועט אלץ אײַנפאַלען.

גאָוועזן האט פון פערצווייפלונג געווענדעט דעם בליק צו דעם אויסגעדרעהטען שטײַן און צו דער לאָך אין וואַנד פון וואַנען די בעלאַגערטע זענען אַנטרונען געוואָרען און אויסגערופען:

— אָט, פון וואַנען לאַנטענאַק איז אַנטלאָפען!

— און פון וואַנען ער קעהרט זיך איצט אום צוריק! — האט עמיצענס א שטים אויסגערופען, און עמיצענס א ווײַסע קאָפּ האט זיך באוויזען אין לאָך פון וואַנד.

דאָס איז געוועזן דער מאַרקיז אליין. יאָהרען לאַנג האט שוין גאָוועזן נישט געזעהן איהם אזוי נאָהנט לעם זיך. ער איז אָבגעטראָטען. און אלע, וואָס זענען געוועזן אין דעם צימער זענען געבליבען ווי פערגליווערט, פונקט ווי פערשטײַנערט.

דער מאַרקיז האט געהאַלטען אין האַנד א גרויסען שליסעל. מיט א שטאָלצען בליק האט ער צעשפּרײַט א גרופּע סאַפּיאָרען, וואָס זענען איהם געשטאַנען אויפ'ן וועג, ווענדענדיג זיך גלײַך צו דער אײַזערנער טהיר.

ער האט זיך אײַנגעבויגען, אַרײַנגעשטעלט דעם שליסעל אין שלאָס-לאָך. דער שלאָס האט א סקריפּע-געטהון. די טהיר האט זיך אויסגעדרעהט

אויף איהרע זאוויעסעס. און פלוצלינג האט זיך בעוויזען א גאנצער ים מיט פייער. א פעסטען טראט און א אויפגעהויבענעם קאפ איז דער מארקיז ארײן אין איהם. אלע האבען איהם מיט א ציטער נאכגעקוקט.

און ווי דער מארקיז איז נאר אבגעגאנגען עטליכע טריט אין ברענענדיגען ציטער, אזוי האט גלייך זיך הינטער איהם אבגעריסען א האלבע פארלאנגע און געבילדעט צווישען איהם און דער טהיר א טיפען תהום. דער מארקיז האט זיך אפילו נישט אומגעקוקט און ווייטער געגאנגען. אין א רגע ארום איז ער פערשוואונדען אין רויך און מעהר האט מען איהם שוין נישט געזעהן.

צי האט ער בעוויזען ווייטער צו געהן? צי האט זיך נישט געעפענט אונטער זיינע פיס א נייער פייערדיגער תהום? צי דען האט ער מיט דער טהאט זיין איינגענעם טויט דערגרייכט? עס איז געווען אונמעגליך צו ענטפערן אויף די אלע פראגען. פאר די אויגען האט זיך אויפגעהויבען א וואנד פון פייער און רויך און הינטער איהר איז געווען דער מארקיז א לעבעדיגער צי א טויטער איז געווען אונבעוואוסט.

III.

די איינגעשלאפענע קינדער כאפען-זיך-אויף.

די קינדערלעך האבען ענדליך אויפגעעפענט די אויגען, די שרפה, וואס האט נאך נישט בעוויזען ארומצוכאפען די ביבליאטעק, האט געווארפען אויף איהר באלקען א שטלען, ראזען אבשיין. די קינדער, וועלכע זענען נאך נישט געווען בעקאנט מיט אזא אבשיין האבען איהם נייגעריג גענומען בעטראכטען. זשארזשעט האט זיך אפילו ענטציקט.

די שרפה האט זיך פערנאנדערגעפלאקערט אין איהר גאנצער שווערליכער גרויסקייט. צווישען קנוילען שווארצען רויך, מיט א רויטליכען אבגלאנץ, האט זיך בעוויזען דא א שווארצער שלאנג, דא א העל-רויטער דראקאן; לאנגע פייערדיגע צינגער זענען אומגעלאפען אין לופט

אלע דריי קינדער זענען אויפגעשפרונגען.

אך ווי גוט! — האט זשארזשעט אויסגעשריען.

— זיי ערוואכען, האט די מוטער געזאגט.

און ווירקליך. פריהער איז אויפגעשטאנען רענע-זשאן, דערנאך גראסאלען און ערשט דערנאך זשארזשעט. רענע-זשאן האט אויסגעצויגען די הענד צום פענסטער און געזאגט:

— מיר איז היים.

— מיר איז היים. — האָט איהם איבערגעחזר'ט זשאָרזשעט.

— קינדער מײַנע — האָט די מוטער אויסגעשריען. רעגע, אַלען, זשאָרזשעט.

די קינדער האָבען זיך אַרומגעקוקט און גאָרנישט פערשטאַנען. דאָס וואָס וועקט־אויף בײַ גרויסע אַ שרעק, רופט נאָר בײַ קלײנע קינדער אַרויס אַ פערוואונדערונג.

— רעגע, אַלען, זשאָרזשעט! — האָט ווײַטער די מוטער גערופען.

רעגע־זשאַן האָט זיך אומגעקעהרט. די שטים האָט איהם אַרויסגענומען פון דער צעשטרײַטקײַט. בײַ קינדער איז דער זכרון אַ קורצער. פאַר דערפאַר זענען די ערינערונגען זעהר לעבעדיגע. די גאַנצע פערגאַנגענהײַט זעהן זײ ווי נעכטען. רעגע־זשאַן, דערזעהענדיג די מוטער, האָט דאָס געפונען פאַר גאַנץ נאַטירליך און פיהלענדיג זיך אין אַ מאָדנער לאַגע האָט ער ווי אַבעני־דיג אַ שטיצע גענומען שרײַען:

— מאַמע, מאַמע!

— מאַמע! — האָט איהם נאָכגעשריען אַלען.

מאַמע האָט נאָכגעפּליסטערט זשאָרזשעט און גענומען ציהען די הענטלעך.

די אונגליקליכע פרוי האָט אַרויסגעלאָזען אַ שרעקליכען געשרײַ.

אַלע דרײַ זענען צוגעגאַנגען צום פענסטער. גליקליכערווײַזע איז נאָך דער פײַער צום פענסטער נישט דערגאַנגען.

— מיר איז היים! האָט רעגע־זשאַן אַ זאָג־געטהון און נאָכדעם צוגע־געבען:

— עס ברענט!

נאָכדעם האָט ער גענומען מיט די אויגען זוכען די מוטער און זיך צעשריען:

— קום דאָך, מאַמע!

— מאַמע, מאַמע! האָט זשאָרזשעט געפּליסטערט.

די אונגליקליכע פרוי, מיט די צעשויבערטע האָר, צעריסענע קלײדער און פערבלוטיגטע פים, האָט זיך געהאַנגען אָן די קושאַקעס, אַראָבגעלאָזען זיך אין גראָבען. דאָ אונטען זענען סימורדען און געשאַן אַזוי הילפלאָז גע־שטאַנען ווי גאָוען אויבען. די זעלנער, פערצווײַפעלט און אין בעוואוסטזײַן פון זײער מאַכטלאָזיגקײַט, זענען אומגעלאָפען אַהן אַ ציעל הין און צוריק אַרום זײ.

די היץ איז געווען אַ אונערטרעגליכע, נאָר קײנער האָט זי נישט גע־פיהלט. אַלע האָבען געקוקט אויפ'ן בריק, אויף זײַנע באָבעס, אויף די הויך

אין די װענד, אויף די אונטערגעריכבאַרע פֿענסטער. און גלײַכצײַטיג האָבן אַלע בעגריפֿען, אַז מען מוז תיכּף ומיד עפּעס אַנטשליסען. נאָר צו דעם האָט מען געמוזט אַרויפֿקריכען אויפֿ׳ן דריטען שטאָק. צו דעם אָבער האָט געפֿעהלט װעלכע עס איז הילפֿס־מיטעל.

אויף דעם גאַנצען טומעל איז אין מיטען געקומען צולויפֿען ראַד פֿערוואונדעט פֿון אַ שװערד אין פּלײצע מיט אַן׳אָראָבגעהאַקטען אויער, אָבגיסענדיג זיך מיט שװייס און בלוט; דערזעהענדיג די פֿרוי פֿלעשאַר האָט ער איהר גלײַך דערקענט:

— װיי — האָט ער אויסגערופֿען — איהר זענט דאָך דערשאָסען! הײסט דאָס איהר זענט אויפֿגעשטאַנען תחית המתים!

— מײַנע קינדער! — האָט איהם די מוטער געענטפֿערט.

— דאָס איז ריכטיג, האָט ראַדו צוגעגעבען. איצט איז נישט קיין צײַט צו שמועסען פֿון עפּעס אַנדערש און ער האָט גענומען קריכען אויפֿ׳ן בריק. נאָר אומזיסט זענען געװען אַלע זײַנע אָנשטרענגונגען. אײַנקלאַמערענדיג זיך מיט די נעגעל אין די שטײנער, איז ער געקראָכען עטליכע סעקונדען. אין די שטײנער אָבער איז נישט געװען קיין איין שפּעלטעלע, קיין איין אויסגעשטאַרצטער אָרט. אָן װאָס ער זאָל זיך קאָנען אָנהאַלטען. די װאַנד איז געװען אַזוי גלאַט און גאַנץ, פּונקט װי אַ נײַע. און ראַדו האָט נישט פֿערזאַמט זיך אַראָבצוקײַקלען.

די שרפֿה איז דערװײַל געװאַקסען מיט אַ שרעקליכער מאַכט און פֿון אָפֿענעם פֿענסטער אויפֿ׳ן העלען פֿאָן פֿון פֿײַער, האָבען זיך קלאָר און דײַטליך אויסגעצײַכענט דרײַ קלײנע בלאָנדע קינדערשע קעפּלעך.

פֿרוי פֿלעשאַר, שטעהענדיג אויף די קניה, האָט אַרומגענומען מיט די הענד דעם פֿונדאַמענט פֿון בריק און געשריען:

— ראַטעװעט!

— ראַטעװעט!

אַ טויבער קנאַל האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסען פֿון ביבליאָטעק־ציממער, די שויבען פֿון די נידריגע אַלמערס האָבען נישט אויסגעהאַלטען און מיט אַ קלאַנג געפֿאַלען אויף ד׳ערד. דאָ האָט שוין קיין מענשליכע קראַפֿט נישט געקאָנט העלפֿען, און אַלע האָבען מיט פֿערגליװערטע הערצער געװאַרט אויפֿ׳ן סוף פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע. אין דער צײַט, װען פֿון דעם ברענענדיגען הויז האָבען זיך אַלץ געטראָגען די קינדערשע אויסגעשרײַען:

— מאַמע! מאַמע!

אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. פּלוצלינג האָט זיך בײַם פֿענסטער, װאָס לעבען דעם, װאו די קינדער זענען געשטאַנען, אויפֿ׳ן העלען אָבּ־

שײַן פֿון דער שרפֿה, בעװיזען עמיצענס א הױכע פֿיגור. אַלע אױגען האָבען זיך געװענדעט צו דער פֿיגור. פֿאַר אַלעמען איז געװען קלאָר, אַז דאָרט אין דער הױך, אין זאַל פֿון דער ביבליאָטעק, אָט אין דעם גיהנום, געפֿינט זיך עמיצער א מענש. די פֿיגור האָט זיך שװאַרץ אָבגעצײכענט אױף די פֿלאַ־מען, דער קאָפּ אָבער איז געװען װײַס. און פּלוצלינג האָבען אַלע דערקענט דעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק.

ער איז אױף א װײַלע פֿערשװאונדען און װידער שנעל זיך בעװיזען, האַלטענדיג אין די הענד א לאַנגען לײַטער. דאָס איז געװען דער הילפֿס־לײַטער, װאָס איז געלעגען אין דער ביבליאָטעק־זאַל אין דער לענג פֿון װאַנד. דעם לײַטער האָט ער צונעשלעפּט צום פֿענסטער; אָננעמענדיג מיט'ן האַנד פֿאַר אײן ברעג, האָט ער מיט דער קראַפֿט און געשיקטקײַט פֿון אַנ'אַטלעט אַראָבגעלאָזען דעם צװײטען ברעג דורכ'ן פֿענסטער, אַװעקשטעלענדיג איהם אױפֿ'ן ברעג פֿון גראָבען.

ראַדו, װאָס איז געשטאַנען א אױפֿגערעגטער און דערפֿרעהטער בײַם ברעג פֿון גראָבען, האָט דעם לײַטער אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענד און פֿעסט אַרומגעהמענדיג איהם האָט ער אױסגעשריען:

— זאָל לעבען די רעפּובליק!

— זאָל לעבען דער קעניג! — האָט דער מאַרקיז געענטפֿערט.

נו, גוט! — האָט ראַדו א ברום־געטהון דורך די צײהנער — מענסט זיך דאָרט שרײַען, װאָס די װילסט, אפֿילו נאַרישקײטען רעדען און דאָך ביסטו אהער געקומען פֿון בארימהערציגען גאָט אַלײן געשיקט.

דעם לײַטער האָט מען אװעקגעשטעלט און ענדליך איז געשאַפֿען גע־װאָרען א פֿערמיטלונג צװישען דעם ברענענדיגען הױז מיט דער איבעריגער װעלט. צװאַנציג מאַן, אין דער שפּיץ מיט ראַדו'ן, האָבען זיך א װאָרף־גע־טהון צום לײַטער. אין אײן מינוט האָבען זיך אַלע צוזעצט אין דער גאַנצער לענג פֿון לײַטער אַזױ, אַז אױפֿ'ן הילצערנעם לײַטער האָט זיך געבילדעט א צװײטער, א מענשליכער. ראַדו, װאָס איז אַרױפֿגעקראָכען אױפֿ'ן העכסטען שטאַפּעל, איז געשטאַנען כמעט גלײַך מיט'ן פֿענסטער. די סאָלדאַטען, װאָס זײַנען געװען צעשפּרײט אױפֿ'ן גאַנצען באַרג, האָבען אַרומגענומען אונטען דעם לײַטער, בעװעגט פֿון אַלערלײ געפֿיהלען.

דער מאַרקיז איז װידער פֿערשװאונדען און אין עטליכע סעקונדען אַרום האָט ער זיך בעװיזען אױפֿ'ן ברעג פֿון פֿענסטער, האַלטענדיג אין די הענד א קינד.

א װילדער שטורם פֿון אַפּלאָדיסמענטען האָט איהם בעגעגענט. דאָס

ערשטע קינד, וואָס דער מאַרקיז האָט אַרויסגעכאַפּט פון פייער איז געווען אַ צוי.

— ל'האָב מורא! — האָט דאָס קינד געשריען. דער מאַרקיז האָט איהם דערלאַנגט ראַדו'ן; ראַדו האָט איהם איבער'ן קאָפּ דערלאַנגט אַ צווייטען זעלנער, דער צווייטער — אַ דריטען, ביז אַלען, וואָס האָט הויך געשריען פון שרעק, האָט נישט דערגרייכט דעם עק פון לייטער. דער מאַרקיז איז ווידער אַבגעגאַנגען אויף עטליכע מינוט פון פענסטער און ווידער צוגעגאַנגען צו איהם מיט רענע-זשאַן אין די הענד. דער האָט געשריען, געוואָרפען-זיך און אפילו דערלאַנגט ראַדו'ן איבער'ן געזיכט, ווען דער מאַרקיז האָט איהם איבערגעגעבען. דער מאַרקיז איז ווידער אַריין אין צימער, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען און אין וועלכען עס האָט זיך געפונען נאָר זשאַרזשעט. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר. זי האָט איהם אַ שמייכעל געטהון, און דער מענש, וואָס איז ווי פון שטיין געווען אויסגעהאַקט, האָט דערפיהלט, ווי טרעהרען זענען איהם געשטאַנען אין די אויגען.

— ווי הייסטו? האָט ער איהר אַ פרעג געטהון.

— אָרעטאַ, — האָט זי איהם קינדיש געענטפערט. ער האָט זי גענומען אויף די אָרעמס. און אין דער רגע, וואָס ער האָט זי אַבגעגעבען ראַדו'ן, איז אָט די האַרטע, פינסטערע נשמה בעלויכטען געוואָרען מיט אַ שטראַהל פון אונשולד און ער האָט אַ קוש-געטהון דאָס קינד.

די מוטער איז געשטאַנען אונטען ביים לייטער, אָהן אָטעם, צעטומעלט, שכּור פון די אומגעריכטע זאַכען, געוואָרפען פלוצלינג פון גיהנום אין גן-עדן, האָט זי אויסגעשטרעקט איהרע אָרעמס, זי האָט אויפגענומען פריהער גראָס-אַלען, דערנאָך רענע-זשאַן, דאַן — זשאָרזשעט; זי האָט זיי בעדעקט מיט קושען, זיך געוואַלדיג צעלאַכט און — געפאַלען אין חלשות.

אַ מורא'דיגער געשריי האָט זיך אויפגעהויבען:

— אַלע זענען געראַטעוועט.

און עס זענען טאַקע געראַטעוועט געוואָרען אַלע, חוץ דעם אַלטען.

קיינער האָט וועגען איהם נישט געטראַכט, אפשר ער אַליין אויך נישט.

ער איז געבליבען אַ רגע שטעהן אַ פערטראַכטער ביים ברעג פון פענסטער, גלייך ווי ער האָט געוואָלט געבען דעם פייער-תהום געגוג צייט צו אַנ'ענטשלוס. דאַן, אָהן אייַלעניש, לאַנגזאַם, שטייף איז ער אַרויס פון פענסטער און בלייבענדיג אויסגעקערט מיט'ן רוקען צו די שטעגען, אַ גראַדער, אַנ'אויסגעגלייכטער, האַבענדיג הינטער זיך די שרפה און פאַר זיך דעם אַבגרונד, האָט ער זיך גענומען פאַר זיך אַראָבשטייגען די לייטער, שווייגענדיג, מיט אַ שטאָלצער רוהיגקייט פון אַ געשפענסטער.

די, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער לייטער, האָבען זיך אַ לאָז-געטהון אַראָב; אַלע האָבען געציטערט; מיט אַ מין הייליגען שרעק איז מען אָבגעטרעטען פאַר דעם דאָזיגען מענשען, וועלכער איז געקומען פון אויבען ווי אַ וויזיאָן. ער אָבער האָט זיך רוהיג און לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזען אין דעם שאָטען, וואָס איז געוועזען פאַר איהם; בעת זיי האָבען געהאַלטען אין אָבטרעטען, האָט ער זיך צו זיי דערנעהנטערט; זיין בלאַסקייט פון מאַרמאָר איז געוועזען אָהן איין קנייטש; זיין בליק פון געשפענסטער האָט נישט געהאַט קיין גלאַנץ; מיט יעדען טריט, וואָס ער האָט געמאַכט צו די דאָזיגע מענשען, וועמענס דערשראָקענע אויגען האָבען זיך פערגליווערט אין דער פינסטערניש, האָט ער אויסגעזעהען אַלץ גרעסער און גרעסער. דער לייטער האָט געציטערט און געקלונגען אונטער זיין שווערען טראָט, און מען האָט געקאָנט זאָגען, אַז ס'איז די סטאַטוע פון קאָמאַנדאָר, וואָס נידערט אַראָב אין דעם קבר.

אַז דער מאַרקיז איז אָנגעקומען אונטען און געשטעלט די פיס אויף דער ערד, האָט זיך אַ האַנד אַראָבגעלאָזען אויף זיין אַקסעל. ער האָט זיך אומגעקעהרט:

— איך פערהאַלט דיך — האָט געזאָגט סימורדען.

— איך גיב דיר מיין הסכם — האָט געזאָגט לאַנטענאַק.

נאָך דעם נצחון קומט די שלאַכט.

I.

לאַנטענאַק געפאַנגען.

דער מאַרקיז איז באמת אַראָב אין קבר.

מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט.

אונטער די שטרענגע אויפזיכט פון סימורדען האָט מען גלייך אויפגעעפענט די געהיימע תפיסה אין'ם אונטערשטען שטאָק פון לאַ-טורג; מען האָט דאָרט אַריינגעשטעלט אַ לאָמפּ, אַ קרוג מיט וואַסער און אַ זעלנעריש ברויט; מען האָט דאָרט אַריינגעוואָרפען אַ בינטעל שטרוי, און עס איז נישט פאַראיבערגעגאַנגען אַ פיערטעל שעה פון דער רגע, ווען די האַנד פון גלח האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַרקיז, האָט זיך די טהיר פון דער תפיסה פערמאַכט הינטער לאַנטענאַק'ן.

נאָך דעם אַלעם, איז סימורדען געגאַנגען אויפזוכען גאָווען'ען; אין דער

רגע האָט די ווײַטע קירכע פֿון פּאַריזיע געשלאָגען עלף אַ זײגער אין אָבענד; סימורדען האָט געזאָגט צו גאָווען:

— איך וויל צוזאַמענרופֿען אַ פֿעלדגעריכט. דו וועסט נישט זײַן דערבײַ. דו ביסט גאָווען און לאַנטענאַק איז גאָווען. דו ביסט אַ צו נאָהנטער קרוב צו קענען זײַן אַ ריכטער. דאָס פֿעלדגעריכט וועט באַשטעהן פֿון דרײַ ריכטער, אַן אָפֿיציר, דער קאַפּיטאַן געשאַן, אַ אונטער-אָפֿיציר, דער סערזשאַנט ראַדו, און איך, אַלס פּאָרזיצענדער. דאָס אַלץ געהט דיך גאָרנישט אָן. מיר וועלען זיך צופּאַסען צו דעם באַשלוס פֿון קאָנווענט; מיר וועלען זיך באַגרענצען מיט פֿעסטשטעלען די פּערזענליכקײַט פֿון דעם געוועזענעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק. צומאָרגענס וועט פֿאָרקומען דאָס פֿעלדגעריכט און איבערמאָרגענס — די גיליאָטינע. וואַנדעע איז טויט.

I.

לאַנטענאַק געפֿאַנגען.

גאָווען האָט נישט אָפּגעענטפֿערט קײַן אײן וואָרט, און סימורדען איז נאַנצען פֿערטהון מיט דעם וויכטיגען ענין, וואָס איז איהם געבליבען צו ערלעדיגען, האָט איהם פֿערלאָזען.

סימורדען האָט געדאַרפֿט באַשטימען די צײַט און דאָס אָרט. ער האָט געהאַט אַ געוואוינהײַט, און מען האָט עס באַטראַכט פֿאַר אַ גוטען בײַשפּיל, צו זײַן פּערזענליך בײַם אויספֿיהרען די שטראָף; דער ריכטער איז געקומען אויפֿזעהן די אַרבײַט פֿונ'ם הענקער; דאָס איז געווען אַ מנהג, וועלכען דער טעראָר פֿון יאָהר 93 האָט איבערגענומען פֿון פֿראַנצויזישע פּאַרלאַמענטען און שפּאַנישער אינקוויזיציע.

גאָווען האָט אויך געהאַט איבער וואָס צו טראַכטען.

אַ קאַלטער ווינד האָט געבלאָזען אין וואַלד. גאָווען, איבערלאָזענדיג געשאַנ'ען אַרויסצוגעבען די נויטיגע פֿעראָרדנונגען, איז געגאַנגען אין זײַן פּאַלאַטקע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אויף דער לאָנקע, וואָס בײַם וואַלד און זיך אײַנגעהילט אין זײַן מאַנטעל מיט דער קאַפּוצע. דער דאָזיגער מאַנטעל איז געווען אַרומגענײַהט מיט אַ פּשוט'ען גאַלאָן, וואָס לויט די רעפּובליקאַנישע אײַנפֿאַכע מאָדע, האָט עס באַצײַכענט דעם אָנפֿיהרענדען קאָמאַנדיר. ער האָט זיך גענומען געהן איבער די פֿערגאָסענע מיט בלוט לאָנקע, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען די אַטאַקע. ער איז געווען אײַנער אַלײַן. די שרפֿה, אויף וועלכע מען האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט, האָט זיך ווײַטער פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט; ראַדו איז געווען נעבען די קינדער און די מוטער,

און איז פונקט אזוי צערטליך געוועזן, ווי זי. דער בריקענשלאָס איז שוין געווען כמעט אויסגעבערענט; די סאַפּיאָרען האָבען געאַרבײַט בײַם ליכט פון דער שרפה; מען האָט געגראָבען גריבער, מקבר געווען די טויטע, פערבונדען די פערוואונדעטע, צעשטערט די באַריקאַדע, אָבגערוימט די צימער און שטיגען פון די מתים, גערייניגט דעם פּלאַץ פון דער שחיטה, אויסגעקעהרט דאָס שרעקליכע מיסט פון׳ם נצחון; די סאָלדאַטען האָבען אויסגעפיהרט מיט א מיליטערישער שנעלקייט דאָס, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופען די בעל-הבתישקייט נאָכ׳ן פערענדיגטען שלאַכט. גאָווען האָט דאָס אַלץ נישט געזעהן.

ווי דורך א חלום האָט ער געוואָרפען א בליק אויף דעם פּאָסטען בײַם דורכברוך, וועלכער האָט זיך אויפ׳ן בעפעהל פון סימורדען פערדאָפּעלט.

ער האָט דערקענט אין דער פינסטער דעם דאָזיגען דורכברוך אויף א ווײַטקייט פון צוויי הונדערט טריט פון דעם ווינקעל לאַנקע, וואוהין ער איז ווי אַנטלאָפען. ער האָט געזעהן די דאָזיגע שווארצע עפנונג. דורך דאַנען האָט זיך דאָס אָנגעהויבען די אַטאַקע מיט דרײַ שעה צוריק; דורך דאַנען איז ער גאָווען אַרײַנגעדרונגען אין טורם; דאָרט אין דערנידער איז דאָס דאָס געווען די באַריקאַדע פון די בעלאַגערטע; דאָרטען געפינט זיך די טהיר צו דער תפיסה, וואו דער מאַרקיז זיצט פערשפאַרט. דער דאָזיגער פּאָסטען פונ׳ם דורכברוך האָט געהיט די תפיסה.

אין דער אײגענער צײַט, וואָס זײַן בליק האָט אונקלאָר בעמערקט דעם דאָזיגען דורכברוך, האָט זײַן אויער אונדײַטליך געהערט ווערטער, וועלכע האָבען געקלינגען ווי א טויטענגלאָק: מאָרגען דאָס פעלדגעריכט, איבערמאָרגען די גיליאָטינע.

די שרפה, וועלכע מען האָט ענדליך בעגרעניצט און אויף וועלכע די סאַפּיאָרען האָבען געגאָסען דאָס גאַנצע וואַסער, וואָס מען האָט זיך נאָר געקאָנט פערשאַפען, האָט נישט אײנגעהערט און פון צײַט צו צײַט אויסגעבראָכען מיט א שטאַרקען פלאַם; מינוטענווײַז האָט מען געהערט, ווי עס קנאַקען די סופיטען און די שטאָקען זענען אײַנגעפאַלען אײנער אויפ׳ן צווײַטען; דאַמאָלסט האָבען זיך גאַנצע וואָלקענס פונקען אויפגעהויבען אין דער לופט אזוי פון א צעטרײַסעלטען פאַקעל, א העלקײַט פון א בליץ האָט בעלויכטען דעם ראַנד פון האָריזאָנט, און דער שאָטען פון לא טורג, וועלכער איז ריזיג אויסגעוואַקסען, האָט זיך אויסגעצויגען ביז צום וואַלד.

גאָווען איז געגאַנגען הין און צוריק מיט לאַנגזאַמע טריט אין דעם דאָזיגען שאָטען פערבײַ דעם דורכברוך. מינוטענווײַז האָט ער פערלעגט ווײַטע צוויי הענד הינטער׳ן קאָפּ, אָנגעטהון אין דער מיליטער קאַפּוצע. ער האָט געטראַכט.

II.

גאוועץ פערטראכט.

גאוועץ האט זיך טיף פערטראכט.

עס איז מיט איהם פארגעקומען א אונערהערטע שנעלע איבערקעהרעניש.

דער מארקיז דע לאנטענאק האט זיך איבערגעאנדערשט. ער איז געוועזען א עדות פון דער ענדערונג.

גאוועץ האט פאר זיך געהאט דאס אונמעגליכע, וואס איז געווארען ווירקליך קלאר, אונפערמיידליך, אונבּרחמנות'דיג.

וואס האט ער, גאוועץ, געטראכט וועגען דעם?

ער האט זיך נישט געטארט ארויסדרעהען; ער האט געמוזט אננעהמען א בעשלוס.

א פראגע איז אוועקגעשטעלט געווארען; און ער האט נישט געטארט פון איהר אנטלויפען.

ווער האט זי אוועקגעשטעלט?

די געשעהענישען.

גאוועץ איז איצט געשטאנען פאר'ן פערהער.

ער איז פאר עמיצען געשטאנען.

פאר עמיצען א שרעקליכען.

פאר זיין געוויסען.

ער האט געפיהלט, אז אלץ וואקעלט זיך אין איהם. זיינע שטארקסטע בעשלוסען, זיינע זיכערסטע צוזאגען, זיינע פעסטע פרינציפען — דאס אלץ האט זיך געוואקעלט אין די טיפעניששען פון זיין ווילען.

עס איז פארהאן אזא נשמה-ציטערניש.

וואס מעהר ער האט געטראכט פון דעם, וואס ער האט נאר וואס געזעהן, אלץ מעהר איז ער געווארען ערשיטערט.

גאוועץ, דער רעפובליקאנער, האט געגלויבט, אז די נויטווענדיגקייט רעגירט מיט איהם. איצט האט זיך אין איהם אנגערופען א העכערע נויטווענדיגקייט, איבער די רעוואלוציאנערע איז געוועזען די מענשליכע נויטווענדיגקייט.

דאס וואס ס'איז געשעהן האט נישט געקאנט ווערען אויסגעמיטען; דער פאקט איז געוועזען א ערנסטער; און גאוועץ איז געוועזען א טייל פון דעם דאזיגען פאקט; ער האט זיך נישט געקאנט צוריקציהען, און כאטש סימורדען האט איהם געזאגט: — „אז דאס געהט איהם מעהר נישט אן“ — האט ער געפיהלט דאס, וואס א בוים דארף פיהלען, בשעת מען רייסט איהם ארויס

ון זײַן װאָרצעל.

יעדער מענש האָט אַ באָדען; אַ צעטרײסלונג פון דעם דאָזיגען באָדען ברענגט מיט זיך אַ טיפע צערודערטקײט; ער האָט דאָס אין זיך געפיהלט,

ער האָט געפרעסט זײַן קאָפּ אין זײַנע בײדע הענד, אַזוי װי ער װאָלט געװאָלט, אַז דער אמת זאָל פון דאָרט אַרױסשפּריצען. עס איז נישט לײַכט געװען זיך קלאָר צו מאַכען אַזוי אַ לאַגע. ער האָט זיך בעמיהט צונויפצוזאַמלען זײַנע געדאַנקען, צו ברענגען אין אָרדנונג די װידערשפּרוכען, װאָס ער האָט געפיהלט אין זיך און צו דערמאָנען זיך אַלע פאַקטען.

ער האָט זיך זײ קלאָר געמאַכט.

גאָװען האָט געזעהן, װי עס איז געשעהן אַ נס.

צוגלײַך מיט'ן ערדישען קאַמף איז פאָרגעקומען אַ הימלישער. דער קאַמף פון גוטען געגען שלעכטען.

אַ שרעקליך האַרץ איז געװאָרען בעזיגט.

אין בעצוג צום מענשען מיט דעם אַלעם שלעכטען, װאָס געפינט זיך אין איהם: כעס, טעות, פערבלענדונג, עקשנות, שטאָלץ, עגאָאיזם—האָט גאָװען געזעהן אַ נס.

דער נצחון פון דער מענשליכקײט איבער דעם מענשען.

די מענשליכקײט האָט מנצח געװען דאָס אונמענשליכע.

און מיט װאָס פאַר אַ מיטעל? אויף װאָס פאַר אַ אופן? װי אַזוי האָט זי אַװעקגעלענט דעם ריעז פון כעס און שנאה; װאָס פאַר אַ געװעהר האָט זי בענוצט; װאָס פאַר אַ כלי זיין? דאָס װיגעל.

גאָװען איז פערבלענדט געװאָרען, אין פולען גאַנג פון קריג, אינמיטען פון צוזאַמענשטויסען פון אַלע לײַדענשאַפטען און אַלע נקמות, אין דעם פינסטערסטען און שרעקליכסטען מאָמענט פון קאַמף, אין דער צײַט, װען דאָס פערברעך האָט אויסגעבראָכען אין פײַער און די שנאה אין חושך, אין דער רגע פון קאַמף, װען אַלץ װערט אַ געשאָס, װען דער קאַמף װערט אַזוי חושכ'דיג, אַז מען װײסט מעהר נישט, װאו איז דאָס גערעכטע, װאו איז דאָס ערהענהאַפטע און װאו איז דאָס אמת'ע; פלוצלינג, האָט דער אונבעקאַנטער, דער סודות'דיגער היטער פון נשמות געלאָזט שימערן איבער אַלע מענשליכע ליכטיגקײטען און פינסטערקײטען דאָס גרויסע אײביגע ליכט.

איבער דעם פינסטערן דועל צװישען דעם פאַלשען און דעם רעלאַטיװען, אין די טיפענישען, איז פלוצלינג ערשינען דאָס פנים פונ'ם אמת.

פלוצלינג האָט זיך אַרײַנגעמישט דער כח פון די שװאַכע.

מען האָט געזעהן דרײַ אָרימע בעשעפענישען, קוים געבוירענע, אונװיסענדע, פער־אָזענע, יתומים, אַלײן, שטאַמלענדיגע, שמײכלענדיגע, האָבענדיג

:עֶגְעֶן זִיךְ דֶעם בִּירְגֶערְקְרִיג, דִי נְקָמָה, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע לָאגִיק פוּן רֶעפְּרֶעסִיעֶס, דֶעם מָארְד, דִי שְׁחִיטָה, דֶעם בְּרוּדֶערְמָארְד, דִי לֵיידֶענְשַׁאפְט, דֶעם גְרוֹילְ; מֶען הָאט גֶעזֶעהְן דִי מַפָּלָה פוּן דֶער נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער שְׂרֵפָה! וועלְכֶע הָאט גֶעוָאלְט בֶּעגֶעהְן אַ פֶערְבְּרֶעכֶען; מֶען הָאט גֶעזֶעהְן צֶעשְׁטֶערְט אוּן פֶערְנִיכְטֶעט אַלֶע שׁוֹידֶערְלִיכֶע פְּלֶענֶער; מֶען הָאט גֶעזֶעהְן, ווִי דִי אַלְטֶע פֶעאָדַאלֶע ווִילְדְ-קַייט, דִי אַלְטֶע אוּנבַּרְחְמָנוּת'דִיגֶע פֶערַאכְטוּנְג, דִי פַאלְשֶׁע טֶעאָרִיֶע פוּן דֶער נוֹיטְוֶוענְדִיגְקַייט פוּן דֶעם קְרִיג, דִי מְלוּכָה-אִינְטֶערֶעסֶען, דִי אַלֶע חוּצְפָּה'דִיגֶע אוּנְטֶערְגֶעהְטוּנְגֶען פוּן דֶער גְרוֹיזַאמֶער זְקֵנָה, — אַז דִי אַלֶע שְׁרֶעקֶענִישֶׁען זֶענֶען פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען לִפְנֵי דֶעם בְּלָאהֶען בְּלִיק פוּן דִי, וועלְכֶע הָאבֶּען נָאךְ נִישְׁט פֶערְזוּכְט דָאס לֶעבֶּען; אוּן דָאס אִיז פָּשׁוּט, ווַייל דֶער, וועלְכֶער הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעלֶעבְּט, הָאט קֵיין שְׁלֶעכְטֶס נִישְׁט גֶעטְהוּן, עֶר אִיז דִי גֶערֶעכְטִיגְקַייט, עֶר אִיז דֶער אֱמֶת, עֶר אִיז דִי ווַייסְקַייט, אוּן דִי מַלְאָכִים פוּן הִימֶעל גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

דָאס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ לֶעהְרֶע, אַ עֵצָה; דִי צֶעווִילְדֶעווֶעטֶע אִין דֶער אוּנ-בַּרְחְמָנוּת'דִיגֶער מִלְחָמָה קֶעמְפֶער הָאבֶּען פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעהְן, ווִי לִפְנֵי אַלֶע שֶׁענְדְלִיכֶע מַעֲשִׂים, אַלֶע אָנְגְרִיפֶען, אַלֶע פַאנַאטִיזְמֶען, אַלֶע מֶערְדֶערַייעֶן, לִפְנֵי דֶער נְקָמָה, וואס צִינְדְט-אוּנְטֶער, דֶעם טוֹיט, אִיבֶּער דֶעם אוּנגֶעהוֹיעֶרֶען רֶע-גִיאָן פוּן פֶערְבְּרֶעכֶען, הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִי דָאזִיגֶע אַלְמַאכְט — דִי אוּנְשׁוּלְד.

אוּן דִי אוּנְשׁוּלְד הָאט מְנַצֵחַ-גֶעוֶועזֶען.

אוּן מֶען וואלְט גֶעקָאנְט זָאגֶען: נַיין דֶער בִּירְגֶערְקְרִיג עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט, דֶער בַּארְבַּארִיזְם עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט, דִי שִׂנְאָה עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט, דָאס פֶער-בְּרֶעכֶען עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט; דֶער חוֹשֶׁךְ עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט פוּנַאנְדֶערְצוּטְרַייבֶּען דִי דָאזִיגֶע גֶעשְׁפֶּענְסְטֶער, אִיז גֶענוּג דֶער דָאזִיגֶער מָארְגֶענְרוֹיט—דִי קִינְדְהַייט.

קֵיינְמָאל, אִין קֵיין שׁוּם קַאמְף, אִיז דֶער שָׂטָן נִישְׁט גֶעוֶועזֶען בּוּלְט'עֶר.

דֶער דָאזִיגֶער קַאמְף הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁפִּילְט אִין אַ גֶעווִיסֶען.

אִין אַ גֶעווִיסֶען פוּן לַאנְטֶענַאק.

אִיצְט, הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבֶּען, נָאךְ שְׁטַארְקֶער אוּן אֶפְשָׁר נָאךְ עֶנְטְשִׁידֶענְדֶער אִין אַנ'אַנְדֶער גֶעווִיסֶען.

אִינ'ם גֶעווִיסֶען פוּן גָאווֶען.

וואס פַאר אַ שְׁלַאכְטְפֶעלְד אִיז דֶער מֶענְשׁ!

מִיר זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּטְפֶערְט אִין דִי מַאכְט פוּן דִי דָאזִיגֶע גֶעטֶער, דִי דָאזִיגֶע רִיזֶען — אוּנְזֶערֶע גֶעדַאנְקֶען.

אָפְט צֶעטְרֶעטֶען דִי דָאזִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע רִיטֶער מִיט דִי פִיס אוּנְזֶער נְשָׁמָה.

גאָוועָן האָט געטראַכט.

דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק, אַ בעלאַגערטער, אַ בלאָקירטער, אַ פֿערי-
משפּט׳ער, געשטעלט אויסערן געזעץ, צוגעשפּאַרט ווי אַ חיה אין ציריק, אַזוי-
ווי אַ נאָגעל אין אַ צוואַנג, פֿערמאַכט אין זיין זיץ, וואָס איז געוואָרען זיין
תּפֿיסה, אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען מיט אַ מויער פֿון אייזען און פֿייער,
איז בכּח געווען פֿון דאָרט זיך אַרויסצורייסען. ער האָט בעוויזען דאָס וואונ-
דער, אַז ער איז אַנטלאָפֿען; איהם איז געלונגען אָט דאָס דאָזיגע קונסט-
ווערק, דאָס שווערסטע פֿון אַלע אין אַזאַ מלחמה. ער האָט צוריק גענומען
אין בעזיץ דעם וואַלד. בכדי זיך דאָרט צו פֿערשאַנצען, דאָס לאַנד, בכדי
דאָרט צו קעמפֿען, דעם שאָטען, בכדי דאָרט פֿערשוואונדען צו ווערען. ער
איז ווידער געוואָרען דער שרעקליכער וואַנדערער, דער קאַפּיטאַן פֿון די
אונטערערדישע קעמפֿער, דער הער פֿון די וועלדער. גאָווען האָט געהאַט
דעם נצחון, אָבער לאַנטענאַק האָט געהאַט די פֿרייהייט. לאַנטענאַק איז גע-
ווען איצט אין זיכערקייט, געהאַט אַלע וועגען פֿאַר זיך אָפֿען, געקענט זיך
קלויבען אַ בעהעלטעניש, ער איז געווען נישט צו דערגרייכען, נישט צו גע-
פֿינען. דער לייב איז געפֿאַנגען געוואָרען אין אַ נעץ און איז אַרויס פֿון
דאָרט גאַנץ.

און אָט, האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט.

דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק האָט גערנווילליג בעוואוסטזיניג, פֿון קיינעם
נישט גענויט, פֿערלאָזען דעם וואַלד, דעם שאָטען, די זיכערקייט, די פֿריי-
הייט, בכדי צוריקצוקעהרען אין די שרעקליכסטע געפֿאַהר, אונערשראָקען,
צוערשט האָט גאָווען געזעהן, ווי ער האָט זיך געוואָרפֿען אין פֿייער מיט
געפֿאַהר פֿערברענט צו ווערען...... אַ צווייט מאָל בשעת ער איז אַראָבגע-
שטיגען פֿון די לייטער, וועלכע האָט איהם איבערגעגעבען אין די הענד פֿון
זיינע פֿיינד, וועלכע זייענדיג פֿאַר אַנדערע אַ רעטונגס-לייטער, איז פֿאַר איהם
געווען אַ לייטער פֿון פֿערניכטונג.

און פֿאַרוואָס האָט ער דאָס געטהון?

צו ראַטעווען דריי קינדער.

און איצט, וואָס וויל מען טהון מיט דעם מענשען?

גיליאָטינירען איהם.

אַלזאָ, דער דאָזיגער מענש צוליב דריי קינדער, נישט זיינע, נישט
פֿון זיין משפּחה, נישט פֿון זיין קאַסטע; פֿאַר דריי קליינע אָרימע, געפֿונענע
קינדער, אונבעקאַנטע, אָבגעריסענע, באָרפֿיסע, דער דאָזיגער פּריץ, דער
יאָזיגער פּרינץ, דער דאָזיגער זקן, אַ בעפֿרייטער, געראַטעוועטער, אַ זיגער
— וויל אַנטלויפֿען הייסט זיגען — האָט אַלץ איינגעשטעלט, אַלץ אַוועק-

געשטעלט אין א צוויי־פעלהאפטע לאגע און אין דערזעלבער צייט, ווען זי האט צוריקגעגעבן דער מוטער איהרע קינדער, האט ער שטאלץ געבראכט זיין קאפּ און דעם דאזיגען קאפּ, וואס איז ביז איצט שרעקליך געווען און געווארען ערשט ערהאבען, האט ער מקריב געווען.

און וואס איז מען געגאנגען טהון מיט איהם?

מען האט דעם קרבן אנגענומען.

דער מארקיז דע לאנטענאק האט געקאנט אויסקלייבען צווישען דעם לעבען פון אנדערע און זיין אייגענעם; ביי דעם ערהאבענעם וואהל האט ער אויסגעקליבען זיין טויט.

און מען האט מסכים געווען מיט דעם וואהל.

מען האט זיך געגרייט איהם צו טויטען.

וואס פאר א פרייז פאר העלדענמוט!

אויף א גרויסמוטיגע טהאט אבענטפערן מיט א ווילדע טהאט!

אזוי ערניעדריגען די רעוואלוציע!

אזוי קליין מאכען די רעפּובליק!

ווען דער מענש פון פאראורטהיילען און קנעכטשאפט איז פּלוצלינג א איבערגעאנדערשטער צוריקגעקומען צו דער מענשהייט, זענען זיי, די מענשען פון בעפרייאונג און אויסלעזונג געבליבען שטעקען אינ'ם בירגערקריג, אין דער געוואוינהייט פון בלוט, אינ'ם ברודערמארד!

און דאס געטליכע געזעץ פון מחילה, פון ענטזאגונג, אויסלייזונג, קרבן, וואלט געבליבען פאר די קעמפער פון שקר און וואלט נישט עקזיסטירט פאר די סאלדאטען פון אמת!

ווי?

צי דען וועט דא זיך נישט אנהויבען דער קאמף פאר גרויסמוטיגקייט? צי דען וועט די שטארקערע זייט שלום מאכען מיט אזא טאראלישע מפּלה און וועט אין דעם זין ווערען די שוואכערע? צי דען וועלען די זיגער זיך פערוואנדלען אין מערדער? צי דען וועלען זיי דערלאזען, אז אויף דער זייט פון דער מאנארכיע זאלען זיין די, וואס ראטעוועען קינדער און ביי די רעפּובליקאנער זאלען בלייבען די, וועלכע ערמארדען אלטע לייט? צי דען וועט מען פאר דער גאנצער וועלט געבען אט די שרעקליכע פארשטעלונג, וואו דער העלדישער קריגער, דער מעכטיגער אלטער, אט דער אונבעוואפענטער קעמפער, וועלכער איז ניכער ארויסגעגנב'עט געווארען ווי גענומען געפאנגען, וועלכער איז גענומען געווארען בעת ער האט אויסגעפילט א גרויסמוטיגע טהאט, — וועט ארויפטרעטען אויפ'ן עשאפאט, ווי אויף א פייערליכען טראהן?

צי דען וועט אונטער'ן מעסער אוועקגעלעגט ווערען די קאָפּ, אַרום וועלכער עס וועלען פֿלאַטערן די דריי נשמות פֿון די דריי נעראַטעוועטע פֿון איהם קינדערלעך? צי דען וועט ביי דעם טויטס אורטייל שטעהן דער אַלטער מיט אַ שמייכלענדיגען געזיכט און די רעפּובליק וועט רויט ווערען פֿאַר חרפּה? און צי דען וועט דאָס אַלץ געשעהן פֿאַר גאָווענס אויגען, פֿאַר דעם הויפּט-אָנפֿיהרער? און צי דען וועט ער, גאָווען, דאָס דערלאָזען און זיך בערוהיגען מיט דעם ענטפֿער, אַז דאָס געהט איהם נישט אָן? צי דען וועט דער געוויסען איהם נישט אונטער זאָגען, אַז נישט אַריינמישען זיך איז גלייך ווי אַנטיילנעהמען? און פֿון דער צווייטער זייט האָט דען נישט ער, גאָווען, צוגעזאָגט דעם טויטס-אורטייל? צי דען האָט ער גאָווען נישט מודיע געווען, אַז לאַנטענאַק שטעהט אויסער רחמנות.

און אַז ער וועט לאַנטענאַק'ן איבערגעבען אין רשות פֿון סימורדען! ער איז דעם דאָזיגען קאָפּ שולדיג. אַלזאָ מוז ער איהם בעצאָהלען. אָט איז אַלץ.

נאָר איז עס דען דערזעלבער קאָפּ?

ביז איצט האָט גאָווען אין לאַנטענאַק'ן געזעהן נאָר דעם קעמפֿענדען באַרבאַר, דעם פֿאַנאַטיקער פֿון ראיאַליזם און פֿעאָדאַליזם, דעם מערדער פֿון געפֿאַנגענע, דעם שטורמענדען דורך דעם קריג רוצח, דעם בלוטפֿערגיסענדען מענשען. פֿאַר דעם דאָזיגען מענשען האָט ער קיין מורא נישט געהאַט; מיט דעם אונברחמנות'דיגען איז ער געווען אונברחמנות'דיג. אָבער פּלוצלינג איז געשעהן אַ מעטאַרמאָפֿאָזע. אַ אונערוואַרטעטער לאַנטענאַק איז אַרויף אויף דער סצענע. פֿונ'ם מאָנסטר איז געוואָרען אַ העלד; מעהר נאָך ווי אַ העלד — אַ מ ע נ ש. מעהר נאָך ווי אַ נשמה, — אַ האַרץ. פֿאַר גאָווען איז שוין מעהר נישט געשטאַנען דער טויטשלעגער, נאָר דער ר ע ט ע ר. גאָווען איז געווען ווי פֿערגאָסען מיט אַ כוואַליע פֿון הימלישען ליכט. לאַנטענאַק האָט איהם געשלאָגען מיט אַ דונער פֿון גוטסקייט.

און דער פֿערענדערטער לאַנטענאַק האָט נישט געזאָלט איבעראַנדערשען גאָווען! וואָס! זאָל דער דאָזיגער ליכט-שטוים בלייבען אָהן אַ ווידער-שטוים. דער מענש פֿון פֿערגאַנגענהייט זאָל געהן פֿאָרויס, און דער מענש פֿון צוקונפֿט בלייבען הינטערשטעליג! דער מענש פֿון באַרבאַריזם און פֿאָר-אורטיילען זאָל פֿונאַנדערשפּרייטען די פֿליגלען און שוועבען און קוקען, ווי אונטער איהם קריכט אין קויט פֿון דער נאַכט דער מענש פֿון אידעאַל!

און נאָך אַ זאַך!

די פֿאַמיליע!

דאָס בלוט, וואָס ער וויל פֿערגיסען איז דאָס דען נישט זיין אייגען

בלוט? זיין זיידע איז געווען טויט, אָבער זיין עלטער־פעטער האָט געלעבט; און דער דאָזיגער עלטער־פעטער איז געווען דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק. וועט זיך נישט דער איינער פון די ביידע ברידער, וועלכער געפינט זיך אין קבר, אויפהויבן, בכדי צו שטערן, אַז דער אַנדערער זאָל דאָרט אַריין? וועט ער דען נישט באַפעלן זיין אייניקל, אַז ער זאָל זיך באַציִען מיט עהרפורכט צו דער קרוין ווייסע האָר?

האָט דען די רעוואָלוציע געהאַט אַ ציל צו ענטאַרטען דעם מענשען? איז זי דען געמאַכט געוואָרען צו צעברעכען פאַמיליעס, צו דערשטיקען די מענשליכקייט. ניין, דאָס 89 יאָהר איז געקומען צו באַשטעטיגען די אַלע הויכע אמת'ן און נישט זיי אָפּלייקענען. פערניכטען באַסטיליעס — הייסט באַפרייען די מענשהייט; פערניכטען דעם פעאָדאַליזם — הייסט באַגרינדען די פאַמיליע.

אין דעם ובוח, וואָס גאָווען האָט געפיהרט מיט זיין געוויסען, איז די לעזונג געקומען ווי פון זיך אַליין: ראַטעווען לאַנטענאַק'ן!

יאָ, נאָר פראַנקרייך?

דאָ האָט שוין דער פּראָבלעם פּלוצלינג געענדערט זיין אויסזעהן.

וואָס! פראַנקרייך איז געווען אין געפאַהר! פראַנקרייך אַרויסגעגעבען די פיינד אָפען; דייטשלאַנד איז אַריבער דעם רהיין; איטאַליען געהט־דורך די אַלפען און שפּאַניען די פּירענעען. עס בלייבט איהר דער גרויסער תהום — דער אָקעאַן. אין דעם האָט זי זיך געקאָנט אָנלעהנען, און אָנשפּאַרענדיג זיך אויפ'ן ים, באַקעמפען די ערד. נאָר אָט, וועט זי דאָס אויך פערלירען. דער אָקעאַן וועט איהר שוין מעהר נישט געהערען. אין דעם דאָזיגען אָקעאַן איז געווען ענגלאַנד. אמת, ענגלאַנד האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אַריבער־צוקומען. נאָר אָט האָט זיך געפינען אַ מענש, וועלכער וואַרפט איהר אַרי־בער אַ בריק, אַ מענש, וועלכער רופט־אויס: ענגלאַנד, נעהם פראַנקרייך! און דער דאָזיגער מענש איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער מאַרקיז דע לאַנטענאַק.

דעם דאָזיגען מענשען האָט מען ענדליך אין די הענד. נאָך דריי חדשים יאַגד, פערפאָלגונג, ערביטערונג, האָט מען איהם ענדליך געכאַפּט. די האַנד פון דער רעוואָלוציע האָט זיך ענדליך אַראָבגעלאָזען אויף דעם פערשאָלטענעם; די צוזאַמענגעדריקטע פויסט פון 93 יאָהר האָט געפּאַקט דעם מערדער־ראָיאַליסט פאַר'ן קאָלנער; און זיין שטראָף ערוואַרט דער דאָזיגער פערברעכער דוקא אין זיין אייגענע משפּחה־תפיסה; דער פעאָדאַלער מענש האָט זיך איצט געפונען אינ'ם פעאָדאַלען געפענגניש; די שטיינער פון זיין פּאַלאַץ האָבען זיך אויפגעהויבען געגען איהם און זיך פערמאַכט הינטער

איהם; און דער דאזיגער, וועלכער האט געוואלט פערראטען זיין לאנד, איז געווארען פערראטען פון זיין אייגען הויז. די געדרעכטע שעה האט געשלאגען, די רעוואלוציע האט גענומען געפאנגען דעם דאזיגען פאלקס-פיינד; ער קען שוין מעהר נישט קעמפען, קען שוין מעהר נישט שאדען; אין דער דאזיגער וואנדרע, וואו עס האט זיך געפונען אזוי פיעל ארעמס, איז ער געווען דער איינציגער מח; האט מען געמאכט א סוף מיט איהם, איז געקומען א סוף צום בירגער-קריג; מען האט איהם ענדליך; א טראגישע און גליקליכע ענטשיידונג; נאך אזוי פיעל שחיטות און בלוטבעדער, איז ער דא, דער מענש, וועלכער האט אזוי פיעל געטויט, און איצט איז געקומען זיין רייהע צו שטארבען.

סימורדען, דאס הייסט דאס 93 יאהר, האט געהאלטען לאנטענאק'ן, דאס הייסט די מאנארכיע אין זיינע הענד, און עס האט זיך עמיץ געפונען, וואס וויל ארויסנעהמען פון איהם די אייזערנע קייטען! דער סאציאלער גזלן איז טויט און מיט איהם דער אויפשטאנד, דער ברידערמארד, דער בעסטיאלער קריג און עמיץ וועט איהם צוריק אויפלעבען!

מיט וואס'ער פלייס וועט ער זיך צוריקנעהמען צו זיין שענדליכער ארבייט! מיט וואס'ער פרייד וועט זיך דאס לאנטענאק אריינלאזען אין תהום פון האס און קריג! ווי וועט מען דאס ווידער פון מארגען-אן זעהן פערברענטע הייזער, געהרג'עטע געפאנגענע, געטויטע, פערוואונדעטע, צעשאסענע פרויען!

און נאך אלעמען, איבערטרייבט ער, גאווען, דען נישט די בעדייטונג פון דער דאזיגער טהאט, וואס האט איהם אזוי בעצויבערט.

דריי קינדער זענען אומגעקומען: לאנטענאק האט זיי אבגעראטעוועט.

אבער ווער האט זיי דען געוואלט אומברענגען?

איז דאס דען נישט געווען לאנטענאק?

ווער האט אוועקגעשטעלט די דריי וויגעלעך אינ'ם פייער?

איז דאס נישט געווען אימאנוס? און ווער איז געווען אימאנוס? לאנטענאק'ס לייטענאנט. אלזא, איז דער אונטערצינדער און דער רוצח לאנטענאק.

און באמת איז מיט דעם מענש גארנישט צו מאכען, אדער איהם צו טויטען, אדער צו בעפרייען. ער איז שטענדיג גרייט געווען אדער אוועקצופליהען, אדער זיך מקריב צו זיין; ער איז פאר זיך אליין געווען אדער זיין אדלער, אדער זיין תהום. א מאדנע נשמה.

הרג'ענען איהם? וואס'א א חרפה! בעפרייען איהם? וואס'א א פעראנטווארטליכקייט!

ראטעוועט מען לאנטענאק'ן, הויבט זיך אן אלץ אויפסניי מיט וואנדרע,

אזוי ווי מיט דער הידרע, ביז דער קאפ איז נישט אבגעהאקט. אין איין אויגענבליק צינדט זיך צוריק־אן דער גאנצער פלאם, וואס איז שוין געווען אויסגעלאשען דורכ'ן פערשווינדען פון דעם דאזיגען מענשען. לאנטענאק וועט נישט רוהען, כל זמן ער וועט נישט פערווירקליכען זיין שענדליכען פלאן — אוועקצולעגען אזוי ווי א קבר־דעק די מאנארכיע אויף די רעפובליק און ענגלאנד אויף פראנקרייך. ראטעווען לאנטענאק'ן — הייסט מקריב זיין פראנקרייך; דאס לעבען פון לאנטענאק איז געווען דער טויט פון טויזענדער אונשולדיגע מענער, פרויען און קינדער, מיטגעשלעפטע מיט'ן בירגער־קריג; דאס איז געווען דאס ארויסזעצען זיך פון די ענגלענדער, די צעשטערונג פון דער רעוואלוציע, צעשמעטערטע שטעדט, א צעבראכען פאלק, א בלוטענדע ברעטאן. און גאווען האט אין מיטען פון דעם ליכט־און שאטען־שפיל זיך קלאר פארגעשטעלט נאר איין בילד! די בעפרייאונג פון א טיגער. און ווידער איז די פראגע פאר איהם ארויסגעשוואומען פון איהר אנפאנג.

ניין! עס קאן נישט זיין קיין טיגער א מענש, וואס האט בעלויכטען מיט א געטליכער טהאט דעם פינסטערען אבגרונד פון בירגער־קריג; דער טרעגער פון שווערד האט זיך פערוואנדעלט אין א טרעגער פון ליכט; דער שטן האט זיך ווידער פערוואנדעלט אין א ליכטיגען לוציפער; לאנטענאק האט מכפר געווען אלע זיינע ווילדע מעשים מיט איין אפפערוויליגער טהאט; טויטענדיג זיך פיזיש האט ער זיך גייסטיג געראטעוועט, ער האט זיך אליין געמאכט פאר אונשולדיג.

לאנטענאק האט זיך געשטעלט העכער פון דעם אלגעמיין־מענשליכען דורכשניט איצט איז געקומען די רייהע פאר גאווענען.

וואס דארף ער איצט טהון? צי דען וועט ער אבנארען דעם צוטרוי פון דער השגחה?

ניין! און ער האט זיך זעלבסט א זאג־געטהון:
מען מוז ראטעווען לאנטענאק'ן!

גוט, האט איהם נעסור'עט א צווייטע שטים — הייסט דאס דו ביזט גרייט צו שפילען פאר די ענגלענדער. נו, גוט ווער א דעזערטיר, געה־איבער אויפ'ן זייט פון שונא, ראטעווע לאנטענאק'ן און פערראט פראנקרייך.

גאווען האט געציטערט, זעהענדיג פאר זיך דורך דער פינסטערניש דאס שמייכעל פון א ספינקס און ס'האט זיך איהם אויסגעדוכט, ווי ער וואלט פערקראכען אין א שמאלען ווינקעל. אין וועלכען עס האבען זיך צוזאמענגעשטויסען פערשידענע געגענזעצליכע אמת'ן, נישט געפינענדיג קיין שום אויסוועג, אין א ווינקעל, אין וועלכען עס האבען זיך איינגעגעסען אוי־

גער דעם צווייטען אין די אויגען די דריי גרעסטע פאר א מענשען אידעען: די מענשהייט, פאמיליע און פאטערלאנד.

און יעדע פון די דריי אידעען האט אויפגעהויבען פאר זיך די שטים; און יערע פון זיי האט געזאגט אמת.

וועלכע פון זיי זאל אויסגעוועהלט ווערען. יערע פון איהר זייט האט דוכט זיך אנגעוויזען אויף דעם ריכטיגסטען און קליגסטען אויסוועג און גע-סור'עט: „טהו אזוי". נאר צי דארף מען אזוי טהון? יא! און ניין! דער שכל האט איהם איינס געזאגט, דאס געפיהל — אנדערש. און ביידע עצות זענען געווען געגענזעצליך. דער שכל אבער געהט-ארויס פון קאפ דאס געפיהל — פון געוויסען. דאס ערשטע געהט-ארויס פון א מענשען דער צווייטער — פון עמיץ א העכערען. דעריבער איז דאס געפיהל אפט נישט קלאר אזוי, אבער מעכטיגער, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער שטרענגער שכל איז א גרויסע קראפט.

גאָוועו האט זיך געוואקעלט צווישען די צוויי פיינליכע ווידערשפרוכען; פאר איהם האבען זיך געעפענט צוויי אבגרונדען:

פערניכטען דעם מארקיז אדער ראטעווען איהם? מען האט זיך געמווט ווארפען אין דעם אדער אין יענעם.

אויף וועלכע פון פון זיי האט אנגעוויזען דער חוב?

III.

די קאפוציע פוג'ם אנפיהרער.

און באמת האט זיך עם געהאנדעלט וועגען א פליכט.

עם איז ענטשטאנען די פליכט; אונהיימליך פאר סימורדען, שרעקליך פאר גאָוועון.

פשוט פאר'ן ערשטען; פערשידענארטיג, פילפארביג, צודרעהט פאר'ן צווייטען.

עס האט געשלאגען האלבע נאכט, דערנאך איינס.

גאָוועו האט זיך אונבעמערקט פאר זיך אליין דערנעהנטערט צום איינגאנג פונ'ם דורכברוך.

די שרפה האט נאר נאך געווארפען א ווייטע העלקייט און זיך אויסגעלאשען.

איהר אבשיין איז געפאלען אויף די צווייטע זייט פונ'ם טורם אויף דער הויכפלעכע, וועלכע האט זיך מינוטענווייז געזעהן און דערנאך פערשוואונדען אין דער רויך האט בעדעקט דאס פייער. די דאזיגע העלקייט, וועלכע איז אויסגעבראכען און באלד ווידער אבגעהאקט געווארען דורך די פינסטערניש,

האט ווידער פערענדערט די געשטאלט פון די זאכען וואס ארום און צוגעגעבען די לאנגערוואך א משונה'דיגען אויסזעהן. גאווען האט אינמיטען פון זיין טראכטען נישט קלאר בעמערקט די פערווישונג פונ'ם רויך דורכ'ן פלאם און פון פלאם דורכ'ן רויך. דאס דאזיגע ערשיינען און פערשווינדען פונ'ם ליכט פאר זיינע אויגען האט געהאט אזוי ווי א עהנליכקייט מיט'ן ערשיינען און פערשווינדען פונ'ם אמת אין זיין מח.

פלוצלינג, צווישען צוויי רויך-זיילען האט א פלעמעל, וואס האט זיך איינגעהויבען פונ'ם אויסגעהענדען גלוט, העל בעלויכטען דעם שפיץ פון דער הויכפלעכע, עס האט וואו עס איז בולט ארויסגעשפרונגען דער רויטער סילועט פון א וואגען. גאוועו האט בעטראכט דעם וואגען; ער איז געוועזן ארומגערינגעלט פון רייטער, וועלכע זענען געוועזן אנגעטהון אין זשאנדארמען־היטלען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דאס איז דער וואגען, וואס ער האט געזעהן דורך געשאנ'ם לארנעט, עטליכע שעה א פריהער, אינ'ם מאמענט, ווי די זון איז אונטערגעגאנגען. מענשען זענען געשטאנען אויפ'ן וואגען און אזוי ווי שטארק בעשעפטיגט מיט אויסלעדיגען איהם. דאס וואס זיי האבען אראבגעשלעפט פונ'ם וואגען האט אויסגעזעהן צו זיין שווער און ארויסגעגעבען פון זיך א קלאנג פון אייזען; עס וואלט שווער געווען צו זאגען, וואס דאס איז אזוינס. צוויי פון די מענשען זענען אראב און אוועקגעלעגט אויף דער ערד א קאסטען, וועלכער האט געמוזט ענטהאלטען אין זיך לויט דער פארם זיינער, א דרייעקיגע זאך. דאס פלעמעל איז אויסגעגאנגען, אלץ האט צוריקגעקעהרט אינ'ם חושך; גאוועון איז מיט שטארע אויגען געבליבען שטעהן פערטראכט פאר דעם, וואס איז דארט געוועזן אין דער פינסטערניש.

לאמטערנעם האבען זיך אנגעצונדען, מען האט זיך געדרעהט הין און צוריק אויף דער הויכפלעכע, נאר די געשטאלטען, וואס האבען זיך בעוועגט זענען געוועזן מטושטשע און איבריגענס האט גאוועו, געפינענדיג זיך אונטען פון צווייטען זייט פון גראבען, נאר געקאנט זעהן, וואס עס טהוט זיך אויפ'ן סאמען ברעג פון דער הויכפלעכע.

שטימען האבען גערעדט צווישען זיך, נאר מען האט נישט געהערט קיין ווערטער. דא און דארט האט זיך געהערט ווי מען וואלט האקען האלץ. עס האבען צו איהם אויך דערגרייכט קלאנגען, עהנליכע צו די ווי מען וואלט געשארפט א קאסע.

עס האט געשלאגען צוויי.

גאוועון האט זיך לאנגזאם, ווי איינער, וועלכער וואלט גערן געמאכט צוויי טריט פאראוים און דריי צוריק, דערנעהנטערט צום דורכבראך. ביי זיין דערנעהנטערן זיך האט דער שילדוואך, דערקענענדיג אינ'ם האלבדונקעל

דעם מאַנטעל און די קאַפּוצע פֿונ׳ם קאָמאַנדיר, פּרעזענטירט דאָס געווער. נאָוועץ איז אַרײַנגעגאַנגען אין פֿאַרשערזאַל, וועלכע מען האָט איבערגעמאַכט אויף אַ וואַכשטוב. אויף דער וועלבונג איז געהאַנגען אַ לאָמטערנע. זי האָט בעלויכטען פּונקט אויף אַזוי פֿיעל, אַז מען זאָל קענען אַדורכגעהן דעם זאַל, נישט טרעטענדיג אויף די מענשען פֿון פּאָסטען, וועלכע זענען געלעגען אויף דער ערד אויפ׳ן שטרוי, און די מײַסטענס אַנגעשלאָפענע.

זײַ זענען געלעגען דאָרט, וואו זײַ האָבען מיט עטליכע שעה פֿריהער געקעמפּט; די פֿונאַנדערגעוואָרפענע אונטער זײַ אין שטיקלעך אײַזען און בלײַ, נישט אויסגעקערטע קוילען, האָט זיך אַביסעל געשטערט צו שלאָפען; זײַ זענען אָבער מיד געווען און האָבען גערוהט. אַ שרעקליך אָרט איז דאָס געווען דער דאָזיגער זאַל; דאָ האָט מען אַטאַקירט; דאָ האָט מען געברילט, געהײַלט, געקריצט מיט די צײַהן, געשלאָגען, געטויט, גענוסט; אַ סך פֿון זײַ זענען געפֿאַלען טויטע אויף די דאָזיגע שטײַנער, וואו זײַ זענען איצט געלעגען די אײַנגעשלאָפֿענע; דאָס דאָזיגע שטרוי, וואָס האָט זײַ געדינט פֿאַר אַ געלעגער האָט געטרונקען דאָס בלוט פֿין זײַערע חברים; איצט איז אַלץ געענדיגט, דאָס בלוט האָט אויפגעהערט צו פֿליסען, די שווערדען האָט מען אָבגעווישט, די טויטע זענען געבליבען טויטע און זײַ האָבען זיך רוהיג געשלאָפען. אַזוי איז אַ מלחמה.

ווען גאוועץ איז אַרײַנגעקומען, זענען עטליכע אײַנגעדרימעלטע אויפֿגעשטאַנען, צווישען זײַ דער אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפֿיהרט מיט׳ן פּאָסטען. גאוועץ האָט איהם בעוויזען די טיר פֿון דער תּפיסה:

— עפֿענט מיר, האָט ער געזאָגט.

מען האָט אַחעקגעמאַכט די רינגלען, די טיר האָט זיך אויפֿגעעפֿענט, גאוועץ איז אַרײַנגעגאַנגען אין די תּפיסה.

און די טיר האָט זיך הינטער איהם פֿערמאַכט.

דאָס זיבענטע בוך.

פּעאָדאַליזם און רעוואָלוציאָן.

I.

אויף דער שטײַנערנע פּאָדלאָגע פֿון דער תּפיסה, נישט ווײַט פֿון דער טירעקינע עפֿנונג צום אונטערערדישען געפֿענגניש איז געשטאַנען אַ לאָמפּ. מען האָט אויך געזעהן אויף דער פּאָדלאָגע אַ קריג מיט וואַסער אַ

שטיק זעלנעריש ברויט און א בינטעל שטרוי. די שטוב איז געוועזען אויסגעהאַקט אינ׳ם פעלזען, און דער געפאַנגענער, ווען עס וואָלט איינגעפאַלען אינטערצוצינדען דאָס שטרוי, וואָלט זיך נאָר בחינם בעמיהט; די תפיסה איז געוועזען אויסער סכנה פערברענט צו ווערען, דער אַרעסטאַנט אָבער וואָלט זיכער דערשטיקט געוואָרען.

אין דער רגע, ווען די טיר האָט זיך אויפגעעפענט, האָט דער מאַרקיז געשפּרייזט איבער די שטובן מיט יענעם מעכאַנישען אהין־און־אהער־גאַנג, ווי מען זעהט עס ביי ווילדע חיות אין די שטייגען.

ביים רויש פון דער אויפגעעפענטער און צוגעמאַכטער טיר האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דער לאָמפּ, וועלכער האָט זיך געפונען צווישען גאָוועזן און דעם מאַרקיז האָט העל בעלויכטען די פּנימער פון די דאָזיגע צוויי מענשען.

זיי האָבען זיך אָנגעקוקט, און מיט אזוי א בליק, אז זיי זענען געבליבען אונבעוועגליך שטעהן.

דער מאַרקיז האָט אויסגעבראָכען אין א געלעכטער און אויסגעשריען:

גוט מאָרגען, הער. אָט, שוין א היבשע ביסעל יאָהרען ווי איך האָב נישט געהאַט דאָס גליק אייך צו טרעפען. איהר טהוט מיר א טובה, וואָס איהר זענט געקומען מיך בעזוכען. איך דאַנק אייך זעהר. איך האָב גאָרנישט בעסער געוואונשען, ווי א ביסעל זיך דורכצושמועסען. איך האָב מיך שוין אָנגעהויבען צו לאַנגווייל׳ען. אייערע פריינד פערלירען צו פיל צייט; די פעסטשטעלונג פון דער פּערזענליכקייט, קריגס־געריכט, זיי מאַכען צו לאַנגע שהיות. איך וואָלט דאָס שנעלער געמאַכט. איך בין דאָ ביי מיר. זייט זיך מטריח קומט אריין. נו וואָס זאָגט איהר עפּעס צו דעם אַלעם, וואָס דאָ קומט־פאָר? ס׳איז אָריגינעל, נישט אמת? אמאָל איז געוועזען א קעניג מיט א קעניגין; דער קעניג — דאָס איז געוועזען דער קעניג; די קעניגין — דאָס איז געוועזען פראַנקרייך. מען האָט אַראָבגעהאַקט דעם קאָפּ ביים קעניג און די קעניגין חתונה געמאַכט מיט ראָבעספּיער. דער דאָזיגער הער און די דאָזיגע דאַמע האָבען געהאַט א טאָכטער, וועלכע מען רופט גיליאָטינע, און מיט וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, איך וועל מיך בעקענען מאָרגען אין דער פריה. איך וועל מיט דעם זיין ענטציקט. זענט איהר געקומען וועגען דעם? האָט איהר שוין אוואַנסירט? ווערט איהר זיין דער הענקער? אויב עס איז נאָר א פּשוט׳ער בעזוך פון גוטפריינדשאַפט, בין איך זעהר גערירט. הער וויקאָמט, איהר ווייסט שוין אפשר נישט, וואָס דאָס איז אזוינס א עדעלמאַן. אַלזאָ, האָט איהר איינעם, דאָס בין איך. קוקט זיך איין. ס׳איז אינטערעסאַנט: ער גלויבט אין גאָט, ער גלויבט אין טראַדיציע, ער גלויבט אין די פאַמיליע, ער

גלויבט אין זײַנע אבות, ער גלויבט אינ'ם בײַשפּיל פֿון זײַן פֿאָטער, אין פֿרײַהײַט, אין לאָיאַליטעט, אין פֿליכט צו זײַן קעניג, אין רעספּעקט צו אַלטע געזעצען, אין טוגענד, אין גערעכטיגקײַט; און ער וואָלט אײַך מיט פֿערגעניגען געלאָזט שיסען. זײַט אַזוי גוט, איך בעט אײַך, זעצט אײַך צו. אַפילו אויפֿ'ן ברוך, נאָר אין דעם סאַלאָן געפֿינט זיך ניט קײַן פֿאָטעל; נאָר ווער עס לעבט אין קויט, דער קאָן זיצען אויף דער ערד. איך זאָג דאָס נישט, אײַך חלילה צו בעליידיגען, ווײַל דאָס וואָס מיר רופֿען אָן קויט, רופֿט איהר נאַציאָן. איהר פֿערלאַנגט דאָך אַוודאי נישט, איך זאָל שרײַען: פֿרײַהײַט, גלײַכהײַט, ברידערליכקײַט? דאָס איז אַן אַלט ציטער פֿון מײַן הויז; אַמאָל האָבען די פּריצים דאָ אַרײַנגעזעצט די פּויערים, הײַנט זעצען די פּויערים דאָ אַרײַן די פּריצים, און די דאָזיגע שטותים הײַסען אַ רעוואָלוציע. ווי עס דאַכט זיך, וועט מען מיר איבערשנײַדען דעם האַלז און זעקס און דרײַסיג שעה אַרום. איך געפֿין עס גאָר נישט פֿאַר אונפּאַסיג. ווען מען וואָלט צום בײַשפּיל געוועזען העפֿליך, וואָלט מען מיר געשיקט מײַן טאַבאַקפּישקע, וועלכע געפֿינט זיך אויבען אינ'ם שפּיגעלזאַל, דאָרט, וואו איהר פֿלעגט זיך שפּילען אַלס קינד און וואו איהר האָט געשפּרונגען אויף מײַנע קניה.

מײַן הער, איך וויל אײַך עפּיס זאָגען, איהר רופֿט אײַך גאַוועין און, אַ מאָדנע זאַך, אין אײַערע אָדערן פֿליסט אײַדעל בלוט, צום טײַוועל, דאָס זעלבע בלוט, וואָס בײַ מיר, און דאָס דאָזיגע בלוט, וואָס מאַכט פֿון מיר אַ עהרען־מאַן, מאַכט פֿון אײַך אַ לומפּ. איהר וועט אפֿשר זאָגען, אַז עס איז נישט אײַער שולד, אויך נישט מײַנער. מען איז אַמאָל אַ גזלן, נישט וויסענדיג עס. עס ווענדט זיך אין דער לופֿט, וואָס מען אָטעמט אײַן; אין צײַטען, ווי אונזערע, איז מען נישט פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר זײַנע מעשים; די רעוואָלוציע איז אַ אָבנאַרערין פֿאַר די גאַנצע וועלט; און אַלע אײַערע גרויסע פֿערברעכער זענען גרויסע תמימים, האָט נישט קײַן פֿאַראיבעל, איך בעוואונדער אײַך. יאָ. איך בעוואונדער אַ בחור ווי איהר, וועלכער שטאַמענדיג פֿון אַזאַ משפּחה, פֿערנעהמענדיג אַ הויכע שטעלונג אין דער מלוכה, האָבענדיג גרוים בלוט צו פֿערגיסען עם פֿאַר גרויסע ענינים, וויקאָמט פֿון דעם דאָזיגען טור—גאַוועין, פּירשט פֿון ברעטאַן, האָבענדיג די מעגליכקײַט צו ווערען פּרינץ לויט'ן רעכט און פּער פֿון פֿראַנקרײַך דורך ירושה, וואָס איז מעהר אָדער ווייניגער אַלץ, וואָס קאָן וואונשען אויף דער וועלט אַ מענש מיט שכל,—און וועלכער זײַענדיג דאָס וואָס ער איז, פֿערווילט זיך צו זײַן דאָס, פֿון וואָס איהר זענט, אַזוי ווײַט, אַז אויף זײַנע פֿײַנד מאַכט עס דעם אײַנדרוק פֿון אַ פֿערברעכער און אויף זײַנע פֿרײַנד—דעם אײַנדרוק פֿון אַ שוטה. יאָ, פֿערגעסט נישט צו גריסען פֿון מיר דעם ה' גלה סימורדען.

דער מאַרקיז האָט גערעדט פרײַ, רוהיג, גאָרנישט אונטערשטרײַכענדיג מיט אַ טאָן, וואָס איז אָנגענומען אין אַ גוטער געזעלשאַפט, מיט זײַן קלאָר און רוהיג אויג, האַלטענדיג די צוויי הענד אין די טאַשען, ער האָט אָבגעהאַקט, טיעף אײַנגעאָטעמט און געזאָגט:

איך וויל גאָרנישט פון אײַך בעהאַלטען, אַז איך האָב אַלץ געטהון אײַך צו טויטען. ווי איהר זעהט מיך דאָ, האָב איך אַליין מיט מײַנע אײגענע הענד אָנגעצילט אויף אײַך אַ קאַנאָן.

דער מאַרקיז האָט אָנגעטאַפּט די טאַש, ווי ער וואָלט זוכען זײַן טאַבאַק-פושקע און ווײַטער גערעדט:

איך בעדויער אײַך, מײַן הער, איהר שטאַמט דאָך פון׳ם שטאָלצען ברעטאַנישען בלוט; איהר און איך, מיר האָבען דאָך בײדע געהאַט גאָוועזע-טואר פאַר אַ זײדען. מיר האָבען דאָך נאָך געהאַט אַ זײדע, יענעם בערימהטען פרינץ מאָנבאַזאָן, וועלכער איז געוועזען פער פון פראַנקרײַך און געהאַט אַ האַלזבאַנד מיט אָרדערס, האָט אַטאַקירט די פאָרשטאָדט פון טור, איז געוואָרען פערוואונדעט אין דער שלאַכט פון ארק און וועלכער איז געשטאָרבען אלס אָבעריעגערמײַסטער פון פראַנקרײַך אין זײַן פאַלאַץ קוזיער אין טורען אין עלטער פון זעקס-און-אַכציג יאָהר. איך וואָלט אײַך נאָך יחסנים אין אונזער משפחה געקאָנט אויסרעכנען, נאָר צו וואָס וועט עס נוצען? איהר, מײַן הער, האָט דעם כבוד צו זײַן אַ אידיאָט און זיך צו גלײַכען צו מײַן שטאַליונג, ווײסט, אַז ווען איך בין שוין געווען אַ זקן זענט איהר נאָך געווען אַ קינד. איך האָב אײַך אָנגעווישט די נאָז און וועל זי אײַך נאָך אָנווישען. אויפוואַקסענדיג, האָט איהר געפונען אַ מיטעל אײַך קלײן צו מאַכען. ווי לאַנג מיר האָבען זיך נישט געזעהן, איז יעדער געגאַנגען זיך אין זײַן וועג, איך אין וועג פון עהרליכקײט און איהר אין געגענזעצליכען.

— גוט, בירגער, זײַט איהר די הערען, רעגירט, הוליעט, שעמט אײַך נישט. דאָס אַלץ וועט נישט שטערען, אַז די רעליגיע זאָל בלײַבען רעליגיע, אַז דאָס קעניגטום זאָל האָבען אָנגעפילט פינפצעהן הונדערט יאָהר פון אונזער געשיכטע, און אַז דאָס אַלטע פראַנצויזישע פריצ׳שאַפט, ווען אפילו מיט אַ אראָבגעהאַקטען קאָפּ, זאָל שטעהן העכער פאַר אײַך. אַלץ איז געווען שען און ערעל אײַנגעריכטעט; איהר האָט דאָס אַלץ פערניכטעט. איהר האָט צוהאַקט, צעבראָכען, צעשטערט. איהר זענט אײַך בעגאַנגען ווי די ווילדע חיות.

— אָ, איהר ווילט מעהר נישט האָבען קײן אדעל! אַלזאָ גוט, איהר וועט איהם מעהר נישט האָבען. איהר קאָנט אײַך נאָך איהם אָנטהון אין

ברויער. איהר וועט מעהר קיין ריטער נישט האבען, איהר וועט מעהר קיין העלדען נישט האבען. זייט געזונד אלטע גרויסקייט! איהר האט אלע מורא פאר אייער הויט. איהר וועט שוין מעהר נישט האבען די ריטער פון אונטער פאנטענוא, וועלכע האבען א פריהער געגריסט איידער זיי האבען אנגעהויבען צו הרג'ענען, איהר וועט שוין מעהר נישט האבען די קעמפער אין זיידענע זאקען, אזוי ווי ביי דער בעלאגערונג פון לערידא; איהר וועט שוין מעהר נישט האבען די שטאלצע קאמפס־טעג; איהר זענט א פערלוירען פאלק־ווייטער! געהט! מאכט! זייט די נייע מענשען. ווערט קליין!

דער מארקיז איז א רגע שטיל געבליבען און דערנאך געזאגט:

— נאר לאזט אונז אונזער גרויסקייט. הרג'עט קעניגען, הרג'עט דעם אדעל, הרג'עט די גלחים, פערניכטעט, צושטערט, קוילעט, טרעט אלץ מיט די פיס, ווארפט די אלטע פרינציפען אונטער די קנאפעל פון אייער שטיוועל: דעם טראן, דעם אלטאר, גאט, טאנצט איבער אלעם. דאס איז אייער זאך. איהר זענט פעררעטער און נידערטרעכטיגע, אונפעהיג צו אויפאפפערונג און קרבנות. איך האב שוין אלץ געזאגט. איצט קאנט איהר מיך גיליאטינירען, הער וויקאמט. איך האב דעם כבוד צו זיין אייער דינער.

און ער האט צוגעגעבען:

— אה! איך האב אייך געזאגט דעם גאנצען אמת! וואס ארט דען דאס מיך? איך בין א טויטער מענש.

— איהר זענט פריי, האט געזאגט גאווען.

און גאווען האט זיך דערנעהנטערט צום מארקיז, אויסגעטהון זיין קאמאנדירען־מאנטעל, ארויפגעווארפען איהם אויף די אקסלען און ארונטערגערוקט איהם די קאפוצע איבער די אויגען.

— וואס טהוסטו? — האט געזאגט דער מארקיז.

גאווען האט אויפגעהויבען די שטימע און געשריען:

— ליטענאנט, עפענט מיר.

די טהיר האט זיך געעפענט.

גאווען האט אויסגערופען:

— איהר וועט אייך בעטיהען צו צומאכען הינטער מיר די טיר.

און ער האט ארויסגעשטופט דעם פערבליפטען מארקיז:

דער אונטערשטע זאל, וואס מען האט איבערגעמאכט אין א וואך־שטוב, איז געווען בעלויכטען, ווי די לעזער דערמאנען זיך מיט א פערדעקטער לאמטער, ביי וועלכער אלץ האט זיך אויסגעזעהן ווי פערנעבעלט, און זי האט געווארפען מעהר שאטען ווי ליכט.

אין דער מטושטשער בעלויכטונג האבען די ראזיגע פון די סאלדאטען, וועלכע האבען נישט געשלאפען, געזעהן פארביי זיי אדורכגעהן א מענשען

פון הויכען געשטאלט אין א מאנטעל מיט א קאפוצע פונ׳ם הויפט-קאמאנדיר. זיי האבען איהם מיליטעריש בעגריסט, און דער מענש איז פאריבער.

דער מארקיז איז לאנגזאם אדורכגעגאנגען די וואכשטוב, אדורכגע-גאנגען דעם דורכבּרוך, אנשטויסענדיג זיך עטליכע מאל דעם קאפ אן דער וואנד, און ארויס.

דער שילדוואך, מיינענדיג, אז ער זעהט גאווען האט איהם פרעזענ-טירט דאס געוועהר.

ווען ער איז געווען אין דרויסען און געפיהלט אונטער די פיס דאס גראז פון די פעלדער, אויף צוויי הונדערט טריט, דעם וואלד און האט פאר זיך דעם רוים, די נאכט, די פרייהייט, דאס לעבען, איז ער געבליבען שטעהן א ווייל, אונבעוועגליך אזוי ווי א מענש, וועלכער האט זיך געלאזט פיהרען, וועלכער האט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון א איבערראשונג, און וועלכער, אויסנוצענדיג די אפענע טיר שלאגט זיך מיט דער דעה, צי טוט ער גוט אדער שלעכט, וויינערט זיך, צי זאל ער ווייטער געהן און בעקלערט זיך א לעצטען מאל. נאך עטליכע מאל פון טיפען טראכטען, האט ער אויפגעהויבען זיין רעכטער האנד, א קנאק-געטהון מיט צוויי פינגער און געזאגט:

—באמת!

און איז אוועק.

די טיר פון דער תפיסה האט זיך פערמאכט. גאווען איז געבליבען איינזאם.

II.

דאס קריגס-געריכט.

די קריגס-געריכטען אין יענער צייט זענען געווען מעהר אדער ווייני-גער ווילקירליכע.

דער פארזיצענדער פונ׳ם קריגס-געריכט איז געווען דאס אייגענטליכע קריגס-געריכט; ער האט אויסגעקליבען די מיטגלידער, האט קלאסיפיצירט די ארדנונג פון די מיליטער-ראנגען, ער האט ענדליך איינגעארדענט די ארט פון דער אבשטימונג; מיט איין ווארט, ער איז געווען אין דערזעל-בער צייט סיי דער הער, סיי דער ריכטער.

סימורדען האט בעשלאסען, אז די בעראטונגען פונ׳ם קריגס-געריכט זאלען פארקומען אין דעמזעלבען אונטערשטען זאל, וואו עס איז געווען די באריקאדע און וואו עס האט זיך איצט געפינען די וואך. ער האט געוואלט אלץ פערקירצען, דעם וועג פון דער תפיסה צום געריכט און פונ׳ם געריכט

נו דער תליה,

צו מיטאָג איז לויט זײַן בעפעהל אַלץ צוגעגרײט געוואָרען צו דער זיצונג פונ׳ם געריכט: דרײַ שטרויענע שטוהלען, א יעדלינע טיש, צוויי אָנגעצונדענע ליכטלעך און א בענקעל פאַר׳ן טיש.

די שטולען זענען געווען פאַר די ריכטער, דאָס בענקעל—פאַר׳ן בעשולדיגטען. בײַ בײדע עקען פונ׳ם טיש זענען געווען נאָך אַנדערע צוויי טאַבורעטקעס, אײנע פאַר׳ן קאָמיסאַר-אוידיטאָר און די צווײטע פאַר׳ן געריכטס-שרײַבער, וועלכער איז געווען א קאַפּראַל.

אויפ׳ן טיש זענען געלעגען: א שטעקעלע פון רויטען וואַקס, דער קופּערנער שטעמפעל פון דער רעפּובליק, צוויי טינטערס, ווײַס פּאַפּיר און צוויי אָבגעדרוקטע אַפּישען, ברייט פונאַנדערגעשפרייט, וועלכע האָבען ענטהאַלטען: אײנער — דאָס שטעלען אויסערן געזעץ, דער צווײטער — דעם דעקרעט פונ׳ם קאָנווענט.

די מיטעלסטע שטול איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף א בינדעל דרײַפאַרביגע פעהנער. אין דער דאָזיגער צײַט פון שטרענגער פּשטות האָט מען נישט שטאַרק איבערגעקליבען די דעקאָראַציעס און מען האָט נישט געברויכט קײן סך צײַט, כדי איבערצומאַכען א וואַך-שטוב אין א געריכטס-זאַל.

די פּרעזידענטען-שטול איז געשטאַנען אַנטקעגען די טיר פון דער תפיסה.

דאָס פּובליקום זענען געווען די סאָלדאַטען.

צוויי זשאַנדאַרמען האָבען געהיט דאָס בענקעל, וואו עס האָט געזאָלט זיצען דער בעשולדיגטער.

סימורדען איז געזעסען אויף דער מיטעלסטער שטול, האָבענדיג צו זײַן רעכטער האַנד דעם קאַפּיטאַן געשאַן, דעם ערשטען ריכטער, און צו זײַן לינקער דעם סערזשאַנט ראַדו, דעם צווייטען ריכטער.

צו מיטאָג איז די זיצונג נאָך נישט געווען אָפען. א שטאַפעט, וועמעס פערד עס האָט געהירזשעט אין דרויסען, איז געשטאַנען בײַם טיש פון טריבונאַל. סימורדען האָט געשריבען. און אָט וואָס ער האָט געשריבען:

„בירגער, מיטגלידער פון קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער רעטונג, לאַנטענאַק איז גענומען אין געפאַנגענשאַפט. מאָרגען ווערט ער גיליאָטינירט".

ער האָט אויפגעצײַכענט די דאַטע און זיך אונטערגעשריבען, האָט צוזאַמענגעלעגט די דעפּעשע און ע דערלאַנגט דעם שטאַפעט, וועלכער איז אָבגעפאָהרען.

ווי סימורדען האָט דאָס פערענדיגט, האָט ער געזאָגט מיט א אויפגעהויבענער שטימע:

— עפענט די תפיסה.

די צוויי זשאַנדאַרמען האָבן אויפגעטאַכט דעם ריגעל און וועגן אַרט אַריין.

סימורדען האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאַרלעגט די הענט אויף דער ברוסט, אַ קוק געטהון אויף די טיר און אויסגעשריען:

— פירהרט אַריין דעם אַרעסטאַנט.

אונטער דער וועלבונג פון דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזען צווישען די צוויי זשאַנדאַרמען.

דאָס איז געווען גאַווען.

סימורדען האָט געשוידערט.

גאַווען! האָט ער אויסגערופען.

און ער האָט צוגעגעבען:

— איך פאָדער דעם אַרעסטאַנט.

— איך בין דער אַרעסטאַנט, האָט געזאָגט גאַווען.

— דו?

— איך.

— און לאַנטענאַק?

— ער איז פריי.

— פריי!

— יאָ.

— ער איז אַנטלאָפען?

— ער איז אַנטלאָפען.

סימורדען האָט געשטאַמעלט מיט אַ ציטעריגער שטימע:

— יאָ. אמת, דאָס איז זיין פאַלאַץ, ער ווייסט אַלע אויסוועגען. דאָס געפענגעניש איז אפשר פאַרבונדען מיט אַ געהיימען אויסגאַנג, איך האָב באַדאַרפט וועגען דעם צו טראַכטען. ווייזט אויס, אַז ער האָט געפינען אַ מיטעל צו אַנטלויפען, און ער האָט נישט נויטיג געהאַט קיינעמס הילף.

— מען האָט איהם יאָ געהאָלפען, האָט געזאָגט גאַווען.

— צו אַנטלויפען?

— צו אַנטלויפען.

— ווער האָט איהם געהאָלפען?

— איך.

— דו חלום'סט.

— איך בין אַריין אין דער תפיסה, איך בין געווען אַליין מיט'ן אַרעסטאַנט, איך האָב אויסגעטהון מיין מאַנטעל, איך האָב איהם אָנגעטהון און פאַרשטעלט איהם דאָס פנים מיט דער קאַפּוצע, ער איז אַרויסגעגאַנגען

אַנשטאָט מיר, און איך בין געבליבען אויף זיין אָרט. אָט בין איך.

עס איז געוואָרען שטיל. סימורדען האָט געשטאַטעלט:

— אַלזאָ, פערדינסטו...

— דעם טויט, האָט פערענדיגט גאָווען.

סימורדען איז געבליבען אונבעוועגליך, ווי אַ מענש, וועמען עס האָט אַ דונער געטראָפען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער אָטעמט נישט מעהר. גרויסע טראָפען שווייס זענען איהם אַרויס אויפ'ן שטערן.

ער האָט פערשטאַרקט זיין שטימע און געזאָגט:

— זשאַנדאַרמען, זעצט-אַוועק דעם בעשולדיגטען.

גאָווען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן בענקעל.

סימורדען האָט ווייטער געזאָגט:

— זשאַנדאַרמען, ציהט-אַרויס אייערע שווערדען!

די דאָזיגע פאָרמולע האָט מען געברויכט, בשעת דעם בעשולדיגטען האָט געדראָהט טויט-שטראָף.

די זשאַנדאַרמען האָבען אַרויסגעצויגען זייערע שווערדען.

סימורדען'ס שטימע האָט בעקומען זיין פריהעריגען קלאַנג.

— בעשולדיגטער, האָט ער געזאָגט, שטעלט אייך אויף.

ער האָט שוין מעהר נישט געזאָגט צו גאָווען: „דו".

III.

די אָבשטימונג.

גאָווען האָט זיך אויפגעהויבען.

— ווי הייסט איהר? האָט געפרעגט סימורדען.

גאָויען האָט אָבגעענטפערט:

— גאָווען.

סימורדען האָט ווייטער געפיהרט די אויספאָרשונג.

— ווער זענט איהר?

— איך בין דער הויפט-קאָמאַנדיר פון דער עקספעדיציאָנס-אָבטהיילונג פון די צפון-ברעגעס.

— זענט איהר אַ קרוב אָדער אַ פערבונדעטער פונ'ם אנטלאָפענעם?

— איך בין זיין ברודער'ן-אייניקעל.

— איהר קאָנט דעם דעקרעט פונ'ם קאָנווענט?

— איך זעה דעם אָפיש אויף אייער טיש.

— וואָס האָט איהר צוזאָגען מכח דעם דאָזיגען דעקרעט?

— אַז איך האָב איהם אונטערגעשריבען, אַז איך האָב פעראָרדענט

די אויספיהרונג און אז איך האב געהייסען מאכען דעם ראזיגען אפיש, אונ־טער וועלכען עם געפינט זיך מיין נאמען.

— וועהלט איך אויס א פערטהיידיגער.

— איך וועל מיך אליין פערטהיידיגען.

— איהר האט דאס ווארט.

סימורדען איז צוריק געווארען קאלטבלוטיג, נאר זיין קאלטבלוטיגקייט איז איצט וועניגער עהנליך געווען צו דער רוהיגקייט פון א מענש, ווי צו דער שטילקייט פון א פעלזען.

גאווען איז געבליבען א רגע שטיל און ווי צוזאמענגענומען זיינע גע־דאנקען.

סימורדען האט ווייטער גערעדט:

— וואס האט איהר צו זאגען צו אייער פערטהיידיגונג?

גאוען האט לאנגזאם אויפגעהויבען דעם קאפ, קיינעם נישט אנגעקוקט און געענטפערט:

— אט וואס: איין זאך האט מיר געשטערט צו זעהן די צווייטע; איין גוטע טאט, וועלכע איך האב געזעהן פון דער נאהנט, האט מיר פערשטעלט הונדערט פערברעכערישע מעשים; פון איין זייט א זקן, פון דער צווייטער קינדער — דאס אלץ האט זיך געשטעלט צווישען מיר און דער פליכט. איך האב פערגעסען די אונטערגעצונדענע דערפער, די פערוויסטע פעלדער, די געטויטע געפאנגענע, די געהרג'עטע פערוואונדעטע, די צושאסענע פרויען. איך האב פערגעסען אן פראנקרייך ארויסגעגעבען ענגלאנד; איך האב פריי־געלאזען דעם גזלן פונ'ם פאטערלאנד. איך בין שולדיג. רעדענדיג אזוי קומט אויס, אז איך רעד געגען מיר. איך רעד פאר מיר. ווען דער שולדיגער אנערקענט זיין שולד, ראטעוועט ער די איינציגע זאך, וואס איז ווערט גע־ראטעוועט צו ווערען — די עהרע.

— איז דאס אלץ—האט געפרעגט סימורדען—וואס איהר האט צו זאגען פאר אייער פערטהיידיגונג?

— איך גיב נאך צו, דאס זייענדיג דער הויפט־אנפיהרער האב איך בעדארפט צו זיין א ביישפיל פאר אנדערע און איצט איז אייער רייהע, זייענדיג א ריכטער דארפט איהר עס צו זיין.

— וואס פאר א ביישפיל פאדערט איהר?

— מיין טויט.

— איהר געפינט איהם פאר ריכטיג?

— און נויטווענדיג.

— זעצט אייך.

דער קאָמיסאַר—אוידיטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און געלעזען, ער־שטענס וועגען דער פעראָרדנונג, וועלכע האָט געשטעלט אויסער געזעץ דעם געוועזענעם מאַרקיז דע לאַנטענאַק; צווייטענס, וועגען דעם דעקרעט פון קאָנווענט, וועלכער בעשטימט טויט־שטראָף געגען יעדען, ווער עס וועט העלפען אַנטלויפען אַ געפאַנגענעם. ער האָט פערענדיגט מיט די עטליכע שורות, וועלכע זענען געווען אָבגעדרוקט אונטער דעם אַפּיש פונ׳ם דעקרעט, אָנזאָגענדיג פערבאָט „צו געבען יעדער הילף” דעם אונטען־בעצייכענטען שטאַטס־פערברעכער „אונטער טויט־שטראָף” און אונטערגעשריבען: ד ע ר ה ו י פ ט ־ ק אָ מ אַ נ ד י ר פ ו ן ד ע ר ע ק ס פ ע ד י צ י אָ נ ס ־ אָ ב ט ײ ל ו נ ג, ג אָ ו ע ן.

איבערלעזענדיג דאָס, האָט זיך דער קאָמיסאַר־אוידיטאָר אַוועקגעזעצט.

סימורדען האָט פערלעגט די הענד אויף דער ברוסט און געזאָגט:

— בעשולדיגטער, זייט אויפמערקזאַם. פובליקום, הערט, זעהט און שווייגט. איהר האָט פאַר אייך דאָס געזעץ. איצט וועט פאָרקומען די אָבשטימונג. דער אורטייל וועט אַרויסגעזאָגט ווערען מיט אַ איינפאַכער מעהרהייט. יעדער ריכטער וועט זיך אַרויסזאָגען נאָך דער רייהע זיין מיינונג מיט אַ הויכער שטימע, אין געגענווארט פונ׳ם בעשולדיגטען, די גערעכטיגקייט האָט גאָרנישט וואָס צו פערהוילען.

סימורדען האָט ווייטער גערעדט:

— דאָס וואָרט געהערט דעם ערשטען ריכטער. רעדט, קאַפּיטאַן געשאַן.

דער קאַפּיטאַן געשאַן האָט אויסגעזעהן, ווי ער זעהט נישט קיינעם, נישט סימורדען, נישט גאָווען. זיינע אַראָבגעלאָזטע אויגענלידער האָבען בעהאַלטען זיינע אונבעוועגליכע אויגען, וועלכע זענען געווען געווענדעט אויף דעם אַפּיש פונ׳ם דעקרעט און אָנקוקענדיג איהם, ווי מען קוקט אין אַ תהום האָט ער געזאָגט:

דאָס געזעץ איז פאָרמעל, אַ ריכטער איז מעהר אָדער ווייניגער אַ מענש; ער איז נאָך ווייניגער ווי אַ מענש! ווייל ער האָט קיין האַרץ נישט; ער איז מעהר ווי אַ מענש, ווייל ער האָט דעם גערעכטיגקייטס־שווערד. אין יאָהר 414 פון דער גרינדונג פון רוים, האָט מאַנליוס פערמשפּט זיין זוהן צום טויט, ווייל ער האָט אָהן זיין בעפעהל מנצח געווען דעם פיינד. די פערגוואַלטיגטע דיסציפּלין האָט געפאָדערט אַ שטראָף. דאָ איז געוואָרען פערגוואַלטיגט דאָס געזעץ; און דאָס געזעץ איז העכער ווי די דיסציפּלין. צוליב אַ רחמנות־געפיהל איז דאָס פאָטערלאַנד געשטעלט אין אַ סכנה. דאָס רחמנות קאָן אָנעהמען די גרויס פון אַ פערברעך. דער קאָמענדאַנט גאָווען האָט אַרויסגעלאָזט לאַנטענאַק׳ן פון דער תפיסה. גאָווען איז שולדיג. איך שטים

אַר טויט-שטראָף.
— שרײַבט, שרײַבער — האָט געזאָגט סימורדען.
דער שרײַבער האָט געשריבען: „קאַפּיטאַן גאָשאַן: טויט".
גאָווען האָט אויפגעהויבען זײַן שטימע:
— גאָשאַן, האָט ער געזאָגט, איהר האָט גוט געשטימט און איך דאַנק
אײַך דערפאַר.
סימורדען האָט ווײַטער געזאָגט:
דאָס וואָרט געהערט דעם צווײטען ריכטער. רעדט, סערזשאַנט ראַדו.
ראַדו האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך אויסגעדרעהט צו גאָווען און
מיליטעריש בעגריסט דעם בעשולדיגטען. דערנאָך האָט ער אויסגערופען:
— אויב ס'איז יאָ אַזוי, טאָ גיליאָטינירט מיך, ווײַל איך שווער אײַך
בײַ גאָט און גיב אײַך מײַן הײליגסט ערענוואָרט, איך וואָלט געוואָלט טאָן
אָס, וואָס ער האָט געטהון מײַן קאָמאַנדיר. ווען איך האָב געזעהען דעם
אַזיגען מענשען פון אַכציג יאָהר, וועלכער האָט זיך געוואָרפען אין פײַער,
כדי צו ראַטעווען די דרײַ ווערימלעך, האָב איך געזאָגט: מענש, דו ביסט
: העלד. און ווען איך וויער געוואָר דאָס מײַן קאָמאַנדיר האָט דאָס געראַ-
טעוועט דעם זקן פון אײַער נאַרישע גיליאָטינע האָב איך צו אַלדע טײַוועל
עזאָגט: מײַן קאָמאַנדיר, איהר בעדאַרפט צו זײַן מײַן גענעראַל, און איהר
ענט דער אמת'ער מענש, און איך, נעהמט עס דער רוח, וואָלט אײַך גע-
עבען דעם קרײַץ פון הײליגען-ליודוויג, ווען עס וואָלט נאָך בײַ אונז גע-
ועזן הײליגע און ליודוויגס! וואָס, צי האַלט מען בײַ אונז איצט צו ווערען
שוטים? וואָס, אָט איז דער קאָמאַנדיר גאָווען, וועלכער האָט אין משך פון
יער חדשים געקלאַפּט די דאָזיגע אײזלען-ראָיאַליסטען, געראַטעוועט די רע-
ובליק מיט דער שווערד אין דער האַנד, האָט אַזאַ נצחון בײַ דאָל, וואו
ען האָט בעדאַרפען נישט ווײניג שכל און איהר, האָבענדיג אָט דעם מענ-
שען, ווילט איהר פון איהם פטור ווערען! און אָנשטאָט איהם צו מאַכען
אַר גענעראַל, ווילט איהר איהם איבערשנײַדען דעם האַלז! און איך זאָג
אײַך, אַז עס נעהמט אָן אַ חשק צו וואַרפען זיך אין וואַסער אַרײַן, און אַז
איהר אַלײן, בירגער גאָווען, מײַן קאָמאַנדיר, ווען אָנשטאָט צו זײַן מײַן גע-
ערנאַל, וואָלט געווען מײַן קאַפּראַל, וואָלט איך אײַך געזאָגט, אַז איהר האָט
אָר וואָס גערעדט שטותים.
דער אַלטער האָט גוט געטהון ראַטעווענדיג די קינדער, און איהר
האָט גוט געטהון, ראַטעווענדיג דעם אַלטען, און ווען מען גיליאָטינירט מענ-
שען פאַר זײערע גוטע מעשים, טאָ זאָל אַלץ געהן צום טײַוועל און איך
ווײס שוין מעהר נישט, אין וואָס עס האַנדעלט זיך.

ניין, דאָס מוז אַלץ זיין אַ חלום. איך פֿערשטעה גאָרנישט. דאָס הייסט, ווייס איך, האָט דער אַלטער בעדאַרפֿען לאָזען לעבעדיג פֿערברענען די קינדער, און מיין קאָמענדאַנט האָט בעדאַרפֿען לאָזען אָבצוהאַקען דעם אַלטען דעם קאָפּ? ניין, בעסער גיליאָטינירט שוין מיך. נאָר בלויז זיך פֿאָרשטעלען, אַז די קינדער וואָלטען געקאָנט אומקומען, וואָלט געווען אַ שאַנד פֿאַר'ן באַטאַליאָן פֿונ'ם רויטען-היטעל. האָט מען דען דאָס געוואָלט? צום טייוועל, מיר ווערען שוין גאָר אינגאַנצען פֿערגרעבט! איך וועל זאָגען בקיצור, מיין מיינונג, איך האָב נישט ליב אַ לאַגע. וואו דער מענש ווערט אַזוי פֿערנאַרט, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער האָט צו טהון, פֿאַרוואָס זיך לאָזען קוילען? אַז מען זאָל אונז קוילען אונזער אָנפֿיהרער? ניין, ניין! ניט אונז צוריק אונזער אָנפֿיהרער! איך מוז צוריק האָבען מיין אָנפֿיהרער. אומברענגען איהם אויף דער גיליאָטינע! ניין, מיר ווילען דאָס אַלץ נישט. עס איז אונמעגליך.

און ראַדו האָט זיך אוועקגעזעצט, זיין וואונד האָט זיך צוריק אויפֿגעעפֿענט. דאָס בלוט, אויסרינענדיג פֿון אונטער דעם באַנדאַזש האָט זיך געקייקעלט פֿון הינטערן אויער אין דער לענג פֿון האַלז.

סימורדען האָט זיך געווענדט צו ראַדו:

— איהר שטימט דערפֿאַר, אַז מען זאָל דעם בעשולדיגטען בעפֿרייען?

— איך שטים דערפֿאַר — האָט געזאָגט ראַדו, — אַז מען זאָל איהם מאַכען פֿאַר אַ גענעראַל.

— איך פֿרעג אייך, צי איהר שטימט דערפֿאַר, אַז ער זאָל בעפֿרייט ווערען?

— איך שטים דערפֿאַר, אַז מען זאָל איהם ערקלערען פֿאַר דעם ערשטען אין דער רעפּובליק.

— סערזשאַנט ראַדו, שטימט איהר דערפֿאַר, אַז דער קאָמענדאַנט גאָווען זאָל בעפֿרייט ווערען, יאָ אָדער ניין?

— איך שטים דערפֿאַר, אַז מען זאָל מיר אָנשטאָט איהם אַראָבהאַקען דעם קאָפּ.

— בעפֿרייאונג, — האָט געזאָגט סימורדען. שרייבט, שרייבער.

דער שרייבער האָט געשריבען: „סערזשאַנט ראַדו: בעפֿרייאונג".

דערנאָך האָט דער שרייבער געזאָגט:

— איין שטימע פֿאַר דעם טויט, איין שטימע פֿאַר דער בעפֿרייאונג. צוטיילט די שטימען.

איצט איז געקומען די רייהע אויף סימורדען צו שטימען.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבען, ער האָט אַראָבגענומען זיין הוט און גע-

לעגט אויפ'ן טיש.

זיין פנים האט געהאט די פארב פון דער ערד.

ווען די אלע, וועלכע האבען זיך דא געפינען וואלטען געלעגען אין תכריכים, וואלט די שטילקייט נישט געוועזען טיפער.

סימורדען האט געזאגט מיט א ערנסטע, לאנגזאמע און פעסטע שטימע:

—בעשולדיגטער גאווען, דער פראצעס איז אויסגעהערט. אין נאמען ין דער רעפובליק, פונ'ם קריגס-געריכט, מיט דער מעהרהייט פון צוויי שטימען געגען איינע...

ער האט אבגעהאקט, ווי ער וואלט מיט זיך געקעמפט; האט ער זיך עווייגערט לפנים דעם טויט? האט ער זיך געווייגערט לפנים דעם לעבען? לע האבען איינגעהאלטען דעם אטעם:

—...זענט איהר פעראורטיילט צום טויט.

זיין פנים האט אויסגעדריקט דעם פיין פון א אונהיימליכען נצחון, א רעקליכער שמייכעל האט בעלויכטען זיין פנים.

עס איז געווען אזוי ווי א בליץ, וועלכער פערשווינדט שנעל. סימור-ען איז צוריק געווארען פון מארמאר, ער האט זיך צוריקגעזעצט, ארויפ-עלעגט זיין הוט אויף זיין קאפ און צוגעגעבען:

—גאווען, איהר וועט מארגען, ביים זונען-אויפגאנג, ווערען הינגעריכטעט.

גאווען האט זיך אויפגעשטעלט, האט געגריסט און געזאגט:

—איך דאנק דאס געריכט.

—פיהרט אוועק דעם פער'משפטען, האט סימורדען בעפוילען.

סימורדען האט געמאכט א צייכען, די טיר פונ'ם געפענגניס האט זיך ריק אויפגעעפענט, גאווען איז אריין, די תפיסה האט זיך פערמאכט. די ווי זשאנדארמען זענען געבליבען מיט נאלע שווערדען ביי דער טיר אויף ר וואך.

מען האט ארויסגעטראגען ראדו, וועלכער איז געפאלען אין חלשות.

IV.

די תפיסה.

דער געריכטס-זאל האט זיך צוריק פערוואנדעלט אין א וואך-שטוב; פאסטען האט מען פערדאפעלט, אזוי ווי עס איז געווען א טאג פריי; צוויי זעלנער זענען געשטאנען ביי דער טיר פון דער פערמאכטער סה.

א קענען האלבער נאכט איז א מענש מיט א לאמטערנע אין דער ד ארורכגעגאנגען די וואך-שטוב, האט זיך געגעבען צו דערקענען און

געהײסען זיך אויפמאכען די תפיסה. דאס איז געווען סימורדען.

ער איז אריין, און די טיר איז געבליבען האלב אפען הינטער איהם.

די תפיסה איז געווען חושכ'דיג און שווייגענדיג. סימורדען האט א טריט געטהון אין דער דאזיגער פינסטערניש, אוועקגעשטעלט די לאמטערנע אויף דער ערד און געבליבען שטעהן. אינ'ם שאטען האט מען געהערט א רעגעלמעסיג אטעמען פון א שלאפענדען מענשען. סימורדען האט זיך א פערטראכטער אהנגעהארכט אין דעם דאזיגען שטילען גערויש.

טיעף אין דער תפיסה איז געלעגען גאווען אויף א בינטעל שטרוי, זיין אטעם האט מען דאס געהערט. ער האט טיעף געשלאפען.

סימורדען האט זיך דערנעהנטערט אויף די שפיץ פינגער, און געקוקט אויף גאווען; א מוטער, וועלכע קוקט אויף איהר איינגעשלאפען זויג־קינד, וואלט נישט געהאט קיין צארטערען און הארציגערען בליק. דערנאך האט ער אנידערגעקניהט, שטיל אויפגעהויבען גאווען'ס האנד און צוגעדריקט אויף איהר זיינע ליפען.

גאווען האט געמאכט א בעוועגונג. ער האט אויפגעעפענט די אויגען מיט א פערשלאפענע פערוואונדערונג פון א פלוצלינגען אויפוועקען. די לאמטערנע האט שוואך בעלויכטען דעם קעלער. ער האט דערקענט סימורדען.

— א—האט ער געזאגט—,דאס זענט איהר, רבי.

און ער האט צוגעגעבען:

— איך האב געחלומט, אז דער טויט האט מיר געקושט די האנד.

סימורדען האט א ציטער געטהון, ווי עס טרעפט זיך אונז אמאל בשעת א כוואליע געדאנקען פליסען פלוצלינג אריין אין קאפ: מאנכעסמאל איז דידאזיגע כוואליע אזא הויכע און שטורמדיגע, אז עס קומט אויס, אז זי וויל פארלעשען די נשמה. פון דער טיפעניש פון גאווענס הארץ האט גארנישט געקאנט ארויס. ער האט נאר געקאנט זאגען: גאווען!

און ביידע האבען זיך אנגעקוקט; סימורדען מיט אויגען פול מיט יענע פלאמען, וועלכע ברענען דורך די טרערען, גאווען מיט זיין זיסען שמייכעל.

גאווען האט זיך אנגעשפארט אויפ'ן עלענבויגען און געזאגט:

— דעם דאזיגען שראם, וואס איך זעה אויף אייער פנים, דאס איז דער שניט מיט דעם שווערד, וואס איהר האט בעקומען צוליב מיר. נעכטען נאך זענט איהר אין מיטען קאמף געשטאנען נעבען מיר און צוליב מיר, ווען די השגחה וואלט אייך נישט געבראכט צו מיין וויגעל, וואו וואלט איך היינט געווען? אינ'ם חושך. ווען איך האב דאס בעוואוסטזיין פון פליכט, קומט דאס פון אייך. איך בין געבוירען געווארען א געבונדענער, די פאר־

אורטײלען זענען ווי שטריק, איהר האט מיך פון זײ בעפרײט, איהר האט מיר ערלויבט פרײ צו וואקסען. דעם גײסטיג פערקריפעלטען האט איהר אײנגעהויכט א געוויסען. אהן אײך וואלט איך געוואקסען פערבלײבענדיג קלײן. איך עקזיסטיר א דאנק אײך. איך בין נאר געוועןן א פריץ, און איהר האט מיך געמאכט פאר א בירגער; איך בין נאר געוועןן א בירגער, און איהר האט מיך געמאכט פאר א דענקענדען מענשען; איהר האט מיך, אלס מענשען, געמאכט פעהיג צום ערדישען לעבען און אלס נשמה, צום הימלישען לעבען. א, מײן רבי, איך דאנק אײך. איהר האט מיך בעשאפען.

סימורדען האט זיך אװעקגעזעצט אויפ'ן שטרוי נעבען גאווען און איהם געזאגט:

— איך בין געקומען עסען מיט אײך צוזאמען אבענד־ברויט.

גאווען האט אפגעבראכען א שטיקעל שווארצען ברויט און עס איהם דערלאנגט. סימורדען האט גענומען א שטיקעל; דערנאך האט גאווען איהם געגעבען די קרוג מיט וואסער.

— טרינק דער ערשטער, האט געזאגט סימורדען.

גאווען האט געטרונקען און איבערגעגעבען דעם קריג סימורדען, וועלכער האט געטרינקען נאך איהם. גאווען האט נאר א שלינק געטהון.

סימורדען האט לאנג געטרונקען. בשעת דעם דאזיגען אבענדמאל, האט גאווען געגעסען און סימורדען געטרונקען, א סימן פון רוהיגקײט פון ערשטען און פון פיבער פון צווײטען.

א שרעקליכע, פרידליכע רוהיגקײט האט געהערשט אין דער תפיסה. דידאזיגע צווײ מענשען האבען געשמועסט.

גאיוען האט געזאגט:

עס גרײט זיך גרויסע געשעהענישען. דאס, וואס די רעוואלוציע מאכט איצט, איז א סוד. הינטער דעם זיכטבארען ווערק געפינט זיך דאס אונזיכטבארע ווערק; אײנס פערשטעלט דאס צווײטע. דאס זיכטבארע ווערק איז שרעקליך, דאס אונזיכטבארע איז ערהאבען. אין דער רגע איז פאר מיר אלץ קלאר. ס'איז מאדנע און שעהן. מען האט זיך בעדארפען בעדינען מיט די מאטעריאלען פון דער פערגאנגענהײט, פון דאנען נעהמט זיך דאס דאזיגע אויסערגעוועהנליכע 93 יאהר. הינטער דעם בארבאריזם בויט זיך די ציוויליזאציע.

יא, האט געענטפערט סימורדען. פון דער צײטווײליגקײט וועט ארויסקומען דאס ענדגילטיגע. דאס ענדגילטיגע, דאס הײסט דאס רעכט און די גלײכע פליכטען, פראפארציאנעלע און פראגרעסיווע שטײערן, אבליגאטארישע מיליטער־פליכט, דאס גלײכשטעלען, בעזײטיגונג פון פריווילעגיעס און

איבער אַלץ און אַלץ, דידאָזיגע גלײַכע ליניע — דאָס געזעץ, די אַבסאָלוטע רעפּובליק.

— איך וואָלט ליבער געוואָלט די אידעאַלע רעפּובליק, האָט געזאָגט גאָווען.

ער האָט איבערגעהאַקט, דערנ ך ווײַטער גערעדט:

אָ, מײַן רבי, אין דעם אַלעם, וואָס איהר האָט ערשט גערעדט, וואו ווערט זײַן דאָס אָרט פֿאַר דער אויפֿאָפּפֿערונג, דעם קרבן, דער ענטזאַגונג, אין דעם העכליכען צוזאַמענפֿלעכטען פֿון סימפּאַטיען, ליבע?

— דו פֿערליערסט דיך אין די וואָלקענס.

— און איהר—אין די אויסרעכנונגען.

סימורדענס שטרענגער שמייכעל האָט זיך אָבגעשטעלט אויף גאָוועגען גלײַך ווי ער וואָלט געוואָלט אויף אַ רגע אָבהאַלטען דאָס שוועבען פֿון זײַן נשמה.

— דאָס איז אַלץ פּאָעזיע. גלויב נישט די פּאָעטען. יאָ, דאָס וואָרט איז מיר בעקאַנט. גלויב נישט דאָס וועהען פֿון ווינד, גלויב נישט די שטראַהלען, גלויב נישט דעם רוזען-דופֿט, גלויב נישט די בלומען, גלויב נישט די שטערן.

— דאָס אַלץ מאַכט נישט זאַט.

— פֿון וואַנען ווייסט איהר? דער געדאַנק איז אויך אַ נאָהרונג; און דענקען הײַסט ערנעהרען זיך.

— דאָס איז אַלץ אַנ'אַבסטראַקציע. די רעפּובליק דאָס איז: צווײַ מאָל צווײַ איז פֿיער, ווען איך גיב יעדערען וואָס איהם קומט...

— בלײַבט אויך נאָך צו געבען איהם דאָס, וואָס עס קומט איהם נישט.

— וואָס מײַנסטו דערמיט?

איך מײַן דאָס גרויסע אָבטרעטען פֿון יעדען לטובת אַלעמען און פֿון אַלעמען לטובת יעדען איינעם, און דאָס איז דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבען.

— אויסער דעם געזעץ עקזיסטירט גאָרנישט.

— ניין, עס עקזיסטירט אַלץ.

— איך זעה נור דעם יושר.

— און איך קוק העכער, איך זעה עפּעס, וואָס שטעהט איבער דעם יושר.

— וואָס איז עס אַזוינס?

— די גלײַכקײַט.

גאָווען האָט גערעדט ווײַטער:

— מײַן געדאַנק איז: שטענדיג פֿאָרווערטס. אויב גאָט וואָלט געוואָלט,

אז דער מענש זאל געהן צוריק, וואלט ער איהם געגעבען אג׳איג הינטער׳ן זאפ. דאס, וואס פאלט, ניט טוט דעם, וואס קומט אויף. דאס קנאקען פון אן׳אלטען בוים איז א רוף צו א נייען בוים. יעדעס יאהר־הונדערט ווערט מאכען זיין זאך, הײנט א בירגערליכע מארגען—א מענשליכע. הײנט די פראגע פון רעכט, מארגען—די פראגע פון לוין.

סימורדען האט געברומט:

— דו געהסט גיך.

— איך האב א ביסעל וועניג צייט—האט געענטפערט גאווען מיט א שמייכעל.

די טיר איז געווען אפען. א מין גערויש האט זיך געהערט פון דרויסען. עס האבען זיך געטראגען די קלאנגען פון א טרומייט, קאלבען האבען געקלאפט אן דער ערד, און דאן — גאנץ נאהענט בײם טורעם — האט זיך געמאכט א בעוועגונג פון ברעטער און סלופעס מיט דומפע, איבערגעהאקטע קלעפ, ווי דאס שלאגען פון האמערס.

סימורדען, א בלייכער, האט זיך צוגעהערט. גאווען האט גארניש געהערט.

זיין פער׳חלומט׳קייט איז געווארען אלץ טיעפער. א שיין פון פריהמארגען, וואס ער האט געהאט אין זיינע אויגען, האט געהאלטען אין וואקסען.

א געוויסע צייט איז אזוי פאריבער. סימורדען האט איהם געפרעגט:

— וועגען וואס קלערסטו?

— וועגען דער צוקונפט—האט געענטפערט גאווען.

ער איז ווידער אריין אין זיין חלום. סימורדען האט זיך אויפגעהויבען פון דעם שטרוי, אויף וועלכען זיי זענען ביידע געזעסען. גאווען האט דאס ניט בעמערקט. סימורדען, ארומנעהמענדיג מיט זיין בליק דעם פערטראכטען יונגען מענש, האט זיך לאנגזאם צוגערוקט צו דער טהיר און איז ארוים. די תפיסה האט זיך פערמאכט.

V.

און דאך געהט־אויף די זון.

דער טאג האט זיך בעוויזען אויפ׳ן האריזאנט. און צוזאמען מיט׳ן טאג האט זיך בעוויזען א מאדנע זאך, אן׳אונבעוועגליכע, אן׳אונבעגרייפליכע, אן׳אונבעקאנטע פאר די פויגלען פון הימעל.

זי איז געמאכט געווארען אין דער נאכט. פון דער ווייטענס, אויפ׳ן האריזאנט איז עס געווען א סילועט, געמאכט פון גראדע הארטע ליניעס,

גלייך ווי א העברעאישער אות אדער א עגיפּטישער היעראָגליף.

מען האט געפּיהלט, אז ס'איז געמאכט געוואָרען דורך מענשען, אזוי איז עס געוועזען מיאוס, לעכערליך און קליין; און ס'איז געוועזען ווערט, אז עס זאָל געבראכט געוואָרען אהער פון גרויסע ושעניעס, אזוי איז עס געוועזען גוואלדיג.

דער העסליכער בנין איז געוועזען — די גיליאָטינע.

געגענעיבער, פון דער צווייטער זייט פון דער נידערונג איז געשטאנען אַן'אַנדער אונגעהויער—די טורם. אַן'אונגעהויער פון שטיינער בעגען אַן'אוני געהויער פון האָלץ. די טורם—דאָס איז געוועזען די מאָנארכיע, די גיליאָטינע —די רעוואָלוציע.

א טראגישע בעגעגנונג.

די טורם האט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט עקזאמינירט די גיליאָטינע.

וואָס איז עס אזוינס?

זי איז ארוים גלייך ווי פון דער ערד. און ס'איז טאַקע געוועזען אזוי.

פון דער פאטאלער ערד האט געשפּראָצט דער פינסטערער בוים. פון דער דאָזיגער ערד, וואָס איז געוועזען בעגאָסען מיט אזוי פיעל שווייס אזוי, פיל טרערען, אזוי פיל בלוט, איז ארוים אין א בעשטימטען טאָג די דאָזיגע אונבעקאנטע, די דאָזיגע נקמה־נעהמערין, די דאָזיגע גרויזאמע מאשין, די שווערד־טרעגערין, און דאָס יאָהר 93 האט געזאָגט דער אלטער וועלט: דאָ בין איך.

און די גיליאָטינע האט געהאט דאָס רעכט צו זאָגען צום טורם: איך בין דיין טאָכטער.

און אין דער זעלבער צייט האט דער טורם געפּיהלט, אז ער ווערט דורך איהם געטויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די פיער טויזענד סאָלדאטען פון דער קליינער עקספּעדיציאָנס־ארמעע זענען געוועזען אויסגעשטעלט אין א קאמפּס־אָרדנונג. זיי האבען ארומגערינגעלט די גיליאָטינע פון דריי זייטען, פון דער פיערטער זייט האט געקוקט די טורם.

דער טאָג איז אויפגעגאנגען הינטער דער טורם און האט אָנגעצינדעט די שווארצע מאסע פון דער פעסטונג, און אויף איהר שפּיץ, אויפ'ן שטוהל פון טריבונאל, אונטער א בינטעל פאָהנען, א מענש, וואָס איז געזעסען, אוני בעווענליך, מיט פערלעגטע הענד.

דער דאָזיגער מענש איז געוועזען סימורדען.

ער האט געשוויגען. אלע האבען געשוויגען. א פינסטערע ערווארטונג האט געקלעמט אלע ברוסטען. מען האט געזעהן אויף דער עסטראדע דעם תליון, וועלכער איז געגאנגען צוהין און אהער. די וואקסענדע קלארהייט פון פריהמארגען האט אויסגעפיהלט מיט ערהאבענקייט דעם הימעל.

פלוצלינג האט מען דערהערט דעם פערטעמפטען קלאנג פון די פויקען, וואס זענען בעדעקט מיט קרעפ. דער טרויריגער דונער האט זיך רערנעהנטערט; די רייהען האבען זיך געעפענט, און א פראצעסיע האט זיך גענומען צו בעוועגען צו דעם עשאפאט.

צום ערשט די שווארצע פויקען, דאן אנ'אבטיילונג גרענאדיערען מיט אראבגעלאזטען געוועהר, דאן זשאנדארמען מיט בלויזע שווערדען, דאן דער פערמשפט'ער—גאוועין.

גאוועין איז געגאנגען פריי. ער האט נישט געהאט קיין שטריק נישט ביי די הענד, נישט ביי די פיס. ער איז געוועזען אין א געוועהנליכען מונדיר; ער האט געהאט זיין שווערד.

הינטער איהם איז געגאנגען א צווייטע אבטיילונג זשאנדארמען.

גאוועין האט נאך געהאט אויף זיין פנים יענע פערטראכטע שמחה, וועלכע האט איהם בעלויכטען, ווען ער האט געזאגט צו סימורדען: איך קלער וועגען דער צוקונפט. ס'איז נישטא קיין זאך, וואס זאל זיין אזוי אונאויסשפרעכליך שען, ווי דער דאזיגער שמייכעל.

אנקומענדיג אויפ'ן טרויריגען ארט האט ער זיין ערשטען בליק געווארפען אויף דעם שפיץ פון טורעם. ער האט געוואוסט, אז סימורדען וועט האלטען פאר זיין פליכט צו זיין אנוועזענד ביי דער עקזעקוציע. ער האט איהם געזוכט מיט זיינע אויגען, ער האט איהם געפונען.

סימורדען איז געוועזען בלאס און קאלט. די, וואס זענען געוועזען נעבען איהם, האבען נישט געהערט זיין אטעם.

גאוועין איז אנגעקומען צום עשאפאט. ער איז ארויפגעשטיגען, ער האט אראבגענומען זיין שווערד און אפגעגעבען איהר אנ'אפיצער, ער האט אויסגעטהון זיין האלזטוך און האט איהם געגעבען דעם תליון.

ער האט אויסגעזעהן ווי א וויזיאן. מען קען זיך נישט פארשטעלען קיין שענערע זאך. זיינע ברוינע האר האט געפלאטערט אינ'ם ווינד. זיין ווייסער האלז האט דערמאהנט אן א פרוי, זיין העלדיש און העריש אויג האט דערמאהנט אן א מלאך. ער איז געוועזען אויפ'ן עשאפאט, א פערחלומ'טער. אויך דער דאזיגער ארט איז א שפיץ... גאוועין איז געשטאנען אויף איהם, הערליך און רוהיג. די זון, ארומנעהמענדיג איהם, האט געשאפען ארום זיין קאפ אנ'ארעאל.

דער תליון איז געקומען מיט א שטריק אין דער האנד.

און אט אין דעם מאמענט, ווען זיי האבען דערזעהען זייער קאפיטאן ווי ער געהט מיט אזא ענטשלאסענקייט אונטער'ן מעסער, האבען די זעלנער זיך מעהר נישט געקאנט איינהאלטען; דאס הארץ פון די מלחמה-לייט האט געפלאצט. מען האט געהערט די גוואלדיגע זאך: דאס שלוכצען פון אנ'ארמעע... א געשריי האט זיך אויפגעהויבען: רחמנות! רחמנות! אייניגע זענען געפאלען אויף די קניע, אנדערע האבען געווארפען זייערע ביקסען און געהויבען די הענד צום טורם, וואו ס'איז געשטאנען סימורדען. אלע האבען שטורמיש גערופען: רחמנות! רחמנות!—און וואלטען דאס געהערט לייבען, וואלטען זיי געוועזען גערירט אדער דערשראקען, וויל די טרערען פון זעלנער זענען שרעקליך.

דער תליון האט זיך אפגעשטעלט נישט וויסענדיג וואס צו טהון.

דאן האט א קורצע און שטילע שטימע, וואס אלע האבען איהר דאך געהערט, אזוי שרעקליך איז זי געווען, געשריגען פון דער הייך פון טורעם:

— ערפיהלט דאס געזעץ!

מען האט דערקענט דעם אונברחמנותדיגען טאן. סימורדען האט גע-זאגט זיין ווארט. די ארמעע איז געווארען דערציטערט.

דער תליון האט זיך מעהר נישט געוואקעלט. ער האט זיך דערנעהנ-טערט, האלטענדיג זיין שטריק.

— ווארט,—האט געזאגט גאווען.

ער האט זיך געווענדט צו סימורדען, האט איהם געמאכט מיט זיין—דערווייליגע פרייער—האנד א געזעגנונגס זשעסט, דאן האט ער זיך געלאזט צונויפבינדען.

אז ער איז געווען געבונדען, האט ער געזאגט צום תליון:

— איך בעט אייך איבער, נאך איין רגע.

און ער האט אויסגעשריהען:

— זאל לעבען די רעפובליק! מען האט איהם געלעגט אויפ'ן ברעט. דער שענער קאפ איז אריין אין דעם נידערטרעכטיגען קאלנער, דער תליון האט שטיל אויפגעהויבען די האר, נאך האט ער א דרוק געטהון אויפ'ן אפאראט. דאס דער דריי-עקיגער חלף האט זיך אפגעריסען, האט זיך גע-נומען גליטשען קיין אונטען, ערשט לאנגזאם, דאן גיך, מען האט דער-הערט דעם שוידערליכען קלאפ...

אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך דערהערט א צוויטער. אויפ'ן קלאפ פון דער האק, האט געענטפערט א שאס פון פיסטאלעט. אין דעם מאמענט,

ווען דער קאפ פון גאוועזן האט זיך אראבגעקייקעלט אינ'ם קויש, האט סי' מורדען זיך אריינגעשאסען א קויל אין הארץ, א שטראם פון בלוט איז ארויס פון זיין מויל, ער איז געפאלען א טויטער.

און די דאזיגע צוויי נשמות, טראגישע שוועסטערס, זענען אויפגעפלויגען צוזאמען,—דער שאטען פון דער איינער געמישט מיט דער קלארקייט פון דער צווייטער.

ענדע.